STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04909

# ODISEYE

Homer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04909-3

D:\YIDDISH\TITLES\9780657049096T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# אָדיסייע

יידישע אוניווערסאל ביבליאָטעק
ליטעראַרישע ליטונג: שלמה שיינבערג

ערשטע סעריע:

# וועלט-ליטעראַטור

יידישע אוניווערסאַל - ביבליאָטעק

1937 ווארשע

# האָמער

# אָדיסייע

פֿון גריכיש: מ. ל. פעטשעניק

מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון שלמה שיינבערג

## דאָס ערשטע בוך

ייִדישע אוניווערסאַל - ביבליאָטעק

וואַרשע 1937

Printed in Poland

Druk. „Grafia", W-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

# אַ ר י י נ פ י ר

נישט קיין גרינטלעכן אַנאַליז. נישט קיין אַלזייטיקע אָפּשאַצונג. בלויז רעפלעקסן. אַנדייטונגען פאַרן יידישן לייענער. און רעדנדיק וועגן יידישן לייענער, זעען מיר פאַר זיך קודם־כּל יענע טויזנטער פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעשפּאַרט פון זייער מאָגערן פאַרדינסט די זעכציקער־גראָשנס און זיך איינגעקויפט אונזערע אויסגאַבן. אַט דער לייענער וועט אפשר אַ וויילע שטיין בלייבן אַ פאַרחידושטער, ווען ער וועט אָנהייבן זיך באַקענען מיט דערדאָזיקער עפּאָפּייע, און פרעגן: צי קאָנען מיר, היינטצייטיקע מענטשן, האָבן אַ שייכות צו די געזאַנגען פון אַלטן גריכנטום? צי קאָנען מיר האָבן האַרץ און געמיט פאַר די פאַסירונגען, ווי וווּנדערלעך זיי זאָלן נישט זיין, פון יענעם לעגענדאַרן העלד אָדיסייאוס, וואָס ליגט אויף אונז פאַרוואָרפן פון קנאַפּע דריי טויזנט יאָר אין אַלטערטום? – מיר, די אַריינגעפּרעסטע מיטן גאַנצן געביין, די אָנגעקנופּטע מיט אַלע חושים אָן לויפנדיקן טאָג פון אונזער פאַרבלוטיקטער ווירקלעכקייט?

וואָס אָבער אַזוינס שטעלט מיט זיך פאָר דידאָזיקע געזאַנגען, אין וואָס ליגט זייער קראַפט, וואָס זיי זענען דורך די יאָרטויזנטער שטיין געבליבן פעלזן־פעסט און הערן נישט אויף אין יעדן דור צו וועקן אונזער געמיט, צו פאַרכאַפּן אונזער פאַנטאַזיע, און דווקא דאָס ניינצענטע יאָרהונדערט, דאָס יאָרהונדערט פון ראַציאָנאַליזם, האָט געגעבן אַזאַ שלל נייע איבערדיכטונגען און פאַרשונגען און קאָמענטאַרן צו האָמערס גייסטיקער ירושה?

כּדי צו ענטפערן אויף דידאָזיקע פראַגן, וועט גענוג זיין אָפּצושיקן דעם לייענער אויף אַ וויילע צו זיין אייגענער קינדהייט. ווי אָפט קערן מיר זיך אום מיט אַנטציקונג צו יענע יאָרן פון אונזער פרילינג, ווען אונזער גאַנצע פסיכישע וועלט איז נאָך געלעגן אין שלימער פון פאַראַנונגען, ווען דאָס קינדישע האַרץ, ווי אַ פעלד ווינטער־צייט אָנגעפּראָפּט מיט זוימען, האָט ערשט געוואַרט אויפן לעבן. ווי גליקלעך וואָלטן מיר געווען צו קענען אויפקלייבן יענע אַלע פאַרשלייערטע חלומות, צאַפּלדיקע פאַרגעפילן, זיסע רעגונגען, נאַאיווע האָפענונגען און פרומען גלויבן, זיך צו שפּיגלען אין זיי און אַזוי אַרום

באַנייען אונזער לעבן. וואָרים האָבן דען יענע פריִע טעג שוין נישט געטראָגן אין זיך דעם גורל פון אונזער גאַנצער צוקונפט?

און וואָס זענען דען האָמערס עפּאָפּייען, דער העכסטער אויסדרוק פון גריכישן מיטאָס, ווי בכלל אַלע גראַנדיעזע פאָלקס-שאַפונגען פון אוראַלטער, אויב נישט אַזאַ אומקערן זיך צו די אורקוואַלן פון דער מענטשלעכער נשמה אין די ערשטע פעריאָדן פון איר אויפברעכן מיט טיטאַנישער קראַפט, כדי מיט פלאַקערדיקן אימפּעט אַרויסצוברענגען דאָס אַלץ, וואָס זי האָט אין משך פון די שטומע יאָרטויזנטער געטראָגן אַקעגן דער מיסטעריע פון וועלט און לעבן.

און ווייל דידאַזיקע ווערק האָבן שוין אין וואָרצל דורך גראַנדיעזע בילדער און געשטאַלטן פאַרקערפּערט די גאַנצע רייכע סקאַלע פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן און מעטאַפיזישן טרוימען, זענען זיי אונז דורך די יאָרהונדערטער נאָכגעגאַנגען, ווי דער ערשטער חלום פון דער קינדהייט, און יעדער דור האָט געזען אין זיי זיין אייגענע וועלט, זיינע אייגענע קאַמפן און אידעאַלן, אָפּגעשפּיגלט, לויטן צייט-גייסט, אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן.

אויב דער תנ"ך האָט געברענגט צום אויסדרוק דעם געוואַלטיקן רעליגיעז-עטישן פּאַטאָס פון דער אויפגעוואַכטער מענטשלעכער נשמה, האָבן די האָמער-שאַפונגען אָפּגעשפּיגלט דעם וווּנדערבאַרן שפּיל אין אַלע זיינע פילקאָלירישע שאַטירונגען פון מענטשס פיזישן לעבן און זיין קלאַמערהאַפטן צוגעבונדן זיין צו דער ערד.

איבערביידע אַנטפּלעקונגען פון מענטשלעכן זשעני רוט אָבער דער זעלבער מילדער הימל פון דער עפּיק, יענער ברייטער בליק, פאַר וועלכן עס גילטן נישט קיין העלדן און קאַרליקעס, קיין גרויסע און קליינע געשעענישן, וועלכער קוקט אויף אַלץ מיט דער זעלבער אָביעקטיווער פאַרגאַפונג און נאַיִווער פשטות. די מעשה פון יהודה מיט תמרן ווערט אין תנ"ך דערציילט מיט דער זעלבער אויספירלעכקייט, ווי דער גראַנדיעזער אַקט פון מתן-תורה. אָדיסייאוסעס חזירים-פּאַסטוך איז פּונקט אַזוי געטלעך, ווי זיין באַלעבאָס. האָמערס אויג הענגט איבער אונז, ווי דאָס אויג פון דער זון, וואָס נעמט אַרום דאָס ווערעמל אויפן בלאַט, ווי די אומענדלעכע ברוסט פון ים, און צינדט אָן איר רעגנבויגן אין איינצלנעם וואַסער-טראָפּן, ווי אין אויסגעשפּאַנטן אָרעם פון האָריזאָנט.

מיר האָבן אין לויף פון די יאָרטויזנטער פאַרלוירן אונזער אוממיטלבאַר געפיל, מיר זענען געוואָרן צו קלוג, אונזערע חושים — צו ראַפינירט. די וועלט מיט אירע דערשיינונגען פאַלט איבער אונזער געמיט שוין נישט מיט דער פּריש-

קייט פון אַ שלאַקס־רעגן איבער פרילינגדיק־צעעפנטער ערד. דערפאַר טאַקע ווירקן אויף אונז דידאַזיקע ווערק מיט אַזאַ מאַכט — ווייל זיי לייטערן אונז אין שמעלץ־אויוון פון אורפרימיטיוו, ווייל זיי גיבן אונז צוריק די קינדהייט פון דער מענטשהייט, ווייל זיי פירן צוריק אונזערע חושים צו זייער תמימותדיקער לויטערקייט.

די „אָדיסייע" איז איינע פון די צוויי עפּאָפּייען, וואָס בילדן די גרונטזיילן פון דער גריכישער ליטעראַטור און האָבן געהאַט אַ ריזיקע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער שפּעטערדיקער וועלט־ליטעראַטור, אַרייַנגערעכנט אויך אונזער אגדה מיט אירע פאַנטאַסטישע וווּנדער־מעשיות.

איר פאַבולע לאָזט זיך דערציילן בקיצור.

נאָכדעם ווי די גריכישע העלדן האָבן דעראָבערט טראָיע, קערן זיי זיך אום אַהיים. אָדיסייאוס, דער קעניג פון קעפאַלעניע, דער גרויסער העלד און חכם, איז פאַרבענקט נאָך זיין געליבטער הויפּט־שטאָט איטאַקאַ, נאָך זיין ווייב פּענעלאָפּייע און זון טעלעמאַכאָס. אויך ער נעמט צונויף זיינע מענטשן און לאָזט זיך צוריק אין זיין היים־וועג. אָבער האַרט איז דער גורל צו אים. ער ווערט פאַרוואָרפן איבער ווייטע ימים און מוז דורכמאַכן אַ לאַנגע שווערע רייזע, פול מיט געפאַרן און אויסטערלישע פּאַסירונגען.

די ערשטע פיר געזאַנגען שילדערן אַ געטער־אסיפה, אויף וועלכער עס קומט פאָר אַ באַראַטונג וועגן גורל פון אָדיסייאוסן. און דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז די געטער זענען נישט אייניק צווישן זיך אין זייערע מיינונגען. עס רוקן זיך אַרויס צוויי פּאַרטייען. דער גאָט פון די ימים, פּאָזיידאָן, איז פול מיט צאָרן אויף אָדיסייאוסן. ער צעמישט זיינע וועגן, רינגלט אים אַרום מיט שטורעם, גרייט צו פאַר אים די שווערסטע שטרויכלונגען און לאָזט אים נישט געפינען דעם וועג אַהיים. פאַרקערט — די איידעלע געטין פּאַלאַס־אַטענע איז זיין באַשיצערין. זי איז פול מיט רחמים און צערטלעכקייט צום אים. זי גורט אָן מיט מוט און גלויבן זיין זון טעלעמאַכאָס און באַוועגט אים זיך אַרויסצולאָזן זוכן דעם פאָטער.

דערווייל פאַרברענגט אָדיטייאוס אויף אַן אינזל ביי דער וואַלד־געטין קאַליפּסאָ. ער איז דאָרט געפאַנגען. די געטין איז אין אים פאַרליבט. זי קאָן זיך מיט אים נישט שיידן און אָפּלאָזן אַהיים. נאָך לאַנגע ראַנגלענישן געלינגט אים פאָרט פון איר זיך צו באַפרייען, און דאָ ווערט אין זעקסטן געזאַנג דערציילט, ווי אַזוי ער ליידט פון אַ ווילדן שטורעם און ווערט אַרויסגעוואָרפן

אויף די ברעגן פון לאַנד פון די פּאַיעקן, ווו עס הערשט דער קעניג אַלקינאָיאָס. אָדיסײאוס באַגעגנט דעם קעניגס טאָכטער. זי ברענגט אים אין הויף אַרײַן פון איר פאָטער, דעם גרויסן מכניס־אורח, וועלכער נעמט אים אויף מיט כבוד און ליבשאַפט. דער קעניג איז פאַראינטערעסירט מיט אָדיסײאוסעס גורל, און אָדיסײאוס דערציילט אים זײַנע וווּנדערלעכע רייזע־פּאַסירונגען: ווי אַזוי ער האָט אין לאַנד פון די ציקלאָפּן געקעמפט מיט אַן איינאויגיקן ריז, אַ שרעקלעכן רשע, און אים בײַגעקומען, ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט פון די מוראדיקע ים־געטינס, די סירענעס, וואָס איינע פון זיי האָט זײַנע חברים פאַרוואַנדלט אין חזירים.

דער קעניג אַלקינאָיאָס איז לײַטזעליק צו אָדיסײאוסן. ער שטאַט אויס אַ שיף מיט כל־טוב, מיט אַ סך מתנות, באַזעצט זי מיט זײַן מאַנשאַפט און פירט אָפּ אַהיים אָדיסײאוסן.

דאָרט וואַרט אויף אים זײַן געליבטע פרוי פּענעלאָפּײע, וואָס איז דורך די לאַנגע יאָרן אים טרײַ געבליבן, פאַרברענגענדיק אירע טעג אין אַנגסטלעכן בענקען. דער פּאַלאַץ איז פול געווען מיט די אָנגעזעענסטע חתנים, וואָס האָבן פאַרשווענדט דעם קעניגס האָב און גוטס און זי פאַרפאָלגט מיט זייער שדכענען זיך. זי אָבער איז געבליבן פעסט און דעם קעניג נישט פאַרראַטן.

אָדיסײאוס באַגעגנט זיך מיט זײַן זון טעלעמאַכאָס, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בעטלער, הרגעט אויס ביז איינעם אַלע חתנים און געווינט צוריק זײַן געליבטע פרוי צוזאַמען מיט דער הייס־אויסגעבענקטער איטאַקאַ.

רעאַליזם און פאַנטאַסטיק. צוויי שטראָמען, וואָס לויפן צוזאַמען און גיסן זיך צונויף, ווי אַ מוזיקאַלישער אַקאָרד, אין וועלכן עס לאָזט זיך נישט אָפּטיילן איין טאָן פון צווייטן. די רעאַלע זײַט גיט אונז די פּלאַסטישע רעסטאַווראַציע פון אַ פאַרשווומענער וועלט מיט איר גאַנצן לעבנס־שטייגער, די פאַנטאַסטישע זײַט פירט אונז אַרײַן אין איראַציאָנעלן פילן און דענקען פון פרימיטיוון מענטש. איר עלעמענט איז אײַנגעוועבט ווי אַ זילבערנער פאָדעם אין רײַכן טעפּיך פון דער גאַנצער שפּעטערדיקער וועלט־ליטעראַטור – ביז דער וווּנדער־רייזע פון מאָריס מעטערלינקס קינדערלעך טילטל און מיטל אין זייער בענקשאַפט נאָכן בלויען פויגל – ביז אונזער ר׳ נחמן בראַסלאַווערס מעשהלעך. דער אוראינסטינקט פון דער מענטשהייט איז, ווי דער חוש־הריח פון יאַג־הינט, פאָרגעלאָפן דעם וועג דער וויסנשאַפט און איר אָנגעוויזן די שפּורן, אין וועלכע זי

וועט דאַרפן גיין. צי זעען מיר נישט די אָפּשפּיגלונג פון היינטיקן כעמיקער, וואָס שטורעמט די טויערן פון אַטאָם, כדי צו באַפרייען זיין ענערגיע און זיך דער־גראָבן צו די סודות פון פאַרוואַנדלען איין סובסטאַנץ אין דער צווייטער, — צי זעען מיר נישט אָט די אָפּשפּיגלונג אין דער אַלעגאָריע פון יענער געטין, וועלכע פאַרוואַנדלט מענטשן אין חזירים און קאָן זיי בלויז דורך דער באַרירונג פון איר סצעפּטער צוריק פאַרמענטשלעכן? און צי איז די שילדערונג פון דער מדינה, ווו „נישט געאַקערט און געזייעט — באַבלימט זיך די ערד דאָך מיט ווייץ און גערשטן, און עס שווערן אַראָפּ דאָרט די צווייגן מיט זאַפטיקע ווײַנען״ — צי איז אָט די שילדערונג נישט אַן אָנדייטונג אויפן אויסבליק פון דער מענטשהייט, ווען זי וועט זיך דערגרונטעווען צו די סודות פון דער נאַטור און זיך באַפרייען פון דער אייביקער קללה, וואָס הענגט איבער איר, פון דעם: „בזיעת אפּיך תאכל לחם״...

דאָס, וואָס פאַר אָדיסייאוסן איז איטאַקאַ, זיין אויסגעבענקט היימלאַנד, פאַר וועלכן עס זענען נישט טייער קיין שום קרבנות, פאַר וועלכן עס ווערן ביים העלד געבוירן איבערמענטשלעכע כוחות, אַ געפּאַנצערטער ווילן, וואָס שטעלט זיך אַקעגן אפילו פּאָזיידאָנען, דעם גאָט פון די ימים, און פירט אים זיגרייך דורך אַלע געפאַרן, — דאָס זענען פאַר אונז אונזערע אידעאַלן, אונזע־רע קאַמפן פאַר דער דערגרייכונג פון אונזער איטאַקאַ...

האָמערס „אָדיסייע״ באַצייכענען אַ סך ליטעראַטור־פאָרשער אַלס אַן אַוואַנטוריסטישן רייזע־ראָמאַן, — יאָ טאַקע: אַן אַוואַנטוריסטישער רייזע־ראָמאַן, וואָס האָט אָבער באַוויזן דורך וווּנדערלעכע אַלעגאָריעס אַריינצווועבן אין זיינע פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען די עלעמענטן פון אונזער גייסטיקן קאַמף, דעם גאַנצן פאַרצווייפלטן, טראַגישן געראַנגל פאַר דער דעראָבערונג פון די פאַרבאָרגענע נאַטור־כוחות. וואָרים וואָס איז דען אונזער גאַנצע קולטור־געשיכטע, אויב נישט אַזאַ אַוואַנטוריסטישער רייזע־ראָמאַן אין דער צייט, אַ רייזע־ראָמאַן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט יענעם מאָמענט, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל אויפגע־ראַצט די ערד מיט אַ פאַרשפּיצטן פלאָקן און אַריינגעלייגט דאָס ערשטע קערנדל, — ביז אונזערע לעצטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, — ביזן שטאָלצן חלום, מיט וועלכן אַ מאָדערנער אינטעלעקטואַליסט פאַרענדיקט זיין וועלט־געשיכטע וועגן דער צוקונפט פון מענטש, וואָס וועט דעראָבערן די שטערן...

•

מעגלעך, אַז דעם יידישן לייענער וועט לכתחילה שווער זיין זיך איינצולעבן אין דער אַטמאָספער פון דער אָדיסייע, — מיר האָבן איין עצה פאַר אים: לייענען, לייענען און לייענען, און דידאַזיקע עפּאָפּייע וועט ביסלעכווייז אָנהייבן ווירקן אויף אים, ווי מוזיק, וואָס האָט אינגאַנצן נישט קיין ווערטער, וואָס ווייסט אָבער דעם סוד, ווי אַזוי אַריינצודרינגען אין דער מענטשלעכער נשמה און אויפוועקן אין איר אַלע פאַרבאָרגענע אָדער איינגעשלאָפענע שיינקייטן.

אָט אַזוי גייסטו אַמאָל, ליבער לייענער, פאַרזונקען אין דיינע גרויע טאָגטעגלעכע דאגות, און פון ערגעץ-ווו שווימען אָן טענער פון אַ צופעליקן אָרקעסטער, — צי דאָס זענען די שווערע, פייערלעכע קלאַנגען פון באַכס אַ קאַנטאַטע, צי דאָס זענען די טיפע טרויערפולע אַקאָרדן פון שאָפּענען, וואָס פירן דיך אַוועק אין ערגעץ געהיימע לאַבירינטן, — אָבער די אָפּגעשיילטע ווענט פון דער אָרימער גאַס, דער בעטלער אויפן ראַג, דער אָנגעכמורעטער פּאָליציאַנט ביי דער זייט פון וועג, דער פאַרבלאָנזשעטער האַלב-טויטער בוים אין סקווער — אַלץ טוט זיך אָן אין יום-טובדיקער מילדקייט און רופט אַרויס אין דיין געמיט אַ פריידיקע איבערלעבונג.

דער זעלבער כוח ליגט אין האָמערס וווּנדערפולע העקזאַמעטערן. דער עיקר - ל יי ע נ ע ן! און כסדר געדענקען אָן קלוגן שפּרוך פון נאָרווידן, — ער זאָגט:

„ווער עס וויל פון אַ קאַראַפקע טרינקען, דער קאָן איר האַלז אַרומקלאַמערן און צום מויל זי דערטראָגן; ווער אָבער עס וויל וואַסער פון פרישן קוואַל טרינקען, דער מוז קניִען און דעם נאַקן בייגן"...

•

מיט קנאַפּע דריי יאָרצענטליק צוריק איז אין אונזער ליטעראַטור געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג: איבערטראָגן אַלע וואָרט-אוצרות אין אונזער יידיש לשון. דערדאָזיקער לאָזונג האָט געגעבן אַ סך זאַפטיקע פירות אין לויף פון די יאָרן און געקרוינט געוואָרן דורך דער איידעלער אַרבעט פון איינעם פון אונזערע גרעסטע דיכטער-מייסטער, דעם פאַרשטאָרבענעם יהואש אין זיין תנ"ך-איבערזעצונג. נישט איינמאָל איז אויפגעשווומען די פראַגע: צי אַרבעטן מיר

מיט אַ פּלאַן, מיט אַ סדר, מיט סיסטעמאַטישקייט? און באַלד איז געקומען דער
ענטפֿער: צו דעם וואָלטן נייטיק געווען מלוכה־פֿאָנדן, סובסידיעס, מעצענאַטן.
אָבער די אַרבעט איז דערווײַל געגאַנגען פֿאָרויס, און פֿון אַלע זײַטן, ווו מיר
האָבן נאָר מיט אַ פֿוס אָנגעשפּאַרט, ווערן כּסדר דורך דער אָנשטרענגונג פֿו
יחידים צונויפֿגעטראָגן די מאַרמאָר־בלאָקן פֿאַר די פֿונדאַמענטן פֿון אונזער או
ניווערסאַלן ליטעראַטור־בנין. ווי די מוראַשקע, וואָס שלעפּט דאָס קערנדל פֿאַר
איר מוראַשניק, און דער מוראַשניק וואַקסט, כאָטש זי האָט נישט קיין געצייכנטן
פּלאַן פֿון אים, ווײַל דער פּלאַן — דאָס איז איר אינסטינקט, אַזוי טראָגן מיר
אויך אונזער פּלאַן אין אונזער אינסטינקט, דעם אינסטינקט פֿון די ברייטע יידי־
שע פֿאָלקס־מאַסן אין זייער דראַנג נאָך וויסן, נאָך בילדונג, נאָך דער דעראָבע־
רונג פֿון אַלע קולטור־אוצרות, וואָס זענען ביז איצט פֿאַר זיי פֿאַרשלאָסן געווען.

און רעדנדיק וועגן דער אָנשטרענגונג פֿון יחידים, לאָמיר דערמאָנען דעם נאָ־
מען מ. ל. פּעטשעניק, דעם פּיאָנער־איבערזעצער פֿון האָמערס אָדיסייע. — פֿאַר
דעם געוואָגטן פֿאַרמעסט, פֿאַר דער מיפֿולער אָנשטרענגונג צוצובריינגען און פֿאַר־
אַנקערן בײַ אונזערע ברעגן איינע פֿון האָמערס צוויבער־שיפֿן — יישר כּוח!

שלמה שיינבערג

# באַמערקונגען פון איבערזעצער

די ריזיקע ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן לגבי האָמערן און זיינע ווערק, האָט אין תוך גענומען נאָך ווייט נישט דערלאַנגט צום עיקר-שורש ווי אַזוי, ווען און פונוואַנען זענען די געוואַלטיקסטע פון אַלע עפּישע ווערק אין דער וועלט-ליטעראַטור צו אונז דערגאַנגען. די אַלע פלומרשטע דאָגמעס פון געלערנטע, וויסנשאַפטלער, פאַך-לייט, אַרכעאָלאָגן, הומאַניסטן, פילאָלאָגן און מפורשים, וואָס יעדער פון זיי איז אונז באַזונדער מבטיח, אַז „עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק", אַז האָמער האָט געלעבט אין דער אָדער אין יענער צייט; אַז ער האָט יאָ געקענט צי נישט געקענט שרייבן; אַז ער איז באמת געווען אַ בלינדער ראַפּסאָדיסט אָדער זעעוו-דיקער מנגן וכדומה — איז מער אויסגעזויגענע פון פינגער וויסנשאַפט איידער אמתדיקע סטודיע. ווייל זינט דריי טויזנט יאָר איז מען „בכל דור ודור" זיך נוהג צו נייע האָמער-אַנטפּלעקונגען, גריבלערייען, חלוקי-דעותן, מוח-אַרבעט, חקירה, פּלפּולעריי. פון דעם שווערן, מבול טינט אָבער קאָן מען צום באַדויערן ביז אויפן היינטיקן טאָג צו קיין אמתן טאָלק נישט דערגיין.

און הגם מיר ווייסן, אַז אויך פאַרן יידישן לייענער וואָלט געווען וויכטיק צו געבן כאָטש אַ מיעוט פון די קאָמענטאַרן צו האָמערס „אָדיסייע", מוזן אפשר מיר זיך דערווייל באַנוגעגן בלויז מיט עטלעכע באַמערקונגען, וואָס וועלן העלפן דעם לעזער זיך פונאַנדערקלויבן אין דער אַקציע פון דער גרויסער עפּאָפּייע.

—

די גאַנצע „אָדיסייע" כאַפּט אַרום אַ פערציק-טעגיקע האַנדלונג. אינדער-אמתן אָבער פאַסירן די אַלע געשעענישן נישט מער ווי פופצן טעג, מחמת פיראונצוואָנציק פון זיי זענען נאַקעטע בלייזן, אָן באַזונדערע אַוואַנטורעס; פיר טעג נעמט דער געבוי פון דער טראַטווע; צוואָנציק — די נסיעה פון

דעם אינזל קאַליפּסאָ צו די פֿאַיעקן און דער לעצטער טאָג, ווען ער ווײַלט אין שעריאַ.

1-שטער טאָג. — אינוואָקאַציע. — געטער-אסיפה. — פּאַלאַס-אַטענע בײַ טעלעמאַכאָסן אין איטאַקאַ. — פּענעלאָפּײַאַ בײַ די חתנים און טעלעמאַכאָסעס געקריג מיט די אָנבײַטער.

2-טער טאָג. — פֿאָלקס-אסיפה אין איטאַקאַ. — אַטענע פֿאַרזאָרגט אַ שיף מיט מכשירים. — טעלעמאַכאָסעס אָפּשיף אין בין-השמשות.

3-טער טאָג. — טעלעמאַכאָס פֿאַרפֿאָרט אין פּילאָס. — נעסטאָרס לאַנגע דערציילונג פֿון די אַהיימגעקומענע טראָיאַנישע גבורים. — נאַכט.

4-טער טאָג. — טעלעמאַכאָסעס נסיעה מיט פּײַזיסטראַטאָסן אין פֿעריי. — נאַכט.

5-טער טאָג. — טעלעמאַכאָס מיט פּײַזיסטראַטאָס בן נעסטאָר ציִען פֿון פֿעריי אין ספּאַרטאַ. — דער קבלת-פּנים בײַ מענעלייאָסן.

6-טער טאָג. — בײַ מענעלייאָסן. — אָרגיעס אין אָדיסייאוסעס היכל. — הכנות אומצוברענגען טעלעמאַכאָסן. — פּענעלאָפּײַאַ דערוויסט זיך פֿון טעלעמאַכאָסעס אָפּפֿאָר.

7-טער טאָג. — ווידער אַ געטער-אסיפה. — די געטער שיקן הערמעסן צו קאַליפּסאָ. — הערמעס בײַ דער נימפֿע. — איר באַשלוס.

8, 9, 10 און 11-טער טאָג. — דער געבוי פֿון דער טראַטווע מיט דער הילף פֿון דער נימפֿע קאַליפּסאָ.

פֿון 12—28-סטער טאָג. — אָדיסייאוסעס אָפּשיף פֿון אָגיגיאַ, אַ זיבעצן-טעגיקע, גליקלעכע נסיעה.

פֿון 29—31-סטער טאָג. — שיפֿס-אומגליק בײַ די שעריאישע ברעגעס. — צוויי-טאָגיקע וואָגלענישן איבער פֿאַרבלאָנזשעטע ימים. — לאַנדונג אין שעריאַ. — געלעגער צווישן קוסטעס. —

32-סטער טאָג. — נאַוזיקייאַ פֿאָרט מיט די וועשינס צום טײַך. — באַל-גע-שפּיל. — אָדיסייאוס וועקט זיך איבער. — זײַן צונויפֿטרעף מיט נאַוזיקייאַ. — אָדיסייאוסעס אָנקום צו די פֿאַיעקן.

33-סטער טאָג. — פֿאַיעקאַנישע פֿאָלקס-אײַנזאַמלונג. — זייער באַשלוס אָדי-סייאוסן אָפּצושיקן אין איטאַקאַ. — שיפֿס-הכנות. — קאַמף-שפּילן. — מתנות. — אָדיסייאוס דערציילט פֿון זײַנע פּאַסירונגען ביזן גרויען טאָג אַרײַן.

34-סטער טאָג. — די מתנות ווערן פֿאַרלאָדן. — קרבנות און די רײַכע

סעודה פון די פּאַיעקן אין אַלקינאָיאָסעס היכל. — אָדיסייאוס געזעגנט זיך מיטן מלך און דער מלכּה. — בין-השמשות. — אָדיסייאוסעס טיפער שלאָף בעת דער נסיעה.

35-סטער טאָג. — די פּאַיעקן לאַנדן אין איטאַקאַ באַלד באַגינען. — דעם שלאָפנדיקן אָדיסייאוס לייגן זיי אַוועק ביים ים-ברעג אינאיינעם מיט די מתּנות. — פּאַלאַס-אַטענע באַווייזט זיך פאַרן גבור. — זייער טענה. — אָדיסייאוס באַהאַלט די מתּנות. — זיין באַראַטן זיך ווי אַזוי צו נעמען נקמה אָן די חתנים. — אָדיסייאוס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַלטן בעטלער. — אָדיסייאוס אינם געצעלט פון זיין חזירים-פּאַסטוך אייומייאָס. — נאַכט. — אַטענע ביי טעלעמאַכאָסן אין ספּאַרטאַ. — זי טרייבט אים אַהיים. — זיין אָנקום און איבערנעכטיקן אין פעריי.

36-סטער טאָג. — דער המשך פון טעלעמאַכאָסעס נסיעה. — אָדיסייאוס ביי אייאומייאָסן.

37-סטער טאָג. — באַגינען קומט טעלעמאַכאָס אין איטאַקאַ. — זיין באַוויזן זיך פאַרן געטרייען חזירים-פּאַסטוך. — זיין צונויפטרעף מיטן פאָטער. — באַקענונג פון פאָטער צום זון. — זייער נקמה-אָפּשמועס.

38-סטער טאָג. — באַגינען פעדערט זיך טעלעמאַכאָס צו די חתנים. — נאָך אים קומט אויך אַהינצו אָדיסייאוס מיט אייאומייאָסן. — דער צונויפטרעף מיט מעלאַנטיאָסן. — דער הונט אַרגאָס. — דער צונויפטרעף מיט די חתנים. — אָדיסייאוסעס קאַמף מיטן בעטלער איראָס. — זיין שמועס מיט פּענעלאָפּייאַ. — ווי אַזוי אייוריקלייאַ דערקענט אים. — די מלכּה באַשליסט דעם געוועט-קאַמף.

39-סטער טאָג. — נקמה-הכנות. — געוועט-שפּיל פון פייל-און בויגן-קאַמף. — אָדיסייאוסעס נצחון און זיין הריגה איבער אַלע חתנים מיט דער אויסהילף פון פּאַלאַס-אַטענע, טעלעמאַכאָסן און אייאומייאָסן מיט פילויטיאָסן. — אָדיסייאוס באַקענט זיך צו פּענעלאָפּייאַ. — קאַראַהאָד.

40-סטער טאָג. — אָדיסייאוס גייט צו לאַערטעסן. — באַקענונג. — מלחמה מיט די קרובים פון די חתנים. — מחילה.

# אָדיסייע

# דאָם ערשטע געזאַנג

געטער־אסיפה. אַטענע צעוואַרעמט
דעם חשק פון טעלעמאַכאָס.

אָ מוזע! באַזינג מיר די מעשים פון פאַרוואָגלטן גבר, וואָס
נאָך די חרבנות פון דער הייליקער טראָיע האָט ער אַזויפיל
געבלאָנזשעט! מנהגים פון לייטן און שטעט האָט ער מיט געניטשאַפט
באַקענט זיך; מיט נסיונות האָט דער ים זיין נשמה געפייניקט,
ווייל צום היימלאַנד האָט באַגערט ער צו ראַטעווען זיך און חברים.
נייערט צוליב זייערע אייגענע מעשים־תעתועים האָט
אים זיך נישט איינגעגעבן מציל צו זיין די חברים, ווייל אָן
רחמנות האָבן די שוטים געשאָכטן די הייליקסטע סטאַדעס
פון העליאָס בן היפעריאָן, וועלכער האָט דעם היימוועג געטון זיי
פאַרשטערן! — — בכן: אַנטפלעק אויך עפּעס פון זיי אונז, אָ טאָכטער פון
דזעאוס!
געצויגן אַהיים האָט דער גאַנצער יתר־הפליטה, וואָס
דער גורל האָט מציל געווען זיי פון שווערע מלחמות אויף ים
און יבשה. און נייערט אים אַליין, — וועמעס האַרץ געגאַרט האָט צום
ווייב און צום היימלאַנד, — האָט דווקא אין איר טיפער הייל באַצוואונגען די
אייבערשטע נימפע קאַליפסאָ און געוואָלט מיט אים זיך אַנטשפּויזן!
און ווען אַפילו דער גאַנג פון מזלות האָט מיט ישועות פון
געטער געטון זיך געגענען, אַז ער זאָל בשלום אומקערן
אַהיים זיך, — האָט ער אָבער אויכעט אין איטאַקאַ געמוזטביישטיין
אַ שווערע מלחמה, — הגם אַלע געטער האָבן באַשירעמט
דעם העלד אָדיסייאוס, חוץ דעם איינגעשפּאַרטן פּאָזיידאָן, וועלכער
האָט אונטערוועגס ביז אויף דער שוועל פונם היימלאַנד געטון אים שטראָפירן!
אָבער געשען איז, ווען גראָד צו די אייטיאָפּן האָט פּאָזיידאָן

געגידערט; צו די טונקעלע אייטיאָפּן, וועלכע האָבן ביים
ראַנד פון זריחה און שקיעה אין צוויי מחנות געטון זיך
באַהויזן בכדי מקבל צו זיין זייערע העקאַטאָמבן
פון ביקעס און ציקלעך מיט זאַטיקן נחת, — האָבן דערווייל
אינם ווייטן אָלימפּאָס די איבעריקע געטער אַרום דזעאוס
געטון זיך פאַרזאַמלען. און באַלד האָט טאַקע דער פאָטער פון מענטשן
און געטער געטון זיך דערמאָנען אָן דער שווערער הריגה פון
גרויסן עגיסטאָס, וועמען אָרעסטעס בן אַגאַמעמנאָן געטון
האָט פאַרציקן. דערמאָנט זיך, און צו פאַר אַלע געטער צעשאַלט זיך:
„אַך! זעט, זעט: אויף להכעיס אַלע געטער האָבן איינגעשפּאַרט זיך
די מענטשן, אַז אַלדאָס־בייז קומט אַרויס פון די הימלען. דעריבער
קירעווען די שוטים אַליין מיט גורלות און פאַרטיליקן
איינער דעם צווייטן! — און נון האָט עגיסטאָס, להכעיס דעם גורל
באַשלאָפן דאָס ווייב פון האַר אַגאַמעמנאָן, און בעת יענער האָט
מיט נצחון אומגעקערט אַהיימצו, האָט ער אים בערמה
פאַרטיליקט! אָ, צי האָט דען אונזער שטראַליקער הערמעס, דער טייטער
פון אַרגאָס, נישט מתרה געווען דעם ווילדן רוצח, אַז ער
זאָל זיך צו איר נישט באַהעפטן און אים נישט פאַרציקן —
ווייל קוים וועט
אָרעסטעס צום מאַנסביל דערוואַקסן און אַהיים זיך פאַרבענקען, וועט
ער אים פאַר זיין פאָטערס דמים מיט האַרבער נקמה באַצאָלן? —
אָט אַזוי האָט אים הערמעס געוואָרנט, און ווייל זיין התראה האָט
ווידערגעשפּעניקט עגיסטאָס, — איז מיטאַמאָל זיין שטראָפירונג
געקומען!"
האָט זיין שטראַליקע טאָכטער דערויף אים געענטפערט:
„אָ, פאָטער קראָניאָן, געוועלטיקער איבער אַלע מלכים!
גוט אַזוי! הלוואי זאָל איטלעכער פאַר זיינע עוונות ווערן
געניזקט! מיר אָבער ווערט דאָס האַרץ אינם בוזעם צעשניטן, פאַרוואָס
אָדיסייאוס, דער קלוגער בן־עוני, וועלכער ברענט אַזוי נאָך זיין
היימלאַנד, איז ערגעץ־וואו אויף אַן אינזל געוואָרן פאַרוואָרפן. —
אָ, אין אַ הייל פון יענעם ווילד־באַוואַקסענעם אינזל נעסטלט די
שרעקלעכע נימפע בת־אַטלאַס; די טאָכטער פון ביטערן משחית,

וואָס איינגעקלעמערט אין זיין דלאָניע האַלט ער מיט גבורה די זייל
פון די וועלטן, ביי וואָס עס שפּאַרן זיך אונטער אויף ערדן די הימלען!
אַט אין יענער הייל האָט בת־אַטלאַס געטון דעם פרעמדן פאַרשפּאַרן,
און מיט פאַרכישופטער חניפה זי טוט אים בעל־כּרחו באַצווינגען,
אַז ער זאָל אָן איטאַקאַ פאַרגעסן! אָדיסייאוס אָבער, וואָס
גאַרט אַזוי נאָך זיין היימלאַנד, — וויל כאָטש פונוויטנס נאָך איינמאָל
דעם רויך
פון איטאַקאַ דערשמעקן, און דאַן ערשט צו שטאַרבן! — דעריבער: וואו
איז דיין האַרץ מלא־רחמים, אָ דערבאַרעמדיקער גאָט פון וויטן
אָלימפּאָס? צי האָט אַ קנאַפּן קרבן־תודה דיר מקריב געווען
אָדיסייאוס ביי די אַרגיווישע שיפן, אינם פאַרוואָרפענעם
טראָיאַ, וואָס דו צאָרנסט אויף אים אַזוי ביטער, אָ דזעאוס?!"
האָט דער
בליצשטראַליקער קראָניאָן דערויף איר געענטפערט:
„אַך, סאַראַ שטות
דיין לעפץ האָט געפּלאַפּלט! — קינד מיינס! זאָג, צי קאָן איך פאַרגעסן
אינם האַר
אָדיסייאוס, וועמעס קרבנות און קלוגשאַפט האָט איבער אַלע
מענטשן אַרומעט געטון מיט ליבשאַפט דערגרייכן צופאַר אונז, די
געטער פון וויטן אָלימפּאָס?! הער: נייערט דער גרימצאָרן פון
שטאַרקן פּאָזיידאָן וויל זיך נישט קילן, וויל אָדיסייאוס האָט אין
דער נאָרע פונם מוראדיקן ציקלאָפּ בשעתו צעשטאָכן דאָס
איינציקע אויג פון זיין זון פּאָליפעמאָס. — געווען איז דער ריז־מענטש
דער גבורן פון אַלע ציקלאָפּן, וועמען די טראַכט פון טאָאָזאַ בת
פאָרקיס די נימפע געטון האָט געווינען, נאָכדעם ווי פּאָזיידאָן
האָט בועל געווען זי בשתיקה! דעריבער טאַקע טרייבט אים דער
ים־גאָט אַוועק פון זיין היימלאַנד, אָבער פאַרציקן ער וועט אים נישט
קיינמאָל! — און נון ווען מיר איצטער, אַלע איינגעזאַמלטע
געטער, דעם כּעס פון ווילדן פּאָזיידאָן מיט אַן עצה באַצווינגען, —
וואָרים עס געשיקט זיך דאָך ווייט נישט, אַז ער, אַ יחיד, זאָל זיין
ביכולת צו ברעכן דעם רצון פון אייביקע געטער!?"
האָט אָבער די העלאויגיקע אַטענע דערויף אים געענטפערט:

„אָ, פאָטער קראָניאָן, געוועלטיקער איבער אַלע מלכים!
אויב דער גנאָד פון די געטער וועט האָבן באַוויליקט, אַז צו זיין חיים
זאָל בשלום זיך אומקערן דער זון פון לאַערטעס, — טאָ זאָל מיר
הערמעס, דער שטראַליקער מרגל און דער טייטער פון אַרגאָס, טון
תיכף געגעבענען אויף דעם אינזל קאַליפּסאָ, בכדי מבשר
צו זיין דאָרט דער ווילד־לאָקיקער נימפע די מסקנא פון הימלען:
„געגעבנט האָט די צייט, אַז אָדיסייאוס זאָל אומקערן אַהיים זיך!“
איך אָבער וועל איצט נידערן אין איטאַקאַ, אויפצוועקן זיין
בן־יחיד צו דרייסטער גבורה, אַז ער זאָל איינזאַמלען אַלע
מאַנען אויפן מאַרק־פּלאַץ צו אַ גרויסער אסיפה, וואו ער וועט מתרה
זיין די געלאָקטע אַכייער, הלמאי זיי שווייבלען און גריבלען
אין זיין הייליקן היכל, און אָן רחמנות זיי שעכטן זיינע
וואָליקע שאָף און באַהערנערטע רינדער! — דערנאָך וועל איך אים
שיקן אַרומזוכן דעם פאָטער אין ספּאַרטאַ און פּילאָס, בכדי
אונטערוועגס צו געפינען חן אין די אויגן פון לייטן!“
געזאָגט; און נון האָט די געטין אַרומגעבונדן אויף די פיס זיך
די שיינע סאַנדאַלן פון אַמראָזיש גינגאָלד, וואָס האָבן מיטן
גאַנג פון די ווינטן אויף ים און יבשה געטון זי באַשוועבן.
און אַ כאַפּ געטון האָט זי די שאַרף־צאָניקע, שווער־געגאָסענע
און מיט רודע־געקאָוועטע פּיקע, מיט וואָס די צעכעסנטע
טאָכטער פון בליציקן דזעאוס פלעגט אונטערוועגס די חיילות
פאַרלענדן! — און, כהרף־עין, האָט די געטין ווי אַ שטורעם
פון וויטן אָלימפּאָס אין איטאַקאַ געטון זיך באַווייזן; און
בליץ־שנעל האָט זי אַוועקגעשטעלט זיך אויף דער שוועל פונם האַר אָדיסייאוס,
און מיט דער אויסגעשטרעקטער פּיקע האָט זי אויסגעקוקט מעשה גאַסט,
בצורת מענטעס, דעם טאַפישן מושל!
און געווען איז, ווען
זי האָט אַריינגעשלייכט זיך אין היכל, זענען גראָד די חתנים
געווען פאַרטרויט מיטן שפּילן אין שטיינדלעך, — (זיצנדיק אויף די
פעלן פון רינדער, וואָס זיי אַליין האָבן ראַבירט און געשאָכטן.) —
און אַרומגעטאַנצט האָבן העראָלדן, עבדים און שפחים;
געשאַרט און געריבן מיט געאויגלטע שוואָמען די טישלעך און

די אויסגעמישטע וויינען און פליישן דערלאַנגט זיי צום מאָלצ״ײט!
און נייערט דער געטער־צוגלייכער טעלעמאַכאָס האָט געטון זי
צום ערשטן דערבליקן. ווייל פאַרטיפט אין מחשבות איז ער אַזוי
צווישן דער בייזער חבריא צעבראָכן געזעסן און געטראַכט
זיך: „אָך, ווען אָדיסייאוס וואָלט איצטער אַהער זיך באַוויזן און
צוריק באַוועלטיקט זיין היכל פון די בייזע חתנים!“ – אָט
אַזוי פאַרטיפט אין דמיונות האָט ער געטון זי דערבליקן. – און
נון, איז ער אַקעגנגעלאָפן דעם טייערן אורח, וואָס האָט
געוואַרט אַזוי לאַנג ביים אַריינגאַנג. געדריקט איר די האַנט; איר פיקע
באַהאַלטן און געטון זאָגן מיט האַרציק־באַפליגלטע ווערטער:
„ברוך־הבא, אָ טייערער אורח! קום! טו אונטערלענען דאָס
האַרץ מיט מזונות, און דאַן ערשט – גיב דיין איידל וואָרט מיר
צו האָרכן!“
געזאָגט; און אומגעקערט האָט זיך טעלעמאַכאָס צום היכל, און נאָך
אים האָט מיט שפרייז־טריט נאָכגעשוועבט זיך די געטין פאַלאַס־אַטענע.
און געוועזן איז, ווען זיי האָבן אינם חדר פון הייליקן היכל
געניִדערט, האָט ער דערוויילע איר פיקע אינם אוצר כלי־זין
פון זיין פאָטער בן־לאַערטעס באַהאַלטן און אָנגעשפּאַרט זי אויף
שווערדן און שפיזן און פיקעס, וואָס האָבן אַדאָרט זיך געוואַלגערט.
דערנאָך האָט ער אויף אַן אויסגעבעטן טראָן־שטול אַוועקגעזעצט די
געטין אַטענע און אַ פוסבענקעלע אונטערן טראָן געטון
איר דערלאַנגען. און לעבן טייערן אורח האָט אויך ער אויפן טראָן
זיך געוואָרפן, אָבער, – צוליב צוויי טעמים פון חברה דערווייטערט:
ראשית, אַז פונם געפילדער זאָל דער ביסן נישט שטיין ביייבן אינם האַלז
פונם אורח, והשנית: אפשר ברענגט ער אַ בשורה פון פאָטער! – –
און נון האָט אַ באַדינערקע אַריינגעבראַכט אַ גינגילדענעם
לאָגל, פון וואַנען דאָס וואַסער צו נטילת־ידיים האָט זיך
צעשפּריצט אינם זילבערנעם בעקן אויף טישלעך פון יושבים. און באַלד
טאַקע האָט די שומרת־הפתח געגרייט זיי די טישן מיט
ברויט און מעדנים, און מיט אַלדאָס־גוטס פון אירע זאַפּאַסן. און
דעריף האָט דער שר־הבשר שיסלען מיט פליישן געטון זיי
דערלאַנגען, און אַוועקגעשטעלט גינגילדענע כוסות, אין וועלכע

דער שר־המשקים האָט אויף און אָפּעט אָנגעפּולט זיי מיט וויינען!
אונ נון האָבן אויך די ווילדע חתנים אַ שאָט געטון זיך אויף
די טייערע טראָגען, פאַר די זאַטיקע טישן. און איבער
זייערע הענט האָבן הערעלדן געשפּרינקלט מיט וואַסער. און באַלד
טאַקע האָבן באַדינערקעס אָנגעפּולטע קוישן מיט ברויטן
געטון זיי דערלאַנגען. און וויינען האָבן יונגען אין די כּוסות
געגאָסן, און מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָבן אַלע פאַר דער
אכילה געכאַפּט זיך. — אָבער געווען איז, ווען פרעסן און זויפן
דערקוויקט האָט דאָס האַרץ פון חתנים, זענען זיי אויף אַ המצאה
געפאַלן: כאַפּן אַ זינג און אַ טענצל, — ווייל גייערט אַ ז י נ ע
תענוגים באַשיינען די טישן! — — האָט טאַקע אַ הערעלד געטון
ברענגען די האַרפע פאַרן געטלעכן זינגער פעמיאָס, וועלכער האָט
באַצוואונגען געמוזט שפּילן פאַר דער ווילדער חבריא. — און אַ טאַנץ
האָבן סטרונעס געטון אויף דער האַרפע, און אַ ליד האָט דעם היכל
צעקלונגען!
אָבער בלחש האָט זיך דערווײַלע טעלעמאַכאָס
איבערן קאָפּ פון דער שטראַל־אויגיקער פּאַלאַס געבויגן, בכדי
קיין ילוד־אשה זאָל קיין קול נישט פאַרנעמען:
„אָ גאַסט מיינער! נישט
נעם מיר פאַר אומגוט, ווען איך טו פאַר דיר זיך באַקלאָגן! — זע:
מיט פרייד
זיי שפּרינגען מיטן קלאַנג פון דער האַרפע, ווייל אומבאַשטראָפט
זיי שווינדלען
און גריבלען אויפן חורבן פונם פאַרפאַלענעם קיניג, וועמעס ווייסע
עצמות עס וואַשט וואו דער רעגן, אָדער זיי קאַטשען זיך איצטער
איבער צעשטורעמטע ימים! אָבער הער: אויב קומען וועט דער טאָג,
ווען איטאַקאַ וועט ווידער זיין מלך דערבליקן, — אָ, דענסטמאָל וועט
יעדערער חתן נייערט זיך ווינטשן צוויי פיס אויף אַ פּליטה, אַז
פאַרמיאוסט וועלן זיי ווערן די קליידער און גינגאָלד! — אָבער אַך:
אומזיסט
איז מיין גרויסער בטחון. ווייל קוים האָט דער גורל געטון אים
פאַרציקן, וועט מיר שוין קיינער קיין בשורה טובה נישט ברענגען! — דו

אָבער זאָג מיר דעם אמת: ווער און פונוואַנען ביסטו אַהערצו
געקומען? ווי אַזוי רופט זיך דיין שבט, דיין לאַנד און די אבות?
זאָג: וואָסער שיף האָט אויף אונזער אינזל איטאַקאַ געבראַכט דיך?
פון וואָסער אומה, און פון וואַן האָבן זיי שווימען געלאָזט זיך?
ווייל בשום אופן ביסטו דאָך אַהערצו צופוס נישט דערגאַנגען?!
דעריבער טאַקע זיי מיר מבשר, צי ביסטו אַ פרעמדער ביי
אונז אין איטאַקאַ, אָדער ביסטו שוין אפשר אַ היימישער גאַסט
ווען ביי מיין פאָטער געווען? אָ, נישט איין יוצא־ונכנס פלעגט
דאָך צו ווײלן ביי אונז אינם היכל, וואו מיין פאָטער האָט מיט ליבשאַפט
אַיעדן באַגעגנט!"
האָט אָבער פאַלאַס דערויף אים געענטפערט:
„מהיכא־תיתי, אויף דיין בקשה וועל איך אַלץ דיר פאַרציילן!
הער: מענטעס בן אַנכילאַאָס איך טו זיך צו רופן, און איבער
טאַפאָס, דער שיפער־מדינה ,איך געוועלטיק מיט שטאַרקייט! און נון
האָב איך מיט חברים איבער ווייטע, אומבאַקאַנטע ימים צו
פרעמדע פעלקער מיט מיין שווים־שיף געלאָזט זיך, בכדי אין טעמעזאַ
אויף אייזערנע כלים איבערצובייטן מיין רודע! — און ווייט־ווייט
פונם כרך, ביים באָרט פון רייטראָנס געוואַסער, אונטערן וואַלדיקן
נייאָן, האָב איך איבערגעלאָזט מיין שיף מיט חברים! און ווייס!
נישט איינמאָל בין איך געווען צו־גאַסט ביי דיין פאָטער; און אויך ער
איז אַ פריינט מיר געוועזן! אָ, דערויף וועט מעיד זיין דער אַלטער
לאַערטעס, אויף וועמען מ'זאָגט איצט, אַז ער האָט אינגאַנצן דעם ריעש
פון זיין היימשטאָט פאַרלאָזן, און אַ וויסטער מתבודד האָט ער אויפן
ישוב באַזעצט זיך, וואו נייערט אַן אַלטע באַדינערקע טוט אים
שפייזן מיט עסן און טרינקען; און טאָג איין, טאָג אויס טוט ער בלאָנקען
פאַראיינזאַמט איבער זיינע, מיט טרויבן־באַפּרוכפּערטע, פעלדער, פון
וואַנען ער קערט אום זיך צום געצעלט מיט צעבראָכענע קניען! —
און נון בין איך אַהערצו געקומען, — ווייל דערגאַנגען איז צו מיין
אויער, אַז אומגעקערט האָט זיך דיין פאָטער צום היימלאַנד! — —
נאָך נישט? — אָך:

זיין היימוועג האָט זיכער אַ קטגור געטון אים פאַרשטערן, ווייל
עס לעבט נאָך אונזער האַר אָדיסייאוס! — אָ, ערגעץ אויף
אַ ווילד-פאַרוואָרפן אינזל עס האַלטן אים שונאים געפּענטעט, — —
ווייל שוין לאַנג האָבן די געטער אַ פונק פון נביאה אין מיין
האַרץ געבלאָזן (הגם איך בין ווייט נישט קיין חוזה און פאַרשטיי
נישט דעם פּתרון פון פויגל-געפלאַטער), אַז: בקרוב, בקרוב
וועט דער גרויסער נע-ונדניק צעררייסן די אייזערנע פּרענטעס,
און אונזער בעל-המצאה וועט אומקערן בשלום אַהיים זיך!
און איצט, — דערהויב זיך, אָ בחור, און לאָז דעם אמת מיך הערן! זאָג:
ביסטו טאַקע באמת אַ קינד פון האַר אָדיסייאוס? ווייל גלייך
ווי ער קוקט אויס דיין צורה; דיין קאָפּ און דיינע שטראַליקע אויגן!
יאָ, נישט איינמאָל האָבן מיר זיך פאַרצייטנס, — נאָך איידער ער האָט מיט
זיין אַרגיווישן חייל, מיט גיך-יאָגיקע שיפן אַקעגן
טראָיע געצויגן, — מיט ליבשאַפט באַגעגנט. אָבער אַך: זינט דענסטמאָל
האָבן מיר שוין קיינמאָל, אָ קיינמאָל, איינער דעם צווייטן געזען נישט!"
האָט דער קלוגער בחור טעלעמ-כאָס דערויף איר געענטפערט:
„מהיכא-תיתי, אויף דיין בקשה וועל איך אַלץ דיר פאַרציילן:
די מוטער האָט מיר אגב פאַרזיכערט, אַז ער איז מיין פאָטער; איך
אָבער ווייס נישט; — וואָרים ווער ווייסט דען יאָ ווער עס האָט אים געפּלאָדיעט?
אָ, הלוואי וואָלט מיך ליבערשט געבוירן די זרע פון אַ גרויסן
בר-מזל, וועלכער זאָל מיט אַ שיבה-טובה אין זיין היכל זיך
הויזן, איידער צו זיין אַ קינד, — ווי דו פרעגסט מיך — פון אַזאַ גרויסן
בן-עוני, ווי דאָס איז, פון אַלע לייטן, — מיין איידעלער פאָטער!"
האָט אָבער די העל-אויגיקע בת-דזעאוס דערויף אים געענטפערט:
„ניין! מיט דער הילף פון די געטער וועט עד סוף כל הדורות קלינגען
דיין שם-טוב, ווייל בייערט דערצו האָט די טראַכט פון פּענעלאָפּייאַ
געטון דיך געווינען! — און איצט, — לאָז ווידער דעם אמת מיך הערן:
וואָסער סעודה ווערט דאָ געפּראַוועט? איז דאָס אפשר אַ חתונה-

מאָלצייט, צי גלאַט עפּעס א הוליאַנקע פון אַ חברה חברים?
אָבער ניין! עפּעס נישט גלאַט איז מיר דער געפילדער פון בייזע
משחיתים, וואָס הודזשען אַרום דאָ אין היכל. אָ, אומווערדיק וואָלט
יעדערנס שכל געוואָרן, אויב ער וואָלט דערזען אַזאַ אומרעכט!"
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף איר געענטפערט:
„גוטינקער אורח! אויף דיין אויספרווו וועל איך אַלץ דיר אַנטפּלעקן!
הער: כל־זמן יענער מאַנטביל האָט געוויילט אין זיין היימלאַנד, האָט
אי פרייד,
אי עשירות זיין היכל באַלאָדן. איצט אָבער, — אָ, איצט האָט דער
בייזער גורל פון צעכעסנטע געטער צו פאַר אַלע לייטן
אויף ערגן געטון אים פאַרהוילן! — און געלינדערט געווען וואָלט מיין
גרויסע אבלה, אויב מיין פאָטער וואָלט אויף די טראָיאַנישע
פעלדער זיין לעבן פאַרלוירן, אָדער ערשט נאָך דער מלחמה — אין
די אָרעמס פון נאָענטע געוואָרן פאַרשניטן! און זע: דענסטמאָל
וואָלטן אַלע אַכייער — צום זכרון אויף דורות — אויפגעשיט
אויף זיין קבר אַ גרויסע מצבה! אַזוי אָבער, — אָך: דער ווינט
פונם ווילדן האַרפּיאַדישן שטורעם האָט געטון אים פאַרשלינגען!
און נון איז ער אָן אַ שפּור געוואָרן פאַרפאַלן, אַז אַליין און
פאַראייגזאַמט איך טו אים באַוויינען! — און טאָמער איז מיר קאַרג נאָך
די שווערע אבידה, — האָבן מיט פרישע ענויים געשטראָפט מיך
די געטער: וואו נאָר אַ בחור פון די אַרומיקע אינזלען
סאַמע, דוליכיאָן און פונם ווילדן, וואַלד־באַקרוינטן זאַקינטאָס,
אינאיינעם מיט די שרים פונם האַרטן איטאַקאַ, — שדכנט זיך
יעדער צו מיין מוטער באַזונדער, און ראַבירן דערווילע דעם
היכל! זי ווידער שלאָגט זיך מיט דעד דעה וועגן דער מיאוסער
אַנטשפּויזונג; און דערווייל טוען חברה אַלדאָס־גוטס פון מיין היכל
צעשלעפּן, און וועלן בקרוב אויף מיינע ביינער צעטראָגן!"
און מיט גרימצאָרן האָט פּאַלאַס אַטענע דערויף אים געענטפערט:
„אָ, ווי מיר! אָך, וואָלט פאַר דיר זיך געניייטיקט, אַז דיין פאַר־
פאַלענער
האַר אָדיסייאוס זאָל ביַד חזקה אַזוי פּלוצלינג אַהער
זיך באַווייזן, בכדי מיט גבורה די שאַקלהאַפּטיקע חברה

טון צו פאַרציקן! אַך, ווען ע ר וואָלט אַזוי פלוצלינג אויף דער שוועל פונם
היכל, אַן אָנגעגורטעטער מיט וואָפן: מיט אַ העלם און מיט פיקעס,
אַהערצו אַנטפּלעקט זיך, — ווי דענסטמאָל, ווען ער האָט פון עפּיראַ צו
אונזער ווייז-טיש אויפן שלאָס זיך באַוויזן, בעת ער האָט פון אילאָס
בן מערמעראָס געבידערט! — (אָ, בחינם האָט אָדיסייאוס מיט
שיפן אין עפּיראַ געבענטשט זיך, בכדי מיט סם-המות די
שווערדן צו זאַלבן. ווייל מהמת שרעק פאַר די געטער האָט אים אילאָס
קיין סם נישט געגעבן; ביז ערשט מיין פאָטער האָט די פיקעס געטון
אים פאַרסמען, — ווייל מיט אהבת-נפש האָט געליבט ער דעם
גבור! — ) אָ, ווען ער וואָלט אויך איצט אַזוי פאַר חתנים געטון זיך
באַווייזן, — היי! אונטער אַ חופּה אַ שוואַרצער וואָלט ער זיי אַלע
פאַרטיליקט! — אָבער אַזוי ווי דער גורל פון מענטשן ליגט אין שויס
פון די געטער, — איז צו אונז דעריבער פאַרבאָרגן, אויב ער וועט
זיך ווען אומקערן אַהיימצו און נעמען נקמה אָן שונא!
ד י ך אָבער בין איך מתרה, מיט וואָסער עצה ד ו זאָלסט דעם שונא
פאַרטרייבן. — בכן דערהויב זיך, אַ בחור, און פאַרנעם מיין גערייד
פון די לעפצן: מאָרגן כאור זאָלסטו איינזאַמלען אויפן מאַרק-פּלאַץ
אַלע שטאַרקע אַכייער, און צו דיין רוף זאָלסטו נעמען פאַר
עדות אַלע הימלישע געטער! און נון זאָלסטו גוזר זיין צו
אַלע חתנים, אַז יעדערער זאָל אַהיים זיך געזעגענען. און
אויב דאָס האַרץ פון דיין מוטער טוט באַגערן אַ צווייטע אַנטשפּויזונג, —
טאָ זאָל זי זיך אומקערן צוריק צו איר מאַגנאַטישן פאָטער,
ווער עס וועט זי מיטן געסילוקטן נדן צו דער חופּה דאָרט
פירן. און, ווי עס פירט זיך ביי לייטן, — וועט דער חתן מיט כלה-
מתנות טון זי באַשענקען! — — — אויף דיר אָבער בין איך גוזר:
מיט צוואָנציק מרגלים זאָלסטו אין אַ גיך-יאָגיקער שווים-שיף זיך
וואַרפן, בכדי צו נישטערן אונטערוועגס אַ בשורה פון דיין
פאַרפאַלענעם פאָטער; ווייל עס קאָן זיין, אַז אַ בן-אדם האָט וואָס
אים באַגעגנט, אָדער די פלאַפּלערקע אָססאַ האָט, אַ געשיקטע
פון דזעאוס, — געגעבן צו לייטן פון דיין פאָטער צו וויסן. — און

פריער זאָלסטו צו נעסטאָרן אין פּילאָס געגענען, און דערנאָך
ערשט אין ספּאַרטאַ  ביים האַר מענעלייאָס, וואָס האָט דער לעצטער
פון די
באַפּאַנצערטע אַכייער אומגעקערט דיך אַהיימצו! און אויב צו
דיין אויער וועט דערגרייכן, אַז  עס לעבט  נאָך  דיין  פאָטער, — טאָ
זאָלסטו
(הגם מיט יסורים) איבערדייבערן אַ יאָר מיט מעת-לעתן.
אויב אָבער די בשורה פון טויט וועט דיין האַרץ צעשניידן — טאָ
זאָלסטו תיכּף זיך אומקערן אינם לאַנד פון די אבות; אויפשיטן
אַ קענאָטאַף לזכּרון אויף דורות, און כּדין וכּדת
מיט שוואַרצע קרבּנות דאָרט פּראַוועט אַ סעודת-אבלה! — — און נון
גיב רשות צו דער מיטער, אַז זי זאָל זיך אַ צווייט מאָל אַנטשפּויזן.
און ס׳וועט זיין, ווען אַלץ וועט ווערן געטון בהשלמה, — זאָלסטו גוט
זיך פאַרטראַכטן, צי זאָלסטו באַשיינפּערלעך, אָדער בערמה די
חתנים פאַרלענדן! — היי! גענוג געשפּילט זיך, אַ יינגל, —
דו ביסט דאָך שוין עפּעס צו סמני-נערות דערוואַקסן! — זאָג: צי
איז צו דיין אויער נישט דערגאַנגען דער שבח פון אָרעסטעס, וועלכער
האָט זיין פאָטערס רוצח, דעם צבועק עגיסטאָס, פאַרטיליקט?
ובכן זיי אויך דו מיט כּוח און גבורה באַלאָדן, בכדי אַז
דיין שם-טוב זאָל זיך איבער אַלע וועלטן, עד סוף כּל הדורות
צעקלינגען! — — —
איצט וועל איך צו מיין שיף, אינם בוכט-טאָל געגענען, וואו עס
וואַרטן סבלניש אויף מיר די חברים. צו דיר אָבער זאָל
דער זאָג פון מיין לעפּץ אַריינדרינגען אין האַרצן!”
האָט טעלעמאַכאָס
דער יונגער בר-סמכא דערויף איר געענטפערט:
„אָ, פרעמדער! ווי
די שטראָף-רייד פון אַ פאָטער צום  זון איז וואָרהאַפטיק דיין זאָג מיר,
דעריבער וועל איך דיין טענה נישט קיינמאָל פאַרגעסן! — גאַסט מיינער!
פאַרבלייב דאָ אין היכל, און נישט אייל זיך אַזוי שטאַרק צו חברים.
נאָכן באָדן און זאַלבן  וועלן מזונות דיין האַרץ דערפרישן,
אַז אומקערן דו וועסט זיך צו דער שווים-שיף מיט מתנות און נחת, —

מיט אַ זכרון, וואָס איין חבר איז דעם צווייטן מזכּה!"
האָט די העלאויגיקע פּאַלאַס בת דזעאוס דערויף אים געענטפערט:
„ניין! האַלט מיך נישט אָפּעט אַצינד אין דיין היכל, ווייל עס ציט מיך צום
אָפּפאָר. און וואָס שייך דיין פריינטשאַפטס-מתּנה, — ווערסטו מיר זי ערשט
ביי דער צווייטער פאַרווייליונג דערלאַנגען; בכדי, ווען איך וועל קומען
צוריק אינם היימלאַנד, זאָל אויך א י ך דיר מיט אַ מתּנה באַדאַנקען!"
אַזוי געזאָגט האָט בת דזעאוס, און זע: ווי אַ פויגל דורכן קוימען
איז צו נישט זי געוואָרן! — — — דערויף איז נאָך דרייסטער געוואָרן דער
בחור, און נאָך גרעסער האָט זיך די בענקשאַפט אין זיין האַרץ נאָכן
פאָטער צעוואַקסן, ווייל אָנגעשטויסן האָט זיך אים אין האַרץ:
נישט אַנדערש, סיידן אַ גאָט האָט צו אים געטון זיך אַנטפּלעקן!
און באַלד האָט טעלעמאַכאָס זיך אייליק צו חתנים געפעדערט,
וואו זיי זענען פאַרן גרויסן מנגן אַזוי שווייגיק געזעסן
און איינגעהערט זיך צום טרויעריקן ניגון, ווי אַזוי די
אַכייער זענען מיט פּאַלאַס-אַטענע פון טראָיע אַנטלאָפן!
און נון איז דאָס געזאַנג פון מקונן אויפן אייבערשטן גאָרן
צום אויער פון בת איקאַריאָס פּענעלאָפּייאַ דערגאַנגען, אַז
אייליק האָט אַראָפּ זי גענידערט — און נישט חלילה אַליין: צוויי
מיידלעך האָבן געטון זי באַגלייטן.
אָבער געוועזן איז, ווען זי
האָט מיט שפּריי-טריט אויף דער שוועל פונם היכל געטון זיך גענענען, האָט זי
פון הינטערן שלייער מיט שטילינקע טרערן אָנגעשפּאַרט זיך אויף
די אַקסלען פוןביידע שייִנקע מיידלעך, און מיט טרערן אין די
אויגן באַלד טאַקע גענומען טענהן צו דעם גרויסן און געטער-צוגלייכן משורר:
„פעמייאָס! צי ברויזט אין דיין האַרץ אַ קאַרגער
פּאַס מיט לידער פון גאָט און פון לייטן, וואָס דו האָסט דווקא מיט
אַזאַ ליד געטון זיך צעקלינגען? אָ! מיט אַלע מזמורים

טו צו חתנים, ביים זשליאָקען די וויגען, די פאַרשוויגענע
הערצער מיט שירה דערקוויקן, אַבי האַק אָפּ פון דער שרעקלעכער
קינה, וועמעס טרויעריקער ניגון צעלעכערט מיין האַרץ מיר אין
בוזעם! — אָ, נייערט מיך אַליין האָט יענע גרויסע נבלה
געטראָפן, פון וואָס איך טו כסדר אַזוי ביטער מיין מאַנסביל
באַקלאָגן: דעם האַר, וועמעס שם־טוב האָט פון העלאַס דורך אַרגאָס ווייט
זיך צעקלונגען!"
האָט אָבער טעלעמאַכאָס דערויף איר געענטפערט:
„מאַמעניקע! פאַרוואָס זאָלסטו מוסרן אונזער געטלעכן חזן,
אַז זיין ליד, וואָס עס גיסט זיך פון האַרץ, זאָל זיי טון נישט דערקוויקן?
אָ, נישט דער משורר איז חיב, נייערט שולדיק איז דער כוח
פון אַלמעכטיקן דזעאוס, וועלכער טרילערט אַריין אין זיין האַרץ דאָס
התפעלות! — דעריבער, אָ מוטער, נישט נעם אים פאַראיבל, ווען זיין
לעפץ האָט מיט אַ ליד וועגן שווערן גורל פון דאַנאַיער געטון
זיך צעקלינגען: וויל אַלעמענס האַרץ איז ער דערמיט מנצח!
אָ, אויך דיין האַרץ זאָל דעריבער געפינען אַ טריי.ט אינם דאָזיקן
פזמון, וויל נישט אָדיסייאוס אַליין האָט פון אַלע גבורים
אויף די טראָיאַנישע פעלדער זיין לעבן דאָס יונגע פאַרלוירן!
און איצטער, אָ מוטער, טו ווידער אויף דיין גאָרן געגענען, און
מיט התמדה זאָלסטו מיט באַדינערקעס ווידער זיך נעמען צום
שפינען און וועבן. און וואָס שייך די דרשות — זאָלסטו זיך אויף אונז
מאַנען פאַרלאָזן; אָבער דעריקרשט אויף מיר, — וויל איך בין דער
מושל פון היכל!"
געזאָגט; און אויף די קלוגע רייד פונם זון האָט
טריטווייז די מלכה צוריק אין עזרת־נשים מיט שטילע שפרייז־טריט
גענידערט. — אָבער געווען איז, ווען זי מיט די מיידלעך האָבן זיך
אין איר שלאָף־שטוב געפעדערט, האָט ווידער גענומען זי וויינען, ביז
ערשט אַטענע האָט מיט זיסן געדרימל געטון זי פאַרוויגן!

* *
*

און נון איז געוואָרן אַ מרידה אין היכל, וויל אַלע
חתנים האָבן באַגערט אינם שלאָף־בעט מיט דער מלכה צו ליגן.

אָבער איינגעשטילט האָט טעלעמאַכאָס די צעיושעטע חברה:
„טומלט נישט, אָ אָנביטער פון מיין מוטערס געלעגער! פראָוועט דאָס
מאָלצייט, און זאָל די וויסטע מרידה נישט ווייט זיך דערטראָגן! אַך,
עס איז פשוט אַ תענוג זיין קול צו פאַרנעמען; דעם ניגון פונם
גרויסן מנגן, וועמעס לעפץ האָט מיט געטער־נגינה געטון
זיך צעקלינגען! — הערט: מאָרגן כאור וועלן מיר זיך אויפן מאַרק־פּלאַץ צו
אַ גרויסער אסיפה פאַרזאַמלען, בכדי מתרה צו זיין אייך, אַז
איר זאָלט תיכּף מיין היכל פאַרלאָזן; אַז איר זאָלט שווינדלען און
גריבלען אין אַנדערע שייערס, און אַז אייער אייגענעם גאָב זאָלט
איר טון צו פאַרלענדן! אויב אָבער איר טוט דווקא באַגערן דעם
האָב און גאָב פון אַ פרעמדן קיניג פאַרשטערן, — אָ, דענסטמאָל וועט דאָס
געשריי פון מיין תפילה פון אונטער די חורבות צום אַלמעכטיקן
דזעאוס דערגרייכן, אַז ע ר אַ ל יי ן וועט באַווייליקן, אַז איך זאָל
אייך פאַר אַלע נבלות מיט שווערער הריגה אין מיין היכל
פאַרציקן!“
בעזאָגט; און פון זיין דרייסטן גערייד האָט זיך די גאַנצע
חבריא, אין דער סאַמער בהלה, די לעפצן צעביסן, ביז
ערשט אַנטינאָאָס בן עאופייטעס האָט אים ביין אָפגעשייגעצט:
„היי, היי, טעלעמאַכאָס! משמעות, אַז אין דיין געמבע האָבן
די אייביקע געטער געטון זיך צעשאַלן, ווייל קראָניאָן האָט
ד י ר (דעם יורש־עצר נאָך דיין פאָטער, דעם קיניג) נישט געגעבן
די ממשלה איבער אונזער זוניקער מדינה איטאַקאַ! — — —“
האָט אָבער מיט פקחות טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ, אַנטינאָאָס! נישט נעם מיר פאַראיבל מיין זאָג פון די לעפצן:
מיינסט אפשר, אַז איך וואָלט איבער אייך נישט געוועלטיקט? אַך, ווען דזעאוס
זאָל טון מיך באַקרוינען! — פאַרוואָס? — אָ, צי איז דען אַן אומגליק איבער
לייטן צו ד׳ערשן? הער: ביים געוועלטיקער אין היכל ווערן די
אוצרות מיט מתנות באַלאָדן, און פיל כבוד טוען לייט אים

דערלאַנגען! — אָבער װײ: קאַרג בעלנים איז פֿאַראַן דען אין
איטאַקאַ; סײ יונגע, סײ אַלטע, װאָס װעלן נאָכן טויט פֿון זײער
האַר אָדיסײאוס באַװײזן אין אונזער לאַנד צו רעגירן? — איך
אַלײן אָבער װיל לפּחות שאַלטן און װאַלטן בלויז אינם היכל
או איבער די עבֿדים, װאָס זענען אַדאָרטן פֿאַרבליבן!״
האָט עורימאַכאָס בן פּאָליבאָס דערויף אים געענטפֿערט:
„אָ, װאָרהאַפּטיק, טעלעמאַכאָס! נײערט אין דער שויס פֿון די געטער ליגט
די קרוין פֿון געזאַלבטן איבער איטאַקאָס מדינה. אָבער װאָס
שײך צום הויז מיט עבֿדים, — װעלן זײ זיכער בירושה
דיר בלײבן! אָ, כּל־זמן אין איטאַקאַ איז אַ מענטש נאָך פֿאַראַן, זאָל
קײנער נישט האָבן די חוצפּה דײן הײם צו ראַבירן! איצט אָבער,
אָ גוטינקער בחור: טו מיר צו װיסן, װאָסער גאַסט איז בײ דיר
דאָ געװעזן? זאָג: װער איז דער פֿאַרשױן? פֿון װאָסער מדינה האָט
ער אַהערצו פֿאַרבלאָנזשעט? װי רופֿט זיך זײן לאַנד און זײן שבֿט?
דערצײל: האָט ער אפֿשר געבראַכט דיר אַ בשורה־טובֿה פֿון פֿאָטער,
אָדער צי איז ער גלאַט, צוליב אײגענע עסקים אַהערצו
געקומען? אָ, זײן הדרת־פּנים איז קענטיק פֿון אײדעלן
יחוס, — טאָ פֿאַרװאָס איז צו נישט ער געװאָרן, נאָך אײדער מיר
האָבן באַקענט אים?״
האָט טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפֿערט:
„פֿאַרפֿאַלן! פֿאַרפֿאַלן אויף אײביק איז דער געבײן פֿון מײן פֿאָטער,
אָ פֿרײנט עאורימאַכאָס. דערפֿאַר טאַקע גלויב איך נישט קײנעם, װער
עס זאָל מיר אַ בשורה נישט ברענגען; און אפֿילו די טרעפֿערס, װאָס
װימלען אַרום זיך מײן מוטער, — טו איך בשום־אופֿן נישט גלײבן!
...געװען איז דער אורח מײן פֿאָטערס אַ טאַפּישער חבֿר. מענטעס
בן אַנכיאַלאָס ער טוט זיך צו רופֿן, און איבער טאַפֿאָס, דער
מדינה פֿון שװימיקע שיפֿס־לײט, טוט ער מיט ליבשאַפֿט צו טראָגען!״
געזאָגט: אָבער אין האַרצן האָט דערקענט ער די הײליקע געטין!
און נון האָבן װידער חתנים מיט שכּרות־געפּילדער און מיט
געזאַנג און געטומל דעם היכל ביז שקיעה צעציטערט. און
ערשט װען די פֿליגלען פֿון חשכות האָבן געטון זיך פֿאַרשפּרײטן, האָט

יעדער חתן צוריק אין זיין נעסט אויף איבער־נאַכט זיך פאַרקליבן !

אָבער אויך טעלעמאַכאָס האָט איבערן פרעכטיקן הויף צו זיין שלאָף־שטוב אויפן ווייכן געלעגער גענידערט. — אָט, אַהינצו האָט ער א בער נאַכט זיך פאַרקליבן, וואו דער צער האָט זיין האַרץ געפייניקט. – פאָראויס האָט מיט אַ הבדלה־שיין איירִיקלייאַ בת אָפּס בן פייזענאָר געטון אים באַגלייטן ; די גוטע באַדינערקע, וועמען לאַערטעס געקויפט האָט בשעתו אַלס בתולה פאַר צוואָנציק בוהייס. און גלייך ווי צום ווייב, האָט ער פיל כבוד געטון איר דערלאַנגען ; אָבער מחמת מורא פאַר זיין אשה, האָט ער קיינמאָל נישט געטון זי באַשלאָפן ! — אָט ז י האָט מיט ליכטיק־צעפלאַ‚ערטע פאַקעלן געטון אים באַגלייטן. ווייל פון אַלע האָט נייערט זי אים מיט ליבשאַפט געקעכלט און מגדל געוועזן פון קינדהייט !

און נון האָט צעפראַלט ער די פליגלען פונם פרעכטיקן חדר. און זיצנדיק אַזוי אויפן בעטל, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיין לייב די ווייכע געוואַנדן און זיי געוואָרפן צו דער האַנט פון דער זקנה ! און אויסגעגלייכט האָט די אַלטע פונם כתונת די קנייטשן, און אויפן הילצערנעם פלאָקן איבערן שלאָף־בעט זיין קלייד אויפגעהאָנגען. דערויף האָט זי אייליק אויסן חדר גענידערט : אַ צי געטון צו זיך דעם זילבערנעם רינג אויפן פליגל און פאַרצויגן מיט די פרענטעס די ריגלען ! — — — אַזוי האָט ער אויף בלאַמעס געדרימלט און בדמיון געחלומט פון דער נסיעה, וואָס אים האָט געעצהט אַטענע.

# דאָס צווייטע געזאַנג

אסיפה פון די איינגעזאַמלטע איטאַקאַנער.
געהיימער אָפּשיף פון טעלעמאַכאָס.

אונ באַגינעז, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָט דער ליבינקער זון פון אָדיסייאוס געטון אַ טאַנץ אַראָפּ
פון געלעגער; אַריין אין געוואַנדן און אויף לענדן די שווערד
אויפגעהאָנגען. און נון האָט ער אַרומגעבונדן די פיס זיך מיט
שיינע סאַנדאַלן און אויסן געצעלט זיך געפעדערט מיט געטלעכן
הדר, און מיט אַ ברומיק קול צו העראָלדן באַפוילן
איינצוזאַמלען די קעפּגעלאָקטע אַכייער צו דער גרויסער
אסיפה. — און נון האָבן די יונגען געררופן, און אַלץ האָט
איינזאַמלען געטון זיך! און קוים האָט דאָס פאָלק אַרומגערינגלט דעם
מאַרק-פּלאַץ, האָט ער צו פאַר זיי מיט דער געגאָסענער פּיקע געטון
זיך באַווייזן, און דאָס נישט אַליין, — צוויי גיך-לויפּיקע כלבים
האָבן געטון אים באַגלייטן! אָ, מיט הימלישן חן האָט פּאַלאַס
אַטענע אויף זיין פּנים צעשטראַלט זיך, אַז אויף זיין אָנקום געגאַפט
האָבן פעלקער. — און בעת ער האָט זיך אויף דער טראָן-שטול פון זיין פאָטער
געוואָרפן, האָבן אויסמיידן געטון אים די זקנים!
און נון האָט
דער געפּרוּווטער, גרייז-גרוי-געבויגענער זקן עגיפּטיאָס צום
ערשטן פאַרן עולם צעשאַלט זיך. ער, וועמעס ליבסטער זון אַנטיפאָס
האָט אינאיינעם מיטן קיניג אָדיסייאוס אין דער בייכיקער שווים-שיף
אַקעגן טראָיע געזעגלט. אַנטיפאָס, אַ מוטיקער און דרייסטער,
וועמען דער ציקלאָפּ האָט פאַרצוקט אין דער נאָרע, — אַ מאכל צו זיין
סעודה דער לעצטער! אָבער חוץ אים איז נאָך דריי בנים ביים זקן

פאַרבליבן: עאורינאָמאָס צווישן די סטאַדע חתנים, און
צוויי, וואָס האָבן געאַרבעט ביים פאָטערס עסקים! אָבער באַווייַנט
האָט ער כסדר זיין זון דעם צעפליישטן, און מיט טרערן פאַרן
עולם צעשאַלט זיך:
„מיין געריד פון די לעפצן טוט איצט, אָ מאַנען
פון איטאַקאַ, פאַרנעמען! הערט: זינט אָדיסייאוס האָט מיט שיפן
קיין איליאָן געצויגן, איז נאָך קיין ועד און אסיפה ביי אונז
נישט געווען. הייַנט: ווער־זשע האָט אונז אַהערצו גערופן? צי איז
דאָס אַ רוף פון יונגוואַרג אָדער זקנים, צו וועמען עס איז אפשר
אַ בשורה פון אַ נאָענטער מלחמה דערגאַנגען? אָדער צי
וויל מען גאָר עצהן עפעס אַנדערש לטובת אונזער מדינה?
ווי אַזוי אָבער עס זאָל נישט זיין, — זאָל קומען אַ בענטשונג פאַר
זיינע איידעלע מעשים, אַז אַלץ וואָס זיין האַרץ וועט האָבן באַגערט, —
זאָל דאָס פונם אַלמעכטיקן דזעאוס ווערן תיכף באַוויליקט!"
געזאָגט; אָבער נתפעל פון דער ברכה האָט טעלעמאַכאָס מיט
אימפעט געגעבן אַ הייב זיך און באַגערט פאַרן עולם צו רעדן!
און נון האָט צום פאָלק ער געענטפערט און אויסגעשטרעקט צו זיין האַנט האָט
דער מיט חכמה־באַלאָדענער העראָלד פייזענאָר דעם גילדענעם
שרביט, אַז באַלד טאָקע האָט ער באַפליגלט פאַרן זקן צעשאַלט זיך:
„טאַטענקע! נישט ווייט איז דער מאַן, וואָס האָט אייך אַהערצו גערופן.
אָט איז ער! — באַקענט אים: איך, איך בין עס, וועמען עס האָבן שווערע
ענויים געפייניקט! — ניין! נישט קיין בשורה פון נאָענטע מלחמות
צו מיין אויער איז דערגאַנגען, און נישט מיט עפעס אַנדערש איך וויל
אייך דאָ עצהן לטובת אונזער מדינה! — וואָס דען? אָ, הערט: פון
צ געטאָפלטן אומגליק געוואָרן מיין הויז איז צעבראָכן. אָך,
ערגעץ־וואו אין מרחקים איז געוואָרן פאַרפאַלן מיין פאָטער,
אייער האַר און נעביטער, וועלכער האָט מיט ליבשאַפט געטון אייך
באַהערשן. אָבער נאָך גרעסער מיין צער איז, וואָס מיין היכל איז טיף
אין חרבנות געזונקען און פון מיין האָב — קיין שריד ופליט

פאַרבליבן! זעט: די איידלסטע זין פון אַכייאַ ווילן צו מיין
מוטער טון זיך אַנטשפּויזן. אָבער אַזוי ווי עס האָבן די
פחדנים געפּאָרכט זיך אינם הויז פון איר פּאָטער איקאַריאָס
צו שפּאַנען, וועלכער וואָלט זיכער זיין טאָכטער מיט רייכע נדנים
געטון זי באַשענקען, בכדי משדך צו זיין זיך מיט וועמען
זיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן, — טוען זיי דערווייל אין מיין אייגענעם
היכל אָן פּחד ראַבירן; טוען שעכטן די שאָף און רינדער
און די שמאַלציקסטע ציקלעך, און פּראַווען הוליאַנקעס ביים געפינקל
פון ווייַנען! און איצט? — אַך, וואו נעמט מען אַ מאַן, ווי עס איז געוועזן
אָדיסייאוס בשעתו, וועלכער זאָל אונז די צרה פונם היכל
פאַרטרייבן? — ניין! נישט א י ך בין ביכולת צו פאַרלענדן דעם
שונא, און נישט-מ י ר וועלן מיט גבורה אַקעגן אים זיך
באַווייזן, סיידן אַז אַ מעכטיקער כוח זאָל טון מיך באַהערשן!
אָ, באַקענט אייך אַליין, אַז מיט אומרעכט האָט איר ווידערגעשפּעניקט
אַקעגן מיין הויז מיט רציחה. אָדער שעמט אייך לפּחות פאַר
די שכנישע פעלקער, וואָס רינגלען אַרום דאָ אונזער מדינה;
אויב נישט, — טאָ פאָרכט אייך לפּחות פאַר די צעכעסנטע געטער, וואָס
וועלן מיט בייזער נקמה פאַר אַלע נבלות טון אייך
באַשטראָפן! — הערט: מיטן שם-המפורש פון גאָט דזעאוס אינם וייטן
אָלימפּאָס, און אינם נאָמען פון טעמיס, וועלכע טוט איינזאַמלען און
פאַרטרייבן פון אַסיפות די מאַנען, בין איך אויף אייך גוזר,
אָ מיינע חברים: פאַרמיידט אייך, און לאָזט ביחידות אין
יסורים מיך אויסגיין! זעט: מיט גנאָד האָט מיין פאָטער אָדיסייאוס
איבער אייך, בלאַנק-געפּאַנצערטע גריכן, מיט חסד געקיביגט, היינט —
צו וואָס זאָלט איר דאָס י ו נ ג וו אַ ר ג מיט נקמה צערייצן? אָ, אויב א י ר
וואָלט מיין האָב און גאָב מיר פאַרטיליקט און אַלע מיינע סטאַדעס אָן
רחמנות געשאָכטן, — וואָלט ביי מיר כאָטש פאַרבליבן אַ פונק פון
בטחון אויף איינצוזאַמלען צוריק (ביים פאָלק דאָ אַרומעט) מיין
צעראַבירט עשירות; אַזוי אָבער — אַך: אַ שלל פון פיין
און יסורים איר וואַרפט ביי'ערט אָן אויף מיין ריינער נשמה!"

אָט אַזוי האָט ער כעסיק צעשאַלט זיך און מיט טרערן דעם שרביט
אויף ערדן געוואָרפן, אַז אַן אימה איז באַפאַלן די עדה!
און נון איז די אסיפה פאַרשוויגן געזעסן, און קיינער פון
פאָלק נישט געהאַט האָט די חוצפה אַריינצופאַלן אין די רייד פון
האַר טעלעמאַכאָס, — ביז ערשט אַנטינאָיאָס האָט אים אָפגעענטפערט:
„שווייג, דו עזות־מחוצף! זעט מיט וואָסער שאַקלהאַפטיק לשון
דערדאָזיקער יונג האָט אויף אונזער חשבון געטון זיך צעפלאַפלען!
ניין, ניין, נישט מיר, חתנים, האָבן גורם געווען צו אַלע
מעשים־תעתועים, — נייערט זי, דיין אייגענע מוטער, די
כיטרע ארורה! — הער: דריי יאָר זענען פון לאַנג שוין פאַרלאָפן,
און באַלד וועט אויך שוין דאָס פערטע פאַרשווימען, זינט די ארורה האָט!
אונזערע העלדישע הערצער צעריסן! היי: ערוב געווען האָט
זי יעדן דאַנאַיער מיט אים זיך אַנטשפּויזן, אָבער בערמה
האָט זי באַגערט אונז פאַרלענדן! און הער מיט וואָסער המצאה זי
האָט געטון אונז גענאַרן: מיט פאַלשקייט האָט געוועבט זי אין איר
קאַמער בערמה אַ גרויסע יריעה, און געטון זאָגן
אַזוי צו חתנים: „נישט רייסט אייך איבער מיין כלהשאַפט, אָ איר
יונגען, וואָס איר ליבט מיך נאָכן טויט פון מיין האַר אָדיסייאוס, — ביז
אויסגעשפּינען זיין וועט דאָסדאָזיקע מאַנטל, ווייל אַ שאָד, אַז דער
פאָדעם זאָל גיין מיר לאיבוד! — אָ, פאַרן אַלטן לאַערטעס איך וועב
איצט תכריכים, בכדי ווען די שעה פון טויט וועט נעמען אים רופן,
זאָל קיין שום אַכייאישע אשה נישט טייטלען אויף מיר מיט די
פינגער, אַז: אָן תכריכים ליגט דער מושל פון פעלקער!" — אָט, אַזוי
געלייגט האָט דיין מוטער, און אַלעמענס הערצער גענומען! — און נון
האָט אין די טעג זי געוועבט און געשפּינען, אוןביים שיין פונם קאַניץ
האָט אין די נעכט זי צעשטערט איר טעגלעכע אַרבעט! — און, — אָט אַזוי
האָט זי דריי יאָרן כסדר געטון אונז גענאַרן. אָבער אויפן
פערטן, — ווען מיטן גאַנג פון מזלות זענען די טעג זיך געשוואומען, —
האָבן כיטרע באַדינערקעס מגלה געווען דעם סוד אונז,

ביז מיר האָבן געכאַפּט זי ביים צעטרענען די שיינע געוואַנדן,
אַז אָן רצון האָט זי ווייטער בעל־כּרחה געמוזט העפטן פאַרן שווער
די תּכריכים! און איצט? אָ איצט האָבן מיר, חתנים, סיי דיר און
סיי אַכייער געטון דעם סוד צו אַנטפּלעקן. דעריבער טאַקע
טו תּיכּף דיין מוטער באַצווינגען, אַז זי זאָל מיטן אויסדערווײלטן
חתן דיין היכל פאַרלאָזן; מיטן באַשערטן, וואָס זי און איר
פאָטער וועט וואוילגעפעלן — מיט אים זיך אַנטשפּויזן! — אויב אָבער זי
וועט אַזוי ווייטער אונז אַכייער בערמה גענאַרן; מיט
כּיטרע המצאות, מיט וואָס אַטענע האָט געטון זי באַשענקען: —
צו שפּינען מכּלומרשט געוואַנדן, — (וואָס אפילו אין קדמונים
האָט מען אַ ז ו י נ ע פון אַלע העל־געלאָקטע אַכייאישע טעכטער
נישט קיינמאָל פאַרנומען: — נישט פון טיראָ און אַלקמענע און נישט
אפילו פון דער שניי־באַקראַנצטער מיקענע; — וואָרים וועמען וועט
דען איינפאַלן אַזאַ כּיטרע המצאה, חוץ דער קלוגער מלכּה
פּענעלאָפּייאַ?) — טאָ זיי וויסן, אַז פאַרשטערט וועט איר ווערן דאָס
נחת! פאַרוואָס? — ווייל אָן רחמנות וועלן ווייטער מיר פראַווען
הוליאַנקעס איגם דאָזיקן היכל, ביז געלינדערט וועט ווערן איר
גרויס עקשנות, מיט וואָס דער הימל האָט געטון זי באַשירמען!
אָ, צוליב איר עקשנות געטון האָט איר שם־טוב דיין עשירות
פאַרשלינגען. מיר אָבער וועלן אַזוי לאַנג דיין היים נישט פאַרלאָזן,
ביז זי וועט זיך נישט אַן אַרגייאישן חתן טון אויסדערוויילן!"
האָט אָבער דער פאַרשטאַנדיקער טעלעמאַכאָס אים אָפּגעענטפערט:
„ניין! נישט אַזוי, אָ פריינט אַנטינאָאָס! בשום אופן וועל איך מיין
מוטער פון זיך נישט פאַרשטויסן. אַלץ איינס: צי לעבט נאָך מיין פאָטער,
צי נישט, — ז י אָבער האָט פון איר טראַכט מיך געווינען און אויף איר שויס
מיך דערצויגן. היינט טאַקע, וואָסער תּירוץ וועל איך ברענגען פאַרן אַלטן
איקאַריאָס? אָ, חוץ אים וועלן מיט בייזער נקמה מיך שטראָפן
די געטער, און מיט דער קללה פון די בייזע עריניעס וועט
די מוטער מיך שעלטן, ביז איכל ווערן אַ בזיון פאַר לייטן! —

יעריבער טאַקע וועל איך פון מיין היכל די מוטער נישט קיינמאָל
וואַרטרייבן! און אויב דער זאָג פון מיין לעפץ האָט אין האַרץ אייך
גטעראָפן, —
טאָ בין איך אייך מתרה מיין בורג צו פאַרלאָזן! טוט שוויפּלען און
גריבלען אין אַנדערע שייערס, און נייערט אייער אייגענעם גאָב
זאָלט איר טון צו פאַרלענדן! אויב אָבער איר מוזט דווקא באַגערן
דאָס עשירות פון אַ פרעמדן ראַבירן, — אָ, דענסטמאָל וועט דאָס
געשריי פון מיין תפילה פון אונטער די חורבות צום אַלמעכטיקן
דזעאוס דערגרייכן, אַז ע ר אַ ל יי ן וועט באַווילקן, אַז איך זאָל
אייך פאַר אַלע נבלות מיט שווערער הריגה אין מיין היכל
פאַרציקן!“
גזעזאָגט; און כהרף-עין האָט מיט אַ געברום פון
קולות וברקים גאָט דזעאוס צוויי אָדלערס פונם באַרג-שפּיץ אַהינצו
צעפלאַטערט. און מיטן געפלאַטער פון ווינטל האָבן זיי תחילת מיט
אויסגעשפּרייטע פליגלען, האַרט איינער ביים צווייטן, בלחש צעשוועבט
זיך. איצט אָבער, אין סאַמע רעכטן גערויש פון דער אסיפה אויף
געמאַרקן, זענען זיי מיט רעש זיך געפלויגן; און שווער פאַטשנדיק מיט
די פליגלען האָבן איבער אַלץ געקוקט זיי פון אויבן אַראָפּצו,
און געסטראַשעט מיט שווערע חרבנות! און נון האָבן זיי מיט די
קלאָען געטון זיך צערייסן די קעפּ און די העלזער, און אויף רעכטס
מיט געשטורעם איבער איטאַקאַ דער שטאָט זיך געקירעוועט! — און
געגאַפט האָט די עדה פון הימלישן צייכן, וואָס דאָס ביטערע
מזל אויף זיי האָט געלאָקערט! —
און נון האָט האַליטערסעס פונם אָרט
זיך דערהויבן; האַליטערסעס בן מאַסטאָר, וואָס פלעגט מיט חכמה
פאַרטייטשן דעם געפלאַטער פון פויגלען און טרעפן דעם גאַנג פונם
עתיד. אָט ע ר האָט מיט געניטשאַפט פאַרן פאָלק געטון זיך צעשאַלן:
„דעם גערייד פון מיין לעפץ טוט איצט פאַרנעמען, אַ איטאַקאַנישע
מאַנען; — אָבער פריער פאַר אַלץ איז כולל מיין וואָרט צו חתנים!
הערט: איבער אַלעמענס קעפּ שוועבט איצט אַ שרעקלעך אומגליק:
נישט לאַנג
וועט עס נעמען, און אָדיסייאוס וועט אַהערצו געגענען מיט

טויט און פֿאַרדאַרבונג; אַז אײנאײנעם מיט חתנים וועט ער אויך די
באַרגיקע שבטים פֿון איטאַקאַ פֿאַרלענדן! דעריבער: לאָמיר
זוכן אַן עצה אָפּצוהאַלטן די מעשים־תּעתּועים פֿון
די ווילדע חתנים, ווײל ז'י שפּילן מיטן אײגענעם לעבן! — — —
ווײסט:
נישט קײן קינד, — נײערט אַ באַהאַוונטער חוזה בין איך צו פֿאַר אײן
מיט מײן טרעפֿונג געקומען. זעט: עס נעמט ווערן מקוים מײן
גרויסע נביאה, וואָס איך האָב בשעתו מבשר געווען,
בעת מיטן אַרגײאישן חײל האָט מיט שיפֿן בן־לאַערטעס
אַקעגן טראָיע געצויגן, אַז: „...נאָך שווערע נסיונות וועט ער,
אַ מתבודד, אומקערן אַהײם זיך אָן פֿרײנט און חברים, וואו
נאָך צוואָנציק פֿאַרוואָגלטע יאָרן וועט אים קײנער אין זײן הײם נישט
דערקענען!"
דערויף אָבער האָט אײרימאַכאָס בן פּאָליבאָס
אים כּעסיק געענטפֿערט:
„טראָג זיך אַהײם מיט דײן טרעפֿעכץ, אַ אַלטער,
און טײטש אויס דײנע זין די סמנים, אַז נישט נעמען זאָל דער רוח
זײ! אָבער וואָס שײך די פֿויגל־סמנים, — ווײס דעם פּתרון איך
בעסער: קאַרג פֿויגלען פֿלאַטערן אַרום דאָ, אין אונזער מדינה?
נו, — מוז דען יעדערער זײן אַ מבשר? — בכן: זײ ווײסן, אַז
אָדיסײאוס איז לאַנג שוין אַ הורג, און הלוואי וואָלסטו מיט אים
דאָרט אײנאײנעם געוואָרן געניזוקט, אײדער צו בונטעווען זײן
זון טעלעמאַכאָס, אַז צוליב זײן כּעס אויף חתנים, זאָל ער מיט
מתּנות טון דיך באַשענקען! — און נון וויל אויך איך אַ בשורה דיר
ברענגען, וועלכע וועט באמת דיר ווערן מקוים: אויב דו וועסט
מיט דײן שׂכל, אַ אַלטיטשקער פּלאַפּלער, צערײצן דעם כּעס פֿונם
יונגיטשקן בחור, — טאָ וועט ער טיפֿער נאָך זינקען אינם ים פֿון
געיאָמער, ווײל אומבאַהאָלפֿן וועט ער בלײבן אַקעגן אונז, די
חתנים! און צו דיר ווידער, אַ זקן, בין איך מתרה: ח ר ט ה,
ווײל אַז נישט וועסטו שפּעטער פֿאַר אַל' דײנע מעשים מיט שווערע
מכאובים באַצאָלן! — דו אָבער, טעלעמאַכאָס, טו פֿאַרנעמען
די התראה, וואָס איך בין דיר דאָ ערוב פֿאַרן אײנגעזאַמלטן

עולם: טו באַצווינגען דיין מוטער אומצוקערן אַהיים זיך אינם הויז
פון איר פאָטער; און לאָז דאָרט פּראַווען אַ חופּה, ווי עס פירט זיך
ביי לייטן, ווייל פריער וועלן די זין פון אַכייאַ זיכער נישט
אָפּשטיין מיט אַ באַצווינגטער אַנטשפּויזונג, ווייל פאַר קיינעם
טוט אונזער האַרץ נישט צו פאַרכטן, און אפילו פאַר דיר נישט, אָ קינד
טעלעמאַכאָס, הגם דו ביסט מיט אַזויפיל שטראָף-רייד באַוואָרנט!
— — היי! אויך אויף ד יי ן נביאות, אָ זקן, וואָס דו האָסט אין די ווינטן
מיט חוצפּה געפּלאַפּלט, — שפּייען מיר מיט שנאה גלייך דיר אין פּנים,
ווייל איצט ערשט וועלן מיר זיך אַ נעם טון אויף הולטייסקע אופנים,
צו פראַווען הוליאַנקעס מיט ווילדן געפילדער; און אָן רחמנות
וועט ווערן חרוב ונחרב דערדאָזיקער היכל, ביז זי וועט
זיך נישט מיט איינעם פון אונז דאָ אַנטשפּויזן! אָ, טאָג-איין און טאָג-אויס
וועלן מיר קעמפן צוליב דער געקרוינטער, ווייל צו אַן אַנדערער
אשה טוט אונז נישט גלוסטן!"
האָט דערויף בן-אָדיסייאוס זיינע
לעפצן צעעפנט:
„צו ד י ר, אָ איירימאַכאָס, און צו א יי ך, איר
הויכגעאַכפּערטע חתנים, איז מיין זאָג איצט געוואָרפן. הערט: נישט
קיין רחמנות איך זוך איצט ביי קיינעם, — ווייל סיי די אַכייער און
סיי אַלע הימלען האָבן נישט געטון מיך פאַרנעמען! וואָס דען? — גיט
מיר תיכף אַ גיך-יאָגיקע שווים-שיף מיט צוואָנציק מרגלים, אַז
מיר זאָלן מיט איר זיך קיין ספּאַרטאַ און פּילאָס אַ לאָז טון, בכדי
צו נישטערן אונטערוועגנס אַ בשורה פון מיין פאַרפאַלענעם
פאָטער. ווייל עס קאָן זיין, אַז אַ בן-אדם האָט וואו אים באַגעגנט,
אָדער גאָר אָססאַ האָט, אַ געשיקטע פון דזעאוס, — געגעבן צו
לייטן פון מיין פאָטער צו וויסן! — און אויב צו מיין אויער וועט
דערגרייכן, אַז עס לעבט נאָך דער קיניג און קלויבט זיך אַהערצו, —
טאָ וועל איך (הגם מיט יסורים) נאָך איבערדייבערן אַ יאָר
מיט מעת-לעתן. אויב אָבער אַ בשורה פון טויט וועט מיין האַרץ מיר
צעשניידן, — טאָ וועל איך תיכף זיך אומקערן אינם לאַנד פון די

אבות ; אויפשיטן אַ קענאָטאַף לזכרון אויף דורות, און
כדין וכדת דאָרט פראַווען אַ סעודת־אבלה, און געבן
רשות צו דער מוטער, אַז זי זאָל זיך אַ צווייט מאָל אַנטשפּויזן !״
אַזוי געזאָגט האָט דער בחור און אויפן טראָן זיך געוואָרפן. דערוויי̈ל
אָבער האָט מענטאָר פונם אָרט זיך דערהויבן ; — מענטאָר, דער ליבסטער פריינט
פון געבענטשטן האַר אָדיסייאוס, אין וועמעס רשות ער האָט
איבערגעגעבן די שליחות פון היכל, בעת ער האָט מיט
שיפן קיין טראָיאַ געצויגן. אָט ע ר האָט פאַרן עולם צעשאַלט זיך :
„דעם גערייד פון מיינע לעפצן טוט איצט, אָ מאַנען פון איטאַקאַ,
פאַרנעמען ! לעתיד זאָל יעדערער מלך געוועלטיקן אָן
יושר און רחמים ; און ביי יעדן שרביט־באַהערשער זאָל זידן
דאָס האַרץ פון כעס און נקמה, — ווייל קיינער פון אייך טוט איצט זיך
דערמאַנען אָן דעם געטער־צוגלייכן האַר אָדיסייאוס, וועלכער
האָט מיט חסד און רחמים אונזער מדינה באַוועלטיקט ! — הערט : נישט
מיט קיין דבר־מוסר איך קום איצט צו ווילדע חתנים, וועלכע
האָבן ווידערגעשפעניקט אַקעגן האַר אָדיסייאוס, און
הוליען און טאַנצן אַרום אין זיין היכל, באשר ער איז שוין
אַ טויטער. ניין ! נישט צו ז ײ , נייערט צו א ײ ך , אָ מעכטיקער רבים,
איך קום איצט צו פרעגן : פאַרוואָס דערלאָזט א י ר צו אַזאַ שווערער נבלה ? !״
האָט אָבער לייאָקריטאָס דערויף אים געענטפערט :
„אָ מענטאָר, דו נאַרישער פלאָקן ! מיט ז ײ ווילסטו אויפוועקן
אַקעגן אונז אַ מרידה ? היי, היי ! נישט אַזוי לייכט אָבער וועט
דיר זיך איינגעבן פונם טיש אונז פאַרטרייבן, ווייל אויך מ י ר זענען מיט
כוחות באַלאָדן ! אָ, אויב אפילו דער מעכטיקער האַר פון
איטאַקאַ, דער קעניג אָדיסייאוס, וואָלט איצט אַזוי פּלוצלינג
אַהער זיך געוויזן און געוואָלט אונז חתנים פאַרלענדן, — טאָ
וואָלט אפילו זיין אשה — וואָס גייט אויס איצט פון בענקשאַפט — גאָר מיאוס
אָפּגעשניטן ; ווייל פאַרטיליקט זיין געביין וואָלטן די שטאַרקע

חתנים. — היינט, צו וועמען וועט דערגיין דיין געפלאַפּל, אָ מענטאָר ? —
איר אָבער, אָ מאַנען פון איטאַקאַ, נעמט אייך צוריק פאַר אייער
טעגלעכער אַרבעט און פאַרלאָזט אייך אויפן יושר פון ביידע פריינט פון
אָדיסייאוס : העליטערטעס און מענטאָר, וועלכע וועלן מאַכן
אַלע הכנות צום אָפּפאָר פאַרן יונג טעלעמאַכאָס, — הגם איך
בין אייך בטוח, אַז צוליבן פאָטער וועט ער איטאַקאַ נישט
קיינמאָל פאַרלאָזן ! — —“

געזאָגט ; און אויפגעריסן איז געוואָרן די
גרויסע אסיפה.

און אַז יעדער איז אַוועק צו זיין טעגלעכן
עסק, האָבן אינם הויז פון אָדיסייאוס געענעט די חתנים !

אָבער אַ מתבודד האָט טעלעמאַכאָס צום ים־ברעג גענידערט ;
אין גרויע פאַליעס געוואַשן די הענט זיך, און געטון תפילה צו
פּאַלאַס אַטענע :

„פאַרנעם מיין געוויין איצט, אָ געטין, וועלכע האָסט
נעכטן געטון צו פאַר מיך זיך אַנטפּלעקן ! אָ, איבער טונקעלע
ימים דו האָסט מתרה געווען מיר אַרומזוכן מיין פאָטער. איצט
אָבער טוען אַכייער, און דעריקערשט חתנים, דעם וועג מיר
פאַרשטערן !“

אַזאַ געווען איז די תפילה. און כהרף־עין
האָט אַטענע בצורת מענטאָר (אין קול און גוף און אין פּרצוף)
געטון צו אים זיך באַווייזן. און באַפליגלט גערייד האָט זיך אויס
די ליפּצן פון דער הייליקער געטין געגאָסן :

„טעלעמאַכאָס !
אויב דו האָסט באמת די גרויסע נשמה — פון רייד און פון
מעשים, — פון דיין פאָטער געירשנט, — טאָ זאָלסטו אָן פּחד איצט
ציען אין מרחק : ווייל זע : לגבי דיר וועט אָן אַ שטרויכלונג זיך
איינגעבן די וויטע נסיעה ! באם אָבער די זרע פון
אָדיסייאוס האָט מיט דער טראַכט פון פּענעלאָפּייאַ נישט געטון
דיך געווינען, — אָ, דאַן בין איך דיר ערוב, אַז וועסט קיינמאָל
דעם סוף
צום אָנהייב נישט ברענגען ! פאַרוואָס ? — ווייל אַזוי ווייניק זין געראָטן

מיט מידות אַריין אין די אָבות: פיל ערגער דער  ר ו ב  איז, און
גייערט אַ מיעוט איז בעסער! — בכן לאָז אָן פחד אין מרחק
זיך שווימען; ווייל אין דיר טליעט  לאַנג נאָך דער  גייסט  פון האַר
אָדיסייאוס,
מיט וועמעס גרויסן בטחון עס וועט האָבן אַ פעולה דיין
אַרבעט! אָ, נישט שרעק זיך פאַרן ביטול פון פוסטע חתנים, ווייל זיי
ווייסן אפילו דעם פשט נישט פון חכמה און משפט, מיט וואָס
זייער מזל דאָס שוואַרצע וועט בקרוב צו זיי זיך געגעגענען.
דעריבער: אייל זיך וואָס גיכער צו מאַכן הכנות צו דער
ווייטער נסיעה. און  א י ך , — אַן אַלטער פריינט פון דיין ליבהאַרציקן
פאָטער, וועל דיר אָנגרייטן אַ גיך־יאָגיקע, טונקעלע שווים־שיף,
און בכבודי־ועצמי טון דיך באַגלייטן! — איצט אָבער זאָלסטו
ווידער צווישן דער הברה חתנים אינם היכל געגענען; און
בשתיקה זיך אָנברייטן צידה־לדרך אין ערדענע
כּלים, און מעל, — וואָס קרעפטיקט דעם מאַרך אין די ביינער — אין
לאָגלען פון
לעדערנע פעלן! — איך ווידער וועל צום פאָלק איצט געגענען, בכדי
איינצוזאַמלען אויפן וועג די חברים, — וואָרים קאַרג שיפן (אי
אַלטע, סיי נייע) איז דען ביים רוישיקן ים־ברעג פון איטאַקאַ
פאַראַנען? — אָט, פון אַלע וועל איך צו פאַר דיר אויסדערוויילן די
שווים־שיף די שטאַרקסטע, מיט וואָס דו וועסט איבערן ים זיך אַ
לאָז טון!"
אַזוי האָט געזאָגט בת־דזעאוס — אַטענע. און תיכף, ווען דער זון
פון אָדיסייאוס געטון האָט פאַרנעמען דאָס קול פון דער געטין, —
האָט ער מיט אַ שווער־באַלאָדן האַרץ געגנידערט אַהיימצו!
און נון האָט ער אינם שער המלך אָנגעטראָפן די סטאַדע
חתנים ביים שינדן די ציקלעך און ביים בראָטן געשטאָפּטע
חזירים. און אַן אויפגערוימטער האָט אַנטינאָיאָס באַגעגנט
דעם האַר טעלעמאַכאָס, און מיט אַ דריק אויף זיין דלאָניע האָט ער
מתרה געווען אים:
„נישט קאָך זיך אַזוי, אָ בחור, מיט חוצפהקע
רייד און ווידערשפעניקן לשון! קום, לאָמיר אַלע זיך וואוילגיין

מיט שפּייז און משקאות, ווײַל זײ, די געטרײַע אַכײַער, וועלן
אַליין שוין באַזאָרגן אַ שיף מיט באַגלייטער, אויף וועלכער דו
וועסט זיך אין פּילאָס אַ לאָז טון, בּכדי צו דערגיין וואָס פון פאָטער!"
האָט אָבער טעלעמאַכאָס, דער חכם, דערויף אים געענטפערט:
„ניין! בשום-אופן, אַנטינאָיאָס, וועט מיר נישט אָנשטיין מיט אײַך,
בעלי-גאווה, בײַם מאָלצײַט אַזוי שווײַגיק אינם טומל צו זיצן, —
וואָרים קאַרג הוליאַנקעס האָט איר ביז איצטער, — בעת איך בין אַ קינד
נאָך געווען, — אויפן חשבון פון מײַן גרויס עשירות געפּראַוועט?
איצט אָבער, — אָ איצט, אַז איך בין שוין צום מאַנסביל דערוואַקסן, און מײַן
אויער טוט פאַרנעמען די טענה פון לײַטן, — נעמט הארבער נאָך
וואַקסן מײַן כעס און נקמה, אַז איך וועל זײַן זיך מתאמץ, אַז
דער שרעקלעכער קערען זאָל טון אײַך אין פּילאָס, אָדער אפילו
דאָ אין איטאַקאַ, פאַרלענדן! — — שווימען וויל איך! ניין! קיינער וועט מײַן
געראָטענע נסיעה אין דער געדונגענער שווים-שיף מיט אַ שטרויכלונג
נישט באַווײַזן פאַרשוועכן, הגם איר האָט מײַן שיף און באַגלייטער
געמאַכט חרוב ונחרב!"
געזאָגט; און אויס דער האַנט פונם בוגד האָט
לײַכט ער אַרויסגעצויגן זײַן דלאָניע, בעת חברה הולטאַיעס
האָבן דערווײַלע מיט התמדה מכין געווען זיך מיט נבולע-
פּה און מיט חוזק צו פּראַווען דאָס מאָלצײַט. און מוטוויליק האָט
איינער צום צווייטן געפּלאַפּלט:
„חברה! טעלעמאַכאָס מיינט דאָך ערנסט
אומצובּרענגען חתנים! זעט: אַזש אין דער זאַמדיקער פּילאָס ער
קלויבט זיך נאָך הילף איצט! עס קאָן אגב געמאָלט זײַן, אַז ער וועט גאָר
אָנשפּאַרן אין ספּאַרטאַ, אָדער אַזש אינם ווילד-באַגראָזטן עפּיראָס;
פון וואַנען ער וועט מיט סם-המות זיך אומקערן אַהערצו,
בכדי בערמה אָפּצוסמען אונזער ווײַן אין די לאָגלען, פון
וואָס מיר וועלן ווערן געניזוקט!"

האָט אַ צווייטער מוטוויליקער
בחור מיט שאַקלהאַפּטיק גערייד אים געענטפערט :
„— — וואָס ? און אפשר וועט
ער גאָר אונטערוועגנס, ווי זיין פאָטער אָדיסייאוס, דעם קיום
פאַרלירן ! — אויב אַזוי, — טאָ וועט דאָך געטאָפּלט זיין אונזער
טרחה :
איינטיילן צווישן ז י ך זיין גרויס עשירות, און רק לכבוד
זיין מוטער מיטן יונגן געליבטן, — אָפּצוטרעטן דעמדאָזיקן
היכל !”
אָט אַזוי האָבן געחוזקט לצנים. דערווייל אָבער
האָט טעלעמאַכאָס אין די געוועלבטע קעלערס פון זיין פאָטער
געבידערט, וואו שפע פון גינגאָלד און רודע זעגען אין קופּעס
געלעגן ; אין אַלמערס די טייערע קליידער, און שמן-זית
אָנגעפולטע אין צוברעס. חוץ דעם איז אויך דאָרט געשטאַנען פיל
טינען מיט אַלטע, באַלזאַמישע ווייגען ; די זיס-געטלעך און
קלאָרע געטראַנקען, וואָס האָבן אין סדר (אָנגעשפּאַרטע ביי ווענט)
געטון וואַרטן אויפן האַר אָדיסייאוס, ווען ער וועט פונם שרעקלעכן
עצבות אומקערן בקרוב אַהיים זיך ! — אָ, אויף צוויי פליגלען
האָט
מיט גבורה דער קעלער געטון זיך פאַרריגלען, וואו טאָג איין, טאָג
אויס האָט אייריקלייאַ בת אָפּס בן פּייזענאָר, די שומרת-
הפתח, מיט חכמה געוועלטיקט. אָט ז י האָט טעלעמאַכאָס אינם
קעלער גערופן, און געטון בעטן אַזוי :
„מאַמענקע ! גענען
זיך אַהערצו און טו מיר אָנשעפּן די ערדענע לאָגלען מיטן
יין-המשומר, וועלכן דו באַוואַכסט אַזוי שטאַרק פאַרן קיניג
אָדיסייאוס, דעם געטלעכן סבלן, וואָס וועט זיך פונם שרעקלעכן
עצבות אומקערן בקרוב אַהיימצו ! הער : צוועלף לאָגלען מיט
ווייגען טו מיר מיט דעקלעך פאַרשפּינדלען, און אָנשיטן זאָלסטו די
לעדערנע שלויכן מיט צוואָנציק מאָסן פונם שטאַרק צעשטויסענעם
גערשטן. אָבער ווייס : חוץ ד י ר , זאָל דאָס בלייבן אַ סוד פאַר
איעדן !

אוּן ערשט מיטן פאַרגאַנג פוּן מזלות, — ווען מיין מוטער וועט אינם שלאָף-בעט
געוועגען, — וועל איך ערשט די זאַפּאַסן בשתיקה פאַרנעמען!
וואָרים איך קלויב זיך קיין ספאַרטאַ אוּן צום זאַמדיקן פילאָס, וואו איך
וועל אוודאי עפּעס דערגיין דאָרט פוּן מיין פאַרפאַלענעם פאָטער!"
אַזאַ געווען איז זיין טענה. אָבער מיט אַ שווערן געהויל
האָט אייריקלייאַ, די שומרת-הפתח, בקול רם
זיך ביטער צעהעשעט אוּן אַזוי צום בן-מלך צעשאַלט זיך:
„קינד מיינס! ווער האָט דיר אין האַרצן אַזאַ שווערן רעיון געוואָרפן,
וואָס דוּ ווילסט אַ מתבודד איבער ימים זיך לאָזן, אַ איינציק
פאַרבליבענער זון פוּנם היכל?! אַך, ווייט, ווייט [illegible] זיין היימלאַנד איז דיין
איידעלער פאָטער אומגעקומען אין מרחק. אוּן איצט? — אַך, אויב דוּ
וועסט איצט איבער ימים זיך לאָזן, וועלן געלאָקערטע שונאים
אונטערוועגס דיך פאַרציקן, בכדי דיין גרויס עשירות צווישן
זיך דאָ צעטיילן! דעריבער: בלייב! פאַרבלייב אויף דיין גוטס! וואָרים וואָס
טרייבט דיך, אָ קינד מיינס, איבער ווייטע אוּן ברומיקע, מדברישע
ימים צו בלאָנזשען?"
האָט טעלעמאַכאָס דערויף איר געענטפערט:
„טרייסט צוּ דיר, טרייסט, אָ שומרת הפתח!! צלך, וואָס איך טוּ איצט, איז
אויפן באַראָט פוּן די הימלען! ובכן איך טוּ דיך באַשווערן: פאַרצייל
נישט מיין מוטער, ביז עלף אָדער צוועלף מעת-לעתן וועלן ווערן
פאַרשווימען. וואָרים עס קאָן זיין, אַז זי וועט פרווון מיך זוכן
אוּן פוּן מיין דערווייטערונג הערן, — טאָ וועלן אירע באַקן די
שיינע, דורך ביטערע טרערן, ווערן פוּן בענקשאַפט פאַראומערט!"
געזאָגט; אוּן צוּ פאַר אַלע הייליקע געטער האָט די זקנה
געשוואוירן. אוּן באַלד נאָכן נדר האָט אָנגעפוּלט זי פוּנם
יין-המשומר אַלע ערדערנע לאָגלען, אוּן צעשטויסענעם
נערשטן אין די לעדערנע שלויכן. דערנאָך ערשט האָט טעלעמאַכאָס
אינם געצעלט פוּן חתנים געטוּן זיך דערהויבן.

און נון איז
אַטענע אויף אַ נייער המצאה געפאַלן: בצורת
טעלעמאַכאָס האָט זי איבער געמאַרקן געשלייכט זיך און געטון
אַלע מאַנען באַפעלן, אַז אין דער צייט פון העליאָסעס גסיסה
זאָלן אַלע פאַרן באָרט זיך פאַרזאַמלען; און נייערט ביי נאָעמאָן
בן פראָניאָס האָט אַ שיף זי געבעטן, וועלכער האָט ממלא
געווען זיין בקשה!

און בעת העליאָס האָט גענומען זיך
לעשן, און געטונקלט עס האָבן די וועגן, — האָט דערוויילע די
געטין אַרויסגעצויגן די שיף פון די פאַליעס; אַריינגעבראַכט
צום אָפּפאָר מכשירים און צום ברעג זי פאַראַנקערט. אָבער אויך די
מאַנען זענען געווען פאַרזאַמלט, וועמען עס האָט געטריבן
צו הכנות אַטענע!

און נון איז זי ווידער אויף אַ נייער
המצאה געפאַלן: ווי אַ שאָטן האָט זי צוגעשלייכט זיך צום
היכל פון האַר אָדיסייאוס און אַ מידן שלאָף אויף די וויַעס
חתנים געוואָרפן, אַז פאַרמאַטערט זענען די בעכער
געפאַלן אויס די הענט פון שיכורים. און באַרוישטע האָבן
אַלע אַהיים זיך געוואַקלט, — בעת די בלוי-אויגיקע פאַלאַס
בת-דזעאוס האָט בבחינת מענטאָר (אינם קול און אין פרצוף) אויסן
היכל אַרויסגערופן דעם יונגן העלד טעלעמאַכאָס און
געטון זאָגן אַזוי:

„טעלעמאַכאָס! אָנגעברייט עס שטייט שוין דיין
שווים-שיף מיט שיין-געפאַנצערטע שיפערביים רודער צום אָפּפאָר.
דעריבער קום, און לאָמיר תיכף איבער ימים אין מרחק
לאָזן זיך שווימען, און נישט אָפּהאַלטן די נסיעה אויף שפּעטער!"
געזאָגט; און כהרף-עין האָט פאַלאַס-אַטענע אויפן וועג זיך
געפּעדערט, און אויף דער גייערקעס טריט נאָכגעשפּרייזט האָט דער בחור.
און געווען איז, ווען זיי האָבן אַזוי צוגעשלייכט זיך צו דער שווים-שיף;

האָבן זיי די קעפּ־געלאָקטע חברים ביים אויפשטייג באַגעגנט,
פאַר וועמען טעלעמאַכאָס האָט מיט הייליקער שטאַרקייט צעשאַלט זיך:

„קינדער! קומט, לאָמיר ברענגען אַהערצו אונזער צידה־לדרך,
וועלכע ליגט אין מיין היכל פאַרבאָרגן, פאַר מיין מוטער און שפחות
בלייבט אַ סוד איצט מיין אָפּפאָר; חוץ פאַר איינער, וואָס איך האָב אַנטפּלעקט אים!"

געזאָגט; און פאָראויס ע ר, און נאָך אים זענען אַלע חברים נאָך
זיינע שפּרייז־טריט געלאָפן. און אויפן געהייס פון בן־אָדיסייאוס
האָבן אַריינגעבראַכט די זאַפּאַסן אויף דער שיף־דעק חברים. — און
נון האָט טעלעמאַכאָס (באַגלייט פון אַטענען) אויף דער גיך־יאָגיקער
שווים־שיף געגידערט; און הינטן, ביים קירעווער, האָט געזעצט זיך די
געטין, און האַרט לעבן איר — טעלעמאַכאָס. און באַפרייט פון די
פּרענטעס האָבן שיפער דעם מאַסטבוים, און צו די בענק, פאַר די
וועסלעס, זיך איילִיק געוואָרפן! — — אָ, מיט אַ קילענקע ווינטל האָט
בת־דזעאוס געטון זיי באַגלייטן, אַז געגלעט האָט דער מערב דאָס
רוישיקע, טונקעלע וואַסער. און אויפן געהייס פון בן־מלך
האָבן מאַטראָזן דעם סמערעקענעם מאַסטבוים אַריינגעצויגן
אויפן דיל פון מיטעלען אויסהויל, און שטאַרק אים מיט פּרענטעס באַפעסטיקט.
און אויפן אויפגעהויבענעם מאַסטבוים האָבן חברים אויסגעשפּאַנט
דאָרט די שנייאיקע זעגל מיט שטאַרק־געפלאָכטענע רימענס, וועמעס
ווייסקייט דער ווינט האָט געוועלבט און געכוואַליעט. —

און נון האָט מיט קראַפט און גבורה גענומען שלאָגן דאָס פּערלדיק וואַסער דעם שפּיץ פון דער
גליטשיקער שווים־שיף, אַז מיט ווילדן גערויש איז זי איבער כוואַליעס
מיט איילִיקער גיכקייט געפלויגן! — — —
און געווען איז, ווען זיי האָבן

זיך אין דער טונקעלער שיף מיט מכשירים באַפּעסטיקט, — האָבן זיי
פונם

יין־המשומר מקריב געווען לכבוד די אייביקע
געטער, — אָבער נאָך מערער צו פּאַר בת־דזשאוס אַטענע, וועלכע
האָט פון שקיעה ביז באַגינען געטון דאָס וואַסער באַשיפן.

# דאָס דריטע געזאַנג

אין פּילאָס.

אזן נון האָט זיך העליאָס צום בלייערנעם הימל פון ימישן
אָפּגרונט דערהויבן, בכדי צו באַשטראַלן אויף הימלען די געטער,
און ליכטיקייט צו ברענגען פאַר יעדערן קיום אויף ערדן. אָט אין
יענער רגע האָבן קיין פּילאָס, — אין דער פעסטונג פון נעלייאָס —
אַריינגעשיפט זיך די מאַנען, וואו ביים ים-ברעג האָבן לייטן
לכבוד פּאָזיידאָן מקריב געווען טונקעלע, שוואַרצע
בוהייעס! — — און ניין איז די צאָל בענק דאָרט געווען, און צו
מענטשן
פינפהונדערט אויף יעדער, פונוואַנען יעדע שורה האָט ניין ביקעס
מקריב געווען באַזונדער. — און געווען איז, בעת זיי האָבן
מיט אינגעווייד געקוויקט זיך און אויף קטורת געריכערט די
לענדן, — האָבן דערוויילע די שיפער צום ים-ברעג געזעגלט; די
שיף דאָרט פאַראַנקערט; און מיט מאַטראָזן אינאיינעם האָט אויך בן-
אָדיסייאוס (באַגלייט פון אַטענען) אויף יבשה גענידערט.
און אַזוי האָט אים בת-דזעאוס מיט חשק צוואַרעמט:
„נישט פאָרכט זיך,
אָ זון טעלעמאַכאָס. וואָרים געבראַכט האָט דער ים דיך אַהערצו
בשלום, בכדי זאָלסט דערגיין איצט אויף וועלכע ערדן עס האָט זיין
גורל דיין פאָטער פאַרוואָרפן! דעריבער: גענען איצט צו נעסטאָר,
דעם פערדן-באַצווינגער, און לאָמיר זיין עצה דאָרט הערן! יאָ, אויף
דיין הייסער בקשה וועט ער דיך נישט קיינמאָל גענאַרן, ווייל עס
געשיקט זיך דאָך ווייט נישט, אַז אַ חכם זאָל דעם אמת פאַרבייגן?"
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף איר געענטפערט:
„מענטאָר! צי וועל איך דען באַווייזן פנים אל פנים צום מלך

גענענען, אַז אָנגעבריים איז נאָך מיין צונג נישט געווען מיט
שאַליקע ווערטער, — היינט, ווי אַזוי וועל איך, בחור, מיטן ישיש
דאָרט
טענהן ?״
האָט אָבער אַטענע בת־דזעאוס דערויף אים געענטפערט :
„טעלעמאַכאָס ! אַ פונק פון דיין האַרץ וועט צום טענהן אַליין דיך
שוין טרייבן און מיט רעיונות וועט דער הימל דיינע ווערטער
באַפליגלען, — וואָרים דו ביסט דאָך בזכות פון די געטער אויף
ערדן
דערוואַקסן !״
געזאָגט ; און פאָרויס האָט געשלייכט זיך די געטין, און נאָך
דער גייערקעס טריט האָט מיט איילִיק געשפריַיז נאָכגעשאַרט זיך דער
בחור. —
און נון האָבן זיך ביידע צום אָרט פון די פילישע
מאַנען געפעדערט, וואו נעסטאָר מיט די בנים האָבן אגב
געפראַוועט אַ סעודה ; און פונם בראָט־שפּיז האָבן סקלאַוון דערלאַנגט זיי
די פליישן ! — און נון האָבן די יושבים מיט אַ „ברוכים־הבאים״
באַגעגנט די אורחים, און אויף „שלום״ אויסגעשטרעקט זיי די דלאָניעס.
און באַלד האָט זיך פייזיסטראַטאָס בן נעסטאָר צו ביידע אורחים
געפעדערט ; אויף ימישע זאַמדן אויסגעבעט זיי פיל וואָלענע
פעלן, און צווישן נעסטאָר דעם פאָטער און טראַזימעדעס זיין
ברודער צום טיש זיי פאַרבעטן. — מיט געבראָטענעם חלב האָט ער
מכבד געווען די אורחים ; אָנגעגאָסן די וויינען אין
בינגילדענע בעכער, און לכבוד דער טאָכטער פון בליציקן
קראָנאָס זיין וויין־כוס דערהויבן :
„צום ים־גאָט פאָזיידאָן זיי איצט,
אָ פרעמדער, מתפלל, ביי וועמעס הייליקן קרבן דו האָסט אונז
באַגעגנט ! און אויב דו וועסט שוין האָבן כדין וכדת מקריב
געווען דיין קרבן בתפילה און אויף מזבחות געשפרינקלט
דיין וויין בהשלמה, — טאָ זאָל אויך ע ר טון תפילה צו פאַר אַלע
הייליקע געטער (אין וועמעס גנאָד עס נויטיקט דער מענטש זיך). —
צו ד י ר

אָבער האָב איך זיך מקדים געווען מיטן גינגילדענעם וויין-כוס ;
וייל גלייך ווי א י ך , קאָן ע ר זיך אין יאָרן צו ד י ר נישט
פאַרמעסטן !"
געזאָגט ; און מיט געניטשאַפּט האָט ער דערלאַנגט איר דעם
בעכער מיט
האַרצנס-חדווהקע ווייגען. און מלא שמחה איז געוואָרן דאָס
האַרץ פון דער געטין פונם יונגלינגס איידעלע מעשים, אַז תיכּף
האָט זי אויסגעשטרעקט אירע הענט, בכּוונה און בלחש
מתפּלל געווען צו פאַרן ערדן-צעטרייסלער, פּאָזיידאָן :
„דעם גערייד פון מיינע לעפצן טו איצט פאַרנעמען, אָ שטאַרקער
פּאָזיידאָן, וואָס גאַרטלסט אַרום אַלע לענדער אויף ערדן ! טו גנאָד
פאַר מיין תפילה, און זיי מיר מזכּה אונזער גרויסע עבודה !
אָ, מיט כּבוד און תפארת טו קרוינען דעם איידעלן נעסטאָר
מיט זיינע גוטענקע קינדער ; און פאַר אַלע העקאַטאָמבן, — זיי
מהנה מיט חסד אַלע האַרן פון פּילאָס ! — און אונז ? אָ, מיט
גרויסן נצחון זאָל איך און טעלעמאַכאָס קומען בשלום
אַהיימצו, בכדי אונזער ים-וועג זאָל נישט זיי לבטלה".
אַזאַ געווען איז די תפילה ; און צו דער האַנט פון טעלעמאַכאָס
האָט דערלאַנגט זי דעם בעכער, וועמעס לעפּץ האָט גלייך ווי אַטענע
מתפּלל געווען !
און נון האָט מען אַראָפּגעצויגן דאָס פלייש
פון די שפּיזן און איינגעטיילט אויף חלקים און בהרחבה
געפּראַוועט דאָס מאָלצייט. — — און ערשט, אַז די סעודה האָט
אונטערגעלענט
זיי די הערצער, האָט נעסטאָר, דער זקן, ביי די אורחים געבעטן :
(„איצט ערשט, נאָכדעם ווי מיינע אורחים האָבן מיט עסן און
טרינקען
געטון זיך דערקוויקן, — וועל איך צום אויספרעג זיי נעמען !) —
— געסט מיינע ! זאָגט : ווער זענט איר ? פונוואַנען האָבן די
כוואַליעס געבראַכט
אייך אַהערצו צו שווימען ? צי זענט איר צוליב עסקים אין מיין
מדינה געקומען, אָדער טרייבט אייך דער סבלנישער כּוח

איבער פאַרוואָרפענע ימים צו בלאָנזשען, בכדי פרעמד האָב צו
ראַבירן, פון וואָס איר אַליין וועט סוף־כּל־סוף ווערן גענוזוקט?"
האָט אָבער דער פאַרשטאַנדיקער בחור טעלעמאַכאָס מיט דרייסטן
כּוח צום קיניג געענטפערט; מיט כּוח אָן פחד, וואָס כבודה
אַטענע האָט אין זיין האַרץ געבלאָזן, אַרומצוזוכן דעם
פאָטער, בכדי אונטערוועגנס צו געפינען חן אין די אויגן
פון לייטן:
„אָ נעסטאָר בן נעלייאָס, דו שם־טוב פון אַלע
אַכייער! צוליב דיין רצון וועל איך אַלץ דיר געבן צו וויסן.
הער: נישט בשליחות־ציבור, נייערט צוליב מיינע אייגענע
עסקים זענען מיר איבער נייאָן דורך איטאַקאַ אַהערצו
געקומען! אַך, אויף מיין פאָטער, דעם געטלעכן האַר אָדיסייאוס,
איך קום צו פרעגן; וווייל משמעות האָט איר ביידע אינאיינעם
אויף ווייטע מלחמות געטון דאָרט בשעתו די טראָיאַנישע
פעסטונג באַצווינגען! — זע: פון אַלע גבורים, וואָס האָבן זייער
לעבן ביי איליאָן פאַרלוירן, — האָט דער יתר־הפליטה געטון
אונז צו וויסן; און נייערט דעם סוף פון מיין אומגליקלעכן פאָטער
האָט אפילו דזעאוס־קראָניאָן געטון מיר פאַרבאָרגן! — אָ, ווער
קען מיר באַשיידן וואו ער איז געוואָרן פאַרטיליקט? צי האָט אים
אויף יבשה געטראָפן די פייל פונם שונא, אָדער אפשר גאָר
האָט אים אַפראָדיס אין אירע צעשמעטערטע וואַלן דערטרונקען?
דעריבער פאַל איך איצט כּורעים צו דיינע קניען, אָ קיניג, און
בעט דיך: זיין מיר מבשר פון זיין שרעקלעכער מיתה, און פאַרצייל:
צי ביסטו אַליין ביי זיין גסיסה געווען, אָדער צי האָסטו
עפּעס פון אַ בלאָנזשיקן גייער וועגן אים ווענס פאַרנומען? — ווייל
אַך: נייערט צו שווערע ענויים האָט אים זיין מוטער געפּלאָדיעט!
הער! אָן רחמנות און זהירות זאָלסטו נייערט דעם אמת מיר
געבן צו וויסן. ווייל מיט אַ הייליקער שבועה איך בין אויף דיר
גוזר, אַז זאָלסט מיר דערציילן, צי האָט דיר מיין פאָטער עפּעס
אַ צוואה בפועל אָדער אין ווערטער איבערגעגעבן
אָט דאָרטן, אין איליאָן, וואו צעפרעסן דער צער האָט אַרגייער! נישט
לייקן, נישט לייקן, אָ קיניג, און זיי מיר דעם אמת מבשר!"

און אָפּגעענטפערט האָט אים נעסטאָר, דער פערדן־באַצווינגער:
„קינד מיינס!
דו האָסט אויפגעמישט איצט די וויסטע זכרונות, וואָס מיר, אַכייער,
האָבן אין טראָיאַס מדינה אַלץ איבערגעליטן, בעת ער,
אונזער העלד אַכילייאָס, האָט מיט זיינע חיילות איבער
טונקעלע ימים אין גיך־יאָגיקע שיפן געגישטערט, צו
זוכן דעם שלל פון שונא און באַצווינגען די פעסטונג פון
בייזן פּריאַמאָס, ביי וועמען אַלע שטאַרקע דאַנאַיער האָבן
זייער לעבן פאַרלוירן! הער: אַיאַס, דער גבור, וואָס האָט צום.
מעכטיקן אַרעס געטון זיך פאַרמעסטן, — האָט דאָרטן געפונען
זיין פינסטערן קבר; אַכילייאָס און פּאַטראָקלאָס זענען אין
אַ בשותּפותדיק קבר געוואָרן באַהאַלטן, און אפילו
מיין העלדישן זון אַנטילאָכאָס, — דעם אייליקסטן לויפער פון
אַלע אַכייער, — האָט דאָרטן דער אָפּגרונט פאַרשלונגען! אָבער — וויי:
וואָסער בעל־חי איז דען ביכולת אַזוי פיל מכאובים פון
אַלע שווערע מפּלות אַצינד צו געדענקען? — זע: אפילו
ווען דו וואָלסט דאָ פינף יאָרן אָדער זעקס נאָך פאַרבליבן, בכדי צו
דערגיין אַלעדי בייזע מפּלות פון אונז, אַרגיווישע מאַנען, —
טאָ וואָלסטו תּיכּף אַ פאַרמיאוסטער אומגעקערט זיך אַהיימצו, ווייל
ערשט נאָך יאָרן פון רויטע מלחמות האָט קראָניאָן געטון
זיי באַצווינגען! — — און הער: פון אַלע חיילות איז אָדיסייאוס,
דיין פאָטער, מערער פון אַלע מיט תכסיסי־מלחמה און מיט
קראַפט און גבורה געווען באַלאָדן. און אויב דו האָסט זיך
באמת פון זיין זרע געפלאָדיעט, — ווער איך פשוט פון דיין
אויסקוק נשתומם; ווייל ווערליק דיין צורה, דיין לשון און חכמה,
דוכט זיך, אַז אַ יונגער אָדיסייאוס האָט אַהער זיך באַוויזן! — —
און נון האָט נייערס אַן איינציקער רעיון אויף אַלע אסיפות
לטובת אַכייאַ געטון אונז פאַרקניפּן. אָבער געווען איז,
ווען מיר האָבן אין חורבות געוואָרפן די שטאָט פון פּריאַמאָס, איז
אונז פלוצלינג דאָס חייל מיט אַ תהו־ובהו געוואָרן
צערינען. האָט דענסטמאָל זיך קראָניאָן אויף אַלע פּחדנים מיט
שטראָפירונג געוואָרפן: אַז אומקערן זאָלן זיי זיך

אבלים ! — און מיט כּעס און נקמה האָט די. בלויאויגיקע בת־
דזעוס אַטענע אַריינגעוואָרפן אין אַ שאַרפער מחלוקה
ביידע זין פון אַטרייאָס. און נישט כּפי־דין האָבן ביידע
אַטרידן איינגעזאַמלט דאָס פאָלק צו אַ גרויסער אסיפה ;
אָבער שיכור פון וויינען, האָבן די זין פון אַכייאַ געשלעפט
זיך אָן סדר אַהינצו, ווייל העליאָס האָט לאַנג שוין געגוססט !
און מיט חילוקי־דעות האָבן ביידע פאַרן עולם צעשאַלט זיך :
„געוואָלט האָט מענעלייאָס, אַז דאָס גאַנצע אַרגיווישע חייל
זאָל תיכּף איבער ימים אומקערן אַהיים זיך. אָבער זיין
ברודער אַגאַמעמנאָן האָט זיך דווקא פאַרעקשנט, אַז נייערט מיט
העקאַטאָמבן־קרבנות וועט זיין זיי די געטין מכפּר. ווייל
נישט געוואוסט האָט דער שוטה, אַז נישט אַזוי לייכט איז צו באַצווינגען
דעם כּעס פון די הימלען. — אָט אַזוי האָבן ביידע אַטרידן מיט
האַרבע ווערטער געטענהט : ביז די בלאַנק־געפאַנצערטע עדה האָט
מיט אַ שרעקלעכן ליאַרם געטון זיך דערהייבן און תיכּף אויף
צוויי מחנות געטון זיך צעשפּאָלטן ! אָ, מיט חילוקי־דעות
האָבן ביידע מחנות דאָרט איבערגענעכטיקט, איבער וועמענס קאָפּ
דזעאוס־קראָניאָן אָנגעברייט האָט שטראָפירונג ! ! ! — און נון האָט מיטן
גרויען באַגינען אַריינגעצויגן מיין מחנה אַ העלפט פון די
שיפן און אוצרות אינם ימישן איינגוס, און מיט אָנגעגורטע
לענדן האָבן אויכעט די ווייבער אין די שיפן געגידערט. די
צווייטע העלפט חייל איז אָבער אַלץ נאָך ביי די ברעגעס פאַרבליבן, —
(נאָענט פון אַגאַמעמנאָן בן אַטרייאָס, דעם פּאַסטוך פון פעלקער !) — —
— — און נון האָט זיך תיכּף מיין חייל פאַר די וועסלעס געוואָרפן, און
אַן אל־עליון האָט געטון שלאָגן דאָס כוואַליקע וואַסער ! — און ווען
די שיפן האָבן נאָענט צו טענעדאָס געבראַכט אונז צו שווימען, האָט
האָט דזעאוס אונזער קרבן־תודה געטון נישט פאַרנעמען ; נייערט מיט
אַ באַנייעטן צאָרן אַ צ ו ו י י ט מ אָ ל אונזער מחנה צעשפּאָלטן !...
און — ביד־חזקה האָט מיט אַ טייל שיפן אָדיסייאוס, דער
גבור, אויף צוריק זיך פאַרקירעוועט, כּדי צו בעטן גנאָד ביים

זון פון אַטרייאָס אַגאַמעמנאָן ! — — איך אָבער בין פּאָרויס מיט מיין
חייל געפלויגן, ווייל געזאָגט האָט דאָס האַרץ מיר, אַז מוראדיק שווער
וועט זיין די נקמה פון שטן ! — און הינטער מיר איז אויך דער העלד
דיאָמעדעס בן טידייאָס מיט זיין חייל געשוואומען. און אַז
מיר האָבן אין לעסבאָס זיך שואל-עצה געווען, האָט פלוצלינג
אָנגעיאָגט אונז דער העל-געלאָקטער מענעלייאָס ; און אַלע
אינאיינעם האָבן מיר זיך געעצהט : צי זאָלן מיר אויסמיידן
דעם באַרגיקן כיאָס און שווימען דורך פּסיריאַ אַהיימצו, — צי
גאָר לינקס איבער כיאָס, ביי וועמען צופיסנס עס ברילט דער אייביק
צערודערטער מימאַס ? — און ווען אונזער תפילה איז צום הימל
דערגאַנגען, האָט אַ געטלעכער פינגער קיין אויבויאַ געטון
אונז באַשיפן, בכדי אויסצומיידן אַ שווערן נסיון ! — — און
נון האָט אַ ברומיקער ווינט אין די זעגלען געבלאָזן און אייליק
איבערן ימישן פיש-וועג געוויגט זיך, אַז בחצי-הלילה
האָבן דערגרייכט זיי גערייסטאָס, וואו אונזער קרבן-תודה פאַרן
ים-גאָט פּאָזיידאָן האָט פיל לענדן פון ביקעס פאַרשלונגען! — אָט
אַזוי האָט אויפן פערטן טאָג דיאָמעדעס בן טידייאָס מיט
זיינע חברים די שיפן אין אַרגאָס פאַראַנקערט. איך אָבער
בין אַלץ ווייטער און ווייטער מיט געלייטערטע ווינטן קיין פּילאָס
געשוואומען. דעריבער, — אָ קינד מיינס — איז צו מיר נישט דערגאַנגען, ווער
פון אַרגיווער עס איז דאָרט געפאַלן, און ווער עס האָט מציל
געווען פון טויט זיך. אָבער אַלץ, וואָס איך האָב שפּעטער אַדאָ אין
מיין היכל פאַרנומען, — וועל איך בתשועת-חן דיר אַנטפּלעקן ! :
— משמעות, אַז אַלע מירמידאָנען, וועמען דער שטראַליקער
בן אַכילייאָס געטון האָט באַצווינגען, האָבן בשלום
אומגעקערט זיך אַהיימצו. אויך פילאָקטעטעס בן פּייאָס איז מיט
מזל אַהיים זיך געשוואומען. און אפילו אידאָמענייאָס
האָט מיטן יתר-הפליטה געזעגלט קיין קרעטאַ, פון וועמעס
מאַנען דער ים האָט אפילו נישט איינעם דערטרונקען. — היינט : וועגן
דער שרעקלעכער מיתה פון בן-אַטרייאָס — וועמען עגיסטאָס
אומגעבראַכט האָט בערמה, — האָסטו דאָך אוודאי אין דיין היים שוין

געהערט ? אָ, גרויזאַם געווען איז פון זיין זון די נקמה ; ווייל עס
איז גוט, ווען פון אַ דערהרגעטן פּאָטער בלייבט איבער אַ זון
אַ נוקם ונוטר, וועלכער טוט דעם רוצח פון זיין טאַטן
פאַרלענדן ! דעריבער, אָ קינד מיינס, באַנעם אויך ד ו דיין שטאַרקע
נקמה, כדי דיין שם-טוב זאָל קלינגען עד סוף כל הדורות !"
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף אים געענטפערט :
„אָ נעסטאָר בן נעלייאָס, דו שטאָלצע קרוין פון אַלע כאַייער !
וואָרהאַפטיק : גרויס איז געווען זיין שווערע נקמה, דעריבער
וועט שאַלן זיין שם-טוב, ווי אַ ניגון פאַר די אייביקע דורות !
אָ, הלוואי וואָלטן די געטער אויך צו מיר זיך באַוויזן מיט קראַפט
און גבורה ; דערמיט איך זאָל קענען די סטאַדע חתנים מיט
שווערער נקמה באַצאָלן ; די בייזע הולטייעס, וואָס הודזשען
אַרום אין מיין היכל ! — — אָבער ווי : צו מיר און מיין פּאָטער האָבן
די געטער אַ זאַ רשות נ י ש ט געגעבן, דעריבער בלייבט מער
נישט,
ווי אין אייביקן צער זיך צו באָדן !"
האָט נעסטאָר דערויף אים
געענטפערט :
„גוט אַזוי, גוט אַזוי, אָ קינד מיינס, וואָס דו האָסט פון דיין
היים געטון מיך דערמאַנען. — משמעות, אַז אַ בייזע חבריא
גאַרטלען אַרום דאָרט דיין מוטער ; און דיר אויף להכעיס ברענגען זיי
שאָדן דיין היכל ! פרעג איך : צי פאַרטראָגסטו אַזוי לייכט אַזאַ
שווערע נבלה, אָדער האָט דער כעס פון די פעלקער (ברשות פון
די הימלען) אויף דיר זיך צעגאָסן ? אָ, עס קאָן גרייליך זיין, אַז ע ר
מיט אַכייער וועלן אַזוי פלוצלינג אין היכל זיך ווייזן, און
מיט בייזער נקמה די חוטאים באַצאָלן ! — אַך, ווען פאַלאַס
אַטענע וואָלט אויך צו ד י ר מיט אַזאַ גרויסער אהבה געטון
זיך באַווייזן, ווי זי האָט זיך מיט ליבשאַפט צום האַר אָדיסייאוס
במדינת טראָיאַ בשעתה באַוויזן, בעת מיר, אַכייער,
האָבן אַדאָרטן אַזויפיל מפּלות געליטן ! אָ, ווען די
השגחה-העליונה וואָלט אויך צו ד י ר ווי צו א י ם געטון זיך
אַנטפלעקן, — טאָ וואָלסטו זיכער די בייזע מחשבות פון מיאוסער

אַנטשפּויזונג אַרויסגעשלאָגן אויס די קעפּ פון חתנים!״
האָט דער
פאַרשטאַנדיקער בחור טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ ישיש! נישט קיינמאָל, נישט קיינמאָל וועט דיין בטחון מיר ווערן
מקוים, ווייל דערצו האָט אפילו קיין רשות נישט דער הימל!״
האָט אָבער די בלוי־אויגיקע אַטענע דערויף אים געענטפערט:
„אַך, וואָסער שאַקלהאַפטיק גערייד האָבן דיינע לעפצן געפּלאַפּלט?
יונג אייגער: אויך אַלע פאַרבלאָנזשעטע קאָן דער רצון פון געטער
ברענגען צו שלווה!! זע: אויך איך וואָלט שוין גיכער, נאָך אַ לאַנגער קייט
בע־ונדנע ענויים ערשט אומגעקערט זיך אַהיימצו,
איידער צו שטאַרבן ביים אייגענעם פייער, ווי אַגאַמעמנאָן
בשעתו, וועמען עגיסטאָס מיט דער ארורה געטון האָט
פאַרלענדן! — יאָ: נייערט צום חלף פון מלאך־המות, — וועלכער
טוט אין פינסטערע שעהן פון שאָטיקן גליוּוער איינזאַמלען
נשמות — האָט אפילו דער הימל פאַר די ליבסטע קיין שליטה!״
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגער בר־סמכא, דערויף איר געענטפערט:
„מענטאָר! פאַרמייד זיך, פאַרמייד זיך זיין נאָמען דערמאַנען. ווייל ווי גרויס
עס זאָל זיין נישט מיין שווערע אבידה, וועט ע ר שוין נישט קיינמאָל זיין
היימלאַנד דערגרייכן. אָ, צום פינסטערן אָפּגרונט האָט קערען געטון
אים פאַרשלינגען! („און נון זאָל מיר נעסטאָר, וועמען גאָט האָט מיט חכמה
און משפט באַלאָדן, — וועגן אַן אַנדערן אויספרעג זיין מיר
מבשר. וואָרים עס הייסט, אַז איבער גאַנצע דריי דורות האָט ער
שוין מיט חסד געוועלטיקט; דעריבער — ווייזט אויס מיר, — אַז ער קען זיך
אפילו צו די הימלען פאַרמעסטן!״) — — — נישט לייקן, נישט לייקן, זון
פון נעלייאָס, און זיי מיר דעם אמת מבשר! זאָג: ווי אַזוי
איז אַגאַמעמנאָן געוואָרן געהרגעט? וואו האָט געווײלט דאַן זיין

ברודער מענעלייאָס, און מיט וואָסער כּלי־זין האָט דער בוגד
עגיסטאָס געטון אים פאַרציקן? ענטפער: צי האָט ער זיך דענסטמאָל
פונם אַרגייאישן אַרגאָס דערווייטערט; אָדער גלאַט אַזוי צווישן
בריאום געבלאָנזשעט, וואָס דער טויט איז אים געקומען אַקעגן?"
האָט אָבער נעסטאָר, דער פערדן־באַצווינגער, דערויף אים
געענטפערט:
„קינד מיינס! אָנשטויסן דו קאָנסט זיך, וואָס עס וואָלט דאַן געווען:
אויב זיין
ברודער מענעלייאָס בן אַטרייאָס, — וועלכער האָט אומגעקערט זיך
פון טראָיע — וואָלט דעם בוגד עגיסטאָס אָנגעטראָפן אין היכל, —
אָך, — קיינער וואָלט דידאָזיקע פגירה געבראַכט נישט צו קבורה;
נייערט ווייט, ווייט, מחוץ למחנה וואָלטן בייזע הינט און ווילדע
פייגל אויף וויסטע פעלדער זיין פגר צעריסן; און קיין שום פרוי
פון אַכייאַ וואָלט דעם נואף געטון נישט באַקלאָגן! — הער: בעת
מיר זענען מיט בלוטיקע שלאַכטן געווען פאַרטרוד, איז ער
זיך דערווײַלע אינם רייך־פערדיקן אַרגאָס במנוחה געזעסן
און זיס זיך געהנדלט צום ווייב פון אַגאַמעמנאָן (קליטעמנעסטראַ
די שיינע, וועלכע האָט תּחילת דעם נואף געקאָנט נישט פאַרטראָגן,
ווייל מיט פיל חכמה און וויסעכץ איז געווען זי באַלאָדן!), אָבער
איידער אַגאַמעמנאָן האָט קיין טראָיע געצויגן, האָט ער אונטער
דער השגחה פון אַן אַלטן מנגן איבערגעלאָזט זיין
אשה. און אַזוי ווי דער גורל פון הימל האָט אין איר אומגליק
געטון זיך פאַרוועבן, האָט עגיסטאָס דעם שומר פאַרפירט ערגעץ
ווייט אויף אַן עלנט אינזל און פאַר רויבפייגל צום געפרעס זיין
נפש געוואָרפן. און נון האָט מיט ליב־גלוסטיקער ערמה געטון
פירן דעם נואף צום היכל די זונה. מיט שאָף און רינדער האָט
ער מחלל געווען די שיינע מזבחות און מיט גאָלד און
געוועבן באַהאָנגען דעם טעמפל; ווייל אומפאַרהאָפט, איז מיט ביין
אכזריות זיין אויספיר געראָטן! — —
און נון האָבן מיר ביידע
פון איליאָנס ברעגעס אַהיימצו געזעגלט: איך און דער גרויסער
העלד מענעלייאָס מיט היילקסטער פריינטשאַפט פאַראייניקט. אָבער ווען

מיר האָבן איבערן הייליקן סוניאָן קיין אַטען געטון
זיך געזעגנען, איז פּלוצלינג אַ שטומע פייל פון פויבאָס-אַפּאָלאָן
אינם האַרץ פון מענעלייאָסעס פּילאָט געפלויגן, אַז תיכף
איז דער קירעווער פראָנטיס בן אָנעטאָר (דער איילִיקסטער שיפער
אינם אָרקאַנען-געטומל) געפאַלן אַ טויטער! — —
אַט אַזוי איז
מענעלייאָס אונטערוועגנס געוואָרן בעל-כרחה פאַרהאַלטן,
בכדי ביים ריח פון שוואַרצע קרבנות מקבר צו זיין דאָרט
דעם חבר — אָבער אַז מענעלייאָס האָט זיך צוריק אין זיינע
שיפן געוואָרפן און צו מאַלאַישע בערגער
געטון זיך געזעגנען, — האָט דזעאוס, דער וועלטן-צעטרייסלער, זיך
פּלוצלינג צעשטורעמט מיט קולות וברקים, אַז די ברויזיקע
כוואַליעס (ווי בערגער פון וואַסער) האָבן מבשר געווען אים
אַ שווערע נסיעה! — און באַלד טאַקע האָבן גענומען בלאָנזשען
די שיפן; צו די קידאָנען קיין קרעטאַ, ביים ברעג פון יאַרדאַנאָס,
איז דער רוב פון די טונקעלע שיפן געפלויגן. אָט אַהין, צום
גרוי-כוואַליקן ים פון גאָרטישן איינגוס, וואו עס שניידט זיך אַ פעלז
אַקעגן די ברויזיקע כוואַליעס; פון וואַנען דער דרום טוט די
לינקע בערגער פון פויסטאָס צערייסן, און דער קלענערער שטיין האַלט
אָפּ דעם געוויטער. — האָבן כמעט אַלע מאַנען געטון זיך
אַנטרינען. אָבער ווי: אומגעלומפּערט האָט דער שוואַרצער תהום
זיי פאַרשלונגען! און נייערט פינף שיינע, בלוי-געשנאָבלטע שיפן
זענען ניצול געוואָרן פון בייזן געשטורעם, ווען דער ווינט
האָט מיט וויכער און אימפּעט ווייט, ווייט קיין עגיפּטאָס געטראָגן! — און
בעת מענעלייאָס האָט איינגעזאַמלט אין מרחק פיל אוצרות
פון זילבער און גינגאָלד, — האָט דערווייל עגיסטאָס פאַראומווערדיקט
דעם האַר אַגאַמעמנאָן, און ביד-חזקה איבער זיין פאָלק דאָרט
געקיניגט! — אָט אַזוי איז מיקענע זיבן יאָר כסדר
געוואָרן באַצווינגען. און ערשט אויפן אַכטן יאָר, בעת אָרעסטעס
האָט פון אַטען אומגעקערט זיך אַהיימצו, האָט ער מיט דער בלוטיקער

שווערד געטױן פֿאַרציקן זײַן פֿאָטערס רוצח; און מיטן גאַנצן פֿאָלק
בײַ דער קרקע געבראַכט דאָרט אַ קרבן: צום גנאי פֿון עגיסטאָס, דעם
רשע און פּחדן, און צום שאַנד פֿון זײַן מוטער, די הינטישע
זונה! צום גליק האָט גראָד דענסטמאָל זיך אויכעט אַהינצו באַוויזן
מענעלײַאָס, דער מלחמה-צעפּויקער, וועמעס שיפֿן זענען
מיט זאַקרויב געוועזן באַלאָדן! — —
דעריבער, אָ קינד מײַנס, בין איך
דיך איצט מתרה: אויך דו זאָלסט נישט בלאָנקען אַזוי לאַנג
אונטערוועגנס;
ווײַל צווישן אַ ווילדער חבריא, — וואָס ווילן בערמה דיך
אַרבן, האָסטו דעריבער דײַן היכל אויף הפקר פֿאַרלאָזט, אַז סוף כּל
סוף וועט קיין שום פּעולה נישט ברענגען דײַן ווײַטע נסיעה! — וואָס
דען? — געוועזן וואָלט מײַן עצה, אַז דו זאָלסט תּיכּף גענענען צום האַר
מענעלײַאָס, וועלכער האָט איצט פֿון מרחקים אומגעקערט זיך
אַהיימצו. אָ, צווישן פֿאַרפֿאַלענע פֿעלקער, פֿון וואַנען קיין שום
בן-אדם איז מער שוין נישט זוכה אומצוקערן אַהיים זיך, — ווײַל
איבער יענע ימים טוט רײַסן און בושעווען אַ ווילדער
געשטורעם, אַז אפֿילו אַ פֿויגל-געפֿלאַטער וואָלט איבערן יאָר
אַהינצו געטױן נישט דערשוועבן — איז אים דווקא געראָטן זײַן
היים צו דערגרייכן! — — לכן, אָ קינד מײַנס, אײַל זיך אַהינצו מיט דײַן
שיף און חברים. אויב נישט, טאָ וועלן מײַנע קינדער מיט פֿערד און
וואָגן אין לעקאַדיימאָן דיך תּיכּף אויף גלאַטער יבשה
באַגלייטן. און דאָרט? — אָ, אויף דײַן בקשה וועט אַ וואָרהאַפֿטיקע
בשׂורה דיר ברענגען דער חכם ונבון מענעלײַאָס!"
געזאָגט;
און העליאָס האָט גענומען זיך לעשן, און חשכות אײַנגעדעקט האָט די
וועלטן. —
און אויפֿגעהויבן איר שפּראַך האָט פּאַלאַס-אַטענע:
„ישיש!
באמת, פֿיל חכמה ליגט אין דײַן עצה! איצט אָבער לאָמיר
צעשנײַדן די לעקערס און אויסמישן די ווײַנען און ברענגען
קרבנות לכּבוד פּאָזיידאָן מיט אַלע אײַביקע געטער!

ווייל זעט: שוין האָט נאַכט דעם בין-השמשות פאַרשלונגען; און מידע פון
טאָג, נעמט רופן דער שלאָף אין זיינע אָרעמס זיך וואַרפן. על-כן: קומט,
לאָמיר פּראַווען בחפזון דאָס הייליקע מאָלצייט, און תיכף
צום רו-בעט געגעגען!"
געזאָגט; און צו אַלעמען איר וואָרט איז
דערגאַנגען. —
און נון האָבן העראָלדן צו נטילת-ידיים
געבראַכט זיי דאָס וואַסער; און אַרומגעטיילט האָבן יונגען צו פּאָר
ויצערס די וויינען. און באַלד האָבן אַלע אויף קטורת געוויכערט
די צינגער און געשפּרינקלט דעם ווין אויף מזבחות. — — אָבער קוים האָט
די זאַטיקע עדה פון טיש זיך דערהויבן, איז אויך דער שיינער
טעלעמאַכאָס מיט פּאַלאַס-אַטענע אָנגעבּרייט שוין געווען
אין זייער בהרחבההדיקער שיף צו געגעגען. אָבער האַרב
האָט אָפּגעהאַלטן זיי נעסטאָר:
„...אַז נישט, זאָל איך נישט ווערן באַהיט
און באַשירעמט פון דזעאוס מיט אַלע אייביקע געטער, אויב איר
ווערט איצט מיך פאַרלאָזן און צו די שיפן געגעגען. לייט קאָנען
מיינען, אַז איך בין מער נישט ווי אַ בעטלער אין שמאַטעס, ביי וועמעס
געלעגער עס פעלן חלילה אי קאָלדרעס, אי שאַלן, און אויך
אַ געלעגער מיט אַ צודעק פאַר אורחים-חברים! — הערט: אָן צאָל
וואַלגערן ביי מיר זיך אי פעלן, אי קאָלדרעס. הוצדעם וועל איך נישט
דערלאָזן, אַז דער זון פון אָדיסייאוס זאָל נידערן איבער
נאַכט אויף דער שיף-דעק; וואָרים כל-זמן א י ך , אָדער מיינע קינדער וועלן
שאַלטן און וואַלטן אינם דאָזיקן היכל, — וועלן אייביק פאַר געסט און
פאַר אורחים זיין אָפן און צעפּראַלט מיינע טירן און טויערן!"

האָט די טאָכטער פון בליצשטראַליקן דזעאוס דערויף אים
געענטפערט:

„באמת, מיט אַ וואָרט פון אַ ברייטהאַרציקן מכניס-אורח האָט
דיין לעפץ איצט צעשאָלט זיך, אָ ישיש. דעריבער וועט טעלעמאַכאָס
איבערנעכטיקן אין היכל; און איך ווידער וועל נידערן אין דער
טונקעלער שווים-שיף, בכדי אויפצוטרייסלען מיט מוט די חברים,
און אַלץ מיטאַנאַנדער צו ברענגען אין סדר. ווייל זע: חוץ מ י ר
זענען אַלע אין טעלעמאַכאָסעס בליאיקע יאָרן; וואָס
נייערט פון גוט-פריינטשאַפט האָבן זיי אַהערצו מיט ליבשאַפט
געטון אונז באַגלייטן. זע: אויף דער דעק פון דער געבויגענער ים-שיף
וועל
איך אויסשפרייטן מיין ווייך געלעגער, ווייל מאָרגן כאור מוז איך
נידערן צו די אייביק-שטאַרקע קאַווקאָנען, וואוהין עס רופט מיך
אויפצומאָנען אַ פאַרלעגענעם חשבון. — צו פאַר אי ם אָבער טו
אויסדערוויילן אַ שיינע מרכבה מיט דיינע צוויי איילִיקסטע,
גיך-יאָגיקע פערד, און דיינס אַ זון זאָל טון אים באַגלייטן!"
גענזאָגט; און, אָ וואונדער: אין אַ צעפלאַטערטן אָדלער איז
פלוצלינג
די געטין געוואָרן מגולגל; און אַלץ העכער און העכער האָט
גענומען זי שוועבן, אַז געגאַפט האָבן די לייטן אַרומעט. און
נבהל-ונשתומם איז אויך נעסטאָר פון דער זעאונג געוואָרן,
אַז מיט התפעלות האָט געכאַפט ער די האַנט פון טעלעמאַכאָס און
מיט צעציטערטע לעפצן געזאָגט אַ פאַרבליפטער:
„וואָרהאַפטיק! דיך,
אָ קינד מיינס, וועט שוין דער בטחון אין פחדים נישט טרייבן, ווייל
שוועבנדיקע געטער טוען שוין איצט דיך באַגלייטן! פון ווייטן
אָלימפּאָס טוט די נצחון-גלאַנציקע טריטאָגענייאַ, די
טאָכטער פון אַלמעכטיקן דזעאוס, אויף דיין וועג דיך באַגלייטן; זי,
וועלכע האָט אייביק פון אַלע אַרגיווער אויך צו דיין פאָטער
געטון זיך בשעתה אַנטפלעקן!
אָ געטין! מיט גנאָד און מיט
חסד באַקרוין אונז מיט גרויסן נצחון: מיך, מיינע קינדער און

…ײַן װײַב, די עקרת־הבית! זע: אַן עגל בן־בקר איך
…י ברענגען אַ קרבן. מיט גינגאָלד אויף הערנער און ריין, אָן
… מום, איז מײַן ברײטשטערנדיקער קרבן, און פון יאָך — נאָך נישט קײנמאָל
באַצװוּנגען!"
אַזאַ געװען איז די תּפילה; און פאַרנומען זײַן קול
האָט אַטענע. — און נון האָט דער גרײז־גרויער נעסטאָר געטון פירן
זײַנע זין און אײדעמס אין דער שײנער פּאַלאַטע, װאו אַלע
האָבן זיך אין סדר אויף די טראָנען געװאָרפן, און פונם לאָגל
װײַן, — װעלכער איז עלף יאָר געװעזן פאַרשלאָסן — האָט צעעפנט
דעם פּיסק די שומרת־הבית, און מעלתו, דער זקן,
האָט געטון מישן די באַלזאַמישע ריחות און געשפּרינקלט פּיל
טראָפּנס לכּבוד דער טאָכטער פון אײגיס־באַשיר עמער דזעאוס!
און געװען איז, װען אַלע האָבן במסובין מיט זבחים און
װײַנען אונטערגעלענט זיך די הערצער, — איז יעדער אַ מידער אויף
זײַן אכסניא געגאַנגען. און נײַערט צום זון פון אָדיסײאוס
האָט דער קיניג באַפוילן אינם היכל פאַרבלײַבן: בכדי אין דער
עזרה, אויף אַ פּרעכטיק רו־בעט, איבער נאַכט צו גענעכטן.
און נון האָט גענעכט ער צום שלאָף־בעט, װאו מיט אים האָט אויכעט גערוט
…ײזיסטראַטאָס, — דער אײנציקער בחור פון היכל. — אַלײן אָבער
…אָט אין דער טיפקײט פון פּאַלאַץ גענידערט דער מלך, װאו אָנגעברײט
…ט איז שוין געשטאַנען דאָס װײכע חתונה־בעט פון דער מלכּה!
און צומאָרגנס, װען עס האָט מיט רויזיקע פינגער געװעקט זיך,
האָט נעסטאָר, דער פערדן־באַצװינגער, אויפגעריסן פון שלאָף זי'ן; צום
…ער־המלך גע…ידערט, און אויף די אויסגעקלאַפּטע שטײנער (װאָס
גלאַנצן מיט זײער װײַסקײט אַזוי בוימלדיק אַקעגן דעם
טויער פון דער הויכער פּאַלאַטע) געזעצט זיך. אָ, פאַרצײַטנס
פלעגט אויכעט דער געטער־צוגלײַכער בעל־עצה נעלײאָס אויף
דידאָזיקע שטײנער צו זיצן. אָבער שוין לאַנג האָט ק ע ר ע ן צום
האַדעס זײַן נשמה פאַרטריבן, אַז איצט האָט נאָך בלײַך זײַן נאָמען

געשאָסנס. — — אָט אַדאָ איז על משענתי געזעסן דער קיניג,
אָדוּם ווּעמען אַלע זין האָבּן פוּן זייערע אכסניות
געטוּן זיך פאַרקלייבּן: עכעפראָן, סטראַטיאָס, פּערזייאָס; ביידע
גבורים טראַזימעדעס אוּן אָרעטאָס, אוּנטער ווּעמען עס האָט
אויבעט געשאַרט זיך דער שיינער פּייזיסטראַטאָס. — אוּן געווען איז, ווען
די בני נעסטאָר האָבּן אויפגעזעצט פאַרן פאָטער דעם יוּנגן
טעלעמאַכאָס, האָט תיכּף דער קיניג מיט זיין שטים זיך דערהויבּן:
„אָ קינדער! זייט בּחפזון ממלא מיין גרויסע בּקשה,
בּכדי איך זאָל אַרבּן די גנאָד פוּן פּאַלאַס-אַטענע, יועלכע האָט
פוּן אַלע געטער, בּעת דער סעוּדה פוּן ים-גאָט פּאָזיידאָן, צוּ
מיר געטוּן זיך אַנטפּלעקן! הערט! כּהרף-עין זאָל איינער מיר
בּרענגען פוּן מיין גרויסער טשערעדע אַן עגל בּן-בּקר, געפירט
פוּן אַ פּאַסטוּך. אוּן ליפן זאָל אַ צווייטער מיר רוּפן אַהערצוּ
אַלע מאַנען פוּן טעלעמאַכאָסעס שווים-שיף, אוּן נייערט צוויי
שום־ים זאָלן בּיים בּרעג דאָרט פאַרבּלייבּן. אוּן יאָגן זאָל אַ דריטער
נאָכן גאָלדשמיד לייערקעס, וועלכער וועט מיר די הערנער פוּן קרבּן מיט
גינגאָלד פאַרצירן! אוּן א י ר ווידער פאַרבּלייבּט דאָ אין היכל אוּן טוּט
בּאַפעלן צוּ מיידלעך אָנצוּבּרייטן אַ סעוּדה, וואוּ קיין האָלץ אוּן
מים-חיים אוּן טראָגנען זאָלן אוּנז נישט פאַרפעלן!”
גענאָגט; אוּן צוּם
אויספיר זענען אַלע געלאָפן!
אוּן נוּן האָט פוּן דער סטאַדע
געשלעפּט זיך דער קרבּן; אוּן מיט טעלעמאַכאָסעס שיפער האָט אויך
זיך דער גאָלדשמיד בּאַוויזן. אוּן בּאַלאָדן מיט כּלי-מכשירים
געווען איז לייערקעס: מיט אַ קאָוואַדלע, מיט אַ האַמער אוּן מיט
אַ געבּויגן צוואַנגל, בּכדי אויסצוּפוּרעמען דאָס גינגאָלד. אוּן —
אויך אַטענע האָט זיך ווי אַ דמיון אַדאָרטן מיט שלווה
געשאָטנס. אוּן בּעת נעסטאָר דערלאַנגט האָט דאָס גינגאָלד דעם מייסטער, —

און יענער האָט פּרעכטיק אויסגעפּוצט דעם בן־בקר, האָט מיט איר
קרבן געפירט זיך די געטין!

און נון האָבן ביידע ברידער
סטראַטיאַס און עכעפּראָן אָנגענומען פון די הערנער דעם קרבן;
און אַ געבלימלטן בעקן מיט מים־חיים און אַ קויבער מיט
הייליקן גערשטן האָט אַרויסגעבראַכט פון דער קאַמער אַרעסטאָס;
און מיט אַ שניידיקער אַקס אין די דלאָניעס האָט דער בעל־מלחמה
טראַזימעדעס אָנגעברייט זיך צום שעכטן, און אַ פאַן אויפן בלוט
אונטערגעשטעלט האָט פּערזייאָס. און נון האָט נעסטאָר טובל געווען
זיך די פינגער; און נאָך די הייליקע זערנעס האָט ער אין פלאַמען
געוואָרפן די גריווע פון קרבן און מתפלל געווען צו
פּאַלאַס־אַטענע. —

און נאָכדעם, ווען זיי האָבן אַזוי אַלע מיט
רחמים געבעטן און צעשפּרייט דעם הייליקן גערשטן, — האָט זיך
מיט
דער טאַפּעריסקע פּאַרמאָסטן דער העלד טראַזימעדעס, ווען עס שאַרף
עס האָט תיכף דעם חוט־השדרה פונם קרבן צעשפּאָלטן. און —
באותה־הרגע האָבן אַלע פון אימה די קולות צו
הימלען דערהויבן. און בקול־רם האָבן געיאָמערט שנירן און
טעכטער פון נעסטאָר דעם קיניג, און בתוכם זיין אשה
בת קלימענאָס עאורידיקע, — וועלכע האָט זיך אויס די זאָמען
די ערשטע פון איר פאָטער געפליאָדיעט! און כהרף־עין האָט
פּייזיסטראַטאָס איבערגעשניטן דעם גאָרגל פון קרבן, און
שטראָמיק האָבן גענומען ריזלען די דמים, און דער רוח־החיים
פאַרלאָזט האָט די ביינער. און כפי־דין האָבן זיי צעהאַקט און
צעשניטן די הייליקע בשרים און געטונקען אין חלב די
צעריסענע פליישן. און באַלד האָט איבער צעזשאַרעטע שייטלעך
געסמאַליעט דעם קרבן דער קיניג; און פון טונקעלן ווין אויפן
מזבח איבער פייער געשפּרינקלט, ווען עמען אַרומגערינגלט
עס האָבן די יונגען מיטן שאַרפן, פינפצאָניקן פלאָקן! און אַז
נאָך דער סעודה האָבן זיי טועם געווען פון חלב, איז
אויך דאָס דרויב געוואָרן צעשניטן און אַלץ בזהירות איבער

פײער אויף שפּיזן געבראָטן.
בינתים האָט פּאָליקאַסטע, —
די שײנע בת-זקונים פון נעסטאָר דעם קיניג, אויסגעבאָדן
דעם בליאַיקן בחור טעלעמאַכאָס. און נאָך טבילה און זאַלבונג
האָט זי מיט אַ כתונת און כיטאָן אויפן לײַב אים פאַרוואָרפן — און ווי
אַ הימליש געשטאַלט האָט ער פאַרן קיניג געטון זיך באַווײַזן.
און נון האָט מען אַראָפּגעצויגן פון בראָט-שפּיז די פלײשן און צום
פראַווען געגרײט זיך. און בעתן געניסן האָבן העראָלדן
אין גינגילדענע כוסות אַרומגעטײלט זײ די װײַנען. — אָבער
קוים האָט װײַן און מעדנים אונטערגעלענט זײ די הערצער, האָט באַלד
זײ דער מלך באַפוילן:
„...און איצט, מײַנע קינדער, יאָגט גיכער און
ברענגט תּיכּף צװײ שײן-גריוויקע פערדן אינם וואָגן צו שפּאַנען, ווײַל
טעלעמאַכאָס קלױבט זיך צום אָפּפאָר!“
געזאָגט; און אַלץ האָבן געטון
זײ געהאָרכן. און אויפן אײַנגעשפּאַנטן וואָגן האָט מען אָנגעברײט
זײ צידה-לדרך: סײַ ברויט און מטעמים, און סײַ גליאַיקע
װײַנען. — און נון האָט זיך טאַקע טעלעמאַכאָס אויף דער מרכבה
געפּעדערט, און לעבן אים האָט דער מושל פון פעלקער, — בן נעסטאָר
פּײַזיסטראַטאָס, אָנגעהאַלטן די ווישקעס. און מיט אַ שמיץ פון זײַן
בײַטש האָבן גענומען יאָגן די ווילד-גריוויקע פערד, און
איבער פעלדער אַלץ ווײַטער און ווײַטער אַרויסגעשײלט זיך פון פּילאָס.
אַט אַזוי האָבן ביז שקיעה געשלעפּט זײ דעם יאָך אויפן
רוקן. אָבער ווען העליאָס האָט געטוקט זיך און חשכות אײַנגעדעקט
האָט די וועגן, האָבן זײ קײַן פעראַס געטון זיך דערשלעפּן, וואו
דיאָקלעס בן אָרסילאָכאָס מגזע אַלפײאָס האָט אין שלאָס
זײ גאַסטלעך באַגעגנט און אויסגעשפּרײט דאָרט אַ ווייך געלעגער.
און צומאָרגנס, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָבן ווידער אײַנגעשפּאַנט זײ די פערד און אויפן פּרעכטיקן וואָגן

גענידערט. און מיט בייטשן-געקנאַל האָט דאָס שיינע געשפּאַן אויסן
שער-המלך מיט געוויש זיך פאַרקירעוועט. און אַלץ ווייטער און 495
ווייטער האָט איבער ווייצענע פעלדער מיט געלאַף און מיט אימפּעט
געבראַכט דער געשפּאַן זיי צו דער גרענעץ: אַזוי זענען געשפּרונגען די
פערד.

און זון איז פאַרגאַנגען, און חשכות דעם וועג האָט געטוליעט.

# דאָס פערטע געזאַנג

**אין לעקאַדיימאָן.**

אָט אַזוי האָבן זיי פֿיזן טאַליקן לעקאַדיימאָן געפּראַכט זיך
צו פֿירן, און פֿאַרקירעוועט צום שלאָס פֿון קיניג מענעלייאָס.
און מיט פֿאַרבעטענע געסט האָט יענער צווייי חתונות גראָד איצטער
געפּראַוועט: ביים אויסגעבן דעם זון און זיין ליבינקע טאָכטער.
אָ, צום זון פֿון אַכילייאָס, דעם מלחמה־צעפּויקער, האָט ער
געטון זי פֿאַרקנסן; ווייל נאָך פֿריער האָט ער אין טראָיע געטון
אַזאַ נדר, און אַלע געטער האָבן די תּנאים געחתמעט.
און נון האָט ער מיט פֿערד און מרכּבות צו דער מירמידאָנישער
פֿעסטונג געטון זי באַגלייטן! און מיטן בן־זקונים — דעם גבור
מעגאַפּענטעס (וועמען עס האָט אַ סקלאַווין געפּלאָדיעט), האָט געטון
ער אַ שידוך מיט בת־אַלקעטאָר פֿון ספּאַרטאַ. ווייל נאָכדעם, ווען די
שיינע הערמיאָנע איז ווי די גילדענע קיפּריס אויף וועלטן
געקומען, — האָבן די געטער פֿאַרשלאָסן די טראַכט פֿון העלענע,
אַז מער האָט זי געטון נישט געווינען.

אָט אַזוי האָבן אַלע
שכנים און פֿריינט און חברים געפּראַוועט מיט שמחה דאָס מאָלצייט,
אַז אַ פֿריילעכער יום־טוב באַגלייט האָט די חופּות אינם לוסטיקן
היכל פֿון מענעלייאָס דעם קיניג. — און נון האָט בתּוכם דער
גרויסער מנגן צעציטערט זיין ליד אויף דער האַרפֿע, אַז מיטן
קנאַק
פֿון צוויי טענצער־משוררים האָט צעוויגט אינם קרייז זיך אַ ריקוד!
אָבער געווען איז, ווען פֿאַרן שער־המלך האָט אָפּגעשטעלט
זיך דאָס
געשפּאַן מיטן העלד טעלעמאַכאָס און זיין חבר בן־נעסטאָר, — איז זיי

פלוצלינג עטעאָנייאָס, דער געטרייער משרת פון קיניג
מענעלייאָס, געקומען אַקעגן; אַז האָסטיק איז צוריק ער
אינם היכל געפלויגן אָנזאָגן די בשורה. און נון האָט ער הארט
פאַרן אַטריד אַדאָרט זיך באַוויזן, און מיט באַפליגלט גערייד
געטון זיך צעשאַלן:
„פרעמדע אורחים וואַרטן אין דרויסן, גרויסער
האַר מענעלייאָס; צווי אורחים, אויסדערוויילטע פון קראָניאָן! זאָג:
צי זאָלן מיר אויסשפאַנען די גיך־לויפיקע פערד, צי גאָר
טרייבן זיי ווייטער, כדי זיך אַ צווייטע אכסניא צו זוכן?"
אָבער אַ צערייצטער האָט דער גילדן־געלאָקטער מענעלייאָס
אויף אים זיך צעברוגזט:
„ביז איצט האָסטו נאָך קיינמאָל אַזאַ יינגליש
גערייד נישט געפלאַפלט, אָ עטעאָנייאָס בן באָעטאָס! הער:
אויך צו פאַר אונז האָבן זיך — בעזרת דזעאוס — פרעמדע מענטשן,
בעת אונזער אומקערן אַהיים זיך, געטוען מיען לטובה.
דעריבער אייל זיך אויסצושפאַנען פון וואָגן די פערד, און טו
אַהערצו, צו אונזער התונה־מאָלצייט, פאַרבעטן די אורחים!"
געזאָגט; און אייליק איז ער איבער אַלע חדרים געלאָפן
רופן צום אויסהילף משרתים. און אויסגעשפאַנט פון דער משא זיי
האָבן די פערד, די פאַרשוויצטע, און זיי אַריינגעפירט אין שטאַל,
און צום זשלויב די קאַרקעס פאַרפענטעט. און נון האָבן זיי צום
פערדן־געפרעס אָנגעשאָטן אַ מולטער מיט האָבער און גערשטן;
ביי אַ בלאַנק־געטעסעטער וואַנט אַוועקגעשטעלט די מרכבה, און
לסוף ביידע אורחים אינם געטלעכן היכל פאַרבעטן! און זע:
פאַרן קיניגלעכן שלאָס זענען ביידע געבליבן שטיין פאַרבליפט און
פאַרשטיינערט, ווייל ווי שטראַלן פון זונען און ווי גלאַנץ פון לבנות
האָט געטון שימערירן די בורג פון מענעלייאָס דעם קיניג.
און געווען איז, ווען זיי האָבן אָנגעטרונקען מיט חידושים דאָס
האַרץ און די אויגן, האָבן זיי תיכף געניידערט אין דער באָד־שטוב
זיך טובלען. און נאָכן ביטל, ווען עס האָבן די מיידלעך געטון זיי
צו זאַלבן, און אויף אַקסלען אַ העמד מיט אַ קיטל פאַרוואָרפן, —

האָבן ביידע געבידערט און אויף טראָגען געזעצט זיך אַקעגן
מענעלײאָס בן אַטרײאָס, דעם מלך.
אונ נון האָט אַ מיידל
זיי אונטערגעטראָגן אַ גינגילדענעם לאָגל, און איבער
אַ זילבערנער שיסל די הענט זיי געוואַשן, און אַוועקגעשטעלט
דאָרט אַ טיש מיט מזונות. און געגרייט צום טיש האָט די שומרת־
הפתח פון ברויט און מטעמים און מיט אַלדאָס גוטס פון אירע
זאַפּאַסן. און ווען דער שר־הבשר דערלאַנגט האָט פיל פאַנען מיט
געבראָטענע פליישן, און אַרומגעטיילט גילגילדענע כוסות, —
האָט דער אַטריד אויסגעשטרעקט אויף אַ „שלום" די האַנט זיי און געטון
זאָגן אַזוי:
„ברוכים היושבים, — זאָל וואויל אייך באַקומען, איר
ליבינקע אורחים; און ערשט שפּעטער וועל איך „מה שמיכם" אייך
פרעגן! — — אָ, נישט פון אָפּגרונט ווייזט אויס צו זיין אייער שבט; נייערט
פון שרביט־פאַרפּוצטע און דזעאוס־באַקרוינטע מלכים איר
ציט אייער יחוס, ווייל זייער זרע קוקט אַרויס פון דעם אויג אייך!"
אַזוי געזאָגט האָט דער קיניג, און דעם שמאַלציקן חוט־השדרה
פון קרבן געטון זיי דערלאַנגען, אַז בהרחבה האָבן
ביידע מיטן מאכל אונטערגעלענט זיך די הערצער! — — און געווען איז,
ווען זיי האָבן שוין ביידע מיט עסן און טרינקען די הערצער
געטון זיך דערקוויקן, האָט זיך דערווייל טעלעמאַכאָס איבערן
קאָפּ פון בן־נעסטאָר בלחש געבויגן, בכדי קיין זייטיקער
מענטש זאָל זיין קול נישט פאַרנעמען:
„זע, אָך זע, מיין האַרצנס־געליבטער
בן־נעסטאָר, דעם גלאַנץ און פּראַכט און די שפע פון גאָלד און פון זילבער;
פון העלפאַנטביין, עלעקטראָן און צירונג, וואָס פינקלט מיט גלאַנץ און
מיט הדר און שיינקייט אַרום דאָ אין היכל! אָ, נייערט דער
אָלימפּאָס קאָן מיט זיי זיך פאַרמעסטן, ווייל אַ ווידערשיין שלאָגט אַזש

פון די אומענדלעכע אוצרות !"
געזאָגט ; אָבער דאָס גערייד פון זיין
לעפץ איז קלאָר צום אָטריד דערגאַנגען, וועלכער האָט זיי תיכף מיט
חכמה געענטפערט :
„שוטים ! מיט גאָט דזעאוס זאָל זיך נישט קיינער
פרווון פאַרמעסטן, ווייל עד סוף כל הדורות וועט פינקלען זיין
אָלימפּישער היכל ! מיט מ י ר אָבער קאָן יעדער בן-אדם טון
זיך פאַרגלייכן, און אפשר – גאָר א ו י ך נישט. ווייל הערט :
נאָך אַ שווערער צייט
פון פיין און נסיונות האָב איך ערשט אויפן אַכטן יאָר, אויף מיינע
נע-ונדנע שיפן, געבראַכט אַהערצו דעם שלל מיט צירונג.
אָ, לכתחילה האָב איך אין קיפּראָס, אין צידון און מצרים
געבלאָנקעט ; געזען דאָרט ערעמבער, צידונער, אייטיאָפּן און
אפילו די מדינה ליביאַ, וואו דריי מאָל אין יאָר ווערן
די לעמער פון זייערע מוטערס מיט הערנער געפּאָריעט. און נישט
דער באַלעבאָס און אויך נישט דער פּאַסטוך קאָן אַלץ דאָרט פאַרנוצן,
ווייל
אַ גאַנץ גייענדיק יאָר וואַלגערט אַדאָרט זיך פון פלייש און פון
קעז ; און
ימים מיט מילך אויס די אייטערס פון אומצאָליקע טשערעדעס. –
אָט אַזוי האָב איך אין מרחק געבלאָנזשעט און זאַקרויב געגישטערט.
בינתיים אָבער האָט מען מיין ברודער, צוליב זיין אשת-איש,
בערמה פאַרטיליקט, – הײנט, ווי קאָן מיר מיין עשירות באַקומען ?
איבעריקנס : אייך האָבן אייערע טאַטעס – ווער זיי זאָלן זיין
נישט – אוודאי דערציילט שוין פון מיינע שווערע נסיונות. און פון
אַל' מיין עשירות, וואָס איז אין חרבנות געוואָרן פאַרזונקען.
אַך ! פון מיין גרויסן עשירות וואָלט איך מיט אַ דריט-חלק געטון
זיך באַגניגן, ווען די פעלדער פון טראָיע וואָלטן מיט מיינע
חיילות נישט געווען איצט פאַרזייעט, און פון פערדיקן אַרגאָס
דערוויטערט ! – – ווי אַן אבל איך באַקלאָג און באַווין די גבורים,
אַז צייטנווייז איך זיץ זיך דאָ בשתיקה אין היכל, וואו זאַלציקע
טרערן טוען טריפן פון אויג מיר און מאַכן לייכטער דאָס האַרץ אינם

בּוזעס, אַז אַ מידער ווערט דער עצבות אין אַ גליוּוער פון יאוּש
פאַרזוּנקען! — — און ווי ווייט איך זאָל אַלץ נישט באַקלאָגן, טוט אָבער דאָס
האַרץ מיר נאָך מער פאַרקלעמען; און רויבט מיר די נעכט און פאַרסמט מיר
די שפּייז, ווען איך טו אָן א י ם זיך דערמאַנען!! אָ, ווער נאָך האָט דאָרט פון
אַלע אַכייער אַזוי ווי אָדיסייאוּס געליטן?!! בלויז
צו יסורים האָט אים דזעאוּס באַשאַפן, און מיך האָט דער גורל
אין אייביקער בענקשאַפט פון עצבות געוואָרפן, ווייל מיר טוען נישט
וויסן, צי ער איז שוין געשטאָרבן, צי נאָך ביים לעבן פאַרבליבן!
אַך: אַן אבל בּלאָנקעט זיכער אַרום איצט דער זקן לאַערטעס;
די צנועה פענעלאָפּייאַ און זיין בן־יחד טעלעמאַכאָס, —
ווען ער האָט אַ זויג־קינד איבערגעלאָזט אין היימלאַנד...״ —
געזאָגט;
און שיער האָט ער צעוויינט זיך, ווען דער נאָמען אָ ד י ס יי א ו ס איז
צום אויער אים דערגאַנגען. אין טריפיקע טרערן האָט זיין אויג
זיך געבאָדן און אינם קלייד פון ארגמן האָט ער זיין פּנים
באַהאַלטן, אַז תיכף האָט דער קיניג דערקענט אים! — און נאָכגעקלערט
האָט דער מלך בנפשו: צי זאָל ער איצט שווייגן און אים לאָזן
דעם פאָטער באַוויינען, אָדער צי זאָל ער איצט צוגיין צום ענין
און אַלץ זיך דערוויסן.
אָט אַזוי האָט אַ פּלאָנטער פון מחשבות
דעם קיניג געפּייניקט! — — — —
דערווייל האָט זיך פון איר בשמימדיק
חדר אַרויסגעכוואַליעט העלענע; די מלכה בצורת
אַרטעמיס, מיט דער פיקע פון גינגאָלד! — און נון האָט אַדראַסטע איר
אונטערגעטראָגן אַ טראָן־שטול צום זיצן; מיט אַ ווייך געוואַנט
האָט זי אַלקיפּע באַגעגנט, און דערלאַנגט האָט איר פילאָ דאָס
זילבערנע קוישל, וואָס אַלעקסאַנדראַ אשת פּאָליבאָס האָט איר עס
געשאָנקען; ז י, וועלכע האָט פאַרצייטנס געוואוינט אין טעביי נאָך, — די

שטאָט, וואָס ליגט אין מדינת מצרים! יאָ: פון פּאָליבאָס האָט דער
אַטריד מקבל געווען במתנה צוויי זילבערנע וואַנעס;
צוויי דריי־פיסיקע קעסלען און צען טאַלענטן פון גינגאָלד! — און צו
העלענע האָט אַלעקסאַנדראַ געגעבן: אַ גינגילדן שפּיזל
און אַ זילבערנעם שפּין־קויש, וועמעס ראַנדן זענען מיט גינגאָלד
געקאַוועט. — און אָט: דאָסדאָזיקע קיישל האָט פילאָס
דערלאַנגט צו דער מלכה, וואו אין קנוילן פון תכלית אַרומגעדרייט
איז געווען דאָס שפּיזל פון גינגאָלד. — —
און נון האָט זיך העלענע
— אונטערגעשפּאַרט אירע טריט אויף אַ פוס־באַנק — אויף דער טראָן־
שטול געוואָרפן,
און באַלד איר מאַן, וועגן אַלץ און פון אַלעם, צום אויספרעג גענומען:
„זאָג: צי האָט מען אונז געטון שוין צו וויסן, אָ מענעלייאָס,
פון וואָסער גזע עס זענען די פרעמדע, וועלכע האָבן איבער
אונזער שוועל איצט גענידערט? — — אָך: צי האָב איך אַ טעות
איצט, — אָדער
זע איך דעם אמת?!? — — — אָ, זינט איך לעב, האָב איך, סיי ביי
זכרים, סיי ביי
ווייבער, אַזוינע צוויי גלייכע פּרצופים נאָך קיינמאָל געזען נישט.
און עס וויל ממש נישט גלייבן דאָס אויג דעם האַרץ, ווי אָט יענער
בחור איז ענלעך אינגאַנצן אויפן קינד טעלעמאַכאָס, דעם שיינעם
בן־יחיד פון גרויסן אָדיסייאוס, וועמען ער האָט אינם היכל
אַ קינד נאָך פאַרלאָזט, בשעת די אַכייער זענען צוליב מיר
(דער מיאוסער צויג), אין די פעלדער פון טראָיאַ געפאַלן הרוגים!"
האָט דער קיניג דערויף איר געענטפערט:
„אויך איך האָב שוין דעריבער
פאַרטראַכט זיך, אָ אשה! ווייל זע: ווי דער בליק פון אָדיסייאוס, ער
שפּיזט מיט די אויגן; און ווי זיינע, — איז אויכעט די פיס און די
הענט
און די האָר, די געלאָקטע! חוצדעם: אַז איך האָב איצטער דערמאַנט
גראָד
דעם נאָמען פון האר אָדיסייאוס, און דערציילט וויפיל יסורים

ער האָט צוליב מיר אַלץ איבערגעליטן, — האָט דאָס אויג פונם בחור
גענומען זיך נעצן, און זיין פּנים אינם כיטאָן, אונטער זיפצן באַהאַלטן!"

האָט בן־נעסטאָר פּייזיסטראַטאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ מענעלעאָס, שפּראָץ מגזע אַטרייאָס, פּאַסטוך פון פעלקער!
וואָרהאַפטיק: דיין השערה האָט גוט דיר באַוויזן! יאָ: ז י י ן זון איז
דערדאָזיקער בחור! און נייערט צוליב זיין בישנות איז ער
דרייסט נישט געווען אַריינצופאַלן תיכּף אין דיין געטלעך
גערייד, בעת דיין וואָרט געטון האָט אונזער גומען דערקוויקן!
און אויפן געהייס פון מיין פאָטער, דעם פערדן־דרעסירער, האָב איך
אַהערצו געטון אים באַגלייטן. ווייל אייביק טוט נעסטאָר נאָך
גלייבן, אַז נייערט ד ו וועסט מיט מעשים און ווערטער אים עצהן!
אַך, שווער איז פאַר די קינדער די גרויסע אבידה, ווען זיי האָבן דעם
פאָטער פאַרלוירן. בפרט פאַר א י ם, פאַרן העלד טעלעמאַכאָס, וועלכער
איז לאַנג שוין פון אַלע פאַרלאָזט און פון קיינעם באַשיצט נישט,
און קיינער פון פאָלק נעמט אָן זיך די קריוודע דעם צער אים צו שטילן!"

און מיט זיין שפּראַך אויף די לעפצן האָט דערויף דער גילדן־געלאָקטער
מענעלייאָס צעשאַלט זיך:
„ווײ! הייסט עס, — אַז טאַקע ע ר, אונזער גאַסט
איצט, — איז דער זון פון מיין פריינט אָדיסייאוס, וועלכער האָט צוליב מיר
אַזוי פיל מפּלות געליטן?! אַך, שוין לאַנג האָב איך מנדר
געווען, אַז אויב דער בליצשטראַליקער קראָניאָן וועט בשלום
מיט נצחון און שיפן אים אומקערן אַהיימצו, — זאָל איך אים
מיט אַ שטאָט און אַ פּאַלאַטע אין אַרגאָס באַקרוינען. און נאָך וואָלט
פון איטאַקאַ געבראַכט איך זיין זון מיטן גאַנצן עשירות, און
געפירט וואָלט דאָס פאָלק איך צו באַזעצן אַ לאַנד, וואָס גרענעצט מיט

סבּאַרטאַ, וואו איך, דער מלך, טו שאַלטן און וואַלטן מיט חסד ;
אָ, כורת-ברית געווען וואָלטן מיר ביידע ווי צוויי גוטינקע
שכנים ; און געסטלעך וואָלט איינער צום צווייטן מיט ליבשאַפט געקומען,
ביז נייערט דער טויט וואָלט אונזער פריינטשאַפט פאַרשניטן ! — אָבער
ניין !
פאַראומווערדיקט איז געוואָרן מיין מזל ביי געטער, ווייל מיט
שטיינער אונטערוועגנס האָבן זיי פאַרטיליקט דעם אַהיימקער פון
מיין פריינט אָדיסייאוס !״
געזאָגט ; און פון יעדערנס אויג געגומען
האָבן טריפן פיל ביטערע טרערן. און געקלאָגט האָט די טאָכטער
פון דזעאוס, די אַרגיווישע מלכּה העלענע, — און געוויינט האָט
טעלעמאַכאָס מיט בן-אַטרייאָס מענעלייאָס. און אפילו
אויף די וויעס פון פייזיסטראַטאָס האָט אַ בליציקע טרער זיך
געבאָדן. אָ, געטון שוועבן פאַר זיין אויג האָט די צורה פון זיין
ברודער אַנטילאָכאָס, וועמען בן-עאָס געטון האָט פאַרציקן.
און אַזאַ איז געווען די הזכרה :
„אָ אַטריד ! אייביק, ווען מיר
האָבן דיין נאָמען אין היכל געטון ווענס דערמאַנען, — האָט נעסטאָר,
דער ישיש, פון דיין חכמה כסדר געטון אונז דערציילן.
דעריבער בין איך איצט בטוח, אַז מיין קול וועט דערגיין צו דיין
האַרץ. ווייל איך האַלט, אַז עס איז ווייט נישט קיין תענוג דאָס
מאָלצייט צו
באָדן אין טרערן, בפרט ווען פאַר אונז טוט אויך מאָרגן אויסשיילן
אַ טאָג זיך ! אָ, כפי דעתי, זאָל מען אַ נפטר נישט קיינמאָל
באַווײנען, וועמען די אָרעמס פון גורל געטון האָבן פאַרשלינגען.
ווייל בענוג גרויס איז דער כבוד צו יעדן בן-אדם, ווען מען שניידט
פון קאָפּ אים די לאָקן, און זיין אויג טוט ווייקן אין טרערן ! — און
הערט :
אויך מ יי ן ברודער (ווי דו ווייסט) האָט אין טראָיע זיין לעבן
פאַרלוירן.
— און, דוכט זיך, אַז נישט אַבי ווער איז געווען ער אין אַרגיווישן
חייל ! אָ, באַשיינפערלעך האָט ער שוין צו פאַר מיר זיך נישט קיינמאָל

באוויזן, ע ר , דער איילִיקסטער יאָגער: אַנטילאָכאָס, מיין ברודער!"
האָט דער גילדן־געלאָקטער מענעלייאָס דערויף אים געענטפערט:
„קינד מיינס! די רייד פון דיין לעפץ זענען באַפליגלט מיט חכמה,
און ווי
אַ טאַטנס אַ קינד האָסטו, ווי אַ זקן, אַ ישיש, געטענהט.
און באַלד לאָזט זיך דערקענען, אַז דו ביסט מזרע מענעלייאָס,
איבער וועמעס הויז גאָט קראָניאָן האָט געשיקט אַ ברכה פון אויבן.
ווייל ווי נעסטאָרן האָט ער מיט שיבה־טובה און בענטשונג געקרוינט
אים; צום גאַנצן הויזגעזונט האָט געשיקט ער שמחה וחדווה
און געראָטענע קינדער, וועלכע זענען אין בויגן באַהאַוונט!
בכן: דערהייבט אייך, אָ קינדער, און לאָמיר דעם אומעט און טרערן
פאַרגעסן, און באַנייען פון אָנהייב דאָס מאָלצייט! — קומט, — און
לאָמיר
צו דער געטלעכער סעודה לאָזן וואַשן די הענט זיך, — ווייל מאָרגן
כאור וועט שטעלן אַ טאָג זיך פון רייד און געפּלאַפּל און טענות!"
געזאַגט; און בחפזון האָט אַספּאַליאָן דאָס וואַסער אויף די הענט
זיי געשפּרינקלט, ע ר , — דער טייערסטער עבד פון האַר מענעלייאָס.
און נון האָבן די הענט זיי דערהויבן, און ווידער פאַר דער סעודה
געכאַפּט זיך!
דערווייל אָבער איז העלענע אויף אַ המצאה
געפאַלן: מיט כישוף־צמחים האָט אויסגעמישט זי די וויינען,
בכדי יעדערנס צרות און אומעט זאָל ווערן פאַרגעסן! —
ווייל קוים פרווט ווער מיט כישוף־צמחים אַ ויין־כוס פאַרזוכן, — וועט
אין דעמדאָזיקן טאָג בשום אופן זיין אויג אין קיין טרערן זיך
באָדן: — מעג ער אפילו פירן צו קבורה זיין פאָטער און
מוטער; מעג אים ווערן דערהרגעט פאַר די אויגן דער ברודער; און
אפילו ווען שווערדן וואָלטן זיין איינציקן זון דאָרט געשאָכטן! —
אָט אַזאַ מין רפואה געווען איז דערד[illegible]ער כישוף! —
פון
ווייטן מצריים האָט העלענע דידאָזיקע וואָרצלען פון
פאָלידאַמנאַ אשת טאָן מקבל געווען באהבה. ווייל
מיט סם־המות און מיט טייערע צמחים טוט שפּראָצן די

ערד פון עגיפּטאָס, און מיט חכמת־הרפואה איז דאָרט יעדער
באַלאָדן. (וואָרים מגזע פּאַיעאָן איז יעדערער מצרי!) —
אָט מיט דידאָזיקע קרייטעכצער האָט זי פאַרבעטן דעם עולם
צו טרינקען, און מיט מתיקות האָבן אירע לעפּצן צעשאָלט זיך:
„צו דיר, אָ האַר מענעלייאָס, און צו אייך, איר יונגע גבורים,
הילכט איצט מיין שאַלונג! איבער אַלע גוטע און בייזע גורלות
פון לייטן געוועלטיקט דזעאוס־קראָניאָן מיט שטאַרקייט, ווייל עד סוף
כל הדורות טוט קלינגען זיין שם־טוב! בכן: טוט בהרחבה
פון מיין מאָלצייט געניסן, — און איך וועל עפּעס שיינס אייך פאַרציילן! —
אָ, נישט פון אַלע פּרטים בין איך איצט ביכולת צו פאַר אייך
דאָ באַווייזן; ווייל גרויס זענען די מעשים פון דעם מכאובים־
געשלאָגענעם העלד אָדיסייאוס, וועלכער האָט אויף די פעלדער פון
טראָיע מיט אַלע אַכייער אַזוי פיל נסיונות געליטן! —
און הערט: איינמאָל האָט ער זיך אַליין ביז צו ברוין־און־בלויע ביילן
צעמזיקט און זעק מיט צעריסענע שמאַטעס אויף די אַקסלען
פאַרוואָרפן — און אָט אַזוי, אַ פאַרשטעלטער, זיך צו דער מחנה פון
שונא פאַרגנבעט!... בשום־אופן האָט קיינער געגלויבט נישט, אַז ער
קומט איצט צו שפּריינן פון די אַכייאישע שיפן, ווייל זיין אויסקוק
געווען איז אַ בעטלער! אָט אַזוי האָט ער אַריינגעשאַרט זיך אין
דער טראָיאַנישער פעסטונג, וואו חוץ מיר האָט אים קיינער געטון נישט
דערקענען. — — איך פרעג אים. אָבער — עס: מיט כיטרע המצאות האָט ער
בערמה אַרויסגעדרייט זיך פון יעדערער שאלה! — — — ערשט, אַז איך
האָב אים געטובלט און מיט זאַלבונג פון בוימלען געהיילט אים די
וואונדן, און שיינע געוואַנדן אויף זיינע אַקסלען פאַרוואָרפן, און
ביי די געטער געשוואוירן, אַז צו טראָיאַנער וועל אַזוי לאַנג איך
קיין מסירה נישט טראָגן, ביז ער וועט צוריק נישט געגעבן צו דער
שיף און געצעלטן, — האָט ער ערשט דענסטמאָל דעם איינפּאַל פון אַכייאַ
געטון מיר אַנטפּלעקן! — — און נון האָט ער פיל טראָיאַנער געטון דאָרט

פאַרלענדז, און מיט אַ ליכטיקער בשורה אומגעקערט זיך צו
זיינע חיילות! — — —
און בקולי־רם האָבן די טראָיאַנישע
ווייבער געקלאָגט און געיאָכמערט. אין מיר אָבער האָבן די בליטן
פון שמחה געזונגען; ווייל מיין האַרץ האָט ווידער אַהיימצו פאַרבענקט
זיך, פונוואַנען אַפראָדיס האָט אין טראַיע געטון מיך פאַרטרייבן:
אָפּגעריסן פון קינד און אויסן ליבן חתונה־בעט פונם קיניג!"
האָט דער גילדן־געלאָקטער מענעלייאָס דערויף איר געענטפערט:
„באמת: ווי אַן אשת־חייל געווען איז דיין שאַלונג, אַ ווייב
מיינס העלענע! וואָרים מיט פיל מעלות־טובות און חכמה האָב איך
אונטערוועגנס מיט גרויסע גבורים באַקאַנט זיך; אָבער אַזאַ
גרויסע נשמה, ווי עס איז אייביק געווען דער העלדישער
מאַן אָדיסייאוס, — האָב איך נאָך, זינט איך לעב, נישט באַגעגנט! — אַך!
אפילו יענע סכנה האָט ער מיט גבורה און מוטיק
אַריבערגעטראָגן, בעת מיר זענען אין אויסגעהוילטן פערד
געלעגן באַהאַלטן און העלדיש די טראָיאַנער פאַרטיליקט!
געדענק: אויך דו האָסט זיך דענסטמאָל פון אַ בייזן שטן אַהינצו
באַוויזן, וועלכער וואָלט זיכער לטובת איליאָן געטון אונז
פאַרציקן. און באַגלייט פון דייפאָבאָס האָסטו דריי מאָל אַרום
אונזער פאַרשטעק געמאַכט אַ הקפה; אַרומגעטאַפּט און געקלאַפּט
און געבישטערט, און יעדן גבור באַזונדער אָנגערופן ביים
נאָמען, נאָכמאַכנדיק דאָס קול פון די ווייבער! — און זאַלבעדריט מיר
האָבן דערהערט ווי דו רופסט אונז: מיך, בן־טידייאָסן און דעם
איידעלן העלד בן־לאַערטעס. — און נון האָבן מיר ביידע אויף דיין
רוף געוואָלט אַרויס פונם אויסהויל, אָדער פון פאַרבאָרגעניש לאָזן
זיך הערן. האָט אָבער אָדיסייאוס מיט אַ שאַרפן קוק אונזער
פאַרלאַנגען צעריסן, אַז אונזערע העלדישע לעפצן זענען
געבליבן פאַרשטיינערט. — נייערט אַנטיליקאָס האָט זיין באַשלוס נישט
פאַרנומען און באַגערט אַרויס מיט אַ לשון; — איז אָבער תיכף
ווי אַ לעמפּערט אויפגעשפרונגען אָדיסייאוס און צוגעדריקט אים
צו ציינער די לעפצן, ביז אַטענע האָט דיך פון אונזער אויסהויל
דערווייטערט. אָט, ערשט אַזוי האָט נייערט ער געטון אונז באַשיצן!"

האָט אָבער דער פאַרשטאַנדיקער בחור טעלעמאַכאָס געענטפערט:
„ניין! דאָס איז ווייט מיר קיין טרייסט נישט, אַ גרויסער קיניג בן־אַטרייאָס,
די מעכטיקער פאַסטוך פון פעלקער! אַך, נאָך שטאַרקער איז מיין שווערע
אבידה, ווייל אפילו אַזאַ שטאָלערנעם גבור האָט דער טויט נישט געמיטן! — — —
אָבער, — אָבער איצט איז שוין שפּעטלעך און עס נעמט
קלאַפּן דער שלאָף אויף די וויִעס און עס ציט אינם רו־בעט צו דרימלען!"
געזאָגט; און איילִיק האָט העלענע די מיידלעך גערופן, און זיי
תיכּף באַפוילן אויסצובעטן אין דער עזרה אַ וואַרעם
געלעגער: פון אונטן מיט פּערפּלנע קישנס אונטערצושפּרייטן
צוקאָפּנס; איבערציען פון אויבן מיט אַ טייערע קאָלדרע
און מיט וואָליקע קאָלדרעס איינצודעקן אַלץ מיטאַנאַנדער. — — און
באַלד טאַקע האָבן די מיידלעך ביי דער שיין פון הבדלות אויסגעשפּרייט
אַ געלעגער; און באַגלייט פון אַ העראָלד האָבןביידע אורחים
אַהינצו געגדערט, און אויפן רו־בעט האָבן זיי טעלעמאַכאָס און
בן־נעסטאָר געפּעדערט. — אָבער אין טיפקייט פון היכל איז אויך דער
אַטריד געשלאָפן, און מיט אים — די שיינינקע מלכּה העלענע!
און באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָט דער מלחמה־צעפּויקער מענעלייאָס געטון אַ טאַנץ
אַראָפּ פון געלעגער; אַריין אין געוואַנדן און אויף לענדן די
שווערד אויפגעהאָנגען. און נון האָט ער אַרומגעבונדן די פיס זיך
מיט שיינע סאַנדאַלן; אויסן געצעלט זיך געפּעדערט מיט געטלעכן
הדר און אַראָפּגענידערט מיט געדייד צום פּרינץ טעלעמאַכאָס:
„דערציייל: וואָס פאַר עסקים האָבן דיך אַהערצו, טעלעמאַכאָס,
געטריבן, וואָס דו ביסט אַזש איבער ימים ביז אין לעקאַדיימאָן
געשוואומען? זאָג: צי קומסטו פון פאָלק, צי גאָר פון אייגענעם רצון?!"
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגער בר־סמכא, דערויף אים געענטפערט:

„א מענעלייאס בן אַטרייאָס, דו גרויסער פּאסטוך פון פעלקער!
אַליין איך באַגער איצט אַ ידיעה פון מיין פאטער צו הערן,
פּארוויסט ווערט מיין היים און אין שווערע חרבנות מיין עשירות
פאַרטיליקט. שונאים. וואָס גלוסטן מיין מאמעס אַנטשפּויזונג, לויערן
אַרום אין מיין היכל; און ווי: מיט שווערער עקשנות זיי שעכטן
גאַנצענע סטאדעס שאָף און רינדער און שוער-באַהערנערטע ביקעס.
דעריבער פאַל איך איצט כורעים צו דיינע קניען, אָ קעניג, און
בעט דיך: זיי מיר מבשר פון זיין שרעקלעכער מיתה, און פאַרצייל:
צי ביסטו אַליין ביי זיין גסיסה געווען, אָדער צי האָסטו
עפּעס פון אַ בלאָנזשיקן גייער וועגן אים ווענס פאַרנומען? — ווייל
אַך: נייערט צו שווערע ענויים האָט אים זיין מוטער געפלאָדיעט!
הער: אָן רחמנות און זהירות זאָלסטו נייערט דעם אמת מיר
געבן צו וויסן. ווייל מיט אַ הייליקער שבועה איך בין אויף דיר
גוזר, אַז דו זאָלסט מיר דערציילן, צי האָט דיר מיין פאָטער עפּעס
אַ צוואה בפועל אָדער אין ווערטער איבערגעגעבן
אָט דאָרטן, אין איליאָן, וואו צעפּרעסן דער צער האָט אַרגייער! —
נישט
לייקן, נישט לייקן, אָ קיניג, און זיי מיר דעם אמת מבשר!"

און אַ תפילה האָבן די ליפּצן פון בן-אַטרייאָס געשעפּטשעט:
„פאַרנעמט מיך, אָ געטער!
אינם מאָנס-בעט פון שטאַרקסטן גבור ווילן
הולטייסקע פחדנים זיך וואַרפן! — אָבער אַזוי ווי אַז אינדיק,
וואָס טוט אין אַ לייבן-נעסט אירע יונגינישקע סאַרנעס באַהאַלטן,
און אַליין טוט זי בלאָנזשען איבער טאָלן און בערגער, צו זוכן
חיונה. אָבער די גראָב-הויטיקע חיה טוט אומקערן
אַהיים זיך, און טרעפט אין דער נעסט דאָרט צווי אונטערגעוואָרפענע
קינדער,
און עס טוט דער לייב מיט אַ גרויזאַמען טויט זיי פאַרציקן, — אָ, מיט
אַזאַ נקמה וועט אויך אָדיסייאוס אומברענגען די פושעים!
אָ, היכאָלמעכטיקער דזעאוס, אַטענע און פויבאָס-אַפּאָלאָן!
אַז אָדיסייאוס וועט ווי בשעתו אין לעסבאָס דער שטאָט (ווען ער
האָט זיך אינם געוועט-קאַמף אויף פילאָמעלײדאָס טסאָל-שווער געוואָרפן,

און צום נחת פון אַלע אַכייער — אויף דער ערד אים צעוואַלעט ;) —
אָ! אַז אָדיסייאוס וועט, ווי בשעתו, צו ז י י זיך באַווייזן, —
וועט ער מקצר זיין די יאָרן פון ווילדע חתנים, אַז
פאַרמיאוסט וועט זיי ווערן דער טאַנץ צו דער חופה!!!
און מכוח דעם, וואָס
דו טוסט איצט באגערן נייערט דעם אמת צו הערן, אָ, אַלץ וואָס
דער ים-גרייז האָט געטון מיר צו וויסן, — וועל איך איצט דיר
אנטפלעקן!
הער: צוליב שווערע חטאים, וואָס איך האָב פאַרגעסן צו ברענגען
אַ קרבן אין ווייטן מצריים, — פונוואַנען עס האָט מיט אַזאַ
בענקשאַפט געצויגן אַהיימצו, — האָבן בייזע געטער געטון מיך
שטראַפירן. און אין סאַמע געדויש פון צערודערטע ימים ליגט
דאָרט אַן אינזל, וועמעס נאָמען עס רופן פ אַ ר אָ ס די מצרישע
לעפצן; וואָס נאָך אַ מהלך פון אַן איינציקן שווים-טאָג, — בעת
געלייטערטע ווינטן טוען אין די זעגלען צו בלאָזן, — קאָן מען
אַהינצו מיט געפאַנצערטע שיפן צום ים-ברעג גענענען,
בכדי אָנצושעפן פון טונקעלן וואַסער, און ווייטער איבער
כוואַליעס זיך לאָזן. אָט אַ ד אָ ר ט ן האָבן מיך צוואָנציק מעת-לעתן
אָפגעהאַלטן די געטער; און קיין שום ווינטער איבער דער ים-שוים
געבלאָזן, און מיינע שיפן נישט ווייטער געטריבן! און שיער, שיער,
וואָלט אונזער צידה-לדרך מיטן רצון פון מאַנען אויף ווייטער
געקלעקט נישט, אויב דזעאוס וואָלט אַ מליץ-יושר נישט געטון אונז
אַנטפלעקן! — און נון האָט איידאָטייאַ, די טאָכטער פון ים-גרייז
פּראָטייאָס, מיט אַ האַרץ מלא רחמים געטון צו פאַר מיר זיך
באַווייזן, בעת איך האָב אַזוי איינזאַם אויפן אינזל געבלאָנזשעט,
צוקוקנדיק ווי מיט געפייניקטן הונגער זוכן חברים
מיט אַ ווענטקע אַ פישל אויס ימים צו אַנגלען. אָט דענסטמאָל האָט
איר אַנטפלעקונג צו פאַר מיר זיך באַוויזן, און מיט שאַלונג האָבן
אירע לעפצן געפרעגט מיך:
„אָ פרעמדער! צי ביסטו אַזאַ שוטה,
אַ פריינט פון ווילדע פחדים, וואָס געפינט אַ תענוג אין אומגליק?
היי: צי האָט דיר אַ שטרויכלונג דעם אויסוועג פונם עמק-הבכה

וואַרשניטן, וואָס עס האָבן דיינע שיפער דעם רצון פאַרלוירן ? ? !" —
אַזאַ געווען איז איר שאלה ; און איך האָב דערויף איר
געענטפערט :
„איך וויל דיר דעם אמת, אָ פרעמדע, אומענדלעכע געטין, זיין איצט
מבשר ! — הער : נישט צוליב תענוגים בין איך דאָ פאַרבליבן, נאָר
איבער מיינע חטאים האָבן געטער געטון מיך שטראָפירן !
אָבער איצט זאָל דיין באַגאָטישע חכמה דעם סוד מיר געבן צו
וויסן : וואָסער הימלישער גאָט האָט מיך אַהערצו פאַרטריבן ? און
ווי אַזוי וועט דער פלאָנטער פונם ים-פיש-געווימל מיך קאָנען
באַפרייען ?"
געזאָגט ; און ווידער האָט איר שפּראַך צעעפנט די געטין :
„דעם קלאָרן אמת, אָ פרעמדער, איך וויל דיר זיין איצט מבשר !
הער :
איבער דעמדאָזיקן ים טוט שאַלטן און וואַלטן דער גרוי-בייזער
מצרישער אָפּגאָט פּראָטייאָס ; אונטער וועמעס שליחות פונם
ים-גאָט פּאָזיידאָן ער טוט מעסטן די רחבות פון צעיושעטן
וואַסער. און הגם אַלע שרייען, אַז איך בין פון זיין זרע
געוואָרן געפלאָדיעט, — פונדעסטוועגן וועל איך דיר איצט עצהן : פרווו
אים בערמה אין אַ ווינקל דערטאַפּן, ביז אַ באַצווינגענער
ער וועט דיר מוזן באַווייזן די וועגן, וואָס וועלן אַהיים דיך
באַשיפן ! און נאָך מער ; אויב דו באַגערסט, אָ געטלעכער אורח, —
וועט
ער אויך דיר אַנטפּלעקן, וואָס געשען אין דיין היים איז, בעת דו האָסט
אַ נע-ונדניק איבער ווייט-צערודערטע ימים געבלאָנזשעט !"
אַזוי געזאָגט האָט די געטין, און איך האָב דערויף זי געבעטן :
„טאָ גיב-זשע אַן עצה, אָ מעכטיקע געטין : ווי אַזוי דערטאַפּט
מען דעם ים-גרייז, אַז ער זאָל מיר פון אונטער די הענט נישט
צערונען.
ווייל נישט אַזוי לייכט לאָזט זיך אַ גאָט פון אַ מענטש צו באַצווינגען ? !"
אַזאַ געווען איז מיין תפילה ; און ווידער האָט איר שפּרוך צעעפנט
די געטין :
„אָ פרעמדער ! דעם אמת וועל איך דיר זיין איצט מבשר !

חער : בייטאָג, בעת העליאָס טוט מיט פייער אלע הימלען מיט
זון-ליכט באַגיסן, נעמט אַרויסשווימען פון אָפּגרונט דער ימישער
נביא ; און אַן איינגעהילטער אין געקרייזלטע כוואַליעס, טוט אים
זעפיראָס אין זיינע טונקעלע ווינטן צו ווע‌לבן. און מיטן גאַנג
פונם מערב שאַרט דער ים-גרייז זיך לייגן אינם אויסהויל פון
סקאַלעס, וואו
שווימענדיקע פּאָקעס פון שבט האַלאָזינדרע ריזלען אַרויס
פון געוואַסער און רינגלען אַרום דאָרט זיין ווייט געלעגער, און
פאַרשטינקען מיט זייער אָטעם דעם ימישן מרחק ! אָט, א ה י ן
וועל איך מאָרגן כאור אייך ברענגען צו פירן, און צווישן פּאָקעס
אייך לייגן. דו אָבער ברענג מיר בשתיקה אַרויס פון די שיפן
דריי שטאַרקע און מוטיקע יונגען, און איך וועל דיך דערווייזע דעם
אַלטנס הנהגה באַלערנען ;
ראשית, קריכט ער אַרום און טוט
שורהווייז ציילן די פּאַקעס. און נאָך אַ חקירה-ודרישה,
ווען ער האָט שוין פינף-פינגערדיק איבערגעציילט זיינע חיות, טוט
ער, ווי אַ פּאַסטוך אין דער סטאַדע, מיט זיינע פּאָקעס זיך לייגן.
און ווען איר וועט דערזען, אַז ער איז שוין אין טיפן געדרימל
געוואָרן פאַרזונקען, טאָ גורט אָן אייערע לענדן מיט קראַפט און
גבורה, און טוט אייך מיט שטאַרקייט אויף זיין נפש צו וואַרפן,
בכדי ער זאָל אייך קיין ויברח נישט מאכן !... אָבער הערט : אויף
כלערליי אופנים וועט ווערן דער מכשף מגולגל : פון
אַלץ, וואָס לעבט אויף ים און יבשה, און פון אַלץ, וואָס טוט טליען אַ
ברענענדיק פייער ! – איר אָבער זאָלט אָן פחד אַזוי לאַנג אים נאָך
האַלטן, ביזוואַנען ער וועט ווידער פון שווערן געדרימל נעמען
אייך פרעגן ! – — — דענסטמאָל באַפריי אים, אָ איידעלער גבור, און
פרעג דאָרט
ביים ים-גרייז : ווער פון די געטער האָט אויף דיר זיך צעכעסנט
און ווען
וועסטו קומען בשלום אַהיימצו".
געזאָגט ; און מיט אַ שפרונג אין
די וועלען איז צו בישט זי געוואָרן ! – און נון האָב איך איבער

זאַמדן צו מיינע שיפן גענידערט, וואו שווערע מחשבות האָבן
געפרעסט די נשמה. און ווען איך האָב זיך אויף מיין שיף פונם ים-ברעג
געפעדערט, האָבן מיר אָנגעברייט דאָרט אַ מאָלצייט און זיך תיכף
אינם אַמבראַזישן אָוונט, אין די אָרעמס פון שלאָף דאָרט געוואָרפן!
אין באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָב איך אין דער טיפקייט פון די כוואַליקע ברעגעס גענידערט און
תּפילה געטון מיט כּוונה. און באַלד האָבן דריי אויסדערווײלטע
חברים (באַפרייטע פון פחד) הינטער מיינע שפּריי-טריט געשאַרט זיך!
בינתיים האָט די פאַרשוואונדענע געטין פון ימישער
טיפקייט אַרויסגעצויגן פיר פריש-אָפּגעשינדענע פעלן פון
פּאַקעס, בכדי אין שווערע ספקות אַריינצוטרייבן דעם פאָטער.
און נון האָט זי פאַר יעדן אויסגעגראָבן אין זאַמד אַ געלעגער
און געוואַרט אויפן אָנקום! און אַז מיר האָבן די געטין באַגעגנט, —
האָט זי אַרומגעגאַרטלט אונזער גוף מיט די פּאָקישע פעלן.
און נון האָבן מיר דאָרט געהויערט! אָבער ווי: — אַ געשטאַנק ביז צום
דערשטיקן, האָט ווייט, ווייט זיך געטראָגן פון די ימישע פּאָקעס! —
(ווייל וואָסער בן-אדם קאָן דען איינליגן אויף ימישע ברואים?)
אָבער מיט פרישע בשמים האָט אונז מציל געווען די געטין!
און זי: וויין-דופטיקן אַמבראַזיאַ האָט זי אונז געגעבן צו
שמעקן, ביז די ריחות פון פּאָק-טראַן זענען געוואָרן פאַרטיליקט!
אָט אַזוי האָבן מיר מיט סבלנות אָפּגעוואַרט דעם באַגינען. —
און נון זענען כטאַדעסווייז פון אונטער די כוואַליעס די פּאָקעס
געקומען, און שורהווייז איינגעשלאָפן ביים רוישיקן ים-ברעג.
און ערשט בין-השמשות האָט זיך דער זקן אַרויסגענורעט פון
וואַסער, און געציילט און געגישטערט די שמאַלציקע פּאָקעס; אַזוי,
אַז אויך אונז האָט ער — על-פּי טעות — צווישן די ברואים פאַררעכנט, —
און, זיך נישט אָנשטויכנדיק גאָרנישט, — האָט ער רויִק געלייגט זיך

מיטאמאָל האָבן מיר מיט רעש געגעבן אַ הייב זיך און די הענט
אים געפּענטעט. אָבער זיין כּישוף האָט נישט פאַרגעסן דאָס געטשל:
פליוצלינג איז פון אים געוואָרן אַ לייב מיט אַ כוואַליקער גריווע;
דערנאָך: אַ לעמפּערט, אַן עקדיש און אַ צעווילדעט חזיר, און
ערשט שפּעטער איז ער אין אַ שטורמיק וואַסער און אין רוישיקע
ביימער געוואָרן מגלגול. — אָבער מיט כּוח מיר האָבן דעם
ים־גרייז געהאַלטן, ביז ער האָט צו פאַר אונז זיך אונטערגעגעבן
אַ מידער, און מיט ווייכע רייד האָבן זיינע לעפּצן געשעפּטשעט:
„אָ אַטריד! וואָסער גאָט האָט דיר דידאָזיקע עצה געגעבן,
אַז דו זאָלסט בערמה מיך פאַנגען? זאָג: וואָס איז דיין באַגער איצט?“
אַזוי געפרעגט האָט דער זקן, און איך האָב דעם ים־גרייז געענטפערט:
„וואָס מאַכסטו אַן אָנשטעל, אָ אַלטינקער זיידע? דו ווייסט דאָך אליין,
אַז איך בין איצט פאַרוואָגלט אויפן מדברישן אינזל און אַז מיר
האָבן פאַרלוירן דעם וועג אויף אַהיימצו! דעריבער דערצייל מיר,
אָ געטלעכער זקן, — פאַר ווענען עס איז קיינמאָל קיין סוד נישט
פאַרבאָרגן: — ווער פון די געטער האָט אויף מיר זיך צעכעסנט, און ווען
וועל איך איבער די זאַלציקע ימים קומען בשלום אַהיימצו?“
אַזאַ געווען איז מיין שאלה, און גיך, גיך האָט ער מיר געענטפערט:
„איידער דו האָסט מיט דיינע רוישיקע שיפן אין מרחק געלאָזט
זיך, כּדי וואָס גיכער צו שווימען איבער צעשטורעמטע כוואַליעס
אַהיימצו — האָסטו געקאַרגט אויף קרבנות פאַרן אַלמעכטיקן
דזעאוס און צו פאַר אַלע אָלימפּישע געטער! דעריבער האָט
גוזר געווען דער הימל, אַז דו זאָלסט אַזוי לאַנג דיין היים נישט
דערגרייכן, ביז דו וועסט זיך נישט אומקערן צוריק אין מצריים;
און ביי די רוישיקע ברעגעס פון די מצרישע ימים זאָלסטו
מיט העקאַטאָמבן־קרבנות דאָרט ווערן אַ חוזר־בתשובה, —
ביז מכפּר עס וועט זיין דיר דער הימל און פירן אַהיים דיך
בשלום!“
אַזוי האָט מתרה געווען דער זקן; אָבער טיף

אין בוזעם איז געוואָרן דאָס האַרץ מיר פאַרשניטן, ווייל צוריק אין
מצרים, איבער צערודערטע ימים האָט געשיקט מיך דער
נביא ! — — אָבער, — באַפאַנצערט מיט גבורה האָב איך אים געבעטן :
„אָ הייליקער גרייז ! דיין שווערן געהייס וועל איך מוזן דערפילן.
אָבער פריער פאַר אַלץ זיי מיר דעם אמת מבשר : צי האָבן
אַלע אַכייער, וועמען נעסטאָר און איך האָבן אין טראָיע
פאַרלאָזט, אומגעקערט זיך בשלום אַהיימצו ? זאָג : צי איז ווער
אונטערוועגנס אין דער שווים-שיף געשטאָרבן, אָדער גאָר צווישן פריינט און
חברים, שוין נאָך דער מלחמה, אין דעם אייגענעם היימלאַנד ?”
אַזאַ געווען איז מיין שאלה ; און גיך, גיך, האָט ער מיר געענטפערט :
„וואַס נוצט דיר דאָס פרעגן, אָ בן-אַטרייאָס ? אַך, אויב דו ווילסט דווקא
איצט אויפדעקן דעם אמתן פּרצוף, טאָ וועלן זאַלציקע
טרערן פון דיינע פינסטערע אויגן דיינע באַקן דערטרינקען !
הער : אַ סך האָבן זייער לעבן אויפן שלאַכטפעלד פאַרלוירן, און פיל
ביים לעבן פאַרבליבן. און נייערט צ וו יי ראשים פונם אַרגיווישן
חייל האָבן אונטערוועגנס זייער לעבן פאַרלוירן ; און אויף
טראָיאַנישע פעלדער ה אָ ס ט ו זיך געוואַלגערט. — א יי נ ע ר פון זיי האָט
איבערן ימישן מדבר געזוכט זיך אַן אויסוועג ; אָבער טיף,
טיף אינם אָפּגרונט איז אַיאַס מיט די שיפן געוואָרן פאַרזונקען !
און הגם אים האָט תחילת מיט ליבשאַפט פּאָזיידאָן באַשירעמט, און
צו די גירייאישע סקאַלעס די בהלה פאַרטריבן, בכדי
ער זאָל אַרויס פון נסיון, — האָט אָבער דער שונא פון פּאַלאַס-
אַטענע מיט חוצפה במזיד צעעפנט זיין קללה ביז
הימלען, און להכעיס די געטער איבער ימים אַנטלאָפן. און
בעת די קללה פון חוטא איז צום אויער פון פּאָזיידאָן
דערגאַנגען, האָט ער מיט דער מוראדיקער פויסט געטון אַ כאַפּ דעם
גרויסן, דרייצאָניקן פלאָקן, און מיט אַ קנאַק די גירייאישע
סקאַלע צעשפּאָלטן. און זע : אַ העלפט איז אויפן ים-ברעג פאַרבליבן ; און
אַראָפּגעגליטשט האָט די רעשט זיך אין וואַסער, וואו אַיאַס אַדאָרט איז

ג׳זעסן און געשיקט זיין קללה צו געטער. און ווי׳ : אין טיפן
אפגרונט פון זאַלציקע ימים איז איאס געוואָרן פאַרשלונגען!
נייערט בעזרת הערא האט מציל געווען זיך דיין ברודער
פון זיכערן אומקום! ווייל געווען איז, בעת ער האט צו די
קניען פון די מאַלייאישע בערגער געטון זיך גענענען, האט
פלוצלינג אַ ווירבל־געקרייזל געטון אַ וואָרף אים אין ווילדן
געשטורעם, אַז מיט יללות איז ער געוואָרן פאַרוואָרפן צום
ברעג פון טיעסטעס׳ ממשלה, — איבער וועמעס מדינה עס טוט
איצטער בן־טיעסטעס — עגיסטאָס רעגירן. אָבער אויך א י צ ט האט
דער גורל געגעבן אַ דריי זיך צום גוטן: ווייל מיט אימפעט האט
דער ווינטער אַהיים אים געטריבן! און זע: מיט שמחה האט ער זיך
אויפ׳ היימישן אינזל געפעדערט; און פאַלנדיק כורעים, האט
געקושט ער די היימישע זאַמדן, און פריידיקע טרערן האָבן פון
אויג אים געטריפלט! — דערווייל אָבער האט פון זיין אויסקוק דערזען אים
דער שומר, וועלכער האט, אַ געשיקטער פון בייזן עגיסטאָס, פאַר
צווי טאַלענטן פון גינגאָלד איף אים דאָרט געהויערט! אָ, אַ גאַנץ יאָר
האט פונם ראש־הפסגה דער שומר געלאָקערט, בכדי י ע נ ע ר זאָל
א י ם נישט בערמה פאַרלענדן!
אין נון איז דער שומר געלאָפן
אָנזאָגן אין היכל די בשורה, און באַלד טאַקע האט עגיסטאָס
אָנגעברייט אים אַן אומגליק: אַך, צוואָנציק גבורים האט ער אין זיין
היכל בערמה באַהאַלטן, און באַפוילן אָנצוברייטן
באַזונדערס אַ סעודה. און אַליין איז ער מיט פערד און מרכבות,
– און מיטן בייזן געוויסן – געגאַנגען פאַרבעטן צום זעטיקן
מאָלצייט דעם פאַסטוך פון פעלקער בן־אַטרייאָס אַגאַמעמנאָן; און
בעתן געזאַנג אים געקוילעט, ווי מ׳טוט שעכטן אַן אָקס אין דער
יאַטקע! — אָט אַזוי איז אומגעבראַכט געוואָרן מיטן אַטריד זיין
חיל, און אויך פונם רגזן עגיסטאָס איז קיין העלד נישט פאַרבליבן!„

אזוי דערציילט האָט דער ים-גרייז; און טיף אין בוזעם האָט דאָס הארץ מיר
געשניטן. אָ, אָנגעטרונקען מיין אויג האָט די ימישע זאַמדן,
און אונטער די שטראַלן פון העליאָס האָב באַגערט איך צו שטאַרבן.
און ערשט, ווען איך האָב מתוך עצבות פונם זאַמד זיך דערהויבן, האָט
תיכף דער ים-גאָט מיט אמת און יושר גענומען מיך טרייסטן:
„פאַרמייד איצט די טרערן, אָ זון פון אַטרייאָס, ווייל נישט געוויין און
געקלאָג פאַרגרינגערט דעם גורל. וואָס דען? — גורט אָן זיך מיט כוח, בכדי
דו זאָלסט באַווייזן וואָס גיכער דיין היימלאַנד דערגרייכן; ווייל עס קאָן
גריילעך זיין, אַז עס לעבט נאָך דיין ברודער. אויב אָבער אָרעסטעס האָט
אים פריער שוין געשאָכטן, — טאָ אייל-זשע וואָס גיכער צו קבורה!"
אַזאַ געווען איז די טרייסט; און כאָטש עס האָט דער צער מיך צעבראָכן, —
האָט דעם זקנס פרומער געהייס געשטאַרקט מיר דאָס הארץ אין בוזעם.
און ווידער האָב איך מיין שפרוך מיט באַפליגלטע ווערטער צעעפנט:
„אָ, דעם גורל פון ביידע האָסטו געטון מיר אַנטפּלעקן. אָבער
וואָס איז געשען מיטן דריטן? זאָג: צי בלאָנקעט אַרום ער אויף ימים,
אָדער לעבט ער שוין מער נישט? — אָ, זיי מיר די בשורה מבשר!"
אַזאַ געווען איז מיין טענה; און גיך, גיך האָט ער מיר געענטפערט:
„הער: געווען איז דער דריטער דער זון פון לאַערטעס, אַ באַוואוינער
פון איטאַקאַס היגלען! אַך, אויף אַ וויסט אינזל, אין דער נעסט פון
דער נימפע קאַליפּסאָ, האָב איך אים באַגעגנט. און זע: אים העלפט נישט
קיין וויינען און בעטן, ווייל ביד-חזקה זי האַלט אים מיט קראַפט
און גבורה, אַז אומזיסט איז זיין בענקשאַפט צום היימלאַנד. אָ, אויך קיין

שיף מיט מאַטראָסן איז אַדאָרט נישט פאַראַנען, אַז ער זאָל איבערן
ימישן מדבר באַווייזן אַנטרינען אַהיימצו! — — צו פאַר דיר
אָבער בן-אַטרייאָס האָט מרמז געווען מיר דער גורל; נישט
אינם פערדיקן אַרגאָס וועט אויסגיין דיין ריינע נשמה; נייערט
איבער די אין-סופיקע עליזייאישע פעלדער וועלן דיך
פירן די געטער, וואו מיט שלווה געוועלטיקט ראַדאַמענטיס! — און
הער: אין יענעם לאַנד גיסט קיינמאָל קיין רעגן, קיין שניי און קיין שטורעם;
ווייל מיט אייביק שטילן גערויש טוט בלאָזן מיט חדווה זעפיראָס
אַרויס פון אויקינוס און קילט מיט ליבשאַפט די מאַנען! — אָט, ד אָ ר ט איז
דיין וועג, ווייל דיין ווייב איז העלענע, און דו — אַן איידעם פון דזעאוס!"
געזאָגט; און מיט אַ שפרונג אין די וואַלן איז צו נישט ער געוואָרן.
און נון האָב איך מיט חברים צו מיינע שיפן איבער זאַמדן
גענידערט און שווערע מחשבות האָבן מיין נשמה געפייניקט.
און ווען איך האָב זיך אויף מיין שיף פונם ים-ברעג געפעדערט, האָבן מיר
אָנגעברייט דאָרט אַ מאָלצייט און זיך תיכף נאָך קריאת-שמע
אינם אַמבראָזישן אָוונט אין די אָרעמס פון שלאָף דאָרט געוואָרפן.
און באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָבן מיר אַריינגעצויגן די שיפן אינם הייליקן ים-שוים;
אויפגעשטעלט דאָרט די מאַסטן און די כוואַליקע זעגלען צעצויגן.
און נון האָבן מיר זיך אויף די שיפן געפעדערט, און שורהווייז
האָבן חברים פאַר די וועסלעס געכאַפט זיך און צערודערט די זאַלציקע פאַליעס. —
און ווען אונזער שיף האָט קיין מצריים געבראַכט
אונז, האָט זיך מיין קרבן-חטאת אין מצרישן וואַסער גערויכערט.
און נון האָט מכפר געווען מיר דער הימל, און איך האָב תיכף
אויפגעשיט אַ קענאָטאַף צום אייביקן שבת פאַר אַגאַמעמנאָן!
און ווידער מיר האָבן אין וועג זיך געלאָזט. קילינקע ווינטן
האָבן די געטער געבלאָזן און איילik געפירט אונז צום היימלאַנד! — —

— — דיך אָבער, טעלעמאַכאָס, איך בעט איצט : פאַרבלײַב אין מײַן היכל נאָך
עלף אָדער צוועלף מעת-לעתן, ביז איך וועל מיט מתנות אָפּשיקן
אַהיים דיך. איך שענק דיר דרײַ גיך-לויפיקע פערד מיט אַ שײַנער
מרכבה און דערצו נאָך אַ גינגילדענעם ווײַן-כּוס, פון וועלכן
דו זאָלסט שפּרינקלען לכּבֿוד די געטער און מ י ך בשעת עבֿודה געדענקען !"
  האָט דער קלוגער טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט :
„אָ, בן-אַטרײַאָס ! טו גנאָד צו דײַן אורח, און הייס מיך נישט לענגער
פאַרבלײַבן. אָך, אפילו אַ יאָר מיט מעת-לעתן וואָלט איך דאָ אָן
בענקשאַפט אַהיימצו — געזעסן, און צוגעהערט די באַלזאַמישע
טענות, וואָס טוען טריפן פון דײַן לעפץ אין מײַן גומען ! — אָבער זע : נישט
מרוצה דערצו זענען מײַנע חבֿרים, וואָס דערוואַרטן, אַז
איך זאָל וואָס גיכער שוין קומען אין פּילאָס ; — הײַנט, צוואָס האַלטסטו אָפּ
איצט, אָ קיניג, מײַן הייליק שליחות, וועלכעס איז מיט אַזויפיל
סכּנות פאַרבונדן ? — — און וואָס שײַך אַ מתּנה, וואָלט דווקא
אַן איידלשטײן מיר ניחא געווען. אָבער פערד ? — אַמער זאָלן
זיי אין דײַנע שטאַלן צום צירונג פאַרבלײַבן ; וואָרים וועמען
נוצן דען פערד אין איטאַקאַ ? דאָ, אין דײַן פלאַכלאַנד, טוט שפּראָצן מיט
צמחים פון בשמים און שײַנעם ראָטונדוס. און חוץ דעם צײַטיקט
דײַן ערד זיך מיט ווייץ און מיט האָבער און מיט זעטיקן גערשטן.
איטאַקאַ אָבער איז ווײַט נישט קיין פלאַכלאַנד פאַר פערד און פאַר רײַטער,
ווײַל אויף זײַנע אומצאָליקע היגלען טוט אײביק זיך פּאַשען סײַ
שאָף און סײַ רינדער, — הײַנט, וואָסער נוצן ברענגט אַ פערד אויף מײַן אינזל ?"
  געזאָגט ; און תּיכּף האָט דער מלחמה-צעפּויקער מענעלײַאָס
מיט אַ שמייכל געדריקט אים די דלאָניע, און געטון זאָגן אַזוי :
„קינד מײַנס ! דײַן ריידן באַווײַזט מיר, אַז פון איידעלע בלוטן איז

געפלאָכטן דיין שלשלת-היוחסין ; דעריבער וועל איך דיר די
מתנות פאַרבייטן. הער : פון מיין שאַצקאַמער וועל איך אויסקלויבן
דאָס טייערסטע צירונג, און דעם שענסטן און בעסטן און הייליקסטן
ווייַן-כּוס וועל איך דיר איצט געבן. — קינסטלעך פאַרצירט איז די אַרבעט פון
געגאָסענעם זילבער, און מיט גינגאָלד די ראַנדן געשליפן.
אָ, העפייסטאָס אַליין האָט די כּלי געלייטערט ; און זייענדיק
צו גאַסט ביים טידאָנישן מושל, האָט מעלתו פיידימאָס
געשענקט מיר דעם ווייַן-כּוס ! — אָט מיט דעמדאָזיקן בעכער וועל איך זיין
דיך מכבד !"
אַ זאַ איז צווישןביידע געווען די טענה.
דערווייל אָבער האָט אַלץ זיך געפעדערט אינם בורג פונם קיניג, וואו
דער שר-הבשר מיטן שר-היין און פאַרשלייערטע ווייבער
האָבן אָנגעברייט דאָרט אַ סעודה פון שאָף און פון ציגן און
פון ברויט מיט קרעפּטיקע ווייַנען, — געמאַכט דאָרט הכנות צום מאָלצייט !

* *

*

לעת-עתה האָבן אינם שער-המלך פון קיניג אָדיסייאוס
חתנים געהודזשעט און אויפן צעטרעטענעם שפּיל-פּלאַץ, מיט ווילדער
הפקרות, געצילט און געוואָרפן דעם דיסקאָס און פיילן. און
נייערט די אָנפירער פון אַלע חתנים : אַנטינאָיאָס און
איידימאַכאָס, זענען זיך רויִק ביי די העלדן געזעסן.
און נון האָט זיך נייעמאָן בן פראָניאָס צו אַנטינאָיאָס בן
עאופייטעס געפעדערט און אייליק מיט זיין שאלה צעשאַלט זיך
„אַנטינאָיאָס ! צי איז דאָס אַ סוד, אָדער קאָנסטו מיר זאָגן,
ווען טעלעמאַכאָס וועט פונם זאַמדיקן פּילאָס קומען אַהיימצו ?
מיט מיין שיף האָט ער אין מרחק געלאָזט זיך, און איצט מוז איך אַליין
אויף די לאָנקעס פון עליס מיט מיין רודער זיך לאָזן, בכדי פון
אַלע צוועלף קליאַטשעס און צעווילדעטע איזלען זיך אויסקלויבן

אַ מוילטיר, ווען איך באַגער איצט פאַר מיין אַרבעט צו צוימען".
אונ נבהל ונשתומם זענען אַלע חתנים געוואָרן,
ווייל זיי האָבן ממש געגלייבט נישט, אַז ער האָט אַזש קיין פּילאָס
געצויגן. ווייל געמיינט האָבן אַלע, אַז ער ווײַלט גאָר אויפן ישוב, —
ביים פּאַסטוך פון זיין פּאַטערס חזירים. און נון האָט אַנטינאָיאָס
צעשאַלט זיך:
„זאָג: ווען און מיט וועמען איז ער פונדאַנען
אַנטלאָפן?
צי האָבן איטאַקאַנישע הויפּלייט געטון אים באַגלייטן, צי
קנעכט, אָדער געדונגענע שיפער? און בכלל: ווי אַזוי איז ער
אויף אַזאַ מין המצאה געפאַלן?? און נאָך עפעס לאָז מיך איצט
הערן: צי האָט ער בעל־כּרחו דיין שווים־שיף באַצוואונגען, אָדער
צוליב זיין הייסער בקשה האָסטו אים דיין רודער געגעבן?"
האָט אָבער נייעמאָן בן פראָניאָס דערויף אים געענטפערט:
„יאָ, אַליין האָב ממלא געווען איך זיין גרויסע בקשה; ווייל
מיט אַ פאַרחלשט האַרץ האָט ער מיין שווים־שיף געבעטן! הייַנט, —
ווי אַזוי בין איך געווען ביכולת אָפּצוזאָגן אַזאַ
נישטיק פאַרלאַנגען? — און נון איז ער מיט אויסדערווײַלטע גבורים
קיין פּילאָס געשוואומען, ווען מענטאָר אַליין (אָדער עפעס
אַ גאָט בצורת מענטאָר) האָט געטון זיי באַגלייטן! אָבער מיך
חידושט: ערשט נעכטן באַגינען האָב איך דאָ דעם געטלעכן מענטאָר
באַגעגנט, — הייַנט־זשע, ווי אָרום איז ער גאָר אין פּילאָס געשוואומען?"
געזאָגט; און אומגעקערט האָט זיך נייעמאָן אַהיים צו די אבות.
און נון האָט אַ שרעקלעך געהויל פון ביידנס שטאָלצער נשמה
צעווייטיקט, אַז תּיכּף איז געוואָרן צעריסן דער שפּיל פון
חתנים. און באַלד האָט פאַר דער אסיפה אַוועקגעשטעלט זיך
אַנטינאָיאָס בן עאופייטעס; און מיט גאַליקן כּעס אין די
צעפייערטע אויגן האָט ער ברומיק און ביטער פאַרן עולם
צעשאַלט זיך:
„פאַרוואָר! אַ גרויזאַם שפּיצל האָט מיט דערדאָזיקער
נסיעה אָפּגעטון אונז טעלעמאַכאָס, פון וואָס מיר האָבן נישט
קיינמאָל געחלומט! אַך: אַלעמען להכעיס איז ער צום חוזק

פון שטאַרקע חתנים קיין פּילאָס געפלויגן, און מיטגעריסן
אויף זיין איילּיקסטער שווים־שיף די יונגסטע איטאַקאַנישע העלדן!
אָ דזעאוס! פאַראומווערדיק זיין ווייטע נסיעה, און באַהיט און
באַשירעם איבער אונז זיין נקמה! — — און הערט: ברענגט מיר תּיכּף
אַ שיף מיט צוואַנציק גבורים, בכדי איך אַליין זאָל לויערן
אונטערוועגנס, צווישן סאַמאָס און איטאַקאַ, אויפן געפערלעכן
שונא, אַז במקום דעם פאָטער, — זאָל ער דעם טויט דאָרט געפינען!"
געזאָגט; און מיט שבחים האָבן אַלע צערייצט אים דעם חשק, און
פון די טראָגנען זיך איילּיק געפעדערט אינם שלאָס פון טעלעמאַכאָס.

* *
*

אָבער נישט לאַנג איז דער סוד פון דער שווערער מתקנא פון בייזע
חתנים געוועזן צו פאַר פענעלאָפּייאַ פאַרהוילן. ווייל
פּויזנדיק אַרום דער חבריא, האָט מעדאָן, דער העראָלד, אַלץ
דאָרט פאַרנומען, — און איצטער געבראַכט איר די בשורה! — אָבער
קוים
האָט דער העראָלד בחפזון גענידערט אויף דער שוועל פון דער מלכּה
צו ברענגען די בשורה, האָט תּיכּף פענעלאָפּייאַ געפרעגט אים:
„העראָלד, זאָג: מיט וואָסער שליחות האָבן חתנים געשיקט דיך
אַהערצו? אפשר אָוועקצורייסן פון דער אַרבעט די מיידלעך
פון האַר אָדיסייאוס, בכדי אָנצוברייטן זיי פרעסן?! אַך, —
הלוואי זאָל די היינטיקע אסיפה זיין שוין די לעצטע פון מיאוסטע
הולטייעס; און הלוואי זאָלן זיי דעם לעצטן געפרעס היינט געניסן! —
אָ, טאָג־איין, טאָג־אויס קומט איר סטאַדעסווייז אַהערצו אין היכל,
בכדי דאָס האָב און גאָב פון טעלעמאַכאָס ראַבירן. און צי איז
דען אין אייער קינדהייט צו אייער אויער נישט דערגאַנגען דער זאָג
פון די אבות, מיט וואָסער חסד פאַר זיין פאָלק עס האָט אייביק
געקיניגט דער האַר אָדיסייאוס? זאָגט: צי האָט איר באמת נאָך
קיינמאָל פון דעם עניו געהערט נישט; פון אים, וועמעס קיניגלעכער
גאוות איז צו גרויסער עניוות צו פאַר אַלע זיינע פעלקער
אויף גלייכע כּיבודים געוואָרן פאַרביטן? און ד ע ר י ב ע ר, איר
בייזע מנוולים, ווילט איר פאַר זיין אָרומיקן גוטס מיט

אייערע וויסטע חרבנות פאַר גאָלד מיט שטיינער באַצאָלן ? !”
האָט אָבער מעדאָן, דער גוטינקער העראָלד, דערויף איר געענטפערט :
„פון אַלע נבלות וואָלט דאָס אַלץ נאָך געווען אַ מיעוט
אַקעגן דער אומרעכט, וואָס עס באַגערן דיר אָפּטון חתנים.
אָ מלכּה ! הלוואי זאָל קראָנאָס באַשירמען דיין זון טעלעמאַכאָס,
וועלכער זוכט איצט זיין פאָטער אין לעקאַדיימאָן .און פּילאָס, וועמען
געלאָקערטע שונאים באַגערן אונטערוועגנס דעם ים צו
פאַרשטעלן און גאָרן בערמה מיט דער בלאַנקער שווערד אים פאַרלענדן”.
געזאָגט ; און גענומען האָט מוראדיק ציטערן איר האַרץ און די
קניען. לאַנג, לאַנג האָט זי פאַרשטיינערט געשוויגן און בייערט אַ קוואַל
פון פאַרוואָגלטע טרערן האָט פון אויג איר געטריפלט, אַז פאַרכאַפּט
איז געוואָרן איר אָטעם !
דערנאָך ערשט האָט געפרעגט זיביים העראָלד :
„מעדאָן, זאָג : ווער האָט מיין קינד באַפוילן אַהינצו צו שווימען ? אַך !
פאַרוואָס האָט ער צעזעגלט די איילִיקסטע שיפן, מיט וועמען די
פּילאָטן טוען איבער ימים, ווי אויף צעווילדעטע ים-פערד
צו לויפן ? אָ, צי וויל ער אויך שוין ווערן פון מענטשן פאַרגעסן ?”
האָט אָבער מעדאָן, דער גוטינקער העראָלד, דערויף איר געענטפערט :
„אָ האַרינטע ! מיר איז נישט געגעבן צו וויסן, צי האָט אים גאָט
אָדער זיין אייגענער רצון קיין פּילאָס געטריבן, כּדי צו
דערגיין דאָרט אַ בייזע, אָדער אַ ליכטיקע בשׂורה פון פאָטער !”
געזאָגט : און תּיכּף האָט דער העראָלד פאַרלאָזט דעם בורג פונם קיניג.
אָבער אַך : אַ פּיין האָט געפרעסן דער מלכּהס נשמה, אַז זי
האָט נישט באַוויזן אין דער טראָן-שטול צו זינקען. און ווי : מיט אַ קלאַפּ האָט
זי געגעבן אַ פאַל אויף דער געגאָסענער שוועל פונם היכל און ווילד זיך
צעשריגן. — — און נון האָבן די קאַמער-מיידלעך און די גריין-גרויע

באדינערקעס אינאיינעם מיט דער מלכה געקלאָגט און געקלאָגט און גערעוועט;
ביז די האַרינטע פענעלאָפּיאַ האָט מיט ווייטיק צעשאלט זיך:
„אָ מענטשן! פון אַלע נשים אויף ערדן האָט נייערס מ י ך דער גאָט
פון אָלימפּאָס געטון שטראָפן מיט ביטערער פּיין און יסורים!
זעט: פריער האָב איך מיין מאַן, דעם לייב־באַהאַרצטן גבור, פאַרלוירן,
וועלכער איז געווען אַ צירונג ביי אַלע דאַנייער און
וועמעס שם־טוב האָט ווייט אַרום, פון העלאַס ביז אַרגאָס, געקלונגען!
און איצט, — ווי מיר, ווי! אָ ן אַ שם־טוב איז אויך מיין קינדלעב פון ביין
געשטורעם געוואָרן צעמזיקט, און איך האָב אפילו פון זיין
אָפּפאָר געוואוסט נישט! און איר, אַ שאַקלהאַפטיקע מיידן, האָט מיך פונם
רו־בעט אפילו געוועקט נישט, בעת ער איז מיט דער טונקעלער און
קרום־געשנאָבלטער גיך־יאָגיקער שווים־שיף פונדאַנען אַנטלאָפן.
אַך, וואָלט איך על כל־פנים געוואוסט פון זיין אָפּשיף, וואָלט איך תיכף
זיין געגאַרטן גזר־דין געוועזן צעריסן, — סיידן ער וואָלט מיך
אַ טויטע אין אונזער היכל פאַרלאָזט! — און איצטער, אַ מיידלעך,
לויפט באַלד צום געצעלט פונם שומר־העצים און ברענגט מיר אַהערצו
מיין אַלטיטשקן דאָיאָס; דעם געטרייען באַדינער, וועמען מיין
פאָטער האָט געטון מיר צו שענקען, בעת איך האָב אינם דאָזיקן
היכל געגידערט. אָ ברענגט אים, און זאָגט אים, אַז ער זאָל דעם אַלטן
לאַערטעס די בשורה דערציילן. אפשר וועט ז יי ן עצה דערגיין
צו די פעלקער, און זיין הילכיק געשריי וועט ווייט, ווייט זיך צעשאַלן, צי
ס'איז גלייך, אַז אָדיסייאוס מיט זיין גזע זאָל ווערן פאַרטיליקט!“
האָט די געטרייע אייריקלייאַ דערויף איר געענטפערט:
„אָ האַרינטע! שעיז אַריין אין מיין האַרץ אַ שניידיקע שווערד,
אָדער פאַרטרייב פון דיין הויז מיך: מער קאָן איך דעם סוד נישט פאַרשווייגן!

הער : פון אַלץ געוואוסט האָט דיין דינסט־מויד, און אויף זיין פאַר־לאַנגען האָב איך
צידה־לדרך אויף דער שיף אים געגעבן, און אונטער אַ שבועה
ער האָט מיך באַצוואונגען, אַז ערשט נאָך עלף טעג אָדער צוועלף, ווען די
ווערסט פרווון אים זוכן און פון זיין דערווייטערונג הערן, — זאָל איך
אַלץ דיר פאַרציילן, — בכדי דיינע באַקן זאָלן פון טרערן נישט
ווערן פאַראומערט ! — — ובכן : גיי טבילה, אָ הימלישע געטין, און
לייג איבער אויפן לייב די קלאָרסטע געוואַנדן ; און אַ באַגלייטע פון
סקלאַווינס נידער אַרויף אין די אייבערשטע גאָרנס, און טו תפילה
צו בת־דזעאוס אַטענע, וועלכע וועט אומקערן בשלום דיין
זון טעלעמאַכאָס ! בשום־אופן אָבער זאָלסטו נישט מצער זיין
דעם זקן ; ווייל עס וויל זיך אויפן שכל נישט לייגן, אַז די געטער
האָבן די זאָמען פון אַרקייזאָס געטון שוין פאַרגעסן, ווייל
פיל נחת וועט ער נאָך אויף פעלדער ביי זיין גזע דערלעבן !"
גענזאָגט ; און איינגעשטילט איז געוואָרן דאָס געוויין פון דער מלכה.
און זי האָט זיך געטובלט און באַגאַרטלט דאָס לייב מיט געוואַנדן ;
און אַז זי האָט זיך אויפן גאָרן מיט מיידלעך געפעדערט, האָט זי פיל
גערשטן געשפרינקלט פונם קויש צום מזבח און תפילה געטון צו
אַטענען :
„פאַרנעם מיין געבעט, אָ טאָכטער פון בליצשטראַליקן
דזעאוס ! בזכות פון מיין תפילה און בזכות פון אַלע פעטע
קרבנות פון שאָף און פון רינדער, — וואָס בן־לאַערטעס האָט מקריב
געוועזן לכבודך אין היכל, — טו גנאָד מיר מיט חסד ; און זיי
מציל מיין קינד פון נסיון, און טו זיינע שונאים פאַרלענדן !"
אַזאַ געוועזן איז די תפילה, און פאַרנומען האָט זי אַטענע.
דערווייל האָבן חתנים מיט רעש און געפילדער דעם היכל
צערודערט. און שאַקלהאַפטיק האָט איינער מיט חוצפה צעשאַלט זיך :
„הערט, הערט : מיט תפילה איז זיך מכין צו איר חופה די מלכה, און
זי ווייסט נישט, אַז ערגעץ לאָקערט דער טויט אויף איר זון טעלעמאַכאָס !"
אַזוי געזאָגט האָט דער בחור, ווייל דער אמת האָט פאַר אים זיך

פאַרבאָרגן. אָבער אַנטינאָיאָס האָט פאַרן עולם צעשאַלט זיך:
„אַ טפשים! רײַסט אַרויס אײַך די צינגער און פאַרמײַדט דעם געפלאַפּל,
וואָרים אַן אײנציקער האָרך פון אַ בוגד וועט טון אונז פאַראַטן!
לאָמיר ליבערשט בשתיקה דעם היכל פאַרלאָזן און אויספירן
מיט מעשים די אַרבעט, וואָס מיר האָבן דאָ אַלע באַשלאָסן!“
געזאָגט; און באַלד האָט ער אויסדערוויילט צוואָנציק גבורים, וועלכע
האָבן צו דער אײַליקער שווים־שיף אויפן רוישיקן ים־ברעג גענידערט.
און כהרף־עין איז זי אין אײנגוס געווען שוין פאַרפאַנצערט;
אויפגעשטעלט שוין דער מאַסטבײם און פאַרצויגן די זעגלען, און אין סדר די וועסלעס אין לעדערנע שײדן צעהאַנגען. און נון
האָבן אויך די וואָפנטרעגער אַרײַנגעבראַכט אין דער שיף דאָס שאַרפע
כלי־זיין, און אין טיפקייט פון וואַסער האָבן שיפער דעם רודער
פאַראַנקערט, און אַלע מאַטראָסן האָבן אויף דער שיף זיך געפּעדערט,
גענומען צום פרעס זיך און מיט בענקשאַפט אָפּגעוואַרט דאָרט דעם חושך! — — —

* *

*

פון אַ פאַרשמאַכטע איז פּענעלאָפּײַאַ אויפן אייבערשטן גאָרן געלעגן. און אָן עסן און טרינקען האָט אין מוח איר געעקבערט,
צי וועט זיך אײַנגעבן דעם שונא איר קינד צו פאַרלענדן, אָדער
צי וועט געבן אַ דריי זיך דער גורל און טעלעמאַכאָס וועט פון אומגליק אַנטרינען. — אָן, ווי אַ צעשראָקענער לײב, וועלכער דרייט זיך
צווישן פײַלן פון געלאָקערטן יאָגער אינם ווירבל־געקרײַזל,
האָט אויך זיך געקאַטשעט אויפן געלעגער די מלכה, — ביז אַ זיסער
שלאָף האָט פאַרמאַכט איר די וויִעס און אײַנגעוויגט זי אין דרימל.

אבער ווידער איז אטענע אויף א המצאה געפאלן:
א פסל בצורת-נקבה האט געטון זי באשאפן,
אז בבחינת איפטימא בת איקאריאס, אשת עאומעלאס —
(דעם קיניג פון פיירא) האט דאסדאזיקע געשטאלט מיט פראכט און מיט
הדר אריינגעשלייכט זיך אין היכל פון האר אדיסייאוס,
בכדי צו וועקן דאס איידעלע הארץ פון דער מלכה: איר היילן
די אויגי פון טרערן, און איר צער און יסורים צו טרייסטן. — —
און דורך א שפארונקע פון שלאס האט איבערן רימען אריינ-געשלייכט
זיך די צורה, און איבערן קאפ פון דער מלכה זיס-שטיל געשעפטשעט:
„שלאפסט און דרימלסט, א צערפולע, גוטע פענעלאפייא? — ניין!
עס איז נישט דער ווילן פון די הימלישע געטער, אז דו זאלסט איצט
ויינען און קלאגן, ווייל הער: אומקערן בשלום וועט דיין קינד זיך
אהיימצו, ווארים ריין פו: חטאים איז ער גאנץ נאך ביי געטער!"
און ווי פון זיסן שיכרות, אין די איינגעליוליעטע טיף-שטילע
שערים פון חלום, האט שטיל איר פענעלאפייא געענטפערט:
„א, שוועסטער! וואסער ענין האט אהערצו צו גאסט דיך פון מרחק
געטריבן? דו פלעגסט דאך נישט קיינמאל מיין שוועל צו באטרעטן? — שוועסטער!
מיך, מיך די טרייסטלאזע ביסטו טרייסטן געקומען פון די וויסטע
ענויים, מיט וועלכע די הימלען האבן מיין הארץ פארביטערט?
זע: פריער האב איך מיין מאן, דעם לייב-באהארצטן גבור, פארלוירן,
וועלכער איז געוועזן א צירונג ביי אלע דאנייער, און
וועמעס שם-טוב האט ווייט ארום, פון העלאס ביז ארגאס, געקלונגען!
און איצט, ווי מיר! ווי! אויך מיין קינד-לעב האט אין מרחק מיט
שיפן געלאזט זיך; ער, מיין אומדערפארענער זון טעלעמאכאס!

און אַך, – מערער ווי י ע נ ע ם טו איך מיין קינד איצט באַוויינען, ווייל מיט
מורא און פּחד עקבערט אין האַרץ מיר: טאָמער טרעפט אים אַ מכשול
וואו־ערגעץ אויף ימים, אָדער ביים פאָלק, וואוהין ער האָט געזעגלט.
אָ! פיל געלאָקערטע שונאים טוען הויערן אויף זיין היימוועג,
און באַגערן מיט שווערדן און שפּיזן אונטערוועגנס אים פאַרלענדן!״
אָבער ווידער האָט דער טונקעלער שאָטן געענומען זי טרייסטן:
„טרייסט צו דיר, טרייסט, אָ ריינע נשמה! באַהאַרץ דיך מיט גלויבן!
ווייל זע: כבודה אַטענע טוט דעם וועג אים באַלייטן; ז י, די
הייליקסטע געטין, מיט וועמען יעדער שיפער וואָלט מיט נחת
געשווימען. אָט זי אַ ל יי ן האָט מיט אַ האַרץ מלא־רחמים געשיקט
מיך אַהערצו מיט דער ליכטיקער בשורה, בכדי דיך צו טרייסטן!״
און אויסצופּרוּוון דעם שאָטן האָט געענומען פּענעלאָפּייאַ:
„אויב דו האָסט באמת געבראַכט איצט אַ הימליש שליחות און קאָנסט
באַנעמען די קולות פון געטער, – טאָ באַווייז מיר דעם גורל פון
האַר אָדיסייאוס? זאָג: צי פינקלען אויף אים נאָך די שטראַלן פון
העליאָס, אָדער האָט אים שוין דער אָפּגרונט צום האַדעס פאַר־שלונגען?״
און ווידער האָט דער שאָטן פון איר שוועסטער געטון איר צו ווּיסן:
„ניין! אויף קלאָר איז מיר נישט געגעבן צו וויסן, צי ער לעבט נאָך, צי
נישט; און דיינע פּוסטע דברים־בטלים האָבן איצט קיין טעם נישט!״
געזאָגט; און דורך אַ שפּאַרונקע אין ריגל איז נעלם געוואָרן
די צורה אין אַ ווייך־קילינקע ווינטל, און איבערגעוועקט האָט
באַלד זיך די טאָכטער פון איקאַריאָס. און מלא־שמחה געוועזן
איז די מלכה, ווייל א ו י ך דעם פּתרון האָט געזען זי אין חלום. –

אָבער איבער דער רחבות פון ים זענען חתנים געשוואומען מיט
דעה צו פאַרלענדן דעם שיינעם טעלעמאַכאָס. און וויט, וויט,
אין מיטן ים, אויפן שמאָלן פאַס צווישן סאַמאָס און איטאַקאַ, ליגט דאָרט
אַסטעריס, אַ קליינינקע אינזל, וואָס טוט אין זיינע געהיימע
אָרעמס אַלע שיפן פאַרבאָרגן. אָט ד אָ ר ט , אונטער זיינע פליגלען,
האָבן בערמה די אַכייער אויף זייער קרבן געלאָקערט.

# דאָס פינפטע געזאַנג

די טראַטווע פון אָדיסייאוס.

אַז עאָס האָט אויפן געלעגער פונם שיינעם טיטאָנאָס געגידערט
און מיט ליכטיקע שטראַלן באַלויכטן אַלע מענטשן און געטער, —
זענען איינגעזאַמלטע געטער ביי אַן אסיפה געזעסן,
און בתוכם אויך דזעאוס, דער אַלמעכטיקער וועלטן-באַהערשער.
און ווען אַטענע האָט דערמאָנט זיך, אַז ביי דער נימפע קאַליפּסאָ
ווערט אָדיסייאוס געפּייניקט, — האָט איר שפּראַך געטון זיך צעשאַלן:
„פּאָטער דזעאוס און איר אַלע, אָ אייביקע, הייליקע געטער!
הלוואי זאָל לעתיד יעדערער מלך געוועלטיקן אָן
יושר און רחמים; און ביי יעדן שרביט-באַצווינגער זאָל זידן
דאָס הארץ מיט כעס און נקמה, ווייל קיינער פון אייך טוט איצט זיך
דערמאָנען אָן דעם געטער-צוגלייכן העלד אָדיסייאוס, וועלכער
האָט ווי אַ טאַטע איבער זיינע פעלקער מיט חסד און רחמים
געוועלטיקט! זעט: אָט ליגט ער אין געפענגעניש, געפּייניקט פון שווערע
יסורים, אויפן איינזאַמסטן אינזל אין דער הייל פון דער נימפע
קאַליפּסאָ. און בחינם ער עסט זיך פון בענקשאַפט אומצוקערן
אַהיים וועגס, ווייל קיין שיף און קיין שיפער פאַרמאָגט נישט דאָס אינזל, וואָס
זאָלן איבער ימים אַהיים אים באַשיפן. און אַך: אפילו
זיין בן-יחיד, וועלכער זוכט איצט דעם פאָטער אינם הייליקן פּילאָס
(און אין ווייטן לעקאַדיימאָן), ווילן בייזע משחיתים דעם וועג
דאָרט פאַרשניידן, און געלאָקערט מיט שווערדן — בערמה פאַרלענדן“

אוּן נוּן האָט דער בּליצשטראַליקער דזעאוּס, דער אײַנזאַמלער פוּן כמאַרעס,
דערויף איר געענטפערט:
„קינד! וואָסער שטות האָט דײַן לעפּץ איצט געפּלאַפּלט?
זאָג: צי איז דאָס נ י ש ט ד ײַ ן המצאה געווען, אַז אָדיסײַאוּס
זאָל זיך אוּמקערן מיט טויט אוּן פאַרדאַרבּוּנג אויף ווילדע חתנים?
אָבער איבּער זײַן זוּן טעלעמאַכאָס זאָלסטוּ געבּן אַ גוּטע
השגחה; ווײַל עס ליגט אין דײַן מאַכט, אַז ער זאָל קוּמען בּשלום
אַהײמצוּ, אוּן די חתנים מיט שיפן זאָלן בּלײַבּן פאַרשעמטע!"
געזאָגט; אוּן אויף הערמעס זײַן זוּן האָט זײַן שפּרוּך געטוּן זיך צעשאַלן:
„געגנען זיך, אַ הערמעס, דוּ גרויסער שליח, אוּן זײ מבשר
דער נימפע מיט כוואַליקע לאָקן די מסקנא פוּן געטער:
,אָן דעם בּאַגלײט פוּן מענטשן אוּן געטער, זאָל דער בּעל-נסיון
אָדיסײַאוּס דאָס אינזל פאַרלאָזן אוּן לאַנגע מעת-לעתן זאָל
בּלאָנדזשען מיט דער טראַטווע דער וויסטער מתבּודד איבּער זוּמפּיקע
ימים, בּיז ערשט דער צוואַנציקסטער טאָג וועט טוּן אים פאַרוואַרפן איבּער
שעריאָס בּאַוואַקסענע פעלדער, — צוּם לאַנד פוּן שטאַרקע פאַיעקן!'
אוּן ווי אַ גאָט וועלן פאַיעקן אים כּבוד דערלאַנגען, אוּן צוּם
הײמישן אינזל מיט אַ שווים-שיף בּאַגלײטן, אוּן מיט מ׳נות
פוּן גינגאָלד אוּן רודע אוּן שײנע געוואַנד, וועלן זײ טוּן אים
בּאַשענקען; וועמעס גרויסע עשירות וועט מערער בּאַטרעפן, ווי
דער שלל פוּן טראָיע, וועלכ ער וואָלט אָן אַ מכשול געבּראַכט אין
זײַן הײמלאַנד. — — זע: עס וויל די השגחה, אַז ער זאָל נאָך דערלעבן
צוּ זען וועגס די קרובים, דעם פּאַלאַץ אוּן זײַן לאַנד פוּן די אבות!"
געזאָגט; אוּן גיך, גיך האָט זיך הערמעס, דער בּאַצווינגער פוּן אַרגאָס,
אַרוּמגעבּוּנדן די זוילן מיט זײַנע הימליש-גינגילדענע
אוּן שײנע סאַנדאַלן (מיט וועלכע ער טוט שוועבּן איבּער ים אוּן
יבשה אינם שטילן געפלאַטער פוּן געלײטערטעווינטן), אוּן

אויך האָט געכאַפּט ער די פאַרכישופטע שטאַבע, — מיט וועלכער ער טויט
פאַרוויגן און פאַרבלענדן אויף צו חלום און צו וואָר די אויגן
פון לייטן, — און אָט, מיטן כוח פון זיין טייערן, פאַרכישופטן
שרביט, האָט הערמעס בן דזעאוס, דער באַצווינגער פון אַרגאָס, ווייט, ווייט
איבער הימלען צעשוועבט זיך! — און נון האָט ער'שט אויפן ווייטן פיעריאַ
אַרויסגעשיילט זיך פון אוויר דער גרויסער מבשר, — און גלייך ווי
צעפלאַטערטע מעווען, וועלכע ציען איבער מיומידיקע
ימים פיל פיש זיך צו אַנגלען, און באַנעצן דערווייל דעם שפּיץ
פון די פליגלען אינם זאַלציקן וואַסער, — אָט אַזוי האָט אויך הערמעס
בן דזעאוס איבער שפּיגלען פון ימים געפלאַטערט!
און נון האָבן
זיינע שפּרייז-טריט גענידערט אויפן אינזל צו דער הייל פון דער נימפע
קאַליפּסאָ, וואו דער ווינט האָט געוויגט אירע כוואַליקע לאָקן.
זי זיצט; און אַרום איר פלאַקערט אַ פייער פון טייערע צעדרעס,
און דער ריח-נחוח פון הייליקן טויאַ טוט העט איבערן
אינזל, ווייט, ווייט זיך דערטראָגן. זי זיצט; און עס וויקלען די פינגער
גינגילדענע קנייטלעך אויף דינינקע שפּיזלעך, און עס טרילערט
ביים שפּינען איר פאַרכישופטער ניגון. און אַך: גרין-בליאיקע ביימער
האָבן אַרום איר נעסט זיך צעבלעטערט: טואיסן און אָשן; פיל
דופטיקע בלומען און רייך-קנאָספּיקע, באַצווייגטע ציפּרעסן. —
צווישן צווייגן דאָרט נעסטלען נאַכט-פויגלען ווייך-פוכיקע: די סאָווע,
דער יאַסטרויב און אַ ים-קראָ ברייט-צינגלדיק, — וואָס טוקט זיך אין בּרעגעס
פון ימיש-געוואַסער מיט נחת און תענוג! אויך ציט אַרום איר
הייל זיך אַ געפלאָכטענער כרם און עס שאָטנט אונטער בלעטער
פיל בייטן מיט זאַפטיקע, פערפלנע טרויבן! דערנאָך ריזלען פיר

קוואַלן, וואָס שלאָגן און שניידן מיט זילבער־געפּלאַפּל, און זיי
שלענגלען און גאָרגלען און גיסן זיך איבער מיט קוואַליקער פרישקייט!
און זע: אויף לאָנקעס גרין־גראָזיקע מיט וואונדער־צמחים טוען
פאַר
איר הייל זיך צעשפּרייטן; אַז אפילו אַ דורכשפּרייזנדיקער גאָט מוז
אָפּשטעלן זיין אויג דאָרט, וואו ער זעטיקט דאָס האַרץ זיך מיט
דער שפע
פון דופטן און פאַרבן! —
און איצט איז אויך דאָרט הערמעס אַ פאַרבליפטער
געשטאַנען. — און ערשט ווען זיין אויג האָט אין פּראַכט זיך געבאָדן,
האָט ברייט
צעפּראַלט ער דאָס טויער פונם פאַרכישופטן היכל, און תיכף האָט
דערקענט אים די געטין! (דערקענט אים, ווייל נישט קיינמאָל טוען
געטער
— אפילו אין מרחק — איינער פאַרן צווייטן די צורות פאַרבייטן!) —
אָבער נישט אָנגעטראָפן אין דער הייל האָט דער מבשר דעם האַר
אָדיסייאוס. ווייל, ווי יעדן סדר־היום, איז ער אויך איצטער
ביים ים־ברעג געזעסן און טרערן פון בענקשאַפט פאַרגאָסן און מיט
פאַרצערטע בליקן געגלאָצט ערגעץ וויט איבערן ימישן
מדבר! — — —
און נון האָט די אייבערשטע נימפע קאַליפּסאָ געטון פאַרבעטן
גאָט הערמעס אויפן כסא־המלוכה און פאַר אים תיכף צעשאַלט זיך:
„וואָס איז דיין באַגער איצט, הערמייאָס מיטן גינגילדענעם
שרביט? זאָג:
וואָסער שליחות האָט צו מיין שוועל דיך געטריבן? דו פלעגסט
דאָך
נישט קיינמאָל אַהערצו גענענען?! אָ, לאָז דיין וואָרט מיך איצט הערן,
און אַלץ, וואָס עס וועט זיין נאָר בידי, וועל איך פּרווון טון דיר
באַווייזן! — — איצט אָבער קום נענטער און לאָז זיך גאַסטלעך
באַדינען!“
אָט אַזוי האָט די נימפע צום עס־טיש דעם משולח פאַרבעטן
און אַמבראָזיאַ מיט נעקטאַר געטון אים דערלאַנגען. און עס האָט

גענעסן און געטרונקען דער הייליקסטער באַצווינגער פון אַרגאָס.
און ערשט, אַז די הימלישע מעטעמים האָבן אונטערגעלעגט אים
דאָס האַרץ, האָט ער זיין שפּרוך פאַר דער אייבערשטער נימפע צעעפנט :
„אַ גאָט טוסטו, געטין, איצט פרעגן די סיבה פון זיין קומען
אַהערצו ? אויף דיין געהייס, אָ נימפע, וועל איך אַלץ דיר פאַרציילן :
נישט ברצוני האָט דער בליציקער דזעאוס אַהערצו געשיקט מיך.
וואָרים ווען נישט  א י ך, — ו ע ר  וואָלט דען געפלאָטערט איבער פיל זאַלציקע
ימים, וואו אונטערוועגנס איז נייערט אָן ישובים אַ מדבר
פאַראַנען. און קיינער איז נישט מקריב העקאַטאָמבן-קרבנות ? ! !
איבעריקנס : ווער וועט דאָס האָבן אַ חוצפּה מוריד צו זיין אויפן
געהייס פונם אַלמעכטיקן, בליצשטראַליקן און הייליקסטן דזעאוס ? ! !
— און אַזוי האָט קראָנאָס געזאָגט מיר : דער שטאַרקסטער העראָיער ליגט אין
דיין נעסט איצט געפאַנגען. — ע ר , וועלכער האָט ניין יאָרן אַקעגן
פּריאַמאָס אין טראָיע מלחמה געהאַלטן ; און אויפן צענטן, — ווען
ער האָט מיטן שלל געוואָלט אומקערן אַהיים זיך, — האָט ער שווער זיך
פאַרזינדיקט אַקעגן אַטענען, וועלכע האָט מיט נקמה
געטון אים באַצאָלן : אַז אַלע חיילות האָט זי אין אָפּגרונט
פאַרטרונקען, און נייערט אים אַליין האָט דער בייזער געשטורעם אויף
דיין אינזל פאַרוואָרפן ! — און אַזוי האָט גאָט דיר באַפוילן : באַפריי
אים ! ! — ווייל עס וויל די השגחה, אַז נישט שטאַרבן זאָל דער גבור ווייט
פון זיין היימלאַנד ; און באַשטימט האָט דער גורל, אַז ער זאָל נאָך דערלעבן
צו זען וועגנס די קרובים, זיין פּאַלאַטע און דאָס לאַנד פון די אבות !"
געזאָגט ; און נון איז אַ מוראדיקע שרעק באַפאַלן די נימפע, —
און מיט באַפליגלט גערייד האָט איר שפּרוך געטון זיך צעשאַלן :
„אָ געטער ! אָן יושר און רחמים און מיט בייזער נקמה איז
אָנגעפולט אייך די הערצער, ווייל איר טוט אייביק פאַרווערן, אַז
אַ געטין זאָל מיט אַ מאַנסביל, אַ בשר-ודם זיך באַהעפטן !

דערמאָנט אייך: אַז די רוויזיקע עאָס האָט זיך בשעתה מיטן
שײנינקן אָריאָן אַנטשפּויזט, איז אים די גאָלד־באַהאַרצטע יונגפרוי
אָרטעמיס אין אָרטיגיאַ באַפאַלן און ביד־חזקה
געטוין אים בשתיקה פאַרלענדן! — און אַז די שײן־געלאָקטע
דעמעטער האָט זיך אין די אָרעמס פון יאַזאָן געצערטלט און אויף
די דרײ מאָל צעאַקערטע פעלדער דעם כּוס פון הײליקער ליבשאַפט
געטרונקען, — האָט אפשר דזעאוס זײער תּאווה באַוויליקט? — ניין! ווײל
מיט כּעס און נקמה האָט זײַן בליציקער דונער געטוין אים
פאַרציקן! — — — און איצט? אַך, אפילו דעם מאַנסביל, וואָס האָט געטוין מיך
באַשלאָפן, טוט איר, אָ געטער, מיר אויך נישט פאַרגינען! זעט: בשעת
דער צעכסנטער ים האָט דעם גבור פאַראײנזאַמט אין זײַנע
צערודערטע וואַלן געטראָגן; און בעת דער בײזוויליקער
דזעאוס האָט מיטן בליציקן דונער אַלע חיילות אינם אָפּגרונט
געשלײדערט, — האָב איך נישט געלאָזט אויסגײן דעם האַר אָדיסײאוס.
אַך! אַ ה ע ר צ ו האָט ער אויף אַ ברעט פון זײַן צעשמעטערטער שווים־שיף
געניִדערט. און גאַסטלעך האָב איך אים מיט ליבשאַפט באַגעגנט; פון מײַן
שפּײַז געטוין זים דערלאַנגט, און אריכות־ימים און אײביקע
יוגנט פאַר זײַנע בײנער געבעטן! — —
אָבער ווײ! וואָסער גאָט וועט
דען מורד זײַן אַקעגן דעם אַלמעכטיקן אײגיס־באַהערשער?
דער־בער: ברעות דזעאוס־קראַניאָן איך טו אים באַפרײַען!! — זאָל ער
בלאָנדזשען פאַראײנזאַמט איבערן ימישן מדבר, ווײל קײן שיף און קײן
שיפער פאַרמאָגט נישט מײַן אינזל, וואָס זאָל ביז אַהײם אים באַגלײטן!
וואָס דען? נײערט מיט אַן עצה־טובה וועל איך אים באַראָטן,
ווי אַזוי ער זאָל אָן אַ נסיון זײַן הײמלאַנד דערגרײכן!”

און הערמייאָס, דער אַרגאָס־באַצווינגער, האָט דערויף איר געענטפערט :
„טאָ פאַרטרייב־זשע וואָס גיכער פון דיין אינזל דעם גבור, בכדי דער
כעס פון אל־נקמות גאָט דזעאוס זאָל דיך טון נישט פאַרלענדן !"
געזאָגט ; און תיכף האָט הערמעס די הייל פון דער נימפע פאַרלאָזט.
און כהרף־עין האָט קאַליפסאָ דעם פסק־דין פון גאָט דזעאוס
פאַרנומען און מיט שפריי־טריט האָט זי תיכף צום ים־ברעג געניידערט.
אָבער ווי : אויך איצט איז אָדיסייאוס, ווי כסדר, אויף אַ שטיין
דאָרט געזעסן און מיט ביטערע טרערן זיינע בליאיקע
יאָרן פאַרראומערט, ווייל בעל־כורחו האָט די נימפע געטון אים
באַצווינגען. אַך : היים־בענקשאַפט גענאָגט האָט זיין יונגע נשמה ; און
ווייל פאַרמיאוסט איז אים לאַנג שוין געוועזן אַלע נאַכט די נואפת
באַשלאָפן, — דעריבער פלעגט ער טאָג־איין און טאָג־אויס ביים ים־ברעג אויף
זאַמדיקע היגלען צו זיצן און מיט געקלאָג און געיאָמער
געקוקט ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט איבערן ימישן מדבר !!! — איצט
אָבער האָט ווי אַ שאָטן אירע לעפצן די נימפע צעעפנט :
„פאַרמייד שוין די טרערן, אָ עלנדער אבל, און צערייס נישט דיין
לעבן מיט קלאָג און יללה, ווייל אָנגעברייט איך בין שוין דיך באַלד
צו באַפרייען ! הער : טו אויסוואָרצלען ביימער אויף קלעצער און ברעטער
און מאַך זיך אַ טראַטווע פון געהילץ און פון רודע, וועלכע וועט
אין מרחק איבער ימים דיך טראָגן ! — זע : מיט צידה־לדרך,
פון ברויט און וואַסער און טייערע ווינען, וועל איך דאָרט דיין טראַטווע
אַליין שוין באַלאָדן, אַז זאָלסט פון הונגער נישט ווערן פאַרטיליקט.
חוץ דעם וועל איך וואַרעמע קליידער אויף דיינע אַקסלען פאַרוואַרפן
און מיט געלייטערטע ווינטלעך דעם ים־וועג צעבלאָזן, כדי דו
זאָלסט אָן אַ שטרויכלונג צום היימלאַנד גענענען, — (אויב דער רצון פון

הימלען אַזוי וועט באַשערן, וועמעס קראַפט ס'איז שטאַרקער פאַר מיינער) !
גע זאָגט ; און אַ מוראדיקע שרעק איז באַפאַלן דעם טייערן
סבלן און האַר אָדיסייאוס. אָבער ער האָט באַלד איר געענטפערט :
„אָ האַריגטע ! נישט אַנדערש, סיידן מיט אַ פרישער המצאה דו
ווילסט מיך גענאַרן, וואָרים ווער וועט דען באַווייזן מיט אָט אַזאַ
טראַטווע דעם שטורמיקן בוזעם פון ימים צו טרייבן דאָרט, וואו
אפילו גיך-יאָגיקע שיפן, — וועמען גאָט קראָנאָס טוט מיט
פריידיקע ווינטן באַשיפן — קומען זעלטן בשלום ? ! ! בכן,
שווער מיר, אָ געטין, אַז איך וועל אָן אַ מכשול אויף מיין שיפל
געבענען און אַז דו וועסט מיך נישט ווידער בערמה גענאַרן !"
געזאָגט ; אָבער מיט אַ שטורמיק געלעכטער האָט קאַליפּסאָ צעשאַלט
זיך. און גלעטנדיק זיין האַנט, האָט די אייבערשטע נימפע געטענהט :
„לץ איינער ! מיט כיטרער זהירות זענען אייביק דיינע מעשים
געוועזן באַרעכנט, און אויך א י צ ט האָסטו שאַקלהאַפט געטענהט ! —
אָ, מיט אַ נדר, וועלכער איז דער האַרבסטער ביי אַלע הייליקע
געטער, איך טו דיר איצט שווערן און נעם פאַר עדות דעם ליכטיקן
הימל, די ערדן אויף וועלטן מיט דער טיפקייט פון סטיקישן
אָפּגרונט, אַז קיין שום אומגליק בערמה איך טו מיט דיין אָפּפאָר איצט
טראַכטן ! זע : אָן אַ לבוש האָב איך מיינע מחשבות געטון דיר
אַנטפּלעקן, גלייך איך אַליין וואָלט אין דיין גרויזאַמען מצב געוועזן
איצט. אָ, אויף מיין געוויסן איך טראָג דאָך מיין גערייד און מיין עצה,
ווייל נישט פון אייזן, — נייערט מלא-רחמים מיין האַרץ איז אין בוזעם !"
אַזאַ געוועזן איז איר נדר. און נון האָט גענומען שפּרייזן די
אייבערשטע נימפע קאַליפּסאָ, און נאָך דער גייערקעס טריט האָט
נאָכגעשאַרט זיך דער גבור. און די געטין מיטן בן-אדם האָבן
אין דער הייל זיך פאַרקליבן. און בהרחבה האָט זיך אָדיסייאוס
אויף דער טראָן-שטול געוואָרפן, וואו פריער איז דער מבשר פון דזעאוס
געזעסן. און באַלד טאַקע האָט די נימפע מיט אַן ערדישער

סעודה מכבד געווען דעם גבור. און אליין האָט זי אויך
זיך אַקעגן סבלן פאַרקליבן און נעקטאַר מיט אַמבראָזיאַ
געלאָזט זיך דערלאַנגען. — און נון האָבן די הענט זיי צום עסן
דערהויבן. און אַז די מעדנים און וויינען האָבן געטון זיי
דערקוויקן, האָט צום ערשטן קאַליפּסאָ פאַרן גבור צעשאַלט זיך:
„אָ גרויסער בעל־המצאה, בן לאַערטעס, דו ריטל פון דזעאוס!
פאַרלאָזסטו מיך שוין אויף אייביק, אויף אייביק, און קלויבסט זיך ווידער דיין
לאַנד צו דערגרייכן? אָ, גיי זיך בשלום און אַ בענטשונג זאָל זיין
צו דיין אָפּפאָר! — — אַך, ווען דו וואָלסט איצט וויסן וויפיל נסיונות
ווערסט אונטערוועגנס נאָך בייסטיין, ביז ווערסט דיין היימלאַנד דערגרייכן, — אַך,
אויב דו וואָלסט דאָס וויסן, — טאָ וואָלסטו שוין ליבערשט אין מיין הייל דאָ
פאַרבליבן און עד־סוף־כל־הדורות מיט מיר זיך באַהאָפטן,
איידער מיט בענקשאַפט אומצוקערן אַהיים זיך; אַהיים צום ווייב, וואָס
האָט מיט ליבשאַפט צו דיר זיך אָנטשפּויזן; — — אָבער זע: צי האָסטו
געהערט ווענס, אַז אַן אשה, אַ בשר־ודם, זאָל זיך צו דער שיינקייט
פון אַ געטין פאַרמעסטן? זאָג: צי בין א י ך נישט שענער פאַר י ע נ ע ר?"
האָט דער בעל־נסיונות אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„אָ געטין! זיי נישט שולט דיין כעס אויפן געביין פון דיין עבד, ווייל
מיר איז געגעבן צו וויסן די גרויסע מחיצה צווישן מיין
ווייב פענעלאָפּייאַ, — וועלכע איז מער נישט ווי אַ פּראָסטער בר־חי —
אַקעגן דיין פרעכטיקער צורה און דיין אייביקער שיינקייט!
פונדעסטוועגן, אָ נימפע, ווייטיקט דאָס האַרץ מיר פון בענקשאַפט און די
יסורים מיך טרייבן וואָס גיכער, וואָס גיכער צו זען זי! — און אויב
אפילו דער גורל פון געטער וועט אונטערוועגנס מיך שטראָפן, —

וועל איך לײדן און שווײגן, ווײל פאַרשטײנערט איז לאַנג שוין מײן האַרץ
אין בויזעם! הער: איך, גבֿרא, וואָס האָב אַזוי פיל ימים צערודערט
און פיל בלוטן אויף מלחמות געטרונקען, — וועל שוין זיכער פאַר גאַרנישט זיך שרעקן!"
געזאָגט; און פאַרגאַנגען איז העליאָס, און חשכות
אײנגעדעקט האָט די וועלטן. און נון האָבן בײדע אין דער הײל זיך
פאַרקליבן און דעם בעכער פון ליבשאַפט אויפן געלעגער געטרונקען!
און באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָט אַדיסײאוס דעם כיטאָן מיטן קיטל אויפן אַקסל פאַרוואָרפן,
אָבער אויך די נימפע האָט מיט גאָלד-געשטיקטע זילבער-געוואַנדן
אײנגעהילט זיך די היפטן און אָנגעגורט זיך די טאַליע מיטן
גאַרטל פון גינגאָלד. און נון האָט זי אַ שלײער אויפן קאָפּ איבער די
לאָקן פאַרוואָרפן און געלאָפן מאַכן הכנות צום אָפּפאָר!
און זע: אַ שווערן האַמער פון געגאָסענעם אײזן און מיט
אַ צווײאײקער שאַרף האָט די נימפע געטון אים דערלאַנגען. און מיט
אַ טאָפּעריסקע פון אײלהאָלץ געווען איז דער האַמער באַפעסטיקט.
אָבער אויך אַ האַק האָט זי דעם גבור געגעבן און זאַלבעצווײט
יעצונד זיך געפּעדערט צום ברעג פונם אינזל, וואו עס רײסן זיך
בײמער ביז דער ווײטקײט פון הימלען: דער אַש און די סאָסנע און שטאַרקע
גרינצווײגיקע דעמבעס. אָבער אויך פיל טרוקענע בײמער זענען
אײנגעדאַרט דאָרט געשטאַנען, וועלכע וועלן גיך-יאָגיק אויפן וואַסער זיך טראָגן.
אָט אַהין האָט זי געטון אים באַגלײטן, און צוריק
אין איר הײל-נעסט גענידערט.
און אײליק האָט דער גבור גענומען
שפּאַלטן די בײמער, און מיט הצלחה אוועק איז די אַרבעט.
און געווען איז, ווען צוואַנציק קיעצער זענען אויסגעמאָסטן און
אָרומגעטעסעט אויף דער ערד שוין געלעגן, האָט קאַליפּסאָ
געבראַכט אים אַן עקבויער. און באַלד טאַקע האָט ער גלײכע לעכער
אויסגעבויערט אין די פּאַליעס; אַלע ברעטער פאַראײניקט;

גע קלאַפּט און געקאָוועט און מיט טשוועקעס די טראַטווע פאַרהאַמערט!
און ווי אַ געניטער מייסטער פון שיפן, האָט אָדיסייאוס אַליין
ווייטער ביי זיין טראַטווע געאַרבעט: אויף אַלע זייטן פונם דיל האָט
ער אויפגעשלאָגן די פאַליעס; מיט דרענגער פאַר ווענט — אין די קלעצער
באַפעסטיקט, און אַלץ מיטאַנאַנדער — פאַרקאָוועט מיט ברעטער. דערנאָך
האָט ער פאַרפענטעט פאַרן שטאַנג פון די זעגלען דעם גלאַטיקן מאַסטבוים;
און לסוף ערשט צום רודערן אויסגעשניצט זיך אַ קירעווער. — און
מיט ווערבענע צווייגן האָט ער פאַר כוואַליקע וואַלן, — די רוקנס
פון שיפל פאַרפלאָכטן, און מיט משאות פאַרשווערט אירע גרונטן.
דערויף האָט די אייבערשטע נימפע געבראַכט אים יריעות אויף
אויסצושניידן די זעגלען. און תיכף האָט אָדיסייאוס דעם
מאַסטבוים מיט בענדער פאַרוויקלט, און מיט שנירן אַלע זעגלען
פאַרצויגן, און אַראָפּגעלאָזט די טראַטווע אינם הייליקן איינגוס:
אָט אַזוי האָט ער פיר מעת-לעתן ביי זיין טראַטווע געאַרבעט; און
ערשטן אויפן פינפטן, כאור, ווען די נימפע האָט דעם גבור געטון
טובלען און זאַלבן, — האָט זי אים, אַ פאַרהילטן מיט קליידער,
באַפרייט פון געפענגעניש. — און מיט צידה-לדרך האָט זי זיין טראַטווע
פאַרלאָדן: אַ לאָגל מיט וויין און אַ לאָגל מיט וואַסער, און
דערצו נאָך אַ קויש מיט מטעמים. — — און נון האָט זי מיט קילינקע
ווינטן דעם געלייטערטן ים-וועג צעבלאָזן, און מלא-שמחה
האָט דער גבור אויסגעשפּאַנט אויפן מאַסטבוים די צעפלאַטערטע זעגלען,
און מיט אַ שפּרונג פאַרן רודער האָט ער צום קירעווער געכאַפּט זיך און
מיט די וועסלעס געשניטן דעם אייביקן, הייליקן, זאַלציקן
ים-שוים! — —
אָט אַזוי איז נישט געשלאָפן און געדרימלט דער גרויסער
האַר אָדיסייאוס. ווייל מיטן גאַנג פון מזלות האָט איינגעגעסן
זיין אויג זיך אינם באָאָטעס, אין די פּלעיאַדן און אינם הימלישן

בער, וואָס רופט זיך „דער זיבן-געשטערנטער וואָגן" ; — (וועלכער קרייזט זיך
אַרום אַריאָן און טובלט נישט קיינמאָל אין ים זיינע שטערן) — — און
אויף דער התראה פון קאַליפּסאָ האָט ער אויף לינקס פונם „בער" געטון
זיך באַשיפן. אָט אַזוי האָט זיבעצן מעת-לעתן דער ים אים
געטראָגן ; און ערשט אויפן אַכצנטן, כּאור, האָבן געטון אַ בליאַסק פון
דערווייטנס די באַשאָטנטע בערגער פונם פאַיעקישן אינזל,
וועלכע זענען ווי אַ פאַנצער אַקעגן זיין טראַטווע געלעגן.
...ויהי, און ס'איז געווען, ווען פאָזיידאָן האָט פון די אייטיאָפּן
אומגעקערט זיך אַהיימצו, האָט ער פּלוצלינג פון די סאָלימישע
בערגער געטון דערבליקן אין וואַסער דעם האַר אָדיסייאוס ; — און
אַ מוראַדיקער כּעס זיין האַרץ באַפאַלן, אַז צעציטערט פון
רוגזה האָט גענומען ער שרייען :
„ווי, ווי ! בעת איך האָב בײַ די
כּושים געטון זיך פאַרווײַלן, — האָבן דערווײַלע די ווײַטע
הימלען מײַן גזר-דין דאָרט צעריסן ! אָך ! צו די פאַיעקן ער טוט
שוין גענענען, וואוהין ער באַגערט פון מײַנע בייזע גורלות
אַנטרינען. אָבער היי, היי, — וואַרט : איך וועל נאָך דערלעבן נקמה ! ! !"
געזאָגט ; און אויסשפּרייטנדיק זיין דרייצאָניקן פלאָקן, האָבן
אַלע כמאַרעס געטון זיך פאַרזאַמלען. און אָך : צעבייזערט האָט דער
ים זיך, און שווערע אָרקאַנען האָבן מיט ווילדע געשרייען
געטון פאַרטויבן די ערד און די הימלען, אַז אַ צעהורושעטער
חשכות איינגעדעקט האָט די וועלטן !
אָט אַזוי האָבן אייוראָס
און נאָטאָס, באָרעאַס און זעפיראָס אַלע ימים צעשטורעמט,
אַז אויפגעציטערט פון די קניען ביזן האַרץ האָט דער גרויסער האַר
אָדיסייאוס און מיט ווייטיק געפרעגט בײַ זיין ריינער נשמה :
„אָ, ווי מיר, ווי מיר ! וואָס וועט זיין דער סוף פון די בייזע נסיונות ?
אָך, סאַראַ פּחד : מיר האָט אָבער בנבואה געטון אַנטפּלעקן
די נימפע און מתרה געווען אַלע ווייסטע גורלות, וואָס

וועלן אונטערוועגנס מיך טרעפן, און היינט — ווערט אַלץ מיר מקויים!
אָ, מיט שווערע וואָלקנס טוט־דזעאוס, דער אל־נקמות, באַקליידן
די הימלען; שווער בושעוועט דער ים און עס הודזשען און רייסן מיט
אימפעט אָרקאַנען, אַז אָט, אָט, — און עס נעמט אַ סוף צו מיין לעבן!
— פריד צו אייך, פריד צו אייך; דריי און פיר מאָל פריד צו אייערע ריינע
נשמות, אָ איר שטאַרקע אַרגיווער, וועלכע האָבן לכבוד
די זין פון אַטרייאָס זייערע בלוטן פאַרגאָסן! אָ, הלוואי
וואָלטן דענסטמאָל אויך מ יי נ ע ביינער געוואָרן פאַרטיליקט, בעת
מיר האָבן אַרויסגעשלעפט דעם גוף פון אַכילייאָס פון ווילדע
טראָיאַנער! מיט אַלע אַכייער וואָלט מען געבראַכט מיך צו קבורה! —
אָבער איצט? — אַ מיאוסן קבירת־חמור האָט באַשטימט מיר דער גורל!”
גע׳זאָגט; און איידער וואָס, איידער ווען האָט אַ צעשטורעמטע כוואַליע
אין אַ ווילדן געקרייזל אַרויסגעשליידערט אויס דער טראַטווע דעם
גבור, אַז ווייט, ווייט איבער כוואַליעס איז ער פון שיפל געוואָרן
פאַרוואָרפן. און זע: דעם קירעווער האָט פון האַנט ער פאַרלוירן, און
מיטאַמאָל האָט דער צערודערטער מאַסטבוים מיט אַ מוראדיקן
קנאַק זיך צעשפּאָלטן, אַז ווייט, ווייט זענען קלעצער און זעגלען
פאַרשווימען. און אַך: אונטערן וואַסער האָט ער לאַנג זיך געבאָברעט,
און בחינם געווען איז דער שווערער געראַנגל אויף ים־פלאַך צו
קומען, ווייל די אָנגעזאַפּטע געוואַנדן האָבן זיין נפש אינם
אָפּגרונט געצויגן. — — מיטאַמאָל אָבער האָט ער מיט גבורה צו דער
פלאַך זיך דערהויבן און גענומען שפּייען מיט ימיש געוואַסער,
וואָס האָט פון זיינע לאָקן אַראָפּצו געריזלט. — און זע:
אפילו אין דער עת־צרה האָט ער אָן זיין טראַטווע געטון נישט
פאַרגעסן, ווייל שפּרינגענדיק איבער כוואַליעס האָט ער ביז צום שיפל
דערכאַפּט זיך און זיך תיכף אַהינצו געוואָרפן! — אָט אַזוי איז
ער ניצול געוואָרן פון בייזן נסיון! אָבער גלייך ווי
באָרייאַס, וועלכער טוט האַרבסט־צייט צו טרייבן פאַרטרוקנטע דערנער

איבער פעלדער און וועלדער, און דער אוויר פאַרפלעכט זיי אינאיינעם, —
אַט אַזוי האָבן עאָוראָס און נאָטאָס מיטן ווילדן זעפיראָס אויף
רעכטס און אויף לינקס זיך צעשטורעמט און געטריבן אין חורבנות די טראַטווע! — — —
צום גליק אָבער איז גראָד איצט לייאוקאָטייאַ בת קאַדמאָס
(וועלכע האָט זיך א י נ אָ אויפן עולם־השפל גערופן) אין די
טיפענישן פון אָפּגרונט געזעסן און במרחב־יה מיט די
וואַלן געשפּילט זיך. און מיט אַ הארץ מלא־רחמים האָט זי זיך אויפן
נע־ונדניק אָדיסייאוס דערבאַרעמט. און ווי אַ ים־קראָ איז
זי ממעקים צו דער טראַטווע געקומען צו שוועבן; אין איר
וועלבונג געזעצט זיך און געטון פרעגן אַזוי:
„קינד מיינס! פאַרוואָס
טוט דער ערדן־צעטרייסלער פּאָזיידאָן אַזוי שווער דיך שטראַפירן?
אָבער הגם זיין רציחה האָט גאָרנישט קיין גרענעץ, וועט ער נישט
באַווייזן דיך צו פאַרציקן, ווייל דו ביסט קלוג און פאַרשטאַנדיק!
און הער: וואַרף אַוועק די געוואַנדן און לאָז דיין שיפל אויף הפקר;
שפּרינג אַריין אין די וואַלן און שנייד מיט די אָרעמס דעם ימישן
מרחק, ביז דו וועסט מיט הצלחה דעם פאַיעקישן ים־ברעג
דערגרייכן! — — און אָט מיט דעמדאָזיקן הייליקן שלייער זאָלסטו
די ברוסטן פאַרגאַרטלען, ווייל אַ שמירה איז מיין שלייער פאַר יעדן
נסיון! אָבער ווען דו וועסט דיין שווים־ציל דערגרייכן, טאָ זאָלסטו
ביים ערשטן טאַפּ אויף יבשה תיכף היגטערווייליעכץ מיין שלייער
אינם ימישן מדבר פאַרוואַרפן און נישט כאַפּן אויף צוריק דיינע בליקן!"
געזאָגט; און נון האָט די געטין דערלאַנגט אים דעם
שלייער. און ווי אַ צעפלאַטערטע ים־קראָ האָט זי געפּאַטשט אין די
כוואַליעס, און כהרף־עין איז זי אינם אָפּגרונט געוואָרן
פאַרשלונגען! אָבער מיט אַ קלאָרן ישוב־הדעת האָט דער גרויסער
סבלן אָדיסייאוס געטון פרעגן ביי זיין ריינער נשמה:

„אָ, ווי מיר, ווי מיר! שוין ווידער ווילן די געטער מיט א שווערן
גזר-דין מיך בערמה פארלעידן, וואס מען ראט מיר מיין טראַטווע
פאַרלאָזן? — ניין! איך וועל זייער געבאָט נישט פאַרנעמען, ווייל א בליאַסק
פונדערווייטנס האָט געטון דער מקום-מקלט מיר גל״יך אין די
אוגן, — היינט צוואָס זיך וואַרפן אינם אָרעם פון בייזן נסיון?!
אָ! כל-זמן עס זענען די קלעצער נאָך נישט אינגאַנצן צעמזיקט.
וועל איך אין שיפל נאָך בלייבן און וואַרטן אויפן מזל פון גורל.
און ערשט אַז דער שטורעם וועט מיין טראַטווע צערייסן אויף שטיקער, וועל
איך דאַן ערשט בעל-פרחי מוזן גרונטעווען דעם מרחק פו׳ ימים!״
און געווען איז, ווען ער האָט אין ספקות זיין נשמה געבאָרן,
האָט פלוצלינג דער רגזן פאָזיידאָן אויפגעהויבן אַ מעכטיקן
באַרג פון ימיש געוואַסער און אויפן קאָפּ אים געגעבן אַ שליידער.
און גלייך ווי טרוקענע שפענער, וועלכע ווערן פון ווינטן אַהין
און אַהער אָן אַ סדר געיאָגט און געטריבן, — אָט אַזוי האָט
דער ים-באַרג צעמזיקט די טראַטווע! — — אָבער באותה ה״גע
איז אָדיסייאוס, ווי אויף אַ פערד, געבליבן רייטן אויף אַ קלאָץ
פון זיין שיפל. און באַלד טאַקע האָט ער אַראָפּגעצויגן פון לייב
די געוואַנדן און דעם הייליקן שלייער אויף דער ברוסט זיך פאַרוואָרפן.
און זע: מיט אויסגעשפרייטע הענט האָט דער עלנדער גבור געטון
אַ שפרונג אַריין אין די כוואַליעס און מיט די אָרעמס געשניטן דעם
זאַלציקן ים-שוים! — —
אין נון האָט פאָזיידאָן בלחש געמורמלט:
„שווים זיך, אָ שווים זיך מיט אַנגסט און יסורים און בלאָנקע פאַראייניזאַמט
מי״ צער און נסיונות, ביז קראַניאָן וועט בני-רחמנים דיר
ברענגען אַקעגן. ביי וועמען וועסט שוין מיין שטראָפירונג געדענקען!״
געיאָגט; און אייליק האָבן צעפּאַטלטע רייט-פערד געלאָזט
זיך לויפן, און קיין אייגיי, צום היכל, איז דער ים-גאָט געפלויגן.

אָבער אַ נײַע המצאה האָט צוגעטראַכט פּאַלאַס אַטענע :
און זע : אַלע גרויזאַמע ווינטן האָט זי מיט חכמה געפּענטעט,
אַז פאַרשטומט און באַרויִקט האָבן זיי בלחש געלייגט זיך. און
נייערט באָרעאַס האָט מיט אַ צעפּייפטן געשטורעם דעם ים-וועג
געשניטן, בכדי אָדיסייאוס זאָל זיך שווימען בשלום צום
פאַיעקישן ים-ברעג און אַנטלויפן פון דעם שרעקלעכן קערען.
אָט אַזוי האָט ער מיט ביטערער פּיין צוויי מעת-לעת כּסדר
קוים גובר געווען דעם שרעקלעכן קערען. און ערשט אויפן דריטן
כאור, אַז עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך, האָבן
איינגעשטילט זיך די ווינטן ; און אַך : לויטערע הימלען האָבן אין
ים זיך געטובלט, און ער איז אַלץ נענטער צום ים-ברעג
געשוואומען !...
און זע : אויף ערד, אויף ערד האָט איינגעגעסן זיין אויג זיך, וויל
ע ר ד , ווייל
ערד האָט געשוואַרצט זיך אַקעגן ! — — אַ, ווי די פרייד פון קינדער,
וועמעס
פאָטער עס האָט דער שטן מיט אַ בייזער מלחמה געפּייניקט,
אָבער צו זייער פרייד האָבן די געטער געטון אים גענעזן,
און זיי לויפן אַלע מיט פרייד אים אַקעגן, — אָט מיט אַ ז אַ פרייד
האָט אויך אָדיסייאוס דעם וואַלד ביים ע ר ד י ש ן ים-ברעג באַגעגנט !
און גון האָט מיט הענט און פיס זיך דער גבור אַלץ ווייטער און
ווייטער
צום ים-ברעג געריסן. אָבער געווען איז, ווען ער האָט דערגרייכט
שוין
אַ ווינקל, וואָס אַ קול פון אַ מענטש וואָלט צו זיינע אויערן
דערגאַנגען, — האָט פּלוצלינג אַ טעמפּער קרעכץ אַלע סקאַלעס
צערודערט,
אַז פון די שאַרף-פאַרשניטענע שטיינער האָט געקלאַפּט און געזאָטן
אַ זאַלציקער, שנייאיקער ים-שוים. און וויי : נישט געווען איז צו זען
דאָרט אַ בוכט און אַן אַנקער, ווייל מיט פעלזן און שטיינער און סקאַלעס
האָבן געשפּיצט זיך די באַרגיקע ברעגעס.
און מיט צעציטערטן

וייטיק האָט אָדיסייאוס געשריגן פון זיין ריינער נשמה:
„אָ! ווי מיר! ווי מיר! מיט צער האָט דזעאוס דאָס לאַנד מיר
געוויזן, און
איצט, ווען ער האָט מיט שווערע נסיונות צום ברעג מיך פאַרוואָרפן,
שניידט
אין ערגעץ קיין וועג זיך, וואָס זאָל מיך פון אָפגרונט באַפרייען!
אַך, אויף
רעכטס און אויף לינקס טוען רק שפּיציקע סקאַלעס זיך טורעמען, פון
וועמעס גלאַטיקע ווענט עס טוט רייסן און ברומען און זידן דער
קאָכיקער, זאַלציקער ים־שוים! אָ, טיף גרענעצט ביי די ברעגעס דער
ים דאָ, אַז איך וועל צופוס נישט באַוויזן אַהין צו גענענען.
ווידער, — ווען איך זאָל אַהינצו אַ שווימיקער ציען, — טאָ וועלן
פאַליקע כוואַליעס פון שפּיציקע סקאַלעס אויף טויט מיך צערייבן;
אויב ווידער איך זאָל אַן אַנדערן מקום־מקלט איצט פּרוּוון צו
זוכן און שווימענדיק אויסנוּרען אַ ים־פלאַך אויף ברעגעס, — טאָ
פאָרכט
זיך מיין קראַנקע נשמה, אַז דזעאוס זאָל נישט ווידער מיטן ים זיך
צעשפּילן, בכדי איך זאָל ווערן אין ימים, — וואו עס טומלען און
ווימלען די פיש זיך — פאַרזונקען. און אפשר גאָר טוט קראַנאָס דעם
שאול־התחתיה צערייסן, אַז די בייזע מזיקים פון
אַמפיטריאַ זאָלן צוליבן ערדן־צעטרייסלער פּאָזיידאָן
טון מיך פאַרציקן ? !
אָבער געווען איז, ווען ער האָט אַזוי מיט זיין
נשמה געטענהט, האָט פלוצלינג אַ מוראדיקע פאַליע אויף
אַ שאַרפן באַרג־שפּיץ אַרויסגעשפּיגן דעם גבור. און אויב נישט די
עצה־טובה פון פאַלאַס־אַטענע, טאָ וואָלט ער אָפּגעשינדן
די פעל זיך און צעשלאָגן די ביינער אָן די שפּיציקע שאַרפן;
ווייל זע: אַרומגעשלאַנגט האָט דער סבלן די שאַרף־שפּיציקע סקאַלע,
און מיט געהויל דאָרט געהאָנגען, ביז די כוואַליע האָט אַראָפּגע־
גליטשט
זיך אין וואַסער! — אָבער איידער וואָס, איידער ווען האָט זיך
ווידער די

פאַליע דערהויבן און ווייט, ווייט זיין געביין אינם ים-שוים געשליידערט ;
און גלייך ווי אַן אַרויסגעפּישטער פּאָליפּ, איבער ווֹעמעס אַפּלען
עס קלעפּן זיך פיל זאַמדן און שטיינדלעך, — אָט אַזוי האָט די פעל פון
זיינע אָרעמס אויפן שטיין-שפּיץ געקלעפּט זיך, און אים ווידער אינם אָפּגרונט
פאַרשלונגען ! — — אָבער אויך א י צ ט האָט אים פונם שווערן געראַנגל באַהיט
און באַשירעמט אַטענע. ווייל זע : מיט ווייט-צעעפנטע אויגן
האָט זיך דער סבלן מיט דער ים-שוים געראַנגלט, און שפּיזנדיק זיין אויג
אויף יבשה, האָט זיין בליק ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, אויף אַ מקום-מקלט געבלאָנזשעט.
אָט אַ ז ו י האָט אָדיסײאוס דעם אָפּענעם
ים-פלאַך געטון דאָרט דערגרייכן. און לייכט ווי אַ ציטער האָט דאָס
שווימיקע וואַסער צו אַ טייכל אָן פעלזן און סקאַלעס און אָן
אַ בייזן געוויטער אַהינצו געוויגט אים, אַז תיכף איז
האָפערדיק געוואָרן דער טייערער סבלן און תפילה געטון
דאָרט בלחש :
„פאַרנעם איצט מיין תפילה, אָ פרעמדער, אומענדלעכער
הייליקער טייך-גאָט ! טו גנאָד צו דיין עבד און זיי מיך מציל פונם
רגזן פאָזיידאָן ! אָ, אין אַן עת-צרה ווערן אַפילו די
זינדיקסטע מענטשן קדושים, — אויב זיי האָבן זייער נשמה
אין תחנונים געלייטערט ! גאָט ! מיט שטילן געקלאָג איך טוליע מיין
האַרץ צו דיין ימיש געוואַסער, — דעריבער טו גנאָד מיר מיט רחמים !"
אַזאַ געוועזן איז די תפילה. און זע : בענפאָ-עין האָבן
אַלע שטורמישע ווינטן מיט אַ פאַרכישופטער שטילקייט געלייגט
זיך, און אויפן פלאַך-ברעג האָט מציל געווען זיך דער גבור.
אָבער אַך !
צעמזיקט פון ימים, איז ער, אַ מידער, אָן כוחות,ביים ברעג דאָרט
געפאַלן. אָפּגעשינדן, אָנגעדאָלערט און געשוואָלן איז דער
גוף אים געוועזן, און אַ זאַלציקער מבול האָט אים פון אַלע

נקבים געריזלט! — אָט אַזוי איז אָן אָטעם און אָן לשון,
אָן אויסגעשעפּטער, געלעגן דער גבור פאַרחלשט. — און ערשט ווען
דער רוח-החיים האָט צוריק אין זיין האַרץ באַזעצט זיך, האָט ער
ווייט, ווייט דעם הייליקן שלייער אויפן ימישן שטח פאַרוואָרפן,
און אינאָ, די געטין, האָט געטון אים דערהייבן!
דערנאָך ערשט האָט
זיך דער סבלן אויף יבשה געפּעדערט. און צווישן טשערעט איז
ער כורעים געפאַלן בנשיקה. און קושנדיק די זאַפטיקע
ערד, האָט ער מיט עצבות געטון שרייען צו זיין ריינער נשמה:
„אָ ווי מיר, ווי מיר! וואָס וועט זיין דער סוף פון די בייזע נסיונות?
גאָט! ווי אַזוי וועל איך היינטיקע נאַכט ביים ברעג דאָ פאַרברענגען?
זע: א פאַרנעפּלטע און פראָסטיקע חשכות וועט מיינע כוחות
פאַרשלינגען, און אַ פאַרחלשטן וועלן די קעלטן טון מיך
צעפרעסן, — וויל טיף ביזן שחר שנײדן שווערע ווינטן פון ים זיך.
און אויב אפילו איך וואָלט אין אַ באַשאָטנטן באַרג-וואַלד געטון
זיך באַהאַלטן, און צווישן צווייגן און בלעטער אין די אָרעמס פונם
הייליקן שלאָף זיך געוואָרפן, — טאָ באַפאַלט מיך אָן אימה פאַר די
ווילדע חיות פון באַרג-וואַלד, וואָס וועלן אין שלאָף מיך פאַרציקן!"
אָבער געווען איז, בעת ער האָט אַזוי אין ספקות זיין האַרץ
געבאָדן, האָט אים דווקא די צ ו ו י י ט ע השערה פאַרשניטן די
ע ר ש ט ע, מחמת נאָענט פונם טייכל האָט טאַקע אַ וואלד זיך געשניטן,
וואו אַ וועג-דאָרן מיט אַן איילבוים זענען אינאיינעם געוואַקסן.
און נאָך קיינמאָל האָט איבער זייער פּניאַק קיין ווינט נישט געריסן; און
נאָך קיינמאָל האָט נישט העליאָס זייערע קוסטעס צעוואַרעמט, וויל
ווילד, כּאַרוויסט און צעוואַקסן האָבן זיך ביידע אינאיינעם פאַר די
הימלען געריסן.
אָט אַ ה י נ צ ו האָט זיך דער גבור פאַרקליבן.
און קריכנדיק אויף דער ערד, האָט ער צונויפגעשאַרט מיט די הענט זיך
אַ באַבלעטערט געלעגער, אין וועמעס שפע פונם בליאַיִקן גרינס
וואָלטן חוץ א י ם, — נאָך אַ צוויי-דריי מענטשן געווען ביכולת (אינם
באַבלעטערטן רחבות) איבערן ווינטער זיך צו טון באַהאַלטן.
און זע: מלא-שמחה האָט זיך דער בעל-וונדניק אָדיסייאוס

אויף דער ראָגאָזשע געוואָרפן און איבערגעדעקט זיך מיט בלעטער.
אין גלייך ווי איינער, וואָס טוט צווישן אַש אויף איינזאַמע פעלדער אָן
שכנים די האָלאָוועשקעס פאַרבאַרגן, בכדי נישט צו דאַרפן די
פונקען באַנייען, — אַט אַזוי האָט צווישן בלעטער מקבר
געווען זיך דער גבור!
און נון האָט פאַלאַס־אַטענע בנשיקה
פאַרמאַכט אים די אויגן; פרישע כוחות אין זיין מידער נשמה
געבלאָזן, און אַ הייליקער שלאָף האָט איינגעוויגט אים די ווייען.

# דאָס זעקסטע געזאַנג

אָדיסייאוס ביי די פּאַיעקן.

און נון איז דער גרויסער סבלן אָדיסייאוס מיט אַ הייליקן
דרימל אין אַ פאַרמאַטערטן שלאָף געוואָרן פאַרזונקען. אָבער
צום לאַנד פון די פּאַיעקישע מאַנען האָט דערווײלע אַטענע
געשלייכט זיך. — — פאַרצייטנס האָט זיך היפּעריאַ די ערד פון פּאַיעקן
גערופן; און פון ווילדע ציקלאָפּן, — וועלכע האָבן געגרענעצט
בשכנות, זענען זיי כסדר געוואָרן באַפאַלן, באַרויבט
און באַצוואונגען. און נון האָט ערשט דער הימלישער נאַוזיטאָיאָס
אָפּגעשיידט זיי פון מענטשן, און ווייט, ווייט, אין שעריאַ געטון זיי
פאַרטרייבן; מיט מויערן האָט די שטאָט ער באַפעסטיקט; געמאַכט דאָרט
פיל הייזער און טעמפּלען, און פאַרטײלט צו זיינע פעלקער די ערדן. —
אָבער צום האַדעס האָט קערען פאַרטיליקט דעם האַר נאַאָוזיטאָיאָס,
דעריבער קיניגט היינט דאָרט אַלקינאָיאָס מיט געטלעכער חכמה.
אַט צו ז יי ן שלאָס האָט איצט געשלייכט זיך די געטין פּאַלאַס-אַטענע,
פון שווערע מחשבות וועגן גרויסן גבורס היים-וועג געפּייניקט,
און גענידערט האָט זי אין דער שלאָף-שטוב פון דער הויכער פּאַלאַטע,
וואו ס'איז רויִק געשלאָפן מיט פּראַכט און מיט הדר נייזיקאַיאַ
בת אַלקינאָיאָס, מיט געטלעכער שיינקייט באַלאָדן. אָבער אויך
צוויי מיידלעך, — מיטן חן פון כאַריטן — האָבן ביים אַריינגאַנג, הינטער
די שוועו-פאַרריגלטע פליגלען, אויף דער שוועל דאָרט געדרימלט. —
און נון האָט

**זיך ווי אַ קילינקע ווינטל איבער דער בת-מלכּהס געלעגער**
**אַרײַנגעפלאַטערט די געטין. און תּיכּף איז איר צורה אינם**
**געשטאַלט פון דער שײנער בת דימאַנטאַס געוואָרן מגולגל. און,**
**ווי דעם שיפערס שײנע טאָכטער, האָט זיך טאַקע די געטין איבערן**
**בעט פון דער בת-מלכּה געבויגן און בלחש צעשאַלט זיך:**
**„נײזיקאַיאַ! עפּעס ביסטו אַ פוילענקע מײדל געוואָרן.**
**זע: שוין טוט דײַן חופּה-טאָג זיך געגעגען און דאָ וואַלגערן אין שטויב**
**זיך, אָן סדר צעוואָרפן, דײַנע קויטיקע קלײדער! אָ, נײערט**
**אין קלאָרע געוואַנדן װעלן אונטערפירערס צו דײַן חתן דיך**
**פירן. ווײַל אויסנעמען בײַ לײַטן טוט ר ק די הלבשה, און אויך**
**טאַטע-מאַמע האָבן פיל נחת און פרײד פון רײנינקע קינדער!**
**ובכן, לאָמיר זיך פעדערן און נעמען גאַנץ פרי זיך צום וואַשן!**
**אײליק וועל איך בײַ דער אַרבעט דיר העלפן, אַז עס זאָל וואָס גיכער**
**זיך שווענקען, — ווײַל צו דײַן כּלהשער מײדלשאַפט נעמט שוין אַ סוף באַלד!**
**ווי דײַנס גלײַכן, עס שדכנט צו דיר זיך אַ יעדער פּאַיעקישער**
**אײדעלער בחור, — ווײַל אויך אײדעלע בלוטן טוען אין דיר טריפן.**
**הכּלל: מאָרגן כּאור זאָלסטו בײַם פּאָטער, דעם קיניג, טון בעטן,**
**אַז ער זאָל אײַנשפּאַנען צום וואָגן די אײזלען, און אָנלאָדן**
**מיר וועלן אַדאָרטן אַלע געוואַנדן און קאָלדרעס און גאַרטלען.**
**חוץ דעם איז בעסער אין שפּאַן, אײדער טריטווײַז אַהינצו צו קומען,**
**ווײַל ווײַט פון דער שטאָט ליגן די ריקעס, וואו מיר וואַשן די קלײדער״.**

**אַזאַ געוועזן איז דער זאָג פון דער בלוי-אויגיקער בת-דזעאוס**
**אַטענע, און במהירות האָט זי צוריק זיך צום אָלימפּאָס**
**דערהויבן. אָ, אויף יענעם געטער-באַרג טוט נישט קײנמאָל קײן שנײ**
**און קײן שטורעם דערגרײכן, — ווײַל אַן אײביקע הימלישע בלויקײט**
**שפּרײט אויס זיך מיט שײנקײט און באַשירעמט דעם היכל מיט רויזיקן**
**נחת, אין וועמעס תּפארת עס באָדן זיך אײביק די געטער.**

אָט אַהין האָט זיך די געטין נאָכן גערייד מיטן מיידל דערהויבן!
אוּן באַגינען, ווען עאָס האָט אויפן גילדענעם טראָן זיך געפעדערט,
האָט נייזיקאַיאַ אינם טייערן כיטאָן געטון אַ טאַנץ אַראָפּ
פון געלעגער און געזשמורעט פון איר חלום די אויגן. און באַלד
איז די יונגפרוי איבער אַלע חדרים צו טאַטע־מאַמע דעם
חלום פאַרציילן געפלויגן. און ביים היימישן פלעמל איז איר
מוטער ביים שפּין־ראָד מיט דינסטן געזעסן און ימישן פּורפּל
געדרייט אויף די שפּולען. און גראָד דעם פאָטער האָט זי ביים אַרײנגאַנג
באַגעגנט, ווייל ער האָט זיך צו די פאַיעקישע יועצים צום
בית־דין געקליבן. — און נון האָט די יונגפרוי ביים פאָטער געבעטן:
„טאַטע! גיב רשות איינצושפּאַנען די אייזלען אינם גרויסן וואָגן
מיט געקאָוועטע רעדער, בכדי איך זאָל צום טייכל איצט פאָרן
און טון וואַשן מיינע קליידער, וואָס זענען מיר קויטיק געוואָרן.
היינט טאַקע: צי וואָלט דען נישט שענער געווען, אַז אויך די זאָלסט זיך
אינם בית־משפּט, צווישן מאַנען, אין שענערע קליידער באַווייזן?
חוץ דעם דרייען אַרום זיך פינף דערוואַקסענע זין דאָ אין היכל:
צוויי שוין באַווייבטע, און דריי — נאָך בליאַיקע ריזן; און אַלע
אינאיינעם האָבן תמיד אַ תענוג איבערצובייטן דאָס גרעט
זיך, איידער זיי טוען צום טאַנץ זיך באַווייזן. און איך מוז דאָך אַלץ
דאָ פאַרזאָרגן!?”
געזאָגט; און גערויטלט פון בושה, האָט זי פון איר
חופה געשעמט זיך צו רעדן. אָבער אָנגעשטויסן האָט באַלד זיך
דער מלך און געטון זאָגן אַזוי:
„קינד, איך וועל אַלץ דיר איצט געבן!
גיי, און באַלד וועלן עבדים שוין איינשפּאַנען צום געקאָוועטן
וואָגן מיטן געפלאָכטענעם זיץ־קויש די גין־יאָגיקע אייזלען!”
געזאָגט; און אויפן געהייס פונם קיניג האָבן קנעכט אַרויס־געקאַטשעט
דעם שיין־געפעדלטן וואָגן; און פון די שטאַלן האָבן עבדים

די אייזלען צום דישעל געטריבן און איינגעשפּאַנט זיי צום וואָגן,
און אַרויסגעבראַכט פון דער קאַמער האָט נייזיקאַיאַ די שיינע
געוואַנדן און אינם געקויבערטן וואָגן געטון זיי פאַרלאָרן.
און אַ קעסטל זיסע שפּייז מיט מעדנים האָט אַרויסגעבראַכט איר
די מאַמע. און אַ פּעלענעם לאָגל מיט טייערן וויין האָט זי
אויך נישט פאַרגעסן. און אויפן וועש-וואָגן האָט די יונגפרוי גענידערט. —
אָבער די מוטער האָט געטון נאָך דערלאַנגען אַ קריגל מיט אייל
און טייערע בשמים, בכדי נאָכן באָדן צו זאַלבן זיך און די
מיידלעך. — און א כאַפּ געטון האָט די בת-מלכּה די בייטש מיט די
לייצן, אַז געקנאַקט האָבן רימענס איבער בייכער און ווישקעס.
אָט אַזוי זענען מיט אייליק געלויף די אייזלען מיט דער משא
געפלויגן, און מיידלעך האָבן געטון די בת-מלכּה באַגלייטן.
און געווען איז, ווען זיי האָבן דערגרייכט צו די קוואַלן פונם
קלאָרן
גטוואַסער; אַהינצו, צום פּרעכטיק-געשלענגלטן טייכל, וואו עס
פלעגן די יועשינס אויף בלאַנק-ווייס צו לייטערן קליידער, — האָבן
אייליק באַדינערקעס אויסגעשפּאַנט פונם דישעל די אייזלען און
צווישן גרין-גראַזיקע לאָנקעס געלאָזן זיי פּאַשען. אָט אַזוי
האָבן זיי זיך ביים ריזלען און זינגען ... גאַרגלען און רוישן
געפּיטערט! — און נו האָט מען אויסגעלאָדן פון וואָגן די קליידער
צום וואַשן; און אייניציקווייז האָבן זיי אויסגעלייגט אויף אַ שטיין
די געוואַנדן, און יאָגנדיק איינע די צווייטע — מיט די פיס זיי
געפּראַלעט! און נאָכדעם, ווען זיי האָבן דאָס וואַשן פאַרענדיקט,
האָבן זיי אויף טרוקענע קיזלען אויסגעשפּרייט די געוואַנדן.
און בעת זיי האָבן אין טייך זיך געבאָדן, און נאָכן זאַלבן מיט
איילן, אונטערגעלעגט זיך דאָס האַרץ מיט מזונות, — האָט
דערווייַלע
העליאָס מיט זיינע שטראַלן די געוואַנדן געטרוקנט. און נאָכדעם
ווען די האַרינטע מיט די מיידלעך האָבן געשטילט זיך דעם הונגער,
האָבן זיי אָן די שלייערס מיטן באַל אין עפּעטינדאַ געשפּילט זיך!
און ביים שפּיל און געלעכטער האָט די שיינע בת-מלכּה געזונגען, —
אַ, אַזוי ווי אַרטעמיס, וואָס טוט שפּרייזן מיט פייל און מיט בויגן

איבער אייערימאַנטאָסעס בערגער און איבער טייגעטישע
היגלען, און זי טוט זיך פרייען מיטן טויט פון גיך־לויפיקע לעמער.
און אַרום איר טאַנצן און שפּרינגען אויף פעלדער די נימפעס, וועמען
גאָט דזעאוס געטון האָט צו פּלאָדיען; לעטאָ שמעלצט זיך פון נחת,
וואָס איבער אַלעמענס קעפּ טוט שטראַלן איר שיין־ליכטיק פנים,
ווייל אינם ווילדן קאַראַהאָד שיילט זי אויס זיך פון אַלע אַרומעט —
אָט אַזוי האָט פון אַלע מיידלעך אויסגענומען די בת־מלכּה!
און געווען איז, בעת זיי האָבן שוין געגרייט זיך אַהיימצו און
גענומען שפּאַנען די אייזלען און די אויסגעבלייכטע העמדער אינם
קויבער צו וואַרפן, — איז דערווייל אַטענע אויף אַ המצאה
געפאַלן: איבערצוּוועקן דעם האַר אָדיסייאוס, אַז ער זאָל
דערזען דאָרט די יונגפרוי, וואָס זי וועט צו די פאַיעקן אים פירן.
...און ס'איז געשען, ווען נייזיקאַיאַ האָט דעם שפּיל־באַל געטון א וואָרף
צווישן מיידלעך, איז ער ערגעץ אינם וואַסער געוואָרן פאַרפאַלן,
אַז מיט אַ הילכיק געלעכטער האָבן די מיידלעך צעשאַלט זיך; אַזש
אויפגעריסן פון שלאָף האָט זיך דער העלד אָדיסייאוס!
טראַכט ער:
„אָ! ווי מיר, ווי מיר! צו וועלכן פאָלק האָב איך שוין ווידער פאַרבלאָנזשעט?
צי געפין איך זיך איצטער ביי גזלנים אָן מידות און רחמים,
צי גאָר ביי אַ גאַסטפריינטלעכער אומה מיט דער מידה פון צניעות?
אָ, צו מיין אויער איז דערגאַנגען אַ טרעלן פון אַ מיידליש
געלעכטער, און זייער קול האָט געקלונגען ווי דאָס געזאַנג פון די
נימפעס, וועלכע הויזן אויף בערג און טאָלן און קוואַליקע טייכער!
און אפשר (ווער ווייסט?) טו איך זיך איצט גאָר צווישן מענטשן געפינען?
היי! היי! שטיי אויף! דעם שווערן פּתרון וועל איך אַליין מיר באַשיידן!"
געטראַכט; און אויף אַלע פיר האָט ער אַרויסגעשאַרט זיך פון פלאָנטער
און מיט זיין מוראדיקער פויסט, צווישן ביימער און קוסטעס — אַ צווייג

דאָרט צעבראָכן און מיט אירע בלעטער פאַרדעקט זיך די ערוה. און
גלייך ווי אַ ווילד-בריליקער באַרג-לייב, וואָס געפייניקט פון הונגער
קריכט ער אין שטורעמס און רעגן, און מיט פייער-בליציקע אויגן
טוט ער אין ווילד-צווייגיקע וועלדער דאָרט הויערן אויף שאָף און אויף
רינדער און אויף גיך-יאָגיקע לעמער, — אָבער, פאַרמאַטערט פון
הונגער, מוז ער אפילו אַ נישטיקע חיה פאַרציקן, — אַט
אַזוי האָט אויך אָדיסייאוס צו די מיידלעך געשאַרט זיך, און דורכן
גורל געפייניקט, — אפילו מיטן נאַקעטן לייב נישט געשעמט זיך.
אָבער איינגעריכט מיט ימישער בלאָטע, האָט אַ קלאַגעדיקן
אויסקוק געהאַט דער גבור אין די אויגן פון מיידלעך. האָבן זיי
טאַקע פון פחד הינטער בערגלעך געטון זיך באַהאַלטן. נייערט
בת אַלקינאָיאָס איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע, ווייל פּאַלאַס
האָט איר פחד געשטרויכלט! שטייט זי אַזוי באַשיינפערלעך, פּנים
אל פּנים מיטן זון פון לאַערטעס, בעת יענעם עקבערט דער מוח
איצט: צי זאָל ער פאַלן כורעים פאַר אירע קניען מיט רחמים, צי
גאָר פונדערווייטנס טון בעטן אַ קלייד מיט אַ באַגלייט אויפן ישוב?
און דווקא האָט אים די צ ו ו יי ט ע השערה די ערשטע פאַרשניטן.
ווייל אַ ד ע ר ו ו יי ט ע ר ט ע ר האָט ער טאַקע גענומען בעטן, אַז די
בת-מלכה זאָל אים באַוויליקן אירע קני צו באַרירן, —
וואָרים אַזוי האָט דער גרויסער גבור מיט תחנונים געבעטן:
„אָ האַרינטע! די תפילה פון מיין לעפץ טו איצט, אָלימפּער, אָדער
בן-אדם פאַרנעמען! אַך, אויב דו קומסט איצט פון ווייטן אָלימפּאָס, —
טאָ ביסטו געגליכנט צו אַרטעמיס בת דזעאוס, — ווייל נייערט אין
איר געשטאַלט און אין א י ר צורת-תפארת דו קענסט זיך פאַרמעסטן!
און אויב ווידער דו ביסט מער נישט, ווי אַ מענטש פון עפר-ואפר, —
אָ, דריי מאָל פריד צו דיין פאָטער און מוטער, און דריי מאָל אַ בענטשונג
צו דיינע העלדישע ברידער. פון פרייד מוזן וואַקסן אין זייער
בוזעם די הערצער, ווייל זיי בליקן כסדר, ווי עס פלאַטערט (ווי

דו) אזאַ יונגיטשקע צווייגל, וואָס טוט זיך שלאַנגען און בייגן און
כוואַליען ביים טאַנצן! גרויס איז דאָס מזל פונם חתן-באַשערטן,
וואָס
וועט מיט מתנות טוי דיך אָנטשפּייזן און צום כלה-בעט פריידיק
דיך פירן. ווייל הער: זינט איך לעב האָב איך נאָך פון ביידע
מינים
אַזאַ ווי ד ו נישט באַגעגנט; אַזוי טוט דיין בליק מיך פאַרכאַפּן!
זע: נייערט אין דעלאָס, פאַרן מזבח פון אַפּאָלאָס, האָט מיין בליק
זיך געוואָרפן אויף אַ שפּראָץ פון אַ פּאַלמע, וואָס האָט צו דיר
געקאָנט
זיך פאַרמעסטן: — — ווייל אויך דאָרט בין איך מיט מיין חייל
געוועזן
פאַרוואָגלט; ד אָ ר ט, וואו מיר האָבן אַזוי פיל מפּלות געליטן — —
און גלייך ווי א י צ ט, בין איך אויך ד ע נ ס ט מ אָ ל פאַרגליווערט
געשטאַנען, ווייל נאָך
קיינמאָל האָט נישט אַ בוים פון דער ערד אַזוי ווייט זיך צו
הימלען
געריסן! — — און ווי דענסטמאָל, שטיי איך פאַר ד י ר איצט, אַ
יונגפרוי, און
ציטער פאַר פּחד דיין קני צו באַרירן, ווייל וויסטע נסיונות
האָבן געבראַכט מיך אַהערצו! און הער: נאָר צוואַנציק מעת-לעתן בין
איך נעכטן אַהערצו אַנטרינען! אַזש פונם אינזל אָגיגאַ האָט
אַ וויסטער געשטורעם איבער צערודערטע ימים ביז אַהער
מיך דערטראָגן. און ערשט נעכטן האָט מיך אויפן ברעג דאָ אויסגעשפּיגן
דער שטן, — ווייל נאָך זעגען די געטער פון מיין אומגליק נישט
זעטיק!
— דעריבער, אָ האַרינטע, עפן דיין האַרץ מלא רחמים און טו
גנאָד צום עלנטן אורח, וועמען דו ביסט די ערשטע געקומען
אַקעגן, ווייל פרעמד איז מיר דיין לאַנד, דיינע שטעט און די מענטשן!
אָ, טו צו דיין היים מיך באַגלייטן און שענק מיר אַן אַלטע שמאַטע, —
אין וועלכער דו פירסט צום וואַשן געוואַנדן — מיין לייב צו פאַרדעקן.
און בזכות-זו זאָלן מיט גנאָד דיך פאַרגעמען די געטער. און זיי

זאָלן דיר געבן אַ מאַן און אַן אַרב און שלום ושלווה.
ווייל קיין גרעסערע הצלחה קאָן שוין נישט ווערן מקוים,
ווי מאַן־און־ווייב טוען זיך אינאיינעם מיט ליבשאַפט באַהעפטן:
שונאים פּלאַצן פון קנאה, און מיט זייער גליק פרייט זיך דער חבר,
אָבער פונם כוס של ברכה טוען זיי אַליין רק געניסן!"
גענאָגט; אָבער אַזוי האָט די ווייס־געאָרעמטע נייזיקאַיאַ
דערויף אים געענטפערט:

„אָ פרעמדער! ס'איז ניכר, אַז איידעלער
יחוס טוט אין דיינע בלוטן צו טריפן. אָבער זע: פאַר אַ ל ע
מענטשן אויף ערדן טוט נייערט דער אָלימפּישער דזעאוס מיט
זייער גורל צו קירעווען, — און אויך אויף ד י ר האָט ער גוזר
געווען יסורים! — און איצט: איידער דיינע פיס־טריט ווען צו
מיין היימשטאָט געגענען, וועל איך דיין נאַקעט לייב דאָ פאַרהילן:
געבן דיר אַלץ, וואָס עס קומט אַ נע־ונדנע נשמה; מיין היים
דיר באַווייזן, און פון מיין איידעלער גזע טון דיר דערציילן!
הער פ אַ י ע ק ן טוען דידאָזיקע מדינה באַצווינגען. און
איך גופא בין די בת־מלכה פונם מעכטיקן האַר אַלקינאָיאָס,
וועלכער געוועלטיקט מיט חסד איבער זיין פאַיעקישן שבט!"
געזאָגט; און איינזאַמלען האָט געטון זי די באַהאַלטענע מיידלעך:
„געגענט אייך, איר יונגפרויען! וואָס? איר שרעקט אייך פאַרן דאָזיקן
מאַנסביל?
אָדער איר מיינט אפשר, אַז אַ שונא האָט אַהער זיך פאַרגנבעט?
אָ, נאָך איז אַזאַ שונא אויף דער וועלט נישט געקומען, און עד סוף
כל הדורות וועט קיין פיינט נישט דערלעבן אונז פאַיעקן באַפאַלן!
ווייל זעט: די ברכה פון הימל הערשט אַרום אונז מיט מנוחה, און
ביחידות, אָן שכנים, מיר לאַנדן ביי די ימישע ברעגעס,
און פון יעדן פאַרגעסן, — וועט קיינער אונזער רו נישט צעשטערן. —
ניין, נישט קיין שונא, נייערט אַן עלנטער נע־ונדניק האָט צו
אונז דאָ פאַרבלאָנזשעט. און פון אַלע אָרימע און פאַרשטויסענע
איז גאָט דזעאוס אַליין דער שליח, און אַ מינדסטע נדבה
דערקוויקט זיי. — דעריבער, אָ מיידלעך, לענט אונטער דאָס האַרץ
פונם אורח,

און אַ באַשיצטן פונם צוג־ווינט, — טוט אים אינם טייכל צו באָדן!״
גענאָגט; און נון האָבן די חברטורינס איינע די צווייטע
גערופן און אַראָפּגעפּירט צום טייכל דעם געטלעכן האַר
אָדיסייאוס, וואו נייזיקאַיאַ בת אַלקינאָיאָס האָט געטון
זיי באַפעלן. און באַלד האָבן זיי געבראַכט אים אַ כיטאָן מיט
אַ פּאַראָס אייגצוהילן דאָס נפש, און אויך שמן־זית צום
זאַלבונג האָבן זיי געטון אים דערלאַנגען. — —
אָבער אַ פּאַרשעמטער
האָט זיך דער גרויסער האַר בן לאַערטעס ביי די מיידלעך געבעטן:
„אָ יונגפרויען! קערט אַוועק זיך; און איך וועל דערווײַלע אָפּשווענקען
דאָס ימישע זאַלץ פון די פאַרבאַקענע אַקסלען, און מיט איילן
זיך זאַלבן, ווייל מיר בענקט זיך אָפּצופרישן דעם קערפּער!
קערט אָפּ זיך, ווייל אַ נאַקעטער איך טו זיך צו שעמען אינם באָד צו
גענענען, בפרט נאָך פנים אל פנים מיט שייניגקע מיידלעך!״
גענאָגט; און אין אַ זייט האָבן די מיידלעך געגידערט און זיין
בקשה דערלאַנגט דער בת־מלכה.
און נון האָט זיך אָדיסייאוס
געבאָדן. און זע: פון די אַקסלען און פלייצעס איז אָפּגעריבן
געוואָרן דאָס בלאָטיקע ים־זאַלץ און מיט קויטיקן ים־שוים האָט
פון קאָפּ אים געריזלט!
אָבער געשען איז, ווען ער איז אַזוי נאָכן
באָדן און זאַלבן אַריין אין דער בת־מלכהס שיינע געוואַנדן, —
האָט פּלוצלינג פּאַלאַס בת דזעאוס אַ נס מיט אַ מופת געטון אים
באַוויזן! און, — אָ וואונדער! יוגנט־שטאָלץ האָט פון אויג אים געלויכטן
און אַ לאָקן־קראַנץ ווי היאַצינטן האָט זיך וויט ביז איבער זיין
שטערן געריגגלט! און גלייך ווי אַ גאָלדשמיד, וועלכער טוט מיט גינגאָלד
דאָס זילבער פּאַרצירן (וועמען העפייסטאָס און אַטענע האָבן
מיט חכמה די מלאכה פון קאָווען און גיסן געלערנט) —

אָט אַזוי האָט אים די געטין מיט חן און תּפארת באַגאָסן !
אין נון האָט זיך דער גבור מיט פּראַכט און מיט הדר צום ים־ברעג
געפּעדערט. און זיצנדיק ביים ברעג, איז אַזש די בת־מלכּה פון זיין
שיינקייט געוואָרן פאַרכישופט, אַז זי האָט בלחש צו אירע
מיידלעך געטענהט :

„דער גערייד פון מיין לעפץ זאָל צו אייער אויער
איצט דערגרייכן, אָ ווייס־געאָרעמטע יונגפרויען ! הערט : נישט גלאַט
אַזוי האָבן די אָלימפּישע געטער דעמדאָזיקן מאַנסביל צו פּאַיעקן
פאַרטריבן. ווייל : לכתחילה איז ווי אַ פּשוטער בן־אדם
געוועזן זיין אויסקוק, און איצט האָט מיט אַ געטלעך פּרצוף זיין
צורה צעשטראַלט זיך. אָך ! ווען דער גורל וואָלט אַזאַ חתן געטון
מיר באַשערן, אָדער ער אַ ל יי ן זאָל כאָטש מיין זיוווג פאַרבלייבן ! —
דערווייל אָבער, אָ מיידן, לאָזט וואוילגיין מיין אורח מיט עסן און טרינקען !״

געזאָגט ; און בחפּזון האָבן באַדינערקעס געבראַכט
אים צום ים־ברעג פיל עסן און טרינקען. און מיט חשק האָט דער
מכאובים־דערשלאָגענער האַר אָדיסייאוס פאַר דער אכילה
געכאַפּט זיך, ווייל אויסגעהונגערט איז ער פון לאַנג שוין געוועזן !
אָבער אויף אַ פרישער המצאה איז נייזיקאַיאַ געפאַלן :
אַלע געוואַנדן האָט זי באַפוילן אינם וואָגן פאַרלאָדן ; די
געקאָוועטע איזלען האָט איינגעשפּאַנט זי צום דישעל, — און בעת
זי איז אַרויף אויף דער קעלניע, האָט איר שפּרוך פאַרן גבור צעשאַלט זיך :

„אָ פרעמדער ! גרייט זיך צום וועג איצט, ווייל אינם היכל פון מיין פּאָטער, דעם
חכם און גבור און קיניג, וויל איך טון דיך באַגלייטן ! אָ, חוץ
א י ם וועסטו אויכעט אַלע פּאַיעקן אַדאָרטן באַקענען. און

ווייל דו ביסט ווייט נישט קיין שוטה, — טאָ הער, וואָס איך טו דיר באַפעלן:
איבער צעאַקערטע פעלדער — פון מאָזאָלישע דלאָניעס — שלענגלט
דערדאָזיקער וועג זיך צום היכל. טאָ איז איצט מיין עצה, אַז דו
מיט די מיידלעך זאָלן מיט אייליקע שפּריז-טריט מיר גיין פאַרן וואָגן,
און אַזוי אַרום וועל איך טון דיך באַגלייטן! און הער: בקרוב
וועלן מיר אונזער שטאָט מיט דער געהויבענער פעסטונג דערגרייכן, —
וואו אויף רעכטס און אויף לינקס שניידט זיך אַ באָרט און אַ גרעבליע, וואָס צוליב
די שיפן, — וועלכע שטייען פאַראַנקערט אין סדר, — איז געוואָרן
דער וועג אויפן ישוב פאַרשמעלערט. און בשכנות פונם בוכט-טאָל וועסטו
ווערן נשתומם פונם שיין-ברוקירטן מאַרק-פּלאַץ, וואו עס טורעמט דער
טעמפּל לכבוד פּאָזיידאָן! און אָט אויף יענעם געמאַרק טוען
מיר שמידן אַלע כלי-מכשירים פאַר אונזערע שיפן: זעגלען
און זיילן און קירעווערס מיט כלערליי גלאַטיקע וועסלעס. ווייל
זע: נישט קיין פייל און קיין בויגן טוט נעמען דאָס האַרץ פון פּאַיעקן,
נייערט אַ שיף און אַ מאַסט און אַן אַקער טוט אונז פירן איבער
שטאָלצע צעכוואַליעטע ימים! — — דעריבער: אויפן וואָגן — איך, און די
פאַרן וואָגן, צופיסנס. ווייל עס קאָן טרעפן, אַז אַ שפּעטער וועט גאָר
טרייבן לצנות, און די בייזע צונג פונם הדיוט וועט טייטלען אויף
מיר מיט אַ פינגער: „זעט! עפּעס אַ פרעמדער טוט אַרום אונזער שיינער
בת-מלכה צו פויזען! פרעגט זיך: פון וואַן און וואו האָט זי געבראַכט
איר באַשערטן אַהערצו? אפשר האָט אים דער ים אויף אונזער
איינזאַמען אינזל פאַרוואָרפן, אָדער גאָר דזעאוס האָט איר
תפילה פאַרנומען און מיט אַן אייביקן גאָט געטון זי באַהעפטן?

אַהאָ! עס וואָלט טאַקע גליי‏כער געוועזן, אַז זי זאָל מיט אַ מאַן
פון מרחקים טון זיך אַנטשפּויזן, איידער מיט איינעם פון אַלע
פאַיעקישע יונגען, וואָס טוען אַרום איר זיך צו שאַרן, און
וועמעס איידעלע בלוטן גאַרן אונטער דער חופּה זי פירן!״
— אָט אַזוי וואָלטן (נישט מיט אומרעכט) געטון שפּעטן לצנים. ווייל
אפילו איך אַליין וואָלט אַזאַ עוולה נישט פאַרטראָגן,
ווען אָן דעם וויסן פון טאַטע־מאַמע טוט זיך אַרומשלעפן
אַ מויד מיט אַ בחור, נאָך איידער זיי האָבן ביידע פאַרקנסט זיך!
און איצטער, אָ פרעמדער, — אויב דו באַגערסט, אַז מיין פאָטער, דער קיניג,
זאָל מיט הצלחה אַהיים דיך באַגלייטן, — טאָ הער־זשע מיין עצה:
אונטערוועגנס טוט זיך שלענגלען אַ וואַלד מיט טאָפּאָלן לכבוד
בת־דזעאוס אַטענע. און צווישן די ביימער שלאָגט דאָרט אַ ברונעם
מיט פריש־קוואַליק וואַסער, — וואָס טרינקט אָן אַלע לאָנקעס און סעדער
ביז דער פעסטונג, וואָס מיין פאָטער געטון האָט פאַרגרויזען. און אַזוי נאָענט
איז צום היכל, אַז אַהין קאָן דערגרייכן דער רוף פון אַ מענטש.
אָט אַדאָרט זאָלסטו וואַרטן, ביז מיר וועלן אַהיימצו געגעגען.
און ערשט, אַז דו וועסט זיך משער זיין, אַז מיר זענען צום ציל שוין
דערגאַנגען, — טאָ דערהייב זיך מיט אימפּעט און נעם שפּרייזן צווישן
פאַיעקישע צוימען און פרעג זיך וואו עס הויזט דאָ דער גרויסער האַר
אַלקינאָיאָס. אָ, לייכט איז צו דערקענען דעם בורג פון מיין פאָטער; —
און אפילו אַ קינד וועט דיך אַהינצו דערפירן, ווייל איבער
אַלעמענס הייזער שיילט זיך אויס דער הייליקער שלאָס פון מיין קיניג!
און אַז עס וועט זיין, ווען דיינע פוס־טריט וועלן צום שער־המלך
דערגרייכן, — טאָ זאָלסטו אינם מעגאַראָן, ביים עזרת־נשים פון מיין

מוטער געזעגנען. אָ, איבערן פלעמל זי זיצט דאָרט מסובין ביים
שפינראָד, אַז עס איז אַ נחת צו קוקן, ווי זי טוט פלעכטן און
דרייען דעם געפערפלטן תכלת, און ווי מיידלעך רינגלען אַרום
דאָרט די מלכה. אָבער ביים בליאַסק פונם פלעמל שטייט אויך דאָרט אַ טראָן־שטול,
וואו עס טוט אייביק מיין פאָטער, ווי אַ הימלישער גאָט, מיט ווייַן זיך
דערקוויקן. און הער: אויסמיידן זאָלסטו דעם קיניג, און פאַלן רק
כורעים צו די קני פון מיין מוטער, בכדי זאָלסט נאָך דערלעבן דיין
לאַנד אינם מרחק דערבליקן. ווייל קוים געפינסטו חן אינם אויג פון מיין
מוטער, דאַן: — טרייסט צו דיר, טרייסט צו דיר, מיין טייערער אורח, ווייל
בקרוב, בקרוב וועט דיין טאָג זיך צעשטראַלן, וואָס מיט גליק און
הצלחה וועסטו אומקערן אַהיים זיך, צום לאַנד און צום היכל!"
אַזוי האָט אים געטרייסט די בת־מלכה; און מיט אַ שמיץ פון דער בייטש
האָבן פונם טייכלס געוואַסער גענומען לויפן די אייזלען, און
מיט אַ פריילעך הירזשען געבויגן די גיך־יאָגיקע פיסלעך.
אָבער תיכף האָט זי מיט די לייצן איינגעהאַלטן דעם געלאַף
פון די אייזלען, אַז אָדיסייאוס מיט די מיידלעך האָבן טריטווייז
פאַרן וואָגן געשלעפט זיך. — — און ערשט ווען העליאָס גענומען האָט שטאַרבן,
האָבן זיי פאַרקירעוועט אין אַטענעס הייליקן וועלדל. און
דאָרט טאַקע איז אָדיסייאוס פאַרבליבן און מתפלל געווען
צו דער געטין:
„פאַרנעם מיין תפילה, אָ טאָכטער פון בליצשטראַליקן
דזעאוס! נאָך קיינמאָל איז מיין תפילה צו דיין אויער נישט דערגאַנגען,
זינט דער ערדן־צעטרייסלער האָט מיט מיינע ביינער געוואָרפן! אַך!

גיב כאָטש א י צ ט, אַז איך זאָל געפינען גנאָד אין דער האַנט פון פאַיעקן!"

אַזאַ געווען איז די תפילה; און עס האָט זי פּאַלאַס פאַרנומען! אָבער זי האָט זיך צום גבור נישט געטון איצט אַנטפּלעקן, מחמת מורא פאַרן בייזוויליקן פעטער, — אַז ער זאָל ווידער זיין כעס נישט צעבלאָזן, נאָך איידער אָדיסייאוס וועט דערגרייכן צום היימלאַנד.

# דאָס זיבעטע געזאַנג

אָדיסייאוס געגעגנט צו אַלקינאָיאָס.

אָט אַזוי האָט געדאַווענט דער גרויסער סבלן אָדיסייאוס,
און צום כּרך האָט דערווייל די בת־מלכּה אירע אייזלען געשמיסן.
אָבער געווען איז, ווען זי האָט צום שער־המלך פון דער היכער
פּאַלאַטע דעם וואָגן פאַרקירעוועט, זענען מיט געטלעכן חן
אירע ברידער געלאָפן אַקעגן; אויסגעשפּאַנט פון דער משא
די אייזלען און אַריינגעבראַכט אין שטוב די געוואַנדן. זי אַליין
אָבער האָט זיך אין איר קאַמער געפּעדערט, וואו איר אַלטיטשקע אַם
איירימעדוזאַ האָט דערווייל אַ פייער צעבלאָזן. — —
אַזש פון
עפּייראָס האָבן פאַרצייטיקע שיפער אַרויסגעריסן די
זקנה און געשענקט זי במתּנה צום האַר אַלקינאָיאָס, וואָס
האָט מיט חסד ווי אַ גאָט איבער פאַיעקן געוועלטיקט; און ז׳
טאַקע האָט מגדל געווען אים די ווייס־געאָרעמטע יונגפרוי. —
און איצט האָט זי ביים פלאַקער פון פייער אָנגעברייט דאָרט אַ מאָלצייט.

* *

*

און נון האָט אויך אָדיסייאוס אין שטאָט זיך געקליבן. אָבער מיט
אַ שוואַרצן נעפּל האָט פּאַלאַס־אַטענע געטון אים פאַרהילן,
די פאַיעקישע ליידיקגייערס זאָלן זיינע שפּריין נישט
פאַרנעמען און פרעגן מיט ביטול: „פון וואַנען ?!״ — — אָבער
בעת ער
האָט דורך דער מעזשע אַריינגעשפּאַנט אין די גאַסן, איז פלוצלינג
אים
אונטערגעקומען בת קראָנאָס אַטענע. אָ, אינם געשטאַלט פון

אַ יונג בלִיענדיק מײדל האָט זיך מיט אַ קאַן װאַסער אין האַנט די
געטין באַװיזן, און דער גבור האָט בײ איר זיך געבעטן:
„טאָכטערקע שײנע! װײז מיר, כ'בעט דיך, װאו עס זיצט דאָ אַלקינאָיאָס
דער קיניג, װעלכער געװעלטיקט מיט רחמים אין אײער מדינה!
זע: פון מרחקים האָב איך אַהערצו, אַ פרעמדער נע־ונדניק
פאַרבלאָנזשעט. אַך! פאַרביטערט, פאַרװאָגלט און אָרים, קען איך נישט
קײנעם, װאָס טוען אינם כּרך דידאָזיקע פעלדער באַװאױנען!"
האָט אָבער די בלױ־אױגיקע בת דזעאוס דערױף אים געענטפערט:
„טאַטענקע מײנער! אױב דו באַװיליקסט, װעל איך דיך איבערן שלאָס־װעג
צום קיניג באַגלײטן, װײל אױך מ ײ ן אײדעלער פאָטער הױזט דאָרט אין
שכנות! קום און טו שװײגעדיק נאָכגײן מײנע שפּרײז־טריט, און
פרעג נישט בײ קײנעם אונטערװעגנס קײן עצה. װאָרים די מידה
טובה פון הכנסת־אורחים איז װײט נאָך נישט שולט אין אונזער
מדינה, און אױף לײטן פון מרחק קוקן קרום די פּאַיעקן.
אָ, נײערט צו גיך־יאָגיקע שיפן, אױף צערודערטע ימים,
זענען אונזערע מאַנען געװאָרן געפלאָדיעט, װײל מיט אַזאַ
שליחות האָט געבענטשט זײ פּאָזײדאָן. און זע: גיך װי מחשבות
און אײליק װי פליגלען טוט צו יאָגן איבער ימים זײער שיף
אין געװאַסער!"
געזאָגט; און גענומען פּאָרויס האָט שפּרײזן די
די געטין, און נאָך דער גײערקעס טריט האָט נאָכגעשאַרט זיך דער גבור.
אָט אַזױ האָט ער, אַ רואה ואינו נראה, צו פּאַיעקן
געניִדערט; װײל די גרױזאַמע אַטענע האָט פאַרבלענדט זײ די
אױגן, און מיט אַ הײליקער חשכות באַשיצט אים מיט ליבשאַפט!
און נון האָט אַ פאַרגאַפטער דער סבלן אַלץ דאָרט באַװאונדערט: די הײף
און די שיפן מיט דעם געמאַרק אױף אסיפות; די געטורעמטע

שלעסער מיט צוימען און פלויטן — גאָר פלאַי־פלאַים. אָבער
געוועזן איז, ווען זייערע שפרייז־טריט האָבן צום שער המלך
פאַרקירעוועט, האָט בת דזעאוס אַטענע פאַרן גבור צעשאַלט זיך:
„אָט איז דער היכל, וואוהין דו באַגערסט איצט, אָ פאָטער פון מרחק,
נידער אַהינצו, ווייל ביים פראַווען אַ סעודת־יום־טוב דו וועסט איצט
די גאָטס־געבענטשטע מלכים געפינען. אָן פחד גענען זיך
צום מלכות, ווייל יעדער ענין מוז תמיד דעם גבור דעם דרייסטן
געראָטן, הגם ער האָט אפילו פון מרחקים פאַרבלאָנזשעט.
גיי און טו אויפזוכן אין איר פרעכטיקן הדר די מלכה. און
זיי וויסן, אַז זי רופט זיך אַרעטע און איר יחוס און שבט
איז פון דער זעלביקער זרע, וואָס איר גרויסער האַר אַלקינאָיאָס! —
אַמאָל האָט דער ערדן־צעטרייסלער פאָזיידאָן בועל געווען
די שענסטע אשה פעריבויאַ בת אייאירימעדאָן, פון
וועמעס הייליקער טראַכט נאַאוזיטאָיאָס האָט געטון זיך צו פלאָדיען.
לכתחילה האָט אייאירימעדאָן איבער בייזע גיגאַנטן
געוועלטיקט, און שפּעטער איז ער מיטן חייל געוואָרן פאַרטיליקט.
אָבער באַצוואונגען זיין קינד האָט דער ערדן־צעטרייסלער, פון וועמעס
זרע נאַאוזיטאָיאָס האָט איבער אַלע פאַיעקן געוועלטיקט.
און צוויי זין האָט נאַאוזיטאָיאָס געוואונען: אַלקינאָיאָס און
רעקסענאָר. אָבער אָן אַ יורש איז רעקטענאָר געפאַלן פון
אַפּאָלאָנס זילבערנעם בויגן, מיט וועמעס שיינער בת־יחידה
אַ ר ע ט ע האָט זיין ברודער אַלקינאָיאָס געטון זיך אַנטשפּוזן.
און שלום־ושלווה טוט הערשן אינם הויז פון האַר אַלקינאָיאָס,
ווייל ווי קיינער אויף ערדן האָט ער מיט זיין עקרת־הבית
געטון זיך מיט ליבשאַפט באַהעפטן. — אָט אַזוי טוט דער מלך מיט
זיינע קינדער (דער טראַכט פון אירע לענדן) פיל כבוד צו דער
מלכה דערלאַנגען. און אויך דאָס פאָלק פון דער פאַיעקישער מחנה
שטורעמט מיט ליבשאַפט אַקעגן אַרעטען, בעת זי טוט אין גאַס
זיך באַווייזן! אָ! מיט הימלישן חן איז אַרעטע באַלאָדן
און מיט חכמה און שטאַרקייט זי משפט איבער יעדן מחלוקת. —
דעריבער, אָ פרעמדער, — אויב דיין אויג וועט געפינען גנאָד אינם

הארץ פון

דער מלכה; דאָן: — טרייסט צו דיר, טרייסט צו דיר, מיין טייערער אורח, ווייל
בקרוב, בקרוב וועט דיין טאָג זיך צעשטראַלן, וואָס מיט גליק און
הצלחה וועסטו אומקערן אַהיים זיך, צום לאַנד און צום היכל!"
גענאָגט; און אין פלוג האָט דורך שעריאַס גרין-גראָזיקע פעלדער די
בלוי-אויגיקע געטין איבערן ימישן מדבר געטון זיך
צעשוועבן. און איבערלאָזנדיק מאַראַטאָן און אַטען, האָט אינם
טעמפל פון ערעכטייאָס אַריינגעפלאַטערט אַטענע.
אָבער
לאַנג, לאַנג איז נאָך אָדיסייאוס אַ פאַרבליפטער פאַר דער שוועל פונם היכל
בעשטאַנען. ווייל זע: ווי שטראַלן פון העליאָס און ווי דער גלאַנץ פון
לבנות האָט געבלאַנקט פונדערווייטנס דער בורג פון אַלקינאָיאָס.
אַ, פון אַלע זייטן זענען ווענט פון לויטערער רודע איבער
פיל קופערנע שוועלן געלאָפן, און בלוי-געקרוינטע פאַסאַדן
האָבן געטון זיי פאַרצירן. אַ טויער פון בלויז גינגילדענע
קרשים האָט צעפראַלט דעם אַריינגאַנג, און אויף זיין בראָנזענער שוועל
האָבן אונטערגעשפאַרט זיך די זילבערנע פליגלען. געגאָסן פון
זילבער איז אויך געוועזן דער קראַנץ און דער כתר, און געשמאָלצן
פון גינגאָלד — דער אַריינגעשרויפטער רינג אין דער קראָקווע. און היינט פון
גאָלד און פון זילבער האָט אויף רעכטס און אויף לינקס אַוועקגעשטעלט דאָרט
העפייסטאָס, און מיט אייביקער יוגנט האָבן די ברומיקע
שומרים באַשירעמט דעם הייליקן היכל. און טייערע טראָנען
האָבן אַרום די ווענט זיך געצויגן, און איבערגעדעקט מיט
פרעכטיקע טיכער האָבן הענט פון באַדינערקעס די זעלטענע
אַרבעט. און טאָג-איין, טאָג-אויס טוען פאַיעקישע מושלים אויף די
טראָנען צו זיצן און לאָזן זיך וואוילגיין מיט פלייש און מיט ווייבען.

און פיל טייערע בימהס גאַרטלען אַרום דאָרט די טישן ; און אויף
סאָקלען דערהייבן זיך גיגגילדענע יינגלעך מיט צעפלאַקערטע
פאַקלען, וואָס באַלייכטן יעדן אָוונט, ביי דער סעודה די יושבים.
און פופציק באַדינערקעס טומלען אַרום אינם הימלישן היכל :
אַ טייל מאָלן און מלויצען און באַקן פון פעלדער די זאַנגען ; און
די איבעריקע דרייען ביים שפינראָד דאָס געוועב אויף די שפּיזלעך,
אַז עס כוואַליעט זיך אַרבעט, ווי בלעטער-גערויש אויף טאָפּאָלן, און
גלייך ווי בוימלען טוען גלאַנצן די פרעכטיק-געוועבטע געוואַנדן.
וואָרים אַזוי ווי די פאַיעקישע מאַנען זענען מערער פאַר
אַלע באַהאַוונט זייער שיף אויפן ים צו באַפליגלען, — אַזוי אויך
זענען געניט זייערע ווייבער ביים שטריקן מיט חכמה די
שיינע געוואַנדן, וואָס מעלתה אַטענע האָט געטון זיי
באַלערנען !
מחוץ דעם שער-המלך טוט פונם אַרויסגאַנג אַ סאָד
פון פיר לאַנען זיך גרינען, און אַרומגעצוימט איז דער גאָרטן מיט
אַ ריזיקער פעסטונג. און באַבלעטערטע צווייגן מיט זאַפטיקע
פרות רייסן מיט שטאָלץ זיך צו הימלן : דער איילבירט, דער גראַנאַט און
באַלזאַמישע באַרן ; טייטלען און פייגן און רויט-געשפרינקלטע
עפל. אָ ! סיי זומער, סיי ווינטער, טראָגן דיביימער פיל גוטע
און זאַפטיקע פרות, ווייל סיי זומער, סיי ווינטער טוט זעפיראָס
די קוויטן צעשפרינגען, און ער צייטיקט דאָס אויבסט מיט הרחבה ! און
עס צייטיקט זיך באַרן אויף באַרן, און עפל טוען אויף עפל
זיך רויטלען ; טרויבן טונקלען אויף טרויבן, און פייגן קנייטשן זיך אויף
פייגן ! — און נון שלאַנגט זיך אַ כּרם מיט גרינע קוסטעס באַשאָטנט :
ווערן פון זונען פיל צווייגן מיט טרויבן געטרוקנט ; און איבער
אַנדערע שטייט שוין דער שניטער, וועלכער גרייט זיי צו שיקן צום
טרעטן אויף ווײַנען. און אומצייטיקע ביימלעך, וואָס נעמען ערשט
בליִען, שנירלען מיט יונגיטשקע קנאָספּן און מיט גרינינקע בלעטער.

אוּן ביז אַראָפּצוּ צוּם פאַרקן ברעכן זיך בייטן מיט דוּפּטיקע
בלוּמען, אוּן קרייטעכצער פּילפאַרביקע פאַררייסן אַ גאַנץ יאָר דאָרט
די אויגן ! — — חוּץ דעם האָבן צוויי קוואַלן אַדאָרטן געריזלט :
איינער האָט לענגאויס פוּנם גאָרטן צעשפּרייט זיך ; אוּן פוּנם צווייטן — וואָס
שלאָגט ביי דער שוועל פוּן אַריינגאַנג, — האָבן די לייט פוּנם היכל געטוּן
שעפּן דאָס וואַסער. — — — אָט מיט אַזאַ ברכה האָבן געטער געטוּן
בענטשן דעם האַר אַלקינאָיאָס.
לאַנג, לאַנג איז אָדיסייאוּס ווי
מטוּשטש פאַרן היכל געשטאַנען. אוּן ערשט ווען דער כּישוּף האָט זיין
האַרץ געזעטיקט, האָט ער, אַ פאַרבליפטער, צוּם הייליקן שלאָס זיך
געפעדערט. — — אוּן זע : צוּ תּפילת קריאת־שמע האָבן פאַיעקישע
שרים געטוּן שפּרינקלען פוּן גינגילדענע קאַנען לכּבוד דעם
באַצווינגער פוּן אַרגאָס אוּן פאַרן שלאָפן מיט ווײַן זיך פאַרכּישוּפט.
אָט דענסטמאָל האָט זיך אייליק דער גרויסער נע־וּנדביק אינם היכל
געפעדערט, אוּן ווי אַ רואה ואינו נראה — פוּן אַטענעס
נעפּל פאַרשלייערט, — האָט ער דאָרט דעם מלך אַלקינאָיאָס מיט דער
מלכּה אַרעטע באַגעגנט. אָבער געווען איז, ווען דער גבור
איז געפאַלן כּורעים צוּ די קני פוּן דער מלכּה, איז תּיכּף זיין
נעפּל געוואָרן צערוּנען, אַז פאַרשטוּמט זענען אַלע האַרן
פאַרבליבן. — אוּן אַזוי האָט אָדיסייאוּס ביי זיי זיך געבעטן :
„אָ אַרעטע בת רעקסענאָר ! צוּ ד יי נ ע קני־ען אוּן צוּ דער שויס פוּן
דיין מושל טוּט זיך בוּקן דיין עבד, וועלכער טוּט בעטן רחמים ביי אייך
אוּן ביי פירשטן : — — — אָ, הלוואַי זאָלן מיט אריכת ימים אייך
בענטשן די הימלען, אוּן מיט גרויס עשירות אוּן מזל אוּן כּבוד
זאָלט איר געבן בירושה צוּ קינדער, אוּן פיל מתּנות זאָל
דאָס פאָלק אייך דערלאַנגען ! זעט : אַן עלנטער האָב איך אַהערצוּ נאָך

שווערע נסיונות פאַרבלאָנזשעט. אָ, האָט רחמנות און טוט אַהיים
מיך באַגלייטן ?"
גענזאָגט ; און תיכּף האָט דער גבור פאַרן פלאַקער אינם
אַש זיך געוואָרפן, אַז אַ שווייגעניש אַרומגעכאַפּט האָט די
עדה. און ניי ערט דער גרייז־גרויער גבור עכעניי אָס, (וועמעס
געניטער שכל האָט מיטן כוח פון זיין לשון אייביק אויסגעטייטשט
יעדן פּשט ביי פאַיעקן), האָט מיטאַמאָל די שווערע שטילקייט
צעריסן, און מיט פיל חכמה האָט זיין שפּרוך פאַרן קיניג צעשאַלט זיך :
„אָ קיניג ! נישט על פּי דין און נישט על פּי יושר דו קוקסט
און פאַרשווייגסט, ווי אַ פרעמדער אורח טוט אין אַש זיך צו באָדן ! זע :
שווייגעדיק טוען אַלע געסט אויף דיין געהייס איצטער וואַרטן.
דעריבער גענען זיך, גענען זיך, אָ מעכטיקער קיניג, און טו
אונזער אורח פון זיין עצבות דערהייבן, און זאָל ער צווישן אונז
דאָ אין אַ זילבער־באַשלאָגענער טראָן־שטול זיך זעצן. און ווידער
זאָלן העראָלדן אונזער ווייןיכוס באַנייען, בכדי גאָט דזעאוס,
וועלכער טוט וואַלטן איבער בלאָנזשיקע גייערס, זאָל אונזער תפילה
פאַרנעמען, בעת דעם פרעמדן וועט דערווילע די קעכין פון די
זאַפּאַסן דערלאַנגען !"
געזאָגט ; און תיכּף האָט די הייליקע קראַפט
פון אַלקינאָיאָס צום העלד זיך געפעדערט. און פונם אַש האָט דער
קיניג דעם גבור דערהויבן, און אויף דער גלאַנציקסטער שטול פון זיין
איידלסטן זון לאַאָדאַמאָס האָט אַוועקגעזעצט אַלקינאָיאָס
דעם טייערן אורח ! און נון האָט אַ באַדינערקע תיכּף
אים אונטערגעטראָגן אַ גינגילדן קענדל ; און איבער
אַ זילבערנער שיסל די הענט אים געוואַשן, און אַוועקגעשטעלט
דאָרט אַ טיש אויף מזונות. און געדעקט צום טיש האָט די שומרת־
הפּתח פון ברויט מיט מטעמים, און מיט אַלדאָס גוטס פון אירע
זאַפּאַסן. און דערקוויקט מיט דער שפּייז האָט זיך דער העלד
אָדיסייאוס.

אָבער די הייליקע קראַפט פון קיניג האָט פאַרן העראָלד צעשאָלט
זיך :
„פאַנטאָנאָיאָס ! טו מישן די ווייַנען און דערלאַנג פולע כוסות
צו די געסט פון מיין היכל, כדי מיר זאָלן שפּרינקלען פיל טראָפּנס
פאַרן בליצשטראַליקן דזעאוס, וועלכער טוט מיט רחמים אַלע פרעמדע
און פאַרבלאָנזשעטע מאַנען באַשיצן !"
געזאָגט ; און תיכף האָט דער
העראָלד פולע כוסות מיט ווייַנען געטון זיי דערלאַנגען. און ערשט
ווען זיי האָבן פיל טראָפּנס אויף מזבחות געשפּרינקלט און פונם
שכרות געטרונקען, — האָט מיט שאַלונג זיין שפּרוך דערהויבן דער
מלך :
„דאָס געררייד פון מיינע לעפצן טוט איצט פאַרנעמען, אָ
גרויסע און
מעכטיקע פאַיעקישע האַרן ; און צו אייער אויער זאָל מיין
זאָג איצט דערגרייכן ! הערט : זאַטיק פון מאָלצייט גייט טריטווייז אין
אייער
רו-בעט זיך לייגן. ווייל מאָרגן כאור וועל איך אַהערצו אַלע
זקנים פאַרבעטן, און אַלע וועלן מיר טון זיך צו
עצהן, וואָסער כבוד מיר זאָלן אָנטון דעם פרעמדן ביי אונזער
הייליקן קרבן ! און זעט ! נאָך תפילת-שחרית וועט מיט זהירות
אונזער אסיפה טון זיך פאַרטראַכטן, אויף וואָסער אופן מיר
פאַיעקן זאָלן דעם פרעמדן באַגלייטן. אָ ! מיט פרייד און מיט
נחת וועט מיט גליק און מיט שמחה אונזער שיף מיט הצלחה ביז
אַהיים אים בשלום דערפירן, און אָן אַ שטרויכלונג אויף ימים
וועט ער מיט פרייד אויף זיינע היימישע ערדן געגענען ! — און
ד אָ ר ט !
אָ, דאָרט אין זיין היימלאַנד — מעגן ווייטער די שוועסטער טון
שפּינען און
וועבן זיין פאָדעם פון גורל, ווי עס איז געווען אים באַשערט, זינט
די טראַכט פון דער מוטער האָט געטון אים געווינען ! ! ! — אָבער
הערט ! הערט !
אפשר האָט גאָר אַ גאָט בצורת אדם אַהער זיך באַוויזן ?

אויב יאָ, — טאָ האָט ער זיכער מיט אַ מיאוסער כּוונה אַנטפּלעקט זיך,
וואָרים ביז איצט האָבן די געטער אין זייער אמתן פּרצוף
מיט פּראַכט און תּפארת צו אונזערע העקאַטאָמבן געטון זיך
באַוויזן. נאָך מער: מיר פּלעגן אײנאײנעם צו פּראַווען די סעודות,
ווייל, ווי ווילדע ציקלאָפּן און בייזע גיגאַנטן, האָבן מיר דאָך
אויכעט אַ שייכות צו געטער!"
האָט אָבער דער העלד אָדיסייאוס
דערויף אים געענטפערט:
„נישט זינדיק מיט די רייד, אָ מעכטיקער קיניג, ווייל אַזאַ הדיוט ווי איך קאָן זיך נישט קיינמאָל מיטן גוף און
מיטן פּרצוף צו די אייביקע געטער פאַרמעסטן! זאָגט: צי איז אייך
צום אויער וועגס דערגאַנגען די בשורה פון אַ מענטש, וועמען דער
גורל האָט מיט שווערע ענויים געפּייניקט? — איך, איך בין דער מאַן,
וועמען זיין מזל האָט מיט בייזע יסורים פאַרמאַטערט. יאָ, איך;
מיך האָט אויסגעפּרוּווט דער אָלימפּאָס מיט שווערע קלעפּ און נסיונות! —
איצט אָבער, — זעטיקט מיט שפּייז מיין עלנטן הונגער! ווייל קיין גרעסער
אומגליק איז פאַרן מענטש נישט פאַראַנען, ווי אַ ליידיקער מאָגן,
וועלכער טוט אייך בעל־כּרחו אינם פרעסן דערמאַנען. און אפילו
ווען די שווערסטע יסורים האָבן מיין האַרץ פאַרשניטן, — צווינגט מיך
דער מאָגן אָן אַלדאָס בייז צו פאַרגעסן, בכדי מיט עסן און
מיט טרינקען דעם אויסגעהונגערטן טרעלבויך פאַרשטאָפּן! — — אָבער
מאָרגן כאור, ווען עאָס וועט אין מזרח נעמען זיך רויטלען, זאָלט
איר מיך, דעם בלאָנזשיקן גייער און וויסטן בן־אדם, באַגלייטן
אַהיימצו! און זעט: אויסגיין וועט מיין קראַנקע נשמה, ווען דאָס אויג

וועט דערזען דאָרט מיין האָב און מיין גוטס ; די היימישע ערד און מיין
פרעכטיקן היכל ! אָ, נאָך איינמאָל, נאָך איינמאָל לאָזט זען מיך מיין
היימלאַנד, און אויסגיין מיין גוף וועט בשתיקה ! ! !״
געזאָגט ; און מיט אַ האַרץ
מלא־רחמים האָבן אַלע פאַרטראַכט זיך דעם גאַסט צו באַגלייטן. —
אָבער נאָכדעם, ווען זיי האָבן פון די וויינען געשפּרינקלט און פונם
שיכּרות געטרונקען, האָבן זיי איבער נאַכט אַהיים זיך געפּעדערט.
און נייערט אָדיסייאוס האָט אויסגעשיילט זיך פון דער גרויסער
אסיפה, און ער איז ווייטער ביים טיש פונם קיניג אַלקינאָיאָס
און לעבן דער מלכּה אַרעטע פאַרבליבן. דערווייל האָבן די
באַדינערקעס אָפּגערוימט שריים און כּלים פון טישן. און
תּיכּף האָט איר שפּרוך צעעפנט די ווייס־געאָרעמטע מלכּה (ווייל
זי האָט דעם כיטאָן מיטן צודעק, — וואָס זי מיט באַדינערקעס האָבן
אויסגעוועבט ביי דעם שפּינראָד — תּיכּף דערקענט אויפן אורח), און מיט
באַפליגלטע רייד האָט אַרעטע צעשאַלט זיך :
„ראשית, אָ פרעמדער,
איך מוז דיך איצט פרעגן : ווער און פונוואַנען האָסטו אַהערצו
פאַרבלאָנזשעט ? והשנית : וואו האָסטו דידאָזיקע קליידער
גענומען, בעת דער ים האָט דיך אויסגעשפּיגן אויף יבשה ?״
האָט אָבער דער גרויסער האַר אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט :
„אָ מלכּה ! צו לאַנג וועט עס נעמען, ווען איך זאָל דיר אַלע מיינע
יסורים דערציילן. אָבער הער מיט וואָסער גערייד איך זעטיק
דיין שאלה : ווייט, ווייט איבער ימים פּיקט אויס זיך אַן עלנט
אינזל, וואָס רופט זיך אָגיגיאַ. און די שיינע נימפע קאַליפּסאָ
בת אַטלאַס טוט אין אַ שטיין פון אַ סקאַלע אַדאָרטן צו הויזן.
און נישט קיין גאָט און אויך קיין בן־אדם האָט מיט דער שרעקלעכער
געטין קיין שום מגע־ומשא. און נייערט מ י ך , נייערט מיך, האָט
דאָס אומגליק געטראָפן, — בעת דער צעכעסנטער דזעאוס האָט מיט
אַ מוראדיקן דונער מיין שווים־שיף צעריסן, — און עפּעס
אַ שטן האָט צו איר מיך פאַרטריבן. אָ ! אַלע חברים האָט

דער אָפּגאָט פאַרשלונגען, אַז נייערט איך אַליין האָב ניין מעת־לעתן
אויף אַ נאַקעטן שיף־קלאָץ איבער ימים געבלאָנזשעט. און נון האָט
אויפן צענטן מעת־לעת אַ וויסטע נאַכט זיך צעפינסטערט, און איך בין
אין דער נעסט פון דער שרעקלעכער געטין געוואָרן געפאַנגען.
און זע: מיט עסן און טרינקען און מיט אייביקער ליבשאַפט האָט מיך
די נימפע באַגעגנט, און מיט יוגנט און אריכת־ימים פאַר
מיינע ביינער געבעטן! אָבער נישט בייגעקומען איז די
געטין מיין שווערע עקשנות. ווייל זיבן יאָרן בין איך אויף איר
אינזל געוועזן געפאַנגען, און כסדר אין טרערן אירע
קליידער אויף מיין נפש מיט יסורים געבאָדן! און ערשט, ווען מיטן
געקרייזל פון זריחות האָט דאָס אַכטע יאָר אויף דער וועלט זיך
געפעדערט, האָט זי אַליין, אָדער דזעאוס־קראָניאָן, פונם בייזן
געפענגעניש געטון מיך באַפרייען! און נון האָט זי מיט אַ טראַטווע
און מיט קליידער און מיט צידה־לדרך געטון מיך באַשענקען.
און צום סוף מיט אַ געלייטערט ווינטל מיין שיפל צעבלאָזן.
אָט אַזוי האָט אַזש זיבעצן מעת־לעתן געטון מיך דאָס וואַסער
באַשיפן. און ערשט אויפן אַכצענטן האָט אייער ברעג אַקעגן מיין
אויג זיך צעשאָטנט, ביי וועמען מיין האַרץ האָט געגאַרט נאָך באַשיצונג!
אָבער אַך! בחינם איז געוועזן מיין גרויסער בטחון, ווייל
דער ימים־צעטרייסלער פּאָזיידאָן האָט באַגערט מיך דערטרינקען!
און ווי: מיטאַמאָל האָט אַ שווערער ווינטן־געשטורעם גענומען
רייסן די אָנגעדאָלערטע ימים, און אַ מוראדיקער וואַל
האָט ביז איבער די כמאַרעס געגעבן אַ הייב זיך: — אַ קנאַק, און ווי:
אויף שפּענער איז מיין אָרימע טראַטווע געוואָרן צעריסן!!!
און איבער דעם ימישן מדבר האָב איך זיך שווימען געלאָזט:
מיין גוף — אַ שיף, און מיינע ווענטלעס — די הענט; און ביז צום
ברעג פון
דיין לאַנד האָט דער ווינט מיך געשמיסן! — — אָבער הער: נאָך
איידער איך האָב
באַוויזן אויף יבשה צו טרעטן, האָט אַ שרעקלעכע כוואַליע
אויפן סקאַלישן ים־פעלז מיך שיער נישט צעמזיקט. אָבער גיך, גיך בין
איך צוריק אינם וואַסער געשפּרונגען, און אייליק האָט מיך דער שטראָם

צו אַ טייכל דערטראָגן, וועמעס נידעריקער שטח האָט פונם
צעבושעוועטן וויכער געטון מיך באַשיצן! און נון בין איך
אַ פאַרחלשטער אַוועקגעפאַלן אויף יבשה. דערוייל האָט
אַ הייליקער חושך אַרומגעשלייערט די וועלטן, — און איך בין
צווישן קוסטעס אויף אַ באַבלעטערט געלעגער אין אַ מידן
דרימל געוואָרן פאַרזונקען! — אָט אַזוי האָט אַ הימלישער גאָט
אַ הייליקן שלאָף אויף מיינע וויִעס געגאָסן, און פאַרמאַטערט
האָב איך אַ גאַנצע נאַכט און באַגינען ביזן האַלבן טאָג אַדאָרטן
געדרימלט; ביז ערשט די גסיסה פון העליאָס האָט אויפגעריסן
פון שלאָף מיך! — — פלוצלינג אָבער האָט אַ פריש געלעכטער דעם חלל
צעקלונגען: מיידלעך, און בתוכם דיין שיינינקע טאָכטער! און נון
האָב איך רחמים ביי דער יונפרוי געבעטן. און ווי אַ בר-שכל —
וואָס טרעפט זעלטן ביי יונגוואַרג — האָט זי עסן און טרינקען געטון
מיר דערלאַנגען; אויסגעבאָדן און געזאַלבט מיר דאָס נפש און פונם
קאָפּ ביז די פיס געטון מיך באַקליידן! — — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך,
דיין פאַרצווייפלטער עבד, האָב מיט וואָרהייט געטון דיר דערציילן!"
האָט אָבער דער גרויסער האַר אַלקינאָיאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ פרעמדער! ניין, זי איז אַן עוולה אַקעגן דיר דאָרט באַגאַנגען,
פאַרוואָס זי האָט דיך מיט די מיידלעך געבראַכט נישט אַהערצו: ווייל צו
א י ר האָסטו דאָך צום ערשטן אויסגעשטרעקט נאָך הילף דיינע
אָרעמס!?
האָט אָבער דער גרויסער האַר אָדיסייאוס די יונגפרוי פאַרענטפערט:
„אָ קיניג! זאָלן דיינע לעפצן פאַרמיידן אַזאַ וואָרט אויף דיין
טאָכטער צו רעדן, ווייל אויף איר געהייס האָב איך געזאָלט מיט די
מיידלעך פאָרן וואָגן צו שפּרייזן. אָבער איך אַ ל יי ן בין עפּעס דרייסט
נישט געוועזן אַהערצו אינאיינעם צו קומען, ווייל ווי י ע ד ן
בן-אדם וואָלט אַ בייזער חשד געטון אויך דיין האַרץ דערוועקן!"
האָט אָבער דער גרויסער האַר אַלקינאָיאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ פרעמדער! אַן אומזיסטיקער חשד האָט נאָך נישט קיינמאָל מיין האַרץ
געעקבערט, ווייל תמיד וועגט איבער מיין שכל די חושים! — הלוואי
וואָלטן מיר גאָט דזעאוס, אַטענע און פויבאָס-אַפּאָלאָן באַוויליקט
אַזאַ טייערן חתן, ווי דיך, פאַר אַן איידעם. אָ! מיט דיין ווייב

און מיט אַ הויז און מיט אַן אַרב — דו וואָלסט אין מיין לאַנד שוין
פֿאַרבליבן !
אָבער עס איז ווייט נישט די טבע פֿון פּאַיעקישע מאַנען,
אַז זיי זאָלן אַ מאַן ווענס באַצווינגען, און הלוואי זאָל אונז קראַנאָס
אַליין פֿאַר אַזאַ עוולה באַהיטן ! — — דעריבער זיי וויסן, אַז
מאָרגן כאור וועלן מיר אַהיים דיך באַגלייטן. מיט אַ זיסן
דרימל וועלן דיך די געטער אין אונזער שווים־שיף פֿאַרזונקען,
און איבער שטילע ימים וועלן די שיפֿער דיך פֿירן, ביז דו
וועסט דיין היים און דיין בורג און אַלץ, וואָס דיר ליב איז, דערגרייכן.
און אויב
אפילו אין וויטן עאובּויאַ ליגט ערגעץ דיין היימלאַנד, — טאָ
וועלן זיי אויך אַ ה י נ צ ו דיך ברענגען ! — אָ, ווייט, ווייט, אין
מרחקים
— זאָגן די מאַנען — ליגט די דערמאַנטע מדינה. און איינמאָל
האָבן זיי אפילו אַהינצו געזעגלט, בעת דער גילדן־
געלאָקטער ראַדאַמאַנטעס איז צו טיטיאָס מזרע גייאַ
געשוואומען. און ביירט אַן איינציקן טאָג האָט די נסיעה
גענומען, און אָן אַ מכשול א י ם ווידער געבראַכט אין זיין היימלאַנד !
אָבער, — וועסט אַליין שוין דערשמעקן וואָסער גבורה עס וועלן
מיינע יונגען אויף ימים באַווייזן !״
געזאָגט ; און מלא־שמחה
איז געוואָרן דער סבלן, און מתפּלל געווען מיט כוונה :
„פֿאָטער דזעאוס ! טו גנאָד צום האַר אַלקינאָיאָס, אַז אַ באַהאַרצטער
זאָל ער זיין ממלא די הבטחה מיט חסד. דעריבער זאָל
ער אויף זיינע ערדן זיין געלויבט און געאַכפּערט, און איך — צוריק
אין מיין היימלאַנד !״
אָט אַזוי האָבן זיי ביידע געטענהט. דערווייל
אָבער האָט די האַרינטע געטון רופֿן די מיידלעך און זיי
הייסן באַפֿוילן אויסצובעטן אין דער עזרה אַ ווארעם
געלעגער : פֿון אונטן מיט פּערפּלנע קישנס אונטערצושפּרייטן
צודעקנס ; איבערציען פֿון אויבן מיט אַ טייער ליילעך,
און מיט וואָלענע קאָלדרעס איינצודעקן אַלץ מיטאַנאַנדער. — — און

באַלד טאַקע האָבן די מיידלעך ביי דער שיין פון הבדלות אויסגעשפרייט
אַ געלעגער, און אויפגעמונטערט דעם גרויסן האַר אָדיסייאוס :
„פרעמדער ! טו צום רו-בעט געגעגען, ווייל גרייט עס שטייט דיין
געלעגער !"
געזאָגט ; און תיכּף האָט ער אין די אָרעמס פון שלאָף זיך געוואָרפן.
אָט אַזוי איז אָדיסייאוס, דער געטלעכער סבלן, אַדאָרטן
אין פרוזדור מיט זיסע חלומות געשלאָפן. אָבער אין דער טיפקייט
פון היכל האָט אויך אַלקינאָיאָס גענידערט, וואו אויסגעשפרייט
עס איז שוין געשטאַנען דאָס ליבע חתונה-בעט פון דער מלכּה !

# דאָס אכטע געזאַנג

**ווי אַזוי אָדיסייאוס פאַרברענגט ביי פּאַיעקן.**

אוּן באַגינען, ווען עס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָט דער האַר אַלקינאָיאָס געטון אַ טאַנץ אַראָפּ פון געלעגער,
און אויך דער לענדער-באַצווינגער אָדיסייאוס האָט אויפגעריסן
פון שלאָף זיך.
און נון האָט די הייליקע קראַפט פונם קיניג געטון
פירן צום מאַרק-פּלאַץ דעם גבור, וואו געגלאַנצט עס האָבן די שיפן;
און אויף גלאַטיק-געטעסעטע שטיינער האָבן ביידע אַדאָרטן
געזעצט זיך! — —
אָבער אומגעבלאָנקעט אין שטאָט האָט פּאַלאַס-אַטענע, —
און אַ פאַרשלייערטע בצורת דעם העראָלד פונם פּאַיעקישן
מלך האָט זי ביירערט פאַרטראַכט זיך וועגן היימוועג פונם איידעלן
גבור; און דערפאַר טאַקע האָט זי פאַר אַלע מאַנען צעשאַלט זיך:
„געגענט אייך, געגענט אייך, אָ שרים און האַרן פון פּאַיעקישע
מאַנען, און פעדערט צו קומען אויף דער גרויסער אסיפה, כדי
צו פאַרנעמען דעם פרעמדנס בקשה, — וואָס אַן אויסגעשפּיגענער
פון ימים, האָט ער אַזש אינם היכל פון אונזער קיניג פאַרבלאָנזשעט!"
געזאָגט; און אַ טומל געמאַכט האָבן אירע רייד אויף דער עדה,
און גענומען האָט שוויבלען אוןווימלען מיט המון אויף געמאַרקן.
און ווי פאַרשטיינערט זענען די אויגן פון דער איינגעזאַמלטער
עדה געבליבן הענגען אויפן שיינעם זון פון לאַערטעס, וועמען
פּאַלאַס-אַטענע האָט מיט פּראַכט און תפארת אויף זיין צורה
צעגאָסן; וועמען זי האָט באַשיינט און באַחנט מיט שטאָלץ און מיט
יוגנט, בכדי ער זאָל געווינען די הערצער פון פּאַיעקישע
מאַנען, און בכדי ער זאָל מיט גרויסן נצחון זייער קאַמף-שפּיל

באַצווינגען (אויב עס וועלן די זכרים צום שפּיל אים פאַרבעטן).
און ווען אַלע העלדן זענען אויפן קאַמף־פּלאַץ געוועזן שוין
פאַרזאַמלט,
האָט ערשט אַלקינאָאָס מיט זיין שפּרוך זיך דערהויבן, אַז ווייט, ווייט
האָט
זיין שאַלונג געקלונגען:
„הערט צו מיין גערייד און פאַרנעמט דאָס וואָרט פון
מיין האַרץ, אָ איר הויכע פאַיעקישע פירשטן און האַרן! זעט:
אָט איז ע ר, דער פרעמדער — און מיר אומבאַקאַנטער —
מאַנסביל, וועלכער האָט
ערגעץ פון מרחקים, פון מזרח אָדער מערב, אין מיין היכל
פאַרבלאָנזשעט, און ער בעט זיך, אַז מיר זאָלן אַהיים אים באַגלייטן!
בכן: לאָמיר זיך פעדערן און ממלא זיין, על פּי דין, זיין
הייסע בקשה. ווייל יעדן אורח, וועמען מיין שלאָס האָט געטון
ווענס באַשיצן, — טו איך אייביק און פריידיק באַגלייטן! — —
שטייט אויף און לאָזט אַרונטער מיין אייליקסטע שווים־שיף אינם
הייליקן
איינגוס, און צוויי־און־פופציק אויסדערוויילטע און אויסגעפּרוּווטע
יונגע מאַטראָזן זאָלן צום היימלאַנד אונזער אורח באַגלייטן!
און ווען די בענק מיט די וועסלעס און אַלע הכנות וועלן זיין
אָנגעברייט שוין צום אָפּפאָר, טאָ פאַרלאָזט דאָס געוואַסער און נידערט
באַלד אויף יבשה, כדי צו פאַרלאָדן דעם צידה־לדרך! — —
אַזאַ איז מיין זאָג צו די שיפער. — איר אָבער, אָ מעכטיקע און
וואָפן־באַפּאַנצערטע פירשטן, טוט אייך אַלע איינאיינעם צו מיין
היכל דערהייבן, און לאָמיר אַ סעודה לכבוד דעם אורח
דאָרט פראַווען. קומט! און לאָמיר אויך מיטברענגען דעם גרויסן מנגן
און האַר דעמאָדאָקאָס, וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט די זיסטע
ניגונים, פון וועמעס מתוקותע טענער דאָס האַרץ צעגייט פון
התפעלות!"
געזאָגט; און גענומען פאָראויס האָט שפּרייזן דער מלך,
און הינטער זיינע שפּרייז־טריט האָט נאָכגעשאַרט זיך די עדה. און
באַלד

איז דער העראָלד נאָכן מנגן געפלויגן. און די צווייאונפופציק
אויסדערווײלטע יונגען זענען דערווײלע צום איינגוס געפלויגן.
אָבער געווען איז, ווען זיי האָבן צום בוכט געטון זיך גענענען,
האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די שיף אינם הייליקן איינגוס ; און אויך
דעם מאַסטבוים מיט די זעגלען האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט אין דער שווים-שיף,
און אויף לעדערנע רינגען די ווערלעס אין סדר פאַרצויגן און
אַלע גלאַנציקע זעגלען אויסגעשפּאַנט בהרחבה. אָט אַזוי
האָבן זיי די טונקעלע שווים-שיף צום ים-ברעג פאַראַנקערט און צום
שלאָס פונם קיניג האָבן אַלע נאָך צידה לדרך געשלעפּט זיך.
דערווײל האָבן אינם בורג פון אַלקינאָיאָס די געסט שוין געקאָכט און
געטומלט ; און יונגוואַרג און זקנים האָבן צערודערט די הייף און
די זאַלן ! — —
און נון האָט פון זיין טשערעדע דער מלך צום מאָלצייט
געשאָכטן צוועלף שאָף, צוויי אָקסן און אַכט חזירים ווייסצאָניקע, —
ווּעמעס פעלן דער שר-הבשר האָט דאָרט געבריט און געשינדן.
בינתיים האָט דער העראָלד געבראַכט דעם מנגן צו פירן,
וועמען די מוזע האָט מיט גוטס און מיט שלעכטס אינאיינעם באַשאָנקען:
זי האָט אים מיט בלינדקייט געשלאָגן און דערפאַר מיט זיסע טענער
זיין נשמה באַפליגלט ! — און אויף אַ זילבער-באַשלאָגענעם טראָן
האָט הינטער אַ זייל צווישן געסט אַוועקגעזעצט פּאַנטאָנאָיאָס דעם
גרויסן מנגן. און אויף דער פילאַרעס אַ רינג האָט ער איבערן
קאָפּ פונם זינגער אויפגעהאָנגען די פאַרכישופטע האַרפע און זיין
האַנט צעפירט אויף די סטרונעס. דערויף האָט אַ העראָלד געטון אים
דערלאַנגען אַ קויש מיט מזונות, און וויין — ביזן ראַנד פונם וויין-כוס צו
טרינקען. און נון האָבן אַלע גענומען פּראַווען די סעודה.
אָבער באַלד נאָכן פּראַווען, ווען זיי האָבן באַטעמט זיך געזעטיקט,

האָט די מוזע דעם זינגער „אַ לויב צו גבורים” צום שפּילן
געטריבן. און זע: ביז צו די שטערן האָט זײַן קול זיך צעקלונגען;
ווײַל געקנאַקט האָט דעמאָדאָקאָס דאָס זיגרײַכע ליד פון מלחמת־
אָדיסײאוס מיט אַכילײאָס בן פּעלײאָס: ווי זיי האָבן
מתווכח געווען זיך בײַ דער געטלעכער סעודה, — און דער העלד
אַגאַמעמנאָן האָט געקוואָלן פון נחת איבער זייער גרויסער
מחלוקת! איבערן וויכוח פון בײדע העראָיער האָט בן
אַטרײאָס געפרייט זיך; ווײַל אויף דער שוועל פון דער הייליקער פּיטאָ האָט
פויבאָס־אַפּאָלאָ מיט אַ צייכן געטון אים באַווײַזן, אַז נאָכן
געקריג וועט דזעאוס דעם פּחד פון אַרגיווער און טראָיאַנער
פאַרלענדן!...

אָט פון ז״י האָט דעמאָדאָקאָס געזונגען. אָבער אַך!
אויפגעציטערט פונם ליד האָט דער גרויסער העלד אָדיסײאוס, אַז ער
האָט תּיכּף זײַן פּורפּלנע טאָגע איבערן פּנים פאַרוואָרפן,
בכדי קײנער פון פאַיעקן זאָל זײַן טרער אינם אויג נישט דערבליקן.
און קוים האָט אײַנגעשטילט זיך די האַרפּע פון דער שווערער יללה,
האָט ער אויסגעווישט זיך די טרערן מיטן פאַרהוילענעם מאַנטל און
פונם געטאָפּלטן וויין־כּוס געטון שפּרינקלען לכּבוד די געטער.
אָבער ווען אויף דער בקשה פון מאַנען האָט ווידער דער זינגער
מיט זײַן ליד זיך צעקלונגען, און געטרעלט עס האָבן די לידער, — האָט
ווידער אָדיסײאוס זײַן קאָפּ אינם מאַנטל פאַרהוילן, אַז קײנער
פון די געסט זאָל זײַנע הייליקע טרער נישט באַמערקן. — — אָט אַזוי
האָבן בלחש זײַנע שטילינקע טרערן געריזלט. — — אָבער
דאָס געניטע אויג פון האַר אַלקינאָאָס, — וואָס איז לעבן פרעמדן
געזעסן, — האָט בפירוש פאַרנומען זײַן טרער און די זיפצן, אַז
אַ גערירטער האָט דער מלך־חסד פאַר דער עדה צעשאַלט זיך:
פאַרנעמט מײַן גערייד, אָ הויכע פאַיעקישע פירשטן און האַרן!

זעט : ביים געקלאַנג פון דער האַרפע און ביי די געטלעכע זמירות
האָבן מיר אונזער הייליקע סעודה געפּראַוועט. בכן, שטייט אויף
און דערהייבט אייך, אָ געטלעכע שרים, און לאָמיר צום קאַמף־שפּיל זיך
נעמען ! אָ, זאָל צוזען דער פרעמדער אונזער שיינע הנהגה,
אַז ער זאָל אַזש אין זיין היימלאַנד מיט וואונדער פאַרציילן, ווי אַזוי
מיר פאַיעקן פויסטלען ביים רינג און געוועט־קאַמף, און אַלץ, וואָס
מיר באַווייזן ביים שפּרינגען, ביים לויפן און יאָגן !
געזאָגט : און געשפּרייזט
פאָראויס האָט דער מלך, און הינטער אים האָט נאָכגעשאַרט זיך די
עדה. — — און נון האָט אויך דער העראָלד אויף דער פּילאַרעס אַ רינג
אויפגעהאָנגען די האַרפע און מיטן סגי־נהור אונטערן אָרעם
האָבן זיי צווישן פאָלק ביז אויפן שפּיל־פּלאַץ געגידערט. — — אָט אַזוי האָט
דער שטראָם פון המון מיטגעריסן דעם העראָלד מיטן געטלעכן
חזן ביז צום הייליקן מאַרק־פּלאַץ, וואו יונגוואַרג האָט תיכף צום קאַמף
זיך פאַרמאָסטן. — — און נון האָבן אָקיאָלאָס, אַקראָנייאָס און
עלאַטרייאָס צום שפּיל זיך דערהויבן, און אַקעגן זייער אויג
זענען נויטייאָס, פרימנייאָס, אַנכיאַלאָס און ערעטמייאָס
געשטאַנען. און מיט זיי : טאָאָן, פּאָנטייאָס, אַנאַבעזינייאָס,
פּראָרייאָס און אַמפיאַלאָס בן פּאָלינייאָס, פון טעקסטאָנס
הייליקן זאָמען. און אפילו עאוריאַלאָס, וועלכער האָט
זיך צום פאַרטיליקער אַרעס פאַרמאָסטן, — מיטן שענסטן בחור (חוץ
לאַאָדאַמאָסן) נייאובאָלידעס, האָבן אויך נישט געטון דאָרט
פּאַרפעלן. און אויך דריי זין פונם קיניג זענען צוגעשטאַנען צום
קאַמף־שפּיל : האַליאָס, לאַאָדאַמאָס מיטן גבור קליטאָנייאָס ! און זע :
מיט ווילדן געיאָג האָבן אַלעמענס פיס, ווי שטורמיקע ווינטן
איבער וואָלקנס שטויב זיך דערהויבן, און ניערט קליטאָנייאָס
ממלכות בית אַלקינאָיאָס איבערגעיאָגט האָט די לויפערס ! —
אָ, ווי אַ מרחק־מחיצה פון אייזלען, וואָס טוען פון ביקעס

אַנטלויפן, — אויף אַזאַ מרחק בערך האָט איבערגעיאָגט ער
די ברידער! און נייערט אייריאַלאָס האָט געטון דעם רינג־קאַמף
באַצווינגען; און נייערט אַמפיאַלאָס איז פון די העכסטע שפרינגער
געווען; און דער שאַרפסטער מומחה צו וואַרפן דעם דיסקאָס איז, — ווי
אייביק — עלאַטרייאָס געווען. אָבער אינם פויסט־קאַמף האָט נייערט
לייאָדאַמאָס די חברה געשלאָגן! — — —
אָבער געווען איז, ווען די
פרייד פונם שפילן האָט דערקוויקט זיי די הערצער, האָט לייאָדאַמאָס
פאַרן
עולם צעשאַלט זיך:
„חברים! קומט, לאָמיר דעם פרעמדן דאָ פרעגן,
צי האָט ער אויך ווענס די חכמה פון קאַמף־שפיל געלערנט. וואָרים
נישט קיין פשוטער בר־כוח איז דערדאָזיקער מאַנסביל! חברה!
באַטראַכט נאָר די לענדן, די לידקעס; זיין היפט און די בויגיקע
אָרעמס. זעט נאָר אַ ברוסט און אַ נאַקן מיט צווי בליציקע אויגן!
אָ! נייערט די שווערע נסיונות אויף צעבייזערטע ימים האָבן
אים געמאַכט פאַר אַ פחדן. ווייל אפילו דעם מעכטיקסטן גבור
מאַכן נישטיק די ימים!“
האָט אָבער עאוריאַלאָס דערויף
אים געענטפערט:
„אָ לייאָדאַמאָס! אַ וואָרהאַפטיק וואָרט איז פון דיין
לעפץ איצט געפאַלן, דעריבער געגען — און צערייץ אים מיט חשק!“
און ווען זיין זאָג איז צום אויער פון בן אַלקינאָיאָס דערגאַנגען,
האָט ער צווישן המון צו דעם פרעמדן גענידערט און צערייצט אים
מיט חשק:
„פרעמדער פאָטער! קום, און באַווייז אויך דו דיינע
קונצן
ביים קאַמף־שפיל; וואָרים אויך דו האָסט דאָך אַוודאי אַזאַ שפיל
ווענס
געלערנט? זאָג: צי איז פאַרן בן־אדם עפּעס גרעסערס באַשערט,
ווי דער
כבוד פון מאַכט און גבורה פון זיינע פיס און די דלאָניעס?

בכן – קום! פּרווו זיך! דאָס וועט דיר די עצבות פון האַרץ פאַרטרייבן,
ווייל נישט לאַנג וועסטו נאָך מיט אונז דאָ פאַרבלייבן, – וואָרים פאַראַנקערט
שטייט שוין דיין שיף אינם איינגוס, און עס וואַרטן אויף דיר די מאַטראָזן!"
האָט אָבער דער געפּרוּווטער אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט:
„פאַרוואָס טוט איר מיך צום קאַמף-שפּיל צערייצן, קלוגער לייאָדאַמאָס?
אָ, איך נייטיק זיך ליבערשט אין אַ טרייסט צו מיין אומעט, איידער אין
אייער נאַרישן קאַמף-שפּיל! – אַך, דערשלאָגן פון גורל זיץ איך אויף
אייער געמאַרק, אָ גרויסע אסיפה פון שטאַרקע גבורים; און
טו אויסגיין פון בענקשאַפט, בעטנדיק רחמים ביי אייך און ביים קיניג!"
אָבער מיט חוזק האָט עאוריאַלאָס דערויף אים געענטפערט:
„ניין, טאַטענקע! ווייל אַ קליינינקע מענטשל בלינצלט אַרויס פונם אויג
דיר, און מיט איידל-לייט וועסטו אינם קאַמף זיך נישט קאָנען פאַרמעסטן!
אַן אייביקער שיפער-יונג ביסטו, וואָס טוט פאַרן ביסל מזומן
מיט משאות די שיפן פאַרלאָדן! אַ קרעמער ביסטו! יאָ, יאָ,
אַ קרעמער, וואָס שוימט רק רווחים; – אָבער קאַמף? – ווי קומט דאָס צו דיר?"
אָבער מיט באַהאַלטענעם כעס האָט אים אָפּגעמאָסטן דער סבלן:
„יונג איינער! אָך! אומגערעכט איז דיין טענה, דו עזות-מחוצף!
הער: מיט צ וו יי מתנות איז נישט קיינמאָל דער הימל צו איינעם
מזכה. איינעם באַשענקט ער מיט הדר, מיט חכמה אַ צווייטן,
און מיט איידל לשון אַ דריטן. – אויבנאויפיק דיר דאַכט זיך,
אַז יענער אַ כבד-פּה איז, – אָבער באַפליגלען מיט שיינקייט טוט גאָט
זיינע ווערטער, אַז טיף אינם האַרץ שניידט אַריין זיך זיין לשון,
און זיין גערייד טוט פאַרכאַפּן די גאַנצע אסיפה. און שלייכט וועגס
אַזאַ דרשן אויף וועגן, – דיר דוכט, אַז טריט פונם הימל האָבן אויף

ערדן פאַרבלאָנזשעט ! — — אַ צווייטן ווידער, וועמען גאָט האָט בצלמו
באַשאַפן, איז מער נישט ווי אַ שקיטע, וואָס פלוידערט און גאַדערט און
איקעט און שטאַמלט. און אויך ד ו ביסט מער נישט, ווי אָט אַזאַ ליאַלקע,
אַ שײנע, וואָס טוט וואָרטשען ליצנות און שטותים ; אָבער נאַריש
און כיטרע איז דיין ביליק לשון ! — זע : פאַראומווירדיקט האָט דיין
גערייד מיין האַרץ אין בוזעם ; ווייל נישט אַזאַ שנעקל בין איך אינם
קאַמף-שפּיל, ווי דו האָסט דיין מבינות באַוויזן ! הער, אויך איך בין
פאַרצייטנס אַ גרויסער מומחה אין יעדן געוועט-קאַמף געוועזן.
היינט אָבער האָט מיך דער יאוש צעפרעסן, ווייל שווערע מלחמות
מיט פעלקער און אַלע בייזע מהומות אויף ווילד צערודערטע
ימים, האָבן צעבראָכן און פאַרמאַטערט מיין קראַפט און גבורה. —
פונדעסטוועגן — וואַרט — היי ! אַ מידער וועל איך א י צ ט נאָך אַ פּרווו טון זיך
באָרען, ווייל דיין נאַרישער געפּלאַפּל האָט מיין האַרץ צעעקבערט !"
געזאָגט ; און שטייענדיק אַזוי אינם כיטאָן, האָט ער מיט גבורה
געגעבן אַ הייב זיך. און אַ כאַפּ געטון דעם וואָגיקסטן טעלער
פון אַלע פאַיעקן, האָט ער מיט שטאַרקייט צום ציל זיך פאַרמאָסטן.
און זע : מיטן דיסקאָס אין האַנט האָט זיין אָרעם געגעבן אַ הייב זיך ;
אַ וואָרף, — און אויפגעטרייסלט עס האָט זיך דער חלל, אַז מיט אַ פּייף
און אַ ציטער האָט דער וואָרף-שטיין אין אוויר געהודזשעט ! — און כורעים
האָבן אַלע פאַיעקן פון פחד צו דער ערד זיך געבויגן,
ווייל וויט, ווייט איבערן ציל-פונקט איז דער דיסקאָס צעשטורעמט געפלויגן !
און בצורת-אדם האָט זיך צום גברן אַטענע באַוויזן :
„אָ פרעמדער, אפילו אַ בלינדער, וואָס טוט אינם חושך אַלץ טאַפּן,
וואָלט איצטער דיין ציל-שייב געפינען ; ווייל איבער אַ ל ע מ ע נ ס איז רק
ד יי נ ע ר אַלץ ווייטער און ווייטער געפלויגן ! אָ, זיי מיטן נצחון

פאַרזיכערט, ווייל מיט דיר זיך פאַרמעסטן וועט נישט קיינער באַווייזן!״
געזאָגט; און מלא־שמחה איז געוואָרן דאָס האַרץ פונם גבור, ווייל
אויך צווישן פרעמדע האָט ער אַ טרייסטוואָרט פאַרנומען! — און דערפאַר
האָט ער אַ האָפערדיקער צו פאַר אַלע פאַיעקן צעשאַלט זיך:
„היי, חברה! קומט, קומט און פרוווט, ווי א י ך, א ײ ע ר ע כוחות באַווייזן!
אָהאָ! וואַרט! וואַרט! — ווייל מיין וואָרף דער צווייטער וועט דעם ע ר ש ט ן פאַרשלינגען!
אדרבה, אפשר ווייל זיך ווער פרוון מיטן באַליידיקטן
אַ שפיל טון? פרוווט, — און איך באַצווינג אייך ביים פויסט־קאַמף; ביים רינגען און ביים
אייליקסטן לויפן! — — — אָ, חוץ דעם פריינט לייאָדאַמאַס, מעגט איר מיך
אַלע צום קאַמף־שפיל פאַרבעטן. אַ ל ע, חוץ א י ם. ווייל ווער האָט דען די
חוצפה אַרויסצורופן זיין אפוטרופוס צו דערשלאָגענע
קאַמפן? אָ, נאַריש און כיטרע וואָלט יעדערער אורח געווען,
ווען ער טוט פרוון צום געוועט־קאַמף זיין באַשיצער וועגס רופן!
חוץ א י ם, קומט: שטייט־צו, און לאָמיר אינאײנעם זיך פרוון די כוחות
פאַרמעסטן. זעט: כהרף־עין איך לייג אייך אַלע אַוועק דאָ!
— — טוט נישט מיינען, אַז פון מיר איז די חכמה פון קאַמפן דערווייטערט.
הערט: מיט אַ שאַרף־גלאַטיקער פייל טו איך מיין בויגן באַשפּאַנען, און
צווישן דער קופּע מיט שונאים טרעף איך אייביק אינם האַרץ פון מיין
פאַרביסענעם קעגנער; גלייך אַ סך פון מיינע ליבע חברים
וואָלטן אויך דאָרט געשטאַנען און געצילט און געהאָגלט מיט פיילן!
ווייסט: חוץ מיר, איז גײַערט פילאָקטעטעס פון אַלע דאַנייער דער

אײליקסטער צילער פֿון בױגן געװעזן, בעת מיר האָבן
אַזױ אײליק אונזערע פײלן אױף טראָיאַנער געשאָטן ! — —
אָ, חוץ א י ם , האָט קײנער מיט מיר נישט געקאָנט זיך פֿאַרמעסטן ; קײן שום
ילוד־אשה, װאָס מיט ברױט ער טוט זיך דאָס חיות דערהאַלטן.
פֿונדעסטװעגן װעל איך זיך צו די גבורים פֿון קדמון אַדאָ
נישט פֿאַרגלײכן : נישט צום מושל פֿון אױכיאַלאַ, דעם שטאַרקן
עאוריטאָס, און אױך נישט צום גברן העראַקלעס, װעלכע האָבן
זיך אין קאַמף מיט די געטער פֿאַרמאָסטן. און טאַקע צ ו ל י ב דעם האָט
די פײל פֿון פֿױבאָס־אַפּאָלאָן געטון פֿאַרשנײדן די יאָרן פֿון
קיניג עאוריאָס, װײל מיט חוצפה האָט ער מיטן אָלימפּער אינם
קאַמף זיך פֿאַרמאָסטן ! אָ, אפילו מיט דער װאַרף־שפּיז ציל איך נאָך װײטער,
װי איר מיטן בױגן ! — נאָר בלױז מיטן געלאַף װעט איר, אָ פֿאַיעקן, מיך
אפשר באַזיגן. װײל אױסגעזױגן האָט דער ים מײן מענטשלעכן
בוח, און אױף מײן טראַטװע האָט דער שטורעם מײן שפּײז מיר פֿאַרטיליקט,
אַז פֿאַרמאַטערט פֿון הונגער מיר זענען מײנע בײנער געװאָרן !״
געזאָגט ; און אַ געציטערט שטילשװײגעניש געהערשט האָט אַרומעט.
און נײערט אַלקינאָיאָס האָט מיט זײן שפּרוך געטון זיך צעשאַלן :
אָ פֿרעמדער ! באמת, מיט װאָרער געניטשאַפֿט מיר האָבן דײן
גערײד איצט פֿאַרנומען. איצט אָבער איז אונז אַ בושה אין אױג דיר
צו קוקן, װײל דערדאָזיקער יונג האָט מיט געשפּאָט דיך באַלײדיקט !
הער : לעתיד װעט קײנער שױן מערער נישט האָבן די העזה מיט
ביליקע רײד צו אַזאַ חכם װי דו, אָ פֿרעמדער, צו רעדן.
אָבער דעם זאָג פֿון מ ײ נ ע לעפּצן טו איצט, איך בעט דיך, פֿאַרנעמען,
בכדי דו זאָלסט אין דײן הײמלאַנד פֿאַר דײנע גבורים פֿאַרצײלן, —
װען דו װעסט מסובין אין היכל בײם טיש פֿאַרן װײב און משפּחה

פון אונזער גרויסקייט און מעשים טון זיך דערמאַנען ; פון גרויסקייט, וואָס
דזעאוס האָט אונז בירושה פון די אבות איבערגעגעבן.
און הער : נישט אין דער פויסט און אויך נישט אינם רינג-קאַמף מיר זענען באַהאַוונט,
דערפאַר אָבער איז געניט אונזער חכמה מיטן אייליקסטן יאָגן אויף ים
און יבשה ; מיטן הייליקסטן טאַנץ ביי די סעודות ; מיטן געקלאַנג אויף
דער האַרפע, מיט קליידער און בעדער און מיט אַ זיס געלעגער ! — —
און איצט דערהייבט אייך צום שפּיל, אָ פלינקע פאַיעקישע טענצער ! ווייל
עס וועט זיין, ווען אונזער גאַסט וועט זיין ווייטע מדינה דערגרייכן, —
זאָל ער כסדר דערציילן פון אונזער גרויסער הנהגה : פון
אונזערע מעשים אויף ים און יבשה ; פון אונזערע טענץ ; פונם
געלאַף און פון אונזער געקלאַנג אויף דער האַרפע ! — — — אָ ! ברענגט גיכער די
האַרפע פאַרן האַר דעמאָדאָקאָס, — זי הענגט אויף אַ רינג אין מיין היכל!"

געזאָגט ; און צום קיניגלעכן שלאָס איז דער העראָלד געפלויגן, צו
ברענגען די אויפוועקנדיקע, קלאַנגפולע און פריילעכע האַרפע.

און נון האָבן ניין שופטים פון זייערע טראָנען געטון זיך
דערהייבן. ניין אויסדערוויילטע מאַנען, וועלכע פלעגן דעם סדר
אָנפירן ביים קאַמף-שפּיל, און באַגלייט אַלע טענצער צום קאַראַהאָד
אויפן טאַנץ-פּלאַץ.

דערווייל האָט זיך דער העראָלד מיט דער האַרפע באַוויזן.
און אַרום בלינדן דעמאָדאָקאָס האָט יונגוואַרג געפויזעט, און מיט
ברען און מיט פייער האָבן אַלע צו דער רקידה געגרייט זיך. — —
און זע : מיט פלינקן געפלאַטער האָט אַ געטלעכער טאַנץ געשוועבט אין
דער לופטן, אַז פאַרמייעט פונם קאַראַהאָד איז געבליבן פאַרבליפט אָדיסייאוס !

# אַדריסיע

## יידישע אוניווערסאל ביבליאָטעק

ליטעראַרישע לייטונג: שלמה שיינבערג

ערשטע סעריע:

# וועלט-ליטעראַטור

יידישע אוניווערסאַל - ביבליאָטעק

ווארשע 1937

# האָמער

# אָדיסייע

## פון גריכיש: מ. ל. פעטשעניק

מיט אן אריינפיר פון שלמה שיינבערג

## דאָס צווייטע בוך

יידישע אוניווערסאַל - ביבליאָטעק

ווארשע 1937

Druk. „Grafia", W-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

און מיט ליבן געקלאַנג האָט די האַרפע געציטערט,
און „דאָס ליד פון אַרעס און אַפראָדיס ״ האָט געשניטן דעם חלל :
„אָ ! אינם היכל פון העפייסטאָס האָבן זיך ביידע פאַרקליבן, און
אויף זיין חתונה־בעט האָט ער בועל געווען זי בסתר ! אָך,
צוליב שוחד האָט זי פאַראומווירדיקט איר באַשלאָפערס געלעגער ;
אָבער העליאָס וועלכער דערזען האָט זייער זנות פונדערווייטנס, —
האָט צום שר פונם פייער געבראַכט תיכּף די בשורה. אָבער געווען
איז, ווען צו העפייסטאָס איז די שווערע מסירה דערגאַנגען, — האָט
ער מיט נקמה־מחשבות גענידערט בשתיקה אין קוזשניע, —
און זע : איבער דער קאָוואַדלע האָט ער דעם מוראדיקן בלאָז־זאַק
צעפייערט און גליאיקע קייטן געשמידט און געקאָוועט, בכדי
זיי אויף אייביק פאַרפעסטען ! — — און ווען די רינגען אויף קייטן זענען
געוואָרן פ אַ ר פ ל אָ כ ט ן , האָט ער מיט בייזער נקמה צום שלאָף־בעט
גענידערט. און נון האָט ער אויסגעשפּרייט מיט אייזערנע פּרענטעס די
ראַנדן, מיט גליאיקע ריטלעך דעם באַלקן און מיט אַ דראָטענער
נעץ — די ווענט און די סטעליע. — — און אפילו צו געטער געווען איז
די עובדה פאַרהוילן, ווייל ווי דינינקע שפינוועבס געווען פאַרוועבט
איז די אַרבעט. — — און גלייך ווי גאָרנישט, האָט דער חכם העפייסטאָס
גענומען הינקען קיין לעמנאָס, ווייל פון דער גאַנצער ערד־פלאַך אַרומעט
איז נייערט לעמנאָס וואוילגעפעלן זיין האַרץ ! — — און נישט געשלאָפן
און נישט געדרימלט איז אַרעס, דער גאָט מיט גינגילדענע ווישקעס,
בעת העפייסטאָס האָט גענומען אין וועג זיך : מיט הויערונג האָט
ער בחפזון געאיילט זיך צום שלאָס פונם פייער־באַהערשער ; ווייל
שוין לאַנג האָט אים די תאווה צו דער שיינער קיטערע געצויגן. —
און קוים האָט אַפראָדיס אומגעקערט זיך פון איר פאָטער קראָניאָנס
הייליקן היכל, איז תיכּף איר אַרעס געקומען אַקעגן ;

געדריקט איר די האַנט און איינגערעדט איר מיט ליבשאַפט :
„געליבטע : אינם
ווייך-וואַרעמען רו-בעט קום מיט ליבשאַפט זיך לייגן, ווייל אינם
ווייטן
לעמנאָס, צווישן ווילדע סינטירן, וואַלגערט אַרום זיך העפייסטאָס !"
געזאָגט ; און באַלד האָט די געטין מיט פריידיקער גלוסטונג
געלייגט זיך !
אָבער געוועזן איז, ווען זיי זענען אַזוי ביידע מיט ליבשאַפט
געלעגן באַהאָפטן, האָט פלוצלינג די נעץ אַראָפגעלאָזט זיך פון
באַלקן, אַז פאַרפענטעט זענען זיי ביידע געבליבן געפאַנגען.
— פאַרשלאַנגט עס האָבן זיי די קייטן ; בחינם געוועזן איז אַ פליטה !
אָבער נאָך איידער העפייסטאָס האָט צו די גזלנישע ערדן
פון לעמנאָס געטון זיך געגענעגט, האָט ער תיכף אַהיים זיך
צוריק שוין געהינקען, ווייל העליאָס האָט די בשורה דערלאַנגט אים !
און נון האָט ער מיט אַ צעבראָכן האַרץ צום היכל געשאַרט
זיך. און מיט ווילדער קנאה האָט ער מיט אַ כעסיקן יאָמער געטון
זיך צעשאַלן, אַז זיין שווערער געשאַל אָנגעקלאַפּט האָט די הימלען :
„פאָטער דזעאוס, און איר אַלע, אָ אייביקע, הייליקע געטער !
טוט אייך אַנטפלעקן, בכדי צו פאַרנעמען די שווערע נבלה :
זעט : מ י ך , מיך דעם בעל-מום, האָט פאַראומווירדיקט בת-דזעאוס
אפראָדיס ! —
אַך, צו אַרעס, דעם בייזן מנוול, זי טוט זיך איצט חנדלען און
קיכלען, ווייל שיין אין געשטאַלט און גלייכפיסיק איז אַרעס, און ווייל
פאַר
אַ קאַליקע אַ מיאוסער האָבן רק טאַטע-מאַמע געטון מיך
צעברעכן ! אָ, הלוואי וואָלטן זיי מיך נישט קיינמאָל געפלאָדיעט ! — —
און זעט, זעט : אויף מיין געלעגער זיי ליגן איצט ביידע און טוען
מיט ליבשאַפט זיך קוויקן, אַז מיר פלאַצן אַזש פון קנאה פון האַרץ די
סטרונעס ! היי ! פאַרשאָלטן זאָל ווערן זייער גליאיק געלעגער ; און
מעג אפילו ווי פייער זייער תאווה איצט ברענען, פאַרגליווערט
וועט ווערן זייער גלוסטונג ! און הערט : אַזוי לאַנג וועל איך ביידע
דאָרט

האַלטן געפּענטעט, ביז ערשט מיין שווער וועט מיר אומקערן אַלע
מתנות, וואָס איך, דער חתן, האָב צו דער זונה, — מיין כּלה
געשאָנקען! — — אָ, שיין אין געשטאַלט איז אַפראָדיס, אָבער לייכט און גרינג
אויף דער דעה!" —
אַזאַ געווען איז זיין שאַלונג. און צו זיין היכל
האָבן תּיכּף די געטער געטון זיך אַנטפלעקן: געקומען איז
דער אָנגעגורטער מיט ימים פּאָזיידאָן; דער גרויסער מבשׂר
הערמייאָס און דער שטראַליקער צילער אַפּאָלאָן. אָבער מחמת
בושה האָבן זיך די געטער-נקבות באַהאַלטן...
און געווען
איז, ווען זיי האָבן אויף דער שוועל פונם היכל געגידערט, האָט אַ הילכיק
געלעכטער צעשאַלט זיך אויף לעפצן פון געטער, ווייל גענומען האָט
אַלעמען העפייסטאָסעס קונץ-שטיק! — — —
און באַשיינפערלעך האָט איינער
צום צווייטן געטענהט:
„אומרעכט טוט קיינמאָל נישט שפּראָצן: דער קרומער
יאָגט איבער דעם לויפער! איבערגעיאָגט האָט דער קריכער העפייסטאָס
אַרעסן, דעם גיך-יאָגיקן לויפער פון ווייטן אָלימפּאָס, — אַז
איצט ליגט אין געפענגעניש דער נואף, — אַ שטראָף פאַר זיינע עוונות!"
אַזוי האָבן פּנים אל פּנים די געטער געטענהט. אָבער
צו הערמעס האָט בן-דזעאוס אַפּאָללאָן צעעפנט זיין שאַלונג:
אָ הערמעס, דו גרויסער מבשׂר פונם באַשירעמער קראָניאָן, —
זאָג: צי וואָלט זיך ד יי ן תּאווה אויך ווענס אין אַזאַ געפענטעטן
מעמד צעפלאַקערט, אויב דו וואָלסט אויפן גילדענעם בוזעם פון קיפּריס געלעגן??"
האָט דער רוצח פון אַרגאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ צילער פון בויגן, אַפּאָלאָ! הלוואי וואָלט אַזאַ נס מיך
געטראָפן! ווייל אויב מיך וואָלטן אַפילו דריי מאָל אַזוי פיל
קייטן געפענטעט, וואָלט איך צו פאַר אייערע אויגן, אָ גרויסע

געטער און געטינס, געטון באַשלאָפן די גינגילדענע קיפּריס!"
געזאָגט; אָבער ווידער האָט אַ שאַליק געלעכטער אויף לעפצן פון
געטער געפּערלט. און נייערט פּאָזיידאָן געבליבן איז ערנסט און
רק ביי העפּייסטאָס געבעטן, אַז ער זאָל אַלע קייטן איבער
אַרעס, דעם קריגס-גאָט, צערייסן.
און אַזאַ געווען איז די תּפילה:
„באַפריי אים, באַפריי אים, אָ, גרויסער העפּייסטאָס; ווייל אויף
דיין פאַרלאַנג
אים וועלן די הימלישע געטער פאַר זיינע מעשים שטראַפירן!"
האָט דער הינקעדיקער פייער-באַהערשער דערויף אים געענטפערט:
„טו פון מיר אַזוינס נישט באַגערן, אָ הויכער ים-גאָט פּאָזיידאָן!
הער: ערבות פאַר אומרעכט איז נייערט אַ סימן פון רשעות, — היינט
אפשר וואָלט איך גאָר ד י ך, במקום אַרעס, אין די אויגן פון
געטער
אין מיין כאַפּ-שטייג געפאַנגען, אויב ער וואָלט פון די פּרענטעס
אַנטלאָפן?"
האָט דער ערדן-פאַרגאַרטלער פּאָזיידאָן דערויף אים געענטפערט:
„אָ העפּייסטאָס — אויב אַפילו אַרעס וואָלט אַן אומבאַשטראָפטער
געפרווט וועלן אַנטרינען, — וואָלט איך סיי ווי געטון אים באַפרייען!"
האָט דער הינקעדיקער פייער-באַהערשער דערויף אים געענטפערט:
„אָ געווען וואָלט אַן עוולה נישט ממלא צו זיין דיין בקשה!"
געזאָגט; און גיך, גיך האָט העפּייסטאָס לויז געמאַכט זיי דעם
קייט-פאַנג:
און געווען איז, ווען זיי האָבן אָפּגעטרייסלט די פּרענטעס, האָבן
זייערע גופים געטון זיך צעשיידן און בחפזון
געמאַכט אַ ויברח! און זע: אין טראַקע איז אַוועק זיך אַרעס,
און קיין קיפּראָס איז אַפראָדיס אַנטלאָפן, וואו אינם טאָליקן
פּאַפאָס געוואַרט האָט איר מזבח מיט קטורת. — — און נון האָבן
כאַריטן איר אויסגעבאָדן דעם קערפער, מיט הימלישן אייל
געטון זי צו זאַלבן און אין געוואַנדן איר נפש באַהאַלטן!" — — —
אָט אַזוי האָט דעמאָדאָקאָס געזונגען. און מיט האַרצעדיקן
נחת האָט אָדיסייאוס געפרייט זיך, און מיט אים — די גאַנצע

לייטזעליקע ימים-צערודערטע, פּאַיעקישע מחנה!
— — און נון האָט אַלקינאָיאָס לייאָדאַמאָסן מיט האַליאָסן
צום טאַנץ-שפּיל פאַרבעטן, וואָרים מיט זייער באַל-טאַנץ האָט קיינער צו
זיי זיך באַוויזן פאַרמעסטן.
און נון האָבן ביידע פאַרן שפּיל-באַל
געכאַפּט זיך, — ווּעמען פּאָליבאָס האָט מיט וואָל און מיט פּערפּל אין
קנוילן געוויקלט. און זע: ווייט, ווייט ביז די כמאַרעס האָט דער ערשטער
דעם שפּיל-באַל געגעבן אַ שליידער; און אַ מוראדיקן שפּרינג-אויף
געטון האָט דער צווייטער און אין אוויר דערכאַפּט אים, נאָך איידער זיין
טראָט אָנגערירט האָט די ערדן! — — און שפּעטער, ווען דער באַל איז אַלץ
ווייטער און העכער איבער חלל און כמאַרעס געפלויגן, האָט זיך
אַ טאַנץ אויף זאַפּטיקער ערד געשוועבט און געהויבן. — אָ, פון פרייד און
התפּעלות האָט יונגוואַרג געקלאַפּט און געטופּעט, אַז ווייט, ווייט האָט דאָס
גערויש זיך געטראָגן! — —
און דענסטמאָל האָט אָדיסייאוס פאַרן קיניג
צעשאַלט זיך:
„אָ הויכגעאַכפּערטער קיניג און האַר אַלקינאָיאָס!
וואָרהאַפּטיק, מיט דיינע טענצער האָסטו געמעגט זיך צו גרויסן;
זייערס גלייכן איז אויף וועלט נישט פאַראַנען, ווייל זייער כּישוף האָט
געטון מיך פאַרכאַפּן!“
און נון איז מלא-שמחה די קראַפט פון
אַלקינאָיאָס פון זיין לויב-זאָג געוואָרן, אַז ער האָט אַזש פאַר זיין
עדה צעשאַלט זיך:
„פאַרנעמט מיין גערייד, אָ הויכע פּאַיעקישע
פירשטן און האַרן! הערט: אַ גרויסער בר-שכל ווייזט אויס צו זיין מיר

דער פרעמדער. בכן, לאָמיר נישט ברעכן דעם מנהג פון אונזער
מדינה און שיינע מתנות אים שענקען! אָ, צוועלף שופטים און
שוטרים געוועלטיקן איגם לאַנד דאָ מיט אמת און משפט, און דער
דרייצענטער בין א י ך אין דער כנופיא. טאָ זאָל יעדער אַ כיטאָן מיט
אַ צודעק אים שענקען; און טאַלענטן פון געשלאָגענעם גינגאָלד!
לאָמיר אינאיינעם מיט שיינע מתנות דעם פרעמדן פאַרוואַרפן,
אַז מיט אַ האַרץ מלא-שמחה זאָל ער טון צום מאָלצייט געגענען!
און נייערט אייאוריאַלאָס זאָל פריער בעטן ביים אורח
מחילה, און ערשט שפּעטער זאָל ער אים די מתנה דערלאַנגען".
גענאָגט; און דאָס געלייטזעליקטע וואָרט פונם קיניג איז צו זייער
האַרץ דערגאַנגען, אַז דורך העראָלדן האָבן זיי געשיקט נאָך
מתנות. — אָבער מיט הכנעה האָט אייאוריאַלאָס ביים
מלך געבעטן:
„אָ הויכגעאַכפערטער האַר אַלקינאָיאָס!
אויף דיין געהייס וועל איך אַ מחילה וסליחה ביים אורח איצט
בעטן. אָט, ד י ד אָ ז י ק ע שווערד וועל איך צום זכרון אים שענקען:
געגאָסן די שטול איז פון קופער; די שאַרף פון זילבער געשליפן;
פון העלפאַנט-ביין די שייד איז געאַרבעט און מיט גינגאָלד די זייטן
באַשאָטן. אָט אַזאַ מין כלי-זין וועט פיל נוצן אים ברענגען!"
געזאָגט; און אויסשטרעקנדיק די באַנאָגלטע שווערד צום גרויסן האַר
אָדיסייאוט, האָט ער ביי אים זיך געבעטן:
„פריד צו דיר, פריד צו
דיר, מיין טייערער אורח! אָ, אויב מיינע לעפצן האָבן שטותים
געפלאַפּלט, — זאָל נייערט דער שטורעם טון זיי פאַרשלינגען! אָך! הלוואי
זאָל ליבערשט דער הימל ברענגען בקרוב אַהיים דיך בשלום!"
האָט דער בעל-המצאה בן-לאַערטעס דערויף אים געענטפערט:
„אויך איך, מיין טייערער פריינט, טו דיך בענטשן מיט מזל און ברכה!

, הלוואי זאָל דײַן בענקשאַפֿט נאָך דער פּרעכטיק־געשליפֿענער שווערד,
מיט
עלכער דו האָסט מיך באַשאָנקען, — ווערן אויף אייביק פֿאַרלאָשן!"
געזאָגט; און נון האָט ער איבערן אַקסל די שווערד זיך פֿאַרוואָרפֿן. —
גגוסט האָט העליאָס; און אַלץ גרעסער און גרעסער איז די קופּע
תּנות געוואַקסן. און איינגעזאַמלט האָבן העראָלדן די
עשאַנקען צום היכל, וועמען די זין פֿון אַלקינאָיאָס האָבן
י תּיכּף אין דער קאַמער פֿון דער מלכּה אַרעטע באַהאַלטן. —
בער מיטן יתר־העדה האָט אַלקינאָיאָס געני‌דערט צום
יכל, וואו אַלע האָבן זיך תּיכּף אויף די טראָנען געוואָרפֿן. און
עפֿנט זיין שפּרוך צו אַרעטע האָט די קראַפֿט פֿון אַלקינאָיאָס:
„גענען זיך, אָ אשה, אַהערצו צו ברענגען דעם טייערסטן
רון, וואו דו זאָלסט דעם קלאָרסטן כיטאָן מיט אַ כּתונת באַהאַלטן.
זוצדעם, טו באַלד אַרום קופּערנעם קעסל צעבלאָזן דאָס פֿייער,
די אונזער אורח זאָל זיך באָדן און זאַלבן, נאָך איידער ער
ועט — מיט אונזערע מתּנות באַלאָדן — צום מאָלצייט געגעבן,
און אין דער מסיבה פֿון פֿאַיעקן הערן דעם געקלאַנג פֿון דער
זאַרפֿע! — — — אָ, אויך איך װעל אים מײַן הײליקסטן װײַן־כּוס
דערלאַנגען, פֿון
וועלכן ער זאָל שפּרינקלען אינם היימלאַנד לכּבוד דזעאוס מיט אַלע
הימלישע געטער, און אויך מ י ך בשעת־עבודה געדענקען!"
געזאָגט; און אויפֿן געהייס פֿון אַרעטע האָבן תּיכּף די מיידן
אַרום דרייפֿיסיקן קעסל צעבלאָזן אַ פֿייער. און נון האָט
מיט קוואַליקן וואַסער אָנגעפֿולט זיך די כּלי, און אַרום בויך
פֿונם קעסל געקנאַקט האָט אַ גליאיק פֿייער פֿון העלצער און
שייטלעך און שפּענער, אַז גיך, גיך גענומען האָט זידן דאָס וואַסער. — —
דערווייל האָט פֿון איר שאַנק־קאַמער געבראַכט די מלכּה אַרעטע דעם
קאַסטן צו שלעפּן און אָנגעפֿולט אים מיט גינגאָלד און קליידער, מיט
וואָס די פֿאַיעקן האָבן געטון דאָרט איר אורח באַשענקען. און
איבער אַלע חפצים האָט אויסגעשפּרייט דאָרט די מלכּה אַ העמד
מיט אַ צודעק, און באַפֿליגלט מתרה געוועזן דעם פֿרעמדן:
„געדענק: מיט שטאַרקע שטריק זאָלסטו דאָס דעקל פֿון קאַסטן פֿאַרקניפּן,

בכדי אויף דיין היימוועג זאָל דאָס אויג פונם גנב זיין נישט געלאָקערט,
בעת דו וועסט אויף דער שיף אין אַ זיסן דרימל ווערן פאַרזונקען!״
און ס׳איז געווען, ווען אָדיסייאוס געטון האָט די רייד פון דער
מלכה פאַרנעמען, האָט ער מיט חכמה גענומען דעם צודעק
פאַרקניפן, וועמעס סוד עס האָט קירקע געטון אים באַלערנען. — — — און
נון האָט צום וואַרעמען ביטל די שומרת-הפתח געטון
אים באַגלייטן. און זע: דערקוויקט האָט זיין האַרץ זיך פונם לויטערן
וואַסער, — ווייל זינט ער האָט פאַרלאָזט די הייל פון דער שיין-געלאָקטער
נימפע קאַליפסאָ (וואו ער איז, ווי אַ גאָט, געוואָרן געזאַלבט און
געבאָדן), האָט נאָך קיינער אַזאַ תענוג געטון אים דערלאַנגען! — —
און געווען איז, ווען עס האָבן די יונגפרויען זיין קערפער געטון
באָדן און זאַלבן און אַ העמד מיט אַ צודעק אויף זיינע אַקסלען
פאַרוואָרפן, — האָט ער ערשט צו דער טרינקענדיקער חברה גענידערט.
און נון איז אַ פאַרפוצטע מיט הימלישן הדר נייאוזיקאַיאַ
ביים אַריינגאַנג פון דער הויכער עזרה געשטאַנען. און לאַנג, לאַנג
האָט זי באַוואונדערט דעם געטער-צוגלייכן העלד אָדיסייאוס, און
פאַר אים זיך געבוקט און געבויגן, און מיט איר ברכה געבענטשט אים:
פריד צו דיר, פרעמדער, פריד אָן אַ סוף! הער: אויך אָן מיר זאָלסטו אין דיין
היים נישט פאַרגעסן, ווייל איך האָב די ערשטע דיין לעבן באַשירעמט!״
האָט אָבער דער גרויסער העלד בן-לאַערטעס דערויף איר געענטפערט:
„אָ בת-מלכה נייאוזיקאַיאַ, שיינע צווייג פון שטאַם אַלקינאָיאָס!
אַך! זאָל מיך נייערט דער בועל פון הערע, דער בליציקער
דזעאוס, אומקערן בשלום אַהיימצו, — טאָ וועל איך טאָג-איין און
טאָג-אויס לכבוד דיר, אָ טייערע יונגפרוי, אַ קרבן-תודה
דאָרט ברענגען, ווייל נייערט דו, נייערט דו האָסט מיין לעבן באַשירעמט!!!
געזאָגט; און אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש פונם קיניג אַלקינאָיאָס.
און נון האָבן די סאַרווערס גענומען שניידן די פליישן און
מישן די ווייגען. דערוויל האָט אַ העראָלד אַריינגעפירט דעם

ינגער דעמאָדאָקאָס; און אַן אָנגעשפּאַרטן ביי אַ זייל, האָט ער
וועקגעזעצט דאָרט דעם בלינדן. — —

אָבער געזאָגט האָט צום העראָלד דער
אַר אָדיסייאוס, — אָפּשניידנדיק אַ שטיק חוט־השדרה פונם
וייס־צאָניקן און מיט חלב־באַוואַקסענעם חזיר (פון וועמעס
רבן עס איז אים שיריים פאַרבליבן), — און געבעטן אַזוי:
„העראָלד! אַ שטיק פון מיין חלק טו געבן צום זינגער פאַרזוכן
ון זאָג אים, אַז אַ צעבראָכענער גבר געלאָזט האָט אים גריסן!
ז מיט אהבת־נפש טוען לייטן אויף שפייזיקע ערדן
יעדן זינגער צו ליבן, ווייל כבודה די מוזע האָט
ריינגעטרעלט זיי דעם ניגון און איז שולט איבער זייער
ויליקער שירה!"

געזאָגט; און צום זינגער האָט דער העראָלד געטון
ערלאַנגען דעם גבורס מתנה, אַז פון פרייד האָט זיך דער בלינדער
עשמייכלט. — — און נון האָבן אַלע פאַר דער אכילה געכאַפּט זיך.

אָבער נאָכדעם ווי דאָס מאָלצייט האָט געטון זיי דערקוויקן, האָט דער
רויסער בעל־המצאה בן־לאַערטעס פאַרן מנגן צעשאַלט זיך:
„דעמאָדאָקאָס! פון יעדן בן־אדם טוט נייערט מיין האַרץ דיך
ו ליבן. ווייל די מוזע בת דזעאוס, אָדער פויבאָס־אַפּאָלאָן
אָט טיף אין דיין האַרצן פיל שירה געבלאָזן! אַך! מיט שטאַרקער
תפעלות דו האָסט אונז דעם גורל פון אַכאַיאַ באַזונגען און,
וי אַליין אַ געפרוווטער, פון יעדנס מפלה געטון אונז
ערציילן — בכן, שטיי אויף און גענען זיך, אָ גרויסער מנגן,
ון פונם הילצערנעם פערד — טו אונז די מעשה באַזינגען! — אָ,
מיט הילף

ון פאַלאַס־אַטענע האָט עפּייאָס געטון שניצן דעם אָגער;
ון בערמה האָט אָדיסייאוס אָנגעפולט אים מיט גרויסע
בורים, און אַלע מאַנען פון טראָיאַ געטון דאָרט פאַרלענדן!
ון הער: ›ויב דו וועסט אין סדר דעם גאַנצן פיוט באַזינגען, —
ועל איך גרויסן דיין נאָמען און שרייען, אַז אַן אייבערשטער גאָט האָט
ין דיין האַרצן פאַרבלאָנזשעט!"

געזאָגט; און אויף פליגלען פון התפעלות

האָט דער הימל אויף זיין לעפּק וועגן גורל פון אַכייער געטון
זיך צעזינגען: „טייל מאַנען זענען מיט שיפן פון דער פאַרברענטער
מחנה אַנטלאָפן, און דער נשאר איז אינם בויך פון הילצערנעם פערד
מיט זייער פירער אָדיסייאוס בערמה געזעסן. — — אַליין
די טראָיאַנער האָבן דאָס גרויסע פערד אַרויפגעשלעפּט אויף דער פעסטונג.
שטייט אַזוי זיך דאָס פערד, און אַרום הודזשען פיל שונאים, וועלכע
האָבן אויף דרייערליי דעות געטון זיך צעשפּאַלטן. שרייען די
ערשטע: דאָס פערד צו פאַרלענדן; ווילן די צווייטע מיט אַ קנאַק פונם
טורעם עס געבן אַ שליידער; און רק די דריטע האָבן ווילד זיך
צעטומלט, אַז מען זאָל עס צום זכרון פאַר געטער באַהאַלטן!
איז פון אַלע דריי עצות טאַקע פאַרבליבן די מסקנא די
לעצטע. ווייל געוואָלט האָט דער גורל, אַז אויפן געמאַרק פון טראָיאַנער
זאָל דאָס פערד זיך געפינען, פון וועמעס אויסהויל די גבורי-
אַכייאַ זאָלן ברענגען טויט און פאַרדאַרבונג אויף איליאָן!“ — — — און
ווייטער האָט געטון ער באַזינגען, ווי אַזוי פונם פערדישן בויך
האָבן אַרויסגעשיט זיך דאַנייער, און מיט וואָסער נצחון
זיי האָבן דעם שונא באַצוואונגען. — און נון האָט ווייטער זיין זמר
געקלונגען וועגן דער וויסטער מלחמה, בעת אָדיסייאוס
האָט — ווי אַרעס — אינאיינעם מיט מענעלייאָס אויף דעם בורג פון
דייפאָבאָס זיך איילִיק געוואָרפן. און נייערט מיט דער השגחה
פון פּאַלאַס-אַטענע האָבן זיי אים געטון דאָרט באַצווינגען“.

אַזוי האָט דעמאָדאָקאָס געטרילערט. אָבער אַ שווערן קרעכץ האָט געגעבן דער גבור, אַזש אַ טריפיקע טרער האָט פונם אויג איבער וויִעס געריזלט. — — — אַך! אַזוי טוט רק קלאָגן אַן אשה, וועמעס מאַן איז אַוועק אויף מלחמות, בכדי צו באַשיצן זי און די ערד און די קינדער. אָבער אומברחמנותדיק האָט דער שונא געטון אים פאַרלענדן, אַז אויסגיסנדיק איר בליק אויף זיין גסיסה, פאַלט זי מיט אַ געהייל אויף זיין אָרעם. אָבער ווילד שלאָגן שונאים מיט בייטשן און פרענטעס אויף קאָפּ און אויף אַקסל פון דער עלנטער

אשה. — — זי שרייט און זי רעוועט ; אָבער אָן רחמים טוט דער שונא
מיט קייטן אין געפענגעניש זי פירן, אַזש אירע באַקן ווערן
פאַרבלייכט פונם אומגליק : — — — אָט אַזוי האָט פונם ליד איצט געקלאָגט און געוויינט
אָדיסייאוס ! ! ! אָ, פאַר אַלעמענס אויג האָט דער גבור זיין טרער איצט
פאַרבאָרגן. בייערט מעלתו דער קיניג, — וועלכער איז האַרט פאַרן
סבלן געזעסן — האָט זיין טרער דורך די זיפצן פאַרנומען, אַז מיט
זיין שפּרוך האָט ער געטון זיך דערהייבן, און זיין שאַלונג איז ווייט, ווייט
צו פאַיעקן דערגאַנגען :
פאַרנעמט מיין גערייד, אָ גרויסע פירשטן
און האַרן ! פאַרמיידן זאָל דעמאָדאָקאָס זיין ליד אויף דער האַרפּע,
ווייל נישט אַלעמענס הערצער האָט זיין ניגון געטון איצט דערקוויקן !...
הערט : זינט דער גרויסער מנגן טוט פאַרן טיש דאָ צו זינגען, הער איך
כסדר אַ וויסטן געקלאָג מיט ביטערע קרעכצן אויסן האַרץ
פון אורח. אָ ! ווער ווייסט וואָסער צער עס דריקט זיין נשמה ? דערום
פאַרמייד איצט צו שפּילן, אָ הימלישער זינגער, ווייל שענער פאַר אַלץ
איז דער טייערער מנהג, אַז דער אַלטגעזעסענער טוט מיט זיין
אורח אינאיינעם אויף שמחות זיך פרייען ! — — זעט : בייערט צוליב אים
מיר האָבן אונזער איצטיקע סעודה געפּראַוועט, און מיט אַ שיף
און מתנות געטון אים באַשענקען ! אַך ! יעדנס האַרץ, וואו
עס טליִעט נאָר אַ פונק פון רחמנות, טוט העלפן דעם גייער, ווי זיין
פאַרוואָגלטן, אייגענעם ברודער ! — — — דעריבער, אָ פרעמדער, נישט זוך
מיר אַן אויסרייד און ענטפער אויף אַלץ, וואָס איך וועל דיך איצט פרעגן.
זאָג : מיט וואָסער נאָמען האָבן דיך טאַטע-מאַמע גערופן, די
באַלעבאַטים פון שטאָט און אַלע שכנים אַרומעט ? זאָג, וואָרים
קיין שום ילוד-אשה — אַ נאַר צי אַ חכם — וועט דאָך גלאַט אָן
אַ נאָמען נישט בלאָנזשען אויף וועלטן, בעת זיין מאַמע האָט נאָך ביים

פלאָדיען געטון אים אַ נאָמען ? ! — — דערציייל אויך פון דיין לאַנד, פון דיין פאָלק
און פון דיין היימשטאָט דער ווייטער, וואוהין מיינע גיך-לויפיקע
שיפן די יודע-מחשבות, וועלן אַהיים דיך באַגלייטן.
וואָרים זיי וויסן, אַז נישט קיין פירער און שיפער און קירעוועָרס
מיט וועסלעס טוען דאַרפן פאַיעקישע שיפן. ווייל ווי זעערס
טוט יעדע שיף דאָ באַנעמען אַיעדנס מחשבות און רצון,
אַז איבער ימיש געוואַסער, — אין טונקעלע נעכט פון חשכות און
נעפל — טוען זיי שווימען, ווייט, ווייט איבער זאַלציקע ימים און
ברענגען די נוסעים אַהיימצו בשלום ! חוצדעם איז מען פון
אַ נסיון פאַרזיכערט, ווייל קיין שום שטורעם וועט דאָך נישט זיין
ביכולת אַזאַ שיף צו פאַרשלינגען ! — — — פונדעסטוועגן האָט
איינמאָל מיין פאָטער נייאוזיטאָיאָס בנבואה געטון מיר צו
וויסן, אַז דער ים-גאָט פאָזיידאָן טוט זידן פון צאָרן, הלמאי
מיר פאַיעקן שרעקן נישט אָפּ זיך פאַר ימיש געוואַסער, און
יעדן פאַרבלאָנזשעטן טוען אַהיים מיר באַגלייטן. דערום טאַקע
לאָקערט דער ים-גאָט אויף אונזערס אַ שיף מיט אַן אורח, — ער וויל זי
דערטרינקען און אונזער גרענעץ מיט שטיינערנע וואַלן פאַרצוימען.
איצט, - צי איז וואָר אָדער שקר דעם אַלטנס נבואה ; דו אָבער,
אָ פרעמדער, טו מיר סיי-ווי דעם אמת פאַרציילן ! זאָג : אין וועלכע
מדינות האָסטו אויף דיינע נע-ונדנע נסיעות איבער
וועלטן געבלאָנזשעט ? ווי אַזוי קוקן אויס דאָרט די שטעט און די
מענטשן ? צי טומלט נאָך אַלץ דאָרט מיט ווילד-כעסיקע שבטים, אָדער
צי טרעפט מען דאָרט אויכעט גאָטספאָרכטיקע און גאַסטפריינטלעכע מענטשן ?
— — — זאָג : פאַרוואָס וויינסטו אַזוי ביטער, אַזש קוואַליקע טרערן טוען
טריפן פון אויג דיר, ווען מען דערמאַנט דיך אָן גורל פון אַכייאַ
און טראָיאַ ? ! פאַרפאַלן ! ווייל אַזאַ איז געווען דער רצון פון
געטער, אַז איליאָנס חורבן זאָלן אויף אייביק באַזינגען די
דורות ! ! ! — — — דערצייל, אפשר האָסטו אויכעט אויף פעלדער פון איליאָן

אַ קרוב פאַרלוירן, אַ חבר אַ נאָענטן, אַ שווער צי אַן
איידעם, — וואָס באַלד נאָכן בלוט פון די אבות שטייט ער אַזוי נאָענט אונז צום
האַרץ ? — און אפשר, — און אפשר גאָר האָכטו אַ ליבן האַרץ־פריינט אויפן
שלאַכטפעלד פאַרלוירן ? ! וואָרים אַך ! גלייך ווי אַן אייגענעם ברודער איז
אַן איידעלער חבר מיט פריינטשאַפט דעם צווייטן איבערגעגעבן !

# דאָס ניינטע געזאַנג

גערייד ביי אַלקינאָיאָס.
קיקלאָפּייאַ.

און נון האָט מיט זיין שפּרוך דער בעל-המצאה אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט :
„אָ הויכגעאַכפּערטער קיניג און שטראַליקער העלד
אַלקינאָיאָס ! באמת, — ביז דער טיפקייט פון האַרץ שניידט אייביק דער
ניגון, ווען עס טוט אַ מנגן צו די הימלען מיט זיין קול זיך
פאַרמעסטן ! וואָרים צום גרעסטן תענוג פון לעבן איז געגליכנט
אַ שמחה, וואָס אַ פאָלק טוט פראַווען מיט פרייד און מיט נחת, ווען עס
זיצן ביים עס-טיש די געסט זיך מסובין און האָרכן מיט חדווה
די זיסע ניגונים, — וואו אָגעברייט עס שטייט דאָרט פון ברויט און פון
פליישן, און דער שר-המשקים טוט שעפּן דעם וויין פון די לאָגלען
און פאַרטיילט אים בהרחבה פאַר אַרומיקע געסט אין די
כוסות ! — — אָט אַזאַ שמחה — האַלט איך — איז דער טייערסטער תענוג פון לעבן ! — —
דיך אָבער מאַטערט אַ חשק פון מיין קלאָגיקן גורל
אַלץ זיך דערוויסן, בכדי כ'זאָל מיין אומעט נאָך מערער באַווייגען ? ! — —
היינט ווי אַזוי זאָל איך פונם אָנהייב ביזן סוף טון אַלץ דיר פאַרציילן, —
אַז מיך האָבן די געטער מיט שווערע נסיונות געשמיסן ? דערום
וויל איך פריער פאַר אַלץ מיט מיין נאָמען צו פאַר דיר זיך אַנטפּלעקן
און געבן צו אייך זיך דערקענען, — וואָרים אויב מיך וועט ווענס דער
גורל בשלום אין מרחק פאַרטרייבן, — טאָ זאָל אונזער קשר
פון פריינטשאַפט אויכעט פון ווייטנס פאַרבלייבן !
— — — און הערט : אָדיסייאוס
בן לאַערטעס איך טו זיך צו רופן ; מיין פּקחות איז ביי לייטן

מפורסם, אַז ביזן הימל דערגרייכט אַזש מיין שם־טוב ! ! ! — איטאַקאַ רופֿט
זיך מײן היימשטאָט, דאָס זוניקע באַרג־לאַנד, פֿונוואַנען עס טורעמען זיך
נעריטאָנס רוישיקסטע וועלדער ; און האַרט אייבער ביים צווייטן ליגן
אַרום דאָרט די אינזלען : סאַמע, דוליכיאָן און, אַ באַקראַנצטע
מיט וועלדער — זאַקינטאָס. און כאָטש די מאָגערע איטאַקאַ ליגט פֿלאַך
און צעקרומט אַראָפּצו צום צפֿון דערווייטערט (בעת אַלע
שכנישע אינזלען זענען צום זוניקן דרום דערהויבן), —
פֿונדעסטוועגן שפּייזט זי באַוואָפֿנטע העלדן ! — אָ, ווי זיס עס איז
מיר מיין היימיש ווינקל ! — — —
הער : אין דער צעלעכערטער הייל האָט מיך
קאַליפּסאָ, די אייבערשטע נימפֿע, געפֿאַנגען און באַגערט מיט מיר
זיך אָנטשפּויזן ; — הער : אויך די איאיעשע כישופֿטע קירקע האָט
מיט צויבער אין איר היכל צום באַשלאָפֿער געטון מיך [illegible]יערן.
— אָבער זע : צו ב ײ ד ע איז מיין תאווה געבליבן פֿאַרשטיינערט !
פֿאַרוואָס ? — ווייל חוץ טאַטע־מאַמע און היימישע פֿעלדער איז קיין
זיסערס אויף ערדן פֿאַראַנען — (וואָרים וואָס באַטייטן פּאַלאַטעס
און גיטער ביי פ ר ע מ ד ע , ווייט אָן היימישע מענטשן ? !) — —
און איצט פֿאַרנעם, —
און איך וועל פֿון מיין שווערער נסיעה און קראָניאָנס עונש טון
אייך פֿאַרציילן, פֿון זינט איך האָב די ברעגעס פֿון טראָיאַ פֿאַרלאָזט !
צו דער קיקאָנישער פֿעסטונג איסמאַראָס מיך האָבן די ווינטן
פֿון איליאָן געטריבן. און נון האָב די שטאָט איך באַצוואונגען און
אַלע זכרים געשאָכטן : נייערט מיט די ווייבער און מיטן שלל
האָבן מיר אַלע אינאייגעם צו גלייכע חלקים פֿאַרטיילט זיך.
און הגם איך האָב מיין חייל געוואָרנט וואָס גיכער, וואָס גיכער
פֿון דאָרטן אַנטרינען, — זענען פֿונדעסטוועגן די פֿאַרנאַרטע
עקשנים אַדאָרטן פֿאַרבליבן. פֿאַרבליבן, און גענומען
גיסן די וויינען און שעכטן ביים ים־ברעג די שאָף און די ציקלעך
און אַלע שוואַר־באַהערנערטע רינדער ! דערווייל אָבער האָבן די
סטאַדע צעשפּרייטע קיקאָנען געטון רופֿן צו הילף פֿיל שטאַרקע
קיקאָנישע מאַנען ; — גבורים, וואָס הויזן בשכנות און טוען
סיי אויף רייט־פֿערד און סיי מיט אייליקע טריט פֿאַרלענדן דעם שונא.

און זע: אַזוי ווי די שפע פון וועסנע, מיט קווייטן און בלעטער, —
אַזוי האָבן זיי צאָל־לויז געטון אונז צומאָרגנס באַפאַלן,
און קראַניאָנס עונש האָט מיט יעלות איבער אונז זיך געגאָסן!
און פון די אייליקע שיפן ביים ים־ברעג מיר האָבן מיט רוגזה
פון שפיזן און פיקעס אויפן קאָפ פונם שונא געצילט און געטראָפן.
— ווייל כל־זמן דער באַגינען האָט אויף טאָג זיך פאַרצויגן, האָבן מיר
אַקעגן קיקאָנישע רבבות געטון זיך נאָך שלאָגן.
אָבער בין־השמשות, — ווען מיטן אויסשפאַן פון אָקסן טוט העליאָס
זיך נייגן, — האָט שלאָגן געטון אונז דער שונא און באַצוואונגען פון
אים צו אַנטרינען. אָ, צו זעקס גבורים האָבן אונזערע
שיפן פאַרלוירן, און אַוועק איז פון טויט דער יתר־הפליטה!
אָט אַזוי זענען מיר אבלים קוים מיטן לעבן מיט אונזערע
שיפן פון דאָרטן אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט די ליבע,
געטייטע חברים. אָבער נאָך איידער מיר האָבן איבערן
וואַסער געלאָזט זיך, האָבן מיר דריי מאָל מזכיר געוועזן יעדן
קדוש באַזונדער: יעדן נפטר, וואָס קיקאָנען האָבן געטון
אים פאַרציקן! — — אָבער אַך: מיטאַמאָל האָט דזשעוס, דער בליציקער
איינזאַמלער פון כמאַרעס, מיט אַ געשטורעם פון באָרעאַס אויף
אונזערע שיפן געטון זיך צעבלאָזן, און איינגעהילט האָבן
נעפלען די צערודערטע ימים, אַז מיט חשכות האָט דער הימל
געטון זיך צעשפייען. און מיט זעגל־געפלאַטער מיר זענען אַלץ
ווייטער געפלויגן; אָבער פלוצלינג האָט דער כעס פון אָרקאַנען
אונזער מאַסטבוים אויף דרייען און פירן צעריסן! אָ, מיט שרעק און
מיט פחד האָבן מיר אונזערע שיפן ביים ים־ברעג פאַראַנקערט,
וואו מיר זענען צוויי מעת־לעתן כסדר אַדאָרטן פאַרמאַטערט
אין שווערע יסורים געלעגן. און ערשט אויפן דריטן באַגינען,
ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך, האָבן מיר
ווידער די זעגלען איבער די מאַסטן פאַרצויגן; אין דער שווים־שיף
געזעצט און אויפן באַראָט פון די ווינטן געלאָזט זיך טרייבן.
אָט אַזוי האָבן מיר מיט בטחון אַהיימצו געלאָזן זיך.
אָבער געוועזן איז, ווען מיר האָבן קיין מאַלעאַ געפרווּוט זיך
באַגעגן, האָט פלוצלינג באָרעאַס ווייט, ווייט פון קיטעראַ געטון

אונז פאַרוואַרפן. — און נון האָט אַ שווערער געשטורעם ניין טעג איבער
זאַלציקע ימים כסדר געטון אונז צו טרייבן; און ערשט אויפן
צענטן האָב איך צו לאָטאָפאַגן — וואָס געניסן לאָטאָסן —
בשלום געטון זיך דערשלעפן.
און נון האָבן מיר אויפן ברעג דאָרט
גענידערט און מיטן אָנגעטשערפּעטן וואַסער אָנגעבּרייט זיך
אַ מאָלצייט. אָבער געווען איז, ווען די סעודה האָט די הערצער
געטון אונז דערקוויקן, האָב איך צוויי מרגלים מיט אַ העראָלד
גע׳ון שיקן אַהינצו, בכדי אויסצושפּירן דאָס לאַנד און די
מענטשן און די פּרוכט פון דער ערד, יואָס טוט זיי דערנערן. און תּיכּף
האָבן צו דער לאָטאָפאַגישער עדה געטון דערגרייכן
מרגלים; און זע: מיט אָפענע אָרעמס האָבן יענע מיינע
מענטשן באַגעגנט און מכבד געווען זיי מיט לאָטאָס! — אָבער
אַזוי ווי זיי האָבן די קווייטן געטון נאָר געניסן, טאָ
האָבן זיי תּיכּף אָן זייער שליחות פאַרגעסן און באַגערט
שוין אויף אייביק ביי לאָטאָפאַגן פאַרבלייבן, דאָס מיינט: צו פּליקן
לאָטאָסן און פונם אייגענעם היימלאַנד פאַרגעסן!... איך אָבער האָב
די פאַרוויינטע חברים אומצוקערן צום ברעג זיך באַצוואונגען;
אונטער שיף־בענק געטון זיי צו וואַרפן און מיט שטריק זיי געפענטעט.
און צום רעשטל חברים האָב איך תּיכּף באַפוילן וואָס גיכער,
וואָס גיכער מיט שיפן פונדאַנען אַנטלויפן, בכדי דער טעם פון
לאָטאָסן זאָל אָן זייער היימלאַנד נישט מאַכן פאַרגעסן, — האָבן
באַלד טאַקע זיך אַלע פאַר די וועסלעס געוואָרפן און גענומען
שלאָגן דעם אייביקן, זאַלציקן ים־שוים!
און מיט געבראָכענע
הערצער האָבן מיר פון דאָרטן אַלץ ווייטער געשיפט זיך.
און צו דער מדינה פון ווילדע ציקלאָפּן האָבן געטון מיר
דערגרייכן. — אָ, אויפן באַראָט פון קראָניאָן לעבן אַדאָרט זיך די
ווילדע גבורים. און נישט געאַקערט און געזייעט — באַבלימט זיך די
ערד דאָרט מיט ווייץ און מיט גערשטן, און עס שווערן אַראָפּ זיך די
צווייגן מיט זאַפטיקע ווייבען, — ווייל מיט שפּרייז־רעגן דערקוויקט זי גאָט
דזעאוס כ־דר! — און נישט פון אסיפות, משפּטים און חקים

עס ווייסן אַדאָרטן די ריזן ; נייערט זיי הויזן אין לעכער
פון סקאַלעס אויף אַרומיקע בערגער, און יעדערער געוועלטיקט
מיט כעס און מיט רוגזה איבער ווייבער און קינדער, און טעמפּ איז דאָס
רחמנות צום צווייטן.
און נישט נאָענט און נישט ווייט (קעגנאיבער דער
ים־קני, אַרום די נעסטן פון ווילדע ציקלאָפּן) שלאַנגט זיך אַן
אינזל מיט ווילדע באַוואַקסענע וועלדער. און סטאַדעווייז ציען זיך
דאָרטן שווערע שאַרן און מחנות פון ציגן־פראים, וואו
די טריט פון אַ מענטש און די שפּיר־נאָז פון יאַכטמאַן קאָנען נישט
קיינמאָל דעם באַוואַקסענעם מדבר און דעם באַרג־שפּיץ פון סקאַלעס
דערגרייכן. — און נישט דאָס ליד פונם פּאַסטוך און דער בליאַסק פון
דער קאָסע
טוט שאַלן און גלאַנצן אין יענער מדינה ; ווייל אין דער אייביקער
אין־סופיקער פּוסטקייט שפּרינגען נייערט אַרום דאָרט צעווילדעטע
ציגן. — — און נישט פון קיין פּערפּל־פּנימדיקע און געשנאָבלטע
שיפן עס ווייסן אַדאָרטן די ווילדע ציקלאָפּן ; און נישט קיין
האַנט פון אַ בויער טוט קענען די שווערע מלאכה פון זעגלען
און טראַטוועס, מיט וועלכע זיי לאָזן זיך שווימען איבער שטעט
און מדינות — איבער ימים צו מענטשן ! בכדי אָנצוברייטן
כלי־מכשירים אויפן ווילדן באַוואַקסענעם אינזל, — אַז מיט דער צייט
זאָל זייער זאַפטיקער מדבר ווערן באַוואוינט און באַפרוכפּערט ! — אויך
גרינען דאָרט לאָנקעס אַקעגן דעם ים־ברעג, מיט קלאָרענקע קוואַלן
באַרייכערט ; און נישט קיינמאָל פאַרוויאַנען די טרויבן מיט ווייַנען. — און
פאַר דער סאָכע די ערד איז אַ ווייכע, אַז שניט־צייט בויגן שווער זיך
די צייטיקע זאַנגען, ווייל אונטער זיי זענען שמאַלציק די פעלדער ! —
אויך געזיכערט עס איז דאָרט דער אָפּרו פון שיפן, אַז קיין שטריק און
קיין אַנקער באַדאַרף זיי פאַרהאַלטן ; נייערט ווען עס ווילן די
שיפן נישט מער דאָ פאַרווייַלן, טאָ לאָזן זיי ווייטער איבער
ימים זיך שווימען, ווען אַ ווינטל האָט דעם ים־וועג צעבלאָזן ! — —
און ביים ברעג פונם האַפן טוט אויבן פון באַרג־שפּיץ ריזלען געזילבערט
אַ קוואַלעדיק וואַסער, און אים באַשאָטנט אַ וואַלד מיט טאָפּאָלן ! — —
אָט אַ הינצו מיר האָבן מיט פאַרלאָשענע אויגן געשיפט זיך,

אוּן איבער דעם חושך, דעם וויסטן, האָט אַ גאָט געטוּן אוּנז באַגלייטן!
געבלאָנזשעט; אוּן אַ פינסטערער נעפּל איינגעדעקט האָט די שיפן;
אוּן געפייניקט עס האָט אוּנז דער חושך, ווייל לבנה אוּן שטערן
האָבן אין שוואַרצקייט פוּן כמאַרעס געטיקט זיך. אוּן שווער געווען איז
אַ ברעג וואו מיטן בליק צוּ דערכאַפּן, אַז אפילוּ די כוואַליעס מיר
האָבן ביים אָפּשטעל פוּן שיפן געטוּן ערשט ביים ים־ברעג דערבליקן.
אָט צוּ יענע ברעגעס האָבן מיר געטוּן זיך דערשלעפּן; באַפרייט
פוּן זעגלען די מאַסטן, אוּן ביי דער רוּישיק־צעבוּיגענער ים־קני דאָרט
איבערגענעכטיקט, אוּן געוואַרט מיט בענקשאַפט אויפן שטילן באַגינען.
אוּן באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָבן גענוּמען מיר בלאָנזשען אויפן פרעמדן פאַרוואָרפענעם אינזל. —
אוּן זע: פוּן דער סטאַדע האָבן נימפעס, — גאָט קראָניאָנס שײנינקע
טעכטער, — גענוּמען יאָגן די ציקלען — אַ סעוּדה צוּ פאַר מײנע
חברים! אוּן נוּן זענען מיר אײליק צוּ די שיפן געפלויגן,
אָנצוּגורטן די לענדן מיט שפּיזן אוּן פײלן, אוּן אויף דריי
מחנות האָבן מיר געטוּן זיך צעטיילט. אוּן באַלד טאַקע האָט
אוּנזער כלי־זין געצילט אוּן געטראָפן, אוּן מיט שפע האָט גאָט
געטוּן די יאַכט אוּנז באַשערן. אוּן פאַר אַלע צ ו ע ל ף שיפן איז צוּ
נ יי ן ציקלעך געפאַלן דער גורל, אוּן צ ע ן פאַר מיר איז פאַרבליבן! —
אָט אַזוי האָבן מיר ביז שקיעה געטוּן פראַווען אַ סעוּדה
פוּן פלייש אוּן פוּן ווײנען. ווײל פוּן רויטע שיכּרות־זאַפאַסן האָבן
מיר פוּן אוּנזערע שיפן באַוויזן געננוּג נאָך צוּ שעפּן;
וואָרים עמערווייז זיי זענען געוואָרן געטשערפּעט, בעת מיר
האָבן די קיקאָנען געטוּן נאָך באַצווינגען.

מיטאַמאָל אָבער
האָט אַ רויך פוּן ציקלאָפּישע היילן געטוּן זיך דערהייבן,
אוּן אַ געברוּם פוּן טשערעדעס האָט דעם חלל צעציטערט. — דערווייל
האָט העליאָס גענוּמען זיך נייגן, אוּן ביים רוישיקן ים־ברעג
מיר האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט.

אוּן באַגינען, ווען עאָס האָט
מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך, האָב איך אויך איבערגעוועקט די
חברים:

„טוט דאָ פֿאַרבלייבן, אַ רעשטל פֿון מיינע גבורים!
אַליין אָבער וועל איך מיט מיין שיף און מאַטראָזן זיך לאָזן
אַהינצו, בכדי אויסצושפּירן דאָס לאַנד און די שבטים. וואָרים
ווער ווייסט, צי עס הויערן דאָרט נאָך ווילדע גזלנים, צי גאָר מענטשן
מיט איידעלע מידות, וועלכע טוען פֿאַר די געטער זיך פֿאָרכטן?!"
געזאָגט; און תּיכּף האָב איך מיט מאַטראָזן אין דער שווים־שיף
געניִדערט
און באַפֿוילן צו שיפֿער די שטריק פֿון די ברעגעס באַפֿרייען. און
נון האָבן זיך איילִיק די שיפֿער פֿאַר די ווּעסלעס געוואָרפֿן און
גענומען שניידן דעם אייביקן, זאַלציקן ים־שוים!
אָבער ווען
מיין שיף האָט זיך צום שכניִשן ים־ברעג דערנענטערט, — האָט האַרט
ביים ים
— אויף יבשה — אַ שרעקיקע סקאַלע געשוואַרצט זיך, און אַרום די
באַרגיקע לעכער האָבן לאָרבער־ביימער ווילד זיך געשאָטנט, וואו
די אַרומיקע שאָף און באַהערנערטע רינדער טוען זייער
נאַכט־רו געפֿינען! אָ, אַ מוראדיקע פֿעסטונג צוימט אַרום דאָרט
דעם גאָרטן, פֿון שטיינער און פֿעלזן באַשאָטנט און מיט סאָסנעס און
דעמבעס באַפֿעסטיקט!
אָט אַדאָרטן געלעבט האָט אַ שרעקלעכער
מאַנסביל: אַ ריז אַ מתבודד, וואָס האָט כּסדר די סטאַדעס
פֿאַראיינזאַמט געפּאַשעט, אַ גזלן אָן יושר און מיט רשעות אין
האַרצן! און אַ מורא האָט דערוועקט זיך ביים אָנבליק פֿון שרעקלעכן
מאַנסביל, וואָס דער טעם פֿון ברויט האָט אים קענטלעך נישט קיינמאָל
געזעטיקט.
ווייל צו אַ באַרג־שפּיץ אין וועלדער האָט זיין גוף געטון זיך פֿאַרגלייכן.
— און נון האָב געטון איך אַ טייל פֿון די שומרים באַפֿעלן ביים ברעג
דאָרט פֿאַרבלייבן, בכדי צו באַוואַכן מיין איילִיקסטע שווים־שיף. און
אויסדערוויילט האָב איך צוועלף שטאַרקע גבורים, און פֿאַרלייגט אויף די
לענדן דעם ציגענעם וויין־שלויך מיט טונקעלן שיכּרות; דעם לאָגל,
וועלכן עס האָט מיר בשעתו מאַראָן בן אייאואַנטעס געשענקט
במתּנה (ער, דער כּהן פֿון אַפּאָלאָן, וועלכער האָט איבער

איסמאַראַס געוועלטיקט !) — אָ, מיט יראת־הכּבוד מיר האָבן
באַשירעמט א י ם, זיין ווייב און די קינדער (בעת ער האָט געהויזט נאָך
אינם שרעקלעכן טאָל פון אַפּאָלאָן) ; — דעריבער טאַקע האָט מאַראָן
געטון מיך באַשענקען מיט זיבן טאַלענטן פון געשלאָגענעם
גינגאָלד ; מיט אַ מיש־קריג אויף וויינען פון לויטער געפינקלטן
זילבער און מיט צוועלף געפלאָכטענע שלויכן מיט טונקעלע, שטאַרקע
געטראַנקען. וויס : געוועזן אַ סוד איז פאַר זייטיקע מענטשן די
גרויסע מתּנה פון געטער־געטראַנקען אין לאָגלען. ווייל נייערט
ער און זיין אשה מיט דער שומרת־הפּתח געוואוסט האָבן
דעם סוד צו פאַרבאָרגן ! — און אויב עס האָט געגאַרט ווער פונם דאָזיקן
יין־המשומר פאַרזוכן, האָט ער פריער צוואַנציק מאָסן מיט
קרישטאָלענעם וואַסער צו יעדערן וויין־כּוס דערגאָסן, ביז
אַ באַלזאַמישער ריח האָט פונם געמיש זיך געטראָגן און געטון
יעדערנס גומען צערייצן ! — — אָט מיט אַזאַ שיכּרות־געטראַנק
האָב אָנגעפולט איך דעם ציגענעם וויין־שלויך ; און אויך אַ קויש מיט
מטעמים האָב געטון איך פאַרנעמען, ווייל מיין האַרץ אינם בוזעם האָט
געטון מיר צו זאָגן, אַז צו אַ שרעקלעכן מאַנסביל וועל איך
קומען בקרוב ; צו אַ מנוּוול אָן יושר און רחמים ! —
— — — און מיט אייליקע טריט האָבן געטון מיר צו דער הייל פונם ווילדן
גענענען. אָבער ווייט, ווייט מיט זיין סטאַדע איז ער וואו פאַרקראָכן. —
דערווייל האָבן מיר טיפער אין דער שרעקיקער נעסט זיך פאַרקליבן
און געבליבן נשתּומם פון אַלץ דאָרט אַרומעט. — און הער : פולע
שורות מיט קעז האָבן אַראָפּגעשווערט פון די קוישן ; באַזונדער
אין שטאַלן זענען סיי לעמער, סיי ציקלעך געשטאַנען פאַרשלאָסן :
די זויגערס באַזונדער, בן־בּקרס אינאיינעם, און אפילו די
אַלט־פּי אין באַזונדערע כּליוועס. און פאַרסטאַיעטע מילך מיט
ברודיקע עמערס האָבן אַדאָרטן געטוקט זיך, און שעפלעך,
וואוהין ער פלעגט דאָרט צו מעלקן — האָבן אויף דער ערד זיך
געוואַלגערט. —
און נון האָבן אַ טייל חברים געוואָלט דעם קעז אים ראַבירן ;
ביי אַ טייל ווידער האָט צעברענט זיך דער חשק אויך די חיות אויף דער
שיף צו פאַרטרייבן און איבער זאַלציקע כוואַליעס זיך לאָזן. איך

אָבער האָב דערצו קיינעם קיין רשות נישט געגעבן (אָ ! פאַרוואָס
בין איך געווען אַזאַ עקשן ?) — ווייל באַשיינפערלעך האָב איך געגאַרט
אים דערבליקן ; פון זיין מאַלצייט געניסן, — נישט וויסנדיק, אַז ער
וועט מיינע מענטשן צערייסן ! —
האָבן מיר אַ פייער צעפלאַקערט ;
געריוכערט אַ קרבן ; מיט קעז זיך געזעטיקט, און אָפוואַרטן
געזעצט זיך, ביז מיט זיין סטאַדע וועט קומען דער מאַנטביל. — —
און נון האָט
טאַקע מיט אַ מוראדיק ברעם־האָלץ זיך דער ריז־מאַן באַוויזן ;
מיט טרוקענע שפענער, בכדי אָנצוברייטן דעם נאַכט־פרעס ! און מיט
אַ שרעקלעכן קנאַק האַט אַ שליידער געטון ער די שייטלעך, אַז ווילד
געברומט האָט דער חלל, אַזש מיר האָבן פאַר פחד אין די ווינקלען
פאַרשטעקט זיך. — — און נון האָט ער אין ווינקלען פון פעלז־לאָך די
שאָף און די
ציקלעך צו מעלקן פאַרטריבן. אָבער אַלע זכרים, דאָס מיינט מען —
די ווידערס און צאַפּעס, — זענען אין דרויסן ביי דער פעסטונג פאַרבליבן.
דערויף האָט דער ריז־מענטש מיט אַ געוואַלטיקער סקאַלע פאַרמאַכט דעם
אַריינגאַנג פון באַרג־לאָך. און מוראדיק שווער געווען איז די משא,
אַז אפילו דער כוח פון פיר־רעדערדיקע וועגענער אין צאָל
צוויי־און־צוואַנציק וואָלטן דעם שטיין פון אָרט נישט גערירט. אָט אַזוי
האָט ער געטון זיך פאַרשפאַרן ; און גענומען מעלקן די שאָף און
די ציקלעך, און געזעצט אונטער אייטערס פון מאַמעס צום זייגן
דאָס יונגוואַרג. דערנאָך האָט ער אַ העלפט פון דער מילך אָפּגעהויבן
צום איינשטיין און אַ העלפט אין באַזונדערע כלים געגאָסן, אַז
נאָכן זאַטיקן נאַכט־פרעס זאָל צום זויפן אים בלייבן. אָבער וויבאַלד
ער האָט נאָר זיין אַרבעט בחפזון פאַרענדיקט, — האָט ער פייער
צעצונדן, צווישן פלאַמען דערזען אונז און תיכף געפרעגט זיך :
„ווער זייט איר, אָ פרעמדע ? פונוואַנען האָבן די כוואַליעס געבראַכט אייך
אַהערצו ? זאָגט : צי זענט איר צוליב עסקים אין מיין פעלז־לאָך
געקומען, אָדער איר טוט אָן חשבון, ווי ימישע רוצחים,
איבער וואַלן צו שוועבן, בכדי נאָר פרעמדן האָב צו ראַבירן ?"
געזאָגט ! אָבער פון זיין שרעקלעכער צורה און רויען געבריל האָבן

גענומען זיך וואַרפן די הערצער אין בוזעם. און נייערט איך
אַליין האָב מוטיק געשטאַרקט זיך און מיט הכנעה געענטפערט :
„מיר זענען אַכייער ! פון דער ווייטער טראַיאַנישער מחנה מיר
האָבן אַהערצו פאַרבלאָנזשעט. אָ, צו אונזער היימלאַנד מיר זענען
מיט שיפן געפלויגן, אָבער קראָניאָ האָט דעם וועג געטון
אונז פאַרשטערן, און זיין שטורעם האָט אונז אַהערצו פאַרטריבן. — העד :
מיר זענען אַ קריגס-פאָלק, איבער וועמען עס געוועלטיקט דער קיניג
אַגאַמעמנאָן, דער זון פון אַטרייאָס, וועמעס שם-טוב דערגרייכט צו
די הימלען, — ווייל פיל פעלקער און לענדער האָט געטון ער באַצווינגען! —
...זע : איצט פאַלן מיר כורעים פאַר דיין קני מיט געבעט און הכנעה :
זאָל דיין גנאָד אונז דערלאַנגען אַ מאָגערע סעודה, אָדער עפּעס
אַ קליינע מתנה, — אַזוי ווי דער דין איז צו באַגיין זיך מיט
אורחים. — אַך ! פאַר גאָט טו זיך פאָרכטן, ווען דערשלאָגענע קומען ביי
דיר רחמים צו בעטן ; ווייל אַן אל קנא ונוקם איז דזעאוס,
וועלכער טוט פאַרבלאָנקעטע אורחים אונטערוועגנס באַשיצן !”
געזאָגט ; אָבער דער שאַקלהאַפּטיקער ריז האָט דערויף מיר געענטפערט :
„...ביסטו טאַקע אַ טפש פון מרחק, מיין נאַרישער אורח ! מ י ך ,
מ י ך ווילסטו שרעקן צו האָרכן מיט פּחד פאַר דער שטראָף פון די הימלען ?
ניין ! ! ! מיר, ציקלאָפּן, לאַכן אָפּעט פון דיין בליציקן דזעאוס מיט
אַלע הייליקע געטער, ווייל... ווייל מיר זענען שטאַרקער פאַר זיי דאָרט ! ! !
און ווייס : נישט צוליבן כעס פון גאָט דזעאוס וועל איך דיך מיט דיינע לייט
דאָ פאַרשוינען ; נייערט איך וועל טון אַלץ, וואָס מיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן !
און נון לאָז מיך איצט הערן : וואו האָסטו דיינע שיפן פאַראַנקערט ?
נישט ווייט דאָ אין שכנות אָדער טיף אינם איינגוס ? — גיב מיר צו וויסן ! ! !”
געזאָגט ; און איך, דער דערשלאָגענער, האָב אים בערמה געענטפערט :
„אָ ! בעת איך האָב זיך מיט מיינע שיפן אַהערצו דערנענטערט,
האָט מיט ווינט און געשטורעם צעשפּילט זיך דער ים-גאָט פּאָזיידאָן ; און

אַך : אויף שטיקער האָבן פעלזן מיינע שיפן צעריסן ; פיל
חייל האָט דער אַפּגרונט פאַרשלונגען, און נייערט מ י ר זענען צו דיין
הייל-נעסט אַנטרינען !"
גיזאָגט ; און קיין וואָרט האָט דער ציקלאָפּ געענטפערט.
דערפאַר אָבער האָט ער זיין מוראדיקע לאַפּע אויסגעשטרעקט צו
צוויי פון מיינע חברים, — און אַך ! אויף שטיקער, ווי הינט, האָט ער זיי
ביידע צעריסן, אַז פון צעשפּאָלטענע מוחות האָבן מאַרכן
אויף ערד זיך געוואַלגערט ! און וויי ! וויי ! יעדעס אבר באַזונדער האָט
ער צום נאַכט-פרעס צעשטיקלט און ווי אַ באַרג-לייב פאַרשלונגען פלייש
און געדערעם און אָרעמס און היפטן און ביינער ! ! ! — — און נון האָבן מיר
מיט שווערן געיאָמער און פאַרשניטענע הערצער צו גאָט דזעאוס, —
דעם אַלמעכטיקן, הימלישן פאָטער — די דלאָניעס דערהויבן.
ער אָבער, דער וויסטער מנוול, — וועלכער האָט מיט מענטשן-געפרעס
אָנגעשטאָפּט זיך דעם פּעמפּיק און מיט שמאַנטן אָנגעזויפּט זיך דעם
גאָרגל — האָט ברייט זיך ביי דער סטאַדע אינם פעלז-לאָך צעוואַלגערט ! —
און איך ?
— אָ, מיט שווערן כעס און מיט אַ האַרץ פון נקמה האָב געטון איך
באַגערן אַרויסרייסן פון שייד מיין שניידיקע שווערד און מוטיק
צערייסן זיין האַריק לייב, זיין ברוכט און די לעבער ; — אָבער
אַ שווערע מחשבה געטון האָט אַזאַ עובדה פאַרטרייבן :
ווייל סיי-ווי וואָלט דאָך יעדער פון אונז דאָרט געוואָרן אַ קרבן ;
וואָרים ווער וואָלט פון אונז דען געווען ביכולת צו פּרוּוון
דעם ריזיקן שטיין-פעלז צו רירן, מיט וועלכן דער פּרא-אדם
זיין גרוב האָט פאַרשלאָסן ? — בכן האָבן מיר געוואַרט אויף באַגינען ! —
און באַגינען, ווען עס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָט ער ווידער צעזשאַרעט אַ פייער און גענומען מעלקן אין
סדר די שאָף און די ציקלעך, און געלייגט אונטער די אייטערס פון
מאַמעס דאָס יונגוואַרג צום זויגן. — און זע : נאָך דער אַרבעט האָט ער
ווידער צוויי חברים צום רויטן געפרעס זיך צעריסן, און ערשט
שפּעטער האָט ער אַרויסגעטריבן פון דער הייל די טשערעדע. און
זע : שפּילעוודיק האָט אַ כאַפּ ער געגעבן דעם פעלז ביים אַריינגאַנג
און ווי מיט אַ דעקל צום פּייל-טאָפּ — האָט ער ווידער געטון אונז

פאַרשפאַרן! און מיט אַ געפײַפערײַ האָט ער די סטאַדעס אויף די
בערגער פאַרטריבן. איך אָבער האָב מיט בייזער נקמה געגאַרט
אים פאַרלענדן, און געהאָפט, אַז פאַלאַס וועט מיר בײַשטיין אין אומגליק!
אָבער פון אַלע המצאות בין איך ר ק ב יי א יי נ ע ר פאַרבליבן:
— אין דער ציקלאָפּישער נעסט איז האַרט ביי דער שטאַל אַן אָפּגעשיילטע
פּאָליאַנע פון אייל-האָלץ געלעגן; און געטרוקנט עס האָט זיך דער
שטעקן פאַר אַן אָנלען צום ווילדלינג. און גרויס ווי אַ מאַסטבוים אין די
דובינקע צו פאַר אונזערע אויגן געוועזן; ווי אַ מאַסטבוים
אויף אַ שיף מיט משאות, געטריבן פון צוואָנציק מאַטראָזן. —
און נון האָב איך אַ שטיק פון אַ קלאַפטער אָפּגעשניטן פון בוים זיך;
און אויף גלאַטיק געטעסעט עס האָבן דאָס קלאָץ די חברים. איך
אַליין אָבער האָב דערווײַלע גענומען שאַרפן דעם שפּיץ פונם
גלאַטיקן קלאָץ: געברענט און געגליט אים מיט פלאַם און מיט פייער
און שפּיציק דעם פאַל-שפּיץ געשליפן! דערנאָך האָב איך אונטערן מיסט
געטון אים באַהאַלטן; טיף אונטער דער צואה, וואָס האָט זיך איבער דער
הייל דאָרט געוואַלגערט. — — דערויף האָב איך אײַנגעזאַמלט אַלע ליבע
חברים און באַפוילן צו וואַרפן אַ גורל, ווער פון די
יונגען זאָל מיר העלפן מיטן שאַרף-שפּיץ פון שטעקן אויסצושטעכן דאָס
איינציקע אויג פונם מאַנסביל, בעת יענער וועט ליגן און כראָפּען!
און נון האָבן מיר גורל געוואָרפן, און צום גליק איז דער טראָף אויף
פ י ר גרויסע גבורים געפאַלן, און א י ך געווען בין דער פינפטער!
און אָנגעיאָגט האָט דער בין-השמשות מיט דער סטאַדע דעם ציקלאָפּ,
און די שאָף מיט די ציקלעך האָט ער טיף אינעם הייל-לאָך פאַרטריבן.
און אפילו די זכרים — דאָס מיינט מען: די ווידערס און צאַפּעס האָט
ער היינט נישט געלאָזט אויף הפקר; ווייל אַזוי געווען איז דער
רצון פון הימלען! און מיט דער געוואַלטיקער סקאַלע האָט די נעסט
ער פאַרשלאָסן; גענומען מעלקן אין סדר די שאָף און די
ציקלעך און געלייגט אונטער אייטערס פון מאַמעס דאָס יונגוואַרג צום
זויגן. — אָבער אַזוי ווי ער האָט נאָך זיין אַרבעט פאַרענדיקט,
האָט ער ווידער צוויי פון זיינע חברים אויף שטיקער צעריסן
און גענומען פראַווען פון זייערע אַ ברעקלעכע סעודה!
איך אָבער האָב זיך מיט אַ ווײַן-כּוס צום פרא-אדם דערנענטערט:

„אָט איז ווייַן! ווייַן! פאַרזוך אים, אָ ציקלאָפּ, ווייל נאָך אַ
סעודה פון
מענטשלעכע ביינער איז געשמאַק אים צו טרינקען! זופּ, ווייל פון אונזער
פאַרזונקענער שיף האָב קוים איך באַוויזן אַ שאַרפע מתּנה
דיר ברענגען, בכדי דו זאָלסט מיט רחבות אַהיים מיך באַגלייטן!
היי! נישט בורטשע, נישט מרוקע, דו רשע! וואָרים וואַסער בן־אדם
וואָלט וועלן זען נאָך דיין פּרצוף, זינט דו האָסט געשטעלט אונז צום חוזק?!"
גענזאָגט: און ביזן דעק אַרייַנגעהאַקט דער ריז האָט די כּוסה. און פון
דער משקה, דער זיסער, האָט אַ צווייטן כּוס געטון ער באַגערן:
„גיס אָן, זיי מוחל, אַ בעכער אַ צווייטן, און גיב מיר דיין נאָמען
צו וויסן, בכדי איך זאָל מיט מידה כּנגד מידה טון דיר
באַצאָלן! אָ, הגם אויף ציקלאָפּישע ערדן טוט אויכעט צו
שפּראָצן מיט געדראָלערטע טרויבן, — און גאָטס רעגן דערפרישט זיי, —
איז אָבער דיין משקה צו אַמבראָזיאַ און נעקטאַר געגליכנט!"
געזאָגט; און אַ צווייט מאָל האָב איך אַ וויין־כּוס געטון אים דערלאַנגען.
אַזוי האָב איך דריי מאָל אים געגעבן, און דריי מאָל האָט דער שוטה
געזשליאָקעט!
און געווען איז, ווען די משקה געטון האָט צעטומלען
דעם מוח פונם ציקלאָפּ, האָב איך מיט חניפה געענטפערט בערמה:
„מיין נאָמען איז גאָרנישט; און אויך מיין הייב טוט
גאָרנישט מיך רופן —
מיין טאַטע, מיין מאַמע, דאָס הויז און אַלע געטרייע חברים!..." —
אַזוי האָב איך כיטרע געלייקנט; אָבער שאַקלהאַפטיק האָט ער מיר
געענטפערט:
„גאָרנישט וועל צום סוף איך צעררייסן, — אָבער
אומברענגען
וועל איך צום ערשט די חברים!!! — אָט אַזאַ וועט זיין מיין
הבטחה!"
אַזוי האָט דער ציקלאָפּ געענטפערט; און מיט אַ ווילדן געבריל האָט
ער גענומען זיך שאָקלען, און איבערן מיסט פון דער הייל זיך צעצויגן.
און נון האָט אַ ברומיקער שלאָף און אַן עלנט כראָפּען מיט
אַ וויסט געוויל פונם פאַרגאָטענעם האַלז זיך שמאַלציק געכאָרכלט, —

אוּן מיט מענטשלעכע ריפּן אוּן צעבראָכענע ביינער האָט געטוּן
ער צוּ ווערזען אוּן ברעכן — פוּן דער רויטער, צעטוּמלטער משקה !
אוּן נוּן האָב געכאַפּט איך דעם שאַרף־שפּיץ פוּן שטעקן, אויפן צעבלאָזענעם,
גליאיקן פייער צוּ ברענען ; געשפּריצט האָט פוּן קוילן מיט פוּנקען,
— אוּן איך האָב דערווײַלע די חברים מיט חשק צעוואַרעמט, אַז
קיינער זאָל פוּן פּחד נישט טוּן זיך באַהאַלטן. אָבער קוים האָט דער
אייל־דראַנג צעגרינט זיך אין פלאַקער אוּן מוראַדיק ווילד זיך צעהוּדזשעט, —
האָב איך אייליק מיט אים זיך צוּם ציקלאָפּ דערנענטערט. אוּן אַרוּם מיר
זענען די יוּנגען געשטאַנען, אוּן רצון האָט גאָט אוּנז געגעבן ! — — —
אוּן אויפגעהויבן עס האָבן די שטאַנג די פּועלים, אוּן מיט דעם
גליאיקן שפּיץ טיף אינעם אויג אים פאַרפאָרן ; — איך ווידער האָב פוּן
אויבן אַרוּמעט געדרייט אוּן געבויערט. אָ, ווי אַ בויערער
אין דער האַנט פוּנם שיפער, וואָס טוּט בויערן אַ באַלקן, אוּן אַראָפּ אוּן
אַרויף אים דרייען מיט שטריק די געהילפן, — ביז ער דרייט זיך אוּן יאָגט
זיך אינעם געקרייזל פוּן ווינטן : — — אָט אַ ז ו י האָבן געטוּן מיר טיף
אינעם אויג אים צוּ דרייען, אַזש דער שאַרף־שפּיץ האָט מיט בלוּט זיך
באַגאָסן ! —
איבערן אויג, דעם צעפּלאַצטן, האָט די ברעם מיט דער וויע געפלאַקערט,
אוּן פוּן אוּנטערן שטערן האָט אַלץ געזאָטן, געבריט אוּן געסמאַליעט !
— אָ ! ווי דאָס הוּדזשען אין קוּזשניע ביים קאָוואַל, וואָס טוּט קילן אין
וואַסער אַ גליאיקע אַקס אָדער אַן אייזערנע שטאַבע, כּדי
אַזוי אַרוּמעט מיט חכמה צוּ שטאַרקן דאָס אייזן מיט האַרטקייט : —
אָט אַ ז ו י האָט דאָס אויג אים געסיקעט, געצישעט אוּן געזאָטן !
אוּן מיט אַ מוראַדיק געהייל האָט ער גרויזאַם צעברילט זיך, אַז דער
חלל אין הייל האָט געציטערט. אוּן מיר ? — אָ, מיר זענען פוּן שרעק זיך
צעלאָפן ! — אוּן נוּן האָט ער אַרויסגעריסן פוּן אויג זיך דעם
צעבלוּטיקטן שטעקן, אוּן מיט ווילדן ירגזון האָט ער אויף
ערדן געטוּן אים אַ שלײַדער אוּן גערוּפן פוּן ווײַטיק נאָך הילף
די שכנישע ריזן, וואָס הויזן אין די אַרוּמיקע באַרגעס !
— — — האָבן טאַקע אויף זײַן ווילדן געברוּם זיך די שכנים געיאָוועט ;
אַרוּמגערינגלט זײַן נעסט אוּן געפרעגט, וואָס מיט אים איז געשען דאָרט :

פאָליפיימאָס ! וואָסער אומגליק האָט דיך דאָרט געטראָפן, וואָס דו האָסט
זיך אַזוי פּלוצלינג צעיאַכמעט און די הייליקע רו אונז געשטערט ?
צי האָט אַ בן־אדם דיין סטאַדע געוואָלט איצט ראַבירן, אָדער
וויל מען אַליין דיך פאַרלענדן ? !״
האָט פאָליפיימאָס פון דער הייל זיי
געענטפערט :
„ג אָ ר נ י ש ט טוט מיך ראַבירן ; ג אָ ר נ י ש ט טוט
מיך פאַרלענדן !...״
האָבן אים מיט אַ באַפליגלטער שאַלונג זיינע שכנים געענטפערט :
„אויב ג אָ ר נ י ש ט האָט דיך, דעם מתבודד, אין דיין נאַרע צעממיתט, —
טאַ באַטייט דאָס, אַז דיך, גוטער ברודער, האָט גאָט דזעאוס אויפן רעיון
געשלאָגן. בכן, זוך הילף ביי דיין פאָטער, ביים ים־גאָט פאָזיידאָן !״
אַזוי האָבן געשאַלט די ציקלאָפּן, און אין וועג זיך גענומען ;
און איך האָב פון מיין געראָטענעם אויפטו — אַזש האַרציק צעלאַכט זיך ! —
— — געקרעכצט און געוויינט האָט אָן אויפהער דער מאַנסביל, און
טאַפּנדיק אין
חושך, האָט ער אַוועקגעשאַרט דעם פעלז פונם פאַרשפּאַרטן אַריינגאַנג.
און נון האָט מיט אויסגעשפּרייטע הענט אינם אַרויסגאַנג דער
ציקלאָפּ
געזעצט זיך און געהויערט : ווער עס וועט פּרוּוון מיט זיין סטאַדע
אַנטלויפן ! — (ווייזט אויס, אַז ער האָט מיך פאַר אַזאַ שוטה געהאַלטן !...)
...מיר אָבער געפּיקט האָט אין מוח וועגן כּלערליי מיטלען פון
חרות פאַר זיך און חברים. און טויזנטער וועגן, המצאות
און פּלענער האָב איך געמאַכט און צעשטערט. — ווייל גייערט אין
האַנט פון
שרעקלעכן ווילדלינג איז געלעגן אונזער גורל פון לעבן ! און
זע : סוף־כּל־סוף בין איך קוים אויף אַ גוטער המצאה געפאַלן ;
און הער : גרויסע, ווי ריזן, האָבן ווילדע און טונקל־וואָליקע
שמאַלציקע צאַפּעס דאָרט אין דער פאַרעיפּושטער נעסט זיך געפונען.
האָב איך בשתיקה פון פּרא־אדמס געלעגער געפלאָכטענע
ווערבענע ריטלעך גענומען און צו דריי צאַפּעס אינאיינעם
געפּענטעט. און יעדערער מיטל־צאַפּ האָט איינעם פון מיינע

חברים געטראָגן, און די זייטיקע צוויי — האָבן געטון אים באַשיצן !
אוּן געוועזן איז, ווען אוּנטער זיך האָבן יעדן גבוּר
צוּ דריי חיות געטראָגן, — האָב איך פוּן. דער סטאַדע צום גרעסטן צאַפּ
זיך גענוּמען : ביים חוּט-השדרה געפּאַ־ט אים און טיף אוּנטער זיין
ווילד-וואָליקן בויך זיך אַרוּנטערגעקאַטשעט. — אָ ! מיט הענט און פיס
האָב איך אַריינגעדרייט זיך אין זיינע צעפּאַטלטע קודלעס און
מיט אַ האַרץ פוּן שרעק און בטחון געוואַרט אויפן שטילן באַגינען.
און באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָבן זיך די זכרים פוּן הוּנגער געריסן אַרויס אויף די
לאָנקעס ; און מיט אָנגעשוואָלענע אייטערס עס האָבן פוּן שטאָל זיך
די בהמות געבעטן צוּ מעלקן ! — —
דערווייל האָט פּאָליפיימאָס
מיט שווערע יסורים ביים אַרויסגאַנג צעזעצט זיך : געגלעט און
געטאַפּט יעדן באַראַן באַזונדער ; וואָרים נישט געוואוּסט האָט דער
טפש פוּן מיין וואויל שטיקל אַרבעט : אַז איך האָב די יונגען אוּנטער
די צאַפּישע בייכער באַהאַלטן ! — און שווער און מגושם האָט מ יי ן
באַראַן נאָכגעשלעפּט זיך צום סוף פוּן דער סטאַדע, און דער מנוּוול
פּאָליפיימאָס האָט אויך מ יי נ ע ם געגלעט און געטאַפּט און געלאַסטשעט :
„אָ טייערער צאַפּיק ! פאַרוואָס שלעפּסטוּ זיך היינט אַזוי שווער הינטער
דער סטאַדע ? דוּ פלעגסט דאָך צום ערשטן אויף די לאָנקעס צוּ שפּרינגען ; צוּ
רייסן די זאַפטיקע, בלוּמיקע גרעזלעך ; צוּ שטילן דעם דוּרשט זיך
ביים קוואַליקן וואַסער און קומען דער ערשטער בין-השמשות צוּ דער
שטאָל-צוּ, — היינט : פאַרוואָס-זשע האָסטוּ פאַרשפּעטיקט ? — אָ, עס קאָן זיין, אַז אויך
דוּ טוּסט איצט באַוויינען דאָס ליכט פוּן דעם אויג מיינעם, וואָס אַ פרעמדער
רוצח געטוּן פוּן דיין האַר האָט פאַרציקן ! אַך, — ג אָ ר נ י ש ט מיט זיין
באַנדע האָבן מיט ווין מיך פאַרשיכורט ; אָבער הער : איך בין נאָך פוּל

מיט בטחון, אַז דעמדאָזיקן מערדער וועל איך בקרוב
פאַרלענדן! אָ, ווען דו, מיין טייערער קאָזשעל, זאָלסט האָבן אַ שפּראַך
מיט רעיונות און פאַר מיר מגלה סוד זיין, וואו דער שוטה האָט
געטון זיך באַהאַלטן?!? היי! מיט אַ טלום אויף דער ערד וואָלט איך דעם קאָפּ
אים צעקרישלט, אַז בלוטיק וואָלט זיין מוח איבער סקאַלעס צעשפּרייט זיך, —
אָט אַזאַ נקמה וואָלט איך, דער בעל־מום, אין ג אָ ר נ י ש ט גענומען!..."
געזאָגט; און אַ באַפרייטער איז ער ווידער אַרויס אויף דער לאָנקע.
אָבער וויבאַלד איך האָב זיך פון דער נאָרע דערווייטערט, האָב איך אי
זיך, אי חברים באַפרייט פון די צאַפּעס. און גיך, גיך האָבן מיר
אַרומגערינגלט די שאָף און די רינדער און מיט זייטיקע
וועגן צו אונזערע פריידיקע שיפן געטון זיי פאַרטרייבן!
און נון האָבן די חברים ביים ים־ברעג מיט פרייד אונז באַגעגנט;
אָבער דעם גורל פון פאַרציקטע מאַטראָזן האָבן געטון זיי
באַוויינען. אָ! מיט שטילער טרייסט האָב איך איינגעשטילט די געמיטער
און ליבערשט באַפוילן די שמאַלציקע סטאַדעס אויף אונזער שווים־שיף
פאַרלאָדן און נעמען שניידן דעם אייביקן, זאַלציקן ים־שוים!
און גיך, גיך האָבן די שיפער אַרום די שיף־בענק פאַר די וועסלעס
געטון זיך צו וואַרפן און גענומען שניידן דעם אייביקן
זאַלציקן ים־שוים. — אָבער געשען איז, ווען אונזער שיף האָט זיך אויף
אַ מהלך פון אַ מענטשלעכער שאַלונג דערווייטערט, האָב איך
מיט מיין קללה אויפן חשבון פון ציקלאָפּ מיט חוזק צעשאַלט זיך:
„פּאָליפיימאָס, פּאָליפיימאָס! ניעט קיין צוציק, אַ פּחדן, איז ד ע ר,
וועמען דו האָסט די חברים אין דיין נאָרע צעריסן! היי! אויף
אויף דיר איז די צייט איצט געקומען! האָ־האָ! צוליבן געפרעס האָסטו
פאַרבלאָנזשעטע אורחים פאַרטיליקט? — — אָט דעריבער האָט גאָט דזעאוס
געטון דיך שטראָפירן!!!"
געזאָגט; און נאָך הייסער האָט זיך דער ציקלאָפּ
צעזאָטן, אַ באַרג־שפּיץ צעריסן און אויף מיין שיף זיך פאַרמאָסטן.
אָ! פונם מעכטיקן שליידער איז שיער דער עק פונם רודער צעשפּרינגען!
צום גליק אָבער איז דער באַרג־פעלז אויף יענער זייט שיף געוואָרן

פַארזונקען. אָבער פונם שרעקלעכן וואָרף האָט אויפגעהויבן דער ים
זיך מיט כעס און געריודער און צוריק אויפן ים־ברעג מיין שווים־שיף
צעזעגלט !... און הער : אויך איך האָב זיך תיכף מיט אַ ריזיקן קלאָץ
דאָרט פאַרמאָסטן : גענומען שטויסן מיט אימפעט מיין שיף פון די
ברעגעס און שווייגיק צו יונגען באַפוילן, וואָס גיכער מיט וועסלעס
צו שניידן די כוואַליעס, בכדי פון זיכערן טויט צו אַנטרינען !
און מיט קראַפט און קוראַזש האָבן די שיפער געקרעכצט ביי די
וועסלעס ! ! ! —

און געשען איז, ווען מיר זענען געווען שוין געטאָפּלט דערווייטערט, —
האָט ווידער מיין קללה צעשאַלט זיך. — אָבער איינשטילן מיין צאָרן
האָבן געפּרוווט די חברים, און מיט חניפה שטיל מיך געבעטן :
„אָ ! צי ווילסטו מיט דיין חוצפה דעם ריז־מאַן נאָך מערער צערייצן ?
זע : צוליב דיין כיטרער פאַרשייטקייט האָט דער ציקלאָפּ איבער אונזער
קאָפּ זיך פאַרמאָסטן, אַז שיער, שיער וואָלטן די וואַלן געטון אונז
פאַרשלינגען ! און איצט — אַך ! אויב ע ר וועט אַן איינציק וואָרט
נאָך דערהערן, —
טאָ וועט זיין ציל־טראַף מיט אַ שרעקלעכן שטיין־באַרג אונזער אַלעמענס
קעפּ דאָ צעשפּאַלטן און אונזערע שיפן אויף שטיקער צערייסן !"
גזאָגט ; אָבער מיין רצון האָבן זיי נישט באַוויזן צו ברעכן.
און ווידער האָבן מיינע לעפצן מיט אַ קללה צעשאַלט זיך :
„פּאָליפיימאָס, פּאָליפיימאָס ! אויב דיך וועט אַ בן־אדם וועגנס
פרעגן : ווער עס האָט דיין אויג־ליכט צעפּלאַצט אַזוי קונציק ? — טאָ
ענטפער :
— איטאַקאַס גרויסער זון, דער ערדן צעטרייסלער אָדיסייאוס
בן לאַערטעס, האָט קונציק דאָס אויג־ליכט צעפּלאַצט מיר בערמה !" —
אַזאַ געווען איז מיין קללה ; און מיט ווילדן געבריל האָט זיך דער
ציקלאָפּ צערעוועט :
„ווי מיר, ווי מיר ! געוואָרן איז די נביאה
מקוים ! — הער : געטון האָט אַ זעער פאַרצייטנס דאָ הויזן — האָט
ע ר , דער גרויסער חוזה טעלעמאָס בן עאומיראָס, אונז ציקלאָפּן
כסדר יעדן עתיד באַוויזן, ביז גרייז־גרוי זיין קאָפּ איז
געוואָרן. — און אָט אַזוי האָט נביאות געזאָגט מיר טעלעמאָס :

„די מעכטיקע האַנט פון אַדיסייאוס וועט דיין אויג דיר צעפּלאַצן!"
און איך? אָ, אַ מוראדיקן ריז האָב געטון איך דערוואַרטן: —
אַ באַפּאַנצערטן גבור, וואָס וועט אין מיין הייל ווענס פאַרבלאָנזשען.
צום סוף איז גאָר אַ נישטיקער צוציק אַהערצו געקומען;
מיט ווייַן, מיט ווייַן מיך פאַרשיכורט, — און געטון דאָס אויג מיר פאַרברענען! — — —
— — בכן, קום נענטער, קום נענטער, אָ זון פון לאַערטעס, בכדי איך
זאָל מיט מתנות אַהיים דיך באַגלייטן! קום, ווייל איך בין אַ זון
פונם ים-גאָט פּאָזיידאָן, וועלכער וועט תיכף אַ נס מיר באַווייזן
און דאָס פינסטערע אויג מיט ליכטיקייט באַשטראַלן, — וואָס חוץ אים וועט נישט
קיין גאָט און נישט קיין בן-אדם צו אַזאַ נס זיך פאַרמעסטן!"
אַזוי האָט ער געוואָלט מיך פאַרנאַרן; איך אָבער האָב ווייטער מיין קללה געגאָסן:
„פּאָליפיימאָס, פּאָליפיימאָס! הלוואי וואָלט איך
אַזוי זיכער דיין גוף און נשמה צום האַדעס פאַרטריבן, — ווי
איך בין זיכער, אַז אפילו פּאָזיידאָן וועט אַ ז ו י נ ס נישט באַווייזן!..."
אַזאַ געווען איז מיין קללה; אָבער צום וויים-אויסגעשטערנטן
הימל האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע לאַפּעס און מתפּלל געווען
צו זיין פאָטער:
„דאָס געבעט פון מיינע ליפּן טו איצט פאַרנעמען, —
אָ פאָטער פּאָזיידאָן מיט דער טונקעלער גריווע! אויב איך האָב זיך
באמת פון דיין זרע געפּלאָדיעט און דו האָסט ווי אַ קינד מיך
געקיכלט, — טאָ טו פאַרוויסטן דעם היים-וועג פונם לענדער-באַצווינגער
בן לאַערטעס! אויב אָבער דער גורל האָט געטון אים באַשערן
צו זען ווענס איטאַקאַ, זיינע לייט, מיטן פרעכטיקן היכל, — טאָ זאָל
אַן איינזאַם-פאַרוואָגלטע שיף אים פירן אַהיימצו מיט נויט און
מיט עלנט, און שווערע חרבנות זאָל אין דער היים ער געפינען!"
אַזאַ געווען איז די תפילה; און פאַרנומען האָט זי פּאָזיידאָן!
און נון האָט זיך ווידער דער ציקלאָפּ מיט רוגזה צעזאָטן און מיט
נאָך אַ מעכטיקערן שטיין-באַרג אויף אונזער שיף זיך פאַרמאָסטן.
אָ! פונם כעסיקן שליידער איז שיער דער דעק פונם רודער צעשפּרינגען! —

צום גליק אָבער איז דער באַרג-פעלז פון פּ אַ ר נ ט געוואָרן פאַרזונקען,
אַז פונם שמיץ האָט אויפגעהויבן דער ים זיך מיט כּעס און געוודער
און ווייט, ווייט איבער י ע נ ע ר ז ײ ט ים-ברעג געטון אונז
פאַרוואָרפן!

אָט אַזוי האָבן געטון מיר דערגרייכן צום אינזל, וואו אַלע
איבעריקע שיפן זענען געווען פאַראַנקערט, וואו מיט
טרערן אין די אויגן האָבן חברה אונזער אָנקום באַגעגנט.
און באַלד האָבן אויך מיר אונזער שיף אין די זאַמדן פאַראַנקערט, אויף
יבשה געגנידערט און גענומען טרייבן פון דאָרט די שאָף
און די צאַפּעס. — — און נון האָבן מיר אויף גלײַכע חלקים מיט דעם
פאַרנומענעם שלל געטון זיך צעטיילן. צו פאַר מיר אָבער
האָבן פאָראויס נאָך מיינע ליבע און גלאַנציק-באַפּאַנצערטע
יונגען מיטן גרויסן ציגן-באָק געטון מיך פאַרטיילן. — — האָב איך אים
תּיכּף געשאָכטן לכּבוד דזעאוס בן קראָנאָס, דעם מעכטיקן
וועלט-צעטרייסלער. אָ! נייערט צוליב א י ם האָב פאַרברענט איך
די לענדן, — אָבער ווי: נישט צום הימל איז מיין קרבן דערגאַנגען,
און נישט דער גזר-דין איז געוואָרן צעריסן; — נייערט דזעאוס, דער
נוקם-ונוטר, האָט די פריינט אין די שיפן אינם אָפּגרונט פאַרשלונגען!

אָט אַזוי זענען מיר איבער פלייש און איבער וויינען ביז טיף אין
דער שקיעה אַדאָרטן געזעסן. און ערשט ווען העליאָס גענומען
האָט שטאַרבן, און חשכות איינגעדעקט האָט די וועלטן, — זענען מיר
ביים רוישיקן ים-ברעג אין דרימל פאַרזונקען.
אָבער ווען עאָס
האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך, האָב איך ווידער אין מיין
שווים-שיף געגנידערט און באַפוילן די פאַראַנקערטע שיפן פון
די שטריק צו באַפרייען. און גיך, גיך האָבן די שיפער אַרום
די שיף-בענק פאַר די וועסלעס געטון זיך צו וואַרפן, און גענומען
שניידן דעם אייביקן, זאַלציקן ים-שוים.
אָט אַזוי זענען מיר פון
אומגליק אַנטלאָפן און געטרויערט נאָך די פאַרציקטע חברים!

# דאָס צענטע געזאַנג

געשעעניש מיט איִלאַס; ביי לעסטריגאָנען
און ביי קירקען.

— און צום איִיאַלישן אינזל האָבן מיר געטון זיך דערשלאָגן,
וואו דער געטער-צוגלייכער אייאָלאָס בן היפּאָטאָס געוועלטיקט
מיט חסד! אָ, אויף זיין שווימיקן אינזל האָט אַ בראָנזענער בורג
זיך געטורעמט, און באַפעסטיקט מיט פעלזן האָט פאַרצוימט זיך דער
היכל. און צוועלף קינדער האָט ער אין יענער פּאַלאַטע געפּלאָדיעט:
זעקס ליבע, שיין-בלומיקע טעכטער און זעקס שטאַרקע, הויך-שלאַנגיקע
יונגען. און נון האָט ער די שוועסטער פאַרקנסט צו די ברידער, — בכדי
די זין און די טעכטער און איידעמס און שנירן זאָלן זיצן
כסדר ביים טיש פון די אבות און פראַווען מיט ליבשאַפט די
סעודות! און טאָג-איין, טאָג-אויס האָט אין דעם בורג דאָרט געקלונגען
דאָס ליד
פון דער האַרפע; אָבער נאַכט-איין, נאַכט-אויס זענען אויף זייערע
ווייך-וואַרעמע בעטן די מענער ביי די ווייבער געשלאָפן! — — —
אָט צו יענעם פרעכטיקן שלאָס האָבן מיר געטון זיך פאַרקלויבן!
און אַ גאַנצן ירח האָט אייאָלאָס אין זיין בורג מיך פאַרהאַלטן
און געגאַרט זיך דערוויסן פון איליאָנס כּוח, פון אַרגאָסעס
שיפן און פון מיינע היילות. — געגאַרט; און איך האָב אַלץ געטון
אים אַנטפּלעקן! — — אָבער נאָך דער אַנטפּלעקונג האָב איך אים געבעטן,
אַז ער זאָל אַהיים מיך באַגלייטן. און זע: אַ פעלענעם שלויך פון
אַ ניין-יאָריקן בוהיי האָט דער מלך געטון מיר דערלאַנגען; —
אַ פאַרכישופטן לאָגל, וואו אַלע בייזע אָרקאַנען האָבן
געטון זיך באַהאַלטן! (זע: אונטער דער שמירה פון אייאָלאָס האָט
גאָט דזעאוס איבערגעגעבן די מאַכט פון די ווינטן, און נייערט

ברצונו האָבן זיי געפּרויזט און געשוויגן !). און נון האָט ער מיט
אַ זילבערנער פּרעזענטע דעם לאָגל מיט ווײַנטן אין מײַן טרייב-שיף
פאַרפּענטעט, אַז אפילו דער לײַכטינקסטער בלאָז האָט פון אים גישט
געווייעט ! און הער : מיטן גרינגסטן זעפיראָס האָבן די שיפן
קיין איטאַקאַ גענומען זיך שנײַדן, אָבער אַך : צוליב אַן
אייגענעם שטות זענען מיר אין אַן אומגליק געוואָרן פאַרזונקען ! —
אוּן געווען איז, אַז מיר האָבן נײַן מעת-לעתן איבער ימים
גערודערט, — האָט אויף דער נאַכט אויף דער צענטער אונזער לאַנד זיך
מיט ליכטיקייט באַוויזן, וואו געבליצט האָט אַקעגן די שמורה
פון ימים ! — — איך אָבער בין פאַרמאַטערט פון אַרבעט אין אַ שווערן
שלאָף געוואָרן פאַרזונקען ; ווײַל רק איך אַליין האָב כסדר מיטן
קירעווער געשניטן די זעגלען, כּדי וואָס גיכער, וואָס גיכער
מײַן היים צו דערגרייכן ! — — — און נון האָבן חושד געווען מיך די לײַט
פון מײַן שווים-שיף, אַז מיט גינגאָלד און זילבער האָט אײאָלאָס בן
היפּאָטאָס געטון מיך באַשענקען, — דעריבער האָט איינער צום
צווייטן געטענהט :
„אַ פּלא-והפּלא, אין יעדער מדינה,
וואוהין ער טוט זיך באַווײַזן, טראָגט מען אים פיל כּבוד און ליבשאַפט
אַקעגן. אפילו פון טראָיע האָט ער אַ זילבערנעם שלל
פון טײַערן צירונג באַצוואונגען. און מיר ? זאָגט : פאַרוואָס-זשע זאָלן
מ י ר אומקערן אַהיים זיך מיט גאָרנישט, בעת צו אַלע צרות
זענען מיר דווקא י אָ גלײַכע שותּפים געווען ? — אויך א י צ ט האָט
אײאָלאָס אים זיכער מתּנות געגעבן ; בכן, קומט, — לאָמיר
זײַן טאָרבע צעפּראַלן און אין פאַרבאָרגענע אוצרות זיך שפּיגלען !...״
געזאָגט ; און צו דער מיאוסער נבלה האָבן אַלע געגרייט זיך.
און נון האָבן צעפּראַלט זיי דעם לאָגל, און ווי : מיטאַמאָל האָבן
אַלע בייזע אָרקאַנען אויסן שלונג זיך צעבלאָזן, און אַ שווערער
געשטורעם האָט ווײַט, ווײַט פון אונזער היימלאַנד אינם קלאָגיקן מרחק
מיט אונזער געביין איבער פאַרוואָרפענע ימים געפלאַטערט ! — — און
נון האָב איך איבערגעוועקט זיך פון דרימל ; און צוויי דעות האָבן
מײַן הארץ געעקבערט : צי זאָל איך זיך וואַרפן אינם ימישן
קבר, אָדער וואַרטן בלחש און בלײַבן נאָך לעבן ? — — און מיט

אַ באַהאַלטן פּנים בין איך איינגעגנוועט אויף דער שיף־דעק
געלעגן. און ברומיק האָבן אַרקאַנען צוריק אונזער שיף צום
אייאַלישן אינזל געשמיסן, און געקלאָגט און געהעשעט
האָבן פון צער די חברים!
אין נון האָבן מיר ווידער אויס די
שיפן גענידערט און מיטן געטשערפּעטן וואַסער צו אַ מאַלצייט
געגרייט זיך. — — אָבער באַלד נאָך דער סעודה האָב איך מיט אַ חבר אין
וועג זיך גענומען, און אַ העראָלד האָט געטון אונז באַגלייטן! און
ווידער איז אייאָלאָס מיט זיין הויזגעזונט געזעסן ביים פראַוועון;
און ווידער האָבן מיר אויף דער שוועל פונם שער־המלך מיט הכנעה
געזעצט זיך; און פון שרעק האָבן אַלע אַזש פאַרבליפטע צעשאַלט זיך:
„אָך, וואָסער שד האָט דיך ווידער אַהערצו פאַרטריבן? זאָג: צי טרייבט
דיך אַ מזיק, וואָס אונזער מילדער באַגלייט האָט דיך ווידער פונם
היימלאַנד פאַרוואָרפן? היי! וואָסער שטן האָט דיך ווידער באַוויזן?!"
אַזאַ געווען איז די שאַלונג; און איך האָב דערויף זיי געענטפערט:
„ווי מיר, ווי מיר! אין סאַמע געדרימל האָבן בוגדים געטון מיך
צעברעכן; און נייערט איר, נייערט א י ר קאָנט מיין אומגליק פאַרלענדן!"
אָט אַזוי האָב איך געגאַרט זיי די הערצער באַצווינגען; אָבער ווי
פאַרשטומט האָבן אַלע געשוויגן, און נייערט דער מלך האָט ווילד
זיך צעבייזערט:
„גיי! טראָג זיך אָפּ פון מיין אינזל. דו מיאוסקייט פון
אַלע פּרצופים! — — וואָס? אונטער מ יי נ ע פליגלען ווילסטו אַ מקום־
מקלט געפינען? — ניין! טראָג זיך אַרויס, ווייל די קללה פון הימלען
האָט אויף דיר זיך צעגאָסן!!!"
געזאָגט; און פון זיין שלאָס מיך פאַרטריבן!
און נון האָבן מיר ווידער מיט געבראָכענע הערצער גענומען
זיך שווימען. אַך! מיד און פאַרמאַטערט זענען געפאַלן די וועסלעס
אויס די הענט פון די שיפער, און קיינער איז צו הילף נישט געקומען!
אָט אַזוי האָט זעקס מעת־לעתן כסדר געפּאַטשט אונז דאָס וויסטע
געוואַסער; און ערשט אויפן זיבעטן האָט עס צום לעסטראָגאָנישן
לאַמאָס געטון אונז פאַרוואָרפן; אַהין, צום כּרך טעלעפּילאָס, וואו

יעדערער פאַסטוך, וואָס יאָגט אַהיים מיט דער סטאַדע, הערט פון ווייטנס
דעם אָנקום מיט זיין טשערעדע דעם חבר! און אַ געטאַפּלטן
לוין קאָן יעדערער שלאָפלאָזער פאַסטוך אַדאָרטן פאַרדינען: פאַר די
ציקלעך בייטאָג און פאַר רינד־פי ביינאַכט; — ווייל אַ קנאַפּע מחיצה
איז די גרענעץ צווישן ליכטיקייט און חשכות!

— — — זענען מיר אַהינצו
צום דערמאַנטן ים־ברעג געוואָרן פאַרוואָרפן, — אָבער אַך! בייזע,
שאַרף־צאָניקע שטיין־ווענט טוען מיט שרעקלעכע סקאַלעס דעם באָרט דאָרט
פאַרצוימען, און צוויי פעלזיקע שפּיצן רייסן דעם ים־פּאַס אין
יעדער זייט פון געוואַסער און טוען אינם איינגוס דעם אַריינצו
פון שיפן פאַרשמעלן!

אָט אין יענער ענגשאַפּט האָבן חברים
זייערע בייכיקע שיפן פאַראַנקערט און שיף־צו־שיף מיט די
פאַרמאָזאָליעטע דלאָניעס און געפלאָכטענע פרענטעס אינם ים־פּאַס
פאַרפּענטעט, — פאַרוואָס? ווייל נאָך קיינמאָל האָט קיין כוואַליע פון דאָרט זיך
געריסן, — נייערט אַן אייביקע שטילקייט געהערשט האָט אַרומעט!
איך אַליין אָבער בין ביי דער זוים פונם שמאָלן אַריינגאַנג פאַרבליבן.
און ווען מיין האַנט האָט צו אַ סקאַלע מיין שווים־שיף פאַרפּענטעט, בין איך
תיכף אַרויף אויפן העכסטן שפּיץ פונם טורעם, וואו לאַנד האָט
געבלאַנקט מיר
אַקעגן. אָבער ווי: אַ פוסטער, אומבאַקאַנטער מדבר אָן
חיות און מענטשן האָט געשוואַרצט זיך אַקעגן, און נייערט רויך,
נייערט רויך האָט מיט וויסטן געווירבל צעריסן די הימלען!!! — — און
נון האָב געשיקט איך מרגלים, בכדי אויסצושפּירן דאָס לאַנד און
די ברואים, מיט דער פעסטקייט פון ערדן. און צוויי האָבן אַהינצו
געגנידערט, און אַ העראָלד האָט געטון זיי באַגלייטן! — און געווען
איז, ווען זיי האָבן מיטן וואַלד־וועג צום אויסקוק געלאָזט זיך, מיטן וועג
פונם
באַרג, וועלכער האָט מיט וועגענער געהילך אָנגעזועטיקט ישובים, —
האָבן זיי אונטערוועגנס ביים ברונעם אַ יונגפרוי באַגעגנט: די
שיינע בת־מלכה פונם לאַסטריגאָנישן האַר אַנטיפאַטעס.
און צום ריזלדיקן אַרטאַקאַ האָט די יונגפרוי געגנידערט,

פֿון וואַנען איר עדה טוט שעפּן ביי דער נימפֿע דאָס וואַסער. — און
זאַלבעדריט האָבן מרגלים ביי דער יונגפֿרוי געפֿרעגט זיך:
„ווער
געוועלטיקט אין אייער מדינה?״
און תּיכּף האָט זי צום היכל
געטאָן זיי באַגלייטן. — — אָבער אַזוי ווי זיי האָבן אויף דער שוועל נאָר
געניִדערט, איז זיי אַ שרעקלעכע אשה, ווי אַ צעטורעמטער
פֿעלז־באַרג, געקומען אַקעגן; אַז אַ ציטערניש אָנגעכאַפּט האָט
מרגלים! — און מיט אַ ווילדן געהויל האָט די געטורעמטע מלכּה
געטאָן רופֿן פֿון געמאַרק איר מאַן אַנטיפֿאַטעס, וועלכער האָט
תּיכּף אַ מרגל צעריסן אויף שטיקער! און קוים מיטן לעבן
זענען די איבעריקע צוויי צום ים־ברעג אַנטלאָפֿן. — אָבער מיט
ביין־באַשריגענעם ריטשען האָט דער ריז זיך צערעוועט, אַז אויף
זיין געבריל זענען מחנות לעסטריגאָנען אַרויס פֿון די נאָרעס,
און מיליע־מיליאַסן האָבן די גרויסע ענקים גענומען
זיך שאַרן! — און הער, הער: מיט שווערע בערגער האָבן גיגאַנטן די
שיפֿן פֿאַרוואָרפֿן, אַז מיט ווילדן גערודער האָבן חברים
געגוסעט, און ווי שפּענדלעך האָבן צעקנאַקט זיך די שיפֿן! — אָ, ווי
פֿישלעך אויף שפּיזן, אַזוי האָט דער שונא צעפּרעסן די שיפֿער!
און געווען איז, בעת זיי האָבן אַזוי פֿאַרוויסט און פֿאַרטיליקט, —
האָב איך דערווייל פֿון מיין שייד אַרויסגעריסן די שווערד און איילִיק
די פֿרענטעס פֿון מיין טרייב־שיף צעריסן. און גיך, גיך האָב איך צו
יונגען באַפֿוילן, וואָס גיכער פֿאַר די וועסלעס זיך וואַרפֿן, בכדי
פֿון זיכערן טויט צו אַנטלויפֿן! און מיט קראַפֿט און קוראַזש האָבן
מאַטראָזן געקרעכצט און געשניטן!!! — אָט אַזוי זענען מיר פֿון
אומגליק אַנטלאָפֿן, און געטרויערט נאָך די פֿאַרציקטע חברים!
און נון האָבן מיר מיט שווערע ענויים צום אײאַיִשן
אינזל געטאָן זיך דערשלאָגן; דאָרט, וואו די באַצינגלטע קירקע
מיט די איידעלע לאָקן טוט אייביק פֿאַרכּישופֿט און מעלאָדיש
צו זינגען; — קירקע, די לייבלעכע שוועסטער פֿון גרויסן איעטעס!
(אָ! דער שטראַליקער העליאָס האָט געטאָן זיי צו פֿלאָדיען, און די
טראַכט פֿון פּערזע בת אָקעאַנאָס האָט זייביידע געווינען). און

בשתּיקה האָבן מיר פון מיין שיף צום באַשירעמטן ים־ברעג אויף
יבשה געניִדערט, און אַ גאָט האָט געטון אונז באַשיצן! — — און
צוויי מעת־לעתן כּסדר מיר זענען אַדאָרטן פאַרמאַטערט אָן
כּוחות אין שווערע יסורים געזעסן. און ערשט אויפן דריטן, ווען
עס האָט דעם מזרח פאַררויטלט, האָב איך מיט מיין פּיקע און מיט דער
שניידיקער שווערד אָנגעגורט זיך די לענדן. און כּהרף־עין
בין איך אַוועק פון מיין שיף און אויף אַ באַרג־שפּיץ געקלעטערט, בכדי
וואו צו זוכן אַ סליאַד פון אַ וועג און אַ קול פון אַ מענטש! —
אָבער: נישט קיין קול, — נייערט רויך, נייערט רויך האָט פון
באַבלעטערטע
וועלדער געוועלבט זיך צו הימלען; און אַ שוואַרצער נעקרייזל האָט אויסן
געצעלט פון דער כּישופטע קירקע ווייט, ווייט זיך געפלאַטערט! —
און טיף
אין האַרצן האָב איך געטון זיך פאַרטראַכטן: צי זאָל איך דערגיין
איצט
די סיבה, פון וואַנען עס שלאַנגט זיך דער רויך אַזוי שרעקיק? — אָבער
אַ רעיון אַ צווייטער האָט געגעבן אַ טרייב מיך: ניין! פריער
זאָלסטו לויפן צום ים־ברעג און אינאיינעם מיט חברים דאָרט
פּראַווען אַ מאָלצייט, — און צום סוף ערשט שיקן צום אויסקוק מרגלים!
און גייענדיק אַזוי צוריק צו די שיפן האָט זיך איבער מיר, —
דעם פאַראיינזאַמסטן גייער, — אַן אל מלא רחמים דערבאַרעמט. און
זע: אַ שלאַנקער, רייך־באַהערנערטער הערש האָט פּלוצלינג אָנגעיאָגט מיר
אַקעגן. אָ! פון וואַלד איז די דורשטיקע חיה צום וואַסער
געפלויגן; עס האָבן פּיל גליאיקע זונען געיאָגט זי אַהערצו.
האָב איך גיך, גיך מיטן פייל־און בויגן אויף איר חוט־השדרה געצילט
און געטראָפן, אַז אויף יענער זייט בויך אַרויסגעבלאַנקט האָט דער
שאַרף־שפּיץ; און מיט אַ בלוטיקן געקוויטש האָט אין שטויב זי דאָס חיות
פאַרלוירן. און נון האָב אָנגעשפּאַרט איך מיין קני אויפן צעבלוטיקטן
הרוג און, אַרויסרייסנדיק מיין שפּיז אים פון בויך, — האָב איך אין זאַמד
מיין קרבן צעוואַליעט! דערנאָך בין איך צום טייכל געלאָפן און
פון ווערבענע ריטלעך איינגעדרייט אַ פּעוורעסלע; די שלאַנקע פיס
אים געפּענטעט און איבערן אַקסל געטון אים פאַרוואַרפן. — אָבער

מוראדיק שווער געווען איז די משא, — האָב איך דעריבער מיט מײַן
פּיקע אונטערגעשפּאַרט אים די לענדן, און אַ באַלאָדענער אויף
הענט און אויף אַקסלען האָב איך מיט מײַן קרבן צו דער שיף זיך
דערנענטערט.

און געווען איז, אַז איך האָב דעם צעממיתטן הערש געטון אַ וואָרף
צו חברים, האָט זיך פרײדיק מײַן שאַלונג דורך לעפּצן צעעפנט:
„חברים! הגם איבער אונז טוט ליערן דער שווערער חותם
פון גורל, פונדעסטוועגן טאָרן מיר פריער נישט ווערן אין
האַדעס פאַרשלונגען, נאָך אײדער דער מלאך-דומא וועט אונז קומען
אַקעגן! בכן, קומט, לאָמיר עסן און טרינקען, בכדי נישט
אויסגײן פון הונגער!"

געזאָגט; און אַלעמען מײַן וואָרט האָט גענומען!
און נון האָבן די אבלים אַראָפּגעוואָרפן די שלײערס און
נשתומם געוואָרן פון ווילד-פּאַנג, וואָס איך האָב אַזוי קונציק
געבראַכט זײ! און ערשט ווען זײ האָבן אָנגעטרונקען די אויגן מיטן
זעלטענעם קרבן, האָבן זײ די הענט זיך געוואַשן און תיכף
אָנגעברייט זיך צום פראַווען! — אָט אַזוי האָבן מיר ביז שקיעה
מיט פלייש און מיט ווײַנען דערקוויקט זיך די הערצער. אָבער ווען אויפן
צעפלאַקערטן מערב האָט העליאָס גענומען זיך נײגן, און
חשכות אײַנגעדעקט האָט די וועלטן, — זענען מיר אַלע בײַם ים-ברעג
פאַרזונקען אין דרימל. אָבער באַגינען, אַז עאָס האָט מיט
רויזיקע פינגער געוועקט זיך, האָט ווידער מײַן שפּרוך זיך צעעפנט:
„דעם גערייד פון מײַן לעפץ טוט איצט פאַרנעמען, אָ גרויסע אבלים!
זעט: סײַ מזרח, סײַ מערב איז צו פאַר אונז דאָ פאַרבאָרגן; און סײַ
העליאָס, סײַ עאָס טוט אונז די אויגן פאַרבלענדן; הײַנט, — וואָסער
אויסוועג בלײַבט אונז בײַ די גרויסע מזלות צו זוכן? און איך? — אַך:
א י ך  זע דאָך קײן הילף נישט! בכן, לאָמיר אַלע אינאײנעם וועגן
אַן עצה אַ טראַכט טון!! הערט: שטײענדיק אויפן באַרג-שפּיץ, האָט
אַן אינזל
געקראַנצט זיך פון ימים. און נישט קײן סליאַד פון אַ וועג, און נישט
קײן קול
פון אַ מענטש איז צו מײַן אויער דאָרט דערגאַנגען. נײַערט רויך,

נייערט רויך האָט זיך פון וואַלדיקע דערנער וויט צו די הימלען
גערייסן!"
געזאָגט; און אַ ציטערניש האָט אַרומגעכאַפּט דאָס האַרץ
פון חברים. ווייל די נבלה פונם ביי‍זן לעסטריגאָנישן
אַנטיפאַטעס און די שרעק פונם מענטשן-פאַרשלונגער פּאָליפּיימאָס
איז נאָך גוט אין זכרון געלעגן! אָ! זאַלציקע טרערן
האָבן פון אויג זיי גערינזלט, — אָבער וואָס האָט די טרער דען געהאָלפן?!
און נון האָב איך מיין שיין-באַפּאַנצערט חייל אין צוויי מחנות
צעשפּאָלטן, און צו יעדער מחנה אַן עלטסטן געגעבן. און מיטן
ערשטן פליגל האָב איך אַליין זיך פאַרנומען; אָבער מיטן צווייטן
האָט אָנגעפירט עאוריל‌אָכאָס. — — אינם קופּער-געגאָסענעם העלם
האָבן מיר איילִיק אויסגעמישט די גורלות, און זע: אויפן גרויסן
העלד עאורילאָכאָס געפאַלן דער טראַף איז! — — און גיך, גיך האָט דער
זוכה-בגורל מיט איינאונצוואַנציק חברים גענומען אין
וועג זיך, און אונז, די אבלים, פאַרלאָזן!
און הער: אינם באַרגיקן
טאָל צווישן פּרעכטיקע וועלדער האָבן זיי דעם פאַרכישופטן שלאָס
פון דער געטין געפונען. און אַן אַ פּיפּס און געברום האָבן פיל
לייבן און וועלף אַרומגערינגלט איר פאַרשטיינערטן היכל; ז יי,
די זין פון די בערג, וועמען קירקע אַליין האָט מיט קרייטעכצער דעם
גומען פאַרכישופט! און זע: מיט הכנעה האָבן די חיות זיך
געלעקט און געלאַשטשעט צו מיינע מרגלים. און ווי דאָס לאַשטשען
פון הינט, וועמען מען וואַרפט צו דאָרט אַ ביין פונם מאָלצייט, — אַזוי האָבן
די וועלף מיט די לייבן מיינע פחדנישע יונגען געחנפעט. — —
אָט מיט אַזאַ אימת-מוות האָבן זייערע פיס-טריט אינם הויף
פון דער געטין גענידערט. מיטאַמאָל אָבער האָט זיך אַ זיסער
געטרילער אין זייער האַרץ געגאָסן: דאָס גרויסע געזאַנג פון
דער באַצינגלטער קירקע, וועלכע האָט (ווי נייערט אַ געטין) מיט
פּראַכט און מיט הדר געוועבט און געפלאָכטן די שיינע געוואַנדן. — —
און נון האָט זיך מיין טייערסטער לענדער-צעטרייסלער פּאָליטעס צום
ערשטן געפעדערט און מיט שאַלונג אויפגעוועקט די חברים:

„קינדער! הערט, הערט! ביים שפינען און וועבן טוט ווער דאָ
אַזוי הימליש
צו זינגען, אַז אַ בת־קול קלינגט אָפּ אַזש אַרומעט! דעריבער: קומט, —
לאָמיר פרווון דאָרט רופן און זען, צי אַ מענטש אָדער אַ גאָט האָט
אַזוי זיך צעטרילערט!"

גערופן! — און כהרף־עין האָט זיך קירקע באַוויזן, און
צום שלאָס פאַרבעטן די חברה; און געשפּרייזט עס האָבן נאַראָנים! — —
און נייערט עאורילאָכאָס איז פאַרבליבן אין דרויסן; ווייל דאָס
האַרץ האָט אָנגעזאָגט אים אַן אומגליק. — — — און אויף שטולן און
טראָנען האָט
קירקע אַוועקגעזעצט די מרגלים. און באַלד האָט זי גענומען
מישן אַ מאכל פון קעז און פון מעל מיט גרין־געלן האָניק, — און
דערנאָך האָט זי מיט פּראַמנישן וויין און מיט פיל ביטערע זאַפטן
איבערן מאכל געגאָסן, בכדי זיי זאָלן זייער היימלאַנד
פאַרגעסן! — — און געווען איז, ווען זיי האָבן פונט דאָזיקן כישוף
געטרונקען, האָט די מכשפה מיטן שטיבט אָנגערירט זיי די
אַקסלען, — אָ ווי: — — — אין חזירים זענען זיי תיכף געוואָרן
מגולגול; אין באַהאָרטע חזרים, מיט גריטש און מיט מאָרדעס,
און נייערט מיט זייער פריערדיקן, מענטשלעכן שכל!... און באַלד
האָט זי פאַרטריבן אינם כליוו די חזירים און אונטערגעשפּרייט זיי
אַ מאכל־בהמה! — — —
— — — און הענדעם־מענדעם איז עאורילאָכאָס
צו מיין שווים־שיף געפלויגן, בכדי מבשר צו זיין אונז פון ד'ער
ביידער נבלה. אָבער פאַר שרעק איז די לעפץ אים געוואָרן
פאַרשטיינערט. — אָ! פאַרקלעמט איז אים געוואָרן דאָס האַרץ אינם
בוזעם, און
אַ האָגל פון טרערן האָט פון זיין נשמה איבערן אויג אים
…ריזלט, אַז פאַרבליפט זענען אַלע פון זיין שוויגן געבליבן.
…ערשט, ווען מיר האָבן דעם שוויגער מיט שאלות פאַרשאָטן, האָט קוים
זיינע לעפצן צעעפנט, און די וויסטע בשורה געטון אונז
דערלאַנגען:

„אויף דיין געהייס, אָ האַר אָדיסייאוס, האָבן מיר אינם
פּרעכטיקן באַרג־טאָל געפונדערט, וואו אַ פאַרכישופטער היכל האָט
געבלאַנקט אונז אַקעגן. מיטאַמאָל אָבער איז אַ הימלישער
ניגון צו אונזער האַרץ דערגאַנגען: אַ גאָט, אָדער אַ יונגפרוי
האָט ביים וועבן געטרילערט! — — — און אויפן רוף פון חברים האָט
זי אויפן
שטראַליקן טויער געטון זיך באַוויזן; פאַרבעטן דעם עולם
אין פּאַלאַץ, און געגאַנגען איז די חברה נאַראָנים! — און נייערט
איך אַליין בין פאַרבליבן אין דרויסן; ווייל דאָס האַרץ האָט אָנגעזאָגט
מיר אַ שטרויכלונג! — — — וואַרט איך און לויער, אָבער אומזיסט:
ק יי נ ע ר האָט זיך
צוריק נישט באַוויזן!"
געזאָגט; און מיט גרימצאָרן האָב איך איילִיק
אָנגעגורט זיך די לענדן מיט דער זילבער־באַשלאָגענער פּיקע
און געהייסן זיך פירן אַהינצו. אָבער געפאַלן צו מיין
קני איז עאורילאָכאָס מיט רחמים; געוויינט און געיאָמערט, און
מיט באַפליגלט גערייד ביי מיר זיך געבעטן:
„באַפריי מיך, באַפריי
מיך, אָ מעכטיקער האַר אָדיסייאוס! נישט טו מיך באַצווינגען צום
קבר דיך פירן; ווייל נישט דו און נישט די חברים וועלן
בלייבן דאָרט לעבן! אָ, לאָמיר ליבערשט מיטן יתר־הפליטה פון
דאַנען אַנטלויפן, בכדי דעם אומווירדיקן גורל פאַרמיידן!"
געזאָגט; און מיט ווייכהאַרציק גערייד האָב איך דערויף אים
געענטפערט:
„טאָ פאַרבלייב־זשע ביי דער שיף דאָ, גרויסער פחדן עאורילאָכאָס. זע:
אָנגעברייט עס ליגט דאָרט פון אַלדאָס גוטס צו געניסן. מיך אָבער
טרייבט עס אַהינצו צו שפּרייזן, ווייל אין געפענגעניש האָט פאַרכאַפּט ווער
די ליבע חברים!"
געזאָגט; און תיכף אין וועג זיך גענומען.
אָבער געווען איז, אַז איך האָב זיך אַזוי אַלץ נענטער און נענטער
צום פאַרשטיינערטן היכל פון דער כישופטע קירקע דערנענטערט,
איז מיר פּלוצלינג הערמייאָס מיטן גינגילדענעם אָנלען געקומען

צקעגן. און מיט בליאיקער פראַכט און גרויסן תפארת האָט דער
הימלישער יונגלינג צו פאַר מיר זיך באַוויזן, און שיינפערלעך
באַשיינפערלעך געדריקט מיר די דלאָניע, און שטיל מיר געעצהט :
„וואוהין טוסטו אַזוי בלאָנזשען פאַראיינזאַמט, אומגליקלעכער
פרעמדלינג ?
אָ ! אין די כליוועס פון דער כישופטע קירקע ליגן דינע פריינט
איצט חזירים, און אַ מאכל-בהמה זי טוט זיי פאַרשפרייטן ;
און זיי אויסצולייזן דו יאָגסט זיך אַצינדער ? — כאָ-כאָ ! זיי ליבערשט
געוואָרנט, אַז אויך דו זאָלסט אין כליוו דאָרט נישט ווערן פאַרפאַלן !!!
— — — אָבער, ששש — — וואַרט ! פון שווערן נסיון איך וועל דיך
באַפרייען : אָט
האָסטו רפואה-צמחים ; נעם זיי און שפרייז זיך געזיכערט צו
דער כישופטע קירקע, און קיין שום שלעכטס וועט דיר דאָרטן געשען
נישט !
נון, טו נייגן דיין אויער, און איך וועל דיר איר כישוף אַנטפּלעקן :
מיט פאַרכישופטע טראָפּן און מיט זאַפטן פאַרסמטע וועט זי דעם
בעכער אויסמישן מיט ווייַנען און געבן פון אים דיר פאַ־זוכן, —
אָבער אומזיסט : — מ יי נ ע געווירצן וועלן אַפהעגטיק איר מאַכן
דעם כישוף !... און הער : אויב קירקע וועט אויסציען צו דיין אַקסל דעם
שרביט, — טאָ רייס אייליק אַרויס פון דער שייד דיין צוויי-שאַרפיקע
שווערד
און טו מיט אַ שפרונג צו איר זיך פאַרמעסטן, גלייך ווי דו וואָלסט
באַגערט
זי פאַרציקן ! און זע : פאַר שרעק וועט זי דיך תיכף אויפן געלעגער
פאַרבעטן, — טאָ גיי און זיי בועל די פאַרכישופטע געטין. גיי, —
ווייל זי וועט דיך באַלוינען, און באַפרייען פון שטאַל די חברים !
גיי, אָבער פריער פאַר אַלץ זאָל זי מיט אַ הייליקן נדר ביי
די אייביקע געטער דיר שווערן, אַז קיין שלעכטס וועט דיר דאָרטן
געשען נישט, ווייל דיין מאַנשאַפט און שכל קאָן זי לייכט דיר
ראַבירן !"
געזאָגט ; און מיט אַ בויג האָט דער שרעקיקער מערדער פון אַרגאָס
אַרויסגעריסן אַ קרייט פון דער ערד און צו מיין האַנט געטון זי

דערלאַנגגען. און אַזאַ געוועזן איז איר טבע : געשוואַרצט האָט אין
ערדן דער וואָרצל, און ווי מילך געגלאַנצט האָט די פּרי ! — —
„מאַלי״
רופט זיך דער געווירץ אין אָלימפּאָס ; — אָבער אָן דער הילף פון די
געטער קאָנען מיר מענטשן נישט קיינמאָל אַזאַ בלימל געפינען !
און ווייט, ווייט צו אָלימפּאָס האָט איבערן וואַלדיקן אינזל גאָס
הערמעס געטון זיך צעשוועבן. אָבער צום שלאָס פון דער כישופטע
האָב איך איילִיק געלאָזט זיך, און האַסטיקע מחשבות האָבן
אַהינצו געבראַכט מיך. אָבער זע : ווי פאַרשטיינערט זענען מיינע
טריט אויף דער שוועל דאָרט געוואָרן, און אויף מיין רוף האָט זי געטון זיך
אַנטפלעקן. און נון האָט זי מיך באַצוואונגען, און אַ דערשלאָגענער
האָב אין בורג איך גענידערט. — און גיך, גיך האָט אַוועקגעזעצט מיך די
געטין אויף אַ זילבער-באַשלאָגענער טראָן-שטול מיט אַ פוס-באַנק צום
אָנשפּאַר ; און נאָך גיכער האָט גענומען זי מישן אינם
גינגילדענעם ווין-כוס, און מיט פאַרכישופטע טראָפּן געטון עס
פאַרסמען ! — און נון האָב דעם סם איך גע רונקען ; — אָבער אומזיסט ; איך
בין נישט געוואָרן פאַרכישופט ! האָט זי מיטן שרביט גענומען מיך
טרייבן :
„היידאַ אין כליוו, און לייג זיך אין מיסט ביי דיינע חברים !...״
געזאָגט ; אָבער גיך, גיך האָט געגעבן אַ בליאַסק אין איר פנים מיין
צווייִשאַרפיקע שווערד ; און מיט אַ שפרונג האָב געמאַכט איך דעם
אָנשטעל, ווי
איך וואָלט זי פאַרלענדן ! — — אָבער מיט יללות איז זי צו די פיס
מיר געפאַלן, און מיט טרערן פון רחמים באַפליגלט געבעטן :
„זאָג : ווער ביסטו ? פון וואַנען ? וואָסער לאַנד האָט געטון דיך
צו פלאָדיען ? — —
אָ נסים ! פאַרוואָס האָט דיך מיין געטראַנק נישט פאַרכישופט ? ! — —
ווייס : אויב אויפן
גומען פון אַ בן-אדם ווערט אפילו אַן איינציקער טראָפּן
פון מיין כישוף פאַרגנבעט, אָהאָ ! — — וועט יענער שוין גלאַטיק אַרויס
נישט ! — און דו ? — — אָך ! אפילו כישוף טוט דיין האַרץ נישט צו
פאַנגען ! — — — זאָג :

ב י ס ט ו  אפשר יענער אַדיסייאוס, פון וועמען הערמייאָס, —
דער שליח מיטן גינגילדענעם אָנלען, — האָט געבראַכט מיר די
בשורה, אַז בעת זיין נסיעה פון טראָיע וועט ער אַהערצו
פאַרבלאָנזשען ? אויב יאָ, — טאָ באַהאַלט־זשע וואָס גיכער דיין שניידיקע
שווערד,
און לאָמיר ליבערשט אינאיינעם אויף מיין געלעגער איצט קומען, און
מיט פריידיקער תאווה איינער דעם צווייטן אויף אייביק פאַרזוכן !" —
גערזאָגט ; אָבער מיט שאַלונג האָב איך צו דער כישופטע געענטפערט :
„קירקע ! וואו נעמסטו די העזה צו זנות מיך פאַרבעטן, בעת דו
האָסט מיינע פריינט אין מיאוסע חזירים פאַרכישופט ? — — איך ווייס,
איך ווייס :
אויך מ י ך טוסטו זיכער באַגערן אויף דיין געלעגער פאַרנאַרן,
בכדי אין דער שויס פון דיין ליבשאַפט מיין כוח־גברא און מיין שכל
בערמה רצבירן, — בעת איך וועל מיך נאַקעט אוי.ן געלעגער
געפינען ! ? — — ניין ! ניין ! אַזוי לאַנג וועל איך אויף דיין בעט נישט
געגעבן,
ביז דו וועסט מיט אַ נדר ביי די הימלישע געטער מיר שווערן,
אַז קיין שום שלעכטס וועט מיט מיר אין דיין הייליקן היכל געשען נישט !"
געזאָגט ; און גיך, גיך האָבן אַ הייליקן נדר אירע ליפּצן
געשוואוירן. און נאָכדעם, אַז איך האָב זי מיט דער שבועה באַצוואונגען, —
האָב איך ערשט צו דער כישופטעס שיינע געמאַכן גענידערט !
און פיר שיינע באַדינערקעס האָבן אין דער פאַלאַטע געטון
דאָרט די מכשפה באַדינען. און געווען זענען די מיידלעך פיר
שיינינקע טעכטער פון הייליקע קוואַלן און רוישיקע טייכער,
וואָס גאָרגלען אַריין זיך אין ימים ! — —
און נון האָט אויסגעבעט מיר די
ערשטע מיין כסא־מלוכה מיט ווייכינקע קישנס : אויסגעשפּרייט
מיר פון אויבן געוועבן פון פּערפל, און מיט אַ ליילעך פון
לייוונט פון אונטן. — — און געכון האָט די צווייטע די זילבערנע
טישן פאַר די טראָנען דערלאַנגען ; און יעדן עס־טיש מיט קוישן
פון גינגאָלד פאַרוואָרפן ! — — און נון האָט די דריטע געטון מישן דעם
ווין אין די שאָלן, און פאַרטיילט אַרום די טרינקער די כוסות. — — און

ייערט די פערטע האָט אַ העליש פייער אַרום דריי־פיסיקן
קעסל צעזשאַרעט: אָנגעפולט אים מיט וואַסער און אָנגעברייט מיך
נו טבילה! — — און תיכּף, ווען אינם גלאַנציקן קעסל האָט גענומען
וידן דאָס וואַסער, — האָט די נימפע געפירט מיך אין ביטל. און זע:
מיט פליסיקן קטורת האָט זי געוואַשן מיין קאָפּ און די אַקסלען,
אַז מיך, דעם פאַרמאַטערטן, געטון האָט דאָס וואַסער דערקוויקן! — און
נאָכן ביטל, אַז זי האָט ווידער געאיילט און געזאַלבט מיר דאָס נפש, —
האָט זי אַ כיטאָן מיט אַ צודעק אויף מיין רוקן פאַרוואָרפן און
צוריק אין דער קאַמער געטון מיך באַגלייטן, וואו איך האָב זיך אין דער
זילבער־באַשלאָגענער טראָן־שטול מיט דער פוס־באַנק צום אָנשפּאַר —
געוואָרפן! — —
און איבער אַ זילבערנעם בעקן האָב איך פון אַ גינגילדן
קריגל די הענט זיך געוואַשן; און צו פאַר מיין טראָן האָט אַ יונגפרוי
געטון ברענגען אַ גלאַטיק־געטעסעטן שולחן. און נון האָט די
שומרת־הפּתח געטון גרייטן מיין טיש מיט ברויט און מיט וויין
און מיט אַלדאָס־גוטס פון אירע זאַפּאַסן. אָבער אַ מיאוסקייט האָט
מיך תיכּף באַנומען צום פאַרבעטענעם מאָלצייט, ווייל אַ שווערקייט,
אַ שווערקייט האָט מיין האַרץ געפּייניקט!
מיטאַמאָל אָבער האָט
קירקע דערזען דאָרט מיין עצבות. געקוקט ווי איך זיץ אַזוי שווייגיק
אין שווערע מחשבות פאַרזונקען, און צום עסן הייבט זיך די
האַנט נישט, — האָט זי צו מיר זיך דערנענטערט, און באַפליגלט געבעטן:
„פאַרוואָס זיצסטו אַזוי שטום און פאַרשטיינערט, אָ האַר אָדיסייאוס,
און דיין האַנט טוט זיך קיין ריר נישט פון מיין גרויסער סעודה
פאַרזוכן?
זאָג: האָט אפשר דיין האַרץ אָנגעזאָגט דיר אַ מכשול? — עך, נישט
שרעק זיך, —
איך האָב דאָך אַ הייליקן נדר ביי די הימלען געשוואוירן!?"
געזאָגט; אָבער מיט אַ שאַלונג האָב איך צו דער מכשפה געענטפערט:
„אָ האַרינטע! אין ווען האַלז פון אַן ערלעכן חבר וואָלט דען
געקראָכן אַ ביסן פון שפּייז און מטעמים, איידער ער וואָלט מיט
אייגענע אויגן נישט געזען די ליבע, פאַרשקלאַפטע חברים?

און איצט, אויב דו באַגערסט אויף אַן אמת צו דיין שפּייז מיך
פאַרבעטן, —
טאָ באַפריי זיי, באַפריי זיי און וויז מיר די ליבע חברים!!!״
געזאָגט; און גיך, גיך איז מיר קירקע מיטן שרביט פאַרשוואונדן
און מיט
כּישוף צעפראַלט דאָרט פונם כּליוו דעם אַריינגאַנג; תּיכּף האָבן אינם
געשטאַלט פון נייגיעריקע חזירים — מיינע פריינט זיך באַוויזן!
און הער, הער: מיט רפואה־צמחים האָט קירקע געטון זאַלבן
יעדן חבר באַזונדער, אַז איינציקווייז זענען די האָריקע
פעלן און נאָזדרעס און מאָרדעס פון חברים פאַרשוואונדן; און
כּהרף־עין האָט אָפּגעטון זיך דער כּישוף!!! און, — אָ וואונדער:
שטאַרק־געוואַקסענע יונגען איז פון חזירים געוואָרן; און נאָך
שענער ווי פריער האָבן די צורות געשלאַנקט און געלויכטן! — — און
באַלד טאַקע האָבן אַלע חברים געטון מיך דערקענען; און
אויסשטרעקנדיק די האַנט אויף אַ „שלום", האָבן פריידיקע טרערן
פון אויג זיי גערינזלט, אַז גערירט איז אויך קירקע געוואָרן! — — און
נון האָט איר שפּרוך צעעפנט די געטין און געטון מיר באַפעלן:
„אָ געטלעכער זון פון לאַערטעס, מעכטיקער העלד אָדיסייאוס!
נידער מיר תּיכּף צום ים־ברעג און צי אַרויף דיין טרייב־שיף פונם בוכט
אויף יבשה. און אייליק זאָלסטו דיין האָב און גאָב מיט אַלע
מכשירים ערגעץ טיף אין די ערדישע לעכער באַהאַלטן, און
תּיכּף זיך אומקערן אַהערצו: דו און די ליבע חברים!"
געזאָגט; און מוטיק האָט מיין נשמה געטון זי געהאָרכן.
און נון האָט עס אָנגעיאָגט מיך צום ברעג און צו דער שיף און צו מיינע
ליבע מאַטראָזן. אָבער אַך: פאַראומערט זענען אַלע ווי
אבלים געזעסן און טרערן האָבן פון אויג זיי געהאָגלט! —
...אַזוי ריטשען נאָר קעלבער, ווען מאַמעס (די זאַטע בהמות)
קומען אַהיים אויף ביינאַכט אין די שטאַלן, און יונגוואַרג טוט רייסן
די צוימען און שפּרינגען און טאַנצן אַקעגן די מוטערס; און מיט
פריידיק געיאָמער זיי מעקען און שרייען פון בענקשאַפט: — אָט אַזוי
האָבן מיך חברים מיט פרייד און מיט טרערן באַגעגנט! — — אַך! גרויס
געווען איז די שמחה, ווי זיי וואָלטן זייער היימלאַנד געטון איצט

דערגרייכן: זייערע פעלזיקע בערגער איבער איטאַקאַס
גראָזיקע לאַנען, — וואו אַלע האָבן געטון זיך צו פלאָדיען!
און מיט פריידיק געוויין האָבן אַלע אין איין אָטעם צעשאַלט זיך:
„אָ ריטל פון דזעאוס! דיין אומקער האָט אויפגעלייגט אונז די הערצער,
גלייך מיר וואָלטן איטאַקאַ באַגעגנט! איצט אָבער געגען זיך,
געגען זיך און אַנטפּלעק אונז דעם גורל פון פאַרציקטע חברים!!"
אַזאַ געווען איז די טענה; און האַרציק האָב איך זיי געענטפערט:
„ראשית, ציט אַרויף מיר די טרייב-שיף פונם בוכט אויף יבשה, — דערנאָך
זאָלט איר אונזער האָב און גאָב מיט אַלע מכשירים ערגעץ טיף
אין די ערדישע לעכער באַהאַלטן, — און דערויף ערשט וועלן מיר
אַלע צו דער כישופטע קירקע געגעגען; ד אָ ר ט, וואו עס זיצן
די פריינט זיך מסובין, און לאָזן זעטיק זיך וואוילגיין ביים פראַוועך!" —
געזאָגט; און באַלד זענען מיינע ווערטער געוואָרן צו מעשים.
נייערט עאורילאָכאָס האָט מיט שרעק און מיט פחד איבער
חברים געפלאַטערט, און מיט שרעקיק גערייד אונז געוואָרנט:
„ווײ! וואָסער אָפּקומעניש טרייבט אונז אין שרעקלעכן גלות צו דער
כישופטע קירקע? — — וואָס? — ווילסט אפשר, אַז אויך א ו נ ז זאָל זי מאַכן
מגולגל צו וועלף און צו לייבן און צו ווילדע חזירים, — אַז
מיר זאָלן ווערן די שומרים פון איר פאַרכישופטן פאַלאַץ???!
דערמאַנט אייך: צי האָט דען דער ציקלאָפּ געטון אונז פאַרשווינען, בעת
אָדיסײאוס האָט אַהינצו פאַרשלעפּט אונז? — הײ! זײט געוואָרנט, ווייל
פון ז ײ נ ע מעשים האָבן פיל חברים געטון מיר פאַרלירן!"
געזאָגט; אָבער מיטן גאַנצן כוח האָב געגאַרט איך אַרויסרייסן מיין
בליציקע שווערד פון די לענדן און אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ פון מיין
אייגענעם קרוב, דעם שרעקלעכן בוגד. אָבער מיט תחנונים
זענען אַלע חברים צו די קני מיר געפאַלן און מיט
געבעט און מיט רחמים האָבן אַלע פאַר זיין לעבן געבעטן:
„אָ ריטל פון דזעאוס! זאָל דיין מילד גנאָד אים באַפעלן ביים ברעג
צו פאַרבלייבן און אונזער כלי-זיין באַוואַכן; מיר אָבער
וועלן טריטווייז דיר נאָכגיין צו דער כישופטעס הייליקן היכל!"

געזאָגט ; און צום גאַנג האָט די עדה גענומען זיך רירן. אָבער
אויך עאורילאָכאָס איז ביי דער שיף נישט פאַרבליבן, ווייל מיין גרימצאָרן
האָט געטון אים דערשרעקן, — אַז אויך ע ר איז באַצווינגען געגאַנגען !
בינתיים האָט קירקע די פאַרבליבענע פריינט אין איר היכל
געזאַלבט און געבאָדן, און טייערע כיטאָנס מיט פערפלנע
טאָגעס אויף די אַקסלען פאַרוואָרפן. — — —
און אָנגעטראָפן מיר האָבן,
ווי עס זיצן בהרחבה די חברים ביים פראַווען. אָבער
געווען איז, ווען פריינט און חברים האָבן ווידער דערקענט זיך, — האָט
ווידער זייער פריידיק געיאָמער פון נחת צעשאַלט זיך. אָבער
נאָענט צו מיין אויער האָט צוגעשאַרט זיך די געטין, און געטון מיך
צו בעטן :
„אָ ריטל פון דזעאוס, דו גרויסער זון פון לאַערטעס !
פאַרמיידט איצט, פאַרמיידט איצט אייער קלאָג און געיאָמער, ווייל צו מיר
איז די בשורה דערגאַנגען, וויפיל צער און נסיונות איר האָט אויף
ווימלדיק וואַסער און האַרבער יבשה אַלץ איבערגעליטן !
גענענט אייך, גענענט אייך, איר ליבינקע אורחים, און לענט אונטער דאָט
האַרץ זיך מיט וויין און מזונות, בכדי ווידער די פאַרמאַטערטע
כוחות באַנייען ! אָ, מוטיק און העלדיש האָט איר אייער היימלאַנד
פאַרלאָזט ; — — אָבער אַך : פאַרמאַטערט און מוטלאָז טוט איר
בלאָנזשען אויף
שווערע, נע־ונדנע דרכים, אַז אַ שמייכל טוט קיינמאָל
אייער לעפץ נישט דערפרייען, ווייל צרות אויף צרות האָט געטון איר
צו ליידן !"
געזאָגט ; און תיכף האָט איר טרייסט געטון אונז צו היילן !

* *
*

און נון זענען מיר טאָג־איין, טאָג־אויס, אַ יאָר מיט מעת־לעתן,
איבער טייערע פליישן און פאַרשיכורטע ווייגען אַדאָרטן
געזעסן. אָבער געשען איז, ווען די האָרען האָבן גענומען
בייטן דעם געקרייזל פון טעג און מזלות, — האָבן ווידער
חברים אַרום מיר זיך פאַרזאַמלט און מיט שאַלונג געוואָרנט :

„שלימזל! אפשר וועסטו ווע.ס אויך שוין אַ טראַכט טון מכּוח אונזער
אייגענעם היימלאַנד? זע: אפשר איז פאָרט אונז באַשערט אומצוקערן
בשלום אַהיים זיך אויף די א יי ג ע נ ע, ה יי מ י ש ע ערדן?”
געזאָגט; און זייער וואָרהאַפטיק גערייד האָט מיין האַרץ צעפלאַקערט!
בקיצור: פון באַגינען ביז שקיעה זענען מיר דענסטמאָל נאָך
אַלץ דאָרט איבער שפּייז און משקאות געזעסן. אָבער שפּעטער, ווען
העליאָס האָט מיט טונקעלע פאַרבן גענומען אויף מערב זיך
לעשן, זענען אין שלאָס די חברים פאַרזונקען אין דרימל.
אַליין אָבער האָב איך אויפן געלעגער פון דער כישופטע קירקע
געניִדערט; בין צו אירע קני מיט תחנונים געפאַלן, ביז מיין
וואָרט האָט איר האַרץ צעעפנט! און אַזאַ געווען איז מיין תפילה:
„אָ געטין! זיי איצט ממלא דעם נדר, וואָס דו האָסט געשוואוירן!
מיט גנאָד און מיט רחמים טו פון דיין הויז מיך באַפרייען, ווייל פון
היים-ווײ גייט אויס מיר דאָס חיות! זע: אויך חברים רינגלען אַרום
מיך כסדר מיט קלאָג און געיאָמער, ווייבאַלד דו האָסט פון זיי זיך
דערווייטערט!”
געזאָגט; און דערויף האָט מיר די געטין געענטפערט:
„אָ געטלעכער זון פון לאַערטעס, מעכטיקער העלד אָדיסייאוס!
ניין! מערער וועל איך אייך נישט באַצווינגען אין מיין היכל פאַרבלייבן! —
אָבער הער, הער: אַ שרעקלעכן גלות מוזט איר אונטערוועגנס נאָך
בײַשטײַן! — — פונדאַנען וועט אייער שיף צו די פינסטערע טויערן
פון האַדעס אייך טרייבן. און ד אָ ר ט, אינם וויסטן גיהנום פון דער
שאַרפער פערזעפאָנייאַ, זאָלט איר פרעגן אַן עצה ביי דער
קלאָרער נשמה פונם בלינדן, טעבאַנישן ישיש. אָ! נייערט
טיירעזיאַס וועט אייך געבן אַן עצה, ווייל פון אַלע שאָטנס
אין האַדעס איז נייערט ע ר מיט חזיון און חכמה באַלאָדן!”
געזאָגט; אָבער פון אומרו איז דאָס האַרץ מיר געוואָרן פאַרשטיינערט.
אָ, געקוואַלט האָט אין טרערן מיין פריידיק געלעגער און געגאַרט האָט
מיין נפש אין העליאָסעס שטראַלן זיך מער נישט צו באָדן!!! — — און נון
האָב קוים איך די לעפצן געעפנט און זי בלחש געבעטן:
„ווער? ווער וועט דען דעם וועג מיר אַהינצו באַווייזן, אָ קירקע? —
היינט,

וואָסער בן־אדם איז שוין מיט אַ טראַטווע צום האַדעס געשוואוימען ?"
גפזאָגט ; אָבער די אייבערשטע קירקע האָט דערויף מיר געענטפערט :
„אַ געטלעכער זון פון לאַערטעס, מעכטיקער האַר אָדיסייאוס !
זאָלן דאגות נישט טאָטשען דיין האַרץ, ווער דיין שיף וועט באַטרייבן !
העך : טו אויפן מאַסטבוים צעשפּרייטן די ווייסע, צעפלאַטערטע זעגלען ;
זעץ רויק אַוועק זיך, און באָרעאָס וועט דיך שוין באַשיפן !
און ס'וועט זיין, ווען דו וועסט שוין האָבן אַריבערגעשוואומען דעם שטראָם
פון אוקינוס, וועסטו פלוצלינג דערגרייכן צום טאָליקן ים־ברעג
פון דער שאַרפער פערזעפאָנייאַ ; ד אָ ר ט וואו פּאַראבלטע ווערבעס
און דאַרע טאָפּאָלן וויינען אַ קלאָג־ליד צו הימלען ! — — אָט אין
יענעם קבר פאַראַנקער דיין טרייב־שיף און יאָג זיך צום פינסטערן
האַדעס ! — און דאָרט, וואו דער פעריפלעגעטאָן מיטן קאָקיטאָס גיסן
זיך איבער מיט געוויש אין דער סטיגישער ים־קני אַכעראָן ; דאָרט וואו
ביידע שטורמיקע טייכן שניידן צונויף זיך מיט געברום ביי דער
סקאַלע, — אָט אַ ה י נ צ ו שלייך צו זיך, אָ גרויסער העלד אָדיסייאוס,
און גראָב נאָענט דאָרט אַ קרקע אויף אַן אָרעם די לענג און די טיפקייט ! —
און פאַר אַלע נשמות זיי מזכיר קרבנות ביים אָפּענעם
קבר : און זיין זאָל דער קרבן דער ערשטער בלויז מילך און האָניק ;
און זיין זאָל דער קרבן דער צווייטער פון ווין מיט טאַריוקן,
און זיין
זאָל דער לעצטער — פון וואַסער באַשפּרינקלט מיט גערשטן ! — —
און זיי דאָרט צו
נשמות מנדר : אויב קיין איטאַקאַ וועט טרייבן דער גורל
אַהיים דיך בשלום, וועסטו ברענגען אין דיין היכל אָן אַ מום
אַ בן־בקר און לכבוד טײרעזיאָס וועסטו שעכטן דעם
שענסטן און שוואַרצהאָריקסטן ווידער ; דעם שטאַרקסטן פון דיין גאַנצער
טשערעדע ! — — און נאָכדעם, ווען דו וועסט מאַכן אַ הזכרה איבער
אַלע נשמות, זאָלסטו ווידער אַ שוואַרצע שאָף מיט אַ באַראַן
איבערן קבר דאָרט שעכטן און איבערדרייען צום עראָבאָס די
קעפּ זיי. — מיט ד יי ן קאָפּ אָבער זאָלסטו כסדר, כסדר אָן אָפּרו
צום אָקעאַנאָס זיך בוקן, ווייל באותו־הרגע וועלן
כמאַרעסווייז פיל טויטע נשמות אַרום דיר זיך פאַרזאַמלען ! און

גיך, גיך זאָלן אָפּשינדן די יונגען ביידע פעלן פון די
שוואַרצע קרבנות, אינם העלישן פייער זיי וואַרפן און טון
תפילה ביי די טויערן פון האַדעס, און צו דער שרעקלעכער, שאַרפער
פערזעפאָנייאַ! דו אָבער רייס אַראָפּ די שווערד פון די לענדן
און טו באַוואַכן דאָס בלוט פון דיינע קרבנות, אַז די שוואַרצע
שאָטנס פון מתים זאָלן צו דמים נישט טון זיך גענענען! און
זע: באותו-הרגע וועט דער שאָטן פון טיירעזיאַס צו
פאַר דיר זיך אַנטפּלעקן, ע ר, דער הייליקער זעער, מיטן פינסטערן
אויג-ליכט, איבער וועמעס נביאישע לעפצן עס וועט הענגען דיין
בשורה פון חרות, אָ גרויסער העלד אָדיסייאוס!!!"

גערזאָגט; און
אַ באַקרוינטע מיט גינגאָלד האָט עאָס דעם מזרח פאַרויטלט. — און
אַרומגעהילט האָט זי מיין לייב מיט געוואַנדן. אָבער אויך א י ר לייב
האָט די שטראַליקע נימפע אין אַ זילבערנעם כיטאָן באַהאַלטן:
אירע לענדן באַגאַרטלט מיט גאָלד און תפארת, — און מיט פּראַכט און
מיט הדר דעם קאָפּ מיטן שלייער געטון זיך באַקרוינען! — און נון בין
איך איבער די זיילן פון היכל געלאָפן וועקן חברים:
„נישט שלאָפט איצט, נישט דרימלט, אָ ליבע חברים! געזעגנט אייך,
און גרייט
זיך, און גרייט זיך צום אָפּפאָר, — ווייל אַזאַ איז דער רצון פון
קירקען!"
גערזאָגט; און מיין וואָרט צו זיי איז דערגאַנגען! — אָבער ווי, — אפילו
ד אָ האָט אַן אומגליק מיט איינעם פון מיינע גבורים געטראָפן:
פון מיין גאַנצער מחנה חברים איז דער יונגסטער עלפּענאָר
געווען מיט חכמה און מיט שטאַרקייט אַקעגן דעם שונא
באַלאָדן. איז ער, פון ווייַן אַ צעהיצטער, געגאַנגען זוכן
אַ קילינקע ווינקל אויפן פלאַטשיקן דאַך פונם הייליקן היכל.
און ווען אויפן קילן געלעגער האָט מיטאַמאָל ער פאַרנומען דאָס
גערויש פון חברים, — האָט ער פאַרשיכורט געגעבן אַ הייב זיך
און, מחמת טעות, מיט אַ פעל-שריט אויף טרעפן געגעבן אַ קנאַק
אַראָפּ אויף די דילן, אַז איבערגעבראָכן האָט זיך תיכף זיין
האַלז און דער נאַקן, און פאַרפלויגן איז זיין נשמה צום האַדעס! — —

און ווען מיין איינגעזאַמלטע עדה האָט געגרייט זיך צום אָפּפאָר,
בין איך אַרויס מיט מיין שאַלונג:
„חברים! נישט אינם לאַנד פון די
אבות, — ווי איר מיינט — וועלן אונז טרייבן די אינדן פון ימים! — ניין!
אויף קירקעט געהייס מוזן מיר פריער צום שרעקלעכן האַדעס פון
דער שאַרפער פערזעפאָנייאַ גענענען און ביים טעבאַנישן
ישיש, דעם בלינדן טיירעזיאַס, דאָרט פרעגן אַן עצה!"
געזאָגט;
און באַלד האָבן מיט יללות אין שטויב זיך געקנוילט די חברים,
און די האָר פון די קעפ געטון זיך צו פליקן. —
צו מיר אָבער איז
זייער צער נישט דערגאַנגען!
און ווען מיר האָבן מיט געבראָכענע
הערצער געשאַרט זיך צום ים-ברעג, האָט אויך קירקע מיט אַ שוואַרצער שאָף
און אַ שעפּסל צו דער שיף זיך געשאָטנט און דאָרט ביידע געפּענטעט.
און זע: ווי אַ חלום איז פּלוצלינג געוואָרן זי נעלם! — וואוהין
— אָ! וואָסער אויג פון אַ בר-נש קאָן דען מגלה-סוד זיין די
פאַרבאָרגענע וועגן, וואוהין עס טוען שפּרייזן די געטער?

# דאָס עלפטע געזאַנג

יענע וועלט.

— אָט אַזוי האָבן מיר צום ים־ברעג געני‌דערט און אַראָפּגעלאָזט
אונזער שיף אינם הייליקן, זאַלציקן איינגוס. און גיך, גיך האָבן
מיר אויפן מאַסטבוים געטון צעשפּרייטן די ווייסע, צעפלאַטערטע
זעגלען; די שאָף מיטן שעפּסל אין דער טרייב־שיף פאַרטריבן, און
לסוף ערשט
אויך ז י ך מיט פאַראַבלטע הערצער — אין אונזער שווים־שיף געוואָרפן.
און מיט שטילן געווירבל האָט קירקע, די שטראַליקע געטין, אויף
אונזערע זעגלען געבלאָזן, און איר שטילינקע ווינטל האָט
געטון אונז באַגלייטן. — און אויסגעשטעלט מיר האָבן אין סדר אין דער
שיף די מכשירים; אַוועקגעזעצט זיך אַדאָרט במנוחה, און די
השגחה פון ווינט און פון ווערלעס האָבן געטון אונז באַשיפן. — —
...אַזוי זענען מיר אַ טאָג מיט צעפלאַטערטע זעגלען געפלויגן,
ביז העליאָס האָט אין ים זיך געטובלט, אַזש חשכות איינגעדעקט
האָט די ימים! — — —
אָט אַ ז ו י זענען מיר צום זוים פון אוקינוס
דערגאַנגען!
און הער: אַ ווילדער, קימערישער שבט טוט שאַלטן
און וואַלטן אין יענער מדינה: אַ פינסטערער שבט, וואָס
טונקלט כסדר אין נאַכטיקן נעפּל, ווען העליאָס טוט
קיינמאָל מיט קיין שטראַל נישט דערקוויקן: נישט ווען ער נידערט
אַרויף אויפן
הימל־ווייטן, צעשטערנטן ה י מ ל און נישט ווען ער ווערט דערטרונקען אינם
טיפן, צעפלאַקערטן מערב אויף ע ר ד ן! אָן, — אָן אייביקע נאַכט
טונקלט און פינסטערט אין יענער מדינה! — — —

אָט אַ ד אָ ר ט האָבן מיר
אונזער טרייב-שיף פאַראַנקערט ; אַראָפּגעטריבן די קרבנות, און
מיטן שטראָם פון אוקינוס געגומען שפּרייזן צום אָרט, וואָס קירקע האָט
געטון אונז אַנטפּלעקן ! בינתיים האָט עאורילאָכאָס און
פּערימעדעס אָנגעיאָגט זיך מיט ביידע קרבנות. איך אָבער
האָב אַראָפּגעריסן מיין שווערד פון די לענדן און גענומען
גראָבן אַ קרקע אויף אַן אָרעם די לענג און די טיפקייט.
אונ נון האָב איך טויטן-זבחים איבער מיין קרקע געשאָטן :
אין געווען איז דער קרבן דער ערשטער בלויז מילך און האָניק, און
געווען איז דער צווייטער פון וויין מיט טאַריוקן, און פון וואַסער מיט
באַשפּרינקלטן גערשטן — געווען איז דער לעצטער ! — און אַזאַ געווען
איז מיין נדר : אויב קיין איטאַקאַ וועט טרייבן דער גורל אַהיים
מיך בשלום, וועל איך ברענגען אין בורג, אָן אַ מום, אַ בן-בקר,
און לכּבוד טיירעזיאַס וועל איך שעכטן דעם שוואַרץ-האַריקסטן
באַראַן פון מיין גאַנצער טשערעדע ! — — — און נאָכדעם, אַז איך
האָב איבער
אַלע נשמות געמאַכט אַ הזכּרה, האָב איך תּיכּף די שאָף
מיטן שעפּסל איבער דער קרקע געשאָכטן : שוואַרץ געטריפט האָבן
בלוטן, און באותו-הרגע האָבן פון שוואַרצן עראָבאָס
פיל שאָטנס פון מתים גענומען זיך שאַרן ! — — און עס האָט זיך מיט
חתנים און כּלות געשאָטן, מיט גרויע ישישים און מיט
פיל בליאיקע בתולות, וועמען דער טויט אַזוי יונג האָט פאַרשניטן !
דערנאָך האָבן קאַליקעס און צעממיתטע בעלי-מלחמה
מיט פאַרגליווערטע בלוטן אַהער זיך געגעפּלט. און אַך :
מיט אַ מאוימדיק געקלאָג האָבן אַרום דער קרקע געשאַרט זיך
די מתים, אַז אַ בלייך חלשות האָט מיין האַרץ פאַרשטיינערט ! — —
און אויף מיין געהייס האָבן אַראָפּגעצויגן די יונגען ביידע
פעלן פון די שוואַרצע קרבנות ; ב י י ד ע אינם העלישן פייער
געוואָרפן און כורעים געפאַלן ביי די שרעקלעכע טויערן
פון האַדעס און געטון תּפילה צו דער שאַרפער פּערזעפאָנייאַ !
איך אָבער האָב ווידער מיט מיין שווערד זיך פאַרמאָסטן און
געטון דאָרט

באַוואַכן די טריפיקע בלוטן פאַר גענענטע נשמות, — ביז
דער שאָטן פון טיירעזיאַס וועט קומען מיר עצהן ! — — —
אָבער זע :
אויפגעטוקט האָט גאָר צום ערשטן די נשמה פון אונזער טויטן
עלפענאָר, ע ר, אונזער בר-מנן, וועמען מיר האָבן — צוליב
אַנדערע דאגות — נישט באַוויינט און באַגראָבן ; ע ר, וועמעס גוף האָט
זיך אַלײן נאָך ביי דער מכשפה געוואַלגערט ; ע ר, וועמעס שאָטן האָט
אַלײן נאָך אויפן עולם-התוהו אַזוי נע-ונד זיך געבלאָנקעט !
און נון האָב איך מיט רחמים פאַר דער קלאָרער נשמה צעשאַלט זיך :
„עלפענאָר ! ווי אַרום ביסטו צום שוואַרצן גיהנום דערגאַנגען ?
זאָג : טוען אפשר דיינע פיס מיין טרייב-שיף דעריאָגן ?”
געפרעגט ; און
מיט אַ דערשטיקט געוויין האָט אַרויסגעקרעכצט די נשמה :
„אָ געטלעכער זון פון לאַערטעס, מעכטיקער האַר אָדיסייאוס !
דער שר פון משקאות האָט צום טויט מיך געטריבן ! — א צעקאָכטער
פון שיכּרות, בין איך אויפן פּלאַטשיקן שלאָס-דאַך אַזוי זיך אין קילקייט
געלעגן. מיטאַמאָל אָבער האָב איך געגעבן אַ קנאַק אַראָפּ
צו דער ערד ; דעם האַלז און געניק צעבראָכן, אַז צום האָדעס איז אַזש
אַראָפּ מיין נשמה ! — און נון בין איך אויף דיר גוזר בתפילה :
„אינם זכות פון דיין אשה, די מלכה ; אינם זכות פון דיין פאָטער, דעם
ישיש ; און אינם זכות פון דיין זון טעלעמאַכאָס, — באַשווער
איך דיך : טו גנאָד צו דיין עבד, אָ מעכטיקער קיניג ! איך ווייס :
בקרוב, בקרוב וועסטו פון שרעקלעכן האָדעס ווידער צום
אינזל איאַיאַ גענענען, — טאָ זיי דאָרט מקבר כּדין
וכדת מיינע ביינער מיט טרערן, — בכדי די נקמה פון
הימלען זאָל זיך איבער דיר נישט צעגיסן ! — — הער : אינאיינעם מיט מיין
גוף זאָלסטו אויך מיין הלבשה מיטן גאַנצן כּלי-זין פאַרברענען.
און אויסגראָבן זאָלסטו ביים ברעג פון צעיושעטע ימים מיין
עלנט קבר, אַז עס זאָל פאַרבלייבן אַ צייכן לדורות !
— — — זיי אַלץ מיר ממלא, און פאַר אַ מצבה שטעל אַוועק אויף מיין
קבר די ווע סלע, וועלכע האָט מיט חברים איבער ימים
געטון מיך באַגלייטן !” — — —

געזאָגט ; און איך האָב דערויף אים געענטפערט :
„יאָ ! דיין בקשה וועט ווערן מקוים, אָ עלנטער חבר !"
אָט אַזוי האָבן מיר ביידע פאַראבלט געטענהט. איך — מיטן
אויסגעשטרעקטן חלף ביי דער שמורה פון בלוטן און ע ר ווידער —
איבער יענער זייט קרקע, מיט צעשאָטנטע תּפילות באַלאָדן !
מיטאַמאָל אָבער האָט זיך אַרויסגעשאַרט די קלאָרע נשמה
פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער... אַך ! מיין מוטער אַנטיקלייאַ בת
אייטאָליקאָס, וועלכע איך האָב נאָך ביים לעבן בעת מיין אָפּשיף
אין איליאָס פאַרלאָזט ! — — — און מיט אַ צעבראָכן געמיט האָב איך
איר אָנבליק באַגעגנט. אָבער צום בלוט זיך גענענען האָב איך קיין
רשות נישט געגעבן, ביז טײרעזיאָס וועט קומען מיר עצהן ! — — —
און אָט איז טאַקע מיטן גילדענעם שרביט געקומען צו שוועבן
דער טעבישער נביא. און באַלד האָט טײרעזיאָס דערקענט מיך, און
אַזוי זיך צעשאָטנט :
„ריטל פון דזעאוס. אָ האַר אָדיסייאוס !
זאָג : פאַרוואָס ביסטו פון ליכטיקע זונען צום האַדעס אַנטלאָפן,
וואו פרייד און געלעכטער האָט זיך אויף קברים און שרעקן פאַרביטן ? —
איצט אָבער גענען אָן אַ זייט און גורט אָן זיך דעם חלף און לאָז
פון דמים מיך טרינקען, — און דיין גורל וועל איך טון דיר צו וויסן !"
אַזוי געזאָגט האָט דער חוזה, און איך בין אַוועק פון דער קרקע,
און מיטן חלף אָנגעגורט זיך די לענדן. — — — און נון האָט דער נביא
פון די בלוטן געטרונקען, און תּיכּף האָט זיין ברכה צעשאַלט זיך :
„אַהיימצו טוסטו באַגערן, אָ איידעלער זון פון לאַערטעס ?
אָבער זע : דער אַל נוקם ונוטר פּאָזיידאָן האָט מיט שטרו·כלונג'
אונטערוועגנס געשטעלט זיך ! אַך ! מיט כּעס און נקמה וויל ער דיך
שטראָפירן, ווייל דאָס אויג פון זיין זון פּאָליפיימאָס האָסטו געטון
ווענס פאַרברענען ! — — — און הער, הער : עס קאָן נאָך קומען אַ צייט,
אַז איר וועט
פון שווערע ענויים אומקערן אַהיים זיך בשלום. דערפאַר
טאַקע בין איך דיך איצט מתרה, און ד ו ווידער באַוואָרן מיט מיין
זאָג די חברים : צום טרינאַקישן אינזל וועט דער ים אייך
פאַרוואַרפן ; — — — אָ, צום הייליקסטן אינזל פון שטראַליקסטן העליאָס.

וואו עס פּאַשען כסדר  ז ײ נ ע  שאָף בקדושה ! — טאָ זײ־זשע
געוואָרנט, אַז דאָס ליכטיקע זון־אויג טוט אײביק זײַן לאַנקע
באַוואַכן ! ! ! — און אויב דו וועסט אונטערוועגנס נישט אויפהײבן דײַן
חלף אַקעגן זײַן הײליקסטער סטאַדע, — טאָ וועט איר אײנאײנעם
(הגם מיט נסיונות) איטאַקאַ דערגרײכן ! אויב אָבער דו וועסט
זײ  פאַרציקן — טאָ  ווײס :  א ו מ ק ו מ ע ן  וועט  דײַן  שיף  מיט
חברים ; — — — און
נײערט דו אַלײן וועסט פאַרוויסט און פאַרוואָגלט מיטן שרעקלעכסטן
עלנט דײַן הײמלאַנד דערגרײכן,  און אָנטרעפן אין היכל אַ באַרג
מיט חרבנות ! און זע : בײזוויליק וועלן הולטײעס דײַן פּאַלאַץ
ראַבירן, און מיט גלוסטונג דײַן אשה אָנביטן מתנות,
בכדי זי באַשלאָפן ! — — — אָבער :  ש ו ע ר  ו ו ע ט  ז ײ ן  ד י
ו י ל ד ע  נ ק מ ה ! ! !
— — — און נאָכדעם, ווען דו וועסט די פּושעים בערמה אָדער באונס
פאַרציקן, טאָ נעם אין דײַן האַנט פאַר אַן אָנלען אַ גלאַטיקע
וועסלע און וואַנדער און וואַנדער ערגעץ ווײט, ערגעץ ווײט אינם טיפן,
אָן־סופיקן מרחק ! — — אָט אַזוי זאָלסטו בלאָנקען פאַראײנזאַמט, ביז
וועסט זיך אָנשלאָגן אויף מענטשן־פראים, וועמעס אויג האָט זיך נאָך
קײנמאָל אין קײן ים נישט געשפּיגלט ; וועמעס געפּרעס ווערט נישט
קײנמאָל
באַזאַלצן, און דאָס וויסעכץ פון באַפליגלטע שיפן — צו פאַר זײ
איז פאַרבאָרגן ! — — —
אוּן צוליב אַ טעות — ווײל  איך אַ סימן דיר ווײזן :
אויב דיך וועט אין מרחק אָנטרעפן אַ גײער און ער וועט מײנען,
אַז דו טראָגסט אויף דײַן אַקסל אַ שפּאָדעל — טאָ זאָלסטו תיכף
אַרײנשטעקן אין ערדן דײַן צעטרעטענע וועסלע און ברענגען
קרבנות צום ים־גאָט  פּאָזײדאָן : אַ ציג און אַ בוהײ מיט
אַ צעווילדעטן חזיר, וועמעס חזיריניע טוט פלאָדיען דאָס
יונגוואַרג !
— — — טו אַזוי ; און וואַנדער צוריק אין דײַן הײמלאַנד, און זײ דאָרט
מקריב העקאַטאַמבן צו פאַר אַלע הימלישע געטער. און, —
בזכות זה וועט מיט שטילע טריט דער טויט צו דיר זיך גענענען ; מיט

אַ שיבה־טובה וועט אויסגיין מחוצן ים דיין גרויסע נשמה,
און אויף דיין ערד וועלן פעלקער זיך לעבן בשלום! — — — — — — אָט אַזוי
בין איך דיר מבשר!" — — —
גערזאָגט; און איך האָב דערויף אים געענטפערט:
„איך גלייב, אָ טיירעזיאַס, אַז אַ ז ו י איז דער רצון פון הימלען!
איצט אָבער מאַך קלאָר מיר אַן ענין: אויפן עולם־התוהו האָט ערשט
נישט לאַנג זיך געשטאָנט די נשמה פון מיין געשטאָרבענער
מוטער. און אָט: איבער טריפיקע בלוטן זי זיצט דאָרט פאַרשוויגן,
און נישט זי קוקט מיר אין פנים, און נישט זי פאַרמעסט זיך מיט לשון. —
דעריבער דערלאַנג מיר אַן עצה, אָ האַר, אַז זי זאָל מיך דערקענען!"
אַזאַ געווען איז מיין תפילה; און איילִיק האָט ער מיר געענטפערט:
„נישט גרויס איז דיין פאַרלאַנג איצט, אָ גבור; — אָט וועל איך דיך
באַלערנען:
אויב דו וועסט געבן רשות פון טריפיקע דמים פאַר נשמות
צו טרינקען, — וועלן זיי דיר מיט לשון דעם עתיד באַווייזן.
אויב אָבער נישט, — וועלן זיי צוריק אינם אָפּגרונט ווערן פאַרזינקען!"
אָט אַזוי האָט די הייליקע נשמה פונם טעבישן חוזה
אויסגעלייגט מיר דעם עתיד און צוריק אינם האַדעס פאַרשוואונדן.
איך אָבער בין אַלץ נאָך ביי דער בלוטיקער קרקע פאַרבליבן. — און
נון האָט צוגעשאַרט זיך מיין מוטער פון טריפיקע דמים צו
טרינקען. און איינגעביסן האָט תיכּף איר בליק זיך אין מיינעם און
מיט טרערן געטון זיך צעשאַלן:
„קינד מיינס! וואָסער נס האָט דיך ביים
לעבן אינם פינסטערן גיהנום פאַרוואָרפן? עך, אַ פאַרגליווערטע
שרעק איז דאָך ביים לעבן דער האַדעס! זע: פון קלאָגיקע טייכן און
שרעקיקע ימים טוט רייסן די שוואַרצע מחוצה פון טויט און
פון לעבן. היינט, — וואָסער בר־חי וואָלט זיך צופוס, צי גאָר אין שיפן
אַהערצו באַוויזן? — — — קינד מיינס! זאָג: צי האָסטו פון טראָיע
מיט שיף
און חיילות צום האַדעס פאַרבלאָנזשעט, און צי קאָנסטו נאָך אַלץ נישט
דערגרייכן איטאַקאַ און די שויס פון דיין מלכּה אין היכל?!"
אַזוי געפרעגט האָט די מאַמע; און איך האָב באַלד איר געענטפערט:

„מאַמע ! אַן עת-צרה האָט מיך אַהערצו צום האַדעס געטריבן,
בכדי דער שאָטן פון טעבּישן ישיש זאָל טון מיך צו עצהן !
אַך ! צו מײנע איטאַקאַנ׳שע פעלדער פון ליבן אַכייאַ
בין איך נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען ! — מיט שווערע יסורים איך בלאָנקע
כסדר, זינט איך האָב מיטן חייל פון ב׳-אַטרייאָס קיין טראָיע
געצויגן, ווען ער האָט די פּריאַמישע מחנה — דורכן הוילן פערד —
הינטער איליאָן דערשלאַגן ! — — — דעריבּער דערצייל מיר, אָ מוטער :
פאַרוואָס האָט דער מלאך-המוות געטון דיך פאַרלענדן ? איז דיך
אפשר אַ מלחמה אָדער אַ שווערע מגפה באַפאַלן ? זאָג :
אפשר האָט דיך גאָר אַרטעמיס מיט דער ציל-פייל בשתיקה פאַרטיליקט ? —
דערצייל-זשע : — — וואָס טוט דאָרט דער טאַטע און מיין זון
טעלעמאַכאָס ? היינט :
צי שוועבּט נאָך כסדר איבּערן היכל מ יי ן כבוד, אָדער טוט שוין
אַ צ וו יי ט ע ר דאָרט שאַלטן, און מ י ך האָט מען שוין אינגאַנצן
פאַרגעסן ?
רעד : ווי אַזוי פירט זיך דאָרט אויף מיין פענעלאָפּייאַ, די וויסטע
עגונה ? צי טוט זי נאָך אַלץ מיין קינד מיטן עשירות באַשיצן,
צי האָט זי גאָר פאַר אַ צווייטן אַכייאישן בחור פאַרקנסט זיך ?"
אַזוי האָב געפרעגט איך מיין מוטער ; און זי האָט באַלד מיר
נעענטפערט :
„אָ ! מיט סבלנישער בענקשאַפט טוט אין היכל דאָרט וואַרטן דיין
וויסטע עגונה. און טאָג-איין, טאָג-אויס ריזלען טעג אין געיאָמער ;
און נאַכט-אויס, נאַכט-איין שווימען נעכט זיך אין טרערן ! — — אויך
איבּער דיין שלאָס
שוועבּט נאָך כסדר ד יי ן הייליקער כבוד ; און נייערט דיין זון
טעלעמאַכאָס טוט אָרום דיין ירושה דאָרט שאַלטן בשלווה ;
און ער פראַוועט די סעודות כדין מיט דער עדה, און צו אַלע
שופטים ושוטרים ווערט דער בן-מלך פאַרבּעטן ! — — — און אויפן ישוב
פאַראיינזאַמט און פון שטאָט-רויש דערווייטערט רוט דאָרט לאַערטעס, —
און נישט
מיט פּראַכט טוט ער זיין געלעגער באַדעקן. נייערט אינם געצעלט
פון עבדים ער וואַלגערט אין שטויב זיך אַקעגן דעם פייער און

ווינטערט דאָרט איבער, אַן איינגעהילטער אין שמאַטעס. — ערשט ווען עס נעמט
גליען דער זומער, און שלכתדיק צעהאָגלט דער האַרבסט זיך מיט
בלעטער, — טוט ער אויף גראָז זיך צעשפּרייטן אַ באַבלעטערט געלעגער,
און מיט וויסטן געהויל און שווערן געיאָמער באַקלאָגט ער דיין
גורל, און, צעמאַטערט פון שווערע יסורים, דערדריקט אים, דערדריקט
אים די אַלטקייט! — און איך? אָ! אויך מ י ך האָבן בייזע יסורים ביז
צום קבר פאַרפּייניקט: זון מיינער! נישט אַרטעמיס מיט דער ציל־פייל האָט
מיך בשתיקה פאַרטיליקט; — נישט קיין שווערע מחלה אָדער עפּעס
אַ שוואַרצע מגפה האָט אויסגעזאָגט מיר דעם מאַרך פון די ביינער
און פאַרטריבן מיין קלאָרע נשמה צום שרעקלעכן האַדעס. — ניין!
ניין! בלויז מיין בענקשאַפט נאָך ד י ר, אָ איידעלער פּרינץ אָדיסייאוס, —
געטון האָט דאָס גליאיקע לעבן פון דיין מוטער דערהוועריגן!"
  געזאָגט; און צעריסן איז דאָס האַרץ מיר געוואָרן פון בענקשאַפט, אַז
אַרומנעמען האָב געגאַרט איך דאָס שאָטן־געשטאַלט פון מיין מוטער.
און דריי מאָל האָב איך מיט ליבשאַפט געפּרווט זי צום האַרצן צודריקן, —
אָבער דריי מאָל איז זי פון מיין אָרעם, ווי אַ שאָטן אין חלום,
צו גישט מיר געוואָרן, — אַז נאָך שווערער געפרעסט האָט מיין בענקשאַפט.
  בין איך דעריבער צוגעשטאַנען צום טויטן־געשטאַלט פון מיין
געשטאָרבענער מוטער און מיט באַפליגלט גערייד זי געבעטן:
„מאַמע! פאַרוואָס ווערסטו נעלם, בעת איך טו אין דיינע אָרעמס
זיך וואַרפן? מאַמע! פאַרוואָס זאָלן מיר אַדאָ אינם האַדעס קיין טרייסט
נישט געפינען, ווען מיר וועלן געאָרעמט אין האַרצן זיך וויינען?
זאָג: אפשר האָט גאָר פּערזעפאָנייאַ בכיוון אַזאַ דמיון
געטון מיר באַווייזן, בכדי נאָך מערער מיין בענקשאַפט דערוועקן?"
  געפרעגט; און אָפּגעענטפערט עס האָט מיר מיין געשטאָרבענע מאַמע:
„אָ קינד מיינס, אומגליקלעכסטער זון פון יעדן בן־אדם אויף ערדן!
ניין! נישט גענאַרן עס טוט דיך בת־קראָנאָס פּערזעפאָנייאַ; —
נייערט אַ ז אַ איז דער גורל־הנשמות אויפן עולם־האמת!

אָך, נישט מער טועַן גידים פון מתים דורך פלייש און עצמות
זייער בענקשאַפט באַהעפטן; נייערט ווי חלומות ווערט יעדעס
נפש פאַרשווימען, — ווען די ריינע נשמה ווערט נעלם פון די
ווייסע עצמות און שאָטנט אַרום זיך אינם שרעקלעכן האַדעס! — — —
איצט אָבער: געגעגן זיך, געגעגן זיך און נידער צוריק אויף די
ליכטיקע וועלטן און זיי וועגס מבשׂר דיין מלכּה פון אַלע
נסיונות!"

אַזאַ געווען איז די טענה. — — מיטאַמאָל אָבער
האָבן מיליאַסן נשמות: די ווייבער און בתולות פון גרויסע
גבורים גענומען זיך שאַרן, געטריבן צו דמים פון דער
שאַרפער פערזעפאָנייאַ. און שאַרנווייז האָבן מתים אַרום
טריפיקע בלוטן געפלאַטערט. איך אָבער האָב ביי יעדן שאָטן
באַזונדער געגאַרט זיך צו פרעגן. האָב איך דעריבער מיין חלף
געטון אַ רייס אַראָפּ פון די לענדן און די צאַפּלדיקע
מתים קיין רשות נישט געגעבן אויס מיין קרקע צו זופן! האָט
זיך טאַקע א ײ נ צ י ק װ ײ ז יעדע נשמה צו דמים געיאַוועט,
און יעדן האָב געפרעגט איך ב אַ ז ו נ ד ע ר!

און נון האָט זיך טיראָ
צום ערשטן געפעדערט. טיראָ בת סאַלאָמאָנייאָס, דאָס ווייב, דאָס
געטרייע, פונם אַלמעכטיקן קרעטייאָס, דעם זון פון אייאָלאָס.
...אַמאָל האָט איר האַרץ געפלאַטערט מיט ליבשאַפט צום שטראָמיקן טייך
עניפּייאָס, וועלכער האָט איבער פעלדער און וועלדער מעלאָדיש
געריזלט. — — מאַכט זיך אַ מעשה, — ווי זי פלאַטערט אַזוי זיך אַרום
דעם הייליקן טייך עניפּייאָס, — קומט איר פלוצלינג אַקעגן דער
ערדן-צעטרייסלער, דער טונקל-גריוויקער ים-גאָט פּאָזיידאָן,
און ער איז מאַנס זי אין זאַמד ביים גערויש פון קלאָרינקען וואַסער. —
אָ! ווי געטורעמטע בערג, אַזוי האָבן געפּרעפּלטע אינדן
אַרום זיי זיך געהויבן און פאַרבאָרגן די ביאה צווישן גאָט
און דער יונגפרוי! זע: אַרום דער ערווה האָט ער צעפּראַלט איר דעם
גאַרטל און געטון זי באַשלאָפן! — — און געוועען איז, ווען זיי האָבן
זיך ביידע מיט ליבשאַפט פאַראייניקט, האָט גאָט געדריקט זי צום
האַרצן:

„זאָל מיין ליבשאַפט, אָ יונגפרוי, דיין האַרץ דערקוויקן, ווייל געווינען
דיין טראַכט וועט געראָטענע קינדער ! אָ. אומוירדיקע זרע טוט
קיין גאָט נישט פאַרזייען, — בכן, טו זויגן די זכרים מיט ליבשאַפט !"
גענזאָגט ; און גיך, גיך האָבן צערודערטע כוואַליעס דעם ים-גאָט
פאַרשלונגען. — — און געוואָרן איז טיראָ מעוברת, און אַ צווילינג
האָט געטון זי צו פלאָדיען. האָט פעלייאַס דער בכור זיך גערופן,
און נעלייאַס געוועזן איז דער צווייטער. און צוויי קרוינען האָט דזעאוס
געטון זיי פאַרטיילן : אין יאָלקאָס האָט פעלייאַס געוועלטיקט, און
נעלייאָס — אין דער זאַמדיקער פילאָס ! — — און צו קרעטייאָסן האָט
טיראָ די שענסטע פון אַלע ווייבער אויף ערדן געווינען :
אייזאָן און פערעס און דערנאָך ערשט דעם באַריטענעם גבור
און איידעלן פערדן-באַצווינגער אַמיטאַאָן ! — —
און נון האָט זיך
אַנטיאָפע בת אייזאָפאָס פאַר מיין קרקע געיאַוועט. ז י, די
שיינע בת-מלכה, וועמען קראָנאָס אַליין האָט בועל געווען
בסתר. ז י, פון וועמעס טראַכט עס איז אַמפיאָן און דייעטאָס
געוואָרן געפלאָדיעט. ז יי, די גרויסע גבורים, וועלכע האָבן
די זיבן-טויעריקע טעבײַ מיט טורעמס באַפעסטיקט, - וואָרים
אָ ן צוימען וואָלטן אפילו ז יי נישט געקאָנט זי באַצווינגען !
דערויף האָט זיך אַלקמענע אשת אַמפיטרייאָן פאַר דער קרקע
צעצאַפּלט. ז י, פון וועמעס טראַכט דער לייבן-באַהאַרצטער העראַקלעס
איז פון דער זרע פון דזעאוס בן קראָנאָס געוואָרן געפלאָדיעט !
— אויך איר שנור מעגאַרע בת קרעיאָן האָט בײַ די דמים געפלאַטערט ;
מעגאַרע, וועמען בן-אַמפיטרייאָן געטון האָט אַנטשפויזן !
און נון האָט זיך די מוטער פון אוידיפּוס, — די וויסטע נשמה
פון דער שיינער עפּיקאַסטע, איבער די בלוטן צעשאָטנט.
אָ ! פאַרטיליקט האָט אוידיפּוס זיין אייגענעם פאָטער, און מיט דער
מוטער געטון זיך פאַרקנסן (וועמעס סוד עס האָבן צו לייטן
מגלה געווען די געטער), אָבער מיט צער האָט ער שפּעטער
איבערן שבט פון קאַדמאָס אין טעבײַ געוועלטיקט, ווייל שטראָפירן
האָבן געטון אים די הימלען. עפּיקאַסטע ווידער האָט פון צער

און פֿין בושה אויפֿן גאָרגל פֿאַרלייגט זיך אַ פּעטליע, און פֿון דער
תּליה מיט אַ מיתה-משונה צום האַדעס פֿאַרפֿליגן! – אַ ז ו י
איז די מוטער געפּגרט; אָבער מיט דער אייביקער קללה האָט
דער זון זי געירשנט: מיט עריניעס וויסטע נקמות!
און נאָך האָט זיך כלאָריס, – מיט וועמען נעלייאָס האָט געטון זיך
אַנטשפּויזן, צו די דמים געכוואַליעט! און געווען איז כלאָריס
די שיינע בת-זקונים פֿון אַמפֿיאָן בן יאָסאָס, וועלכער האָט
איבער מינייער אין אָרכאָמענאָס געקיניגט. און טייערע
קינדער האָט זי געטון אים געווינען: נעסטאָר, כראָמיאָס און דעם
מוטיקן פּעריקלימענאָס, אָבער אויך אַ יפֿת-תּואר פֿון
אַ טאָכטער האָט געטון זי צו פֿלאָדיען, פּעראָ די שיינע! – – – האָבן
טאַקע שכנישע פּירשטן צו איר זיך געשדכנט. נעלייאָס אָבער
האָט נייערט געוואָלט זי אַנטשפּויזן צו איינעם, וועלכער וועט דווקא
באַווייזן ראַבירן די סטאַדע פֿונם פֿילאַקישן קיניג
איפֿיקלאָס! – – – שווער געווען איז די אַרבעט. אָבער מעלאַמפּאָס, דער
חוזה האָט צו איר זיך גענומען! האָט טאַקע אַ שטרויכלונג פֿון
הימלען מיט אים זיך געטראָפֿן, ווייל מיט קייטן האָבן פּאַסטוכער
געטון אים צו פּענטען! – – – און ערשט, ווען מיטן געקרייזל פֿון
הארען איז
אַ יאָר זיך פֿאַרשוואומען, – האָט איפֿיקלאָס דער קיניג זיינע פּרענטעס
– צוליבן נביאות – צעריסן – – אָט אַ ז ו י האָט גאָט אים באַשירעמט!
און נאָך האָט לעדאַ, די באַשלאָפֿערין פֿון טינדאַרייאָס, געטון
זיך אַנטפּלעקן. און צוויי זין האָבן פֿון איר טראַכט זיך געפּלאָדיעט:
קאַסטאָר,
דער גבור אויף רייט-פֿערד, און פּאָלידייקעס, דער העלד מיט די פֿויסטן!
און זע, זע: אויף זאַפּטיקע ערדן טועןביידע עד-היום נאָך
לעבן. אָבער אויך אויפֿן עולם-האמת טוט גאָט דועאוגביידע
ברידער באַשיינען: אַ טאָג איבער אַ טאָג, – ער וועקט אויף זיי פֿון
קבר, און פֿון זיין לויטערקייט ווערן ביידע ברידער געלייטערט!
און נאָך איז איפֿימעדייאַ, די באַשלאָפֿערין פֿון אַלאָעס,
צו די בלוטן געקומען. אויך ז י איז געווען אַ פּלגש
פֿונם ים-גאָט פּאָזיידאָן, פֿון וועמען זי האָט צוויי יונגען מיט

פאַרשניטענע יאָרן געווינען: אָטאָס און איפּיאַלטעס! און
יע: חוצן שטראַליקן אָריאָן זענען אירע צוויי זכרים געווען
די לענגסטע ענקים איבער דער פלאַך פון דער ערד. אויפן ניינטן יאָר פון
ווייער לעבן האָט אויף ניין קלאַפטער זייער לענג זיך צעוואַקסן, און
אויף ניין איילן זייער ברייטקייט אין טאַליע. – – און געגאַרט האָבן די
ענקים אפילו מיטן אָלימפּאָס צו פירן מלחמה. –
האָבן זיי טאַקע אויפן ראש-הפסגה פון אָססאַ פּעליאָנס
מעכטיקן באַרג-וואַלד פאַרוואָרפן און שיער נישט אויף הימלען געקלעטערט!
(אָ! אויב זיי וואָלטן אַריין אין די יאָרן, וואָלטן זיי זיכער דעם
אָלימפּאָס צעריסן!...) – צום גליק אָבער האָט בן-דזעאוס ולעטאָ
באַצייטנס געכאַפּט זיך און זיין געלאָקערטער טויט-קלאַפּ האָט רעפּטעם
ביידע ענקים פאַרטיליקט, נאָך איידער אויף זייער גאָמבע האָט
אַ האָר זיך באַוויזן און נאָך איידער סמני-נערות האָט אויף
דער ערווה געברוינט זיך! – – –
...און נון איז פיידראַ געקומען. און נון האָט
זיך פּראָקריס צעשאָטנט. און נון האָט זיך אויך אַריאַדנע בת מינאָס
געפעדערט. ז י, וועמען טעזייאָס האָט פון קרעטאַ קיין אַטען
געבראַכט צו באַשלאָפן. אָבער אומזיסט! ווייל איידער וואָס, איידער ווען
האָט אַרטעמיס אויף דיאַ געטון זי פאַרלענדן, – ווי שפּעטער האָט
מעיד געווען דיאָניזאָס! – – –
...און נון האָט זיך מיירא געיאָוועט.
און נון האָט קלימענע געצאַפּלט. און נון האָט זיך אויך עריפלע
געגעפלט. ז י, די חצופה, וואָס האָט פאַר אַ רענדל איר מאַנסביל
פאַרראַטן! – – – אָבער, – – אָבער, ווער איז דען ביכולת פון אַלע
ווייבער און טעכטער פון געוועזענע ערדישע העלדן אייך דאָ
צו פאַרציילן? היינט, וואָס-זשע וועט זיין מיט דער נאַכט, וואָס אַנטלויפט שוין פון
הימלען? – – זאָגט: צי זאָל איך בלייבן מיט אייך איצט, אָדער גיין שלאָפן צו דער

שיף מיט חברים ? — אָבער וואָז שייך מיין היים־וועג, גיב איך זיך
איבער צו א ײ ך און צו געטער !"

* * *

געזאָגט ; און פֿאַרבישופּט האָט זיין וואָרט
די אסיפה. און בייערט אַרעטע האָט די שטילקייט צעריסן :
„אָ פֿאַיעקן ! זאָגט : וואָס איז א ײ ע ר משפט וועגן דעמדאָזיקן
גבר, ביי וועמען עס האָט זיך גבורה און שיינקייט מיט שכל
פֿאַראייניקט ? — הערט : חוץ מיר, — קאָנט איר אַלע מיין אורח פיל
כבוד מיט
רייכע מתנות דערלאַנגען. נישט קאַרגט אים, נישט קאַרגט אים, און
נישט לאָזט
אים בגפו אַהיים זיך באַשיפן, בעת אָנגעפּולט איז
אייער היים איצט מיט צירונג און אוצרות און מיט אַלדאָס גוטס פון די
הימלען !"
גענזאָגט ; און דערויף האָט אויך דער גרייז־גרויער אייכענייאָס
פֿאַרן עולם צעשאַלט זיך, און מיט חשק די פֿאַיעקן צעוואָרעמט :
„חברים ! הגם נישט א י ך , רק אַלקינאָיאָס דאַרף אייך באַפעלן.
אָבער ווייל צו אייער הארץ האָט גערעדט מעלתה די מלכה, —
דעריבער שטייט אויף און זייט אַלע איר בקשה ממלא !"
און מיט שאַלונג האָט דערויף מוסיף געווען דער האַר אַלקינאָיאָס :
„אָ ! ביי מיין קרוין און ביי מיין פֿאַיעקישן ים־פֿאָלק טו איך איצט
שווערן, אַז דער געהייס פון דער מלכה וועט ווערן מקוים !
זאָל, ביי זיין גאַנצער בענקשאַפט אַהיימצו, דער אורח ביז מאָרגן מיט
אונז נאָך פֿאַרבלייבן, בכדי מיר זאָלן פיל שיינע מתנות טון
אים דערלאַנגען ! הערט : אונטער מ ײ ן השגחה וועט דאָס גאַנצע
פֿאָלק צו דער
שיף אים באַגלייטן, ווייל מיט חסד איבער ז ײ איך געוועלטיק !"
האָט דער גרויסער סבלן אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט :
„אָ הויכגעאַכפּערטער קיניג, ווייט־געקרוינטער האַר אַלקינאָיאָס !
באמת, — אפילו אַ יאָר מיט מעת־לעתן וואָלט איך צווישן אייך
דאָ פֿאַרבליבן, אַז איך זאָל מיט רייכע מתנות אומקערן

אַהיים זיך בשלום! ווייל הערט, הערט: ווי חשוב וואָלט איך ערשט דענסטמאָל
אין מיין היימלאַנד געוועזן, ווען באַגליקט מיט גרויסע געשאַנקען
וואָלטן סיי מאַנען, סיי ווייבער, אין דער ה יי ם מיך באַגעגנט: מ י ך, דעם
דערשלאָגענעם, אויף מיינע היימישע, איטאַקאַנישע ערדן!״
האָט אָבער דער קיניג אַלקינאָיאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָדיסייאוס! הגם דו ביסט אונז פרעמד, — פונדעסטוועגן איז קלאָר, אַז
בלויז מעלות טובות חנדלען אַראָפּ פון דיין געשטאַלט און דיין פרצוף, —
נישט ווי פון פרעמדע, קבצנישע גייער, וואָס וואַנדלען אַרום זיך
אויף ערדן און טוען אונטער שקרים זייער מיאוסקייט באַהאַלטן.
אַך: געשליפן דיין וואָרט איז אין אַ פורעם פון איידעלער חכמה.
אין אַזוי ווי דאָס ליד אויף דער האַרפע פון גרויסן מנגן,
אַזוי שפּילסטו אויס איצט אין ווערטער די שווערע יסורים פון דיר
און פון דיין אַרגיווישן חייל! — איצט לאָז דעם אמת מיך הערן:
זאָג: צי האָסטו וועמען פון אַלע טויטע גבורים אין האַדעס
באַגעגנט, וועלכע האָבן ביי טראָיע זייער לעבן פאַרלוירן? — —
דערצייל; ווייל לאַנג, לאַנג איז די נאַכט היינט, און נאָך האָט די שלאָף־שעה צו אונז
נישט געניידערט. דערום זיי אונז מבשר דעם פרעכטיקן המשך פון
דיינע נסיונות. ווי! אפילו ביזן גרויען באַגינען וואָלט איך
אין מיין היכל אָן מידקייט דיינע שרעקלעכע מעשיות פאַרנומען!״
און נון האָט דער סבלן בן־לאַערטעס דערויף אים געענטפערט:
„אָ הויכגעאַכפּערטער קיניג, ווייט־געקרוינטער האַר אַלקינאָיאָס!
באמת, לאַנג, לאַנג איז די נאַכט, אַז מיר האָבן אי צייט אויף גערייד,
אי צייט אויף געדרימל. אויב אָבער דו ווילסט דווקא פאַרנעמען די
בשורה פון מיין לעפּץ, וואָס וועט דיר אַנטפּלעקן די וויסטע גורלות
פון מיינע חברים, וועלכע זענען גליקלעך פון טראָיאַנישע
שלאַכטן מיטן לעבן אַנטלאָפן און ערשט דורך זייערע זינדיקע
ווייבער אינם אייגענעם היימלאַנד געגאַנגען פאַרלוירן, — טאָ הער:
— ...און ס'איז געווען, ווען אויפן געהייס פון דער שאַרפער פּערזעפאָנייאַ

האָבן צוריק אַלע מתים-נקבות צעזייט און צעשפּרייט זיך
אין האַדעס — האָט פּלוצלינג די וויסטע נשמה פון בן-אַטרייאָס
אַגאַמעמנאָן צו פאַר מיר זיך באַוויזן! און זע: נאָכגעשאָטנט
פאַרן האַר האָבן זיך אַלע חברים, וועלכע זענען אינם בורג דורך
עגיסטאָס געוואָרן פאַרטיליקט! — און נון האָט די נשמה פון
מיין קרקע געטרונקען און תיכף דערקענט מיך. און מיט געקלאָג און
געיאָמער האָט צעשפּרייט זי די אָרעמס און באַגערט אויף מיין האַלז זיך
צו וואַרפן. — אָבער ווי: אויסגעזויגן פון זיין טריט איז געווען שוין
דער כוח, און פונם בויגעוודיקן גוף איז געוואָרן אַ גל של
עצמות! — איז ווי אַזוי-זשע האָב איך נישט געזאָלט זיך צעוויינען?
און ווי אַזוי-זשע האָב איך נישט געזאָלט פרעגן ביי מיין ברודער:
„אָ גרויסער זון פון אַטרייאָס, דו מעכטיקסטער העלד אַגאַמעמנאָן!
וואָסער גורל האָט דיך אַהערצו צום שוואַרצן האַדעס פאַרטריבן?
זאָג: אפשר האָט דער גרויזאַמער פּאָזיידאָן אויף דיינע שיפן מיט
ווילדע אָרקאַנען געטון זיך צעבלאָזן, אַז אַרויסגעבלאָזן
פון גוף האָט אויך דיין נשמה? און אפשר האָט דיך גאָר דער שונא
אויף יבשה פאַרטיליקט, בעת דו האָסט זיינע סטאַדעס געפּרווט
צו ראַבירן, אָדער ווען זיי האָבן די ווייבער און קינדער
באַשירעמט.”

געפרעגט; און גיך, גיך האָט מיר זיין נשמה געענטפערט:
„הייליקער זון פון לאַערטעס, אָ מעכטיקער העלד אָדיסייאוס!
ניין, נישט מיט ווילדע אָרקאַנען האָט פּאָזיידאָן אויף מיינע שיפן
געהודזשעט; און אויך נישט דער שונא האָט אויף יבשה געטון מיך
פאַרציקן. נייערט עגיסטאָס, עגיסטאָס האָט צו אַ שרעקלעכער
סעודה געטון מיך פאַרבעטן, און אַך: איך, נאַר, בין געגאַנגען
און ווי אַ בוהיי ביים זשלויב האָט ער זאַלבערצווייט מיט מיין אשה,
דער זונה, געטון מיך צו שעכטן!! — — — אַזוי, אַזוי איז מיין וויסטע
נשמה צום האַדעס פאַרפלויגן; און ווי אַ שאָף אָן אַ פאַסטוך איז
אויכעט מיין חייל געוואָרן געשאָכטן! אָ, אַזוי טוט מען רק
שעכטן פאַרן כריתות-הברית די ווילדע חזירים; אַזוי טוט דער
חלף רק שניידן דאָס פלייש פון אַ חיה, און אַזוי קנאַקן נאָר
ביינער אויף שמחות! — — האָסט דאָך זיכער געזען שוין, ווי צוויי מאַנען

טוען באַשײנפּערלעך מיט שווערדן אויפן בלוטיקן שלאַכטפעלד זיך
שניידן ? — אָבער טיפער ווי אויפן שלאַכטפעלד וואָלט גערירט עס דיין הארץ,
ווען דו כאַפּסט נאָר אַ בליק, ווי צווישן פליישן און וויינען עס וואַלגערט
מיין גוף זיך אין קויטיק־פאַרגליווערטע און שווימיק־פאַרסטאַיעטע
בלוטן ! — — — און מיט ווילדן געבריל האָט קאַסאַנדראַ בת פּריאַמאָס איר
לעבן פאַרלוירן, ווייל האַרט לעבן מיר האָט זי קליטײמנעסטראַ
געשאָכטן ! — — — און אַ גוסס האָב אויסגעצויגן די הענט איך נאָך
זיסער נקמה — אָבער ווי : אַוועק פון מיין זייט איז מיין ווייב, די
ארורה, און אפילו די גוססע וויִעס נישט געטון מיר
פאַרמאַכן, און מיינע קאַלט־צעעפנטע לעפצן נישט געוואָלט מיר
פאַרשליסן ! — — — ניין ! קיין מיאוסערע חרפה האָט נאָך ביז איצטער אונזער
ערד נישט באַנומען, ווי אַז אַן אשה איז בוגד אָן איר מאַן דעם
געטרייען, בעת זי טוט אים מיט כעס און נקמה פאַרלענדן בערמה !

...אַך ! מיט פריידיקער בענקשאַפט האָב געגאַרט איך צום היימלאַנד,
וואו מיין פאָלק און מיינע קינדער וועלן מיט שמחה מיר קומען
אַקעגן. אָבער וואָס ? אָבער וואָס, אַז זי אַ ל י י ן האָט געטון מיך
פאַרציקן ? — אָ, נישט רק זי וועלן געטער דערייבער שטראָפירן ;
בייערט עד סוף כל הדורות וועט איר מין נישט ווערן געלייטערט !״ —

געזאָגט ; אָבער מיט אַ צעבראָכן געמיט האָב איך אים געענטפערט :
„אָ ! ווי מיר, ווי מיר ! וויפיל מאַנען פון דער גזע אַטרייאָס האָט
שוין דער אַלמעכטיקער דזעאוס געטון אומברענגען צוליב זיינע
ווייבער־ארורות ? אָך ! וויפיל העלדן זענען צוליב העלענען
געפאַלן ? — היינט טאַקע ד י ך ; — דיך, וועמען קליטײמנעסטראַ אומגעבראַכט האָט בערמה ?!״

געזאָגט ; און דערויף האָט זיין נשמה געענטפערט :
„דעריבער זיי געוואָרנט, אַז אויך ד ו זאָלסט בשעת־תשוקה נישט
מגלה־סוד זיין צו דער אשה אַ יעדע געהיימניש : דערציילִ
איר לפנים אַ מעוט ; די רעשט אָבער פאַרשליס דיר אין הארצן ! —

הגם דײַן פּטירה, אָדיסײַאוס – וועט נישט קומען דורך דער האַנט
פון דער מלכּה ; ווײַל מיט רעכטפאַרטיקער צניעות איז באַלאָדן די
ריינע נשמה פון איקאַריאָסעס טאָכטער פּענעלאָפּײַאַ !
דערמאַן זיך : ווען מיר האָבן אין מלחמה געצויגן, איז זי אינם
היכל אַ יונגע מאַמע פאַרבליבן. אַ בן-זכר איז אויף דער
ברוסט איר געלעגן, און פאַר דער צײַט איז ער געוואָרן דערוואַקסן !
אָ נחת ! בקרוב וועט אומקערן זײַן פאָטער אַהיים זיך, און
מיט גליק און מיט ליבשאַפט וועט דער זון אין זײַנע אָרעמס זיך וואַרפן !
מײַן קינד אָבער האָט אפילו קיין רגע מײַן אויג נישט
געזעטיקט ;
ווײַל איידער וואָס, איידער ווען האָט די זונה געטון מיך פאַרציקן ! – –
...און נון פאַרנעם איצט מײַן עצה, און טראָג זי גוט אין זכּרון :
בסתר, בסתר זאָלסטו מיט דער שיף צו דײַן היים זיך דערשלעפּן,
ווײַל אײביק, אָ אײביק מוז מען סודות פון די ווײַבער באַהאַלטן ! – –
און איצט, געזעגן זיך, געזעגן זיך און זײַ מיר דעם אמת מבשר :
זאָג : צי האָסטו עפּעס וועגן גורל פון מײַן זון דאָרט אויף ערדן
פאַרנומען ? דערצייל : ווײַלט ער אפשר אין אָרכאָמענאָס, אין פּילאָס,
צי גאָר אין לעקיידעמאָן, – וואו מענעלײַאָס געוועלטיקט מיט
חסד ? – רעד : וואָרים מײַן אָרעסטעס איז דאָך נאָך ווײַט נישט
געשטאָרבן ?!"
געפרעגט ; און אַזוי האָב איך דער נשמה געענטפערט מיט שאַלונג :
„עך, – פּוסט איז דײַן שאלה, אָ זון פון אַטרײַאָס. ווײַל נאָך קיינמאָל איז
זײַן נאָמען צו מײַן אויער נישט דערגאַנגען ; – הײַנט וואָס נוצן דײַנע
דברים-בטלים ?"
אָט אַזוי האָבן מיר, צווײ צעבראָכענע
הערצער, מיט פאַרגאָסענע טרערן געטענהט. מיטאַמאָל אָבער
האָט זיך צעפלאַטערט די גרויסע נשמה פונם פּעלײַאָנישן
אַכילײַאָס, און מיטגעשוואומען מיט איר שאָטן איז דער גײַסט
פון פּאַטראָקלעס, דער אָטעם פון אַנטילאָכאָס און דער שאָטן פון
אײַאַס – וועמעס צורה האָט צווישן אַלע אַרגיווער זיך שיער נישט
צו בן פּעלײַאָס פאַרמאָסטן ! – – און נון האָט די נשמה פון
אַכילײַאָס בן פּעלײַאָס בן אײַאַקאָס געטון מיך תיכּף

דערקענען, און בלב-נשבר מיט טרערן בלחש צעשאַלט זיך:
„הייליקער זון פון לאַערטעס, אַ גרויסער קיניג אָדיסייאוס!
זאָג: וואָסער כּוח האָט דיך אַזש צום האַדעס געטון איצט פאַרשלעפן? און
וואָס טוסטו דאָ זוכן אינם בראַנדיקן גיהנום צווישן שאָטנס
פון מתים?!"
גענפרעגט; און דערויף האָב איך זיין נשמה געענטפערט:
„אָ בן פעלייאָס אַכילייאָס, דו מעכטיקסטער זון פון אַלע
דאַנייער! צוליב אַן עצה האָב איך אַהערצו געפעדערט.
ווייל נייערט אויף דער לעפץ פון טיירעזיאַס איז געלעגן די בשורה,
וויאַזוי איך וועל איטאַקאַ דערגרייכן! אָ, אַזוי בלאָנקע איך
יאָרן מיט יאָרן, און כ'קאָן זיך אַלץ נישט קיין אַכייאַ דערשלאָגן.
צו דיר אָבער אַכילייאָס, האָט קיינער און קיינמאָל נישט געקאָנט
זיך פאַרמעסטן: נישט פריער, ווען מיר אַרגיווער האָבן אויסדערוויילט
דיך צום קיניג, און נישט איצט, ווען דו געוועלטיקסט איבער מתים אין
האַדעס! בכן: נישט באַקלאָג דיין פּטירה, אָ זון פון פעלייאָס!"
געזאָגט; אָבער גיך, גיך האָט מיר געענטפערט זיין גרויסע נשמה:
„מיט טרייסט טוסטו מיר לויבן דעם טויט, אָ גרויסער העלד אָדיסייאוס?
ניין! איך וואָלט שוין ליבערשט פאַרקויפט זיך פאַר אַ פשוטן עבד אויף
זעטיקע ערדן: אַ קנעכט, וואָס טוט עסן זיין פאַרמאָזאָליעטע
פראַצע דורך שווייס און האָרעוואַניע, — איידער איבער מתים און
שאָטנס רעגירן!... איצט אָבער גאַר איך צו וויסן, צי אויך מיין זון
האָט מוטיק אין מלחמה געצויגן. זאָג: איז ער אפשר אינם
היימלאַנד פאַרבליבן? — — — און וואָס טוט דאָרט פעלייאָס? דערצייל:
געוועלטיקט
ער אַלץ נאָך איבערן מירמידאָנישן שבט, אָדער טראָגט זיך
שוין איבער פטיאַ און העלאַס צום מלך אַ שנאה, הלמאי
ער ליגט (שוין געזעטיקט פון יאָרן) אויף הענט און פיס אַ געליימטער? —
אַך! געווען איז אַ צייט, ווען מיר האָבן ביידע אונטער שטראַליקע
זונען אויף די בלוטיקסטע פעלדער פון ווילדע טראָיאַנער די
פאַרביסנסטע שונאים מיט גבורה צעריסן! — געווען, געווען, —
און אַלץ לכבוד אַכייאַ!!! — און איצט? אוי, ווען איך וואָלט כאָטש איצט

אויף אַ רגע אין מיין היימלאַנד געקאָנט זיך באַווייזן, — ווי ! ווי ! מיט
אייזערנע כּוחות וואָלט איך אַלע מורדי-במלכות פאַרטיליקט ! !"
גענאָגט ; און גיך, גיך האָב איך מיט שאַלונג צו זיין שאָטן געענטפערט :
„קיין שום בשורה איז וועגן גברן פעלייאָס צו מיין אויער נישט
דערגאַנגען, אָבער וועגן דיין ליבינקן זון נייאָפּטאָלעמאָס
וועל איך אויף דיין בקשה דעם קלאָרן אמת טון דיר אַנטפּלעקן :
הער : איך אַליין האָב אויף מיין טרייב-שיף געבראַכט אים פון סקיראָס ביז צו
די טויערן פון טראָיע צו זיינע שיין-באַפּאַנצערטע גריכן.
און רק ער אַליין איז אונזער גרויסער בעל-יועץ הינטער טראָיע
געווען. און נייערט נעסטאָר און איך האָבן מיט געפליגלטן
לשון געקאָנט אים באַזיגן ! און כּסדר, כּסדר ווען
אונזער בייזע מלחמה מיט ווילדע טראָיאַנער האָט זיך בלוטיק
צעפלאַקערט, איז ער נישט קיינמאָל, נישט קיינמאָל אַוועק פון דער מחנה ;
נייערט מיט פייל און מיט בויגן איז ער אייביק פאָרויס אָן פּחד
געפלויגן, און מיט קוראַזש און גבורה צעריסן ד שונא ! — —
נישט פון אַלע הרוגים, וואָס דיין זון האָט לכּבוד אַכייאַ
צעממיתט, וויל איך איצט רעדן, — אָבער וועגן שרעקלעכן טויט פונם
גבור אייאיריפילאָר בן טעלעפאָס איך מוז דיר דערציילן :
דורכגעבויערט האָט ער דעם גבור מיט זיין אייזערנער פּיקע, אַז
פיל קעטייער (פאַרקויפטע דורך פרויען-מתּנות) זענען מיט אים
דאָרט געפאַלן ! — און ווייס : חוץ מעמנאָנען, איז אייאיריפילאָס
געווען דער שענסטער ! — — — און איינמאָל, ווען מיר, די אַרגיווער, האָבן
אינם בויך פון עפּייאָסעס פערד געטון זיך באַהאַלטן, און מיך האָט
מען אַוועקגעשטעלט פאַר אַ שומר ביים אַריין-און אַרויסגאַנג, —
האָבן די דאַנייאישע פירשטן בלחש געוויינט אויף זייער
קלאָגיקן גורל, אַזש הענט און פיס האָבן פון פּחד געציטערט.
ד יי ן זון אָבער האָב איך קיינמאָל געזען נישט, אַז ער זאָל אַ טרער
ווענס פאַרגיסן, אָדער פון פּחד זאָל זיין בליאיק פּנים טון
זיך פאַרבלאַסן ; אַדרבה : מיט רחמים פלעגט ער כּסדר מיך
בעטן, אַז איך זאָל פונם פערד אים באַפרייען, — און זע : בלוטיק געבלאַנקט
האָט אַקעגן שונא זיין חלף, און זיין כּעס האָט די טראָיאַנער

געוואָרנט ! ! ! — — — און געווען איז, ווען דאָס לאַנד פון פּריאַמאָס האָבן
געטון מיר באַצווינגען, האָט ער מיט אַ שפע פון שלל און מיט
רייכע מתנות צו מיין שיף זיך באַוויזן, און הער : אָן אַ וואונד
האָט ער אַהינצו גענידערט, — הגם עס טרעפט אַזוי זעלטן, אַז
אַ גבור זאָל אָן אַ טשעפּ פון אַ שווערד אויסמיידן דעם שונא, — ווייל
בלינדערהייט טוט דאָך אַרעס די קריגס־קלעפּ פאַרזייען !" — —
געזאָגט ; און צו
דער אַספּאָדעלאָס־לאָנקע האָט מיט ברייטע שפּרייז־טריט אומגעקערט זיך
מיט דער ליכטיקער בשורה די נשמה פון האַר אַכילייאָס.
— און נון האָבן נאָך מיליאַסן נשמות אויפן עולם־התוהו
אַדאָרטן געבלאָנזשעט און זייער גורל באַקלאָגט און באַהאָגלט,
אָבער אָפּגעשטאַנען פון אַלע מתים געווען איז דער שאָטן
פון איאַס בן טעלאַמאָנאָס, וועלכער האָט מיט שגיונות נאָך
אייביק געפעטנט, הלמאי א י ך האָב אויסגעשפּילט דעם געוועט־קאַמף אויפן
בויגן פון אַכילייאָס, וועמען טעטיס, זיין מוטער, אויסגעפּרייזט
האָט פאַר העלדן ; — אָבער מיט רעכטפאַרטיקן משפט האָבן אַלע
טעכטער פון טראָיע מיט פּאַלאַס־אַטענען דערזען מיין נצחון !
עך, הלוואי וואָלט איך ליבערשט דעם געוועט נישט געוואונען, אַבי
אַזאַ קאָפּ זאָל נישט ווערן מבולבל. וואָרים חוץ דעם מעכטיקן
אַכילייאָס איז נישט קיינער, ווי איאַס, מיט אַזוי פיל חכמה
געוועזן באַלאָדן !
האָב איך מיט חניפה געפרעגט ביים צעמישטן :
„אָ איאַס בן טעלעמאָנאָס ! אַפילו א י צ ט , נאָך דיין פּטירה,
ווילסטו מיר קיין מחילה וסליחה נישט געבן, דערפאַר וואָס מיט
דער הילף פון די געטער האָט י ע נ ע ר בויגן דעם שונא צעמזיקט ?
זע : אויך ד ו ביסט צוליב אונזער כבוד אַהערצו פאַרזונקען, —
אָבער גלייך ווי די אבידה פונם געטלעכן העלד אַכילייאָס,
אַזוי טוען מיר אַכייער אויך ד י ך נאָר כסדר באַוויינען !
ניין ! נייערט גאָט דזעאוס איז אין אומגליק דיר שולדיק. ע ר , ווייל רק
ע ר אַליין האָט פיל דאַנאַיער פאַרטיליקט, און אויך ד י ך פון אונזער
מחנה פאַרטריבן צום האַדעס ! — — דערום גענען זיך, גענען זיך, אָ האַר
און געביטער, און אָן ברוגז פאַרנעם איצט מיין שאַלונג !"

געזאָגט ; אָבער דמדומימדיק־שטיל האָט זײַן רײַנע נשמה אָן
תשובה צוריק צו די שאָטנס פֿון שוואַרצן עראָבאָס געפֿלאַטערט.
און ס׳קאָן זײַן, אַז איך װאָלט נאָך אפשר מיט זײַן כעסיקן שאָטן
געטענהט, אױב אין מײַן טיפֿקײט װאָלט נישט געעקבערט די תאווה
מחיה־מתים צו זײַן דעם יתר־המתים פֿון האַדעס.
— און נון האָט צו פֿאַר מײַנע אױגן מינאָס בן דזעאוס געטון זיך
אַנטפּלעקן. און זע : אױסגעשטרעקט איז דער גינגילדענער שרביט אין
זײַן אָרעם געלעגן, און אַלע אײַנגעזאַמלטע מתים פֿון
שרעקלעכן האַדעס האָט דער מלך־שופֿט מיט חסד געמשפּט !
און נון איז אָריאָן געקומען. און װײַט, װײַט אינם מרחק האָט דער
ריז־מענטש מיטן אײביקן פֿלאָקן אױף די אַספֿאָדעלישע לאָנקעס
געטון טרײַבן און טרײַבן אַלע חיות פֿון מדברישע
בערגער, װעלכע ער האָט אײביק בײַם לעבן צום פֿרעסן געשאָכטן.
און נון האָט זיך טיטײאָס בן גײאַ צו פֿאַר מײַנע אױגן
באַװיזן. און נײַן ערדן־שטחים איז אױסגעשטרעקט אין דער לענג
ער געלעגן, און צװײ גײַערס האָבן געפּיקט אים זײַן לעבער ! און
נישט קײנמאָל האָט ער נעקאָנט זיך באַשיצן פֿון בײדע מזיקים,
װײַל װען לעטאָ אשת דזעאוס איז קײן פּיטאָ איבער פּאַנאָפּעס
געגאַנגען, האָט אונטערװעגנס טיטיאָס געטון זי באַשלאָפֿן !
און נון האָט זיך טאַנטאַלאָס, דער גרױסער בעל־יסורים, צו פֿאַר
מײַנע אױגן באַװיזן. און אַך : אין טיפֿקײט פֿון װאַסער איז ער
אַזױ אײביק געשטאַנען. און ביז צו דער גאָמבע האָט דאָס װאַסער
געטון אים דערגרײכן. און דורשטיק נאָך אַ טרונק איז ער כסדר
געװען. אָבער װי נאָר דער זקן האָט אַראָפּגעבױגן דאָס
מױל אױף צו טרינקען, — האָט תּיכּף דער דײמאָן דאָס װאַסער צעשװאומען,
און בלױז ערד האָט פֿאַר זײַנע פֿיס זיך געװאַלגערט. — און שװערע
צװײַגן
מיט פּרות האָבן איבער זײַן קאָפּ זיך געבױגן : בארן, גראַנאַטן,
אײלבירטן מיט פֿײַגן און רױט־געשפּרינקלטע עפּל. אָבער זע :
אַלעמאָל װען דער זקן האָט אױסגעשטרעקט נאָר זײַן האַנט צו די
בײמער, האָט זײ װײַט, װײַט צו די װאָלקנס פֿאַרטראָגן דער שטורעם !
און נון האָט דער אײביק־פֿאַרמאַטערטער סיסיפֿאָס אױפֿגעטיקט מיר

פון האדעס. און אך: מיט הענט און פיס קאטשעט ער אייביק באַרג־אַרויף,
באַרג־אַרויף אַ שרעקלעכע סקאַלע. אָבער ווי נאָר דער מירמלשטיין
טוט אויפן באַרג־שפּיץ דערגרייכן, — גיט פלוצלינג אַ דריי אויס צוריק זיך די
סקאַלע, אַז מיט אַ דונער־געקנאַל קאָליערט זי ווידער אַראָפּ זיך
אין ערדישער טיפקייט. — אָט אַזוי טוט ער עד־סוף־כל־הדורות
באַרג־אַרויף, באַרג־אַרויף דעם שטיין־באַרג צו קאַטשען, — אַזש אַ מידער
שווייס
אים טריפלט פון נפש און וואָלקענעס שטויב באַדעקן זיין פנים! — — —
אוּן נון האָט דער מוראדיקער כוח פון העראַקלעס, — אָן אַ צורה —
צו מיר זיך געשאָטנט. און אין גאָטס לויטערקייט טוט דער גבור זיך
אייביק צו באָדן און באַהעפט זיך צו דער גילדיק־באַשיכלטער
העבע: די שענסטע בת־מלכה פון גאָט דזעאוס און הערא! — און זע:
ווי איבערגעשראָקענע פייגל, אַזוי האָבן אַרום אים פיל
טויטע נשמות מיט שווערער שאַלונג געפלאַטערט. אָבער האַרט ווי
די נאכט איז ער פינסטער געשטאַנען, און מיט קאַלטקייט האָט צעשפּאַנט ער
די נאַקעטע פייל אויפן בויגן און צום צילן געגרייט זיך! און
אַרום זיין ברוסט איז עפּעס אַ שרעקיקע גאַרטל פאַרן כלי־זין
געהאָנגען. און וואונדערלעכע תמונות פון גינגאָלד געווען זענען אויף דער
גאַרטל געאַרבעט: ווילדע חזירים און בערן, פיל ברומיקע
לייבן און גרויסע מלחמות מיט שווערע הריגות אויף לייטן! —
אָ, ווּעמעס האַנט עס האָט נאָר איינמאָל באַוויזן בהשלמה
אַזאַ גאַרטל צו שטיקן, דער וועט שוין אַ צווייט מאָל אַזאַ הדר
נישט קאָנען באַווייזן! — — — און נון האָט זיין אויג זיך צעבלינצלט און
תיכף דערקענט מיך. אַבער מיט טרערן האָט זיין שאַלונג געהילכט:
„געטלעכער זון פון לאַערטעס, אָ איידעלער העלד אָדיסייאוס!
קענטלעך, אַז אויך איבער ד י ר טוט אַ שווערער גורל איצט הענגען,
גלייך ווי ביי מיר בשעתו, בשעת העליאָס האָט נאָך געטון מיך
באַשטראַלן! יאָ, פון דזעאוסעס זרע בין איך טאַקע געוואָרן
געפּלאָדיעט, פונדעסטוועגן האָט צו די שווערסטע שליחותן
געשיקט מיך דער רשע! אַך! אפילו אַ ה ע ר צ ו צום שוואַרצן
עראָבאָס האָט ער איינמאָל געשיקט מיך, אַז איך זאָל דעם מחבל
פון האַדעס אים ברענגען. און זע: אינם באַגלייט פון הערמייאָס און מיט

הילף פון בת־דזעאוס אַטענע האָב איך אפילו דעם כלב פונם
אייביק־פינסטערן האַדעס געטון ברענגען צום בייזן מניוול !..״
געזאָגט ; און גיך, גיך האָט צוריק צום וויסטן ערעָבאָס גענומען
שוועבן די ריינע נשמה. איך אָבער בין נאָך אַלץ אויף דער שוועל דאָרט
געשטאַנען און געטון וואַרטן אויף אַ ל ט ע , פאַרציקטע גבורים.
און איך וואָלט נאָך זיכער געוועזן פאַרנומען אַ בשורה־טובה פון
ביידע הימלישע זאַמען טעזייאָס און פּיריטייאָס. - אָבער
מיט אַ מאוימדיק געהייל האָט פּלוצלינג אַ גערויש פון מחנות
נשמות גענומען זיך שאַרן, אַז מיינע ציין האָבן פון
פחד געקלונגען. — — און נון איז אַ שרעק מיך באַפאַלן : טאָמער וועט
אויסן חושך די שאַרפע פערזעפאָנייאַ פיל וויסטע גאָרגאָנעס
מיר שיקן אקעגן. בין איך דעריבער, ווי אַ ווינט צוריק צו
מיין טרייב־שיף מיט חברים אַנטלאָפן, און באַפוילן זי תיכף
פון די פרענטעס באַפרייען. — — און באַלד טאַקע האָבן אַלע אויף די
בענק זיך געוואָרפן און מיטן רוישיקן שטראָם פון אוקינוס — האָט
תחילת דער רודער און שפעטער אַ ווינטל געטון אונז באַשיפן. —

# דאָס צוועלפטע געזאַנג

סירענעס. סקילאַ און כאַריבדיס, —
העליאָסעס טשערעדע.

„— און נון האָבן איבערן ימישן מרחק די רוישיקע אינדן
פון אוקינוס צום אינזל אַיאַיאַ געטון אונז באַשיפו, —
וואו עאָס, די טאָכטער פון קלאָרן באַגינען, גייט אויף אין געצעלט
מיט אַ רקוד, און מיט זיין גליאיקן אויפקום טוט העליאָס די
וועלטן באַשטראַלן! — — אָט ביי יענעם זאַמדיקן ים־ברעג האָבן מיר
אונזער שווים־שיף פאַראַנקערט, אויף יבשה געניִדערט און שלאָפן
געלייגט זיך, און ביזן הייליקן באַגינען — דאָרט איבערגענעכטיקט.
און באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָב תיכף געשיקט איך צו קירקען שליחים, אַז פון איר היכל
זאָלן זיי עלפענאָרן אונזער בר־מנן ברענגען אַהערצו.
און אויפן באַרג־שפיץ פון ים־ברעג האָבן מיר ביימער געשפאָלטן, און מיט
פאַראַבלטע טרערן געטון זיין רעכט אויפן צעפלאַקערטן פייער!
און געשען איז, אַז מיטן כלי־זין פאַרקוילט דער מת איז געוואָרן,
האָבן מיר אין דער געגראָבענער קרקע מקבר געוועזן
דעם טויטן און אָוועקגעשטעלט פאַר אַ מצבה - זיין — ו ע ס ל ע!
אַזאַ געוועזן איז די קבורה. אָבער אַז מיר האָבן אומגעקערט
זיך פון האַדעסעס פינסטערע טויערן, איז פאַר קירקען קיין סוד
נישט געוועזן: ווייל תיכף איז זי, אַ באַגלייטע פון יונגפרויען,
מיט ברויט און מיט פלייש און מיט ווייַנען אַהערצו געקומען, און צו
פאַר אונזער מחנה האָט איר געטלעכער שפרוך געטון זיך צעשאַלן:
„אָ! פונם עולם־האמת איר קומט איצט צו שווימען? ווי! געטאָפלט
וועט זיין אייער שרעק פאַרן מלאך־המות, און געטאָפלט אייער
חבוט־הקבר! איצט אָבער, — שטייט אויף און טוט אייך געגעגען צום

פליש און די ווײנען; און לענט ביז שקיעה אײך אונטער די הערצער;
ווײל מאָרגן כאור וועט ווײטער איר שווימען! זעט: איך אַלײן וועל פון
די שווערע נסיונות אויף ים און יבשה זײן אײך מבשר, —
בכדי איר זאָלט צו אַן אומגליק אַ נײעם נישט ווערן געניזוקט!"
 געזאָגט; און אירע אײדעלע רײד האָבן דאָס האַרץ אונז באַצוואונגען.
און ביז שקיעה מיר זענען אַדאָרטן געזעסן מסובין
און דערקוויקט זיך די הערצער מיט ברויט און מיט פלײש און מיט ווײנען!
און געשען איז, ווען העליאָס אײנגעדעקט האָט מיט חשכות די הימלען, —
האָבן אין דער פאַראַנקערטער שיף אַלע חברים אין די אָרעמס
פון שלאָף זיך געוואָרפן. מיט מיר אָבער האָט זיך די געטין (פון
אַלע דערווײטערט) געלײגט זיך; אויסגעפרעגט אויף אַלץ מיטאַנאַנדער, —
און באריכות האָב איך אַלץ געטון איר אין סדר פאַרצײלן!
 און נון האָט קירקע, די אײבערשטע געטין, דערויף מיר געענטפערט:
 „אויב דו ביסט באמת בײגעקומען אַזאַ שווערן נסיון,
טאָ נײג איצט פאַר מײן עצה דײן אויער, — ווײל אויך אַזוי וועלן דיר
ראַטן די הימלען! —
 הער: צו סירענעס וועט דײן שווים-שיף איצט ווערן
פאַרוואָרפן. צו ז״, וואָס טוען מיט כישוף יעדע נע-ונדנע
נשמה צו פאַנגען! און ווײס: ווער עס האָט דאָס כרובים-געזאַנג נאָר
אײנמאָל פאַרנ[illegible] וועט זיך שוין נישט אומקערן קײנמאָל אַהײמצו
צום ווײב און די קינדער; ווײל פאַרכישופט עס האָט אים דאָס געזאַנג פון
די סירענעס, וועלכע טוען הויערן אויף לאָנקעס איבער טויטע
עצמות פון פאַרשימלטע מתים; איבער אויסגעגראָבענע
בײנער פון גברים, און אויף דאַרע קופּעס פון מענטשלעכע פעלן!
דעריבער מײד אויס די ממשלה פון די מעלאָדישע פרויען,
און מיט צעקנעטעטעם וואַקס פאַרקלעב דאָרט די אויערן פון דײנע
חברים, אַז קײן תיקו זאָל דער ניגון נישט האָבן! — — — אויב אָבער
דו אַלײן וועסט גלוסטן צו פאַרנעמען דאָס געזאַנג פון די כרובים, —
טאָ זאָלן דײנע הענט און פיס צום מאַסטבוים פאַרפעסטן חברים,
און דאָס געזאַנג פון צוויי ימישע פרויען צו דײן אויער וועט

דערגרייכן ! — — און אויב דו וועסט שרייען, אַז מען זאָל באַלד פון די שטריק דיך
באַפרייען, טאָ זאָלן חברה נאָך שטאַרקער אַ צווייט מאָל דיך פענטען !
און ס'וועט זיין, אַז איבערגעקומען וועלן האָבן דיינע פריינט דעם
נסיון, — וועט אויף רעכטס און אויף לינקס זיך דער ים-וועג צעשפרייטן ; און
דו אַליין זאָלסט איינעם פון ביידע דרכים טון אויסדערוויילן, —
ווייל איך וועל דיר דאָ איצטער די וועגן פונדערווייטנס נאָר וויזן :
אויף רעכטס טוט זיך רייסן אַ מוראדיקער פעלז מיט שאַרף-צאָניקע
שפיצן, וואו אַמפיטריטע דונערט כסדר מיט צעשטורעמטע
בוואַליעס — און „פאַרפירערישע קיזלען" זיי ווערן ביי די געטער
גערופן ! זע : נישט קיין פויגל און אפילו נישט קיין געפלאַטער
פון טויבן, וואָס ציען מיט אַמבראָזיאַ פאַרן הייליקן דזעאוס,
קאָנען נישט קיינמאָל אָן אַ שטרויכלונג פון אַן איינציקן טייבל
אַדורכגיין דורכן שאַרף-שפיץ בשלום. און טאָג-איין, טאָג-אויס מוז דזעאוס
באַשאַפן אַ טייבל אַ נייעס צום רומל ! — — אָ ! חוץ איינער, איז
קיין שום שיף פון דאָרטן אַרויס נאָך בשלום, וואָרים דער ווירבל-
געקרייזל פון פייער-אָרקאַנען האָט די שיף מיט די שיפער טיף
אינם אָפּגרונט פאַרשלונגען ! — — — נייערט דער איידעלער אַרגאָ אַמאָל איז
געראָטן צו אַנטלויפן פונם „פאַרכישופטן קיזל" בשלום :
פון דער מדינה יעיעטעס האָט זי שווימען געלאָזט זיך, און נישט
פאַרשלונגען האָט דער ים זי, — ווייל הערע און יאַסאָן האָבן געטון זי באַגלייטן !
אויף לינקס ווידער טוען צוויי קיזלען זיך טורמען : ווייט,
ווייט צו די הימלען עס רייסט זיך מיט זיין שאַרף-שפּיץ דער ערשטער, און מיט
שוואַרץ-טונקעלע כמאַרעס איז ער אייביק באַגאַרטלט, אַז סיי זומער,
סיי ווינטער קאָן ער זיין קאָפּ מיט שטראַליקן ליכט נישט באַקרוינען !
און צו קלעטערן אַרויף און אַראָפּ פון דעמדאָזיקן שטיין-באַרג איז
אַפילו אַן אויסטערלישער בן-אדם מיט צוואַנציק הענט און פיס

נישט בכוח, ווייל אזוי ווי געטאָטשעט איז גלאַט ער אַרומעט ! — — —
אין דער זייט פון אייביק-שוואַרצן עראַבאָס שטנט אַרויס זיך פון
דער שרעקיקער סקאַלע אַן עלנט קבר. אָט אַ ד אָ ר ט זאָלסטו
זיין מיט דיין שווים-שיף געוואָרנט. אָ איידעלער העלד אָדיסייאוס !
ווייל הער : נאָך קיינמאָל האָט פון דער שיף נישט דער שיסער מיט פייל און בויגן
באַוויזן צו טרעפן אַריין אין דער הייל פונם פאַרכישופטן קבר !
און זע : אין יענעם פינסטערן לאָך האָט זיך איינגענעסטיקט די
הינטישע סקילאַ, וואָס איר ברומיק געהייל טוט זיך צו אַ צויג
אַ יונגער פאַרגלייכן, און איר מוראדיק פרצוף שרעקט אָפּעט
אפילו די געטער אין אירע ד׳ אמות צו קומען !
אָ ! צוועלף קלאָען קריכן אַרויס איר פון בויך, און זעקס שלאַנגישע
העלזער, ווי בייטשן, רייסן אַרויס זיך פון נפש ; און אויף יעדן
גאָרגל איז אָנגעהאַנגען אַ שרעקיקער קאָפּ מיט מאָרדעס פון
דרייערליי יאַסלעס מיט שפיציקע ציינער, — געגרייט אויף קרבנות !
און מיטן הינטערלייב זיצט דאָס פאַרזעעניש אייביק אין דער קרקע
פאַרבאָרגן, אָבער מיט די שרעקיקע מאָרדעס טוט זי כסדר
זיך שאָקלען איבערן ימישן אָפּגרונט פאַרהונגערט ; און באַפינגערט
זי אַנגלט זיך ים-הינט און פיש און דעלפינען און פיל אַנדערע
ווילד-ימישע חיות — פון דער בייזער אַמפיטריטעס טשערעדע. —
נאָך קיינמאָל האָט קיין שיפער נישט געקאָנט זיך באַרימען, אַז איבער
סקילאַס נעסט איז ער אַריבער בשלום ; ווייל מיט יעדערער
מאָרדע באַזונדער טוט זי צו איינציקע שווימער פאַרשלינגען !
קעגנאיבער פונם געטורעמטן קיזל שניידט זיך משופּע
אַ שטיין-פעלז אַ צ ו ו י י ט ע ר , צו וועלכן דיין בויגן טון וועט דערלאַנגען : — — —
בליט דאָרט אַ בוים זיך באַצווייגט און באַבלעטערט, מיט זאַפטיקע פייגן,
און אונטער אים נעסטיקט די צעגאָרגלטע שוועקערקע כאַריבדיס ! — —
טאָג-איין, טאָג-אויס טוט זי דריי מאָל מיטן ים-קוואַל דעם גאָרגל זיך שווענקען,
און — וויי ! הלוואי וואָלסטו געווען דערווייטערט, בעת זי גאָוועט
אַרויס אים, — ווייל נישט מציל זיין עס וועט דיך אפילו פּאָזיידאָן !

בכן: שווים אייליק מיט דער טרייב־שיף אַריבער האַרט איבער סקילאַס
פאַרכישופטן קיזל. ווייל ס׳איז גלייכער, אַז זעקס מענטשן זאָל טון זי
פאַרציקן, איידער אַ לע חברים מיטאַמאָל צו פאַרלירן!״
אַזוי האָט זי מיך געוואָרנט; און איך האָב אַ שאלה געפרעגט זי:
„אָ ליכטיקע געטין! טו גנאָד צו דיין עבד, און דעם אמת זיי
מיר מבשר: צי וואָלט איך פון כאַריבדיס, דער שלינגערקע, נישט
געקאָנט
אַנטלויפן און נעמען — פאַר מיינע לייט — ביי סקילאַ נקמה?״
געזאָגט; און אַ ברוגזע האָט מיר אָפגעענטפערט די געטין:
„אַך, סאַראַ חוצפה! אפילו אין צייטן פון שווערע נסיונות
טוסטו פון מלחמה רק טראַכטן!? זאָג: צי וואָלסטו אָפגעשטאַנען
פון מחלוקת אַקעגן די געטער?! — — הער: אייביק טוט לעבן
דער שרעקיקער שקץ, און מיט צעזאָטענעם כעס איז זי גרייט אויף
פאַרציקונג! דעריבער: נעם און אַנטלויף פון זיכערן אומגליק!
אויב אָבער דו וועסט מיט עקשנות וועלן דווקא בייקומען דאָס
מיאוסע באַשעפעניש סקילאַ, — טאָ זיי־זשע מיר ווידער פאַר אירע
זעקס מאָרדעס געוואָרנט: פאַר אַ פרישער חברים־פאַרציקונג! — — —
וואָס דען? טו אייליק פון איר פעלז־לאָך אַנטלויפן, און זיי מתפלל
צו דער געטין קראַטעיעס, פון וועמעס טראַכט ס׳איז סקילאַ, — די קללה
אויף לייטן געקומען, און זי וועט דיך פון איר שלינגער באַשיצן! — —
— שווים ווייטער! און צום אינזל טרינאַקיאַ וועט טון איר דערגרייכן:
אָ, לכבוד העליאָס, דעם זונען־באַצווינגער, עס טוען זיך דאָרט
פאַשען זיבן סטאַדעס פון הייליקע שאָף און זיבן סטאַדעס פון
שמאַלציקע רינדער. — — צו דער צאָל פופציק טוט יעדע טשערעדע
דאָרטן
דערגרייכן; און געמערט און געמינערט זיי ווערן נישט קיינמאָל! —
טון צוויי נימפעסביידע טשערעדעס צו פאַשען: לאַמפעציאַ
און פאַיעטוזאַ, וואָס זיי נייעראַ געטון האָט פון העליאָסעס
זרע געווינען! — — אויפן אינזל טרינאַקיאַ האָט די הייליקע
מוטער געטון פאַרשיקן די טעכטער, בכדי די שאָף און די
רינדער פון זייער זוניקן פאָטער דאָרט אייביק צו פאַשען! — — —
און איצט — פאַרנעם מיין גערייד: אויב איר וועט אויפן היימוועג די הייליקע

סטאַדעס פון צו שעכטן באַשיצן, — וועט איר (הגם מיט נסיונות)
נאָך דערלעבן צו דערגרייכן איטאַקאַ. אויב אָבער נישט, וועט
קומען אַ מפּלה אויף דיין שיף מיט חברים; און דו אַליין
וועסט מיט אַן אומגליק אַ שווערן דערשלאָגן אַהיים זיך פאַראייַנזאַמט"!!
געזאָגט; און אַ באַקרוינטער מיט גינגאָלד האָט עאָס דעם מזרח
פאַררויטלט, און נעלם איז געוואָרן פון דעם אינזל די געטין.
און נון האָב צוריק איך צו דער טרייב־שיף גענידערט און געהייסן זי
תיכּף פון די ברעגעס באַפרייען. — — און אויף די שיף־בענק האָבן
חברים אין סדר אין גלייכע שורות געזעצט זיך און מיט די
וועסלעס געשניטן דעם אייביק־רוישיקן, זאַלציקן ים־שוים!
און מיט אַ שטילן געווירבל האָט קירקע, די אייבערשטע געטין,
אין אונזערע זעגלען געבלאָזן, און איר שטילינקע ווינטל האָט
געטון אונז באַגלייטן! — און אויסגעשטעלט מיר האָבן אין סדר אין דער
שיף די מכשירים; אַוועקגעזעצט זיך אַדאָרט במנוחה, און די
השגחה פון ווינט און פון וועסלעס האָט געטון אונז באַשיפן!
און מיט אַ צעבראָכן געמיט האָב איך מיינע לעפצן צעעפנט:
„חברים! נישט צו יחידים, נייערט פאַר אַלעמען איך וויל איצט
מגלה־סוד זיין פון דער שרעקלעכער בשורה, וואָס קירקע, די
אייבערשטע געטין, האָט געטון מיר צו וויסן! הערט: נייערט ביי אונז
ליגט דער גורל פון טויט און פון לעבן, און נייערט מיט שכל מיר
קאָנען פון טויט זיך באַפרייען! — — אַך: פונם געזאַנג אויף די לאָנקעס,
וואו עס הויערן די שיינע סירענעס, — ווען מיר מוזן
אַנטלויפן; איך אַליין אָבער מעג טון זייער ניגון פאַרנעמען!
דעריבער זאָלט איר מיינע הענט און פיס צום מאַסטבוים פאַרפּענטען,
אַז מיט קיין אייַנציקן אבר איך זאָל זיך אַזש רירן נישט קאָנען. —
און זיין זועט, ווען איך וועל בעטן, אַז איר זאָלט פון די שטריק מיך תיכּף
באַפרייען, — טאָ זאָלט איר מיט געטאָפּלטע פרענטעס נאָך שטאַרקער מיך
בינדן!"
אַזוי האָט מבשר געוועזן מיין לעפץ צו חברים.
און באַפליגלט מיט געלייטערטע ווינטן האָט צו דער ממשלה
פוןביידע סירענעס געטון זיך מיין שווים־שיף גענענען. — — און זע:
מיט אַ קול דממה דקה האָבן פלוצלינג די ווינטן געשטעלט זיך;

אין הימלישער בלויקייט געטיקט האט די שיף זיך, און איר אָרעם האט
פלחש געוויגט אונז ! — — און איילִיק האָבן חברים די זעגלען
באפרייט פון די מאַסטן ; מיט כוח זיך צוריק פאַר די וועסלעס
געוואָרפן, אַז אַ זאַלציקער ים־שוים איינגעדעקט האָט דאָס וואַסער !
איך אָבער האָב מיט דער שווערד אַ שטיק וואַקס אויף קליינע שטיקלעך צעשניטן ;
קייקעלעך אונטער די קנאָכיקע פינגער געקנעטן, און תיכף
האָט עס (מיט דער הילף פון מיין האַנט און בעזרת פונם שטראַליקן
העליאָס בן היפעריאָן) גענומען זיך ווייכן און שמעלצן ! — און
נון האָב איך אַלעמענס אויערן געטון דאָרט פאַרשטאָפּן. אָבער
מיך האָבן חברים ווייט, ווייט אויפן מאַסטבוים פאַרצויגן : הענט און פיס
מיר געפענטעט און מיט כוח זיך צוריק פאַר די וועסלעס געוואָרפן,
און גענומען שניידן דעם אייביק־רוישיקן, זאַלציקן ים־שוים !
און געשען איז, ווען מיר האָבן אַ שטיק וועג אויפן ים זיך דערווייטערט
און אַריינגעשוואומען אונזער שיף איז צום בלומיקן אינזל,
האָבן מיט זילבער־ניגוניםביידע סירענעס צעשאַלט זיך :
„גענען זיך ! גענען זיך אַהערצו, אָ קרוין פון אַלע אַכייער !
גענען זיך, גענען זיך, אָ העלד אָדיסייאוס, און לאָז אונזער ליד
דיך באַרוישן ! אָ, נאָך קיינמאָל איז אַ שיפער פאַרביי אונז נישט
געשוואומען, אַז אונזער שירה זאָל אים נישט באַצווינגען ! אָ, מיט
תענוג און חכמה באַלאָדן, ער שווימט דאַן אַהיים זיך בשלום !
צו פאַר אונז האָבן די געטער געגעבן צו וויסן וועגן די
בלוטיקע שלאַכטן צווישן אייך, אָ דאַנאַיער, אויף די ווילדע
טראָיאַנישע פעלדער ! אָך, קיין שום סוד איז פאַר אונז נישט פאַרבאָרגן !"
אָט אַזוי האָבן כרובים זיס זיך געטרילערט. אַ ברי האָט געטון
מיר אין האַרץ אַלץ ווייטער און ווייטער זייער ליד צו פאַרנעמען ;
און ברמיזא איך האָב מיך געבעטן פון די שטריק צו באַפרייען.
אָבער אַלץ ווייטער און ווייטער האָבן חברים די כוואַליעס געשניטן,
און עאורילאָכאָס און פערימעדעס האָבן נאָך שטאַרקער די
פרענטעס פאַרצויגן ! — — און אַזוי האָבן מיר אַלץ ווייטער און ווייטער
פונם געזאַנג זיך דערווייטערט, ביז פאַרלאָשן דאָס ליד איז געוואָרן !

אוּן אַרויסגענומען פוּן די אויערן האָבן דאָס וואַקס די
חברים, אוּן פוּן די פּרענטעס ביים מאַסטבוים געטוּן מיך באַפרייען!
אוּן געשען איז, ווען פוּן דעם אינזל האָט אוּנזער שיף זיך דערווייטערט,
האָט פּלוצלינג דער ים מיט גערויש זיך צעדונערט, אוּן מיט בליציקן
פייער האָבן די כוואַליעס געזאָטן! אוּן ווי: — פוּן פּחד האָבן
חברים די וועסלעס פאַרלוירן, אוּן אַ געיאָגטע פוּן וועלן
איז (ווי נאָך אַ דונער) שטיל געבליבן אוּנזער טרייב-שיף! — — קיינער האָט
קיין ווערסלע אין האַנט נישט גענומען. אָבער, אַ דרייסטער, האָב איך פוּן דער
שיף זיך דערהויבן אוּן מיינע חברים מיט חשק צעוואַרעמט:
„חברים! איז צוּ פאַר אוּנז דען נישט היימיש אַיעדער נסיון?
דערמאַנט אייך: מיט מוראדיקן כוח האָט דער ציקלאָפּ פּאָליפיימאָס
געטוּן אין דער פינסטערער הייל אוּנז פאַרשפּאַרן; פוּנרעסטוועגן האָב
איך בערמה געטוּן אוּנז באַפרייען. דערוּם טאַקע בין איך פוּל מיט
בטחון, אַז אויך דעם איצטיקן צער וועלן מיר בקרוב אין
פריידן דערמאַנען! — איצט שטייט אויף אוּן האָרכט, וואָס איך טוּ אייך באַפעלן:
שלאָגט ווייטער דעם ים מיט גערודער פוּן די אַרוּמיקע שיף-בענק
מיט ווערסלעס, — אפשר וועט דאָס האַרץ פוּנם בליצשטראַליקן קראָניאָן צעגיין
פוּן רחמנות, אַז פוּנם חורבן וועלן מיר קאָנען אַנטרינען!
אויף דיר אָבער, אָ פּילאָט, בין איך גוזר מיט האַרבקייט: שׂ נ ײ ד
ווייטער אוּן ווייטער אוּנזער שנייד-שיף מיט קראַפט אוּן גבורה, אָבער
מייד אויס דאָרט דעם וויכער, וואָס טוּט בליצן מיט רויך אוּן מיט פייער:
נייערט פאַרקירעווע אוּנזער זעגל אָט אַהינצוּ צוּם נאָענטן
געטוּרעמטן קיזל, וואָרים אויב דוּ וועסט אוּנז צוּם משופּעדיקן
שטיין-פעלז פאַרטרייבן, — טאָ זיי וויסן, אַז מיר זענען פאַרלוירן!"
געזאָגט; אוּן געוואָרן מיין גזר איז פאַרנומען! — — — אָבער דעם סוד פוּן
דער שרעקלעכער סקילאַ האָב איך זיי פאַרשוויגן, ווייל פוּן פּחד
וואָלטן זיי זיכער די ווערסלעס פאַרלוירן, אוּן אַ מהוּמה אויף דער

שיף וואָלט געוואָרן. — — אָבער די התראה פון דער כישופטע (אַז
איך זאָל צום קאַמף זיך נישט גרייטן) האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן ;
אדרבה : אַרומגעגאַרטלט האָב איך זיך די לענדן מיטן
שאַרפן כלי-זין ; צוויי שאַרף-שפּיציקע פּיקעס האָב אין האַנט איך
גענומען און אויפן פאָרנט פון דער טרייב-שיף האָב דרייסט איך גענידערט און
אָנגעבּרייט זיך ביים קיזל אַ מלחמה צוליב די חברים !
אָבער אומזיסט האָב איך מיט די אויגן אויף אַלע פעלזיקע
לעכער געבלאָנזשעט, — ווייל נישט אין ערגעץ האָט זיך סקילאַ באַוויזן!
און נון האָט זיך אונזער שיף אינם שמאָלן אַריינפאָר צווישןביידע
בערגער פאַרקירעוועט : פון א יי ן זייט האָט געלאָקערט דער טויט פון דער
שרעקלעכער סקילאַ און אַקעגן — פון דער ווילדער כאַריבּדיס !
אָ ! מיט אַ מוראדיקן שלונג נעמט זי גאָרגלען דעם האַלז זיך מיט
ימים ; און אַז זי שפּייט אויס צוריק נאָר דעם מבול, — טוט זיך דער ים
אַ צערודער ; אַזש ווי אין אַ קאָכיקן קעסל נעמען זידן
די כוואַליעס און אַ שוים טוט באַדעקן די פעלזיקע קרוינען ! — — —
און געווען איז, אַז ווי זי האָט ווידער דעם ים נאָר פאַרשלונגען
האָבן ציטערן גענומען די ווענט פון די סקאַלעס ; אַ דונער
האָט מיט מורא צעקנאַלט זיך פון טורעם ; אַ שוימיקע ערד האָט פון
ים-גרונט געטון זיך באַוויזן, אַז פון פחד האָבן אונזערע
ציינער געקלונגען !
און געשען איז, ווען כאַריבּדיס האָט אַזוי אונז
צעשראָקן, האָט דערווייל סקילאַ געגעבן אַ נייג זיך צו דער שווים-שיף,
און ווי — זעקס גבורים האָט געטון זי פאַרלענדן ! — — און איידער וואָס,
איידער ווען האָבן הענט און פיס פון פאַרציקטע חברים אין
אירע מאָרדעס געפלאַטערט ; און אַך — מיט גסיסה-געצאַפּל זיי
האָבן נאָך איינמאָל, נאָך איינמאָל מיין נאָמען פאַרצווייפלט גערופן !
— אַזוי ווי דער פישער, וואָס טוט זיצן ביים ברעג פון געוואַסער און
וואַרפט אינם שטראָם דאָרט די בייטש-נעץ (מיטן אַרויפגעשטאָכענעם פישל
אויף דער נאָדל אינם הלל פון ביינערנעם האָרן) און געלאָקערט

ערָאט אים דער פיש-פאַנג, און צאַפּלדיקע זיי וואַרפן ביים ברעג זיך —
ןט אַזוי האָבן די חברים בעת איר ווילד-פאַנג געצאַפּלט!
און ביים אַריינגאַנג פונם פינסטערן פעלז-לאָך האָט סקילאַ געגומען
ןרעסן מיט כעס די קרבנות, — — אָבער מיט אויסגעשטרעקטע הענט פון
יסורים האָבן נאָך הילף זיי גערופן! — אוי! נאָך קיינמאָל האָט מיין
אויג אַזאַ קלאָגעדיק בילד נישט פאַרנומען, הגם מ י ך האָבן די
ימים געגוג שוין געפייניקט! — —
נון האָט פון סקילאַ און כאַריבדיס
אונזער שיף זיך דערווייטערט, און צום טרינאַקישן אינזל האָבן
געטון מיר דערגרייכן. — — האָבן העליאָסעס סטאַדעס אַדאָרט זיך
געפיטערט: די הייליקסטע שאָף און שמאַלציק-באַהערנערטע רינדער.
...נאָך זייענדיק אויפן ים, האָט שוין פון מרחק געריסן דער געבריל
פון די סטאַדעס. און אַ פאַרטיפטער אין שווערע מחשבות האָב איך
געטון זיך אָן דער הזהרה פון טעבישן חוזה, דעם בלינדן
טײרעזיאַס, דערמאַנען. און אויך האָב איך דערמאַנט זיך, אַז קירקע
האָט אין אַיאַיאַ מיך מתרה געווען, אַז פון שטראַליקסטן
אינזל פון גאָט העליאָס בן היפּעריאָן זאָלן טון מיר אַנטלויפן!
האָב איך טאַקע דעריבער מיט שאַלונג ביי מיין חברה געבעטן:
„דאָס גערייד פון מיין לעפץ טוט איצט פאַרנעמען, אָ מיינע חברים!
מתרה געווען עס האָט מיך אין האַדעס די ריינע נשמה
פון בלינדן טײרעזיאַס, און אויך האָט דידאָזיקע בשורה מיט
האַרבקייט מיר קירקע באַפוילן, אַז פון דעם זוניקן אינזל
זאָלן מיר אײליק אַנטלויפן, בכדי אויסצומיידן אַ שווערן
נסיון. — — בכן, לאָמיר טרינאַקיאַ וואָס שנעלער פאַרבייגן!"
געזאָגט; און אַ געציטערט שווייגעניש געהערשט האָט אַרומעט.
און נייערט עאוריליאָכאָס האָט ווילד און מיט חוצפה צעשאַלט זיך:
„אכזר! אָן אומדערמידלעכער כוח קוואַלט אַרויס פון דיין האַרץ! —
אָ! צי זענען דיינע ביינער פון שטאָל און פון אייזן געגאָסן:
זע: פאַרמאַטערט עס זיפצן פאַרשלאָפן אין דער שיף די חברים און
דו גיסט קיין רשות נישט, אַז מיר זאָלן אויף יבשה גענעניצן,
כדי אונטערצולעבן דאָס האַרץ זיך מיט עסן און טרינקען.
און נייערט דו טרייבסט אונז אַלץ ווייטער און ווייטער איבער פינסטערע

ימים, בכדי ערגעץ־וואו אינם אומענדלעכן חשכות צו בלאָנזשען?
אך! מיט מוראדיקע שטורעמס ברויזן אינם חושך די ימים,
און אַלע שיפן טוט דער צערודערטער אָפּגרונט פאַרשלינגען! טאָ
זאָג־זשע: וואוהין וועלן מיר אַנטלויפן, ווען דער כעס פון ווילדע
אָרקאַנען וועט פון ברומיקן נאָטאָס און פון גרילציקן זעפיר
איבער אונזער געביין זיך מיט רוגזה צעשפּילן??! אָ, ז״י טוען
דאָך אייביק די הימלישע גזרות צערייסן!!!? — — דערום קינדער, —
קומט,
לאָמיר איבערגעבן דער נאַכט זיך, כדי ביז מאָרגן מיט רו און
מיט שפּייז זיך דערקוויקן, און באַגינען ערשט לאָזן אין וועג זיך!"
גערזאָגט; און מיט עאורילאָכאָסן האָבן זיך אַלע חברים
פאַראייניקט. — —
תיכף האָב דערקענט איך דעם שטנס אַ שפּיצל; און מיט
באַפליגלטע ווערטער האָב איך צו יעדערן חבר גענייגט זיך:
„עאורילאָכאָס! דיין זאָג פאַר רבים האָט מיין האַרץ באַצוואונגען!
איצט אָבער שטיי אויף, און איך וועל מיט אַ הייליקער שבועה טון אייך
באַשווערן! הערט: אויב אויף דעמדאָזיקן אינזל וועט סטאַדעס שאָף
און רינדער אייך קומען אַקעגן, טאָ זאָלט איר אייער חלף פון
זייערע העלזער פאַרמיידן און, נישט פאַרפירטע פון שטן, —
זאָלן מיר נייערט פון קירקעס צידה־לדרך געניסן!"
אַזוי האָב געזאָגט איך; און תיכף האָבן חברים געשוואוירן!
און באַלד נאָך זייער נדר האָבן מיר אונזער שווים־שיף האַרט ביי די
ברעגעס פון זיסן געוואַסער פאַראַנקערט; אַרויסגעבראַכט פון
אונזער שיף די געשמאַקע מאכלים און זיסע משקאות און
בענומען פראַווען בהרחבה אַ מאָלצייט!
און געווען איז, ווען
מיט עסן און טרינקען מיר האָבן אונטערגעלענט זיך די הערצער, —
האָבן חברים מיט אַ וויסטן געיאָמער מזכיר געווען
די פאַרציקטע נשמות, וואָס סקילאַ האָט געטון זיי פאַרלענדן, —
ביז אַ הייליקער שלאָף האָט די אבלים בלחש געפאַנגען!
און נון האָט דער דריטער משמור אויף וועלטן צעשפּרייט זיך
און מיטן

פאַרגאַנג פון מזלות האָט דזשאוס איבערגעוועקט די אָרקאַנען,
אַז אַ מוראדיקער געבריל פון צעשטורעמטע ווינטן האָט אויף
ים און יבשה געטרודערט, אַזש חושך איינגעדעקט האָט די
הימלען! און ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָבן מיר אין דער הייל פון דער סקאַלע געטון אונזער שווים-
שיף
באַשיצן, וואו עס נעסטן די נימפעס מיט געזאַנג און געפילדער.
און איינגעזאַמלט האָב איך אַהינצו אַלע חברים, און מיט
רחמים געבעטן:
„קינדער! זאַפּאַסן פון שפּייז און משקאות מיר
האָבן גענוג אין אונזער טרייב-שיף. דעריבער פאַרמיידט אייך פון
דידאַזיקע רינדער צו שעכטן, בכדי גאָט דזשאוס זאָל אונז נישט
באַשטראָפן! אָ, צום בייזוויליקן העליאָס געהערן די סטאַדעס!”
געזאָגט; און איינגעגאַנגען איז מיין גערייד אין האַרץ פון
חברים.
אָבער אַ ירח אַ גאַנצן האָט נאָטאָס אויף ים און יבשה
געברוקערט, און געווילדעוועט האָט אייאוראָס מיט צעוויכערטע
שטורעמס, אַז לויטערע ווינטלעך האָבן געטון זיך באַהאַלטן. — —
און כל-זמן מיר האָבן פון זאַפּאַסן געשטילט זיך דעם הונגער, —
איז
געבליבן די סטאַדע אַ גאַנצע. אָבער געשען איז, ווען פונם
צידה-לדרך איז מער שוין קיין שפור נישט פאַרבליבן און גענאָגט
האָט דער הונגער אונזער מאַרך אין די ביינער, — האָבן מיר
פאַרהלשט
צום פיש-פאַנג און צום יאָכט אויף פויגלען זיך מיט אימפּעט געוואָרפן!
און נון האָב איך, אַ נע-ונדניק, אויף דעם אינזל פאַראיינזאַמט
געבלאָנזשעט, בכדי אויסצוגיסן מיין האַרץ פאַר די הימלען, אַז ז ״
זאָלן מיר ביישטיין! און געשען איז, ווען איך האָב זיך פון אַלע
חברים דערווייטערט, האָב די הענט איך געוואַשן און תפילה
געטון צו טאַר אַלע אָלימפּישע געטער. און מיט אַ זיסן
שלאָף האָבן זיי פאַרמאַכט מיר די וויִעס און איינגעוויגט מיך מיט
שטילן גערימל!

אָבער מיט כּעס האָט עאורילאָכאָס צערייצט די חברים:

„פאַרנעמט מיין גערייד, אָ איר שווער-געליטענע מענטשן!
הגם פאַר יעדער מיתה טוט זיך פאָרכטן דאָס שוואַכינקע
מענטשל, אָבער געטאָפּלט איז דער פּחד פאַרן גורל פון הונגער!
בכן, שטייט אויף, איר חברים, און לאָמיר שעכטן די שמאַלציקסטע
רינדער און ברענגען קרבנות צו פאַר אַלע הייליקע געטער!
און זיין וועט, אַז מיר וועלן וועגס בשלום איטאַקאַ דערגרייכן, —
וועלן מיר מקריב זיין אַ קרבן-תודה פאַרן זוניקן העליאָס:
אַ הייליקן טעמפּל מיט כּלערליי צירונג, געגאָסן פון
גאָלד! — אויב אָבער פאַר די געשאָכטענע רינדער וועט העליאָס
ברוגזער (מיט הילף פון די געטער) אויפן ים אונז באַשטראָפן, —
זאָג איך אייך: ס'איז ליבערשט, אַז דער ים זאָל מיטאַמאָל אונז פאַרשלינגען,
איידער אברימווייז אויסגיין פון הונגער אויף טויטער יבשה!"
געזאָגט; און מיט עאורילאָכאָסן האָבן זיך אַלע פאַראייניקט!
און גענומען האָבן זיי טרייבן די הייליקע סטאַדעס פונם
פאָרכטיקן העליאָס, דעם זונען-באַצווינגער, וועמעס באַהערנערטע
רינדער האָבן מיט גרין-גראָז אַרום דער שיף ביי דער הייל זיך געפּיטערט.
און אַרומגערינגלט האָבן חברים די שמאַלציקסטע רינדער,
און נישט על-פּי דין האָבן זיי, בשעת-תפילה, מיט דעמבענע
בלעטער געשאָטן, — ווייל אפילו גערשטן פאַרפעלט האָט אין דער שווים-שיף!
און מיט אַ ברכה זענען די קרבנות געוואָרן געשאָכטן,
אָפּגעשינדן די פעלן, — און די אַרויסגעריסענע לענדן
(מיט געטאָפּלטן חלב פאַרוויקלט) האָבן זיי מיט טריפיקע
דמים און פליישן פאַרהוילן. — אויך האָבן וויינען אויף יענעם פייער-
מזבח געטון זיי פאַרפעלן: — האָבן זיי געשפּריצט אויף די
איננגעווײדן מיט וואַסער. — — און ווען פאַרשרפהט זענען געוואָרן
די לענדן, האָבן זיי די בשרים צעשניטן און אַרויפגעשטעקט
אויף דער ברען-שפּיז די רעשטלעך!

אונ נון האָב איך איבערגעוועקט פונם שלאָף זיך,
און מיט איילִיקע שפּריינז-טריט צו מיין שווים-שיף אויפן ים-ברעג
גענידערט.
אָבער נאָך איידער איך האָב אָהינצו געטון זיך גענענען, האָט
שוין דער הייליקער ריח-נחוח געגעבן אַ שלאָג מיר צום
האַרצן, אַז פון שרעק בין איך כורעים פאַר אַלע געטער געפאַלן:
„טוט פאַרנעמען מיין תּפילה, אַ דזעאוס און איר אַלע הייליקע
געטער! זעט: צוליב אַ גרויסער נבלה פון מיינע חברים
האָט איר מ י ך , אייער עבד, פאַרוויגט אין אַ שווערן געדרימל!...“
און אַרויסגעשלייכט האָט זיך לאַמפּעציאַ פאַרן שטראַליקן
העליאָס און מבשר געווען אים פון דער שווערער נבלה. —
איז מלא-חמה געוואָרן דער זון-גאָט, און מיט כּעס האָט ער
ברומיק צעשאַלט זיך:
„אַ דזעאוס און איר אַלע הייליקע געטער
גיסט אויס אייער כּעס און נקמה אויף בּז לאַערטעסעס מענטשן,
ווייל אומרחמנותדיק האָבן זיי מיינע רינדער צעממיתט, מיט
וועלכע איך טו מיין האָרץ פון דער גליאיקער זריחה ביז טיף
אין דער
טונקעלער, וויטער שקיעה דערקוויקן! אָ, אויב די פּושעים
וועלן פאַר זייער עונש נישט ווערן מיט אַ משפּט אַ האַרבן
געשלאָגן, — טאָ אַנטלויף איך צום האַדעס און טו ד אָ ר ט אַלע מתים
מיט זון-ליכט באַשטראַלן!!!“ — — —
האָט אים דער בליציקער דזעאוס געענטפערט:
„אָ העליאָס! טו וייטער דעם הימל מיט דיין זון-ליכט באַשטראַלן
און דערוואַרעם די מענטשן אונטער דיינע זוניקע פליגלען!
זע: אַ קנאַליקער בליץ און אַ מוראַדיקער דונער וועט זייער
שיף אויף צעוישעטע ימים אין קלײנינקע שפּענדלעך צערייסן!“
(דידאַזיקע בשורה האָב איך שפּעטער פון קאַליפּסאָס לעפּצן
פאַרנומען, פאַר וועמען הערמעס ד׳[illegible] סוד געטון האָט אַנטפּלעקן!)
און געווען איז, ווען מיינע שפּריינז-טריט האָבן צום יב-ברעג
גענידערט,
האָב די מורדים געגאַרט איך שטראָפירן. אָבער סיי-ווי וואָלט שוין קיין

ישועה צו אונז נישט געקומען, ווייל ט ו י ט זענען די רינדער
געוועזן! און זע, — אַ שרעקלעכן סימן האָט גאָט אונז מיט וואונדער
באוויזן: אַרומגעקראָכן זענען די נאַקעטע פעלן, און
אויף דער שפיז האָבן די פליישן, ווי לעבעדיקע קעלבער צעבּרילט זיך! — — —
און נון האָבן די בוגדים זעקס מעת-לעתן כסדר פון די
הייליקע פליישן געלאָזט זיך וואוילגיין. אָבער אויפן זיבעטן
כאור האָט דזעאוס בן קראָנאָס אַלע צעיושעטע ווינטן
געפּענטעט: איינגעוויגט האָט במנוחה דער צעכּעסטער ים זיך,
און מיר האָבן תיכּף די צעפלאַטערטע זעגלען אויסגעשפּרייט אויף
די מאַסטן און אין מרחק פון ימים געלאָזן זיך שווימען!
און נון האָט אונזער שיף זיך פונם טרינאַקישן אינזל דערווייטערט,
און צווישן הימל און וואַסער האָט אונזער אויג זיך אינם מרחק
געבאָדן. און איינגעהילט האָט דזעאוס מיט אַ טונקעלן שלייער
דעם בלויען רקיע, אַז אַ שוואַרצע נאַכט געהערשט האָט אַרומעט!
און נישט לאַנג האָבן מיר געדאַרפט נאָך צו שווימען, ווען מיט אַ פייף
האָט דער פאַרשייטער זעפיראָס מיט ירגזון צעבּרילט זיך! אָ, מיט
אַ מוראדיקן כּעס האָבן אָרקאַנען די קייטן פון מאַסטבּוים
צעריסן; מיט אַ שווערן קנאַק האָבן מאַסטן און זעגלען און
אַלע מכשירים געגעבן אַ הייב זיך, מיטרייסנדיק מיט זיך
דעם קאָפּ פונם קירעווער, אַז באותו-הרגע זענען אַלע
גידים פון פּילאָט געוואָרן צעריסן און מיט אַ שפּרונג, — ווי
אַ שווימער, — איז ער אַ טויטער געוואָרן אינם אָפּגרונט פאַרזונקען! —
געווילדעוועט האָט דזעאוס. און מיט אַ קנאַליקן דונער האָט ער
בּליציק די שווים-שיף אויף שטיקער צעריסן: אַ רויך פון פּעך און פון
שוועבל האָט ווייט זיך צעשטונקען און טיף, טיף אינם אָפּגרונט זענען
אַ ל ע חברים געוואָרן פאַרשלונגען!!! — אַך! גלייך ווי ים-קראָען,
אַזוי האָבן אַלע אין די כוואַליעס בּעתן אומקום געטוקט זיך! — —
און צעטומלט בין איך, ווי משוגע, אַרום די חרבנות
געשפּרונגען, ביז דער וויכער האָט דעם שנאָבל פון דער טרייב-שיף
צעריסן!

און מ׳יט אַ שלײַדער איז דער באַלקן אויפן שנאָבל געפאַלן, אָבער
שטיקער פונם לעדערנעם זעגל האָבן אַלץ אַרום אים נאָך געפלאַטערט.
...האָב איך מיטן שטיק לעדער דעם שנאָבל מיטן באַלקן פאַרפלאָכטן, דערויף
רייטנדיק געזעצט זיך און איבער עלנטע ימים געלאָזט זיך!
און נון האָט דער צעכסטער זעפיראָס קוים זיך צערעכעט,
אָבער כהרף־עין האָט נאָטאָס צוריק זיך צעריטשעט, און
צו: נאָענט צו דער ווילדער כאַריבדיס האָט ער צוריק מיך פאַרוואָרפן!...
אָט אַזוי בין איך אַ גאַנצע נאַכט אין דער סכנה געשוואומען
און באַגינען האָט עס מיך צו דער נעסט פון סקילאַ און כאַריבדיס פאַרטראָגן!
...גראָד האָט זיך כאַריבדיס מיטן ים־קוואַל־געגאַרגלט, — האָב איך
בערמה אויפן פייגנבוים — צווישן צווייגן און בלעטער געטון זיך
באַהאַלטן: ווי אַ פלעדערמויז אויפגעהאָנגען מײַן פאַרמאַטערט
נפש און, אַן אײַנגענורעטער, שוין נישט ווײַטער געקלעטערט! — —
ווײַט, ווײַט האָבן די וואָרצלען געשלאָגן, און די באַבלעטערטע
צווײַגן האָבן דאָס שרעקלעכע געשטאַלט פון כאַריבדיס באַשאָטנט.
אָ! לאַנג, לאַנג בין איך, אַ מידער, אויפן בוים דאָרט געהאָנגען, ביז דאָס קלאָץ
מיט דער שיף־נאָז האָבן צוריק אויף דער ים־פלאַך געטון זיך באַוויזן. —
ערשט אין דער צײַט, ווען פאַרמאַטערט פון הונגער קערט אום זיך דער שופט
פון בית־דין, — וואו ער האָט דאָס אַמפּערדיקע פאָלק מיט גערעכטע
חקים געמשפּט, — אָט ערשט דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן כאַריבדיס
מײַן באַלקן! — און מיט אַ גערויש האָב איך געגעבן פונם פייגנבוים
אַ שפרונג אַרײַן אין דער ים־שיף, אויף מײַן עלנטער טראַטווע געזעצט זיך
און גענומען פאַטשן במהירות די אייביק זאַלציקע ימים!
צום גליק האָט דער פאָטער פון אַלע מענטשן און געטער פאַר סקילאַס
אויג געטון מיך באַשיצן, — אויב נישט: וואָלט זי געוועזן מיך צעריסן!
און נײַן מעת־לעתן כסדר האָב איך אויפן ים זיך געוואַלגערט; און

ערשט אויף דער נאַכט אויף דער צענטער האָבן די געטער אַ שטויס
מיך קיין
אָגיגיאַ געגעבן, וואו די געטין קאַליפּסאָ טוט הויזן מיט פּראַכט און
מיט הדר ; —
ווי זי האָט מיך מיט אָפענע אָרעמס באַגעגנט — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — אָבער צוואָס 450
זאָל איך ווידער די זעלבע מעשה פאַרציילן, אַז נאָך נעכטן האָב
איך זי דאָ אינם היכל צו פאַר דיר און פאַר דער איידעלער מלכּה
פאַרציילט שוין ? — באמת, ס׳איז פריקרע צ ו ו י י מ אָ ל א י י ן זאַך
צו באַווייזן !"

# דאָס דרייצענטע געזאַנג

אָפּשיף פֿון פֿאַיעקן. אָנקום אין איטאַקאַ.

אַזוי דערציילט האָט דער גבור, און דאָס גערייד פֿון זיין לעפֿץ האָט די
עדה מיט שטילער התפּעלות אינם שאָטן פֿון היכל פֿאַרנומען!
אָבער מיט שאַלונג האָט אַלקינאָיאָס די שטילקייט צעריסן:
„אָדיסייאוס! ווייל דיינע טריט האָבן אַהערצו אין מיין הויכער
פּאַלאַטע גענידערט, טאָ בין איך דיר ערוב, אַז אָן מכשולים
און נסיונות וועסטו אומקערן אַהיים זיך בשלום! — איר
אָבער, אָ גרויסע אסיפֿה, א י ר, וועלכע טוט אייך כסדר אינם
שער־המלך איבער טייערע ויינען און זיסע ניגונים
פֿאַרזאַמלען, — טוט איצט דאָס גערייד פֿון מיינע לעפּצן פֿאַרנעמען:
— הגם צו פֿאַר אונזער אורח איז אָנגעגרייט שוין אַ טייערער
קויבער מיט שיינע געוואַנדן, געגאָסענע כּלים און צירונג
פֿון גינגאָלד (מיט וואָס א י ר, אָ פֿאַיעקן, האָט געטון אים באַשענקען) —
פֿונדעסטוועגן שטייט אויף, — און לאָמיר איעדער אַ דרייפֿיסיקן
קעסל און גילדענע שיסלען אים שענקען! — — איינמאָנען מיר וועלן
ביים פֿאָלק אונזער שאָדן, ווייל שווער איז פֿאַר איינעם אַזאַ מתּנה
צו געבן!"
געזאָגט; און אַלעמענס הערצער פֿאַרכאַפּט האָט דער מלך, —
און צו זיסער מנוחה האָט יעדערער אַהיימצו געאיילט זיך.
און באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פֿינגער געוועקט זיך,
האָבן אַלע שרים, באַלאָדנט מיט כּלים, צום ים־ברעג
בעשאַרט זיך. — און זע: אַלקינאָיאָס אַליין האָט אַלע מתּנות
אַריינגעבראַכט אין דער טרייב־שיף און אונטער די בענק זיי באַהאַלטן, —
בכדי די שיפֿער זאָלן קיין מניעות מיט וועסלעס ביים שווימען

נישט פילן. דערנאָך האָבן די שרים מיטן מלכות צום מאָלצייט אויפן
שלאָס פונם קיניג גענידערט, — ווייל פאַרן בליציקן דזעאוס-קראָניאָן
האָט אָן אַ מום אַ בן-בקר דאָרט מקריב געווען דער קיניג!
— — און נון האָבן די לענדן געטון זיי פאַרברענען, און מסובין
צו דער סעודה בהרחבה געזעצט זיך. און מיט פריידיק געזאַנג
האָט דער מנגן דעמאָדאָקאָס געטון זיי דערקוויקן. — — — אָבער
צום זון-פאַרגאַנג האָט אָדיסייאוס כסדר זיינע בליקן מיט
אומרו פאַרוואָרפן, ווייל אויסגעגאַנגען זיין האַרץ איז פון בענקשאַפט צום
היימלאַנד! — — אָ! גלייך ווי איינער, וואָס טוט טרייבן אין שפאַן פון דער סאָכע
צוויי טונקעלע אָקסן פון באַגינען ביז טיף אין שקיעה — און
ערשט פאַרמאַטערט פון אַרבעט, שאַרט ער נאָך ערבית אַהיים זיך צום
זאַטיקן מאָלצייט, אַז פון הונגער אים ציטערן די הענט און די
קניען: — אָט אַזוי האָט אָדיסייאוס געפלאַטערט צום היימלאַנד!
און נון האָט צום פאַיעקישן שיפער-פאָלק גענייגט זיך דער גבור;
אָבער פריער פאַר אַלץ האָט זיין שפרוך פאַרן קיניג צעשאַלט זיך:
„הויכגעאַכפערטער גבור, אָ שטראַליקער קיניג אַלקינאָיאָס!
טוט שפרינקלען צום קרבן די ווײַנען און שיקט אָפּ מיך בשלום
אַהיימצו! — — מיט פרייד זיי געזעגנט, אָ גרויסע אסיפה, — ווייל אַלץ,
וואָס מיין האַרץ געטון האָט באַגערן, האָט איר מיר געשאָנקען! — — גיב גאָט
מיר אַ הייליקע ברכה, אַז אָנטרעפן זאָל אין דער היים איך מיט
גנאָד מיין ווייב און משפחה און מיט געזונג — אַלע חברים!
און א״ך, ווען איך טו איצט פאַרלאָזן, — זאָל די בענטשונג פון הימל
אויף אייער קאָפּ זיך צעשפרייטן: מיט גליק צו די ווייבער און נחת
פון קינדער און קיין שום שלעכטס זאָל נישט שאַלטן אין אייער מדינה!"
געזאָגט; און געוואָרן זיין געבעט איז פאַרנומען. ווייל גיך, גיך
האָבן די שרים ממלא געווען דעם אורחס בקשה.
אָבער גיך, גיך האָט מעלתו דער קיניג פאַרן העראָלד צעשאַלט זיך:
„פּעדער זיך, פּאָנטאָנאָיאָס, און טו מישן דעם ווײַן אין די לאָגלען,
כדי מיט אָנגעפולטע כוסות צו בעטן ביים בליצשטראַליקן

דזעאוס, אַז אונזער אורח זאָל שווימען אַהיים זיך בשלום!״
גֿעזאָגט; און אויסגעמישט האָט פּאַנטאָנאָיאָס דעם ווײַן אין די קאַנען
און צו די געסט האָט געטון ער מיט די כּוסות געגענען, און מיט
תּפילה האָבן די פירשטן פון זייערע טראָנען געטון שפּריצן
קרבנות צו הימלען. — — אָבער שטאָלץ האָט בן־לאַערטעס פון זײַן טראָן
זיך דערהויבן, אויסגעשטרעקט דעם געטאָפּלטן ווײַן־כּוס צו דער
האַנט פון אַרעטע און מיט אַ ברכה געטון בענטשן די מלכּה:
„פריד צו דיר אויף אייביק, אָ הייליקע מלכּה; פריד אָן אַ סוף! מיט
זעטיקע יאָרן זאָל אויסגיין בנשיקה דײַן ריינע נשמה.
ווײַל פאַרן האָדעס אָנגעברייט איז אַיעדער! אַך: איך פאַרלאָז שוין דײַן
היכל און שיק אַ בענטשונג צו דיר, צו דײַן טראַכט, צום פאָלק און צום
קיניג!״
גֿעזאָגט; און גיך, גיך האָט ער אַרויסגעשיילט זיך פון היכל.
און נון האָט די הייליקע קראַפט פונם קיניג געטון צום העראָלד
באַפעלן, אַז ער זאָל דעם גבור צו דער שווים־שיף באַגלייטן. אָבער
אויפן געהייס פון אַרעטען זענען אויך דריי מיידלעך מיטן העראָלד
געלאָפן. און געווען איז די ערשטע מיט געוואַנדן און כיטאָנס
באַלאָדן; געקרעכצט האָט די צווייטע אונטער דער משא פון גינגאָלד,
און מיט שפּייז און מיט ווײַנען באַלאָדן געווען איז די דריטע!
און נון האָבן געטון זיי די טרייב־שיף ביים ים ברעג דערגרייכן.
און מיט מתּנות האָבן באַגלייטער געטון זי פאַרלאָדן; — און
נייערט אויפן טונקעלן פאָרדעק (אין אַ ווינקל), האָבן די שפחות
אויסגעשפּרייט דאָרט אַ פלאַקסן לײַלעך מיט אַ קישן צוקאָפּנס:
אַ ווייך געלעגער פאַרן מעכטיקן העלד אָדיסייאוס! — — — און נון
האָט דער סבלן איבער דער שוועל פון דער שווים־שיף געגידערט און
במנוחה
געלייגט זיך! — — און באַלד טאַקע האָט דער קירעווער פונם
אויסגעהוילטן
שטיין־פעלז באַפרייט די שיף פון די פּרענטעס, און אייליק האָבן פון די
בענק זיך די שיפער פאַר די וועסלעס געוואָרפן און גענומען
שניידן דעם אייביקן, זאַלציקן ים־שוים! — — — און אַך: אַ זיסער, נישט
אויסגעשלאָפענער שלאָף האָט אויף די וויעס פונם גבור געטון זיך

צעשפּילן; אַ שלאָף, וואָס טוט צום טויט זיך פאַרמעסטן! — — —
אוּן גלייך ווי דאָס
געלאַף פוּן פיר צעבּרוּקערטע פערדן, וואָס די בּייטש טוּט זיי שמייסן
מיט געקנאַל אויפן רוּקן, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער צום ציל־לויף
גענענען: — — אָט אַזוי האָט אין חשכות מיט ווילדן אימפּעט צווישן
שניידיקע כוואַליעס ווייט, ווייט אינם מרחק די שיף זיך געריסן! —
אוּן גיך אוּן גערזיכערט האָבּן כוואַליעס די טרייבּ־שיף געטראָגן, אַז
אפילוּ דער אייליקסטער יאַסטרויבּ וואָלט זי געקאָנט נישט דעריאָגן!
אָ! ווייט, ווייט צוּם היימלאַנד איז די שיף מיטן גבּור געפלויגן;
מיט א י ם,
וואָס זיין געניטשאַפט אוּן חכמה אָנגעקלאַפּט האָט די הימלען; מיט א י ם,
וואָס זיין גבוּרה האָט אייבּיק דוּרך שווערע נסיונות געטוּן אַלע
וויסטע מלחמות אויף שניידיקע ימים באַצווינגען; — ע ר, דער העלד
אָדיסייאוּס, וואָס האָט אינם שלאָף איצט אַלע יסוּרים פאַרגעסן!
...אוּן געווען איז, ווען אויף מזרח האָט אַ שימער געגעבּן דער
שחר אוּן עס האָט מבשר געווען דאָס טאָג־ליכט, — האָבּן
זיי צוּ די איטאַקאַנישע אינזלען געטוּן זיך דערשלאָגן!!! — — —

*

אוּנטער דער ממשלה פוּן פאָרקיס, דעם ים־גרייז, שניידט זיך אַ
ים־צוּנג
פוּן איטאַקאַס באָרטן, וואו צוויי שרעקלעכע סקאַלעס מיט שפּיציקע
שאַרפן טוּרמען איבּערן בּוּכט זיך טיף אַריין אינם אָפענעם ים־שלוּנג.
אוּן אַלע בּייזע, צעשטוּרעמטע כוואַליעס טוּען בּיידע קיזלען
מיט אימפּעט פאַרטרייבּן; אַז אפילוּ אַלע אוּמגעצוימטע גיך־
יאָגיקע שיפן ווערן פוּן די שאַרפן באַהיט אוּן באַשירעמט. — —
אויפן בּערגל פוּנם ים־בּרעג גרינט זיך באַשאָטנט אַ באַבּלעטערטער
איילבּוים, פוּן ווענעס קני עס שוואַרצט אַרויס זיך אַ טוּנקעלער הייל־גרוּבּ,
וואו עס הויזן צעכוואַליעטע נימפעס: די שיינע נאַיאַדן! — —
שטייען צעשטעלט דאָרט געטאָפּלטע כּלים מיט שטיינערנע פאַנען,
וואו עס טוּען די בּינען אינם סטעלניק באַטריפן דעם האָניק! — —
אוּן איבּער שטיינערנע טראָגען זיצן די נימפעס בּיים וועבּן די

נעצן, וואו פון לויטער-געפּערפּלטע ימים זעטיקט דאָס אויג
זיך פון די שיינע געוואַנדן! — ריזלט דאָרט אייביק אַ קלאָרענקער
קוואַל זיך, פון וועמעס שויס עס דערהייבן זיך צווי הײליקע שוועלן:
אין די שוועל אויף צפון אָנגעבריײט פאַרן פוס-טריט פון מענטשן, און די
שוועל אויף דרום — איז נייערט פאַר די הימלישע געטער געהייליקט! —
אָט אַהערצו האָבן די באַוואָפנטע שיפער געטון אים
באַגלייטן. און ביז צו דער נאָז פון דער שווים-שיף דערגרייכט האָט דאָס
וואַסער, ווייל מיט רוגזה האָבן די שיפער געשניטן די ווענטלעס!
און נון האָבן זיך די יונגען פון דער טרייב-שיף אויף יבשה
געפּעדערט
און דעם שלאָפנדיקן אָדיסייאוס (איינגעהילט אין פלאַקסענעם
ליילעך און מיטן פּערפּלנעם קישן צוקאָפּנס) אַוועקגעלייגט אויפן
זאַמד דאָרט בשתיקה! — דערנאָך ערשט האָבן די געניטע פּאַיעקן
אַרויסגעבראַכט אַלע שיינע מתנות, וואָס מיט דער הילף פון
פּאַלאַס-אַטענע האָבן די שרים געטון אים באַשענקען!
און אויף דער שויס פונם איילבוים האָבן (אויסערן תחום) אַוועקגעלייגט די
פּאַיעקן דעם שווערן באַרג מיט מתנות, בכדי דאָס אויג פונם
גייער זאָל צו גנבה נישט גלוסטן, ביז איבערוועקן עס וועט
טון זיך דער העלד אָדיסייאוס!
און נון האָבן זיי צוריק אַהיים
געטון זיך באַשיפן. — — — אָבער פּאָזיידאָן האָט אָן זיין נקמה
נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן און פאַרן אייביקן קראָניאָן צעשאַלט זיך:
„פאָטער קראָנאָס, אָ הייליקער דזעאוס! אַלע הימלישע
געטער טוען פונם מענטש מיך פאַרשטויסן, — איז דען אַ קשיה,
פאַרוואָס מיין
אייגן-געפּלאָדיעטער פּאַיעקישער שבט טוט מיך פאַרשפּייען?
זע: נאָך שווערע נסיונות האָט אומגעקערט אָדיסייאוס אַהיים
זיך בשלום: נישט איך בין אַ שטיין אין וועג אים געוועזן,
ווייל דיין
רצון מיט אים איז געגאַנגען, — אָ דזעאוס, דו הייליקסטער פאָטער!
קוק: פאַרזונקען אין זיסן געדרימל, האָבן זיי איבער ימים
אין איטאַקאַ געבראַכט אים בשלום; מיט מתנות פון גינגאָלד

אוּן קליידער אוּן כּלים — זיי האָבן געטוּן אים באַשענקען, אַז איצט
וועגט אַוש איבּער זיין גרויס עשירות דאָס רוב פוּנם שלל, וואָס ער
וואָלט פוּן טראָיאַנישע מחנות געבּראַכט אין זיין היימלאַנד אַכייאַ!״
האָט אָבּער דער בּליצשטראַליקער דזעאוּס פאַרן ים־גאָט צעשאַלט זיך:
„ווי! אויף דיינע ליפּן שוועבּט איצט אַ קללה, אָ מעכטיקער מלך!
ניין! נישט קיינמאָל האָבּן געטער געטוּן דיך פאַרשטויסן, ווייל דוּ בּיסט
אין אָלימפּאָס דער איינציקער גבּור אוּן דער העלדישסטער ישיש.
אויבּ אָבּער אַ בּן־אדם וועט האָבּן די חוּצפּה מיט קראַפט צוּ דיר
זיך פאַרמעסטן, טאָ בּאַווייז אים דיין כּוס מיט כּעס אוּן נקמה
אוּן זיי זיך נוקם אָן שונא, וויפל דיין האַרץ וועט נאָר גלוּסטן!״
האָט פּאָזיידאָן, דער צעכעסנטער ים־גאָט, דערויף אים געענטפערט:
„אייבּיק האָבּ געטוּן איך, אָ שוואַרצער כמאַרעס־פאַרזאַמלער, דיין משפּט
פאַרנעמען, אָבּער דער כּוס פוּן דיין שווערער נקמה האָט מיך
אייבּיק געשראָקן! — דעריבּער, אָ דזעאוּס! וויל איך אַצינדער די
פאַיעקישע טרייבּ־שיף אויף איר היים־וועג דערטרינקען (בּכדי מתרה
צוּ זיין זיי, אַז זיי זאָלן שוין קיינעם אַהיים נישט בּאַגלייטן) אוּן
מיט אַן אַרוּמגערינגלטער, בּאַרגיקער פעסטוּנג וועל איך טוּן זיי
פאַרצוימען!״
האָט דער צעדוּנערטער דזעאוּס דערויף אים געענטפערט:
„ליבּינקער! אויך מ״ין חוש טוּט דאָסדאָזיקע שפּיצל דיינס בּאַנעמען!
יאָ: ווען די בּאַלעבּאַטים וועלן צוּ דער שווים־שיף קוּמען אַקעגן,
טאָ זאָל זי דאָרט האַרט בּיי די בּרעגעס ווערן פאַרשטיינערט, אוּן פוּן דיין
בּאַרגיקער פעסטוּנג זאָלן אַלע פאַיעקן ווערן נשתומם!״
אוּן געשען איז, ווען דער גרוי־גריוויקער ים־גאָט פּאָזיידאָן געטוּן
האָט דידאָזיקע רייד פוּן דעם אַלמעכטיקסטן דזעאוּס־קראָניאָן
פאַרנעמען, איז ער איילִיק צוּם טאָליקן שעריאַ, צוּם לאַנד פוּן
די שטאָלצע פאַיעקן געפלויגן, אָפּגעוואַרט בּיז די שיף האָט צוּם
בּרעג זיך דערנענטערט, אוּן ווי: מיט אַ צעעפנטער דלאָניע האָט ער
אַ מוּראדיקן קנאַק געגעבּן די שווים־שיף, אַז מיטאַמאָל איז
זי אַ פאַרשטיינערטע טיף, טיף אינם ים־גרוּנט געוואָרן פאַרזוּנקען!

אװעק איז פּאָזײדאָן ; אָבער שואל-עצה געװען האָבן
צװישן זיך די שטאָלצע פּאַיעקישע שיפער. און מטושטש האָט
מיט אַ צעבראָכן געמיט אַ שכן צו אַ שכן געטענהט :
„אָך, װער טוט פאַרהאַלטן דעם גאַנג פון די ימים, װאָס װילן
אַהײם אונז באַשיפן ? אָנגעטאַפּט מיר האָבן ממש דאָס אומגליק !"
אָט אַזוי האָבן שכנים װעגן מכשול געטענהט ; אָבער
נײערט אַלקינאָיאָס האָט מיט שאַלונג געטון זיך דערמאַנען :
„אָ װײ מיר, װײ מיר ! אַן אַלטע זעאונג איז איצט מיר געװאָרן
מקוים : מתרה געװעזן עס האָט מיך בשעתו מײן פאָטער,
אַז פאַרן באַגלײטן װעט אונז מיט נקמה באַצאָלן פּאָזײדאָן ! —
און װידער האָט ער געזאָגט מיר : אומקומען װעט אַ באַגלײט-שיף אויפן
װעג צום אײגענעם הײמלאַנד, און אַרומרינגלען װעט אונז אַ הויכע
באַרגיקע פעסטונג, װאָס װעט מיט גבורה טון אונז פאַרצוימען ! — —
אַזוי געזאָגט האָט דער אַלטער און אַלץ איז געװאָרן מקוים !
איצט אָבער, שטײט אויף, און דעם זאָג פון מײן לעפּן טוט אַלע
פאַרנעמען :
שטײט אָפּ אָן רחמנות פון יעדע באַגלײטונג, און לאָמיר צום
ים-גאָט פּאָזײדאָן מקריב זײן צװעלף הײליקע רינדער ; אפשר װעט,
בזכות-זה, זײן האַרץ זיך דערװעקן מיט רחמים, און ער װעט פון דער
שרעקיק-צעטורעמטער פעסטונג טון אונזער מדינה באַפרײען ;
געזאָגט ; און מיט פחד האָבן די פאַיעקישע שרים צו
די זבחים געפעדערט. און מיט תפילה ותחנונים האָבן
זײ פאַרן מזבח מתפלל געװעזן צום ים-גאָט פּאָזײדאָן ! — — —

* * *

... — — און נון האָט פונם שלאָף איבערגעװעקט זיך דער העלד
אָדיסײאוס.
אָבער נישט דערקענט האָט דער סבלן דאָס אײגענע הײמלאַנד, װײל מיט
טונקעלן חושך האָט פּאַלאַס אַטענע פאַרשלײערט דעם חלל,
בכדי דאָס װײב און חברים מיט אַלע באַלעבאַטים זאָלן
אים דערװײל נישט דערקענען, ביז ער װעט מיט װילדער פאַרציקונג
אומברענגען חתנים פאַר אַלע מיאוסע מעשים-תעתועים ! — — —

דערפֿאַר טאַקע איז אַלץ פֿאַרן אויג פֿונם מלך אין אַ פֿרעמדער צורה
געווען דאָ פֿאַרטונקלט: טראַקטן און וועגן און גלאַנציקע בוכטן;
רייך־באַוואַקסענע ביימער מיט פּרות, און אַלע ווילדע – חייט, ווייט —
ביז צו די העכסטע הימלען, הויך־צעטורעמטע, גאָליקע בערגער!
און נון האָט זיך דער גבור געפּעדערט, פֿון דער ערד זיך דערהויבן,
אַ פֿרעמדן בליק איבערן היימישן שטח געוואָרפֿן און מיט
אַ פּאַטש אין די דלאָניעס אויף שענקלען האָט ער ווילד זיך צעיאָמערט:
„אָ! ווי מיר, ווי מיר! צו וועלכער מדינה בין איך שוין ווידער
געוואָרן פֿאַרוואָרפֿן? צי ווילדעווען אַרום דאָ פּראַים אָן
געטער אין האַרצן; צי גאָר גאָטספֿאָרכטיקע, פֿריינטלעכע מענטשן, מיט
מידות און חקים באַלאָדן? — אַך! וואוהין זאָל איך דידאָזיקע
אוצרות באַהאַלטן? און וואוהין זאָל איך אַליין זיך אַהינטון?
אָ! הלוואַי וואָלט איך שוין ליבערשט ביי פֿאַיעקן פֿאַרבליבן, און
אַ מלך אַ צווייטער וואָלט געטון מיך באַשיצן, און אויף אַן
א מ ת אַהיימצו באַגלייט מיך! איצט אָבער? — זאָל איך מיין אוצר אויף
הפֿקר דאָ לאָזן, אַז ער זאָל ווערן צום זאַק־רויב פֿאַר פֿרעמדע? — —
גאָט! אומברחמנותדיק געווען איז די גרויסע הבטחה
פֿון אַלע פֿאַיעקישע האַרן, וועלכע האָבן אין מרחק
געטון מיך פֿאַרנאַרן! — אַך — עס האָט אַזוי מיך צום זוניקן
היימלאַנד געצויגן, — היינט פֿאַרוואָס האָבן זיי געטון מיך גענאַרן?
גיס אויס אויף די נוקמים דיין כּעס און דיין צאָרן, אָ הייליקער
דזעאוס, ווייל חוץ דיר איז קיינער ביכולת צו שטראָפֿן דעם
שונא! — אָבער וואַרט! — — לאָמיך איצט חוקר־ודורש זיין די שיינע
מתּנות, — אפשר האָבן זיי מיטן היימוועג געטון מיך ראַבירן?"
געזאָגט; און גענומען האָט ער ציילן די גינגילדענע קעסלען;
די גלאַנציקע כּלים און אַלע טייערע, שיינע געוואַנדן.
אָבער אפילו מיט קיין איינציקן חפֿץ איז ער נישט געוואָרן
באַעוולהט! — און
נון האָט זיך ווידער זיין האַרץ פֿון בענקשאַפֿט צעגאָסן, אַז פֿאַרביטערט
האָט ער געשאַרט זיך ביי די ימישע ברעגעס!
און נון איז פּאַלאַס
אָטענע (אינם געשטאַלט פֿון אַ יונגיטשקן פּאַסטוך) אים געקומען

אָקעגן: אַ בחור אַ יונגער, וואָס טוט זיך צו אַ בן־מלך
פּאַרמעסטן. אָ, אַ געטאָפּלט מאַנטל האָט זיך איבער איר פּלייצע
געכוואַליעט; געגלאַנצט האָבן פון פיס די סאַנדאַלן, און געוויגט האָט
אין האַנט זיך דער שרביט!
אָבער וויבאַלד אָדיסייאוס דערזען האָט
די געטין, האָט ער מיט פחד און מיט שמחה צו איר זיך דערנענטערט:
„פריד צו דיין אָנקום, אָ פרעמדער, פריד אָן אַ ברעג! אָ,
ערשטן
סימן פון לעבן דו האָסט מיר געבראַכט דאָ, דעריבער פאַל איך
כורעים צו פאַר דיין קני מיט הכנעה; און ווי צום הימל טו איך
דיך בעטן, אַז דו זאָלסט מ י ך און מיינע טייערע אוצרות באַשיצן!
און נון זאָל וואָרהאַפטיק די לעפץ פון מיין האַר טון אַלץ מיר פאַרציילן:
ווער זענען די מענטשן אויף דעמדאָזיקן שטח, און וויאַזוי
רופט זיך אייער מדינה! זאָג: צי זעמיר אויף אַ באַרגיקן,
זוניקן אינזל, צי גאָר אין אַן אַקערלאַנד, ווען עס טוען
די ימים באַגאַרטלען?!"
האָט די בלוי־אויגיקע פאַלאַס בת דזעאוס
דערויף אים געענטפערט:
„סיידן דו האָסט פון מרחק אַהערצו
געצויגן אָדער דיך האָט אַ טפשות באַנומען, אויב דו טוסט
אַזוי פרעגן וועגן אונזער מדינה! — — דאַכט זיך, אַז זי איז
דווקא גענוג שוין מפורסם ביי אַלע באַוואוינער פון מזרח
ביז מערב, — אַז אויף דער גאַנצער פלאַטשיקער ערד־פלאַך טוט מען
פון איר אַזש
צו שמועסן!... און הער: הגם רוי און פאַרשטיינערט איז די ערד דאָ
פאַרן פערדן־געטומל; און כאָטש זי איז בדוחק אין פרוכטיקע
טאָלן, פונדעסטוועגן טוט דער טוי און דער רעגן זיי אַלע
באַגיסן, אַז מיט ברויט און מיט ויינען זי שפייזט אונז מיט ברכה. — —
פאַר שאָף און פאַר רינדער גרינען באַגראָזט דאָ די זאַפטיקע
לאָנקעס;
און צווישן רוישיקע קוואַלן שניידן זיך וועלדער באַצווייגט און
באַבלעטערט! — — דעריבער, אָ חבר, האָט זיך ביז צו טראָיאַנער

א י ט א ק א ס שם־טוב צעקלונגען, כאטש, מ׳שמועסט, אז עס איז אזוי ווייט
פון א כ יי א !..״
געזאגט ; און מלא־שמחה איז אָדיסייאוס, דער
טייערער סבלן, געוואָרן ; ווייל פון זיין היימלאַנד האָט מבשר
געווען אים דזעאוסעס העל־אויגיקע טאָכטער, פאַלאַס־אַטענע !
און מיט באַפליגלטע רייד האָט דער גבור די לעפצן צעעפנט ;
אָבער כיטרע האָט געטון ער דעם אמת פאַרבייגן, און מיט
געשפּאַנטע מחשבות האָט ער בערמה זיין שכל געלייקנט :
„באמת : אַזש מעבר־לים אינם ווייטן קרעטאַ איז שוין
איטאַקאַ צו מיינע אויערן דערגאַנגען. דעריבער טאַקע
בין איך אַהערצו מיט מיין שלל געקומען (איבערלאָזנדיק
ביים אַנטלויפן אַ האַלבן אוצר פאַר יורשים). פאַרוואָס ? — ווייל דאָס
לעבן פון אָרסילאָכאָס בן אידאָמענייאָס האָב געטון איך
פאַרציקן. א י ם , דעם איילעקסטן לויפער פון קרעטאַ, וועלכער האָט
געגאָרט מיך ראַבירן ! — — אָ ! מיט פיין און יסורים האָב איך אויף די
בלוטיקסטע שלאַכטן מיט ווילדע טראָיאַנער מ:צח געווען
מיר מיין שלל, און אָרסילאָכאָס האָט געגלוסט אים באַרויבן !
נו, צוליב דעם, וואָס איך האָב אין טראָיאַ מיט מיינע חיילות אָן
דעם רשות פון אידאָמענייאָס אויסגעקעמפט זיך מיין שלל, האָט
אָרסילאָכאָס געמעגט מיך באַפאַלן ? — ניין ! מיט געלאָקערטן כעס
האָב איך מיט חברים געטון זיך באַהאַלטן ; און בערמה מיט דער
וואַרף־שפּיז זיין האַרץ צעלעכערט ! — — יאָ : אין שווארצע געוואַנדן האָט דער
טאָג זיך באַהאַלטן, און איך האָב בערמה געטון אים פאַרלענדן ! — —
אָבער קוים האָט מיין וואַרף־שפּיז געטון אים צו טייטן, בין איך תיכף
איבער ימים צו שטאָלצע צדונער מיט מיין שווים־שיף אַנטלאָפן
און משחד געווען זיי מיט אַ טייל פון מיין זאַק־רויב, בכדי זיי
זאָלן קיין פילאָס אָדער צו דעם געטלעכן עליס (וואו עס שאַלטן
און וואַלטן די שטאַרקע עפּייער) טון מיך באַגלייטן ! — — - אָבער וויי :
די צעהודזשעטע קראַפט פון שווערע אָרקאַנען האָט מיט בייזער
עקשנות אַקעגן זייער רצון גענומען אונז טרייבן, — און

אָך: נאָך אַ שרעקלעכער נאַכט פון פאַרכישופטן בלאָנזשען האָט עס אונז
אַהערצו פאַרוואָרפן! — — — און פאַרמאַטערט מיר האָבן אונזער שווים־שיף
פאַראַנקערט. געפייניקט אונזער האַרץ האָט אַ שרעקלעכער הונגער;
אָבער מיד און צעבראָכן האָבן מיר אויפן ים־ברעג גענידערט, און
זיס זיך אַנטשלאָפן! — — אויך א י ך בין אַ מידער אין אַ זיסן
דרימל
געוואָרן פאַרזונקען. בינתיים אָבער האָבן די שיפער
אויסגעליידיקט פון דער טרייב־שיף דעם אוצר און אויף מיין געלעגער אין
זאַמדן געטון אים פאַרשפרייטן און צוריק קיין סידאָן גענומען
זיך שניידן, — איבערלאָזנדיק דעם פרעמדן, פאַראיינזאַמט און עלנט!"
געזאָגט; און אַ שמייכל געטון האָט דזשאוסעס העל־אויגיקע
טאָכטער, אַטענע. און אַ ריר מיט דער האַנט האָט געטון אים די
געטין, און זע: אין אַ שיינער יונגפרוי איז זי פלוצלינג געוואָרן
נתעלה, און אָ ט אַ ז ו י האָט באַפליגלט גענומען זי טענהן:
„באמת, אפילו אַ הימלישער גאָט וואָלט לגבי דיינע
לצנישע שפיצלעך מיט דיר נישט געקאָנט זיך פאַרמעסטן, — מיין
אורח!... מחוצף! אפילו ד אָ אין דיין אייגענעם היימלאַנד
ווילסטו אַזוי כיטרע אונטער אַ מאַסקע פון שקרים דיין פרצוף
באַהאַלטן אַזיווי יינגלווייז, ווען פלעגסט אָפטון אַ שטיקל מיט
צוגעטראַכטע המצאות? אָבער — גענוג! מיר פאַרשטייען אויפן
וואונק זיך: אָנגעזען איז ד ײ ן תקיפות ביי לייטן און צווישן געטער
ווידער איז מ ײ ן חכמה מפורסם! פונדעסטוועגן האָסטו מ י ך,
די הייליקע פאַלאַס־אַטענע בת דזשאוס־קראָניאָן, געטון
נישט דערקענען, פון וועמעס שוץ דו ביסט כסדר פון אַלע
נסיונות געוואָרן באַהיט און באַשירעמט; מ י ך, מיט וועמעס הילף
דו האָסט דיר אַלע פאַיעקישע הערצער מיט ליבשאַפט באַצוואונגען?!
און נון האָב איך אויך איצט צו דיר זיך באַוויזן, בכדי דיר צו
עצהן, וואוהין זאָלסט דיין אוצר פאַרבאָרגן: די שיינע מתנות
פון דער איידעלער פאַיעקישער עדה, וואָס האָבן אַהערצו
אויף מ ײ ן געהייס געטון דיך באַגלייטן. חוצדעם, וויל איך אויכעט זיין
דיר מבשר פון ביטערן גורל, וואָס טוט שוועבן אַרום דיין
הייליקן היכל. — הער: אונטער אַ פאַנצער פון גאווה זאָלסטו דיך

אין פּאַלאַץ נישט געבן צו קיינעם דערקענען; נייערט מיט שטילע
יסורים זאָלסטו אפילו דעם גורל דעם שווערסטן פאַרטראָגן!"
האָט אָבער דער גרויסער סבלן אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„קיין שום בן־אדם, אָ געטין, ווען דו קומסט ווענס אַקעגן, וועט
דיך נישט דערקענען, ווייל אין אַלע פּרצופים ווערסטו נשתנה!
פונדעסטוועגן געדענק איך, ווי לייטזעליק דו ביסט אונז, אַכייער,
אויף די בלוטיקסטע שלאַכטן, אויף די פעלדער פון טראָיע געווען!
אָבער זינט מיר האָבן דאָס צעטורעמטע פעסטונג פון פּריאַמאָס
צעשטורעמט, און אונז אַכייער געטון האָט דער הימל אויף שבעה
ימים צעשפּרייטן, — האָב איך דיך, אָ בת־דזעאוס, נישט קיינמאָל אויף מיין
נע־ונדנע שווים־שיף פאַר אַ מליצה־ישרה באַגעגנט;
נייערט מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָב איך אַזוי איבער
צעיושעטע ימים געבלאָנזשעט, ביז מיין געקלאָג האָט די הערצער
פון הימלישן רחמים צעעפנט, — נאָך איידער דו האָסט אויף די
זאַפטיקע פעלדער פון די שטאָלצע פאַיעקן מלווה געווען מיך
בשלווה! — און איצט, — אָ! ביי דזעאוס איך טו דיך באַשווערן, — ווייל עס
וויל זיך נישט גלייבן, אַז מיינע טריט האָבן דערגרייכט שוין מיין היימלאַנד
איטאַקאָ. — (נייערט ערגעץ־וואו אין אַ לאַנד צווישן פרעמדע האָסטו
געטון מיך פאַרבלאָנקען, בכדי אָפּצולאַכן פון מיין האַרץ, דעם
שווערן!) זאָג: בין איך שוין באמת אין מיין אייגענעם היימלאַנד?!"
און אָפּענטפערן האָט געטון אים דזעאוסעס העלאויגיקע
טאָכטער אַטענע:
„טאַקע דערפאַר, ווייל דיין האַרץ איז כסדר מיט
ספקות באַלאָדן; און ווייל אין־לשער איז דיין זהירות און
חכמה, — דעריבער מוז איך דיך אייביק אין אַן אומגליק באַשירמען!
אַך! ווען אַ צווייטער אויף דיין אָרט וואָלט פון זיינע פאַרבלאָנזשעטע
וועגן אומגעקערט זיך צום היימלאַנד בשלום, — אָ! ווי אַ הינט וואָלט
ער געפלויגן אַהיימצו צום ווייב און בן־יחיד. דו אָבער
פאַרהאָלטסט זיך קאָלט צו אַלע שאלות און תשובות, ביז וועסט אַליין נישט
אויספּרוּוון דיין עלנטע אשה, וועלכע זיצט אַ פאַרבענקטע אין
דיין פאַרלאָזענעם היכל, און טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרשווינדן אירע
טעג מיט געיאָמער, און אין זאַלציקע קוואַלן פון טרערן עס

ווייקן אין די נעכט אירע אויגן! — מ יי ן הארץ אָבער האָט געזאָגט מיר,
אַז פֿאַראייניזאַמט פֿון אַלע חברים דו וועסט זיך אומקערן
אַהערצו בשלום! און גרויס געווען איז מיין פחד צו פירן
מלחמה מיט מיין פֿעטער פּאָזיידאָן, וועמעס שנאה צו דיר עס
ברענט נאָך כסדר, — זינט דער מעשה מיטן אויג פֿונם ריז פּאָליפיימאָס!
איצט, — קום, און די שטחים פֿון איטאַקאַ וועל איך דיר באַווייזן:
— אָט איז די הייליקע בוכט פֿון פֿאָרקיס דעם ים־גרייז, וואו עס
שניידט זיך
אַן איילבוים, וואָס פֿון זיין קני שוואַרצט אַרויס אַ טונקעלער הייל־גרוב,
וואו עס הויזן צעכוואַליעטע נימפֿעס: די שיינע נאַיאַדן! —
אָט אויף דעמדאָזיקן מזבח פֿלעגסטו פֿאַרצייטנס מקריב זיין
פֿאַר אַ קרבן־חטאת די הייליקסטע פֿעסט־העקאַטאָמבן; און דאָרט
ווידער טוט קרוינען באַבלעטערט נייריטאָנס וואַלדיקער באַרג־שפּיץ!"
גערזאָגט; און צעבלאָזן האָט פּאַלאַס דעם נעפּל; און ליכט אויף
וועלט איז
געפֿאַלן! — — —
און נון האָט אָדיסייאוס, דער טייערער סבלן,
געטון זיין היימלאַנד דערקענען, און מיט פֿריידיק געשריי איז ער
כורעים בנשיקה צו ערדן געפֿאַלן, און מיט דערהויבונג
צו די נימפֿעס געבעטן:
„אָ נאַיאַדן, איר טעכטער פֿון דזעאוס!
אויסגעלאָשן געווען איז מיין לעצטער פֿונק פֿון בטחון אייך
ווידער צו זען וועגס, דעריבער: פֿריד צו אייך, פֿריד
צו אייך, אָ הייליקע געטינס! — אָ! אויב בת־דזעאוס וועט מיך מיט מיין
זון מיט פֿיל יאָרן באַשיינען, — וועל איך אייך מיט אַ קרבן־תודה
באַצאָלן!"
האָט בת־דזעאוס אַטענע דערויף אים געענטפֿערט:
„טרייסט
צו דיר, טרייסט צו דיר, אָ העלד אָדיסייאוס! נישט זיי איצט פֿאַרצווייפֿלט!
קום! לאָמיר די טייערע אוצרות ערגעץ־וואו אינעם טונקעלן
שטיין־גרוב אויף אַ געזיכערטן מקום־מנוחה באַהאַלטן,
און דאַן לאָמיר נאָכזוכן אַן עצה, וואָס מיר האָבן צו טון איצט!"

געזאָגט; און אין דער אויסגעוועלבטער הייל איז אַטענע פאַרשוואונדן,
זוכנדיק ערגעץ אַ שטיל, פאַרבאָרגן ווינקל. דערווייל האָט
אָדיסייאוס געגומען איינזאַמלען די מתנות פון גינגאָלד
און שיינע געוואַנדן, – מיט וואָס ער איז פון די פאַיעקישע
שרים געוואָרן באַשאָנקען. פאַרשפּרייט זיי; און דעם אַריינגאַנג האָט
מיט אַ שטיין-פעלז געטון בת-דזעאוס – פּאַלאַס-אַטענע פאַרשטעקן!
אוּן נון האָבן ביידע אויף דער שויס פונם הייליקן איילבוים געזעצט זיך
און שואל-עצה געווען זיך צו נעמען נקמה אָן די
ווילדע חתנים. – – –
אוּן נון האָט מיט שאַלונג בת דזעאוס געעצהט:
„אָ מעכטיקער זון פון לאַערטעס, גרויסער העלד אָדיסייאוס!
טו זיך פאַרטראַכטן מיט וואָסער נקמה דו זאָלסט די חתנים
באַטראָפן, וועלכע שאַלטן און וואַלטן דריי יאָר אין דיין היכל
און פאַרשיטן מיט כלה-מתנות דיין ערלעכע אשה!
אָ! מיט אַ האַרץ פון בטחון, און מיט טרערן פאַרבענקטע, זי וואַרט
אויף דיין קומען; און בערמה איז זי יעדן חתן באַזונדער
מבטיח, אָבער אַ גאָר אַנדערן רעיון טראָגט זי אין האַרצן!”
האָט אָבער דער גרויסער סבלן אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„אָ ווי מיר, ווי מיר! ווען נישט דיין התראה, אָ הימלישע געטין,
וואָלט איך גלייך ווי מיין ברודער אַגאַמעמנאָן אין אייגענעם היכל
פון אַ געלאָקערטן טויט דורך חתנים געוואָרן פאַרטיליקט!
שטיי מיר ביי, אָ הימלישע געטין, און גיב מיר אַן עצה מיט
וואָסער פּיין איך זאָל זיי שטראָפירן! אָ, באַוואָפן מיך מיט מוט און
מיט כוח, אַזוי ווי דו האָסט מיך אויף די טראָיאַנישע פעלדער
באַוואָפנט! – – – געטין! טו מיט מעכטיקן גנאָד מיך באַשירעמען, אַז
אפילו אַקעגן דרייהונדערט ווילדע חתנים זאָל איך
א יי ב ע ר אין קאַמף זיי צעברעכן און אַלע דאָרט זיין מנצח!!!”
האָט מיט טרייסט די העלאויגיקע אַטענע דערויף אים געענטפערט:
„אָ! איך וועל אַלעמאָל דיך באַשיצן, ווען מיר וועלן צום גרויסן
פסק-דין זיך אַ נעם טון! דאַכט זיך, אַז נישט איינער פון דער חברה
חתנים, – וואָס טוען דיין האָב און גאָב אינם פּאַלאַץ פאַרהוילן, –
וועט מיטן צעשפּאָלטענעם מוח די דילן פון דיין היכל צעפּלאַצן!

איצט אָבער מוז איך פאַר אַן אומבאַמערקטן פון אַלעמען טון דיך
פאַרשטעלן: די שיינע הויט אויף דיין קערפּער וועל ט ו ן איך
צעקנייטשן!
די ברוינע לאָקן אויף דיין קאָפּ וועלן ווערן צעקראָכן, און אין
שמאַטעס וועל איך דיין קערפּער באַהאַלטן, אַז אַ מיאוסקייט זאָל דיין
אָנבליק צו יעדן באַנעמען. און נאַריש און רינעדיק וועלן
ווערן דיינע גליאיקע אויגן, אַז דיין שרעקלעכע צורה
זאָלן סיי חתנים, סיי דיין ווייב און דיין קינד נישט דערקענען! — —
און זאָלסטו אַ פאַרשטעלטער צום פאַסטוך פון דיינע חזירים
גענענען; צום געטרייען אייאומייאָס, וועלכער איז ד י ר, דיין ווייב
פּענעלאָפּייאַ און דיין ליבן זון טעלעמאַכאָס מיט ליבשאַפט
איבערגעגעבן! — — — ביים קוואַל אַרעטוזאַ, הינטער די סקאַלעס פון
קאָראַקס דו וועסט אים ביים פאַשען פון דיינע חזירים געפינען;
דאָרט, וואו מיט וואָרצלען און בלעטער טוען דיינע חזירים הינטער
דעם באַשאָטנטן וואַסער אויף זיך נעמען פיל חלב און פליישן!
און נון זאָלסטו ביים פאַסטוך פאַרבלייבן, בכדי אַלץ זיך דערוויסן.
איך אָבער וועל דערווייל קיין ספּאַרטאַ, צו דער נעסט פון די שענסטע
פרויען גענענען, כדי מבשר צו זיין דאָרט דיין געליבטן
טעלעמאַכאָס פון דיין קומען אַהערצו. א י ם , וועלכער איז צו גאַסט
איצט ביים מלך מענעלייאָס אין דער שטאָט לעקאַדיימאָן, וואו ער
טוט אַרומזוכן זיין פאַרלוירענעם פאָטער!״

האָט אָדיסייאוס
דערויף איר געענטפערט:

„אָ! פאַרוואָס האָסטו נישט פ ר י ע ר אַלץ געטון
אים צו וויסן? אפשר דערפאַר, בכדי אויך ע ר זאָל אַ פאַרשמאַכטער
טון בלאָנזשען אויף ימים, בעת פ ר ע מ ד ע צעפרעסן מיין עשירות?!״
האָט אָבער די גליי־אויגיקע בת־דזעאוס דערויף אים געענטפערט:
„נישט געזאָרגט, אָדיסייאוס! איך אַליין האָב אַהערצו געטון אים
באַגלייטן, בכדי ער זאָל דאָרט אין מרחק מיט אַ גרויסן שם־טוב
ווערן נתגלה! זע: אינם שלאָס פונם אַטריד ער זיצט זיך במנוחה,
און אָן זאָרג ער לאָזט זיך דאָרט וואוילגיין מיט פריידיקע, זיסע תענוגים!
אמת טאַקע, אַז פיל חתנים לאָקערן אויף זיין טויט דאָרט אין

די טונקעלע שיפן, ווען ער וועט אומקערן אהיים זיך. אָבער, —
נישט געזאָרגט, אָדיסייאוס! איבערדעקן וועט די ערד דיינע
שונאים, וואָס טוען כמאַרעסווייז דיין גרויס עשירות פאַרוויסטן!״
געזאָגט; און אָנגערירט מיטן שרביט האָט די געטין זיין אַקסל,
און זע: צעקנייטשט איז פלוצלינג געוואָרן די שיינע הויט אויף זיין
נפש; די ברוינע לאָקן אויפן קאָפּ האָבן גענומען פאַרשווינדן; —
ווי ביי אַ זקן זענען לעפיש זיינע גלידער געהאָנגען,
און נאַריש און טאַמעוואַטע האָבן זיינע גליאיקע אויגן
געטריפלט! הער: אין ברודיקע שמאַטעס איז זיין נפש געוואָרן
באַהאַלטן, און אַ צעטשאַדעטער ריח פון זיי האָט געשטונקען.
און אַך: מיט אַ פליכעוואַטער פעל פון אַ געפּגרטן הערש האָט
זי דאָס לייב אים פאַרוואָרפן, און אַ שטעקן מיט אַ טאָרבע געטון
אים דערלאַנגען! —
אָט אַזוי האָט זיך די המצאה פאַרענדיקט. און
גאָכן צעשייד האָט צום הייליקן כּרך לעקאַדיימאָן, — צו זיין זון
טעלעמאַכאָס — גענומען שפּרייזן די געטין פּאַלאַס־אַטענע — — —

# דאָס פערצענטע געזאַנג

אָדיסייאוס נידערט צום געצעלט פון אייאומייאָס.

...אָדיסייאוס אָבער האָט זיך מיטן ווילדן שליאַך פונם באָרט איבער די
בערגיקע וועלדער צום געצעלט פון זיין איבערגעגעבענעם
פאַסטוך געפעדערט: צום געטלעכן עבד פון זיין האָב און זיין גאָב; —
אַהין, וואו דער גזר פון אַטענע האָט געטון אים צו טרייבן.
און אויף דער שוועל פונם אַריינגאַנג, — אַרום פאַרצוימטן הויף
אויפן באַרג-שפּיץ,
פונוואַנען עס בלאַנקט זיך דער אַרומיקער מרחק, — האָט ער דעם
פאַסטוך אָנגעטראָפן דאָרט זיצן מסובין. ווייל זינט זיין האַר און
געביטער איז אַוועק אין מרחקים, האָט ער צוליב זיין סטאַדע
חזירים (אפילו נישט אויפן געהייס פונם אַלטן לאַערטעס און
נישט אויפן באַפעל פון פּענעלאָפּייאַ, דער מלכה) געטון קלויבן
פאַרטרוקנטע שפּענער און שטיינער, — און מיט אַ פעסטונג פון דערנער
און קיזלען און דעמבענע קלעצער, אַלץ אַרום דאָרט באַוואָרנט.
און נון האָט ער צוועלף כליוועס — הארט איינעם צום צווייטן —
אויפגעשלאָגן
ביי צוימען; צוועלף שטאַלן מיט געלעגערס, צוליב די חזירים.
און נאַכט-איין, נאַכט-אויס טוען אין יעדן כליוו צו פופציק „זיען" אויף
איבער נאַכט זיך באַהאַלטן; און פאַרן אַריינגאַנג אין דרויסן, — שלאָפן
איבער די נעכט אין אַ מאָגערער צאָל זיך די „ערס". אָ! טאָג-איין און
טאָג-אויס ווערט אַלץ די צאָל פון די שמאַלציקסטע זכרים געמינערט, ווייל
צוליבן פראַוועון פון סעודות טוען די חתנים זיי קיילן.
דערפאַר טאַקע איז נייערט אַ זאַפּאַס פון דרייהונדערט זעכציק
חזירים אויפן הויף נאָך פאַרבליבן, ווען אַ שמירה פון פיר
צעווילדעוועטע כלבים טוען פון אַלדאָס ביז זיי באַשיצן!

און נון האָט ער איצטער דעם קיניגלעכן פּאַסטוך ביים צעשניידן
אַ שטיק לעדער אויף שיינע סאַנדאַלן געטראָפן ; ווייל פון די פיר
געהילפן זענען דריי יונגען ערגעץ אויף לאָנקעס מיט זייערע
חזירים צעזייעט געווען, און אויפן גזהייט פון די ווילדע
חתנים האָט פאַר זיי דער פּאַסטוך, דער פירטער, אַ שמאַלציק
חזיר אויפן הויף פונם היכל פאַר אַ מאָלצייט צום שעכטן געטריבן.

אָבער געשען איז, אַז די כלבים דערשמעקט האָבן דעם אָנקום פון
מלך, – האָבן אַלע פיר מיט אַ מוראדיק בילן אויף אים
זיך געוואָרפן. אָבער גיך, גיך האָט בן-לאַערטעס מיט חכמה אויפן
זאַמד זיך געוואָרפן, און דעם שטעקן הינטער די פּלייצעס געשליידערט.
און שיער, שיער וואָלטן די אייגענע כלבים געטון אים פאַרציקן,
אויב די בילערס וואָלט דער פּאַסטוך מיט אימפּעט געווען נישט פאַרהאַלטן :
אַרויסגעפאַלן פון שרעק איז די פעל אויס דער האַנט פונם פּאַסטוך ; מיט
קללות און שטיינער האָט די הינט ער פאַרטריבן, און דאַן ערשט צום
אורח געטענהט :

„זיידע, נאָך אַ רגע – און אויף שטיקער וואָלטן
די כלבים געווען דיך צעריסן, אַז אַן אומגליק אויף מיר וואָלט
געפאַלן ! – אָ ! מיך האָבן די געטער גענוג שוין צעבראָכן, ווייל
ווי אַן אבל איך זיץ דאָ כסדר מיט בענקשאַפט אין האַרצן
נאָך מיין האַר אָדיסייאוס און טו פאַשען פאַר פרעמדע די פעטע
חזירים, בעת מיין האַר און געביטער (אויב ער לעבט נאָך, און
העליאָס באַשטראַלט אים) וואַלגערט אַרום זיך ערגעץ-וואו אין מרחקים ;
און ער בלאָנקעט און בעטלט פאַרהונגערט ביי פרעמדע, באַרבאַרישע
טישן !

איצט אָבער, אָ זקן, זאָלן דיינע טריט צו מיין געצעלט
זיך גענענען. דו וועסט אונטערלענען דאָס האַרץ זיך מיט ברויט און מיט
וויינען און דאַן ערשט וועלן דיינע לעפצן אַלץ מיר פאַרציילן !"
געזאָגט ; און אינם געצעלט פונם פּאַסטוך האָט דער בעטלער גענידערט.
געזעצט זיך ; און אויסשפרייטן האָט געטון ער לכבוד דעם אורח
אַ היימיש באַבלעטערט געלעגער און איבערגעדעקט עס מיט
אַ גרויסער, טונקל-געשפרינקלטער, האָריקער פעל-דעק, אַז פון גליק

איז מלא־שמחה בן לאַערטעס געוואָרן, און פריידיק האָט זיין
לעפץ זיך צעעפנט:
„אָ! הלוואי זאָל דזעאוסעס ברכה מיט פרייד און
מיט נחת אויף דיין קאָפּ זיך צעשפרייטן, אָ גרויסער מכניס־אורח!"
און נון האָסטו, אָ פּאַסטוך אייאומייאָס, דערויף איִם געענטפערט:
„אָ פרעמדער! פּאַרוואָס זאָל א י ך, אַן עלנטער גייער, פון מיין שטיבל
פאַרשטויסן, אַז איבער אַלע אָרימע און פאַרשטויסענע טוט
די מילדע גנאַד פון גאָט דזעאוס צו שאַלטן, — און אַ קאַרגע
מתנה דערקוויקט זיי? אָ! הגם קליינלעך און נישטיק איז אונזער
קאַרגע מתנה, אָבער מיט פ ר יי ד זענען מיר זיי מכבד; ווייל
אַזאַ איז שוין דער גורל פון ערדן, איבער וועמען דאָס י ו נ ג ו ו אַ ר ג
געוועלטיקט! — — אַך! אויך א י ם האָבן געטער פאַרשטויסן:
א י ם, מיין האַר און
געביטער, וואָס וואָלט מיט אַ צערטלעך ווייב געטון מיך באַגליקן;
מיט צעאַקערטע פעלדער און מיט אַ הייזל צום וואוינען, איבער
וועמען די ברכה פון הימל וואָלט זיכער צעשפרייט זיך. (ווייל אייביק
האָט די בענטשונג פון געטער איבער מיין פאַרמאַזאָליעטער פראַצע
געריזלט!) אָבער ווי: נישט געעלטערט האָט מיין האַר זיך אין היכל;
ערגעץ־וואו געוואָרן נסתלק! — — גאָט! די קללה פון אומקום
זאָל אויך אויסגיין אויפן שבט העלענע, ווייל אַזוי פיל גבורים
זענען דורך א י ר דאָרט געפאַלן, און אויך ע ר האָט אַקעגן טראָיע
לכבוד אַגאַמעמנאָן, איבער איליאָנס חרבנות געצויגן! — —"
געזאָגט; און גיך, גיך האָט ער אַרום כתונת אָנגעגורט זיך די
לענדן און פון אָנגעשפּיקעוועטן כליוו מיט חזירים, — צוויי
יונגע געכאַפּט זיך צום קיילן. און גיך, גיך האָט ער זיי געקרילט און
געסמאַליעט, און איבערן פייער מיטן בראָטשפּיז געדרייט און געבאַקן!
און כהרף־עין האָט ער איבער צעשניטענע פליישן
פיל סלת געשפּרינקלט און גענומען מישן די ווייבען פון
אַ הילצערנער כלי, און אַוועקגעזעצט זיך פּנים אל פּנים
אַקעגן גרויסן העלד אָדיסייאוס און מיט חשק זיין אורח
פאַרבעטן צום מאָלצייט:

„טו געניסן, אָ פרעמדער, די מאָגערע
פליישן פון יונגע חזירים; ווייל קאַרג איז דאָס מאָלצייט ביים פאַסטוך,
ווען פרעמדע הולטייעס טוען די שמאַלציקסטע חיות פאַרציקן!
אָך, אומווירדיק איז צו הימלען זייערע מעשים־תעתועים,
ווייל נייערט מעשים־טובים טוען געטער פאַרנעמען ביי לייטן! — —
זע: אפילו פ ר ע מ ד ע גזלנים, וואָס טוען בעזרת־דזעאוס
יענעמס עשירות אויף זייערע שיפן צום זאַק־רויב באַצווינגען, —
ציטערן בשתיקה פאַר צעכעסנטע געטער. ז יי אָבער; —
ז יי, וועמען עס האָט אַפנים ווער מבשר געווען פונם
שרעקלעכן טויט פון מיין האַר און געביטער, — טוען נישט על פי דין
זיך אַנטשפּויזן, נייערט איבער פרעמדן האָב און גאָב זיי הויערן
כסדר און לאָזן מיט געפרעס און מיט שיכרות זיך וואוילגיין אין
היכל, און חלומען אפילו נישט אומצוקערן אַהיים זיך! — —
און טאָג־איין, טאָג־אויס, ווען דאָס מילדע גנאָד פון גאָט דזעאוס פאַרשפּרייט זיך
אויף ערדן, שעכטן זיי נישט חלילה אַן אָקס אָדער צוויי, — ניין!
סטאַדעווייז ווערן די שאָף דאָרט פאַרטיליקט, און ימים מיט ווייבען
פאַרהוליעט! — — הער: פון אַלע שרים אויף ים און יבשה האָט מיט
זיין עשירות אין איטאַקאַ צו מיין האַר נישט קיינער געקאָנט זיך
פאַרמעסטן. ווייל אפילו דעם האָב און גאָב פון צוואָנציק שרים, האָט
ז יי נ ע ר אַלץ איבערגעוואויגן! און אָט, — וועל איך אַלץ דיר באַווייזן:
גצדונגענע און אייגענע פאַסטוכער פאַשען אויף גראָזיקע
סטעפּעס צוועלף טשערעדעס מיט שמאַלציקע רינדער, צוועלף סטאַדעס מיט שאָף;
צוועלף כליוועס חזירים, און אויך צוועלף כתות באַשפּריגקלטע ציקלעך!
דאָ אָבער, אין איטאַקאַ, פאַשען זיך עלף מחנות געשפּרינקלטע
ציקלעך אונטער דער השגחה פון איבערגעגעבענע שומרים.
און טאָג־אויס, טאָג־איין שיקן שומרים די שמאַלציקע ציקלעך אויף
די בייזע הוליאַנקעס, איבער וועמען עס פראַווען רק סעודות די
ווילדע חתנים! א י ך ווידער בין דער שומר פון דער הראָמאַדע

חזירים, פונוואַנען זײ נעמען יעדן טאָג דאָס שמאַלציקסטע
חזיר צום קײלן !"

גענאָגט ; און מיט פרײד האָט דער בעטלער צום פלײש און
צום װײן זיך גענומען, און בשתיקה פאַרטראַכט זיך צו נעמען
אָן שונא נקמה ! אָבער װי נאָר דער אורח האָט מיטן מאָלצײט
אונטערגעלענט זיך דאָס האַרץ, האָט תיכף דער פאַסטוך אַ װײן־כּוס
געטון אים דערלאַנגען. און אױסגעשטרעקט די האַנט האָט מיט שמחה דער
בעטלער און מיט שאַלונג געפרעגט זיך :

„ליבינקער ! װער איז ער, דײן האַר,
װאָס האָט פאַר גילדױנעם איבער זײן עשירות געזעצט דיך ? ע ר ,
װעגן װעמען דו טוסט אַזױ פיל דערצײלן, אַז צוליבן כּבוד
פון אַגאַמעמנאָן האָט ער אין מרחק זײן לעבן פאַרלױרן ? !
זאָג : װי אַזױ האָט דײן האַר זיך גערופן ? װײל עס קאָן טרעפן, אַז
דװקא א י ך זאָל, בשם דזעאוס מיטן גאַ־צן אָלימפּאָס, אױף מײנע
װאַנדער־דרכים האָבן ערגעץ געזען אים, בכדי א י צ ט אײך
אַ בשורה צו ברענגען ? ? !..."

האָט אײאומײאָס דערױף אים געענטפערט :
„זײדענקע ! נישט אַזױ לײכט װעט די בשורה פון אַ נע־ונדניק
טון באַנעמען זײן אשה, די מלכּה, און זײן זון טעלעמאַכאָס !
פאַרװאָס ? — װײל דער רוב אורחי־פּורחיניקעס טוען צוליב אַ שטיק
ברױט אונטערקריכן מיט חניפה און שקרים, און זאָגן נישט קײנמאָל
די װאָרהײט ! יעדערער שלעפּער, װעמען דער גורל האָט אַהערצו
פאַרװאָרפן, — האָט מיט שקרים צערודערט דאָס געמיט פון דער מלכּה.
אָ װי אַן אשת־חיל האָט זי יעדן בעטלער מכבּד
געװעזן און מיט טרערן און װײטיק פאַרנומען אַלע שקרים
און בשורות, װאָס יעדער האָט מיט חניפה געטון איר דערלאַנגען ! און
אױך ד ו , אָ זקן, ביסט פוסטע מעשיות אָנגעברײט צו פאַרצײלן,
אױב צו פאַרדעקן דײן ערװה עס װעט דיר אַ לײב־העמד װער
שענקען ? !
נײן ! א י ם האָבן לאַנג שױן בײזע כּלבים אָדער פײגל פון כמאַרעס
צעריסן, אַז װײט, װײט איז די נשמה פון זײנע בײנער אַנטלאָפן !
און אפשר גאָר האָבן די ים־פיש מיט אימפּעט פאַרציקט אים און זײן

גל של עצמות פוילט ערגעץ אין זאַמדן, אויף אַ דערוויטערטן
ים-ברעג ? ? אַך ! אַזוי, אַזוי איז אויסגעגאַנגען ערגעץ-וואו מיין האַר
און געביטער ! און גרויס איז די שווערע אבידה, נאָך וועמען איך
טו מערער פון אַלע חברים באַקלאָגן ! אָ ! צי וועל איך ווענס
אַ טרייסט נאָך געפינען ? — ניין ! אַן אייביקער אבל וועל איך שוין
פאַרבלייבן, ווען אפילו מיין קינדהייט און די ווייטע נשמות
פון פאָטער און מוטער קערן צוריק זיך ! — אָ ! כאָטש עס בענקט אַזוי
זיך אַהיימצו, — אָבער : צי קען דען ד ע ר צער זיך מיט י ע נ ע ם
אומגליק
פאַרמעסטן, זינט אָ ד י ס יי א ו ס ע ס טויט האָט געטון מיך צעברעכן ?
אַך, אַ שרעק איז, אָ פרעמדער, אפילו ה י נ ט ע ר די אויגן ז יי ן
איידעלן נאָמען אויף לעפצן צו ברענגען ; ווייל אפילו
פון וויטנס נייערט איך רוף אים : מיין טייערער, גוטינקער ברודער !"
האָט אָדיסייאוס, דער מעכטיקער סבלן, דערויף אים געענטפערט :
„וואָס ? דו ביסט גאָר מסופק צי דיין האַר וועט זיין היימלאַנד דערגרייכן ?
אָבער זע ! זע ! — מיט שאַלונג טו איך מיין בשורה-טובה דערהייבן
און ביי אַלע הימלען מיטן הייליקסטן נדר דיר שווערן, אַז :
אָ ד י ס יי א ו ס ו ו ע ט א ו מ ק ע ר ן אַ ה יי ם ז י ך !!! — — און
פאַר דערדאָזיקער
בשורה זאָלסטו מיך תיכף (נאָכדעם ווען ז יי נ ע שפרייז-טריט ווען צום
היכל געגענען) מיט שיינע געוואַנדן און מיט אַ צודעק
פאַרהילן ! פריער אָבער וועל איך די געוועגדער (הגם ס'איז מיר
נויטיק) נישט אָנטון. ווייל בתכלית-השנאה, — ווי צו האַדעסעס
פינסטערע טויערן, — אַזוי זענען פאַרמיאוסט מיר די שקרים פון
שלעפער !
און האָרך : אָט ד אָ, ביי דיין זאַטיקן טיש און ביים פריפעטשיקס
פלעמל פון דיין האַר אָדיסייאוס, — נעם איך דעם בליציקן דזעאוס
פאַר אַ הייליקן עדות, אַז מיין בשורה וועט ווערן מקוים !
...ווערסט זען : נאָך אינם היינטיקן יאָר וועט אָדיסייאוס אומקערן
אַהיים זיך ! מיטן גאַנג פון מזלות, ווען דער איצטיקער ירח
וועט ווערן פאַרלאָשן, — וועט מיטן אויפקום פון דער נייער לבנה
ער טון זיך באַווייזן, און נעמען נקמה אָן די ביטערע

שונאים, וואָס האָבן פאַרשוועכט דעם כבוד פון זיין קינד און דער מלכה !“
דו אָבער, אָ פּאַסטוך אייאומייאָס, האָסט דערויף אים געענטפערט :
„זיידע ! נ י ש ט איך וועל דיך באַלוינען און נ י ש ט אָדיסייאוס וועט
אומקערן אַהיים זיך ! דערום : טו עסן און טרינקען, און זאָל נעמען
אַ סוף צום געפּלאַפּל. — געַנוג ! ווייל דאָס האַרץ אינם בוזעם ווערט ממש
צעפּלאַצט מיר, ווען דו וועקסט אויף אין זכרון מיין האַר און געביטער !
בכן, לאָז אָפּ פון דיין שבועה, — ווייל סיי איך און סיי די האַרנטע
פּענעלאָפּייאַ, סיי לאַערטעס דער זקן און סיי זייער
טייערער זון טעלעמאַכאָס, — טוען אויסגיין פון בענקשאַפט נאָך
אונזער האַר אָדיסייאוס ! — — - אַך ! אויך טעלעמאַכאָסן איך טו איצט
באַוויינען. א י ם , וועמען עס האָבן די געטער ווי אַ ריז־בוים
צעוואַקסן ; א י ם , פון וועמען מיר האָבן זיין פאָטערס גבורה און
חכמה און שם־טוב געטון בקריב דערוואַרטן, — צום סוף האָט גאָר
אַ גאָט אָדער אַ מזיק די רעיונות צעמישט אים ! און ערגעץ
ווייט, ווייט אינם געטלעכן פּילאָס האָט ער מיט זיין שווים־שיף צום אויסשפּיר
פון זיין פאָטער געלאָזט זיך ; און ער ווייסט נישט, אַז אויף זיין היים־וועג
לאַקערט אונטערוועגנס בערמה דאָס אויג פונם שונא, און מיט ז יי ן
פאַרציקונג וועלן זיי די לעצטע צווייג פון אַרקייזיאָס שבט
אין איטאַקאַ פאַרלענדן ! — — אָבער, — געַנוג ! ! זאָל זיין, וואָס באַשערט איז :
טויט אָדער לעבן, — און דזעאוס־קראָניאָן זאָל טון אים באַשיצן ! ! ! — —
איצט אָבער, אָ זקן, טו פון דיין זיץ זיך דערהייבן, און זיי מיר
דעם אמת מבשר : ו ע ר און פונוואַנען ביסטו אַהערצו
געקומען ? ווי אַזוי רופט זיך דיין שבט, דיין לאַנד און די אבות ?
זאָג : וואָסער שיף האָט אויף אונזער אינזל איטאַקאַ געבראַכט דיך ?
פון וואָסער אומה און פונוואַנען האָבן זיי שווימען געלאָזט זיך ?
ווייל בשום אופן ביסטו דאָך אַהערצו צופוס נישט דערגאַנגען ? !
און נון האָט אָדיסייאוס צעעפנט די לעפצן און מיט שאַלונג געענטפערט :
„מהיכא־תיתי, אויף דיין בקשה וואָלט איך אַלץ איצט

געטון דיר פאַרציילן. אָבער, — אויב אפילו מיר וואָלטןביידע
אין דיין געצעלט דאָ צווישן זאַטיקע פליישן און פאַרכישופטע
ווייבעלעך — ... אַ קיילעכדיק יאָר נאָך געזעסן; און בינתיים זאָל
אַ מחנה עבדים מיט ד יי ן אַרבעט זיך טיילן, — דאַן ערשט וואָלט איך
אפשר ביכולת געווען מבשר צו זיין דיר פון די
שווערע נגישות, מיט וואָס עס האָבן די געטער געשטראָפט מיך!
...הער: ווייט־ווייט איז מיין היימלאַנד. און קרעטאַ רופט זיך מיין שבט. און
געזוען מיט האָב און גאָב איז מיין פאָטער באַלאָדן, און חוץ מיר האָט
פון זיין זרע זיין ערלעכע אשה פיל זכרים געוואונען. מ י ך
אָבער האָט די טראַכט פון אַן אָפגעקויפטער פלגש געפלאָדיעט.
פונדעסטוועגן האָט ער צווישן זיינע רעכטע קינדער אויך מיך
כסדר פאַררעכנט; ע ר, קאַסטאָר בן הילאַקאָס, — וועמעס דמים
עס טריפט אין מיין אָדער! — אָ, צוליב זיין גבורה, עשירות און
שם־טוב און קינדער איז ער שיער צו אַן אָפגאָט געוואָרן אין
קרעטאַ דערהויבן! אָבער ווען צום תהום פון פינסטערן האַדעס
האָט דער טויט געטון אים באַגלייטן, האָבן דורך גורלות מיטן
פאָטערס ירושה אַלע בנים צעטיילט זיך, אַז אויסגעפאַלן
איז אויף מיין חלק מער נישט, ווי אַ קנאַפ שטיקל לאַנד און אַ הייזל
צום וואוינען. האָב איך נאָך דערצו אַ ווייב פון אַ רייכער משפחה
אויסדערוויילט זיך צום האַרצן, ווייל אַ קריגסמאַן אַ שטאַרקער בין איך
אייביק און אייביק געווען! — איצט אָבער איז אַלץ שוין פאַרפאַלן!...
אָ! נאָך היינט ווערסטו פון מיין אָפגעלעבטן פרצוף דערקענען, אַז
פון אַ יחוסדיקן שבט האָב איך אַהערצו פאַרבלאָנזשעט, —
הגם עס דריקן ביז גאָר מיך די ליידן! זע: מיט קראַפט און מיט רצון
האָבן אַרעס און פאַלאַס מיין האַרץ באַלאָדן, אַז שאַרנווייז האָב
געטון איך די שונאים אויף די טראָיאַנישע פעלדער באַצווינגען! —
אָן פחדנות בין איך מיט מיין שווערד דעם וועג פון שונא פאַרלאָפן,
און מיט כוח און גבורה האָב אויף רעכטס און אויף לינקס איך געשניטן,
אַז אַ בלוטיקער רעגן האָט אויף שטויביקע זאַמדן געטריפלט!
אָט אַזאַ גבור־מלחמה בין אַלע מאָל איך געווען! — — איז
דעריבער די היים און דער אַקער און דער צער פון דערציען
פאַרמיאוסט מיר געוואָרן. נייערט אַ העלדיש־געפאַנצערטע שלאַכט־שיף

מיט כּלערלײ פּײַלן און שווערדן און שפּיזן (פֿאַר וועמען עס שרעקט
זיך אַיעדער) געטון האָט מײַן העלדיש האַרץ דערפֿרײען!
און בעזרת־דזעאוס האָב איך מיט דידאָזיקע כּלי־זין
כּסדר באַנוצט זיך, ווײַל נישט יעדער בן־אדם טוט טרײַבן
דיזעלבע מלאכה! — און געווען איז, נאָך אײדער עס האָבן די
זין פֿון אַכײאַ געטון דעם ים־ברעג פֿון איליאָן דערגרײכן, — האָב
די פּראים דערווײַלע באַזיגט איך, און אַוועקגעשוואומען מיט
באַשלטע שיפֿן! — — אָ! מיט טײַערסטן זאַק־רויב פֿון שונא האָט
דער גורל געטון מיך פֿאַרטײלן. און אָנגעפֿולט האָב מײַן הויז איך
מיט גרויס עשירות, אַז זײַן שם־טוב האָט אין קרעטאַ געקלונגען!
אָבער געשען איז, ווען מיט דזעאוסעס כּוח האָב איך אַזוי שרעקלעך
די חיילות פֿון שונא צעשלאָגן, האָט דאָס פֿאָלק מיך געצוואונגען,
אַז איך מיט מײַנע זעגלען, בראש מיטן מלך אידאָמענײאָס,
זאָלן תּיכּף מיט אַ גרימיקן צאָרן די טראָיאַנישע
מחנות באַפֿאַלן. און בחינם געווען איז מײַן פּרוּוו אויף נישט
וועלן, ווײַל ווידערשפּעניק וואָלט דאָס גאַנצע פֿאָלק מיר געוואָרן!
אָט אַזוי האָבן מיר, אַכײער, נײַן יאָר כּסדר אויף די
טראָיאַנישע שלאַכטן געבלוטיקט. און ערשט אויפֿן צענטן, ווען מיר
האָבן די פֿעסטונג פֿון פּריאַמאָס געטון שוין באַצווינגען און אַהײם
זיך געלאָזט, — האָט אַ שטן געטון אונדז צעשפּרײטן. מיך אָבער
האָט דזעאוס פֿון אַן אומגליק באַשירעמט! און נײערט אַן אײנציקן
ירח בין איך אינדערהײם בײַ ווײַב און קינדער פֿאַרבליבן, — ווײַל צום
ווײַטן מצרײם האָט עס מיך מיט חברים אין מײַנע שיפֿן
געצויגן: און נײַן זעגלען האָבן אָנגעברײט מיר צום אָפּפֿאָר!
און נון האָבן מיר זעקס מעת־לעתן כּסדר אַ לוסטיקע
סעודה געפּראַוועט. פֿיל שמאַלציקע רינדער זענען אויף קרבנות
געוואָרן געשאָכטן, און אַלע פֿעטע בהמות — צום מאָלצײַט!
און געווען איז, ווען אויפֿן זיבעטן באַגינען האָבן קרעטאַ
געטון מיר פֿאַרלאָזן, — האָט אַ ווײַך, אויסגעלײַטערט ווינטל
פֿון צפֿון איבער אונזערע שיפֿן מיטן ים־שטראָם צעוויגט זיך; אַז
צעשלאָגן איז אפֿילו קײן אײנציקער זעגל אויפֿן וועג נישט
געוואָרן; נײערט געזונט און שטאַרק זענען במנוחה אויפֿן פֿאָרדעק

מיר געזעסן און געלאָזט פונם ווינט זיך באַשיפן! און נון האָט
דער שטראָם מיטן אָנברוך פון פינפטן באַגינען קיין מצריים געבראַכט
אונז! האָב איך אײליק איבער די פּאַראַנקערטע שיפן ביים ים־ברעג
אַװעקגעשטעלט דאָרט אַ שמירה; און מרגלים האָב קיין מצריים
תיכּף געשיקט איך, בכדי זיי זאָלן דאָרט פון אַלץ זיך דערוויסן!
אָבער אומברחמנותדיק האָבן יענע גענומען צום רויב
זיך: צעטרעטן די זאַפטיקע, מצרישע לאַנען; די ווייבער
געפירט אין געפענגעניש און אַלע גברים און קינדער אויף שטיקער
צעריסן, אַז זייער געשריי און געיאָמער האָט דעם חלל
צעציטערט! — אָבער באַגינען האָבן די מצרישע מאַנען און
די באַריטענע בעלי־מלחמה אָנגעגורט זיך די לענדן
מיט שאַרפן כּלי־זין, אַז מיט שווערדן און שפּיזן געבלאַנקט האָט דאָס
שלאַכטפעלד! און אויסגעגאָסן זיין כּעס האָט דער בליציקער דזעאוס אויף
מיינע חיילות, אַז קיינער האָט דעם שונא בייַשטיין געקאָנט נישט!
כמאָרעמווייז זענען מיינע חברים געוואָרן פאַרשניטן; און
צו סקלאַווישער אַרבעט האָבן פאַרשלעפּט זיי דעם יתר־הפּליטה!
מ י ך אָבער האָט קראָניאָן מיט אַ גוטער מחשבה באַלאָדן: —
(אָ! הלוואַי וואָלט דער ים קיין מצריים מיך פריער נאָך געוועזן
פאַרטרונקען, — ווייל געהויערט אומעטום האָט אַ מכשול!) אײליק האָב
איך די באַוואָפנטע כּלים: די שווערד מיטן פּאַנצער פונם אַקסל
צו די שטויביקע זאַמדן געוואָרפן און צום קיניגלעכן
רייטוואָגן זיך תיכּף געלאָזן: צו די פיס אים געפאַלן, זיך
געבוקט און געבעטן, ביז מיט אַ האַרץ מלא־רחמים האָט זיך דער
מצרישער מלך אויף מיין לעבן דערבאַרעמט און אַ פאַרוויינטן
אין זיין היכל געבראַכט מיך! — — — אונטערוועגנס האָט נישט איינער געפרוווט
נאָך מיין לעבן פאַרלענדן, אָבער מחמת מורא פאַרן בליציקן
דזעאוס (וועלכער טוט איעדע אומרעכט צו גרים מיט זיין בייזער
נקמה באַצאָלן), האָט דער מלך געטון מיך באַשיצן! —
...און נון בין איך זיבן יאָר אַדאָרטן פאַרבליבן און מיט
אַ שפע פון טייערע אוצרות האָבן אַלע מצריים
געטון מיך באַשענקען! — אָבער ווען מיטן גאַנג פון מזלות האָט דער

יאָרגאַנג דער אַכטער געטון זיך געזעגנען, — האָט פּלוצלינג אַ גזלן
פון דער פעניקישער עדה צו מיר זיך באַוויזן. און זע: צום
געצעלט פון זײַן לאַנד האָט בערמה דער שרעקלעכער רויבער געטון
מיך פאַרנאַרן, — און אַ יאָר מיט מעת־לעתן בין איך דאָרט פאַרבליבן. —
אָבער געשען איז, ווען מיטן גאַנג פון מזלות האָבן זריחות
און שקיעות אַרום די געקרײַזלטע האָרנ אויפגעבראָכן
אַ יאָרגאַנג אַ נײַעם, — האָט ער (ווידער מיט אַן אויסרייד) צו די
שוועך־באַלאָדענע שיפן אינם ווײַטן ליביאַ געטון מיך
פאַרנאַרן, בכדי מיך אַדאָרטן פאַר אַן עבד פאַרקויפן און
אַ ממון מיט גינגאָלד פאַר מײַן נפש צו לייזן! — — — נישט ווילנדיק
האָב איך מײַן רצון געבראָכן, און מיט דער שיף געטון אים באַגלייטן! —
און הגם מיט אַ צפונדיק ווינטל האָבן די וועסלעס אונזער
שווים־שיף איבער קרעטאַ געשניטן, — פונדעסטוועגן האָט גאָט דזעאוס
ווילד זיך צעבײַזערט! — —

און געווען איז, בעת מיר האָבן דעם ים־ברעג
בײַ קרעטאַ פאַרלאָזט, און נײַערט צווישן הימל און וואַסער האָט
אונזער אויג זיך געבאָדן; — האָט מיטאַמאָל דזעאוס־קראָניאָן דעם
הימל פאַרכמאַרעט, אַז אַ טונקעלע חשכות האָט איבער ימים
צעשפּרייט זיך. — און ווילד צעבליצט האָט זיך דזעאוס און אַ מוראדיקן
דונער האָט אין דער שיף ער געשלײַדערט, אַז מיטן שווערן געברום
צווישן
פײַער און שוועבל האָט די שיף זיך צעריסן און פאַרשלונגען דער
תהום האָט די שיפער! — — — אָ! אַזוי ווי ים־קראָען האָבן אַלע
אַרום דער שיף זיך געפלאָנטערט; אָבער דזעאוס האָט טייטן געטון זיי!
אין מ ײַ ן האַנט אָבער האָט קראָנאָס בעתן רעכטן ברען פונם שטורעם
איבערגעגעבן דעם שטאַרקסטן מאַסטבוים פון דער טונקעלער שנייד־שיף,
בכדי איך זאָל נאָך באַווײַזן פון דער בהלה מיט אים צו
אַנטרינען! — און רײַטנדיק אויפן מאַסטבוים, האָבן נײַן טעג מיך די
כוואַליעס געפּאַטשט און געשמיסן, אַז ערשט אויפן צענטן האָט דער ים מיך
אויפן טעספּראָטישן אינזל פאַרוואָרפן! און נון האָט מיך פײַדאָן, דער
דאָרטיקער מלך, מקבל געווען באהבה. ווײַל גראָד איז
דער בן־מלך בײַם ים־ברעג געזעסן, האָט ער, אַ פאַרמאַטערטן,

אינם קיניגלעכן היכל תיכּף געבראַכט מיך און מיין מידן
פאַרחלשטן נפש איינגעדעקט אין וואַרעמע, ווייכע געוואַנדן!
און אָט ד אָ ר ט ן האָט מען מבשר געווען מיר פון אונזער העלד
אָדיסייאוס!! — אונטערוועגנס האָט פיידאָן מקבל געווען
דעם גבור; און אינם אוצר־המלך האָבן מיינע אויגן
געזען דאָרט דעם איינגעזאַמלטן שלל פונם האַר אָדיסייאוס:
קופּער און רודע, און זילבער און גינגאָלד, מיט וואָס עס וואָלטן צען
דורות באַגניגנט זיך! — אָט אַזאַ מין עשירות איז דאָרט געלעגן
באַהאַלטן! — און ווייטער האָט פיידאָן געזאָגט מיר: „אין דאָדאָנאַ האָט
אָדיסייאוס געגידערט, בכדי ביי קראָניאָנס הייליקן בוים
זיך צו עצהן: צי זאָל ער ב ש ת י ק ה אומקערן אַהיים זיך, צי
פאַר אַלעמען פ ר יי אין זיין מלכות איטאַקאַ טון זיך באַווייזן!
און ביים קרבן־שיכּרות האָט פיידאָן געשוואוירן: „אָנגעברייט עס שטייט
שוין אַ טרייב־שיף מיט פריינט און חברים, וואָס וועלן דעם מעכטיקן
האַר אָדיסייאוס אין איטאַקאַ, זיין היימלאַנד, באַגלייטן! — — מאַכט זיך
אַ מעשה, אַז צום ווייצענעם דוליכאָן איז גראָד אַ זעגל
צום מלך אַקאַסטאָס געפלויגן. דערום האָב איך פ ר י ע ר (אויפן געהייס
פונם קיניג) אַ ה י נ צ ו שווימען געלאָזט זיך. — און נישט וואוילגעפעלן
האָב געטון איך אין די אויגן פון מיינע באַגלייטער, אַז נאָך
אַ קורצן פּסק־דין האָבן זיי געוואָלט מיך דערטרונקען! — — און געווען
איז, אַז אונזער זעגל האָט פונם ברעג זיך דערווייטערט, האָבן אַלע
אינאיינעם אין פאַנג מיך גענומען און מיט שווערע ענויים מיין
הארץ געשראָקן! און באַלד טאַקע האָבן די רוצחים די קליידער
אויפן לייב מיר אין שטיקער צעפליקט און צעריסן און איינגעהילט מיך, —
ווי דו זעסט איצט, — אין אַלטע, צעשליסענע שמאַטעס און לאַטעס!
און בין־השמשות, ווען נאָענט צו איטאַקאַ האָט גענומען אונזער
שיף זיך גענענען, — האָבן די רוצחים מיט שטאַרק־געפלאָכטענע
פּרענטעס די הענט און פיס מיר געבונדן, אויפן ים־ברעג געגידערט
און בחפזון צום אָוונט־געפרעס זיך געוואָרפן! מיך אָבער
האָבן תיכּף די געטער באַפרייט פון די שרעקלעכע קייטן: האָב
צום קאָפּ איך דידאָזיקע שמאַטעס באַפעסטיקט און אַראָפּצו צום

רוידער האָב געגעבן אַ שפּרונג איך: מיט דער ברוסט אויפן אָפענעם ים
זיך געוואָרפן; געררודערט מיט די הענט, ווי מיט ווער̄לעס, און אָט
אַזוי האָב איך שווימענדיק פון זיי זיך דערווייטערט, ביז עס האָט מיך,
אַ פאַרמאַטערטן, אויף אַ וואַלד־באַוואַקסענעם ים־ברעג פאַרוואָרפן!...
...אָבער געווען איז, בעת דאָס אויג פון די רוצחים האָט איבער
ים און יבשה אויף מיין לעבן געלאָקערט, — האָב איך דערווייל
מיין איינגעקאָרטשעט נפש צווישן רייך־באַבלעטערטע צווייגן
און קוסטעס פון אַ זיכערן טויט זיך באַהאַלטן, ביז אומגעקערט
זיי האָבן צוריק זיך צו דער שנייד־שיף! און זע: פון אַ נסיון האָט
מיך דער הימל באַהיט און באַשירעמט; אַז צום געצעלט פון אַן איש־
נבון האָבן מיט אַ לעבנס־באַשערונג באַגלייט מיך די געטער!..."

און נון האָסטו, אָ פאַסטוך אייאומייאָס, דערויף אים געענטפערט:
„ביזן טיפסטן פינטל פון האַרצן האָט די מעשה פון דיינע שווערע
מכאובים געטון מיך צעברעכן, אָ בייז־געשלאָגענער פרעמדער!
איינס אָבער איז מיר קשה: וואָסער ווינט, אָ באַיאָרנטער חכם,
האָט אַזוינע אומגעלומפּערטע מעשיות געבראַכט דיר צו טראָגן
וועגן מיין האַר אָדיסייאוס? זע: אַנטפּלעקט עס איז מיר זיין גורל:
דער גרימצאָרן פונם גאַנצן אָלימפּאָס האָט איבער זיין געשטאַלט זיך
צעגאָסן, אַז נישט א ו י פ ן שלאַכטפעלד, און אפילו נישט נ אָ כ ן חורבן פון
טראָיאַ, איז זיין לעבן אין די אָרעמס פון נאָענטע געוואָרן
פאַרשניטן! — אָ! דענסטמאָל וואָלטן אַלע אכייער צום זכרון
אויף דורות אַ מצבה געשטעלט אים! אָבער ווי: דער שרעקלעכסטער
שטורעם פון האַרפּיאַדישע ווינטן האָט געטון אים פאַרשלונגען!
איך ווידער, — אַן אויסגעטויטענער פון אַלע וועלטן, זיץ דאָ
אַ מתבודד צווישן דער סטאַדע חזירים און טו נישט קיינמאָל
צום היכל געגענען, סיידן אַז עס קומט ווענס אַ משולח צו
מיין האַרינטע פענעלאָפּייאַ! — — — אָ, דענסטמאָל טוען אַ ל ע מיט
קשיות דעם פרעמדן פאַרשיטן; און מתוך־שמחה, פּלאַטערן די
הערצער פון נאָענטע, און נקמה עס דערלעבט זיך דער שונא!
מיר אַליין אָבער זענען אַלע קשיות פאַרמיאוסט שוין געוואָרן,
זינט עפּעס איינער, אַן אייטאָלישער מאַנסביל, האָט ביי אונז דאָ זיין

מקום־מקלט געפונען, און מיט אָפענע אָרעמס האָב איך אים
פריידיק אינם געצעלט דאָ באַגעגנט. און אָט אַזאַ בשורה אויף זיין
לעפץ איז געהאָנגען: אין קרעטאַ ביים מלך אידאָמעניייאָס האָט
געזען ער, ווי עס באָברעט אַרום אַ צעשעדיקטער שיף זיך מיין
האַר אָדיסייאוס, וועלכער קלויבט זיך בקרוב, אויף האַרבסט אָדער אויף
זומער, אומצוקערן אַהיים זיך מיטן שלל און מיט אַלע
חיילות! – דעריבער, אָ גרייז־גרויער בן־עוני, – אויב דיך האָט דער
הימל באמת אַהערצו געבראַכט איצט, – טאָ צוואָס נוצט דיר דער
שקר און חניפה? הער: נ י ש ט אַ ז ו י אַ ר ו מ ע ט האָסטו מיין האַרץ
געוואונען, נייערט מחמת מורא פאַרן בליציקן דזעאוס האָב איך
דיך פריידיק באַגעגנט!״
האָט אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט:
„באמת, קיין איינציקער פונק פון בטחון עס שלאָגט אין דיין האַרץ
נישט, אָ פאַסטוך, ווייל אפילו מיין הייליקע שבועה דו האָסט איצט
פאַרלייקנט! איצט אָבער, – דערהייב זיך און הער: זיי מיר
מנדר, און
איך ווידער וועל פאַרן גאַנצן אָלימפּאָס דיר שווערן, אַז: אויב דיין האַר
אָדיסייאוס וועט בקרוב אומקערן אַהיים זיך בשלום, –
טאָ זאָלסטו מיך תיכף מיט שיינע געוואַנדן און מיט אַ צודעק
פאַרהילן, און צום פאַרבענקטן דוליכיאָן טון מיך באַגלייטן!
אויב אָבער דיין מלך וועט בקרוב נ י ש ט טון זיך צו יאַווען, טאָ
זאָלן דיינע צעררייצטע עבדים פונם העכסטן באַרג־שפּיץ מיינע
ביינער צעברעכן: – אַ בייזע התראה פאַר אַלע שקרנים!״
און נון האָסטו, אָ פאַסטוך אייאומייאָס, דערויף אים געענטפערט:
„גאַסט מיינער! הער: אָנגעהויבן פונם היינטיקן טאָג ביזן סוף פון
אַלע דורות וואָלט מיין שם־טוב געקלונגען, אויב עס וואָלט געוואָרן
מפורסם, אַז צו באַטעמטע מעדנים און זיסע משקאות
האָב איך אַהערצו פאַרנאַרט דיך, כדי דיך שפּעטער פאַרציקן!... פכע!
מיט ר יי נ ע ר כוונה וואָלט דאָך מיין תפילה צום הימל דערגאַנגען!!...
אָבער – גענוג! זע: דער משמור צום מאָלצייט טוט זיך גענענען;
אָט יאָגן אָן אינם געצעלט די חברים, און מיר וועלן צום
פראַווען זיך נעמען!״

אוּן געווען איז, ווען זיי האָבן אַזוי מיט די
רייד זיך געביטן, האָבן דערווײַלע די שומרים אָנגעיאָגט פון
די לאָנקעס מיט שווערע סטאַדעס חזירים, אַז אַ ריטשען און
קוויטשען אָנגעפולט האָט די כליוועס!
אוּן נוּן האָט דער איידעלער
פאַסטוך אייאומייאָס צוּ זיינע יונגען בּאַפוילן מיט שאַלונג:
„לכבוד אוּנזער אורח ברענגט תיכף אַהערצוּ דאָס שמאַלציקסטע
חזיר צוּ קוילן, בכדי מיר זאָלן אַלע אינאיינעם זיך
אוּנטערלענען די הערצער, ווײַל קאַרג צרות שטייען מיר אויס פון די
חיות, בעת פ ר ע מ ד ע פרעסערס טוען צום געפרעס זיי פאַרנוּצן?!"
געזאָגט; אוּן מיט דער שאַרף פונם האַמער האָט שייטלעך האָלץ
ער צעשפאָלטן, און
אַ פינפיאָריק, ווײַסצאָניק חזיר האָבן פאַרן מזבח
געבראַכט די באַהעלפער. — אוּן מיט הכנעה אוּן מיט יראה האָט אויך
אָן די היימישע געטער דער פאַסטוך געטון נישט פאַרגעסן;
נײַערט בתפילה האָט אויסגעפליקט ער די האָר אויפן שטערן פונם
שמאַלציקסטן חזיר אוּן זיי מקריב געווען אינם הייליקן
פייער: אַז אוּמקערן זאָל אָדיסייאוּס אַהיים זיך בקרוב!
אוּן אויפגעהויבן זײַן האַנט האָט אַ דעמבענעם דראָנג, אַז מיט אַ
קלאַפּ
איבער דער מאָרדע איז דאָס חזיר געבליבן אַ טויטס! און באַלד
האָבן די געהילפן דאָס קרבן דערקײַלט; געקרילט און געסמאַליעט,
און אויף שטיקער זײַנע פליישן צעשניטן. און אברימווײַז האָט
ער שטיקער פאַרבלוטיקטן חלב אויפן צעזשאַרעטן פייער
געוואָרפן, אוּן מיט סולת געטון זיי באַשיטן! — דערווײַל
האָבן די עבדים אויף שפּיזן מיט זהירות די פליישן
געבראָטן; אַ קופּע פלייש האָבן אויסגעשפּרייט זיי אויף ברעטער,
און אויף זיבן חלקים האָט אייאומייאָס פון דידאָזיקע
בשרים גענומען דאָס פריש־געבראָטענע חזיר פאַרטיילן:
אוּן לכבוד די נימפעס - אוּן צוּ הערמעס בן מאַיאַ האָט מקריב
געווען ער אַ חלק, — אוּן צוּ חברים געוואָרן פאַרטיילט איז
דער נשאר. — אוּן נײַערט צום גאַסט האָט ער דעם נישט צעשניטענעם

חוט־השדרה געטון דאָרט דערלאַנגען, אַז אונטערגעלעגט האָט
אָדיסייאוס דאָס האַרץ זיך!
אין מיט שמחה באַדאַנקט האָט דער מלך:
„הלוואי, אייאומייאָס, זאָלסטו אַזוי נושא־חן זיין ביי הימלען,
ווי דו ביסט נושא־חן איצט מיין האַרץ צוליבן אַלדאָס־גוטס, מיט וואָס
דו ביסט מיך מכבד!"
האָסטו, אָ פּאַסטוך, דערויף אים געענטפערט:
„צום געזונט דיר, אָ באַ׳אָרטער בן־עוני! געניס, און זאָל וואויל דיר
באַקומען! זע: אפילו אין דער קללה טוט דער הימלישער
חסד איבער אַלץ זיך צעשפּרייטן, ווייל מיט צדק ער משפּט די
וועלטן!"
געזאָגט; און נאָך דער פאַרברענטער „המוציא" האָט ער אויך פונם
ווין מנסך געווען צו געטער, און ערשט שפּעטער געטון דעם
כוס צו דער האַנט פונם לענדער־צעטרייסלער אָדיסייאוס דערלאַנגען!
און נון האָט מעזאַאולאָס שטיקער ברויט צו פּאַר יעדן געשניטן;
דאָס ברויט, וואָס זינט זיין האַר אָדיסייאוס איז אַוועק אויף מלחמות, —
טוט אייאומייאָס אַליין, אָן דער הילף פון פּענעלאָפּייאַ און
אָן דער הילף פונם אַלטן לאַערטעס, ביי די טאַפירן, פאַר אייגן
מזומן צו קויפן!
און געווען איז, ווען צו די מזונות
האָבן די הענט זיי דערהויבן און אונטערגעלעגט זיך די הערצער, —
האָט מעזאַאולאָס אַוועקגעקליבן פונם טיש די שיריים און
צו די וויין־אויסגעבעטע געלעגערס האָט אַלץ זיך געפעדערט!
און נון האָט דזעאוס מיט אַ ווינט־בלאָז פון מערב אויסגעלאָשן די
שיין פון לבנות, אַז אַ ברומיקער רעגן האָט פאַרגאָסן דעם
חושך! — און ביים אויסטון די שמאַטעס האָט אָדיסייאוס געגאַרט
אַ פּרווו טון דעם פּאַסטוך, צי ער וועט אים זיין קיטל, אָדער אַ דעק
פון אַן עבד דערלאַנגען. דערום האָט ער בערמה צעשאַלט זיך:
„דאָס גערייד פון מיין לעפץ זאָלסטו, אייאומייאָס מיט די חברים,
טון איצט פאַרנעמען! אַ פאַרטויבטער פון ווינען וויל איך מגלה־
סוד זיין אַ וואָרט אייך: אַ וואָרט, וואָס נייערט דער כישוף פון ווינען טוט
מיט ווילדן געטאַנץ און געזאַנג און געלעכטער בוגד זיין דעם נאַר

און דעם חכם ! איצט — אַז איך האָב מיט התפעלות גענומען דעם סוד
אייך אַנטפּלעקן, — טאָ ווי̈ל איך ביזן סוף אים דערפירן : — אַך !
פּאַרוואָס בין
איך שוין מער נישט מיט קראַפט און מיט יוגנט באַלאָדן, אַזוי ווי
דענסטמאָל, בעת מיר האָבן אין איליאָס איבער די טראָיאַנער
געלאָקערט ? — געווען זענען די ראשי־מלחמה אַטרייאָס בן
מענעלייאָס און מיין האַר אָדיסייאוס, און א י ך אונטער זיי —
געווען בין דער דריטער ! און געשען איז, אַז אונזער חייל האָט די
טראָיאַנישע פעסטונג באַצוואונגען, האָבן מיר אַרום זומפּיקן
היכל, צווישן דערנער און זשאַווער, אונטער די פּאַנצערס און שווערדן
געטון זיך באַהאַלטן. מיטאַמאָל אָבער האָט באָרעאַס מיט
אַ ווילדן געשטורעם דעם חושך צעבלאָזן. אַ מוראדיקער
פראָכט געקנאַקט האָט די ביינער ; אַ שניי־זאווערוכע צעבליט האָט דעם
חלל, און אַן אייזיקער פּאַנצער האָט איינגעדעקט אונז די לייבער ! — —
לעבן מיר זענען ביידע חברים אין העמדער און מאַנטלען און
מיט באַפּאַנצערטע אַקסלען געשלאָפן. איך אָבער — אַ געשטאַרקטער
פון פרעסט און פון קעלטן, האָב בשעתן גייעג צוגעוואָרפן מיין
צודעק דעם חייל, און רק מיט מיין פּאַנצער און מיטן באַגאַרטלטן
לייב־העמד בין אין קאַמף איך געפלויגן ! — אָבער ווען מיטן פאַרגאַנג פון
מזלות האָט אויסגיין גענומען די דריטע אשמורה, — האָב איך
אָדיסייאוסן, מיין שלאָפיקן שכן, געגעבן אַ טאָרע,
און ער האָט תיכף דערהערט מיך :
„אָ איידעלער פריינט אָדיסייאוס !
זע : אַ נאַקעטן וועט דער מוראדיקער פראָסט מיך פאַרלענדן, ווייל
מיטן רצון פון שטן האָב איך איבערגעלאָזט מיין צודעק ביים
חייל, און איצט — ווי : וואוהין זאָל איך פונם קאַלטן טויט זיך באַהאַלטן ? ? !“
אַזוי האָב געזאָגט איך ; און, ווי אַלץ אינם קאַמף, אַזוי האָט ער
א י צ ט אויך
אויפן וואונק מיך תיכף פאַרשטאַנען. און מיט אַ קול־דממה־דקה
האָט דער גרויסער גברן אָדיסייאוס מיר איילינק געענטפערט :
„ששטילללעררר ! ששוויייג ! אַז קיין שום אַכייער זאָל דיין גערייד
נישט דערהערן !“

געזאָגט ; אָבער מיטן אונטערגעשפּאַרטן קאָפּ אויפן אָרעם האָט ער זיך
צעשריגן :
„חברים ! שטייט אויף ! אַ חלום האָט גאָט מיר געוויזן :
צו ווייט מיר זענען אַהערצו פאַרקראָכן. דעריבער זאָל ווער פון
אייך איצט צו אַגאַמעמנאָן, דעם מישל פון פעלקער, געגענען, אַז
ער זאָל פון אונזערע שיפן אַהערצו מיט פרישע חיילות
אונז שטאַרקן !"
געזאָגט ; און איילִיק האָט אָיאַס בן אַנדריימאָן געטון
זיך דערהייבן. און יאָגנדיק צום ים-ברעג, האָט ער זיין פּורפּלנעם
צודעק איבערגעלאָזט אויף דער ערד אַ צעשפּרייטן, מיט וועלכן
איך האָב ביזן אויפשטראַל פון עאָס אין אים זיך מיין נפש געוואַרעמט ! —
אַך ! פאַרוואָס בין איך איצטער שוין מער נישט, אַזוי ווי דענסטמאָל,
מיט קראַפט
און מיט יוגנט באַלאָדן ? אָ, ווען יאָ — טאָ וואָלט מיט דרך-ארץ
און אָפּשיי פאַר מיר, דעם גבור-מלחמה, זיכער פון אייך ווער זיין
צודעק געגעבן ! איצט אָבער — וויי : וואָסער יראת-הכבוד קאָנט
איר שענקען אַ מענטש אין בעטלער-געוואַנדן ?"
האָט אייאומייאָס
דערויף אים געענטפערט :
„אָ, וואָרהאַפטיק געוועזן דיין וואָרט איז, מיין
אַלטיטשקער וואָגלער ; און נישט קיין נבול-פה דיין לעפץ האָט געפּלאַפּלט !
דעריבער וועט דיר אינם געצעלט דאָ (ווי יעדערן אורח)
פון גאָרנישט נישט פעלן : אויסבאָרגן מיר וועלן דיר אַ קלייד מיט
אַ צודעק, נאָר בתנאי, — אַז מאָרגן זאָלסטו זיך צוריק אין דיינע
בעטלער-געוואַנדן פאַרהילן ! פאַרוואָס ? — ווייל אָן זאַפּאַסן, —
נייערט צו איינציקע קליידער, פאַרמאָגט דאָ בלויז יעדערער
פאַסטוך ! — אָבער ס'וועט זיין, ווען מיין האַר אָדיסייאוס וועט אומקערן
אַהיים זיך בשלום, — אָ ! דאַמאָלס וועט ע ר אַ ל יי ן דיך מיט אַ העמד
און אַ קיטל באַשיינען ; און מיט דיין גלוסטונג פון האַרצן טון דיך
באַגלייטן !"
געזאָגט ; און לעבן וואַרעמען פריפּעטשיק האָט ער פון
שאָפּענע און ציגענע פעלן אויסגעבעט פאַרן גאַסט אַ ווייך

נעלעגער! — — און נון האָט אָדיסייאוס געלייגט זיך; און מיטן גרויסן
וואָלענעם צודעק, — מיט וואָס ער פלעגט זיך אויפן אַקסל פאַרוואָרפן,
וועז
אין דרויסן געברילט האָט אַ שטורעם, — האָט איינגעדעקט ער דעם מלך!
אָט אַזוי האָט אָדיסייאוס במנוחה געלייגט זיך, און לעבן
אים האָבן אויסגעבעט זיך די יונגען. — —
אָבער נישט אינם געצעלט
(דערווייטערט פון זיינע חזירים) פלעגט אייאומייאָס צו שלאָפן.
נייערט מיט כלי־זין באַוואָפנט האָט דאָס געצעלט ער פאַרלאָזן, — —
אַז מלא־שמחה איז אָדיסייאוס פון דערדאָזיקער שמירה
געוואָרן. — און נון האָט אייאומייאָס זיין בלאַנקע שווערד אויפן אַקסל
פאַרוואָרפן; צרומגעהילט זיך אין דער פלאַכטע פאַר די שניידיקע
ווינטן; דערויף איינגעדעקט זיך מיט דער האָריקער, ציגענער פעל־דעק.
און געגלאַנצט אין זיין האַנט האָט דער געשליפענער חלף, פאַר וועמען
עס ציטערט דער מענטש און דער כלב. — —
אָט אַזוי האָט ער ביי די
חזירים געלייגט זיך, וואו דער באַרג־פעלז טוט פונם ווינט זיי באַשיצן.

# דאָס פופצענטע געזאַנג

טעלעמאַכאָס נידערט אינם געצעלט פון אייאומייאָס.

אונ נון האָט צום כּרך לעקאַדיימאָן גענומען שפּריין פּאַלאַס
אַטענע, בּכדי דערמאָנען דעם זון פונם הויכגעאַכפּערטן
העלד אָדיסייאוס, אַז ער זאָל וואָס גיכער אַהיים זיך געזעגענען.
אונ אינם פּרוזדור פונם קיניג מענעלייאָס איז טעלעמאַכאָס מיטן
איידעלן בן־נעסטאָר אויף אַ ווייך געלעגער געשלאָפן. —
איז טאַקע פּייזיסטראַטאָס אין די אָרעמס פון שלאָף געווען
פאַרזונקען; אָבער צוליבן בענקשאַפט נאָכן פאָטער אָדיסייאוס, — האָט
אַ שלאָפלאָזע נאַכט מיט שווערע רעיונות דאָס האַרץ פונם העלדישן
בחור טעלעמאַכאָס געפּייניקט. — —
אונ נון האָט די געטין צו אים
זיך באַוויזן:
„שטיי אויף, טעלעמאַכאָס! גענוג שוין צו וואָגלען; ווייל
צווישן אַ ווילדער חבריא — וואָס ווילן בערמה דיך אַרבּן —
האָסטו דאָרט דיין היכל אויף הפקר פאַרלאָזן, אַז סוף־כּל־סוף וועט
קיין שום פעולה נישט ברענגען דיין וויטע נסיעה! דערום: שטיי אויף
אונ טו בעטן ביים מלחמה־צעפּויקער אונ האַר מענעלייאָס,
אַז ער זאָל תּיכּף אַהיים דיך באַגלייטן, וואו דו וועסט נאָך דיין מוטער
געפינען. ווייל הער: אָנגעזועצט האָט זיך איר פאָטער מיט די ברידער,
אַז פון אַלע חתנים זאָל זי מיט עאורימאַכאָסן טון
זיך אַנטשפּויזן. ווייל מיט כּלה־מתּנות ער טוט זי געזאַרן!
בכן: איל תּיכּף אַהיים זיך; ווייל מיט א י ר קאָן אויך אַן אוצר פונם
היכל פאַרשווינדן! אָ, מיט לייכטע דעות זענען די הערצער פון
נשים באַוואָפנט. וואָרים דו ווייסט דאָך אַליין, אַז נייערט צום
מאַנסביל דעם ל ע צ ט ן באַגערט יעדע אשה מיט איר רייכקייט זיך

טרייסטן ; פֿאַרגעסנדיק אויף לחלוטין אָן איר מאַנסביל דעם ערשטן
אינאיינעם מיט אַלע פֿריערדיקע געראָטענע קינדער. דערום :
אייל־זשע וואָס גיכער אינם לאַנד פֿון די אבות און זיי
מגלה־סוד פֿון דיין אָנקום אַ גוטענקער שפּחה, ביז די
הימלען וועלן אויך ד י ך מיט אַן אשת־חיל טון ווענס אַנטשפּויזן ! —
און איצט — נייג דיין אויער, און איך וועל ווידער אַ סוד דיר
אַנטפּלעקן :
אונטערוועגנס, צווישן סאַמאָס און איטאַקאַ, לאָקערט צווישן
טאָלן און ברעגעס דאָס אויג פֿונם שונא, וואָס טוט גלוסטן אַ גלוסטונג
דיין לעבן אויפֿן היימוועג טון צו פֿאַרלענדן ! אָבער — נישט
געזאָרגט ! ווייל
איידער וואָס, איידער ווען וועט אַ פֿינסטער קבר דיינע שונאים
פֿאַרשלינגען ! — — און הער : ווייט, ווייט פֿון די אינזלען זאָלסטו
דיין טרייב־שיף
פֿאַרוואַרפֿן ; און ערשט נאָך העליאָסעס פּטירה זאָלסטו איבער ימים
זיך לאָזן, וואו מיט שטיל־געלייטערטע ווינטלעך וועלן געטער דיין
זעגל באַשיפֿן ! — — — אָבער קוים וועלן צו איטאַקאָס ים־ברעג די
אינדן מיט דער שיף דיך דערפֿירן, — טאָ זאָלן דיינע שיפֿער אַהיים
זיך געזעגענען, און נייערט דו אַליין זאָלסט אויפֿן ישוב צום געצעלט
פֿונם איבערגעגעבענעם פּאַסטוך פֿון דיינע חזירים טון זיך
אַנטפּלעקן ! און נון זאָלסטו איבער נאַכט דאָרט פֿאַרברענגען, און שיקן
צומאָרגנס מיט אַ בשורה טובה דעם פּאַסטוך צו דער איידעלער
פּענעלאָפּייאַ, אַז אָן אַ מכשול האָסטו אומגעקערט זיך פֿון
פּילאָס !"

געזאָגט ; און צום אָלימפּאָס האָט זיך די געטין דערהויבן.
און נון האָט טעלעמאַכאָס געטון אַ טאָרע מיט דער פּיאַטע זיין
פֿאַרשלאָפֿענעם חבר, און מיט שאַלונג ביי אים זיך געבעטן :
„דערהייב זיך, בן־נעסטאָר ; שטיי אויף, פּייזיסטראַטאָס, און הייס
שפּאַנען דעם
וואָגן, כדי מיר זאָלן נאָך באַצייטנס באַווייזן צו פֿאָרן !"
האָט אָבער בן־נעסטאָר, פּייזיסטראַטאָס, דערויף אים געענטפֿערט :
„ווי בייטיק די נסיעה זאָל נישט זיין איצט, אָ פּריינט טעלעמאַכאָס, —

װעלן מיר דאָך אינם חשכות אין װעג זיך נישט לאָזן ! בכן לאָמיר
אָפּװאַרטן דעם אױפּברוך פֿון קלאָרן באַגינען ביז מענעלײאָס,
דער גבור־חיל, װעט מיט אַ רײַטװאָגן און רײַכע מתּנות
טון דיך באַשענקען, און מיט אַ ברכה אַהײם דיך באַגלײטן.
פֿאַרװאָס ? — װײַל טאָג־אײַן, טאָג־אױס טוט יעדערער אורח יענעמס מידות
און גאַסטפֿרײַנטלעכן חסד אױף אײביק, אױף אײביק געדענקען !״
גאָזאָגט ; און אַ באַקרױנטע מיט גינגאָלד האָט זיך עאָס אױפֿן מזרח
צערױטלט. און אױך אױפֿגעריסן פֿונם שלאָף האָט זיך דער מלחמה־
צעפּױקער בן אַטרײאָס. און פֿאַרלאָזנדיק דאָס געלעגער פֿון
דער מלכּה העלענע, — האָט ער זיך תּיכּף אין פּרוזדור געפֿעדערט.
אָבער קוים האָט זיך טעלעמאַכאָס מיטן קיניג באַגעגנט, איז ער
גיך, גיך אַרײַן אינם לײַב־העמד און איבערן אַקסל דעם ברײטן כיטאָן
פֿאַרװאָרפֿן, און מיט שאַלינג מקבּל געװעזן דעם מלך :
„גנאָד צו דיר, אָ ריטל פֿון דזעאוס, — בן אַטרײאָס, מענעלײאָס,
דו אײדעלער פֿאַסטוך פֿון פֿעלקער ! זאָל מײַן האַר מיר באַװיליקן
זײַן הױז צו פֿאַרלאָזן, װײַל מיר בענקט זיך, מיר בענקט זיך צום
הײמלאַנד !״
האָט מענעלײאָס, דער שרעקלעכער מלחמה־צעפּױקער, דערױף
אים געענטפֿערט :
„אױב דו, טעלעמאַכאָס, בענקסט באמת אַזױ שטאַרק
צו דײַן הײמלאַנד, טאָ זײַ־זשע מיר װיסן, אַז אױך איך בין ממאס
יעדע גוזמא פֿון פֿרײַנטשאַפֿט, װאָס איז מער נישט װי אַן אָפּקומעניש
פֿאַר יעדערן אורח און איז נײַערט מרחק דעם גבֿול פֿון דער
ליבשאַפֿט : װײַל זע : בײדע צדדים זענען דאָך דענסטמאָל
געקריװדעט :
סײַ װער עס פֿאַרטרײַבט װענס אַן אורח און סײַ װער עס טוט אָפּהאַלטן
פֿונם אָפּפֿאָר אַ חבֿר ! — — װײַל ער פֿאַרבלײַבן — איז מהיכא־תּיתי,
אלא נישט : טאָ פֿאָר זיך געזונט ! — — — דו אָבער װאַרט ביז איכל
דעם װאָגן
צו פֿאַר דײַנע אױגן מיט מתּנות פֿאַרלאָדן און ביז כײַנע
דינסטן װעלן דאָס מאָלצײַט מיטן צידה־לדרך דיר ברענגען !
אָ ! מיט אַ ברכה אױף די לעפּצן טוט יעדער אורח פֿאַרלאָזן

זיין חבר, אויב פאַרן אָפּפאָר טוט יענער מיט מטעמים אים שפּייזן!
אויב דיין האַרץ אָבער, טעלעמאַכאָס, טוט באַגערן איבער העללאַס
און אַרגאָס צו פאָרן, — טאָ וועל איך איינשפּאַנען די גיך־יאָגיקע
פערדן צו דער שיינער מרכבה און אַליין דיך באַגלייטן! און
זע: נישט מיט ליידיקע הענט און פון מתנות געמינערט וועלן
מיר אונטערוועגנס פאַרלאָזן די פעלקער. ניין! מיט פאַנען פון גאָלד,
מיט דרייפיסיקע קעסלען און מיט געגאָסענער רודע אָדער
מיט אייזלען און שטראַליקע כוסות וועלן זיי טון אונז באַשענקען!״
האָט טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ פאַסטוך פון פעלקער!
מיט העלישן פלאַקער פון האַרצן באַגער איך צום היימלאַנד! ווייל זע:
אָן אַ שמירה, אויף הפקר, האָב מיין היכל געטון איך פאַרלאָזן.
און מיטן זוכן דעם טאַטן קאָן איך אונטערוועגנס מיט מיין לעבן
באַצאָלן אָדער אינדערהיים זאָל ווער מיר אַן אוצר פאַרשלינגען!״
און ס׳איז געווען, ווען דאָס וואָרט פון זיין לעפץ האָט צעוואַרעמט דאָס האַרץ פונם
גרויסן מלחמה־צעפּויקער מענעלייאָס, — האָט תיכּף דער
אַטריד דורך דער מלכּה צו די דינסטן באַפוילן אָנצוברייטן
אַ סעודה. און באַלד האָט זיך אייטעאָנייאָס בן באָעטאָס
פון זיין זייטיקער שלאָף־שטוב פון מלכות — אויסן געלעגער געפּעדערט.
און א י ם טאַקע האָט דער קיניג באַפוילן אַ פייער צעבלאָזן
און בראָטן, — כּפי דעם רצון פון מלך — די שמאַלציקסטע פליישן!
אַליין אָבער האָט זיך כּבודו דער קיניג אין באַגלייט פון דער
מלכּה מיט זיין זון מעגאַפּענטעס אַראָפּ אין דער געוועלביקטער
שאַץ־קאַמער געפּעדערט. און ווי זיי האָבן צום אוצר־המלך
געטון נאָר גענענען, האָט באַלד טאַקע דער אַטריד אַ צווייאיקן
ווײַן־כּוס דערהויבן; און אַ זילבערנע ווײַן־קריג האָט דערלאַנגט ער צו
זיין זון מעגאַפּענטעס; און אויך העלענע האָט איר קאַסטן מיט די
אייגן־געשטיקטע געוואַנדן צעעפנט. און נון האָט די מלכּה
אַ גרויס שטיק געוועב (מיט זילבער און גינגאָלד געהאָפטן, — וועלכעס האָט
איבער אַלע געוואַנדן, ווי שטראַליקע שטערן געשימערט)

אַרויסגעצויגן פֿון קוֹפֿערט. און אַ ז ו י ערשט האָבן זיך אַלע
פֿונם אוצר דערווייטערט, גייענדיק מקבל־פּנים זײַן זייער
גאַסט טעלעמאַכאָס, צו וועמען דער קיניג געזאָגט האָט מיט שאַלונג :
„טעלעמאַכאָס ! הלוואי זאָל העראַס בליציקער מאַנסביל, דער פֿייער־
שפּייאיקער דזעאוס־קראָניאָן, אויף דײַן היימוועג טון דיך באַשיצן ! ! !
און איך ? — אָ, פֿון מײַן שאַצקאַמער וועל איך דיך מיטן טייערסטן אוצר
באַשענקען : מיט אַ רייכער מתנה צום זכרון אויף דורות !
זע : אָט דידאָזיקע זילבער־געשלאָגענע ווײַן־קריג מיט גינגאָלד
באַשפּרינקלטע ראַנדן, — דאָס איז אַן אַרבעט פֿונם מייסטער העפֿייסטאָס.
און ער : זייענדיק אונטערוועגנס, צו גאַסט ביים סידאָנישן
מושל פֿיידימאָס, האָט ע ר מיטן דאָזיקן ווײַן־כּוס געטון מיך
באַשענקען ; און איצט : נ אַ ד י ר צום אָנדענק מײַן טייערסטן אוצר !״ —
געזאָגט ; און גיך, גיך האָט ער דעם געטאָפּלטן ווײַן־כּוס געטון אים
דערלאַנגען. דערויף האָט באַלד מעגאַפּענטעס אים אונטערגעטראָגן
די ווײַן־קאַן פֿון ליטערן זילבער. און ערשט אויפֿן סאַמע סוף האָט די
שיינע העלענע מיטן געשטיקטן געוועב זיך געיאַוועט, — און מיט
צעפּנטע, רויזיקע ליפּצן האָט איר שפּרוך געקלונגען מיט
שאַלונג :
„קינד מיינס ! אויך א י ך וויל פֿון מײַן אייגענער אַרבעט אַ דעק־טוך
דיר שענקען, אַז אינם טאָג פֿון דײַן חופּה זאָלסטו מיט דעמדאָזיקן
שלייער דײַן כּלה באַדעקן, כּדי חתן־כּלה זאָלן זיך אָן
העלענען דערמאָנען ! — דערווײַל אָבער זאָל עס ביז חופּה־מאָלצײַט
דײַן גוטינקע מאַמע באַהאַלטן. און פֿאָר מיר געזונט, און געבענטשט
זאָל זײַן דײַן נסיעה !״
געזאָגט ; און פֿריידיק האָט ער מקבל
געווען די מתּנה. און אויפֿן רייטוואָגן האָט פּייזיסטראַטאָס גיך,
גיך פֿאַרלאָדן די אוצרות און זיך געשפּיגלט אין יעדן חפץ
באַזונדער !
און נון האָט מענעלייאָס, דער העלד מיט די גילדענע
לאָקן, אַלעמען צום מאָלצײַט אינם היכל פֿאַרבעטן. און אַן : אויף
קיניגלעכע טראָנען האָבן אַלע געזעצט זיך. און איבער
אַ זילבערנער שיסל האָט אַ באַדינערקע אַלעמענס הענט פֿון

אַ גינגילדן קענדל צום מאָלצײַט געוואַשן, און אַזוי האָט
מען געגרייט זיך צום פראַוועון: גיך, גיך האָט די וואַרטאָרין געגרייט דאָס
ברויט אויף די טישן; דער שר-הבשר בן-באָעטאָס האָט די
פליישן געשניטן, און דער שר-המשקים מעגאַפּענטעס פאַרטיילט
האָט די וויינען! — — און נון האָבן אַלע צו דער סעודה געכאַפּט זיך!
און נאָכדעם, אַז זיי האָבן מיט עסן און טרינקען געטון זיך
דערקוויקן, האָט טעלעמאַכאָס מיטן ליבן בן-נעסטאָר איינגעשפּאַנט
די מרכבה, און מיט בייטשן-געקנאַל האָט דאָס שיינע געשפּאַן אויסן
שער-המלך מיט גערויש זיך פאַרקירעוועט. און מיט אַ פולן
וויין-כוס אין האַנט האָט דער גילדן-געלאָקטער מענעלייאָס ביזן
טויער געטון זיי באַגלייטן. און הויך, הויך האָט דער קיניג דעם
יין-המשומר פאַרן וואָגן דערהויבן: געזופּט און געשפּרינקלט,
און בעתן קרבן-ברכה האָט זיין בענטשונג צעשאָלט זיך פאַר נוסעים:
„פריד צו אייער אָפּפאָר, פריד אָן אַ סוף! קינדער! נישט פאַרגעסט מיר דאָרט
גריסן דעם איידעלן נעסטאָר, אונזער פאַסטוך פון פעלקער. א י ם,
וועלכער האָט מיך, ווי אַן אייגענער פאָטער, אויף די בלוטיקסטע
שלאַכטן מיט ווילדע טראָיאַנער מיט ליבשאַפט, מיט ליבשאַפט געצערטלט!“
האָט דער יונגיטשקער בחור טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ ריטל פון דזעאוס! וויבאַלד נאָר מיר וועלן אונזער היימלאַנד
דערגרייכן, וועט ווערן באַוויליקט דיין גרויסע בקשה. און אויב
מיין פאָטער האָט שוין ווידער קיין איטאַקאַ געטון זיך דערשלאָגן, —
וועל איך פון דיין גאַסטפריינטלעכן יושר אַלץ אים פאַרציילן און
אַלע אייערע רייכע מתנות מיט פרייד אים באַווייזן!“
„געזאָגט; אָבער איידער וואָס, איידער ווען האָט פלוצלינג אַן אָדלער אויף
רעכטס פונם וואָגן ווייט, ווייט צו די הימלען געטון זיך דערהייבן. און
וע: אַ געשטאָפּטע גאַנז פונם הויף האָט אין זיינע קלאָען געגוסטט;
אַז אַלע מענטשן אַרומעט האָבן מיט ווילדן געטומל נאָכן
רויב זיך געלאָזן. אָבער אומדערשראָקן האָט דער אָדלער אויף רעכטס
פון דער שיינער מרכבה אַלץ העכער און העכער געפלאַטערט; אַז
אַ פריידיק געשריי פון בטחון האָט זייער האַרץ צעפלאַקערט,

אַזש פּייזיסטראַטאָס האָט מיט שאַלונג גערופן :
„אָ אַטריד ! צוליב
וועמען האָט דזעאוס אָט דעם צייכן פאַר אַ מופת באַוויזן ? פאַר
א ו נ ז , צי פאַר ד י ר ? ״
גענואָגט ; און מיט ספקות האָט דער באַטאָגטער שׂכל
פון קיניג אינם ענין פאַרטראַכט זיך. אָבער אונטערגעקומען איז
תּיכּף די שיינע העלענע און פותר געווען זיי דעם צייכן :
„אָ ! פאַרנעמט דאָס גערייד, וואָס עס האָבן די געטער פון מיין האַרצן
אויף די לעפצן געבלאָזן, — וועמעס נבואה עס וועט ווערן
מקויים : אַזוי ווי די גאַנז, וואָס דער אָדלער געטון האָט
פאַרציקן, איבערלאָזנדיק איר נעסט אין די בערג און איר שבט, — —
אָט אַ ז ו י וועט אויך אָדיסײאוס נאָך אַלע נסיונות מיט
שווערער נקמה אומקערן אַהיים זיך ! — — און אפשר גאָר גרייט ער
זיך א י צ ט שוין צו וויסטע חורבנות איבער ווי דע חתנים ? !...״
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף איר געענטפערט :
„אמן ! און אויב העראָס בליציקער מאַנסבל וועט ביז אַהיים מיך
באַשירעמען, — וועל איך, ווי צו הימלען, אַ לויבונג דיר זינגען !״
גענואָגט ; און אַ קנאַל האָט געטון די בייטש אינם חלל, אַז
שטורמיש האָט
דאָס געשפּאַן איבערן כרך וויִט, ווייט איבער אָפענע פעלדער ביז דער
טיפער שקיעה מיט די יונגען אין מרחק געלאָזט זיך ! אָבער
ווען אויפן ראַנד פונם מערב האָט העליאָס אַלע וועלטן צעשאָטנט,
האָבן זיי קיין פעראַס געטון זיך דערשלעפּן, וואו דיאָקלעס
בן־אָרסילאָכאָס מגזע אַלפייאָס האָט אינם אייבערשטן שלאָס
זיי גאַסטלעך באַגעגנט און אויסגעשפּרייט דאָרט אַ ווייך געלעגער.
און צומאָרגנס, אַז עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָבן ווידער איינגעשפּאַנט זיי די פערד און אויפן פרעכטיקן וואָגן
גענידערט. און מיט בייטשן־געקנאַל האָט דאָס שיינע געשפּאַן אויסן
שער־המלך מיט גערויש זיך פאַרקירעוועט, און אַלץ ווייטער און
ווייטער זענען די פערדן ביז אין פּילאָס מיט אימפּעט געשפּרונגען.
און נון האָט זיך טעלעמאַכאָס ביים חבר בן־נעסטאָר געבעטן :
„פּייזיסטראַטאָס ! אין איין עלטער זענען מיר ביידע. פון די טאַטעס

האָבן מיר אונזער פרינצשאַפט־ירושה מקבל געווען, און
נאָך טיפער טוט אונזער פרינצשאַפט דאָס א י צ ט י ק ע אונז פאַרבינדן. —
דעריבער, אָ חבר, — זײ מיר אַ קלײנע בקשה ממלא :
לאָמיר מיטן געשפאַן איצט צום ים־ברעג גלײך צו מײן שווים־שיף פאַרפאָרן,
בכדי דײן גוטינקער זקן זאָל מיך נישט ווידער צום היכל
פאַרבעטן, צוליב ווערמעס טובה איך וועל זיך נאָך אַהײמצו פאַרזוימען !"
געזאָגט ; אָבער לטובת דעם חבר האָט אין טיפקײט פון האַרצן
בן נעסטאָר געמאַכט זיך אַ חשבון. אָבער פון יעדע ספקות איז
ער סוף־כל־סוף בײ אַ גוטער מסקנא פאַרבליבן : צו דער טרײב־שיף
בײם ים־ברעג וועט ער מיטן פערדן־געשפאַן פאַרקירעווען ; און טיף
אין דער שיף וועט ער אַלע טײערע מתנות באַהאַלטן : אַלע
שײנע חפצים, וואָס מענעלײאָס האָט געשאַנקען זײן חבר :
און נון האָט ער צום באָרט זיך פאַרקירעוועט און גענומען טענהן צום חבר :
„טעלעמאַכאָס ! נידער אַראָפּ אין דער שיף, און וועק אויף די
חברים, און מאַכט גרײט זיך צום אָפּפאָר, נאָך אײדער מײן אַלטער וועט
דערפון זיך דערוויסן. זע : ווײכהאַרציק איז מײן אַלטיטשקער פאָטער.
אָבער קוים וועט ער זיך דערוויסן, אַז דו ווילסט אים פאַרמײדן, — טאָ
וואָלט ער בעצמו אַהער זיך געיאָוועט, בכדי דיך פאַרטרײבן,
און דענסטמאָל — אַך ! מיט כעס וואָלט ער צוריק צו זײן היכל גענידערט !"
געזאָגט ; און גיך, גיך האָט ער פונם ים־ברעג די פערדן קײן פילאָס
פאַרטריבן. טעלעמאַכאָס אָבער האָט אײליק צו זײן שווים־שיף
גענידערט, און מיט ירגזון צו פאַר זײנע שיטער צעשאָלט זיך :
„חברים ! טראָגט צונויף אין דער טונקעלער שווים־שיף די מכשירים, און
לאָמיר אינאײנעם מאַכן גרײט זיך צו אונזער ווײטער נסיעה !"
געזאָגט ; און געוואָרן זײן גזר איז צו מעשים : גיך, גיך האָט חברה
אויף די בענק זיך געוואָרפן און אײליק פאַר די ווערסלעס געכאַפּט זיך.
אָבער געווען איז, בעת ער האָט אַזוי פאַרן אָפּפאָר מקריב
געווען אויף דער שיף־דעק לכבוד אַטענען, — האָט פלוצלינג פון
ערגעץ אַ מענטש זיך געיאָוועט : אַ וואָגלער פון אַרגאָס, וועלכער איז

נאָך אַ רציחה אַהערצו אַנטלאָפן. און זע: אַ הייליקער
זעער מזרע מעלאַמפּאָס געווען איז דער פרעמדער. אַ נביא,
וועמעס אבות האָבן אינם רייך־שאָפיקן פּילאָס איבער לייטן
און שלעסער געוועלטיקט. אָבער צוליב דער מעשה נעלייאָס איז
מעלאַמפּאָס אין מרחק געוואָרן פאַרוואָגלט. ווייל אַ קיילעכדיק
יאָר האָט נעלייאָס זיין עשירות צוליב דער נבלה איבער
זיין טאָכטער געהאַלטן באַצווינגען; בעת מעלאַמפּאָסן האָבן
דערווייל די שווערע קייטן — אין דער תּפיסה פונם שרעקלעכן
פילאָקסעס — געברענט און געבראָטן. — ווייל נייערט די ביזוויליקע
געטשקע עריניס האָט אומגעלומפערט צעמישט אים דעם שכל!
פונדעסטוועגן איז פונם שרעקלעכן גורל מעלאַמפּאָס אַנטלאָפן,
מיטרייסנדיק קיין פּילאָס אַלע ברומיקע רינדער פון שונא!
און נון האָט ער זיין כּעס אויפן שטאָלצן קיניג נעלייאָס צעגאָסן,
וועמעס טאָכטער ער האָט פאַרן ברודער געפאַנגען. — — מעלאַמפּאָסן
אָבער האָט די השגחה־העליונה פאַרטריבן קיין אַרגאָס,
וואו ער האָט איבער אָן־צאָליקע שטאַרקע אַרגיווער געוועלטיקט.
און נון האָט ער טאַקע ד אָ ר ט ן געטון זיך אַנטשפּויזן: אויפגעשטעלט
זיך אַ היכל, און ביידע יונגען: מאַנטיאָס און אַנטיפאַטעס
געפלאָדיעט! — — און פון אַנטיפאַטעסן האָט זיך אויקלעס געפלאָדיעט;
און אויקלעס האָט אַמפיאַראַאָסן געוואונען. א י ם, וועמען גאָט
דזעאוס און פויבאָס־אַפּאָלאָן האָבן מיט ליבשאַפט געקיכלט.
אָבער צוליבן רענדל פאַרן זנות איז ער דורך דער אשה־זונה אין
טעביי געשטאָרבן, און צו אריכת־ימים ווייט נישט דערגאַנגען!
פונדעסטוועגן האָט צוויי זין ער געפלאָדיעט: אַמפילאָכאָסן און
אַלקמייאָנען! — צו מאַנטיאָסן ווידער איז פאָליפיידעס און
קלייטאָס געוואָרן געווינען! — און צוליב זיין כּוח־גבֿרא האָט אים
עאָס אַליין אויפן שלאָף־בעט פאַרבעטן און מיט געטער פאַראייניקט!
פאָליפיידיסן ווידער האָט תּיכּף נאָך דער פּטירה פון
אַמפיאַרייאָס פויבאָס־אַפּאָלאָן מיט חזיון באַשאָנקען.
און מחמת כּעס אויפן פאָטער איז ער אין היפּערזיאַ אַנטלאָפן,
און דאָרט ערשט האָט ער זיין זעאונג מגלה געווען צו לייטן!
און אָט, — זיין זון טאַקע: דער שטאָלצער נביא טעאָקלימענאָס האָט

זיך איצטער אויף דער שיף־דעק אַקעגן האַר טעלעמאַכאָס באַוויזן,
בעת ער האָט אַזוי פאַרן אָפּפאָר מקריב געווען לכבוד
אַטענען; און מיט באַפליגלטער שאַלונג ביי אים זיך געבעטן:
„חבר! געוואָלט האָט דער גורל, אַז ביים הייליקן קרבן זאָל איך
דיך איצט טרעפן! דערום בין איך אויף דיר גוזר מיט אַ הימלישן
נדר, און איך באַשווער דיך ביי גאָט און ביים קרבן; ביי דיין קאָפּ און
ביי די ליבע חברים, אַז דו זאָלסט אַלץ מיר אַנטפּלעקן! זאָג: ווער
ביסטו און פונוואַנען? וואָסער שבט האָט געטון דיך צו פלאָדיען?"
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף אים געענטפערט:
„אָ פרעמדער! דעם קלאָרן אמת איך וועל טון דיר צו וויסן!
הער: אַזש
פון איטאַקאַ בין איך אַהערצו געטרעטן, און אָדיסייאוס
געווען איז מיין פאָטער!... אַך! אַוועק איז יעדער זכר פון מיין האַר
און געביטער, — דערפאַר האָבן מיר אונזער טרייב־שיף צעזעגלט מיט
דער כוונה אַרומצוזוכן מיין וייט־פאַרפאַלענעם טאַטן!!!"
האָט דער בעל־שם־טוב טעאָקלימענאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ, אויך איך בין צוליב אַ רציחה פון מיין היימלאַנד אַנטלאָפן.
פון סאַמע יחוס געווען איז מיין הרוג, און גרויסע שרים און
האַרן זענען ביז איצט נאָך אין אַרגאָס זיינע ברידער און קרובים!
הער: אַ מקום־מקלט איך זוך איצט פון די בעלי־נקמה, ווייל
פאַר אַן אייביקן וואָגלער האָט דער גורל געטון מיך שטראָפירן!
דעריבער, אָ חבר, — טו גנאָד צו דיין עבד: לאָז מיט דיין שיף מיך
אַנטלויפן, כדי די האַנט פונם נוקם זאָל מיך טון נישט פאַרציקן!"
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף אים געענטפערט:
„אָ פרעמדער! נאָך קיינמאָל האָט מיין האַנט נישט קיין פרעמדן
פאַרשטויסן. דערום:
קריך אַריין אין דער שנייד־שיף, און מיר וועלן מציל זיין דיך פון שונא!"
געזאָגט; און הינטערן פאָרדעק פון דער שווים־שיף האָט טעלעמאַכאָס די
שווערד פונם פרעמדן באַהאַלטן. אַליין אָבער האָט ער פאַר דער שיף־נאָז
געניִדערט און ביים רודער געזעצט זיך, בעת טעאָקלימענאָס
האָט זיך דערוויילע האַרט פאַרן גבור געפעדערט. — — און נון האָבן די
פרענטעס פון דער פאַראַנקערטער טרייב־שיף אויפגעקניפּט די חברים; און

אויפן געהייס פונם האַר טעלעמאַכאָס האָבן זיי אַריינגעבראַכט אין דער
שיף די מכשירים : אייליק דעם סאָסנע־מאַסטבוים מיט שטריק און מיט
פרענטעס אויפגעשטעלט אינם אויסהויל פון דער שווים־שיף, און מיט
גבורה צו
די ווענט אים באַפעסטיקט. דערויף האָבן זיי תיכף די צעשפרייטע
זעגלען איבערן מאַסטבוים פאַרצויגן, אַז מיט אַ ציטער האָבן אינם
ווינט זיי געפלאַטערט ! — —
אין נון האָט אַטענע מיט אַ געלייטערט
ווינטל געטון זיך צעבלאָזן : געוויגט און שימערירט האָט דער
חלל אויף זעגלען, און ווייט, ווייט איבערן אָפענעם ים האָט איבער
קרונאָי און כאַלקיס שטיל און געלייטערט די שיף זיך געשניטן !
און ווען אויף מערב איז העליאָס אין דער טיפקייט פון ימים געוואָרן
פאַרזונקען, האָט קראַניאָנס אַ ווינטל איבער פייאַ די זעגלען
געטריבן, אַז אויסמיידן האָבן געמוזט זי די פראַכטיקע
עליס, וואו עס הויזן די שטאַרקע עפייער ! — האָבן זיי טאַקע
צו די שפיציקע אינזלען די שווים־שיף פאַראַנקערט ; — אָבער מיט צער
האָט טעלעמאָס געטון זיך פאַרטראַכטן פונם טויט צו אַנטרינען ! — —

* *
*

בנתיים איז אָדיסייאוס אינם געצעלט פון אייאומייאָס
מיט אַלע שומרים ביי אַ נאַכטלעכער סעודה געזעסן. אָבער
נאָכדעם ווי דאָס מאָלצייט האָט אונטערגעלענט זיי די הערצער, — האָט
ווידער דער מלך צום אויספרווו גענומען דעם פאַסטוך : צי וועט ער
אים ווייטער אינם געצעלט דאָ באַשיצן, צי אינם כרך גאָר פאַרטרייבן :
„דאָס גערייד פון מיין לעפץ טו איצט פאַרנעמען, אָ האַר אייאומייאָס,
און מיין זאָג זאָל אויך דערגיין צו חברים ! הערט : מאָרגן כאור וועל
איך לאָזן אין שטאָט זיך מקבץ צו זיין דאָרט נדבות, בכדי
פון קעסט אייך באַפרייען ! — דערום זאָל נייערט אַן איינציקער חבר דעם
ו ע ג מיר באַווייזן ; און איך וועל שוין פאַראיינזאַמט איבער די הייזער
דאָרט בלאָנקען און אויספרווון אַ יעדן מנדב, צי זיי זענען
מהנה מיט ברויט און מיט ווייבען אַן אָרימען וואָגלער ! אָך :
אפילו צום שלאָס פונם גרויסן האַר אָדיסייאוס וועלן מיינע

פּיס־טריט געגענען, בכדי צו ברענגען אַ בשורה דער האַרינטע
פּענעלאָפּײאַ !... אגב װעל איך אַ פּרוּװ טוּן די צעבּרוּקערטע
חברה, צי זײ װעלן פונם זאַפּאַס מיך שפּײַזן, — װאָרים אָנגעבּרײט
בּין איך אײבּיק אַיעדן חתן באַדינען !... און נוּן דערהײב זיך,
אָ פּאַסטוּך, און פאַרנעם איצט מײַן שאַלוּנג : די מילדע גנאָד פון שטאַרקן
הערמײאַס (דעם װילדן משוּלח פון די אָלימפּישע געטער,
װעלכער געװעלטיקט איבּער יעדערנס עוּבדא פון לײַטן) האָט
אָנגעבּרײט מיר אַ כּוח, אַז בּעסער פון אַלעמען קאָן איך באַװײַזן
די גרעבּסטע פּאָליאַנעס אויף שײַטלעך האַלץ צוּ צעשנײַדן ; אַ פײַער
צעזשאַרען ; כלערלײ פלײשן אויף דער בּרען־שפּיז צוּ בּראָטן, און װײַנען
פאַרטײלן, — װי עס געשיקט זיך בּײ זאַטיקע, פירשטלעכע טישן ! —״
אָבּער מיט גרימצאָרן האָסטוּ, אָ פּאַסטוּך, דערויף אים געענטפערט :
„װײ מיר, װײ מיר ! אַך, עפּעס אַ שטן האָט געטוּן דיך צעמישן,
אָ עלנטער פרעמדער ! זאָג : צי װילסטוּ אין דער בּהלה צװישן
פּראַים דײַן לעבּן פאַרלירן, װעמעס נבלות ס׳טוּט אַזש די
הימלען צערײַסן ? ?? — נײן ! שאַלקהאַפטיק זענען אַ ז ו י נ ע עבדים
פאַר װילדע חתנים. װײַל נײערט יוּנגװאַרג מיט שײנע געװאַנדן,
װעמעס קעפּ עס טוּען אין אײלן זיך זאַלבּן, באַדינען אינם שלאָס
די צעפּרעסענע יוּנגען, אויף װעמעס העל־גלאַנציקע טישן עס
גרײט זיך כּסדר מיט שװערע זאַפּאַסן פון פלײש און פון װײַנען ! ! !
בּכן — פאַרבּלײַבּ דאָ, פאַרבּלײַבּ דאָ, אָ אַלטיטשקער אורח. װײַל סײ איך
און סײ די חברים װעלן אײבּיק מיט רחמים דיך שפּײַזן ! און
אויבּ מײַן האַר אָדיסײאוּס װעט בּקרוֹב אַהײם זיך דערשלעפּן, —
אָ ! דע׳סטמאָל װעט ער שוין אַ ל ײ ן דיך מיט אַ העמד און אַ קיטל
באַשײנען ; און מיט דײַן גלוּסטוּנג פון האַרצן — אַהײם דיך באַגלײטן !״
האָט דער גרויסער סבלן אָדיסײאוּס דערויף אים געענטפערט :
„הלװאי, אײאוּמײאָס, זאָלסטוּ אַזוי נושא־חן זײַן בּײ הימלען,
װי דוּ בּיסט נושא־חן איצט מײַן האַרצן, צוּליבּן אַלדאָס־גוּטס, מיט װאָס
דוּ בּיסט מיך מכבּד ! — — אַך ! שװער איז דער גורל פונם עלנטן
גײער, — װײַל פון לײַטן דערװײַטערט אים פײַניקט און פײַניקט דער
שרעקלעכסטער הוּנגער, בּעת ער בּלאָנקעט און װאַנדערט איבּער װיסטע
פאַרװאָגלטע װעגן ! — און איצט : אויבּ דוּ באַגערסט אין דײַן געצעלט מיך

צו שפּייזן, — טאָ דערציילזשע, וואָס עס טוט איצט דער פֿאָטער און מוטער
פֿון האַר אַדיסייאוס? ווייל בעת ער האָט נאָך אין מלחמות
געצויגן, זענען ביידע געווען שוין זקנים! זאָג: לעבן נאָך
ביידע, אָדער האָט שוין דער האַדעס זייער נשמה געפֿאַנגען?"
און נון האָט דער פֿאַסטוך אייאומייאָס דערויף אים געענטפֿערט:
„אויף דיין בקשה, אָ פֿרעמדער, וועל איך אַלץ דיר אַנטפּלעקן! הער: עס
לעבט נאָך כּסדר דער אַלטער לאַערטעס. אָבער טאָג־איין, טאָג־אויס
טוט ער ביים אַלמעכטיקן קראָניאָן דעם טויט אויף זיך בעטן. ווייל
אָן אַ טרייסט איז ער יומם־ולילה רק מזכּיר זיין טייערן,
פֿאַרפֿאַלענעם זון אַדיסייאוס אינאיינעם מיט זיין צערטלעכער
אשה, וועמעס בייזער טויט האָט זיין אַלטקייט, זיין אַלטקייט דערשלאָגן!
אַך! מיט אַ שרעקלעכן טויט איז צום האַדעס איר ריינע נשמה
אַנטלאָפֿן: מיט אַ ביטערן טויט, אַז אַלע גוטע פֿריינט זאָלן
פֿון אַזאַ מוראדיקער גסיסה ווערן באַהיט און באַשירעמט!
אָ, כּל־זמן איר קלאָגעדיק לעבן האָט אויף ערד נאָך געבלאָנזשעט,
האָבן מיר כאָטש כּסדר זיין נאָמען געטון נאָך דערמאַנען. ווייל
אינאיינעם מיט איר שיינער און לאַנג־באַקיטלטער בת־זקונים
קטימענע האָט די אַלטיטשקע מלכּה געטון מיך דערציִען; און
גלייך ווי צו איר איז זי אויך צו מיר געווען איבערגעגעבן!
און געשען איז, ווען אונזער יוגנט האָט זיך אינאיינעם געצייטיקט,
האָט מען קטימענען פֿאַר גרויסע נדנים קיין סאַמע אַנטשפּויזן.
מיך אָבער האָט זי אָנגעגורט מיט אַ העמד און אַ כיטאָן, און מיט
שיינע סאַנדאַלן אויפֿן ישוב געטון מיך פֿאַרשיקן, — און זינט
דעמאָלט, — נאָך מערער ווי אַ מאַמע מיך געליבט און געקיכלט!
און איצט? ווי! איצט בין איך מער נישט מיט קיינעם. און נייערט פֿאַר מיין צער
שיקן אייביק די געטער אויף מיין אַרבעט אַ בענטשונג, פֿון וואַנען
איך בין אי זיך, אי יעדן פֿאַרוואָגלטן גייער מפֿרנס! — —
פֿון מיין האַרינטע ווידער האָבן מיר אויך שוין יעדן בטחון
פֿאַרלוירן. ווייל זינט עס הודזשען אינם בורג די חתנים, האָט איר לעפֿץ

זיך פֿאַרשלאָסן און איר געהייס זיך פֿאַרגליווערט. דעריבער וועט
קיין שום עבד ביי דער מלכּה נישט בעטן קיין וואָרט און קיין שפּייז און
אפילו נישט קיין טראָפּעלע וויין אויפֿן פֿאַרוואָרפֿענעם ישוב, וואָס
טוט אַזוי פֿריידיק די הערצער פֿון עלנטן עבד פֿאַרזיסן!"
האָט מיט גרויס התלהבות אָדיסייאוס געפֿרעגט זיך מיט שאַלונג:
„ביסטו, הייסט עס, אייאומייאָס פֿון קינדווייז אויף פֿון דיין היים שוין
פֿאַרוואָגלט, און פּאַשעסט אייביק אַרום דאָ דעם קיניגס חזירים?
אָך, אַזוי גאָר?!... דערום דערהייב זיך, דערהייב זיך, אָ חבר, און
דערלאַנג
מיר דעם אמת צום האַרצן: צי איז פֿונם שונא געוואָרן פֿאַרוויסט
אייער שטאָט און דער היכל; און אויף די חרבונות פֿון טאַטע-מאַמע
האָבן פ ר ע מ ד ע געטון זיך באַזעצן? אָדער אפֿשר האָבן גאָר
רויבער געכאַפּט דיך ביים פּאַשען, און פֿון דיינע לאָנקעס מיט זייער
רויב-שיף אַהער דיך געפֿאַנגען, און פֿאַר אַ פּעטן ביסן געטון
דיך פֿאַרקויפֿן???!"
האָט דער געביטער פֿון לייט, דער פּאַסטוך פֿונם קיניגס
חזירים, דערויף אים געענטפֿערט:
„גאַסט מיינער! אויב דו ווילסט פֿון אַלץ
זיך דערוויסן, — טאָ זופּ זיך במנוחה דעם וויין מיט הרחבה און
האָרך, וואָס איך טו דיר פֿאַרציילן! זע: לאַנג, לאַנג איז די נאַכט;
און עס בלייבט
אי צייט אויף גערייד, אי צייט אויף צו שלאָפֿן. דערום: קריך נישט
צו פֿרי אינם
בעט, — ווייל אַן איבעריקער דרימל פֿאַרמאַטערט! — איר אָבער, מיינע
פֿאַרשלאָפֿענע יונגען, — גייט לייגט אייך אין דרויסן, ווייל מאָרגן כּאור
מוז יעדערער אויפֿשטיין אַרויסטרייבן דעם קיניגס טשערעדעס אויף
די שמאַלציקסטע לאָנקעס! און נייערט מ י ר ב ײ ד ע וועלן אינם
געצעלט
דאָ פֿאַרבלייבן, מיטן מאַלצייט זיך קוויקן און איינער פֿאַרן צווייטן
אָפּריידן פֿון האַרץ זיך! — פֿאַרוואָס? — ווייל עס גאַרט דאָך אַזוי אייביק
יעדער בעל-נסיון אויפֿצומישן די וויסטע זכרונות, וואָס
האָבן זיין לעבן געפּייניקט! דערום, — דערהייב זיך, דערהייב זיך, מיין

אורח, און אויף אַלע דיינע שאלות וועל איך געבן מיין שאַלינג ! — הער :
סיריאַ — אויב דו ווייסט אפשר, — רופט זיך אַן אינזל, וועלכעס שלאַנגט זיך
איבער אָרטיגיאַ, וואו העליאָס טוט זיינע שטראַלן צו באָדן.
און הגם עס איז נישט איבעריק באַוואוינט, פונדעסטוועגן פאַשען
אַדאָרט זיך סיי שאָף און סיי רינדער ; און עס בליִען די טרויבן און
פיל זאַטיקע, ווייצענע פעלדער ! און נישט פון הונגער-מגפות
עס שטאַרבן אַדאָרטן די פעלקער. נייערט, אַז איינעם איז שוין די
אַלטקייט דערעסן — טוט פלוצלינג אַרטעמיס מיט דער פייל זיך באַוויין,
אַז מיטן ציל אויסן בויגן פון איר ברודער אַפּאָלאָן נעמט יענער מיט
אַ מיתה-נשיקה צו שטאַרבן ! — — און אויף צוויי לענדער צעטיילט איז
דאָס דאָרטיקע אינזל. און אָט איבער ז יי האָט ביד-חזקה
מיין געטלעכער פאָטער קטעזיאָס בן אָרמענאָס געוועלטיקט ! — —
האָבן איינמאָל צעלאָזענע יונגען אין מיין היימלאַנד פאַרבלאָנזשעט :
צידונישע קופער-שלייפערס, מאַטראָזן און רוצחים, וואָס האָבן
אָן אַ שיער בתולות מיטגעבראַכט אין זייער גיך-יאָגיקער שווים-שיף.
און צווישן די שפחות פון היכל האָט אויך מיין פאָטער געהאַלטן
אַ פלגש פון צידון ; אַ שיינע פון אָנזען, און רעכטספאַרטיק
צו אַרבעט, וועמען עס האָבן בערמה די רוצחים באַשלאָפן.
— — ווייל איינמאָל, ווען זי האָט אַזוי ביי דער טונקעלער שווים-שיף איר לייב זיך
געוואַשן, האָט פלוצלינג אונטערגעשאַרט זיך מיט חניפה אַ נואף,
אַז מיט ליבשאַפט האָט יענע זיך אונטערגעגעבן !... אָ, פוסט איז די
צניעות ביי ווייבער. ווייל אויסגעפאָרשט האָט דער נואף פון וואַנען זי
האָט אַהערצו פאַרבלאָנזשעט, — ביז זי האָט אַלץ געטון אים פאַרציילן :
„הער : פונם קופער-רייכן סידאָן בין איך אַהערצו געקומען,
און אויס דער זרע פון מיין פאָטער אַריבאַס בין איך געוואָרן
געפלאָדיעט ! אָבער איינמאָל, ווען איך האָב איבער פעלדער אַהיימצו
געבלאָנזשעט, האָבן טאַפישע רוצחים געכאַפּט מיך און אַ ה ע ר צ ג,
צום מלך, פאַר אַ עווער-וואַגיקן פדיון געטון מיך פאַרקויפן !"
האָט דער נואף, וואָס האָט מאנס געווען זי בסתר, געענטפערט :

„אפשר איז דיין באַגער איצט אומקערן אַהיים זיך צו פאָטער
און מוטער, וואו זיי לעבן נאָך ביידע אינם אייגענעם היכל, און
(משמעות) אפילו מיט אַ גרויס עשירות באַלאָדן ?“
האָט פריידיק די פעניקישע אשה דערויף אים געענטפערט:
„אָ, מיט אַ הייליקן נדר איך טו אייך באַשווערן, אַז מיט
אייער מעכטיקע שיף זאָלט איר אומקערן אַהיים בשלום !“
געזאָגט; און אויף איר פאַרלאַנג האָבן אַלע געטון זיך באַשווערן.
אָבער נאָכדעם ווי עס האָבן זיך רוצחים מיטן הייליקן נדר
פאַרבונדן, — האָט זיך ווידער די שאַלקהאַפטיקע אשה צעפלוידערט:
„שש־שאַ; שווייגט איצט, חברים! ווייל צוליב אַ חשד וועל איך
נייערט אין גאַס
אָדער ביים קוואַליקן וואַסער מיט אייך זיך באַראַטן. ווייל זעט: קוים
טרעפט, אַז עמעץ וועט אַ מסירה צו מיי קיניג דערטראָגן, — וועט
ער מיט שווערע יסורים אין אייזערנע קייטן מיך פענטען, און
אויף איבער אייך וועט ער אויסגיסן זיין כוס פון כעס און נקמה!
דערום טאַקע — שש־שווייגט; און לאָמיר נעמען גרייטן אין וועג זיך
בשתיקה!
און זיין זאָל אַזוי: ווי נאָר איר וועט זיין אָנגעברייט שוין צום אָפשיף,
טאָ זאָל אויפן וואונק מיר אַ חבר לויפן ברענגען אינם היכל די
בשורה. בינתיים וועל איך פון דאָרט אַ גינגילדן
חפץ מ י ט נ אָ ך ע פ ע ס ש ע נ ע ר ס ראַבירן, — מיט וואָס
איך וועל אייך פאַרן
הוצאת־הדרך באַצאָלן! — הערט: אויף מ י י ן שויס איז דער יונגסטער
בן־מלך געוואָרן געכאָוועט, און נייערט צו מיר ער טוט זיך
צו צערטלען. דערום וועל איך אויכעט דעם קליינינקן לויפער מיטברענגען
אַהערצו, פאַר וועמען איר וועט אין מרחק אָפלייזן אַ מטמון! — —“
געזאָגט; און אומגעקערט האָט זיך די זונה צום הייליקן היכל.
אָבער אַ גאַנץ יאָר זענען די צידונישע סוחרים אויפן אינזל
פאַרבליבן, און זייער טרייב־שיף מיט כלערליי סחורות פאַרלאָדן.
אָבער נאָכן יאָר, אַז די שיף האָט גענומען גרייטן אין וועג זיך, איז
באַלד אַ מבשר געפלויגן צום היכל אָנווינקען די בשורה.
און נון האָט בערמה אויף דער שוועל פונם בורג דער מנוול געטון זיך

באַווייזן, וועלנדיק פלומרשט אַ גילדענעם ברוסטשעך, באַזעצט מיט
עלעקטראָן, פאַרקויפן. — — אָבער געווען איז, בעת מיין מוטער מיט
די מיידלעך האָבן אַזוי איינגעהאַנדלט דאָס טייערע חפץ ! —
האָט דערווייל דער גזלן אויפן וו א ו נ ק זי געכאַפּט און אומגעקערט
זיך צו דער בייכיקער שווים-שיף. האָט באַלד טאַקע די דינסט מיך
געכאַפּט בייַ
הענטל און ווייט-ווייט פונם פּאַלאַץ האָט זי געטון מיך פאַרפירן. און
מיטגעשלעפט האָט זי פון דער עס-שטוב דריי גינגילדענע כוסות, וואָס
זענען אויפן טיש נאָך אַ גאַסטלעכער סעודה פאַרבליבן (מיט די געסט
האָט מיין פאָטער צו געמאַרקן אויף אַן אסיפה געגנידערט ; און
דערווייל האָט זי די געגנבעטע בעכערס אינם בוזעם באַהאַלטן !).
געכאַפּט און אַוועק ; און איך, תמימותדיק קינד, בין נאָך איר'ע שפריינ-טריט
געלאָפן ! — — — און נון האָט העליאָס געגוססט און אַלע פעלדער
באַשאָטנט. און מיט אייליקע טריט האָבן מיר צום בוכט, וואו די שיף
פון צידונים איז געוועזן פאַראַנקערט — געטון זיך געגעבן !
און אויף דער באַפליגלטער שיף האָבן מיר תיכף געגנידערט, און מיט
אויסגעלייטערטע ווינטלעך האָט קראָניאָן געטון אונז באַשיפן ! — —
אַט אַזוי זענען מיר זעקס מעת-לעתן כסדר געשוואומען, און
אַך : אויפן זיבעטן באַגינען האָט דזעאוס-קראָניאָן געבראַכט אונז
אַן אומגליק ! מיט דער פייל-שפיז האָט אַרטעמיס פאַרטיליקט די זונה, און
גלייך ווי אַ מעווע איז זי מיט אַ געדריידלטן טויט פאַר דער שיף-נאָז
געפאַלן ! און נון האָבן זיי פאַר פיש און פאַר ים-הינט איר פגר
געשליידערט, — און איך בין פאַרבליבן אַליין פאַרוויסט און פאַריתומט !
— — און נון האָבן קיין איטאַקאַ גענומען אונז גלעטן די ווינטלעך,
וואו פאַר שווערע גילדוינעם האָט אויסגעלייזט מיך לאַערטעס. און אַט
אַזוי ערשט האָב צום ערשטן מאָל דערזען איך די ליבע אַכייאַ !"
האָט דער גרויסער סבלן אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט :
„גלייב מיר, אָ געטלעכער פריינט אייאומייאָס, אַז ביז אין דער טיפסטער
נקודה פון האַרצן האָט מיך דיין שרעקלעכע מעשה צעעקבערט !
איבער דיר אָבער האָט זיך דזעאוס-קראָניאָן נאָך אַלע וויסטע
מכאובים דערבאַרעמט און אַ ה ע ר צ ו צום מלך-חסד געבראַכט
דיך, וואו דו ביסט כאָטש מיט אַ גוטער פרנסה באַוואָרנט. איך

אָבער, עלנטער וואָגלער, וואַנדער און בלאָנזשע אָן אויפהער צווישן
פעלקער און לענדער, און פון מענטשנס-גאָב בין מיין ברויט איך מקבל!"
אַזאַ געווען איז די טענה; און תיכף אינם רו-בעט גענידערט.
אָבער נישט לאַנג האָבן זיי באַוויזן צו שלאָפן. ווייל באַלד האָט מיט
צעצונדענעם גינגאָלד עאָס פאַררויטלט דעם מזרח! — — —
גראָד דענסטמאָל
האָבן טעלעמאַכאָסעס שיפער צום רוישיקן ים-ברעג זייער
שנייד-שיף פאַראַנקערט: אָפּגעבונדן אַלע זעגלען און מאַסטן און
זיך געפעדערט אויף יבשה אָנצוברייטן אַ מאָלצייט. און נון
האָבן די אויסגעהונגערטע יונגען אויף פליישן און ווייַנען
געטון זיך צו וואַרפן. אָבער נאָכדעם, ווי די זעטיקע סעודה
האָט אונטערגעלענט זיי די הערצער, האָט דער שיינער טעלעמאַכאָס
צעעפנט די לעפצן און זיין שפרוך האָט מיט שאַלונג געהילכט:
„חברים! טרייבט אַריין מיט די וועסלעס אין דער שטאָט אונזער
שווים-שיף
און איך וועל דערווייל צופוס אויפן ישוב צו מיין פאַסטוך גענענען.
ביזן אָוונט וועל איך בודק זיין דאָרט די שמירה, און דערנאָך ערשט אין
שטאָט זיך באַווייזן. וואָרים באַגינען וועל איך אייך פאַרן באַגלייט מיט
אַ קרבן-תודה באַשענקען: מיט פלייש און מיט ברויט און מיט ווייַנען!"
האָט דער בעל-מופס טעאָקלימענאָס געטון זיך צו פרעגן:
„און א י ך, אָ קינד מיינס? וואוהין זאָל א י ך איצט גענענען?
זאָג: צי זאָל איך
אינם פעלזיקן איטאַקאַ ביי אַ פרעמדן שר זיך באַשיצן, צי
אפשר גאָר באַלד טאַקע אינם היכל פון דיין מוטער גענענען?"
האָט אָבער דער קלוגער טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„הגם ביי אונז אין דער היים וואָלסטו זיכער אַ גוטע השגחה
געפינען; — איצט אָבער איז די צייט נאָך דערויף נישט געקומען!
פאַרוואָס? — ווייל דערווייטערט מיין פוס איז פון היכל; און אָפּגעשיידט פו
אַלע חתנים זיצט אויבן, ביחידות, מיין מוטערביים שפינען
און וועבן. — — דעריבער, אָ חוזה, זאָל דיין טריט איצט גענענען צו
אייאורימאַכאָס בן פּאָליבאָס, וועמעס נאָמען האָט פלוצלינג אין
איטאַקאַ, ווי אַ גאָט זיך צעקלונגען! צו א י ם, וועלכער גאַרט אַזוי

שרעקיק מיט בייזער גבורה דאָס איידעלע האַרץ פון מיין מוטער
געווינען און מיט איר זיך אַנטשפּייזן; בכדי דערנאָך זאָל נייערט
ע ר, נייערט ע ר ווערן דער יורש פון אונזער האַר אָדיסייאוס!...
(אָבער – אָבער נייערט גאָט דזעאוס, וועלכער שוועבט אין אָלימפּאָס טוט
וויסן, צי אינם טאָג פון אַנטשפּייזונג וועט אויך קומען די מפּלה! –")
געזאָגט; און זע: בעתן גערייד האָט פלוצלינג אַ יאַסטרויב אויף רעכטס זיך
צעפלאַטערט. און צווישן די קלאָען פון פייבאַסעס ליפער האָט
אַ טייבל געגוססט, וועמעס פוכיקע פליגלען האָט דער חלל
צעפעדערט, – אַז אין דער מחיצה פון דער שיף און בן-מלך האָט
אַ פוכיקער שניי זיך צעשאָטן! – און גיך, גיך האָט דער זעער פון
חברים דעם בן-מלך דערווייטערט און געדריקט אים די דלאָניע, און
ווייט, ווייט האָט זיין זעאונג צעשפּרייט זיך:
„קינד מיינס ! ושם דזעאוס האָט
פייבאָס פאַר אַ רעכטן סימן דעם שפּאַרבער געטון דיר באַווייזן.
און אַ ז אַ איז געוועזן זיין שליחות: חוץ א יי ע ר גזע וועט קיין
שום מלך אויף ערדן נישט שאַלטן און וואַלטן אין איטאַקאַ! – –"
און נון האָט מתוך-שמחה טעלעמאַכאָס צום חוזה געענטפערט:
„הלוואי, אָ פרעמדער, זאָל ווערן דיין גרויסע נבואה מקויים!
און זע: מיט טייערע מתנות וועל איך טון דיך באַשענקען, און
גלייך ווי אַ לויב-ליד וועט דיין שם-טוב אין מיין לאַנד זיך צעקלינגען!"
געזאָגט; און גיך, גיך האָט ער צום חבר פּיירייאָס גערופן:
„פאַרנעם מיין גערייד איצט, אָ חבר פּיירייאָס בן קליטיאָס, – ווייל
פון אַלע שיפער, וואָס האָבן אין פּילאָס געטון מיך באַגלייטן,
ב י ס ט ו מיר געוועזן דער ליבסטער! דעריבער טו צו זיך אַהיים
איצט מיין אורח פאַרבעטן, ביז איך וועל זיך אַדאָרטן באַווייזן!"
האָט דער גרויסער בויגן-צילער בן קליטיאָס דערויף אים געענטפערט:
„אויב דו, טעלעמאַכאָס, וועסט זיך אפילו מיטן היימוועג פאַרזוימען, –
וועל איך גאַסטפריינטלעך טון שפּייזן מיט ליבשאַפט דיין טייערן אורח!"
געזאָגט; און נון האָט ער אין דער שיף זיך געפעדערט. און אויף זיין געהייס
האָבן אָפּגעפּענטעט די שיפער די פאַראַנקערטע טרייב-שיף; אויף

די שיף־בענק געזעצט זיך, און זיך אײַליק פאַר די וועסלעס געוואָרפן.
טעלעמאַכאָס אָבער האָט אַרומגעשנירט זיך די פיס מיט די שיינע
סאַנדאַלן, און אַ צוויישאַרפיקע שווערד פון דער שיף זיך גענומען. — — און
מיט אַ שטויס האָבן דערוויילע חברים דעם זעגל פונם ים־ברעג
דערווייטערט און צום כרך זיך פאַרקירעוועט: קלאָר ווי טעלעמאַכאָס
בן אָדיסייאוס האָט געטון זיי באַפעלן! — —
אַליין אָבער
האָבן אים די אײַליקסטע טריט איבערן ישוב געטראָגן; אויפן דאָרף,
וואו עס פּאַשען אָן צאָל זיך די סטאַדעס חזירים, וועלכע ווערן
אונטער דער שמירה פון פאַסטוך — פאַר האַרן באַהיט און באַשירעמט!

# דאָס זעכצענטע געזאַנג

אָדיסייאוס טוט זיך באַקענען צו
זיין זון טעלעמאַכאָס.

און נון האָט זיך אָדיסייאוס מיטן געטלעכן פאַסטוך באַגינען
געפעדערט, בכדי פאַרן אַרויסטרייבן די שומרים מיט סטאַדעס אויף
פעלדער, — אָנצוברייטן ביים פייער אינם געצעלט זיי אַ מאָלצייט. —
דערווייל אָבער האָט טעלעמאַכאָס צום געצעלט זיך דערטראָגן; און
די אייביקע בילערס זענען אַרום זיינע פיס־טריט געשפרונגען:
אים באַלעקט און באַשמעקט און געלאַשטשעט. און באַלד טאַקע איז זייער
ווײדל־געדריידל צום אויג פונם האַר אָדיסייאוס דערגאַנגען, אַז
ער האָט אַזש פאַרן פאַסטוך צעשאַלט זיך:
„אייאומייאָס?! דאַכט זיך, אַז ווער
פון די נאָענטע אָדער אַ פאַסטוך טוט זיך אַהערצו גענענען;
ווייל אַרום זיינע טריט — הער איך — ווי עס סקאַמליעען מיט חניפה די
כלבים!"
אָבער איידער וואָס, איידער ווען האָט פלוצלינג דער בן־מלך
אויף דער שוועל זיך געיאַוועט, אַז פון שרעק איז אויפגעשפרונגען
דער פאַסטוך.
און זע: פונם מופת צעטומלט, — האָט אַזש די מיש־קאַן אויף ווײנען
אַרויסגעגליטשט זיך אויס דער האַנט פונם געטלעכן פאַסטוך. און מיט
פריידיק געוויין איז ער אויפן האַלז אים געפאַלן: גענומען קושן
דעם קאָפּ און די הענט אוןביידע שטראַליקע אויגן, אַזש פריידיקע
טרערן האָבן פון זיין אויג זיך געפערלט! — — אָ! אַזוי ווי
אַ פאָטער, וואָס האָט פלוצלינג זיין בן־זקונים, דעם געצערטלטן
בן־יחיד, נאָך צען דערווייטערטע יאָרן אין מרחק ווידער מיט
פריידיקער ליבשאַפט באַגעגנט; — אָט אַ ז ו י האָט אויך אייאומייאָס,

ווי אַן אויפגעקומענעם פון תחית־המתים, — דעם בן־מלך געדריקט איצט צום האַרצן!

און נון האָט ער מיט טרערן צעשאַלט זיך:

„ביסטו דאָס? צי ביסטו דאָס באמת, אָ טעלעמאַכאָס, דו מיין ליכט און מיין לעבן? — — אַך! מיט דיין אָפּפאָר אין פּילאָס האָב איך תיפף אַ יעדן בטחון פאַרלוירן. — — איצט אָבער: קום! קום אַריין אין געצעלט. קום! — און זאָל דיין אָנבליק, אָ קינד מיינס, מיין האַרץ דערקוויקן!!

זע: זעלטן האָסטו אַהערצו אויפן ישוב צום געצעלט פון דיין פּאַסטוך פאַרבלאָנזשעט. ווייל צום שטאָטישן תענוג, וואו עס בושעוועז אינם שלאָס די ווילדע חתנים האָט לעצטנס דיין האַרץ געצויגן! — —“

האָט אָבער דער קלוגער טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:

„ניין! צו דיר, צו דיר בין איך איצט, אָ אַלטינקער פאָטער, געקומען. ווייל נייערט אויף דיין לעפץ טוט הענגען די בשורה, צי עס ווײַלט נאָך מיין מוטער מיט בענקשאַפט אין היכל אָדער זי האָט זיך באַצייטנס מיט אַ צווייטן אַנטשפּויזן, אַז אַרויסגעשטויסן און פאַרייַנזאַמט שטייט ליידיק אָדיסייאוסעס מאַנס־בעט מיט מיאוסן שפּין־וועב געפאַנגען!“

האָט אייאומייאָס, דער פּאַסטוך־באַהערשער, דערויף אים געענטפערט:

„אָ! מיט גרויס בטחון זי וואַרט נאָך כסדר מיט בענקשאַפט אין היכל! מיט שווערן געקלאָג באָדן אירע טעג זיך אין ווייטיק, און מיט קלאָגיקע טרערן טוט זי די טונקעלע חצותן פאַרטרינקען!“

געזאָגט; און בעת טעלעמאַכאָס האָט איבער דער שטיי־שוועל גענידערט, האָט דערווײַלע אייאומייאָס זיין אייזערנע פּיקע באַהאַלטן.

און נון האָט אָדיסייאוס לכבוד דעם פרעמדן פון זיין אָרט זיך דערהויבן... אָבער אָפּגעהאַלטן האָט אים דערפון טעלעמאַכאָס:

„בלייב זיצן אויף דיין אָרט זיך בשלום, אָ חבר, ווייל פאַר מיר וועט אין מיין היים דאָ שוין דער פּאַסטוך אַן אַנדער ווינקל פאַרזאָרגן!“

געזאָגט; און נון האָט ווידער דער פאָטער אויף זיין אָרט זיך געוואָרפן; בינתיים האָט אויסגעבעט אייאומייאָס אַ באַבלעטערט ווינקל; מיט אַ פעל־דעק פאַרשפּרייט עס, און בן־אָדיסייאוס — זיין אָרט

האָט פאַרנומען. דערויף האָט פון די נעכטיקע שריים געטון
די פליישן דערלאַנגען דער פאַסטוך; צוגעגרייט אַ געפלאָכטענעם
קויבער מיט ברויטן; געגומען מישן אין הילצערנע כּלים די
ווייגען, און דערנאָך ערשט קעגנאיבער דעם האַר אָדיסייאוס אויך
ז י ך אויף זיין זיך־אָרט געוואָרפן.
אין נון האָבן אויסגעשטרעקט זיי די
הענט צום מאָלצייט. — אָבער געווען איז, ווען די זאַטיקע סעודה האָט
אונטערגעלענט זיי די הערצער, האָט די לעפץ פון טעלעמאַכאָס מיט
זיין שפרוך זיך צעעפנט, און ביי זיין פאַסטוך געפרעגט זיך מיט שאַלונג:
„טאַטענקע מיינער! ווען און פונוואַנען איז דיין אורח אַהערצו
געקומען? ווי אַזוי רופט זיך זיין שבט, זיין לאַנד און די אבות? —
אָ, בשום־אופן איז ער דאָך אַהערצו צופוס נישט דערגאַנגען?!"
און נון האָסטו, אָ פאַסטוך אייאומייאָס, דערויף אים געענטפערט:
„קינד מיינס! בנאמנות, אַז איך וועל דעם אמת טון דיר אַנטפּלעקן!
הער: ווייט, ווייט איז זיין שבט; און קרעטאַ — זאָגט ער — רופט
זיך זיין היימלאַנד.
נון האָט דער שווערער פסק־דין פון צעפייערטע געטער פון זיין היים
אים פאַרטריבן, אַז איבער ווייטע וועלטן פאַרוואָגלט ער זוכט איצט
אַ תיקון! — איצט אָבער איז ער פון אַ טעספּראָטישער רויב־שיף אויף
אונזער ישוב אַנטלאָפן, — און זע: גייערט אונטער ד יי ן רשות איך
גיב דיר דעם פרעמדן, אַז רוען זאָל איבער זיין קאָפּ דיין השגחה!"
האָט טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף אים געענטפערט:
„אייאומייאָס! דיין זאָג און דיין בשורה האָט דאָס האַרץ מיר צעריסן.
ווייל אויף וואָסער אופן וועל איך דען קאָנען אינם היכל דעם אורח
באַשיצן דאָרט, אַז איך גופא בין אַזוי יונג און אַזוי שוואַך?
זאָג: וועט ער דען געפינען אַ טרייסט אונטער מיין שוואַכער השגחה? —
בפרט איצט, ווען צווישן צוויי החלטות טוט שוועבן דאָס האַרץ פון מיין
מוטער: צי זאָל זי ד אָ אין דער היים נאָך, — צוליבן פאָלק און
צוליב דער
בושה פאַרן מאַנס־בעט, — פאַרבלייבן; צי גאָר מיט עפּעס אַ יונג פון די
ווילדע חתנים טון זיך אַנטשפּויזן: מיטן שטאַרקסטן פירשט פון אונזער
אַכייאישער עדה, וועלכע וועט זי מיט מתנות פאַרשיטן!!?

הײנט וואָס-זשע זאָל איך איצט טון פאַר דײַן אײדעלן אורח ? — —
אָבער הער :
מיט אַ העמד, אַ געוואַנד און אַ צודעק, מיט שײנע סאַנדאַלן וועל
איך אים באַשענקען ; דערצו נאָך וועל איך אַ צווײשאַרפיקע שווערד אים
דערלאַנגען, און, — זאָל ער גײן זיך בשלום, וואוהין זײַן האַרץ וועט נאָר
גלוסטן ! — אויב אָבער דו ווילסט דווקא, אַז ער זאָל אינם געצעלט דאָ
פאַרבלײַבן, — טאָ וועל א י ך אים אַלײן שוין מיט שפּײַז און מיט
קלײדער
פאַרזאָרגן, אַז דו און חברים זאָלן נישט ווערן געקריוודעט !
אַ ה י ן אָבער צו דער צעיושעטער חברה (וועלכע טוט אָן
רחמנות מײַן היכל ראַבירן) זאָל זײַן פוס נישט געגענען ;
ווײַל זײער לצנות — אויפן חשבון פון אורח — וועט מײַן האַרץ
צעברעכן ! אָ, צי וועט דען אפילו דער שטאַרקסטער גברן פּרוּוון
זיך שטעלן ביחידות אַקעגן אַ רבים, בפרט נאָך ווען
זײ קעמפן געמײנזאַם ?״
האָט אָדיסײאוס דערויף אים געענטפערט :
„קינד מײנס ! טו גנאָד צו דײַן עבד, און דאָס וואָר פון מ ײַ ן
לעפץ זאָל א ו י כ ע ט
צו דײַן האַרצן דערגרײכן ! (אַך ! די מעשים-תעתועים פון דער
ווילדער הבריא אַקעגן דיר, אָ אומבאַהאָלפענער יונגלינג,
האָט דאָס ליבע האַרץ אין מײַן בוזעם אויף שטיקער צעריסן !) —
דערום זאָג :
צי פאַרטראָגסטו באהבה די שווערע נגישות, אָדער האָט
אפשר דער צעפײַערטער הימל מיט פײַנט און מיט שונאים אויף דײַן
קאָפּ זיך צעגאָסן ? — און אפשר גאָר זענען די מורדים ווי ברידער
אויף בײזע מלחמה-מהימות, וועלכע טוען אינם געטומל
אײנער דעם צווײטן פאַרגעסן ? ? ! אַך ! ווען א י ך וואָלט געווען איצט מיט
כ ו ח, ווי מיט ש כ ל באַלאָדן ; — — אָך, ווען א י ך וואָלט
געווען איצט אַ ז ו ן
פונם גרויסן האַר אָדיסײאוס, אָדער ע ר אַלײן גאָר (ווען
עס טרײַבט שוין בקרוב צום הײמלאַנד). אַך ! אויב איך וואָלט געוועזן —
— — אַהאָ ! אפילו ווען דער שונא וואָלט געטון מיך צו קעפּן, — וואָלט

איך עוקר מן השורש געוועזן די ווילדע הבריא:
איבער זייערע חורבות געטרעטן און זיך אַריינגעריסן
מיט אימפּעט צום היכל פון לאַערטעסעס זון אָדיסייאוס!... און
אויב אפילו איך יחיד וואָלט פונם רבים געוואָרן באַצווינגען, —
וואָלט איך שוין ליבערשט אויף מיין אייגענער שוועל
געקוקט דעם טויט אין די
אויגן, איידער צו פאַרנעמען ווי פרעמדע באַברען אַרום אין מיין
היכל!! — זע: מיט חוזק דאָרט ווערן די אורחים געפּייניקט; מיט
אומווירדיקער תאווה שלעפן אַרום זיך די יונגען מיט זונות
איבער די שיינע געמאַכן, און אָן צאָל איז דאָס געפרעס און דאָס
שיכּרות!"
האָט דער יונגיטשקער טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„זיידע! געגנען, און איך וועל אַלץ דיר אַנטפּלעקן: ניין! נישט
דאָס גאַנצע
פאָלק האָט זיין שנאה אויף מיין פּרצוף געוואָרפן. אויך זענען איצט נישט
די מורדים ווי ברידער אויף מלחמה־מהומות, וואָס טוען איינער
דעם צווייטן פאַרגעסן! ניין! ווייל ניי ערט מיט איינציקע
יורשים טוט
דזעאוס שוין דורות אונזער גזע באַשיצן! און הער: אויסן זאָמען
פון אַרקייזיאָס האָט זיין בן־יחיד לאַערטעס געטון זיך צו
פלאָדיען; פון אים ווידער איז נייערט אָדיסייאוס געוואָרן
געבוירן, און פון מיין טאַטן בין רק איך געוואָרן געוואונען.
אָבער וואָס? אַז ער איז גאָר אַוועק אויף מלחמות און קיין פּיצל
נחת נישט געטון זיך דערלעבן? — — דערום טאַקע שאַלטן אינם
שלאָס דאָרט
די שונאים, וואו אַלע בחורים פון אונזער פעלזיקער היימאַט
איטאַקאַ זענען פון סאַמע, דוליכיאָן און פונם וואַלדיקן
זאַקינטאָס אַהערצו געקומען אַנטשפּויזן מיין מוטער! אָבער
זע: נישט עליל איז מיין מאַמע צו אַזאַ מין באַשלאָפונג! דערפאַר
טאַקע מאַכן זיי חרוב ונחרב דעם היכל, אַז בקרוב
וועלן זיי אויך מיך דאָרט פאַרלענדן! — און צו וועלכן סוף דאָס אַלץ וועט
נאָך ברענגען — ווייסן נייערט די הימלען! — — —

— — דערום איל זיך, אָ פּאַסטוך, צו
מיין מוטער פּענעלאָפּייאַ און זיי איר מבשר, אַז איך בין
שוין פון פּילאָס געקומען בשלום. איך ווידער וועל אינם געצעלט
דאָ מיטן פרעמדן פאַרבלייבן, ביז וועסט זיך אומקערן און זיין מיר
מבטיח, אַז אָן אַ זייטיקן אַכייער האָסטו געבראַכט איר
די בשורה; ווייל מיט הויערונק זיי גערן צו טון מיך פאַרציקן!"
און נון האָסטו, אָ פּאַסטוך אייאומייאָס, דערויף אים געענטפערט:
„אויך איך האָב דאָס זעלבע גערעכנט! איצט אָבער זאָג: אפשר וואָלט איך
שוין, בדרך־אגב, אויך דעם אַלטן לאַערטעס געטון ברענגען
די אייגענע בשורה? ווייל פ ר י ע ר פלעגט ער פאָרט נאָך מיט זיינע
לאַנדסלייט ווענס פראַוועז אַ סעודה און באַווייגען אויף פעלדער זיין זון
אָדיסייאוס. איצט אָבער — שמועסט מען, — אַז זינט דו האָסט אין פּילאָס
געצויגן, איז נישט ער טוט עסן און טרינקען, איז נישט ער וויל זען
מער די פעלדער; נייערט מיט שווערע יסורים ער פּייניקט אין
טרערן דאָס נפש, און זיין הויט ווערט אַזש אויף די ביינער פאַרטרוקנט!"
און נון האָט דער יונגיטשקער טעלעמאַכאָס, דער זון פונם
שווער געליטענעם העלד אָדיסייאוס, דערויף אים געענטפערט:
„יאָ, גרויס איז די ווייטיק! פונדעסטוועגן זאָל ער איצט מיט זיין קלאָגן
פאַרבלייבן. וואָרים אויב אַ מענטש איז באַשערט ווענס זיין רצון
דערגרייכן, — טאָ גאַר איך, אַז מיין פאָטער זאָל וואָס גיכער אַהער זיך
אַנטפלעקן!... בכן: איל גיכער צו מיין מוטער מיט דער ליכטיקער
בשורה, און טו פאַרמיידן די פעלדער פונם אַלטן לאַערטעס. און
בינו־לבינו זאָל אויך אַ באַדינערקע לויפן געבן צו
וויסן דעם זיידן, אַז אויך דער זקן זאָל פונם סוד זיך דערוויסן!"
געזאָגט; און באַפוילן זיך איילן.
נון האָט פאַר די סאַנדאַלן
געכאַפּט זיך דער פּאַסטוך און אַרויסגעמאַכט זיך פונם געצעלט מיט דער
בשורה! — — —
אָבער ס'איז געווען, בעת פּאַלאַס־אַטענע דאָס אַלץ האָט
פאַרנומען, האָט זי פלוצלינג ווי אַ בתולה, אַ יפת־תואר, אויפן
הויף זיך באַוויזן. און נון האָט זי מיט אַ שמייכל געשטעלט זיך
אַקעגן האַר אָדיסייאוס. — צו פאַרן יונגן טעלעמאַכאָס

אָבער געווען איז די זונג פאַרהוילן ; ווייל נישט יעדער בר־נש
איז זוכה ביי הימלען צו זען ווענס באַשיינפּערלעך געשטאַלטן פון
געטער ! — אָבער גלייך מיט אָדיסייאוסן האָבן אויכעט די הינט
געטון זי דערשמעקן. און זע : אָן אַ געבילעריי האָבן זיי
מיט ציטערניש געשאַרט זיך צום פאַרקן !
און נון האָט די געטין מיט
אַ רמז גערופן צום גבור. און נון האָט זיך דער גבור פאַר
דער געטין געפעדערט און פאַרנומען דאָס גערייד פון אַטענען :
„אָ איידעלער זון פון לאַערטעס, מעכטיקער העלד אָדיסייאוס !
טו תיכף פאַר דיין זון זיך אַנטפּלעקן, און נעמט שאַרפן אינאיינעם
די שווערדן, בכדי אַלע שונאים אויף דער שלאַכט־באַנק צו שעכטן ! —
גיי ! ווייל
אויך איך וועל דיר ביישטיין און צום קאַמף זיך דערהייבן ; וואָרים דער
חשק פון מיין כעס און נקמה טוט אויפן שלאַכטפעלד מיך טרייבן !"
געזאָגט ; און מיטן זילבערנעם שרביט אָנגערירט אים די אַקסלען. און
זע : כהרף־עין זענען זיינע שמאַטעס אויף טייערע
קליידער געוואָרן פאַרביטן. גיך, גיך האָבן אָנגעפולט זיך די
באַקן, אַזש בראָנזיק האָט אָנגעצויגן די הויט זיך. און אפילו
די קאָלטענעס פון דער גרייז־גרויער באָרד האָבן זיך ווידער אין
טונקל־געקרייזלטע לאָקן געכוואַליעט ! — — — און נון איז די געטין
צו־נישט דאָרט געוואָרן. אָבער ווי נאָר אָדיסייאוס האָט אויף דער שוועל
זיך באַוויזן, — איז, ווי פון גאָט אַ פאַרבליפטער, געבליבן פאַרשטיינערט
זיין זון טעלעמאַכאָס ; און מיט פאַרלוירענעם אָפּשיי געפרעגט זיך :
„ניין ! נישט דער פריערדיקער גייער דו ביסט איצט, אָ פרעמדער !
ווייל אַך :
אין הימלישע קליידער, מיט אַ געטלעך פּרצוף, דו ביסט מיר
געוואָרן פאַרביטן ! — — דערום, גנאָד צו דיר, גנאָד צו דיין הויכקייט,
אָ גאָט
פון אָלימפּאָס ! אַך זע, זע : פיל מאָלצייט־זבחים און מתנות
פון גינגאָלד איך טראָג דיר אַקעגן, און זיי אויף מיר זיך מרחם ! ! !"
האָט אָבער דער גרויסער האַר אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט :
„ניין ! נישט קיין גאָט בין איך ! אָ ! פאַרוואָס זאָלסטו צו זיי מיך פאַרמעסטן ?

# אַדיסייע

יידישע אוניווערסאל ביבליאָטעק

ליטעראַרישע לייטונג: שלמה שיינבערג

ערשטע סעריע:

# וועלט-ליטעראַטור

יידישע אוניווערסאַל - ביבליאָטעק

וואַרשע 1937

# האָמער

# אָדיססייע

## פון גריכיש: מ. ל. פעטשעניק

מיט אן אריינפיר פון שלמה שיינבערג

## דאס דריטע בוך

יידישע אוניווערסאל - ביבליאָטעק

1937 ווארשע

Druk. „Grafia", W.-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

— דײַן פאָטער בין איך!... נײַערט דײַן אײגענער טאַטע, צוליב וועמען
דו האָסט אַזוי פיל צער און בזיונות פון הולטאַיעס געליטן!..."
אַנטפּלעקט זיך; און מיט הײסע טרערן גענומען קושן זײַן ליבסטן
בן־מלך. (אָ! נאָך יאָרן האָבן ערשט איצטער די פאַרוואָגלטע
טרערן אויף ערדן גערינזלט! — — ) טעלעמאַכאָסן אָבער האָט אַלץ
ווי אַן אומגעלומפּערטער חלום געטראָפן, אַז ער האָט אַזש פון
ספקות צעשאַלט זיך:
„נײן! נישט דו ביסט מײַן פאָטער אָדיסײַאוס. — רק
עפּעס אַ שטן טוט מיך פאַרפירן, אַז נאָך שווערער זאָל איך
אויסגײן פון בענקשאַפט: וואָרים זאָג: וואָסער מענטש וואָלט, חוץ אַ הימלישן
גאָט, געקאָנט אַזאַ מופת באַווײַזן, אַזוי מיר נישט, דיר נישט פון
אַן אַלטיטשקן בעטלער צו ווערן אין אַ יונגליי מגולגל??
אָט ביסטו נישט לאַנג נאָך אַ בעטלער, אַ לאַטוטניק געווען, — ערשט
פלוצלינג האָט דײַן געשטאַלט אין אַן אָלימפּישן גאָט זיך פאַרביטן!"
האָט אָבער דער כיטרע זון פון לאַערטעס דערויף אים געענטפערט:
„באמת, אָ קינד טעלעמאַכאָס, אַז נישט בחינם ביסטו מיר
געוואָרן מבולבל, ווען דײַן פאָטער האָט אַזוי פלוצלינג צו פאַר
דיר זיך באַוויזן! קינד מײַנס! אַ צווײטן אָדיסײַאוס וואָלט דאָך נישט
קײנמאָל אין איטאַקאַ געצויגן; חוץ מיך, חוץ מ י ך, דײַן עלנטן
פאָטער, וועמען דער גורל האָט נאָך צוואָנציק פאַרוואָגלטע יאָרן
ווידער געטון זיך באַווײַזן! און הער: נײַערט אַטענע, וועלכע
האָט פון אַלע יסורים געטון מיך באַשיצן, — האָט פריער
אין אַ געלאַטעטן בעטלער צו פאַר דײַן אויג מיך געוויזן;
און אויך ז י האָט מיך איצטער אין אַ פּרעכטיקן גבור פאַרוואַנדלט!
אָ! מיט לײַכטקײט באַווײַזן די הימלישע געטער אַ מענטש צו
פאַרטומלען, און מיט לײַכטקײט זײ טוען פון דער ערד אים דערהײבן!"
געזאָגט; און אויף זײַן אָרט זיך געוואָרפן. און נון איז דער בן־מלך
מיט פריידיקן געיאָמער אויפן האַלז אים געפאַלן. מיטאַמאָל אָבער
זענען בײדע, אַך בײדע, אין אַ שווער קלאָג־ליד פאַרגאַנגען.
אַן אומדערמידלעך קלאָג־ליד פון אַ שאַרף־לאָקיקן יאַסטרויב און
שאַרף־צאָניקן גײער, בײַ וועמען עס האָבן די דאָרפסלײַט די

נעסטן מיט יונגוואַרג צעטרעטן! און לאַנג, לאַנג וואָלט נאָך זייער וויסטע
יללה אפילו דער צערוויטלטער מערב און העליאָסעס
גסיסה געטון נישט פאַרלעשן, — ווען נישט טעלעמאַכאָס, וועלכער האָט
פלוצלינג ביים פאָטער אָדיסייאוס גענומען פרעגן מיט שאַלונג:
„...און וועמעס שיף, אָ מיין פאָטער, האָט אין איטאַקאַ געבראַכט דיך?
פון וואָסער אומה און פון וואַנען האָט איר אייך שווימען געלאָזן;
ווייל בשום-אופן ביסטו דאָך אַהערצו צופוס נישט דערגאַנגען?!"
האָט אָבער דער שווער געליטענער פאָטער דערויף אים געענטפערט:
„אָ קינד מיינס! אויף דיין בקשה וועל איך אַלץ דיר פאַרציילן! הער:
באַהאַרצטע פאַיעקישע שיפער האָבן צו שווימען געבראַכט מיך
אַהערצו, זיי, די גרויסע מכניסי-אורחים, וואָס טוען יעדן
פאַרבלאָנזשעטן גייער באַגלייטן! זע: פאַרזונקען אין שלאָף, האָבן
זיי צו איטאַקאָס ים-ברעג דערפירט מיך אַ מידן; און מתנות
פון גינגאָלד און רודע און וועבענע קליידער האָבן זיי געשענקט
מיר צום אָנדענק! און נון האָב איך אויפן באַראָט פון די געטער אַלע
מתנות אין אַ הייל וואו באַהאַלטן. אָבער אויפן געהייס פון
אַטענען בין איך אַהערצו געקומען, בכדי מיר ביידע
זאָלן פאַרלענדן דעם שונא! דערום, דערהייב זיך, געגען זיך, אָ זון
טעלעמאַכאָס, און גיב מיר די צאָל פון דער צעבושעוועטער
חברה משחיתים צו וויסן! פאַרוואָס? — ווייל ווערליק זייער צאָל, וועל
איך זיך קאָנען פאַרטראַכטן, צי זאָלן נייערט מיר ביידע דעם
שונא פאַרציקן, אָדער צי זאָלן קומען צו הילף אונז חברים!"
האָט דער צערודערטער טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„טאַטע! אייביק איז דיין ווילדע קראַפט און דיין שם-טוב איינאיינעם מיט
דיין שווער-באַלאָדענער חכמה אַלס יועץ צו מיינע אויערן
דערגאַנגען. איצט אָבער זע: צי האָסטו צומאָל נישט איבערגעכאַפּט
די מאָס מיט דיין דרייסטקייט, אַז מיר, זאַלבערצווייט, זאָלן אַקעגן
אַזוי פיל גבורים זיך שטעלן אַקעגן? וואָרים רעדט זיך נישט
איין, אַז דאָרטן הודזשען אַ מנין אָדער צוויי מיט חתנים. ניין!
באַרעכן נאָר זיי: פון דוליכיאָן האָבן צוויי-און-פופציק
גבורים אַהערצו געצויגן; און זעקס יונגען האָבן געטון

זיי באַגלייטן. נאָך זיי איז פון דער באַרגיקער סאַמע אַ חברה
פון פיראונצוואַנציק הולטייעס געקומען. און ערשט שפּעטער האָבן
זיך פון זאַקינטאָס צוואַנציק אַכייאישע שרים געיאָוועט, און
צוגעשטאַנען צו זיי זענען אויך צוועלף שטאַרקע איטאַקאַנישע
גבורי-מלחמה! דערנאָך האָט אויך מעדאָן (דער העראָלד) מיט זיי
זיך פאַראייניקט; דער חזן, און צו זיי אויך צוויי קצבים, וועלכע
שעכטן און שניידן די פליישן. היינט, — וואָס וועלן מיר טון, אויב אַזאַ
חברה וועט אונז קומען אַקעגן? דערום באַרעכן זייער ווילדע
נקמה, און טו פאַרבעטן חברים, זיי זאָלן אונז ביישטיין!״
האָט אָבער דער מוטיקער אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט:
„דער זאָג פון מיינע לעפצן זאָל דערגיין צו דיין האַרצן, אָ קינד מיינס!
— צי איז דיר נאָך ווינציק, וואָס פאָטער קראָנאָס מיט פאַלאַס-אַטענען
וועלן קומען צו הילף אונז, — וואָס דו שיקסט מיך אַזש זשעברען ביי
פרעמדע?״
האָט דער יונגיטשקער חכם טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„יאָ, וואָרהאַפטיק! אַ גרויסע באַשיצונג איז דאָס הימלישע פּאָרל,
וועמעס כסא-מלכותא באַקרוינט מיט קדושה די הימלען; און
קירעווען אויף ערדן מיט גורלות פונם זינדיקן מענטשן״.
האָט דער גרויסער סבלן אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט:
„דערום בין איך זיכער, אַז נישט מיט פאַרלייגטע הענט וועלן שטיין
זיי פון
וויטן, בעת עס וועט זיך אַ מלחמה אין מיין היכל צווישן
אונז און חתנים צעשפּילן. ניין! אַרעס אַליין וועט זיין איר
מכריע! — און נון זאָלסטו מאָרגן כּאור אינם היכל געגענען
און פאַרברענגען אינאיינעם מיט די ווילדע חתנים. מיך ווידער
וועט שוין דער פאַסטוך אַהינצו באַגלייטן, וואו איך וועל אַזוי
פלוצלינג, ווי אַן אָפּגעריסענער בעטלער, פאַר זיי זיך באַווייזן.
און אַז ס'וועט זיין, אויב די חתנים וועלן מיט ביטול מיר שפּייען
אין פּנים, טאָ זאָלסטו מיט קאַלטן ישוב-הדעת נייערט קוקן
און שוויגן. און אויב אפילו זיי וועלן ביי די פיס מיך אויף
יענער זייט הויז-טיר מיט רציחה פאַרשלעפּן; מיך זידלען און
שלאָגן — טאָ זאָלסטו רק שוויגן!! מיט גוטענקע רייד וועסטו פּרווון

זיי בעטן, אָבער וואָסער פּעולה וועט דען האָבן דיין תּפילה,
אַז איידער וואָס, איידער ווען וועט שוין דער פּאַרטיליקטער טויט איבער
זיי זיך פאַרשפּרייטן ?! — — און ווידער בין איך דיך איצט מתרה :
ווי נאָר די
אייבערשטע פּאַלאַס-אַטענע וועט אינם היכל צו פאַר מיין אויג זיך
אַנטפּלעקן, וועל איך מיט אַ וואונק דיר טון שוין צו וויסן. טאָ זאָלסטו
טאַקע תּיכּף אַלע כּלי-מלחמה פון דער שרעקלעכער אַרעס
פאַרנעמען, און ערגעץ אין אַ ווינקל פונם בוידעם מיינע וואָפן
פאַרשטעקן. און אויב די חתנים וועלן אַרומזוכן מיין
שאַרף כּלי-זיין, — טאָ זאָלסטו מיט שאַלונג זיי זאָגן בערמה :
„אָ, פון רויך און פון זשאַווער האָב איך געטון זיי באַהאַלטן ;
ווייל שוין
זענען זיי נישט מערער די אייגענע שווערדן, וואָס אָדיסייאוס,
מיין פאָטער, האָט פאַר זיין אָפּפאָר אין איליאָן איבערגעלאָזט !
זעט : מיט רויך און מיט סאַדזע זענען זיי פונם אַרומיקן פייער
געוואָרן פאַרזשאַווערט. חוצדעם האָט דזעאוס געטון מיר צו וויסן,
אַז איר זאָלט אייך, חלילה, בעתן שיכּרות-געפילדער צום אייזן
נישט וואַרפן, און נישט זיין אויך מחלל מיט בלוטן די הייליקע
מצווה פון סעודת-אהבה, — ווייל אייביק טוט אייזן צום גבור
זיך קלעפּן !...”
„אַזוי זאָלסטו שאַלן. — צו פאַר א ו נ ז אָבער זאָלסטו
אָנברייטן צום אָנגריף : צוויי שווערדן, צוויי שפּיזן מיט צוויי פעלענע
פאַנצערס, — און אַטענע מיטן בעל-יועץ דזעאוס-קראָניאָן וועלן
אונז טון שוין באַשירעמען ! — — — נאָך עפּעס : אויב דו ביסט באמת דער
שפּראָץ פון מיין בלוט און מיין זרע, — טאָ זאָל זיך איך היכל נישט קיינער
דערוויסן, אַז אָדיסייאוס האָט ווידער זיין היימלאַנד געפונען. —
אַ סוד זאָל דאָס בלייבן פאַרן אַלטן לאַערטעס ; אַ סוד פאַרן פאַסטוך
אייאומייאָס און אַ סוד פאַר דער האַרינטע פּענעלאָפּייאַ !
און זאַלבערצווייט וועמיר דאָרט אויספּרוּוון די ווייבערס נטיעה ; און
חוקר-ודורש זיין די געטריישאַפט פון אַלע עבדים : ביי
וועמען אין האַרצן מ י ר זענען אַלץ נאָך די הערשער פאַרבליבן, און
ביי וועמען עס האָט זיך אַ פונק פון מורד-במלכות צעפלאַקערט !”

האָט דער יורש־עצר טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„טאַטע! איך האָף, אַז מײַנע מידות־טובית װעלן בקרוב צו
פאַר דיר זיך באַװײַזן, און אויך מײַן זהירות װעט צו פאַר דיר זיך
אַנטפּלעקן! דערום װעט, װעדליק מ ײ ן חות־דעת, צו קײן שום טאָלק
אונז די
חקירה נישט קײנמאָל דערפירן. װײַל בשתיקה װעסטו מוזן
אויספּרוּװן די געטרײַשאַפט פון יעדן עבד באַזונדער, — בעת
אינם היכל װעלן דערװײַלע די בײזע משחיתים לאָזן זיך
װאוילגײן און אָן רחמנות דײַנע אוצרות צעטרעטן! — — אָבער װאָס
שײַך די װ ײ ב ע ר, — איז מײַן עצה־טובה אויפן פאַרהער זײ תיכף
צו נעמען, בכדי צו דערגײן, װער פון זײ עס איז אונז פאַלש און װער
געטרײַ נאָך פאַרבליבן! אָבער דעם אויסשפּיר לגבי די ז כ ר י ם
לײג אָפּ אויף אַ צװײט מאָל, ביז דזעאוס־קראָנאָס, דער פאָטער פון װײַטן
אָלימפּאָס, װעט שוין מכּוח דעמדאָזיקן ענין מיט אַ רמז
צו פאַר אונז זיך באַװײַזן!‟

אָט אַזוי האָבן בײדע געטענהט.
אָבער בינו־לבינו האָט די שיף מיט חברים (װאָס האָבן
טעלעמאַכאָסן פון פּילאָס געטון אין איטאַקאַ באַגלײטן)
צום כּרך זיך דערנענטערט. און תיכף, װען זײ האָבן צום באָרט זיך
דערשלאָגן און די שװים־שיף צום ים־ברעג פאַרפּענטעוועט, — האָבן
האַרציק,
מיט גאװה, די שטאָלצע מאַטראָזן אַרויסגעצויגן פונם פאָרדעק
די מכשירים און אַרײַנגעבראַכט צום הויז פון קליטיאָס אַלע
שײנע מתנות! און צום היכל פון אָדיסײאוס, דעם קיניג,
האָבן מיט אַ בשורה געשיקט זײ דעם העראָלד, בכדי מבשר
צו זײַן דאָרט דער אײדעלער פּענעלאָפּײאַ, אַז אויסגעזעגלט
אויפן ישוב האָט זיך איר זון טעלעמאַכאָס; און אַז אויף זײַן געהײס
האָבן זײ מיט אַ כיוון צום כּרך זיך דערנענטערט, — בכדי אירע
אויגן זאָלן מיט טרערן נישט האָגלען!

און זע: אונטערװעגנס האָט
זיך דער העראָלד מיטן פאַסטוך באַגעגנט, — אויף װעמעס לעפּצן עס איז
די זעלביקע בשורה געהאָנגען!

און נון האָבן ביידע אויף דער שוועל
פונם שער־המלך גענידערט, און צווישן אַלע בלאָנד־קעפּיקע
מיידלעך האָט אויסגערופן דער העראָלד:
„אומגעקערט האָט דיין זון זיך
אַהיימצו בשלום, אָ איידעלע מלכּה!"
דער פּאַסטוך אָבער
האָט בלויז צו דער מלכּה מיט זיין געשאַל זיך דערטראָגן און וואָרט אין
וואָרט דאָס סודות־גערייד פון טעלעמאַכאָס געטון איר דערלאַנגען.
געזאָגט; און גיך, גיך האָט זיך אייאומייאָס אויפן ישוב געפעדערט.
און נון האָבן מיט דערשלאָגענע הערצער אַרומגעדרייט זיך אין
היכל די ווילדע חתנים: פאַרצוקט און פאַראומערט האָבן זיי
פאַר די הויף־ווענט געשאַרט זיך; פאַרדאגהט אויף די בענק פונם
גאָרטן צו
דער אסיפה געזעצט זיך, ביז אייאורימאַכאָס בן פּאָליבאָס
האָט ערשט מיט זיין שפּרוך זיך צעעפנט:
„חברים! איינגעגעבן האָט
זיך טעלעמאַכאָסן די דרייסטע נסיעה, הגם מ י ר האָבן
געגלייבט, אַז דאָס וועט אים נישט קיינמאָל געראָטן! דערום לאָמיר
איילּיק
איבערן ים זיך אַ לאָז טון און מבשר זיין אונטערוועגנס פונם
אומגליק חברים, — און פון די געלאָקערטע וועגן אומקערן
צוריק זיי אַהערצו!"
אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן דעם
סוף פון זיין דרשה, האָט פּלוצלינג אַמפינאָמאָס געכאַפּט אַ בליק פון
דערווייטנס און דערזען, ווי האַרט צום ים־ברעג האָט איילּיק אַ שיף זיך
דערטראָגן, וועמעס צערודערטע שיפער האָבן מיט וועסלעס צום
בוכט זיך געשניטן, אַז ער האָט אַזש פריידיק צעשאַלט זיך:
„פאַרמיידט אייך
צו שיקן שליחים: אָט קומען אַליין די חברים! אָדער
גאָט האָט זיין אומגליק באַוויזן; אָדער זיי האָבן אים געקאָנט נישט
דעריאָגן!!!"
געזאָגט; און תּיכּף האָבן זיך אַלע פון די זיץ־בענק

צום ים־ברעג געפעדערט, אַרויסצושלעפּן די שיף אויף יבשה.
אָבער די מכשירים פון דער שיף האָבן אַריינגעבראַכט אינם היכל
די שטאָלצע עבדים!
אוּן נוּן האָבן זיי ווידער אויפן געמאַרק זיך
צעשאָטן, אוּן אַלע פרעמדע: סיי יונגוואַרג, סיי זקנים — פון דער
אסיפה פאַרטריבן. אוּן אַזוי האָט אַנטינאָיאָס צעשאַלט זיך:
„אָ, מיט נסים האָבן געטער פון חורבן געטון אונז באַשיצן!
זעט: טאָג־איין, טאָג־אויס האָבן מיר בערמה פון שפּיציקע בערגער
אויף די וועגן געלאָקערט. נאָך שקיעה האָבן מיר נישט קיינמאָל,
נישט קיינמאָל אויף יבשה גענעכטיקט. ניין! אין אַ פאַרכישופטן
קרייז האָבן מיר נאַכט־איין, נאַכט־אויס איבער ימים אויף אונזער שיף זיי
געדריידלט און טעלעמאַכאָסעס טויט אָפּגעוואַרט אין די חצותן, —
צום סוף אָבער, וואָס? — אַז דער הימל האָט ביז אַהיים אים באַשירעמט?!
בכן: קומט, און לאָמיר דאָ אַלע מיט אַ פרישער המצאה אים
אָפּטון אַ שטיקל, אַז ער זאָל פונם טויט זיך נישט קאָנען באַפרייען!
פאַרוואָס? — ווייל איך האַלט, אַז כּל־זמן טעלעמאַכאָס וועט אַרויסגליטשן
פון טויט זיך, וועלן מיר קיינמאָל נישט קאָנען צום תּכלית דערגרייכן.
ווייל זעט, זעט: ער איז שוין צו אַ בחור אַ כיטראַק געוואָרן
דערוואַקסן, און גאַנץ איטאַקאַ וועט אים ביישטיין אין אומגליק! — — ברידערר!!!
שטייט אויף; קומט, און לאָמיר תּיכּף צו דער הריגה זיך גרייטן, ווייל
איידער וואָס, איידער ווען וועט דער אַכייאישער ועד אויפן געמאַרק זיך
פאַרזאַמלען; און ווי: — איבער דער גאַנצער מדינה וועט ווערן
מפורסים, אַז מיר האָבן בערמה געטון אים פאַרלענדן!
אָ! מיט כּעס און נקמה וועלן דענסטמאָל די פעלקער אויף אונזער
נפש זיך וואַרפן, פונם לאַנד אונז פאַרטרייבן און אָפּריכטן גלות
וועלן זיין מיר געצווינגען! דערום: שטייט אויף! קומט, און לאָמיר אים תּיכּף
ערגעץ אין אַ ווינקל פונם כּרך אָדער אויפן ישוב דערשלאָגן,
על־פּי יושר מיטן האָב און גוטס זיך צעטיילן און נייערט דעם שלאָס
צו פאַר פענעלאָפּייאַ מיטן אויסדערוויילטן חתן באַשענקען! — — —

אויב אָבער איר זענט אייך ממאס פון מיין עצה און באַוויליקט
טעלעמאַכאָסעס לעבן מיטן האָב-און-גאָב פון זיין פאָטער, — טאָ
זאָלן מיר מער נישט אין זיינע אוצרות זיך באָברען; נייערט יעדער
פון אונז זאָל פון זיין אייגן עשירות באַשענקען די מלכּה מיט
רייכע געשאַנקען; און וועמעס כּלה-מתּנות וועט נעמען דאָס
האַרץ פון דער מלכּה, — אָט צו יענעם מאַן זאָל זי טון
זיך אַנטשפּויזן!"
געזאָגט; און אַ מוראדיק שטילשווייגעניש באַהערשט האָט די עדה.
און נון האָט זיך ערשט פונם גאַנצן שווייגיקן עולם אַמפינאָמאָס
דערהויבן. ער, וועלכער האָט דאָס גערייד פונם פאָטער ניטאָס
און פונם
קיניגלעכן זיידן אַרעטאָס געירשנט (אָ! אַלס יועץ פון
אַלע חתנים, איז ער פון דוליכיאָנס ווייצענע פעלדער
אַהערצו געקומען און בייערט זיין אײדל גערייד האָט די
מלכּה פאַרטראָגן!) און באַהאַרצט האָט אַמפינאָמאָס צעשאַלט זיך:
„ניין! אָן דעם רשות פון די געטער וועל איך נישט קיינמאָל דערלאָזן
דעם בן-מלך בערמה פאַרלענדן; ווייל אַ שרעק נעמט באַפאַלן,
אַז מען איז עוקר מן השורש אַ מלכות!!! — חברים! לאָמיר
פרעגן ביים הימל; און אויב די הריגה וועט ווערן ביים בית-דין
של מעלה באַוויליקט, — אָ, דענסטמאָל וועל איך אַליין מיט אייער הילף
אים פאַרציקן! אויב אָבער דער מעכטיקער דזעאוס וועט אָפּשטיין פון
קרבן — טאָ ראָט איך: נישט מורד צו זיין אָן די געטער!"
געזאָגט; און
געפונען חן האָט דאָס גערייד פון אַמפינאָמאָס ביי דער גרויסער
אסיפה, ווייל באַלד טאַקע האָבן אַלע פונם אָרט זיך דערהויבן,
אויפן שלאָס זיך געפעדערט און אויף גלאַנציקע טראָגנען צעזעצט זיך.
אָבער געשעען איז, ווען די פינסטערע בשורה איז צום אויער פון
פענעלאָפּייאַ דערגאַנגען (ווייל אונטערגעהערט דאָס גערייד פון
חתנים האָט מעדאָן, דער העראָלד, און איר דערלאַנגט די מסירה),
איז זי באַלד צום אויספיר געקומען, אַז מען דאַרף זיך באַשיינפּערלעך
פאַרן משחית באַווייזן. און באַלד טאַקע האָט זי, אַ באַגלייטע פון
מיידלעך, גענומען שפּרייזן צו די ווילדע חתנים. מיט אויגן

פון צניעות האָט די געטלעכע אשה מיט אַ פאַרשלייערט
פנים אויף דער שוועל זיך פאַרלוירן, און שאַרף (נאָר בלחש) האָט זי צו
אַנטינאָיאָסן געטון זיך צעשאַלן:
„הולטיי אַנטינאָיאָס!
הגם אויף אַלעמענס לעפצן טוט קלינגען דיין נאָמען מיט גאווה
הגם אין אין איטאַקאַ ווערסטו אייביק פאַר אַ חכם ונבון
פאַררעכנט, — היינט זאָג: איז דאָס אַלץ נישט קיין שקר? — — מנוול!
פאַרוואָס
ווילסטו אומברענגען מיין הייס־געליבטן און שווער־געליטענעם זון
טעלעמאַכאָס, בעת דזעאוס אַליין טוט אים באַשירעמען? — אַך,
אומווירדיק איז אַ ברודער־נקמה, בפרט נאָך פון איינעם, וואָס
ביי אונז אין הויז האָט זיין פאָטער מציל געווען פון טויט זיך! — — —
אָ! צי האָסטו פאַרגעסן, ווען דאָס פאָלק איז דיין טאַטן באַפאַלן,
בעת ער האָט מיט טאַפּישע רוצחים אַקעגן אונזערע
טעספּראָטישע ברידער צום רויב זיך דערהויבן? געדענק, מיט ווילדער
נקמה וואָלטן זיי זיכער געווען אים דאָס האַרץ פונם בוזעם אויף
שטיקער צעריסן; אויף זיינע חורבות געטרעטן, — אויב נישט מיין האַר
אָדיסייאוס, וועלכער האָט אַזוי שאַרף און פאַרעקשנט איינגעשטילט
די בהלה! — ד ע ר פ אַ ר, אָ אכזר, ווילסטו מיר איצטער מיט ווייטיק
באַצאָלן? מיין קינד מיר פאַרלענדן! און מיך אַליין פאַר אַ ווייב צו
באַגערן? — הער: א י ך וואָרן ד י ך, און ד ו ווידער וואָרן דיין
ח ב ר ה:
גענוג! פאַרמייד שוין, פאַרמייד די מרידה!!!”
האָט בן פאָליבאָס
דערויף איר געענטפערט:
„טרייסט צו דיר, טרייסט צו דיר; טרייסט צו דיין מידער
נשמה, אָ חכמת בת איקאַריאָס, אָ פענעלאָפּייאַ!
הער: כל־זמן עס טוט קלאַפּן מ יי ן דופק און כל־זמן די ערד וועט מיין
אויג נישט פאַרדעקן, — וועט קיינער נישט פּרוּוון פאַרלענדן דיין זון
טעלעמאַכאָס! מיט אַ הייליקער שבועה איך בין דיר מנדר,
אַז אומברענגען וועל איך דעם מערדער, וועמעס האַנט עס וועט צו אים זיך
דערהייבן, און נייערט מיין שווערד וועט אין זיינע דמים זיך באָדן!

אָ! נישט איינמאָל האָט דער לענדער-צעטרייסלער אָדיסייאוס אויף זיין
שויס מיך, מיט געבראָטענע פליישן געקאָרמעט און רויטע ווייַנען
צו די ליפּצן געטון מיר דערלאַנגען! דערום טאַקע איז מערער פון
יעדן בן-אדם זיין זון טעלעמאַכאָס מיר איינגעבאַקן אין
האַרצן; — אַז אַ קלאָג וועט זיין צו יעדערן חתנס רציחה, וואָס
וועט פּרוּוון אין זיין בלוט זיך צו באָדן!"
געזאָגט; אָבער אין טיפקייט
פון האַרצן האָט ער אַליין אויף זיין לעבן בערמה געלאָקערט. — — —
דערווייל האָט זיך די פאַראבלטע מלכה צוריק אויפן גאָרן
געפעדערט, און מיט רחמים האָט אַטענע פאַרוויגט זי אין דרימל!
און נון האָט מיטן אָנברוך פון ערבית אומגעקערט זיך אייאומייאָס
צום ישוב, וואו דער זון מיטן פאָטער האָבן מקריב געווען דאָרט
אַן איינײאָריק חזיר צום מאָלצייט. בינתיים אָבער האָט
אַטענע מיטן שרביט צו אָדיסייאוס בן לאַערטעס געטון
זיך גענענען, און זע: צוריק אין אַן אַלטיטשקן בעטלער מיט
שמאַטעס און לאַטעס איז געוואָרן מגולגל דער מלך, בכדי
פאַרן הייליקן פאַסטוך זאָל ניעט אַ בלאַנק טון זיין אמת פּרצוף,
אַז ער זאָל תּיכּף נישט לויפן אָנזאָגן דער מלכּה די בשורה!
און אַזוי האָט טעלעמאַכאָס דעם אייליקן פאַסטוך באַגעגנט:
„ברוך-הבא, ברוך-הבא, אָ פריינט אייאומייאָס! זאָג: וואָסער
בשורה האָסטו געבראַכט פון איטאַקאַ!? האָבן די חתנים שוין
אומגעקערט זיך פון די געלאָקערטע וועגן, אָדער היערן
זיי אויף מיר נאָך כּסדר?"
דו אָבער, אָ געטלעכער פאַסטוך, האָסט
דערויף אים געענטפערט:
„דעם אמת געזאָגט, האָב איך, זייענדיק אין
שטאָט, אפילו קיינעם געפרוווט נישט אַ פרעג טון. ווייל נאָכן ברענגען די
ליכטיקע בשורה, בין תּיכּף צוריק איך אויפן ישוב געפלויגן!
אָבער פון ד יי נ ע שיף-לייט האָב איך גראָד אויף דער שוועל
פונם שלאָס אַ העראָלד
באַגעגנט, וועלכער האָט מקדים געווען זיך מיט דערדאָזיקער
בשורה!.. און נאָך עפּעס האָב איך אונטערוועגנס באַגעגנט: ווייס, חייט

נאָכן כּרד, ווען איך בין אַזוי איילִיק פון הערמעסעס באַרג־שפּיץ צום
ישוב געלאָפן, האָט פלוצלינג אַ טרייב־שיף צום ברעג זיך געשניטן:
צום באָרט זיך דערנעענטערט, און פון די באַוואָפנטע שיפער געבלאַנקט
האָבן אין אויג מיר פיל שפּיזן און פיל שניידיקע שווערדן. —
בכן בין איך חושד, אַז דאָס זענען י ע נ ע, הגם איך ווייס נישט
אויף זיכער!״

גענאָגט; און מיט אַ הייליקן כּוח האָט טעלעמאַכאָס
צום פאָטער געשמייכלט; אָבער אייאומייאָס האָט זייער בליק נישט
באַגעגנט...

בינו־לבינו איז פאַרטיק געוואָרן דאָס מאָלצייט,
און זיי האָבן בהרחבה גענומען פראַוועז אַ זעטיקע סעודה.
אָבער נאָכן מאָלצייט, ווען דאָס עסן און טרינקען האָט אונטערגעלענט
זיי די הערצער, האָט אַ זיסע מנוחה אין שלאָף זיי געפאַנגען.

# דאָס זיבצענטע געזאַנג

טעלעמאַכאָס פעדערט זיך אין איטאַקאַ.

און באַגינען, ווען עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער געוועקט זיך,
האָט טעלעמאַכאָס בן אָדיס־יאוס געגעבן אַ טאַנץ אַראָפּ פון
געלעגער; אַרומגעבונדן די פיס זיך מיט שיינע סאַנדאַלן;
איינגעגראָבן אין דער דלאָניע די צוויי־שאַרפיקע שווערד; גענומען
גרייטן אין וועג זיך און מיט שאַלונג צו זיין פאַסטוך געטענהט:
„טאַטענקע! צום כרך איך באַגער איצט צו שפּרייזן און צו מיין מאַמען
אַדאָרטן גענענען, בכדי אירע אויגן זאָלן פון בענקשאַפט
נישט האָגלען, איידער איר בליק וועט אַליין מיך נישט האָבן באַגעגנט!
צו דיר אָבער, אייאומייאָס, איך טו איצט דיר באַפעלן: אויך אים, דעם
אומגליקלעכן קבצן, זאָלסטו צו דער שטאָט איצט באַגלייטן, וואו עס
וועלן באַהאַרצטע נדבנים פאַרן אָרימען גייער אַ שטיק ברויט
מיט אַ וויין־שלונג צום פאַרטרוקנטן גומען דערלאַנגען. וואָרים
איך בין שוין מער נישט ביכולת אַלע לייטן צו שפּייזן, בעת
מיך האָט דער גורל פאַראומערט! — אויב אָבער ער וועט מיינען, אַז איך
בין אים מבזה, — וועט וויסטער נאָך ווערן זיין גורל; ווייל זע: מיט
ליבשאַפט שאַל איך די וואָרהייט!"
האָט דער גרויסער בן־עוני דערויף אים
געענטפערט:
„אויך מיר, אָ חבר, איז דיין קעסט שוין דערעסן. ווייל זע:
איידער דאָ אויפן ישוב, — וועל איך גיכער אין שטאָט שוין באַווייזן
אויסצושטרעקן די האַנט אויף צו בעטלען און מקבץ צו זיין דאָרט
נדבות! אַך, ווערליק מיינע יאָרן, בין איך שוין נישט מערער צום
ישוב מסוגל, אַז אויפן וואונק פונם האַר זאָל איך זיין זיך מטפל
מיט דאָרפישער אַרבעט! — גיי; מיך ווידער וועט דערדאָזיקער מאַנסביל

אויף דײַן געהייס שוין באַגלייטן. אָבער ביזן אויפברי פון העליאָס וועל
איך דערווײַלע די אַלטיטשקע בײַגער בײַם פײַער דערקוויקן ; ווײַל
אין בעטלער-געוואַנדן וועט באַגינען מיך כאַפּן אַ פרעסטל, – און,
איר זאָגט דאָך אַליין, אַז אַ שפּאַרער מהלך פירט צו דער שטאָט צו ? !״
אַזוי געזאָגט האָט דער בעטלער. אָבער מיט אײַליקע טריט און מיט
אַ נקמה-באַלאָדן האַרץ אויף בייזע חתנים האָט
טעלעמאַכאָס אַרויסגעשײַלט זיך פון ישוב. – און גיך, גיך האָט עס
אָנגעיאָגט אים צום היכל, און נאָך גיכער האָט אָנגעשפּאַרט ער די
שווערד צו די זײַלן, און תיכף אויף דער שוועל זיך באַוויזן ! – – –
גראָד דענסטמאָל
האָט אײַאוריקלײַאַ איבערגעצויגן מיט פעלן די טראָנען.
האָט ז י טאַקע צום ערשטן דעם בן-מלך באַגעגנט. איז ז י
מיט אַלע באַדינערקעס אים געלאָפן אַקעגן און מיט
פריידיק געוויין גענומען קושן מיט לי[illegible]פט זײַן האַלז און זײַן
נאַקן !
און נון האָט אויך פּענעלאָפּײַאַ (מיט קיפּרישער פּראַכט, ווי
אַפראָדיס, און מיט גלאַנץ, ווי אַרטעמיס) אַרויסגעשײַלט זיך פון
איר פאַראײַנזאַמט חדר. אויף זײַן האַלז זיך געוואָרפן ; מיט טרערן
אויסגעקושט אים די שטראַליקע אויגן ; דעם קאָפּ און די באַקן, און
פון פרייד-געשריי אַ צעקאָכטע, האָט זי גערעדט און געציטערט :
„ביסטו דאָס ? צי ביסטו דאָס ב א מ ת, אָ טעלעמאַכאָס, דו מײַן
ליכט און מײַן לעבן ? – אַך ! מיט דײַן אָפּשיף אין פּילאָס האָב איך תיכף
אַיעדן בטחון פאַרלוירן. אָ, אָן מײַן הסכּמה ביסטו
אַהינצו אַרומזוכן דײַן פאָטער געשוואומען. איצט אָבער – לאָז
פון דײַן נסיעה מיך הערן !״
האָט טעלעמאַכאָס געענטפערט :
„מאַמע ! דערמאַן מיר נישט מערער פון די שווערע ענויים און טו
נישט צערײַסן מײַן האַרץ מיט יסורים, – ווײַל פון וויסטע נסיונות
בין איך אַהערצו אַנטלאָפן ! – מאַמע ! צו דער גרויסער עבודה
זײַ תיכף מטהר זיך מיט אַ באָד און מיט פרישער הלבשה :
געגען מיט די מיידלעך אַרויף אין דײַן קאַמער און זײַ מקריב
העקאַטאָמבן-קרבנות צו פאַר אַלע הייליקע געטער, ביז

דזעאוס וועט נעמען אָן שונא נקמה! איך ווידער וועל לויפן
אויפן מאַרק־פּלאַץ איצט ברענגען מיין חבר אַהערצו. א י ם, דעם
איידעלן
אורח, וואָס האָט קיין איטאַקאַ געטון מיך באַגלייטן; ווען
פּייריאָס האָט דערווײַלע אויף קעסט זיך גענומען, ביז איך וועל
ווידער צו אים זיך געזעגענען, בעת איך וועל קומען פון ישוב!"
אַזאַ געווען איז מיין זאָג צו דער מוטער. און באַלד טאַקע האָט זי
מיט אַ ביטל און מיט קלאָרער הלבשה מטהר געווען זיך
צו דער גרויסער עבודה: מקריב געווען פיל העקאַטאָמבן־
קרבנות, בכדי דזעאוס זאָל נעמען נקמה אָן שונא!
און מיט דער צוויי־שאַרפיקער שווערד אין דער האַנט האָט זיך
טעלעמאַכאָס פונם
היכל דערווייטערט, און צוויי גיך־יאָגיקע כלבים האָבן געטון
אים באַגלייטן! און מיט אַן עמוד־ענן פון פרייד און תפארת
האָט אַטענע אויף זיין שטראַליקן פרצוף געגאָסן, — אַז געגאַפט
האָט די אַרומיקע עדה! און מיט חניפה־געפלאַפּל האָבן
אויך די חתנים אַרום אים זיך געהנדלט, אָבער מיט פאַלשקייט
אין הערצער באַלאָדן!! — — און נון האָט טאַקע טעלעמאַכאָס געכאַפּט
זיך, אַז מ'דאַרף פון צבועקעס אַנטלויפן. דערום האָט ער נייערט צום אָרט
פון זיין פאָטערס חברים: מענטאָר, האַליטערסעס און אַנטיפאָס
גענידערט, — וועלכע האָבן תיכף צום אויספרעג פאַרכאַפּט אים. — —
דערויף
האָט אויך פּייריאָס (דער איילִיקסטער שיסער פון בויגן) אינאיינעם
מיטן אורח, — ווען ער האָט מיטגעבראַכט אויף געמאַרקן, — צו
זיי זיך
געפעדערט. איז טאַקע טעלעמאַכאָס מיט ליבשאַפט זיי געלאָפן
אַקעגן; אָבער מיט אַ שליחות האָט געשיקט אים פּייריאָס:
„טעלעמאַכאָס! אויף דיין געהײס זאָלן תיכף באַדינערקעס
ברענגען צום היכל די שיינע מתנות, מיט וואָס מענעלייאָס
האָט געטון דיך באַשענקען!"
אָבער מיט אַ קלאָרן ישוב־הדעת
האָט טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:

„אָ פּיררייאָס ! בלינד צו
פֿאַר אונזער אויג איז דער גאַנג פֿון גורלות ! דערום, אויב די חתנים
וועלן טון מיך פֿאַרציקן און מיט מיין פֿאָטערס האָב-און גאָב זיך
צעטיילן, — טאָ זאָל ביי ד י ר כאָטש פֿאַרבלייבן מיין שיינע ירושה !
אויב אָבער עס וועט זיך מיר איינגעבן צו פֿאַרלענדן דעם שונא, —
אָ ! ערשט דענסטמאָל זאָלסטו צום בעל-שמחה מיט חדווה זיי ברענגען ! —"
גערזאָגט ; און צום היכל געשפּרייזט האָט דער בחור ; און הינטער
איס האָט
מיט אַ צעבראָכן געמיט נאָכגעשאַרט זיך דער אורח. — — אָבער ווי
נאָר זייער שפּרייז-טריט האָט צום היכל גענידערט, האָבן זיי באַלד אויף
די באַד-בענק אויסגעטון זיך די קליידער און זיך תּיכּף אינם ביטל
געוואָרפֿן. און נאָכדעם, אַז עס האָבן מיט איילן געזאַלבט זיי די
מיידלעך און אַרומגעהילט זיי מיט וואָלענע צודעקס, — האָבן זיי
בהרחבה אין צוויי פּרעכטיקע טראָנען צעלייגט זיך ! און נון האָט
די וואַרטאָרין געגרייט זיי די טישן ; און איבער אַ זילבערנעם
בעקן האָבן זיי פֿון אַ גינגילדענער גיס-קאַן די הענט זיך
געוואַשן, בעת פֿון אירע רייכע זאַפּאַסן האָט געטון זי
דערלאַנגען אי ברויטן, אי פֿליישן, אי וויינען, מיט פֿיל אַנדערע
געשמאַקע מטעמים ! — —
דערווייל איז מיט אַ נחתדיק האַרץ אויף
דער שוועל פֿון איר זוניקער קאַמער פּענעלאָפּייאַ געזעסן,
און צווישן אירע פֿינגער געגלאַנצט און געשטראַלט האָט דאָס בליציקע
שפּיזל — ביים שפּינען און וועבן און דרייען ! — און אויסגעשטרעקט
האָבן
די הענט זיי צום מאָלצייט. — אָבער געווען איז, ווען זייער סעודה
האָט אונטערגעלענט זיי די הערצער, — האָט ווידער מיט אַ צעבראָכן
געמיט גענומען רעדן די מלכּה :
„אָ זון מיינער, קינד מיינס, זאָג :
צי זאָל איך איצט ווידער אין מיין שלאָף-שטוב געגעגען און אין שווערן
געיאָמער זיך באָדן ? אָ ! צי זאָל איך איצט ווידער אויפֿן שלאָף-בעט אין
קוואַליקע טרערן פֿון בענקשאַפֿט זיך וואַרפֿן, אַז אויסגיין זאָל דאָס האַרץ
נאָך מיין האַר אָדיסייאוס, וועלכער האָט מיט די שטאַרקסטע אַטרייער

אין טראָיע געצויגן? זאָג: וואָסער בשורה ברענגסטו פון פאָטער? — רעד,
ווייל אײדער וואָס, אײדער ווען וועלן בוגדים אַהער זיך באַווייזן!"
האָט דער זון איר געענטפערט:
„מאַמע! פאַרנעם, און איך וועל דעם אמת
טון אַנטפּלעקן! הער: לכתחילה האָט קיין פּילאָס די טרייב־שיף
געטון אונז פאַרטרייבן, וואו נעסטאָר, דער פאַסטוך פון פעלקער, האָט מיך
ווי אַן אייגן קינד, — וואָס קומט אַהיים פון מרחקים — מיט ליבשאַפט
באַגעגנט. און גלייך מיטן פאָטער, — האָבן אויך זיינע קינדער געטון
מיך צו ליבן. אָבער וואָס? אַז קיין שום סימן פון טויט, צי פון
לעבן וועגן מיין גרויסן האַר אָדיססייאוס בין איך פון אים נישט
דערגאַנגען?! האָט ער דעריבער אין אַ פּרעכטיקן רייטוואָגן
אָפּגעשיקט מיך צום איידעלן גבור, דעם אַלמעכטיקן קיניג
מענעלייאָס בן אַטרייאָס, וואו מיך האָט די אַרגייאישע
מלכּה העלענע באַגעגנט, — צוליב וועמעס שיינקייט עס האָבן
די גריכן און טראָיאַנער אַזוי פיל מפּלות געליטן!
און באַלד טאַקע האָט מיך דער מלחמה־צעפּויקער מענעלייאָס
צום אויספרעג גענומען: מחמת־וואָס איך בין אַזש ביז לעקאַדיימאָן
געשוואומען? — און נון האָב איך אַלץ גטטון אים דערציילן; אויף וועלכן
דער מלחמה־פאַרשריגענער קיניג האָט דערויף מיר געענטפערט:
„פאַרנעמט מיך, אָ געטער!
אינם מאַנס־בעט פון שטאַרקסטן גבור ווילן
הולטייסקע פּחדנים זיך וואַרפן! — אָבער ווי אַן אינדין,
וואָס טוט אין אַ לייבן־נעסט אירע יונגיטשקע סאַרנעס באַהאַלטן,
ווען אַליין טוט זי בלאָנזשען איבער טאָלן און בערגער צו זוכן
חיונה, און אַז די גראָבהויטיקע חיה טוט אומקערן
אַהיים זיך און טרעפט אין דער נעסט דאָרט צוויי אונטערגעוואָרפענע קינדער,
טוט זי מיט אַ גרויזאַמען טויט זיי פאַרציקן, — אָט מיט
אַזאַ נקמה וועט אויך אָדיססייאוס אומברענגען די פּושעים!
אָ! הויכאַלמעכטיקער דזעאוס, אַטענע און פויבאָס־אַפּאָלאָן!
אַז אָדיססייאוס וועט, ווי בשעתו אין לעסבאָס דער שטאָט (ווען ער

האָט זיך אינם געוועט־קאַמף אויף פילאָמעלײדאָסן שטאָל־שווער געוואָרפן
און צום נחת פון אַלע אַכייער – אויף דער ערד אים צעוואַליעט ) –
אָ ! אַז אָדיסייאוס וועט, ווי בשעתו, צו ז יי זיך באַווייזן, –
וועט ער מקצר זיין די יאָרן פון די ווילדע חתנים, אַז
פאַרמיאוסט וועט זיי ווערן דער טאַנץ צו דער חופּה ! ! !
און מכּוח דעם, וואָס
דו טוסט איצט באַגערן נייערט דעם אמת צו הערן, אָ : אַלץ, וואָס
דער ים־גרייז פּראָטײאָס האָט דענסטמאָל גטעון מיר צו וויסן, וועל איך
אויף אַ קלאָרן פאַרוואָר זיין גרויסן חזיון טון דיר אַנטפּלעקן !
הער : אַנטפּלעקט האָט דער זקן, אַז ערגעץ־וואו, אויף אַ פאַרכּישופט
אינזל ליגט דאָרט דיין פאָטער אין היכל פון דער נימפע קאַליפּסאָ
געפאַנגען. און ווי ! פון בענקשאַפט טוט באָדן זיין אויג זיך אין טרערן, –
וייל ווייט, ווייט פון אַ ישוב ליגט יענץ אינזל פאַרוואָרפן, וואו נישט
קיין שיף און קיין שיפער וועלן טון אים איבער ימים באַגלייטן !”
אָט אַזוי האָט דער שטאַרקער מענעלײאָס בן אַטרײאָס געטון
מיר צו וויסן. איך אָבער האָב תּיכּף גענומען אין וועג זיך. און
מיט אַ שטילן ווינט האָט דזעאוס ביז אַהער געטון מיך באַגלייטן !”
נעזאָגט ; אָבער זיין גערייד האָט צעבראָכן דאָס האַרץ פון דער מלכּה.
און נון האָט אויך טעאָקלימענאָס זיינע הייליקע לעפצן
צעעפנט :
„פאַרנעם מיין גערייד, אָ לייטזעליקע האַרינטע פונם
האַר בן־לאַערטעס ! ניין ! נישט אַלץ האָט טעלעמאַכאָס געטון דיר
פאַרציילן. הער, הער : אָט דאָ, ביים געפלאַטער פון קטורת, איך טו דיר
ביים מאָלצייט, בשם־דזעאוס, מיט אַ הייליקער תּפילה איצט שווערן :
– ד אָ, אין זיין א יי ג ע נ ע ם ה יי מ ל אַ נ ד, שלייכט אַרום
זיך אונזער מעכטיקער
האַר אָדיסייאוס ; אָדער ער פלאָנטערט זיך גאָר בשתיקה שוין ד אָ
אינם היכל... און מיט נקמה ער גרייט זיך צום אָנפאַל אויף ווילדע
משחיתים, בכדי שפּעטער אויף זייערע חורבות צו טרעטן ! – – –
אָט אַזאַ זעאונג האָט דער יאַסטרויב ביי דער שיף מיר באַצייכנט, –
און אויך
טעלעמאַכאָסן האָב איך דעמדאָזיקן חזיון געוויזן !”

האָט די חכמה פענעלאָפּייאַ דערויף אים געענטפערט:
„הלוואי, אָ פרעמדער, זאָל ווערן מקוים דיין גרויסע נבואה!
און זע: מיט טייערע מתנות וועל איך טון דיך באַשענקען, און
גלייך ווי אַ לויב-ליד וועט דיין שם-טוב אין מיין לאַנד זיך צעקלינגען!"
אַזאַ געווען איז די טענה. דערווייל אָבער האָט אַרום היכל
פון קיניג אָדיסייאוס געשווינבלט און געגריבלט דער שווערער
האַרמידער פון בייזע חתנים, וועמעס ווילדע געשפּיל האָט אויפן
הויף-פּלאַץ געהודזשעט, — און דער דיסקאָס מיט דער יאַכט-שפּיז
האָבן דעם אויר
צעציטערט! — אָבער אין דער צייט פון פּת-ערבית, ווען פון פעלד קערט
אַהיים זיך דער פּאַסטוך מיט די פעטע בהמות, — האָט מעדאָן, דער
איידעלער העראָלד (וועמען חתנים פלעגן אייביק צום מאָלצייט
פאַרבעטן), זיינע לעפצן צעעפנט און פאַר חברה צעשאַלט זיך:
„בחורים! מיט דער יאַכט-פייל און דיסקאָס-געשפּילן האָט איר
גענוג שוין
די הערצער דערקוויקט זיך! דעריבער לאָמיר צום זאַטיקן מאָלצייט
אינם היכל געגענען, ווייל זעט: אומווירדיק פאַרן גוף איז אַן אַלט,
איבערגעשטאַנען מאכל!"
געזאָגט; און אַלע האָבן געטון
אים געהאָרכן. און געווען איז, ווען איבער די שוועלן פון היכל
האָבן חברה געטון זיך פאַרזאַמלען און אויף טייערע טראָגנען
די קיטלען צעוואָרפן — האָבן זיי תיכף אַ פעטע בהמה
צום מאָלצייט געשאָכטן, און אויך שאָף און רינדער און ציקלעך מיט פיל
שמאַלציקע, פעטע חזירים האָבן צום געפרעס זיי געקוילעט!
...דערווייל האָט זיך אָדיסייאוס מיטן פּאַסטוך גענומען גרייטן צום
היכל. און אייאומייאָס האָט פאַרן קיניג מיט לעפצן צעשאַלט זיך:
„ווייל אויף דיין בקשה, אָ פרעמדער, האָט מיין האַר מיר
באַפוילן צום
כּרך דיך באַגלייטן (הגם מיר גופא וואָלט ניחא געווען, אַז
דו זאָלסט ליבערשט אויפן ישוב פאַר אַ שומר פאַרבלייבן. — אָבער
מחמת מורא פאַר מיין האַר טעלעמאַכאָס, אַז ער זאָל מיך דערפאַר
נישט באַשטראָפן, — מוז איך קוקן און שווייגן!) — דעריבער, דערהייב זיך,

דערהײב זיך, אָ פרעמדער, און זאָל דער זוניקער גלײ-וועג דעם
גאַנג אונז
דערקוויקן, ווײל מיטן אָנברוך פון אָוונט טוט פרעסטלען דער דרויסן!"
האָט אָדיסײאוס, דער גרויסער בן-עוני, דערויף אים געענטפערט:
„יאָ, תּופס דײן גערײד איז מײן שכל און אַלץ, וואָס דו זאָגסט, — בין איך
משיג. דערום: דערהײב זיך און טו מיך אײליק אַהינצו באַגלײטן.
און אויב דו האָסט וואו אַ שטעקן, — טאָ גיב אַהער אים צום אָנלען;
ווײל —
דו זאָגסט דאָך אַלײן, — אַז דער וועג איז ווילד און מיט דערנער באַשאָטן?"
געזאָגט; און איבערן אַקסל האָט ער זײן צעלעכערטע טאָרבע מיט
לאַטעס פאַרוואָרפן: אויף אַ פליכעוואַטן רימען איז די טאָרבע
געהאָנגען, און האַרט אָן דער דובינקע האָט זײן האַנט זיך געקלאַמערט! —
און נון האָבן זיך בײדע צום שפרײז-וועג גענומען. און נײערט די
הינט מיט די שומרים זענען אויפן ישוב פאַרבליבן. — —
אַט אַזוי האָט
דער עבד געטון באַגלײטן זײן האַר און געביטער: דעם קיניג,
וואָס האָט, ווי אויף קוליעס, אונטערן דרענגל ווי אַ בעטלער געשאַרט זיך! —
און געווען איז, אַז זײ האָבן אַזוי בײדע פון די שטײנערנע
וועגן צום כּרך זיך דערנענטערט: צום כּרך, וואו די ברונעמער גלאַנצן
מיט פראַכט און מיט קילקײט, פונוואַנען די שטאָט-לײט פלעגן צו שעפּן
דאָס קוואַליקע וואַסער. (אָ! איטאַקאָס, נעריטאָס און פּאָליקטאָר
האָבן פאַרצײטנס געבויערט דאָרט די קוואַלן, און איצט שאָטנט
געהײם דאָ אַ וואַלד מיט טאָפּאָלן, און איבערן שטײן-פעלז טוט ריזלען
מיט פרישקײט דאָס שנײדיקע וואַסער, איבער וועלכן עס דערהײבט זיך
לכּבוד די נימפעס אַ שײנער מזבח, וואו פאַרוואָגלטע
גײער פלעגן ברענגען קרבּנות). — — — אָט בײ יענער קריניצע האָט
זײ באַגעגנט דער טרײבער מעלאַנטיאָס בן דאָליאָס, וועלכער
האָט גראָד מיט צווײ חברים געטריבן אַ סטאַדע מיט ציקלעך צום
געפּרעס פאַר חתנים. און אַך: מיט ביטול האָט גענומען ער
זידלען די גײער, — אַז צערײצט איז אַזש געוואָרן דער קיניג!
„קכי-כי, אָהאָאָ! מיט אַ שוטה פירט אַרום זיך אַ שאָלטיק!
עך, מקדמת-דנאָ איז גאָט מזווג-זיווגים נאַראָנים!...

זאָג: וואוהין טוסטו פירן, — דו מיאוסער חזירניק — דעמדאָזיקן
קבצן און אומזיסטיקן פרעסער? וואו שפרייזט ער, דער דלות, וואָס
צערייבט ביי די וועגט זיך די פּלייצעביים לעקן די טעלער פון
פרעמדע שיריים? אָ, וואָלט כאָטש זיין השגה נישט צו ברעקלעך,
נייערט צו אַ חלף מיט אַ שפּריץ־פּאַן דערגאַנגען!... וואָס, נישט? — טאָ
שענק־זשע מיר דאָס פאַרשווינדל! מנאַ! ביי מיר וועט ער די צואה פון די
שטאַלן פאַרקערן; מיט בלעטער וועט די קאָזעס ער פּאַשען, און
דערפאַר וועט ער זיך מיט זייער סערוואָטקע פאַרכלינען, אַז נעמען
וועט ער פלייש אויף די פולקעס!... אָבער וואָס, — אַז ער איז קיינמאָל
קיין לייט
נישט געוועזן?! ווייל ער טאַקע ליבערשט אַרומקריכן און זשעברען
נדבות, איידער פאַר ערלעכער אַרבעט צו לעבן! — א י ך אָבער
זאָג דיר (און וועסט זען, אַז מיין וואָרט איז נישט געוואָרפן צו ווינטן):
אויב דו וועסט זיך אין אָדיסייאוסעס היכל מיטן דאָזיקן
נפש באַווייזן, — וועלן מיט פיס־בענקלעך חתנים דעם קאָפּ
אים צעפּלעטשען, אַז צעריסן וועט ווערן זיין קאַרק און די זשעברעס!"
געזאָגט; און מיט] דער פיאַטע האָט דערלאַנגט ער דעם האַר
אַ זעץ אין די
היפטן. אָבער מיט גבורה האָט אָדיסייאוס אפילו נישט
געטון זיך אַ טרייסל, און נייערט געטון טראַכטן אַזוי: „זאָל איך
אפשר מיטן דאָזיקן דרענגל דעם קאָפּ אים צעשפּאַלטן, אַז בלייבן
זאָל אויפן אָרט ער אַ טויטער?" אָבער, — איבערגעדייבערט האָט אַלץ ער
אין האַרצן, — און פאַרעקשנט געשוויגן! — דער פּאַסטוך אָבער האָט אים
אין פנים געשאָלטן און מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס ביי הימלען
געבעטן:
„פאַרנעמט איצט מיין תפילה, אָ קוואַליקע נימפן, איר
טעכטער פון שטראַליקסטן דזעאוס! אויב אָדיסייאוס האָט פאַר א יי ך וועגס
מקריב געוועזן זבחים, — טאָ זאָל ער בקרוב אומקערן
אַהיים זיך בשלום. און מיט זיין קומען אַהערצו זאָל באַלד ער
דיין טריפהנע מאָרדע (אָ! דו אומווירדיקער, שטאָטישער קריכער)
פאַרשטאָפן, בעת י ע נ ע טוען אָן געניטשאַפּט זיינע סטאַדעס
פאַרציקן!"

האָט זיך דער ציקל־טרײַבער מעלאַנטיאָס צעבײזערט:
„וואָס? וואָס וואָרטשעט ער עפּעס, דער ביטערער כּלב? וואַרט!
בקרוב
וועל איך אין אַ באַפליגלטער שיף ווייט, ווייט פון איטאַקאַ טון דיך
פאַרשלעפּן און פאַר אַ שיינער מטבע דײַן מיאוסקייט פאַרקויפן! — —
אָ, הלוואי בין איך אַזוי זיכער, אַז נאָך היינט וועלן חתנים,
אָדער אַפּאָלאָנס שיס־פײַל, דײַן האַר טעלעמאַכאָס דערשטיקן, — ווי
איך בין זיכער, אַז אָדיסייאוסעס פּגר פוילט אין מרחקים!...“
געזאָגט; און איבערלאָזנדיק ב ײ ד ע, האָט ער גענומען יאָגן
צום היכל. מיט שפּרייז־טריט זענען די יונגען דערווײַלע געקראָכן.
אַליין אָבער האָט ער זיך אײַליק צום היכל דערטראָגן און צווישן
חתנים אַקעגן חבר עאורימאַכאָס צעזעצט זיך. און
באַלד טאַקע האָט דער שינדער צום פרעסן דערלאַנגט אים זײַן חלק מיט
געבראָטענע פליישן, און די מויד — שטיקער געבאַקענע ברויטן!
בינתיים האָט זיך מיטן פאַסטוך — אויך אָדיסייאוס פאַרן היכל
באַוויזן... אַך! אַ שווײַגיקע שטילקייט האָט די טריט זײַ פאַרשטיינערט.
מיטאַמאָל אָבער האָט פעמיאָס אויף זײַן האַרפע זיס זיך צעטרילערט,
אַז אַ צעקאָכטער האָט דער קיניג גענומען טרייסלען דעם פאַסטוך:
„אײַאומײַאָס! אײַאומײַאָס!... וואָרהאַפטיק!... גלייב מיר, — אָט
ד אָ ס איז דע,
ליכטיקער פּאַלאַץ פון האַר אָדיסייאוס!... אַך, מערער פון אַלע
היכלות ע ר פאַרבלענדט מיר די אויגן!!!... זע: אָט שלאַנגען
זיך גאָרנס
אויף גאָרנס!! — — — קוק: מיט אַ בראָנזענער פעסטונג דער הויף
איז פאַרגרויזעט! — — —
זע, זע: געטאָפּלטע פליגלען פאַרמאַכן דעם אַרײַנגאַנג! — אָ! קיינמאָל
וועט דער שונא שוין אַהער נישט דערגרייכן!... הער: ריחות פון קטורת,
מיט אַ געקלימפּער בײַ שפּײַז און משקאות זיצן דאָרט מאַנען ביים
פראַווען אַ מאָלצײַט, און מיטן געקלאַנג פון דער האַרפע דערקוויקט זײַ די
אַלמאַכט!“
האָסטו, אָ פאַסטוך, דערויף אים געענטפערט:
„געטראָפן, געטראָפן — דו גרויסער איש חכם ונבון!...


(22)

איצט אָבער לאָמיר דאָ תיכּף מכּוח נייע התנהגות זיך
ביידע באַראָטן ! זאָג : אפשר ווילסטו צום ערשטן צו דער חברה
חתנים גענענען ? — טאָ וועל איך אין דרויסן פאַרבלייבן. אויב נישט, —
פאַרבלייב־זשע דו אינם הויף דאָ, — און איך וועל דער ערשטער גענענען !
איך בין דיך אָבער מתרה : פאַרזוים זיך נישט לאַנג דאָ. ווייל מיט כּעס וועט
מען פון הויף דיך פאַרטרייבן און די אַלטיטשקע ביינער צעקלאַפּן !”
האָט אָדיסייאוס, דער גרויסער בן־עוני, דערויף אים געענטפערט :
„אָ, תּופס דיין גערייד איז מיין שכל, און אַלץ, וואָס דו זאָגסט, — בין איך
משיג ! דעריבער : גיי ! און איך ווידער וועל אין דרויסן דאָ וואַרטן !
ווייס : פון קלעפּ און מפּלות האָט אייביק מיין האַרץ געליטן ; אויף
ים און יבשה האָט אייביק דער גורל מיט וויסטע מלחמות
מיין נפש צעפּייניקט. דערום גיי : און מיט מיר זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך !
ניין ! קיין שום זאַך וועט נישט אָפּשטיין אַקעגן אַ ליידיקן מאָגן :
אַקעגן אַ שרעקלעכן הונגער, וואָס מאַטערט און פּייניקט אַ מענטש !
זע : צוליבן געפרעס טוט מען אפילו מיטן טויט זיך צו ראַנגלען, און
צוליב אַ ביסן צערודערט דער ים זיך מיט שיפן און ברענגט פיל
מפּלות דעם שונא !”
אָט אַזוי האָבן ביידע געטענהט.
מיטאַמאָל אָבער האָט עפּעס אַ הינטישע מאָרדע פונם מיסט זיך
דערהויבן און אויסגעשפּיצט די אויערן צום ליכטיקן קיניג !... — —
אָ ! אַרגאָס געווען איז דערדאָזיקער כּלב, וועמען אויסדרעסירט
האָט אָדיסייאוס בשעתו, נאָך איידער ער האָט אין טראָיע
געצויגן ! — שפּעטער האָבן חברה אויף יאַכט אים גענומען, וואו ער
האָט אויף ציקלעך און האָזן און סאַרנעס געטון זיך צו וואַרפן. — איצט
(פונם קיניג דערווייטערט) ליגט ער ביים שער־המלך אויף אַ קופּע
מיט בהמישער צואה, פון וואַנען עס נעמען עבדים צו
באַמיסטיקן די הייליקע פעלדער ! — — ליגט איצט אַזוי אַרגאָס

אַרלייזיקט: פון גנידעס און כינים צעביסן, — טוט פלוצלינג זיין
אָזדרע פון וויטנס דערשנאַפּן זיין האַר אָדיסייאוס, — נעמט ער אָן
והות מיטן ווידל זיך לאַשטשען, אַזש אים פאַלן אַרונטער די
הינטישע אויערן. אָבער אַך! בשום-אופן ער קאָן זיך צו
יין האַר נישט דערשלאָגן!! — —
אויסגעמיטן פון פאַסטוך, האָט בלחש
דער מלך אויסגעדריקט זיך די טרערן און געפרעגט ביים באַגלייטער:
„ווער מעס איז ער, אָט דער וואונדערלעכער הונט אויף די מיסטן,
אָ פריינט
אייאומייאָס? עפּעס גלאַנצט נאָך אפילו זיין פעל אויפן רוקן.
אָבער וואָס? אַז איך בין גאָר מסופק, צי איז ער אויך געווען ווענס
אויף יאַכטן אַן איילִיקער לויפער, צי גלאַט אַזוי זיך אַ הינטל
ביים טיש פון זיין פריץ, ווען אויסדרעסירט זיין האַר האָט צום
תענוג?״
און נון האָסטו, אָ פאַסטוך אייאומייאָס, דערויף אים געענטפערט:
„דער קרעציקער הונט? אָ, אויך איבער אים האָט בשעתו געוועלטיקט
יין געשטאָרבענער קיניג! און הער: ווי אַ פייל אויסן בויגן פלעגט ער
אַרצייטנס (נאָך איידער אָדיסייאוס האָט אין טראָיע געצויגן)
אויף אַלע יאַכטן, ווי איילִיקע ווינטן צו יאָגן! אָ! פון זיין
הינטישער לאַפּע איז קיינמאָל קיין חיה פונם וואַלד נישט אַנטלאָפן, —
וויל פון וויטסטן מהלך האָט זיין נאָזדרע געטון זי דערשמעקן!
איצט, — זינט זיין האַר איז ערגעץ אין מרחק געוואָרן פאַרפאַלן, — ליגט
ער אינם מיסט דאָ, פון אַלע סוקעס דערווייטערט, און אפילו די
מיידן האָבן אָן אים שוין פאַרגעסן, — וואָרים דו ווייסט דאָך, ווי פויל
עס טוט קריכן ביי שקלאַפן די אַרבעט, בעת זיי ווערן פונם האַר
ישט געטריבן? (ס'איז קענטלעך וואָר, אַז אַ העלפט פון זיין גבורה טוט
עדער מאַנסביל פאַרלירן, אויב צו סקלאַווישער אַרבעט נעמט
טרייבן אים דזעאוס!...״)
געזאָגט; און גיך, גיך זיך אַריינגעשאַרט צו די
וילדע חתנים. — —
אָבער באותו-הרגע האָט אַרגאָס אין
אַ שרעקלעכער גסיסה גענומען זיך לעשן. און נאָכדעם ווי ער

האָט זינט יאָרן צוואָנציק נאָך איינמאָל, נאָך איינמאָל צו זיין האַר
זיך פון
ווייטנס געלאַשטשעט — איז אויסגעגאַנגען זיין הינטיש-געטרייע
נשמה !...
און געווען איז, ווען טעלעמאַכאָס האָט זיך אויג-אויף-אויג
מיטן פאַסטוך באַגעגנט, — האָט ער, אינם בייזן געטומל, אויפן וואונק אים
גערופן. האָט באַלד טאַקע אייאומייאָס געטון אַ כאַפּ די
ליידיקע שטול פונם שינדער, — וועלכער איז געווען פאַרנומען ביים
גרייטן די פליישן פאַר בייזע משחיתים, — און בהרחבה צום
בן-מלך מיטן טראָן זיך דערנענטערט. און גיך, גיך האָט אַ העראָלד זיין
חלק פלייש מיט שטיקער ברויטן פון קויבער געטון אים דערלאַנגען.
און איידער וואָס, איידער ווען האָט זיך אויך אָדיסייאוס אינם היכל
געיאַוועט !... און אָנגעשפּאַרט אויף זיין דרענגל, האָט ער ווי אַן אַלטער
בעטלער מיט שמאַטעס און לאַכעס איבערן דראָנג זיך געשאָקלט. — און נון
האָט אויף דער יעשענער שוועל פונם אַריינגאַנג אַראָפּגעלאָזט זיך דער
בעטלער און צום ווענטל פון עצי-גופר האָט ער צוגעשפּאַרט זיך
די פּלייצע: צום גלאַט-געטאָטשעטן ווענטל, ביי וועלכן דער טאָקער
האָט בשעתו מיט חכמה געאַרבעט. — — — און נון האָט טעלעמאַכאָס
אַ זשמעניע פלייש מיט אַ ברייטל געטון דערלאַנגען צום פאַסטוך, און
מיט שאַלונג באַפוילן:
„נאַ, נעם און דערלאַנג דאָס דעם בעטלער, און זאָג
אים, אַז ער זאָל אַ דרייסטער טון שפּרייזן פון חתן צו חתן און
אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ ביסן. ווייל אָרימקייט און דחקות איז
פאַרן עלנטן נצרך ווייט נישט קיין בושה!“
געזאָגט; און קוים האָט דער
הייליקער פאַסטוך געטון פאַרנעמען דאָס גערייד פון בן-מלך,
האָט ער תיכף אַרויסגעשאַרט זיך צום האַר אָדיסייאוס און מיט
שאַלונג געזאָגט אים:
„זיידע! אָט איז די נדבה פון מיין האַר
טעלעמאַכאָס. און ער טוט דיר באַפעלן צו שפּרייזן פון חתן
צו חתן אויסצושעברען אַ ביסן, ווייל אָרימקייט — זאָגט ער — איז
ווייט נישט קיין בושה!“

האָט בן-לאַערטעס דערויף אים געענטפערט:
„אָ שטראַליקער דזעאוס! פון אַלע מענטשן אַרומעט טו שיקן
דיין ברכה אויפן האַר טעלעמאַכאָס און זיין יעדער באַגער זאָל אים
ווערן מקוים!"
אַזאַ געווען איז זיין בענטשונג; און צווישן די
פיס, אויף דער קויטיקער טאָרבע, האָט ער מיטן מאָלצייט צעשפּרייט
זיך. און
ביזן לעצטן אָטעם פון דער פאַרגאַנגענער האַרפע האָט ער געטון
זיך דערקוויקן דאָס האַרץ. און וויבאַלד ער האָט נאָר באַוויזן
אונטערצולענען דאָס האַרץ זיך, — איז אויך תּיכּף די געטלעכע
האַרפע געוואָרן אַנטשוויגן! — —
בינתיים האָבן חתנים
ביים פרעסן געטומלט. — — — אָבער בשתיקה האָט דערווייל אַטענע
צום זון פון לאַערטעס געטון זיך אַנטפּלעקן. און אָנגעזאָגט האָט
די געטין, אַז ביים קלויבן נדבות זאָל ער בינו-לבינו
אויך כאַפּן אַ זייטיקן קוק אויף דער חברה, בכדי ביי זייער
מפּלה זאָל מען פונם צדיק ביזן רשע באַווייזן דערקענען!... און
נון האָט ער פון רעכטס אויף לינקס, ווי אַן אמתער קבצן, גענומען
קלויבן נדבות. און מיט רחמים האָבן מנדבים געפרעגט זיך,
פונוואַנען ער איז אַהערצו געקומען. — — אָבער מיט הילכיקער
שאַלונג האָט זיי מעלאַנטיאָס געענטפערט:
„פאַרנעמט מיך, חתנים!
אָט דעם-דאָזיקן פאַרשוין האָב איך נאָך אונטערוועגנס באַגעגנט.
און מיטן פאַסטוך פונם קיניגס חזירים האָט ער אַהערצו געשלייכט
זיך. אָבער פון זיין היים און זיין לאַנד און פון זיין יחוס איז מיר נישט
געגעבן צו וויסן!"
געזאָגט; און מיטאַמאָל איז אַנטינאָיאָס
דעם פאַסטוך באַפאַלן:
„...הער נאָר, דו הולטיי: צי האָבן מיר דאָ
ווייניק אונזערע היימישע קבצנים, וואָס דו האָסט אונז געבראַכט
אַזש אַ פרישן? זאָג נאָר: קאַרג טעלער-לעקער וואַלגערן אַרום זיך
ביי אונזערע טישן? צי זענען דיר שוין נישט איבעריק אונזערע

אייגענע מיילער, וואָס טוען דיין קיניגס זאַפאַסן פאַרשלינגען,
אז דו האָסט געבראַכט אַזש אַ פרעמדן ?"
אוּן נון האָסטו, אייאומייאָס,
דערויף אים געענטפערט :
„אָ ! הגם דו ביסט ווייט נישט קיין שוטה,
פונדעסטוועגן, אַנטינאָיאָס, איז דיין גערייד ווידערשפעניק ! זאָג :
ווער וואָלט דען פון מרחק אַהערצו אַ לאַ־יצלח גערופן ? און
אויב יאָ שוין גערופן, — טאָ וואָלט ער אַ חכם, אַ רופא אָדער
אַ בויער, צי גאָר אַ נביא אָדער אַ גרויסער מנגן
געוועזן ! — אָט אַ זעלכענע טוט מען פון מרחקים אַזש רופן !
אָבער אַ בעטלער ? — ווער וויל פון אים ליידן ? — איבעריקנס : פון אַלע
חתנים טוט נישט קיינער אַזוי פייניקן אָדיסייאוסעס
מענטשן ווי דו, דו מנוול !!! בפרט מיך ? זעט, זעט : מיך שלאָגט ער נאָך
שטאַרקער ! — — אָבער כל־זמן פענעלאָפייאַ און איר טעלעמאַכאָס
דרייען אַרום זיך אין היכל, — האָ־האָ ! לאַך איך גלייך דיר אין פנים !..."
און מיט ווייכע רייד האָט טעלעמאַכאָס איינגענומען דעם פאַסטוך :
„שווייג שוין, שווייג שוין, זיידענקע ! וואָס ענטפערסטו דעם מיאוסן מחוצף ?
זע : זיין געפיקט צינגל איז ביי אים שוין אַ זאַך פון רגילות,
אַז אפילו שטילע לייטן טוט ער מיט זיין געמבע צערייצן !"
צו אַנטינאָיאָסן אָבער האָט איילעק טעלעמאַכאָס צעשאַלט זיך :
„באמת, אַנטינאָיאָס, — ממש ווי אַן אייגענער טאַטע
זאָרגסטו פאַר מיר איצט, אַז אַ פרעמדער זאָל אין מיין היכל נישט קיינמאָל
געגעבן ? אָבער וואָס ? אַז אומווירדיק איז דיין טאַט פאַר די הימלען ?
בכן : זיי אים מכבד ! גיב ; און ווייל דו וועסט געבן פון מיינעם —
איז דאָך אדרבא ואדרבא, אַז דו דאַרפסט זיך פאַר מיין
מוטער און נישט פאַר קייגעם אינם הויז דאָ צו פאָרכטן !... אָבער עט :
שעמפ איז דיין שכל, און ווי אַ זולל־וסובא וועסטו ליבערשט

אָנשטאָפּן דיין אייגענעם פּעמפּיק, איידער יענעם דערלאַנגען אַ ביסן !"
און נון האָט, מלא־חמה, אַנטינאָיאָס דערויף אים געענטפערט :
„שטיל־לער ! שווייג שוין, ששווייג, דו עזות־מחוצף־פּנים ! —
...פּכע ! אויב אַלע וואָלטן אים, ווי איך, פון זייער פּרעסן געגעבן, —
טאָ וואָלטן מיר זיין געביין כאָטש אויף דריי ירחים געפּטרט !..."
געזאָגט ; און צום פוס־בענקעלע פון אונטער זיין שפּייז־טיש האָט ער
געגעבן אַ כאַפּ זיך און גענומען סטראַשען דעם בעטלער ! — אָבער
אַלע איבעריקע מסובים האָבן אָנגעפולט אים די טאָרבע
מיט ברויט און מיט פליישן. — — און געווען איז, אַז אָדיסייאוס האָט, ווי
פריער, געוואָלט אויף דער שוועל פונם היכל אונטערלענען דאָס האַרץ זיך, —
איז ער אָבער נאָך אַ קורצן ישוב צוגעשטאַנען צום שעלטער :
„שענק אויך ד ו אַ נדבה, אָ ליבער אַנטינאָיאָס ! פון אַלע
דאַנאַיער ביסטו ווייט נישט קיין שוטה, ווייל אַ מלכות שטראַלט אַרויס
פון דיין אויסקוק ! אָ, זעטיק מיין הונגער נאָך מערער פון אַלע, און —
איבער ווייטע מדינות וועל איך דיין נאָמען אין אַ ליב־ליד
צעקלינגען ! אַך, האָרך : אויך איך בין פאַרצייטנס אַ שר פון אַ היכל
געווען. צעפּראַלט זענען אייביק מיינע טירן פאַר עלנטע
גייער געווען. זע : אין גרויס עשירות פון עבדים און
שפחות און צווישן אַ שפע פון פּראַכט און פון שיינקייט האָב איך זיך,
ווי אַ גרויסער און ליכטיקער קיניג, אין נחת געבאָדן !
אָבער וויי ! גאָט קראָניאָן האָט מיין מזל געטון מיר פאַרשוואַרצן,
ווייל אינם ווייטן מצריים האָט ער מיט אַ חברה גזלנים אויף
ימישע שיפן געטון מיך פאַרשיקן, בכדי איך זאָל דאָרטן
מיין אומגליק געפינען ! און ווען מיר זענען אַהינצו געקומען,
האָב איך אייליק איבער פאַראַנקערטע שיפן ביים ים־ברעג
אָוועקגעשטעלט דאָרט אַ שמירה ; און מרגלים האָב קיין מצריים
תיכף געשיקט איך, בכדי זיי זאָלן פון אַלץ זיך דערוויסן !
אָבער אומברחמנותדיק האָבן יענע גענומען צום רייב

זיך: צעטרעטן די זאַפּטיקע, מצרישע לאַנען, די ווייבער
געפּירט אין געפענגעניש און אַלע גברים און קינדער אויף שטיקער
צעריסן, אַז זייער געשריי און געיאָמער האָט דעם חלל
צעציטערט! — אָבער באַגינען האָבן די מצרישע מאַנען און
די באַריטענע בעלי־מלחמה אָנגעגורט זיך די לענדן
מיט שאַרפן כלי־זין, אַז מיט שווערדן און שפּיזן געבלאַנקט האָט דאָס
שלאַכטפעלד! און אויסגעגאָסן זיין כעס האָט דער בליציקער
דזעאוס אויף
מיינע חיילות, אַז קיינער האָט דעם שונא בייִשטיין געקאָנט נישט!
המרימווייז זענען מיינע חברים געוואָרן פאַרשניטן; און
צו סקלאַווישער אַרבעט האָבן פאַרשלעפּט זיי דעם יתר־הפּליטה!
מ י ך אָבער האָבן פאַרקויפט זיי צו דמעטאָר בן יאָסאָס, דעם קיניג
פון קיפּראָס, וועלכער איז גראָד דאַן געוועזן אין מצריים. און מיט
שווערע עינויים בין איך ערשט פון דאָרטן אַהערצו אַנטלאָפן!...״
אָבער מיט אַ מוראַדיקן רוף האָט אַנטינאָיאָס צעשאַלט זיך:
„אַך! צי טוט טאַקע דער הימל מיט דערדאָזיקער פּגע אונזער
מאָלצייט פאַרשטערן? ד ו! ? טראָג תיכף אַוועק זיך פון מיין עס־טיש אין
דער מיט פונם חדר, בכדי איך זאָל דיר ציפּראָס מיט מצריים דאָ
באַלד נישט באַווייזן!... אַ, אַזאַ עזות־פּנים פון אַ שנאָרער
האָב איך נאָך נישט קיינמאָל באַגעגנט! בלינדערהייט האָבן אַלע דיין
טאָרבע אָנגעפּולט מיט נדבות און אָן ישוב־הדעת האָבן
זיי פון פ ר ע מ ד ן עשירות געטון דיר י ע נ ע מ ס זאַפּאַסן
פאַרטיילן!״
— — נון האָט האָפערדיק אָדיסייאוס אויסגעמיטן זיין
פרעס־טיש און אַזוי אים געענטפערט:
„ווײ! אַ מיאוסע נשמה ברילט
אַרויס פון דיין איידל נפש! אָ, הגם דו האָסט מיט פ ר ע מ ד ע
זאַפּאַסן אָנגעפּאַקט זיך ביז איבערן גאָרגל: פון ד יי ן אייגנס
אָבער וואָלסטו יענעם אפילו קיין זערנע זאַלץ נישט געגעבן!...״
געזאָגט; און נאָך שטאַרקער האָט אַנטינאָיאָסעס גרימצאָרן געטון
זיך צעזידן, אַז מיט אַ ברילִיק געשריי האָט ער ווידער צעשאַלט זיך:
„אַך! וואַרט, דו מיאוסער מנוול! מיט קיין גאַנצע ביינער וועסטו שוין

פאַר דיין לבצנישער חוצפּה פונדאנען נישט קאָנען אנטלויפן !"
גענזאָגט ; און מיט אַ פוס-בענקעלע האָט ער אַ שטאַרקן טלום
גענטון אויף
רעכטס פון זיין נאַקן. אָבער זע : ווי אַ פלי-שטיין האָט בן-לאַערטעס
פונם יויסטן שטויס זיך אפילו קיין קרום נישט געגעבן. נייערט מיט
נקמה-מחשבות האָט ער בשתיקה זיין הארץ באַלאָדן !
און נון האָט ער ווידער מיט זיין אָנגעפולטער טאָרבע אויף דער
שוועל פונם
היכל צעזעצט זיך. און אַזאַ געווען איז זיין שפּרוך צו חתנים :
„די רייד פון מיין לעפץ טוט איצט פאַרנעמען, אָ גרויסע אסיפה,
און דעם
רוף פון מיין הארצן איך לאַז אייך איצט הערן, אַ שטאַרקע חתנים !
הערט : אייביק איז מען מוחל דעם שלעגער, וועלכער טוט צוליב זיין האָב
און גאָב, צוליב זיינע שניי-ווייסע שאָף און רינדער מיטן שונא זיך
באָברען. ע ר אָבער, דער בייזער אַנטינאָיאָס, האָט מ י ך, אַן אַלטן
און עלנטן גייער, אַזוי שרעקלעך צעמזיקט. און צוליב וואָס ? —
צוליב אַ ליידיקן מאָגן, וועמען עס פייניקט אַזוי שרעקיק
דער הונגער ? ! דערום : אויב עריניייעס און געטער טוען אַליין נאָך דעם
בעטלער באַשיצן, — טאָ זאָלן זיי א י ם נאָך פריער פאַרן פאַרקנסונג
פאַרציקן ! — — —"
האָט אַנטינאָיאָס בן עאופייטעס דערויף אים
געענטפערט :
„קבצן ! זיץ רויִק און קייע דיין ביסן, אָדער טראָג
תּיכּף אַרויס זיך פון היכל ; ווייל פאַר דיי חוצפּה וועלן חברה
חתנים שטיקערווייז דיינע הענט-און-פיס דיר צעשניידן !"
אַזאַ
געווען איז זיין קללה ; אַבער ווידערגעשפעניקט אויף זיין שאַלונג
האַבן אפילו די ווילדע חתנים, אַז איינער פון זיי האָט
אַזש ברוגז צעשאַלט זיך :
„אַ מיאוסער שטות איז געווען דיין וואָרף-ציל,
אָ פריינט אַנטינאָיאָס ! גזַטלאַזער ! ! עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז
אונזער אורח איז גאָר אַ שליח פון הימלען, וועלכער טוט זיך

אין אַ מענטשלעכער צורה פאַרבייטן, בכדי אזוי ארום
אויסצופרווין זיינע מצוות און זיינע מעשים-תעתועים!״
אַזוי האָבן חברה געטענהט. אָבער לבטלה זענען
געווען די שטראָף-רייד! — — אזוי ביט איינגעהאַלטענער גבורה האָט
אָדיכייאוס אפילו קיין טרער נישט פאַרגאָסן, און נייערט מיט
נקמה-מחשבות האָט ער בשתיקה זיין האַרץ באַלאַדן!
און געווען איז, אַז צום אויער פון דער קלוגער פענעלאָפּייאַ
איז די נבלה דערגאַנגען, — האָט זי פאַר די מיידלעך צעשאַלט זיך:
„אָ! הלוואי זאָל אַזוי אַפּאָלאָנס ציל-פייל דיין נפש דערשלאָגן!״
האָט אָבער די שיינע אייאורינאָמע דערויף איר געענטפערט:
„עס, אויב אַלע תפילות און קללות זאָלן ווערן מקוים, — טאָ
וואָלט ביזן אויפבליי פון עאָס קיינער פון זיי געטון נישט דערלעבן!???״
האָט אָבער די קלוגע פענעלאָפּייאַ דערויף איר געענטפערט:
„מאַמענקע! מיר זענען לאַנג שוין דערעסן די שווערע נבלות פון
אַלע חתנים, אָבער מערער פון זיי נאָך טוט אַנטינאָיאָס,
ווי דער מלאך-המוות מיך שרעקן: זע: אַרומגעשלייכט האָט
אין היכל אַ נע-ונדנע נשמה, ווען דער הונגער האָט
אַהינצו נאָך אַ ביסן געטריבן און פון רחמנות האָבן
מנדבים אָנגעפּולט אים די טאָרבע; און ע ר? ער האָט אים דעם
האַלז און געניק צעבראָכן!״
אָט אַזוי האָט זי אין איר קאַמער מיט
די ווייבער געטענהט, בעת אָדיסייאוס האָט זיך דערווײַלע
געפּראָוועט. — — —
און נון האָט די מלכה געשיקט נאָכן פאַסטוך און אַזוי
אים באַפוילן:
„טו איצט, אייאומייאָס, צום אורח גענענען און
זאָל ער באַשיינפערלעך פאַר מיר זיך אַנטפּלעקן. פון זיינע לעפצן
וועל טון איך פאַרנעמען, צי האָט ער ערגעץ-וואו אונטערוועגנס פון
מיין האַר אָדיסייאוס געזען און געהערט. ווייל, מיר דוכט זיך, אַז
איבער ווייטע מדינות האָבן זיינע שפּען שוין געטרעטן!
און
נון האָסטו, אייומייאָס, דערויף איר געענטפערט:

„זאָלן נייערט
די אַכייער שוין ווערן אַנטשוויגן, און זיין קוואַליק געררייד וועט
דיין האַרץ דערקוויקן! פון אומגליק אַנטלאָפן, — האָט ער דריי טעג און
דריי נעכט אין מיין געצעלט אויפן ישוב פון זיינע נסיונות געטון
מיר פאַרציילן. אָבער ביזן סוף איז ער נאָך ווייט, ווייט נישט דערגאַנגען!
אָ, אַזוי ווי אַ דורשטיקער בליק פון אַ מענטש, וואָס בלייבט הענגען
אויף דער צעטרילערטער לעפץ פון אַ גרויסן מנגן, וועמעס ליד
עס טוט מיט התפעלות זיין האַרץ אין דער מסיבה דערקוויקן, —
אָט אַזוי האָט ער אויפן ישוב מיט זיין געררייד מיך פאַרכישופט!
און אָט וואָס ער האָט געטון מיר פאַרציילן: בעת זיין ווילן אין
קרעטאַ, וואו מינאָס איז געוואָרן מגדל, האָט זיין פאָטער מיטן
האַר אָדיסייאוס געטון אים באַקענען. נון איז ער פון דאָרטן
אַהערצו אַנטלאָפן און מיטגעבראַכט מיר אַ בשורה, אַז אויפן
נאָענטן טעספראָטישן אינזל לעבט זיך בשלווה מיין גרויסער האַר
אָדיסייאוס, פונוואַנען ער קלויבט זיך מיט מתנות אַהיימצו!"
האָט די אשת-חיל פענעלאָפייאַ דערויף אים געענטפערט:
„לויף און ברענג מיר דעם מבשר אַהערצו, ווייל פנים-אל-פנים
איך וויל מיט אים שמועסן! ז יי אָבער, — ז יי מעגן דערווייל
אויסן הויף, צי אין היכל אין הוליאַנקעס זיך שפילן און מיין האָב און
גוטס דאָרט ראַבירן. וואָרים וואָס אַרט זיי, אַז פון ז יי ע ר ע תבואות
און ווייַנען טוט נייערט זייער אייגענע משפחה געניסן?
פון מיין עשירות אָבער שעכטן זיי טאָג-איין און טאָג-אויס אַלע
שמאַלציקסטע שאָף, די באַהערנערטע און וואָליקסטע ציקלעך;
און אומברחמנותדיק גיסן אַדאָרט זיך מיינע שאַרפסטע און
צעפינקלטע וויינען! פאַרוואָס? — ווייל אַזאַ מאַנסביל, ווי מיין שטאַרקער
האַר אָדיסייאוס, וועלכער זאָל בייקומען דעם שונא, טוט מיר אין
היכל פאַרפעלן! אָבער — וואַרט! וואַרט! אויב ע ר, מיין האַר,
וועט ווענס קומען
אַהיימצו, — טאָ וועט ע ר מיטן בן-יחיד אונזער משחית פאַרלענדן!"
געזאָגט; מיטאַמאָל אָבער האָט שטאַרק צעניסט זיך טעלעמאַכאָס, אַזש
מיט אַ מוראדיק ניסן האָט אָפגעענטפערט דער אָפקלאַנג! — האָט פונם
גוטן סימן די מלכה געשמייכלט און ביים פאַסטוך געבעטן:

„איל זיך, אייאומייאַס, תּיכּף אַהערצו צו ברענגען דעם פרעמדן.
וואָרים דו האָסט דאָך געהערט, ווי דער בן־מלך האָט אויף מיינע
ווערטער צעניסט זיך? זע: דער בלוטיקער גורל וועט אונזער משחית
פאַרלענדן, און דער שרעקלעכער קערען וועט נישט קיינעם פאַרמיידן!!!
און נאָך עפּעס וויל איך בסוד־סודות זיין דיר מבשר: אויב ע ר,
דער נע־ונדניק, וועט מיר דעם ריינעם אמת ברענגען אַהערצו, —
וועל איך אים מיט שיינע געוואַנדן און מיט אַ לייב־העמד באַשענקען!"
גערזאָגט; און נאָך איידער איר גערייד איז פון די ליפּן פאַרשווינדן,
האָט ער אַרויסגעשאַרט זיך צום בעטלער און גענומען אים בעטן:
„פרעמדער, פאָטערקע, גייער! קום, ווייל מיטן בענקשאַפט פון
הארצן נאָך איר
האַר אָדיסייאוס טוט דיך פּענעלאָפּייאַ — טעלעמאַכאָסעס
הייליקע מוטער — אַרויף אינעם היכל, צום אויספרעג פאַרבעטן. און
אויב דיינע ליפּן וועלן אַ גוטע בשורה איר ברענגען צו
טראָגן, וועט זי דיין נאַקעט נפש מיט שיינע געוואַנדן און
מיט אַ לייב־העמד באַשענקען. ווייל אויף אָנצופילן דעם חימר — טוט
דאָך יעדערער נדבן מיט ברויט און מיט פליישן דיך שפּייזן?!"
האָט אַדיסייאוס, דער גרויסער בן־עוני, דערויף אים געענטפערט:
„אייאומייאָס! מיט צעפלאַקערטן חשק גאַר איך טאַקע צו פאַר
פּענעלאָפּייאַ בת איקאַריאָס דעם אמת אַנטפּלעקן; ווייל מיט
גלייכע ענויים האָט אונז ביידע געשמיסן דער גורל! אָבער
מחמת מורא פאַר דער בייזער חבריא, וועלכע טוט מ ט
איר ווילדן עקשנות אַלע הימלען צעטרייסלען, — מוז איך
דערווייל נאָך שווייגן! ווייל זע: אָט האָט מיך דאָ איינער אַזוי
שרעקלעך צעמזיקט; און מיך, דעם עלנטן שלעפּער, האָט קיינער פון
די הויפּלייט און אפילו טעלעמאַכאָס געטון נישט באַשיצן! — —
דערום: זיי מודיע דיין האַרינטע, וואָס באַגערט תּיכּף פון אַלץ זיך
דערוויסן, — אַז ערשט נאָך דער פּטירה פון שטראַליקסטן העליאָס
וועל איך צו איר זיך געזעגענען, און ביים צעפינקלטן פלאַקער וועט
זי צום אויספרעג מיך נעמען! אָ, ביים פלעמל פון פריפּעטשיק וועל איך
מיין נפש אונטער די צעלעכערטע שמאַטעס צעפּאָרען: מיינע
אַלטיטשקע ביינער, וואָס דו האָסט געטון זיי באַשיצן!"

געזאָגט; נאָר
קוים האָט אייאומייאָס מיט דערדאָזיקער בשורה אויף דער שוועל זיך
געיאָוועט, האָט אים באַלד פענעלאָפּייאַ באַגעגנט מיט שאַלונג:
„וואו-זשע איז ער, דיין עלנטער גייער? טוט ער זיך אפשר שרעקן
אָדער שעמען צו פאַר מיין אויג זיך צו ווייזן? — עט, פאַרמיאוסט איז די
בושה ביים קבצן!"
האָסטו, אייאומייאָס, דערויף איר געענטפערט:
„הער: גערעכט איז זיין טענה, אַ הויכגעאַכפּערטע מלכּה, ווייל ווי
אַ גט״טענער חכם, וויל ער נישט איינרייסן מיט דער ווילדער
חב׳ ! דיר״ום טאַקע וויל ער צוּוואַרטן ביז נאָך דער פּטירה
פון שטראַליקסטן העליאָס, בכדי נייערט דיר לטובה זאָל דיר
אויספאַלן אויג אויף אויג מיטן מבשר צו שמועסן!"
און נון האָט
די קלוגע פענעלאָפּייאַ וועגן זיין התראה צעשאַלט זיך:
„בנאמנות, ווער דער פרעמדער זאָל נישט זיין, — איז קלוג און
פאַרשטאַנדיק
זיין טענה; וואָרים אויף אַלע גרויסע וועלטן וועט זיך קיין הויז
נישט געפינען, וואו בייזע מאַנען וועלן אין פרעמדן עשירות
זיך באַברען!"
געזאָגט; אָבער גיך, גיך האָט דער געטלעכער פאַסטוך
אַריינגעשפּאַרט זיך אין די ברייטע חדרים פון די ווילדע
ח׳ י׳ און אומבאַמערקט פון די יאָלדן האָט ער צוגעשלייכט זיך
בסתר צום האַר טעלעמאַכאָס און איינגערוימט אים אין אויער:
„ יצט, טייערער, טו איך ווידער אויפן ישוב געגענען צו פאַשען
אָד״״טן מיינע און דיינע חזירים. דו אָבער זיי נזהר
וז , נ̣ז עס זאָל דיר קיין שום שלעכטס דאָ אינם היכל געשען נישט.
וו ׳ מי״ פ̣אַלשקייט הויערן אויף דיין לעבן פיל כיטרע אַכייער,
וועמען גאָט זזגאוס וועט זיכער פאַרציקן, נאָך איידער זיי וועלן
דיך פרוּוון פאַרלענדן!"
האָט טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„טאַטענקע! זיין זאָל ליבערשט אַזוי: ערשט נאָכן פת-ערבית
זאָלסטו זיך

צו דיינע שטאָלן געגענען, בכדי מאָרגן כאור צו ברענגען אהערצו קרבנות. און מ י ך ווידער — לאָז דאָ אויפן באַשייד פון די געטער !"

געזאָגט ; און נון האָט אויף אַ טראָז זיך געוואָרפן דער פּאַסטוך. אָבער נאָכדעם, אַז דאָס עסן און טרינקען האָט אונטערגע־צונט אים דאָס האַרץ, — האָט ער פונם צעזונגע.עם היכל פון געפּרעס און פון שיכּרות־געטאַנץ זיך דערווייטערט און אויפן ישוב צו זיינע סטאַדעס געגידערט, ווייל בסתר, בסתר אָנגערוקט האָט די נאַכט זיך.

# דאָס אַכצענטע געזאַנג

**געוועט-קאַמף צווישן אָדיסייאוס און איראָס.**

פלוצלינג אָבער האָט זיך איבער די גאַסן פון איטאַקאַ עפּעס
אַ היימיש אַלט-געזעסענער שנאָרער און אַ זולל-וסובא
געיאָוועט, וועמעס אייביק הונגעריקן חומר ער פלעגט שטאָפּן
מיט פרעסן און טרינקען, — פון וואָס זיין קראַפט און זיין גוף איז גרויס און שטאַרק
זיך צעוואַקסן! און אַרנייאָס האָט זיין מוטער, די האַרינגע ביי דער
ברוכשטול, געגומען אים רופן; אָבער צוליב זיין שליחות צו
פאַר יעדן באַזונדער, — האָבן יונגען אויף אים א י ר אָ ס געשריגן!
אָט ע ר איז דעם האַר אָדיסייאוס מיט ביטערע קללות אין זיין
אייגענעם היכל באַפאַלן: געפרווט אים פאַרטרייבן און ביטער צעשאָלט זיך:
„מנוול! נאָך איידער איך וועל דיך ביי די פיאַטעס
אַ שלעפּ טון, — טראָג אייליק מיט דיין כבוד אַרויס זיך, פאַרשימלטע
טראַנטע! ווייל זע: פיל וויעס מיר פינטלען אָרונטעט, אַז איך זאָל פונם
הויז דיך פאַרטרייבן, — אָבער — פפע: אַ מיאוסקייט באַנעמט מיך צו דיר זיך
געגעגען! דערום: אַנטלויף, — און זאָל דיין גופל מיין קולאַק נישט פילן!...“
האָט מיט פינסטערע בליקן בן לאַערטעס כעסיק געענטפערט:
„נישט מיט ווערטער און מיט מעשים איך בין דיך מבזה, דו שוטה.
און אויך די ברייטע נדבנים איך טו דיר פאַרגינען, — ווייל די שוועל
פונם היכל קאָן שפּייזן אונז ביידע. היינט: וואָס נוצט דען די קנאה, וואָס
טאַכשעט דיין הערץ? — אָ, דו ביסט, קענטלעך, ווי איך, אויך אַן עלנטער

גייער, פון מרחק געקומען, וואָמען די געטער וועלן מיט
עשירות באַגליקן. דערום שטיי אָפּ פֿינם בייל-קאַמף, בכדי איך זאָל נישט
(הגם אויף דער עלטער) מיט כּעס און נקמה דיין ברוסט מיט דער
מאַרדע אין אַ בלוט-באָד דערטרינקען, און צומאַרגנס פֿאַרבלייבן
אַליין דאָ אין ביי-לאַערטעסעס היכל, בעת דו וועסט שוין מער
נישט באַווייזן אַהער זיך דערשלעפּן!..״
האָט איראָס כּעסיק געהילכט:
„זעט נאָר, ווי די קבצנישע צונג האָט זיך אין זיין מאָרדע ווי ביי
אַ הייצערקע הינטערן אויוון, צעפּלאָפּלט! — היי! וואַרט, וואַרט!
איך וועל
דיר די ציין מיט די יאָסלעס ווי ביי אַ חזיר צעבּרעכן: יאָ, ווי
ביי אַ חזיר אַ משחית, וואָס טוט די זריעית אויף די פעלדער
פאַרוויסטן! קום, ברידערקע, גורט אָן זיך די לענדן, און לאָזן די
עדות דאָ צוזעען, ווי אַ נאַרישער זקן וועט אַ מעכטיקן
גבור באַצווינגען!...״
אָט אַזוי האָבן זיך ביידע בעטלערס אויף דער
גלאַטיקער שוועל פונם היכל מיט גראָבע ווערטער געזידלט, ביז
מעלתו אַנטינאָיאָס זייער גערייד האָט פאַרנומען, אַז מיט
חוזק-געלעכטער האָט ער צווישן חתנים מיט לעפצן צעשאָלט זיך:
„אַזאַ שפּיל, גוטע ברידער, איז דאָ נאָך קיינמאָל געשען נישט!
אָ, זעט
סאַראַ תענוג עס באַשערן אונז ביזן היכל די געטער! קומט, לאָמיר
צוזען ווי צוליבן בייל-קאַמף אַמפּערט מיטן גייער זיך איראָס. קומט,
גוטע ברידער, און לאָמיר זייער חשק צום פויסט-שפּיל דערהיצן!״
בעזאָגט; און מיט אַ פריידיק געלעכטער האָט די עדה צעשאָלט זיך
און אין אַ ראָד אַרומגערינגלט די אָפּגעריסענע שלעפּערס, —
ביז אַנטינאָיאָס בן עופּייטעס האָט היציק צעלאָזט זיך:
„פאַרנעמט מיין גערייד, אָ איר גרויסע, הויכגעאַכפּערטע ברידער!
זעט: אָט ליגן דאָרט אויף גליאיקע קוילן פּעט-בלוטיקע מעגענער
פון געשאָכטענע ציקלעך, אָנגעבּרייט צו דער נאַכטיקער סעודה.
איצט, — ווער פון זיי ביידע זיין וועט מנצח דעם שונא, — אָט צו
פאַר אים זאָלן אויסדערווילט זיין אַלע זאַפטיקע פליישן, און אויך אויף

לְהבא זאָל ער אייביק ווערן צו אונזער שפייז-טיש פאַרבעטן;
צום שפייז-טיש, וואו קיין אַנדערער בעטלער וועט זיך מעגן גענענען!״
גענאָגט; און וואוילגעפעלן אַלעמען איז דער געשאַל פונם חתן.
אָבער בערמה האָט בן-לאַערטעס זיינע לעפצן צעעפנט:
„וואָרהאַפטיק, אָ ליבינקע, אַז איך, אַן אַלט-צעבראָכענער שאַרבן,
וועל נישט קיינמאָל באַווייזן מיט אַ יונגן צום פויסט-קאַמף זיך שטעלן,
אָבער דער שרעקלעכער הונגער טוט צו אַלדאָס-בייז מיך באַצווינגען!
בכן — שטייט אויף און טוט מיר אַלע מיט אַ הייליקן נדר
באַשווערן, אַז קיינער פון אייך וועט צוליב איראָסן אַקעגן
מיר זיין פויסט נישט דערהייבן, בכדי גרינגער צו מאַכן דעם זיג אים!״
געזאָגט; און נאָכדעם, ווען אַלע האָבן מיט אַ נדר געטון אים
באַשווערן, האָט דער העלד טעלעמאַכאָס מיט זיין געשאַל זיך דערהויבן:
„אָ פרעמדער! אויב אַ מוטיקער כוח טוט דיין האַרץ באַהערשן —
כאָ שרעק זיך נישט אָפּ פאַר אַכייער, — נייערט נעם און פאַרטרייב אים פון
היכל. און אויב דיר וועט עמעץ זיך שטעלן אַקעגן, — וועלן מיר
אים די ביינער צעברעכן! ווייל איך, — איך אַליין בין דער באַלעבאָס
אינם הויז דאָ, און אַנטינאָיאָס מיט עאורימאַכאָסן וועלן
אייביק מיר ביישטיין!״
געזאָגט; און צו אַלעמענס הערצער זיין גערייד
איז דערגאַנגען. בינתיים אָבער האָט אָדיסייאוס מיט די
צעריסענע שמאַטעס אַרומגעגורט זיך די ערווה, אונטער
וועלכער צוויי בויגזאַמע לידקעס האָבן געבלאַנקט פונדערווייטנס. און
אַנטבלויזט איז אויך געוואָרן זיין מעכטיקע ברוסט מיט די אַקסלען; און
בסתר, בסתר האָט צום פאַסטוך פון פעלקער אונטערגעשאַרט
זיך פאַלאַס-אַטענע און געטון אים מיט קראַפט און מיט תפארת
באַלאָדן. — — און געגאַפט האָבן אַלע פונם דאָזיקן מופת און
שטיל זיך געשעפטשעט:
„זעט! איראָסן האָט פאַרוואָלט זיך אַן אומגליק. — אַך,
כאַראַ מוטיקע לענדן עס קוקן אַרויס פון אונטער די שמאַטעס!״
אַזוי געגאַפט האָבן חברה; און איראָסן איז די לעבער צום
גומען געקראָכן. אָבער פאַרפאַלן: מיט כוח האָבן חברה
אָנגעגורט אים די לענדן, אַז זיין לייב האָט פון אַנגסטן געציטערט. —

און דערצו נאָך האָט אַנטינאָיאָס מיט חוזק געזאָגט אים :
„טפש !
צו וועלכע שוואַרץ-יאָר ביסטו אויף וועלטן געקומען ? — אפשר, אַז אָט
דער אַלטיטשקער, שווער געליטענער בעטלער זאָל דיינע ביינער
צעקלאַפּן ? — — — איצט — פאַרנעם. וואָס איך בין דיר מבשר : אויב דער פרעמדער
וועט פונם דאָזיקן קאַמף-שפּיל אַרויס מיט נצחון, — וועל איך דיך מיט דער
בייכיקער שווים-שיף קיין עפּיראָס, צום שרעקלעכן קיניג עכעטאָס
פאַרוואַרפן, וועלכער וועט דיר מל זיין די נאָז מיט די אויערן, און
דיין אַרויסגעריסענע ערווה וועט טון ער צום געפרעס פאַר די
כלבים פאַרוואַרפן !
געזאָגט ; און ווי אין קדחת האָט עס מיטן
שלעפּער געוואַרפן. אָבער — פאַרפאַלן : דערהויבן האָבןביידע
צום בייל-קאַמף די פויסטן ! (בינתיים אָבער האָט מיט זיך אַליין
אָדיסייאוס שואל-עצה געווען : צי זאָל ער אים ת י כ ף
מיט אַ טויט-קלאַפּ דערשלאָגן, אָדער אפשר אים געבן אַ פּאַטש אויף
קאַטאָוועס, אַז ער זאָל אַ פאַרשעמטער זיך געבן אַ שטרעק אויס אויף
די דילן ? — און בכדי נישט צו דערוועקן קיין חשד ביי אַכייער, —
האָט פון ביידע מחשבות שטאַרקער איבערגעוואויגן די צווייטע !..)
און נון זענען ביידע אונטערגעשפּרונגען... און אויפן רעכטן אַקסל
פונם האַר אָדיסייאוס אָפּגעקלונגען אַ קלאַפּ האָט פון איראָסעס
פויסטן. אָדיסייאוס ווידער האָט אַ קנאַק אים הינטערן האַלז און
נאַקן געגעבן, אַז געקנאַקט האָבן זיינע ביינער ווי שפּענדלעך ! — —
און באַלד טאַקע האָבן פערפלנע בלוטן גענומען אים טריפן
פון פּיסק און פון נאָזדרע, אַזש מיט אַ ווילדן געשריי איז ער זיך אויף
ערדן, אין די זאַמדן, פון ווייטיק פאַרגאַנגען ! — — — האָבן אַ זאַלפּ פון
געלעכטער מיט דערהויבענע אָרעמס אויסגעשאָסן פון פרייד די
חתנים ! אָדיסייאוס אָבער האָט ביי אַ פוס איבער זאַמדן
גענומען שלעפּן דעם שלעפּער ; איבערן הויף אים געקאַטשעט ; מיטן

רוקן אָנגעשפּאַרט אים בײַם פּליוט פונם היכל און אונטערגערוקט אים
אַ שטעקן, און געטון זיך צעשאַלן :
„זיך, און פאַרטרייב דאָ די הינט
און חזירים, און קריך מער נישט אין די ביינער פון עלנטע
וואָגלער, בכדי איך זאָל דיך אויף טויט נישט דערשלאָגן, אַ ווילדער
מחוצף !"
געזאָגט ; און ווידער האָט ער זיינע בעטלער-געוואַנדן
איבערן אַקסל פאַרוואָרפן און אויף דער שוועל פונם היכל געזעצט
זיך. און
נון האָבן חתנים מיט פריידיק געלעכטער וואַרעם באַגריסט אים :
„אָ פרעמדער ! הלוואי זאָלן אַלע דיינע תּפילות דורך דזעאוסן מיט
אַלע איבעריקע געטער ווערן אייביק מקוים, — ווייל פון
אונזער מחנה אַרויסגעשטויסן דיין האַנט האָט דעם שרעקלעכן
זולל-וסובא ! — — איצט הער : באַלד וועלן מיר אים צום בייזן קיניג
עכעטאָס פאַרשיקן, וועלכער טוט אַלע ברואים אין עפּייראָס
פאַרלענדן !"
אַזוי האָט געבענטשט אים די מחנה ; און האַרציק האָט דער
גבור מיט די ברכות געפרייט זיך ! און נון האָט אַנטינאָיאָס דעם
גרעסטן און פעט-בלוטיקסטן מאָגן אים אונטערגעטראָגן ; און מיט
צוויי ברויטן און מיט אַ גילדענעם וויין-כוס האָט אים אַמפינאָמאָס
באַגעגנט ; בשבילו געטרונקען, און געטון זאָגן אַזוי :
„פריד צו דיר, פריד צו דיין לעבן, אָ ישיש ! אַ גוטע עלטער זאָל
אויף דיר קומען מיט בענטשונג, הגם דו ביסט איצט פאַראָרימט !"
האָט אָדיסייאוס, דער הויכגעאַכפּערטער חכם, דערויף אים
געענטפערט :
„משמעות, אַמפינאָמאָס, אַז דו ביסט אין דיין גרויסן
פאָטער, דעם חכם געראָטן ! אָ : דער שם-טוב פון ניזאָס, דיין
טאַטי דעם דוליכישן קיניג, איז לאַנג צו מיין אויער שוין
דערגאַנגען, פון וועמעס זרע דו ביסט מיט חריפות אויף וועלטן
געקומען ! — דעריבער, אָ חכם, פאַרנעם מיטן האַרץ מיין גערייד
פון די לעפצן. הער : פון אַלע ברואים אויף ערדן איז נייערט דער
מענטש רק אַ הבל-הבלים. ווייל כל-זמן עס בויגן די געטער

מיט קראַפט זיינע קניען, און זיי שענקען אים יוגנט און שיינקייט, — טוט ער אייביק פאַרגעסן, אַז עס קאָן אים ווענס טרעפן אַן אומגליק ! — און קומט ווענס אַן אומגליק, — אָ, מיט אַ סבלניש האַרץ טראָגט ער די ווייטיק אַריבער. ווייל אַזוי ווי גאָט דזעאוס איז אייביק משנה די טעג מיטן גאַנג פון מזלות, אָט אַזוי זענען אויך זיך משנה ביים מענטש די חושים ! — און הער : אויך צו מיר האָט דער ליכטיקער גורל פאַרצייטנס געלויכטן ! אָ, מיטן כוח פון מיין אייגענעם נפש און צוליב דער גבורה פון מיין פאָטער און ברידער, האָבן מיר נישט איינמאָל גרויסע גבורות באַוויזן ! דעריבער זאָל יעדער בן-אדם נישט קיינמאָל אין דער טמאה זיך באָדן ; נייערט בשתיקה געניסן די מתנות פון געטער ! אַך, אויך זיי, די ווילדע חתנים, כוען אין שרעקלעכער טמאה זיך וויקן ! זע, מיט וואָסער חוצפה זיי הויערן אַרום דאָ אין היכל און זענען מבזה אַן אשה אַ פרעמדע, וועמעס מאַנסביל עס וועט זיך אוודאי בקרוב אין זיין היימלאַנד און צו זיין מלכה באַוויזן ! לכן, אָ חבר, איך ווינטש דיר, אַז דיך אַליין רק זאָלן די געטער באַשיצן, בעת ע ר וועט ווידער אין זיין היים זיך אַנטפּלעקן ! ווייל גלייב מיר, אַז נישט אָן שפיכת-דמים וועט אַריבער אינם היכל דער קאַמף מיט חתנים !"

אַזוי האָט מתרה געווען דער אַלטער, גיסנדיק דעם זיס-וויין אין גומען, פון וועלכן ער האָט פריער נאָך מקריב געווען צו הימלען ! און נון האָט ער דעם ליידיקן וויין-כוס אַמפינאָמאָסן איבערגעגעבן, אין וועמעס האַנט עס האָט דער בעכער, ווי אַ האַרץ זיך געצאַפּלט, ווייל נאָענט, גאָר נאָענט האָט זיין אומגליק גענענט זיך '... אָ, אויך אים האָט פאַלאַס דורך טעלעמאַכאָסעס שווערד נישט איבערגעהיפּערט, אַז מיט שווערע רעיונות האָט ער איצטער צוריק אויף זיין שטול זיך געוואָרפן !

און נון האָט דאָס האַרץ פון איקאַריאָסעס טאָכטער פענעלאָפּיאַ די בלוי-אויגיקע דזעאוסעס טאָכטער פאַלאַס אָטענע מיט חשק צעוואַרעמט : אַז זי זאָל זיך מיט פראַכט און מיט הדר פאַר חתנים באַווייזן, בכדי יענע זאָלן מערער

נאָך װערן צעשמאָלצן, בעת איר געטרײשאַפט און צניעות װעט צו
פּיר אַדיסײאוס און טעלעמאַכאָס קומען אַקעגן ! — און מיט
אַ הלצהלע האָט זיך די מלכּה צעשמײכלט :
„אײאורינאָמע !
הגם בתּכלית־השׂנאה איך האָס די חתנים, איצט אָבער
באַנעמט מיך אַ חשק צו זײ זיך באַװײזן, בכדי מתרה צו
זײן דאָרט מײן קינד טעלעמאַכאָס, אַז ער זאָל װאָס װינציקער אין
זײער מחנה זיך דרײען ; װײל בעת הינטער זײער האַרץ בלאָנקט
בערמה אַ מעסער, טוען זײ לפּנים מיט זיסינקע
רײדלעך אים כאַפּן !״
האָט די באַדינערקע דערויף איר געענטפערט :
„קלאָר װי דער טאָג איז דײן גערײד איצט, אָ קינד מײנס ! בכן
דערהײב זיך
און מאַך גרײט זיך אַהינצו. אָבער פאַר דער התראה זאָלסטו
בטהרת־הקודש זיך באָדן און זאַלבן, בכדי זיך
אַדאַרטן מיט אױגן פאַרװײנטע נישט טון צו באַװײזן, װײל
אײביקער טרױער טוט דאָס נפש צעברעכן ! פאַרװאָס ? — װײל דײן קול
האָבן פאַרנומען די געטער, און צו אַ באַבערדלטן מאַנסביל
דײן זון איז דערװאַקסן !״
אָבער מיט קלוגשאַפט האָט פּענעלאָפּײאַ
דערויף איר געענטפערט :
„נײן ! װײל אויב דו האָסט באמת מיך ליב איצט,
אָ אײאורינאָמע, — טאָ ראַט מיר נישט צו טהרה און זאַלבונג. װײל
זינט ער איז אין דער בײכיקער ים־שיף אַװעק אין מרחקים, האָבן
אָליכּפּישע געטער ממאס מיר געװען מײן צירונג ! — איצט
אָבער טו אַהערצו היפּאָדאַמײאַ און אַאוטאָנײע צו
רופן, הינטער װעמעס אָרעמס איך זאָל יוערן באַגלײט אינם היכל.
װאָרים עס געשיקט זיך דאָך נישט אַלײן צו פאַר מאַנען גענענען ?״
געזאָגט ; און אױף איר געהײס איז די באַדינערקע געלאָפן
רופן די מײדלעך, און צו דער מלכּה זײ אײליק געטריבן.
אָבער אַ נײע המצאה האָט צוגעטראַכט פּאַלאַס־אַטענע :
זע : באַטויט האָט זי די װיעס פון איקאַריאָסעס טאָכטער מיט

אַ זיסן געדרימל, אַז אַ מתיקות האָט אין אירע ביינער
אויף דער לען־שטול צעשפּילט זיך. — — און נון האָט די געטין מיט אַ הייליקן
כּישוף אויסגעפּוצט מיט פּראַכט און מיט הדר די שלאָפיקע מלכּה, —
צום גאַפונג פון אַלע אַכייער! און מיט אַמבּראָזיאַ־זאַפטן
האָט זי געזאַלבּט אירע באַקן; מיט די דופטיקסטע זאַפטן, וואָס רק
קיטעריייאַ פלעגט מיט אַזאַ זאַלבּונג צווישן בלומען און קראַנצן
אינם קאַראַהאָד צווישן כאַריטינערקעס צום טאַנץ זיך באַווייזן!
אָ! ווי העלפאַנטביין אין דער האַנט פונם קינסטלער, האָט פּאַלאַס־אַטענע
אויסגעגלעט און פאַריונגערט איר מיידלשע צורה, און תּיכּף פון
דאָרטן פאַרשוואונדן!
דערווייל האָבן ביידע ווייס־געאָרעמטע
מיידלעך מיט אַ הילכיק געלעכטער אויף דער שוועל זיך באַוויזן, אַז פון
איר שלאָף האָט איבּערגעוועקט זיך די מלכּה. און אויסרייבּנדיק די
אויגן האָט שטיל זי געטענהט:
„זעט: מיט שווערן געדרימל בין
איך, די עלנטע אשה, געוואָרן אַנטשלאָפן, גלייך אַרטעמיס
וואָלט אין די אָרעמס פון טויט געטון מיך פאַרוויגן, בכדי איך זאָל
מער ניט מער מיין טייערן מאַנסביל נישט קאָנען באַוויינען: מיין גרויסן
האַר און געביטער, דעם העראָאישסטן פון אַלע אַכייער!"
געזאָגט; און נון האָט זי פונם אייבּערשטן גאָרן געזונמען שפּרייזן
אַראָפּ איום היכל, און דאָס נישט אַליין: ביידע מיידלעך האָבּן געטון
זי באַגלייטן!
און געווען איז, ווען די געטלעכע אשה האָט אויף
דער שוועל פונם הייליקן היכל צו פּאַר חתנים געטון זיך
געגענען, — האָט זיך איבּער איר קאָפּ, אויף די באַקן, דאָס דעקטוך מיט
צניעות צעכוואַליעט, און די מיידלעך זענען ביי דער זייט איר געשטאַנען!
און מיט אַ כּישופדיק פייער האָבּן די קניען ביי חתנים
געבּרענט און געציטערט, אַז מיט גליאיקער תּאווה האָבּן געלעכצט

זיי צום בעט פון דער מלכה ! — — אָבער רק צו טעלעמאַכאָסן האָט
געטון רעדן די מלכה :
„קינד מיינס ! צי ביסטו חסר-דעה
גאָר פלוצלינג געוואָרן, וואָס מיט דיין אויפבלי איז אָפּגעשטאָנען
דיין איידעלער שכל ? אָ, זע : פיל נחת האָב איך דערלעבט אין דיין
קינדהייט, און איצט, אַז דו ביסט שוין דערוואַקסן און דיין העלדיש
פרצוף (אין וועמען עס טוען אפילו פרעמדע מענטשן אַ פונק
פון זרע-מלכים דערקענען) האָט מיט גבורה געגעבן
אַ הייב זיך, — האָסטו פלוצלינג דיין שכל פאַרלוירן ? אָ, פאַרוואָס
דערלאָזסטו צו אַזאַ מיאוסער נבלה לגבי אַן עלנטן
גייער ; אַז בעת יענער זוכט אינם הויז דאָ אַ מקום-מקלט און
אַן אָפּרו, — זיצסטו זיך דערווייַלע פון ווייטנס פאַרשוויגן. — זאָג, צי
איז דאָס נישט אַ בושה און אַ חרפה פאַר לייטן ?"
האָט אָבער
טעלעמאַכאָס, דער יונגיטשקער חכם, דערויף איר געענטפערט :
„מאַמענקע מיינע ! אָ, וויפיל יושר עס זאָל אין דיין כעסיקער
טענה נישט ליגן באַהאַלטן, איז אָבער דערווייַלע מיין שכל
נאָך ווייט נישט מטושטש, ווייל איך בין דאָך שוין מערער קיין קינד נישט !
אָבער אפילו מיט מיין רצון דעם שטאַרקסטן קאָן איך זיך איצטער
נישט געבן קיין עצה, בעת אינם הויז דאָ הודזשעט מיט ווילדקייט דער
כעס פון חתנים, און קיינער קומט נישט מיר ביישטיין אין אומגליק !
און זע : צום צער פון אַלע חתנים איז דווקא דער פרעמדער מיט
כוח און גבורה בייגעקומען אינם בייל-קאַמף אַקעגן דעם
שרעקלעכן איראָס. — דערפאַר וועט בזכות-זה אונז דזעאוס בן לאָטאָס
און פאַלאַס-אַטענע באַווייזן אַ מופת, אַז אויך ז יי וועלן
בקרוב אָדאָ אינם היכל — אָדער אין דער נאָענטער עזרה —
פאַרבלייבן געקעפּט און געניזוקט און געליימט אויף די ביינער, —
גלייך
ווי איראָס, וועלכער ליגט איצט מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט ביי דער פורטקע,
פון וועמעס צעבויקערטע ביינער עס סטאַרטשען אַרויס דאָרט צוויי ווילד-
אָנגעגאָסענע און פאַרשיכּורטע אויגן, און ווי אַ גוסס
צעקיילט און צעמזיקט, ער באַווייזט נישט אַ ריר זיך צו געבן !"

אַט אַזוי האָבן זיי ביידע געטענהט ; ביז ערשט פאַר דער
מלכּה פּענעלעפּייאַ האָט עאורימאַכאָס זיינע לעפּצן
צעעפנט :
„אָך, אשת־חייל בת־איקאַריאָס : פּענעלאָפּייאַ !
הער : אויב דיך וואָלטן אַלע אַכייער פונם גאַנצן שטח איבערן
יאַזישן אַרגאָס געטון רק דערבליקן ; אָ, באַלד אויף צומאָרגנס
וואָלטן אַלע בחורים צו דיר זיך געשדכנט ; ווייל נייערט ד ו
ביסט די שענסטע, די ריינסטע און איידלסטע צווישן די פרויען !"
אָבער מיט גרויס עניוות האָט דערויף אים געענטפערט די מלכּה :
„ניין ! נישט אַזוי, אַ איידעלער פּריינט עאורימאַכאָס ! ווייל זינט מיין
האַר אָדיסייאוס האָט זיך מיטן אַרגיווישן חייל אין די
שיפן אַקעגן טראָיע געוואָרפן, האָבן געטער ממאס
געוועזן מיין צורה ! איצט אָבער — ווי ! אויב ע ר וועט בקרוב
אומקערן אַהיים זיך בשלום, — אָך, ווי אַ געטין וועט לויכטן
אונטער זיינע פליגלען מיין שיינקייט !... ווי ! ווי ! מיט שווערן עצבות מיך
פּייניקט דער שטן, ווען עס טוט זיך דערמאַנען, ווי דאַמאָלס, ביים
אָפּשייד, האָט ער אַזוי האַרציק געדריקט מיר די דלאָניע און אַזוי
שטיל זיך געשעפּטשעט : „אָ אשה ! איך בין איצט מסופק, צי אַלע
שיין־געפּאַנצערטע גריכן וועלן פון טראָיע אומקערן אַהיים
זיך בשלום. ווייל דערגאַנגען צו מיין אויער איז, אַז אויך ז י י
זענען גרויסע גבורי־מלחמה ! אָ, מיט דער וואַרף־שפּיז און בויגן
טוען זיי אויף די גיך־יאָגיקע פערדן ווי פיילן צו פליען,
און גלייך ווי מזיקים זיי טוען אין די בלוטיקסטע שלאַכטן זיך
וואַרפן ! דעריבער, אָ אשה, טוט נייערט גאָט דזעאוס צו וויסן
אויב אַ נצחון וועט ברענגען אַהיים מיך בשלום ! בכן — זיי
נזהר וזהור, אַז מיין פאָטער און מוטער זאָלן אינם הויז דאָ
חלילה קיין הונגער נישט ליידן ; און נאָך מערער ווי איצטער
זאָלן פון כּל־טוב זיי געניסן ! און ווען די ערשטע סמני־
נערות וועלן ביי אונזער קינד זיך באַווייזן, — טאָ אַנטשפּויז זיך מיט
וועמען דיין האַרץ טוט נאָר גלוסטן, — און טו תּיכּף פאַרלאָזן דעם
היכל !" — אָ, אַזאַ געוועזן איז דער אָפּשייד ; און אַלץ נעמט ווערן

מקוים. ווייל אַך: אַט גרייט זיך אַ נאַכט, אַ שרעקלעכע נאַכט, ווען גאָט
דזעאוס וועט צו דער חופּה דער שוואַרצער מיך פירן! — — — איצט
אָבער דאָרט
מיר דער מוח: הלמאי האָבן אַלע אַנבּיטער געבּראַכן דעם
מנהג, אַז ווען זיי קומען אין היכל אַ פרעמדן אַנבּיטן
אַ מלכּה: אַן אשת-חבר, אַ בת-מלכּה און פון אַ שיינער
משפחה, — האָט קיינער פון זיי נישט אפילו באַוויזן צו
באַשיינען די כּלה מיט רייכע מתּנות און מיטצוברענגען
קרבּנות צום חתונה-מאָלצייט, — ווייל נייערט בחינם טוען
אַלע פון פרעמדן עשירות ראַבּירן!"
גע'זאָגט; און נון האָט מיט
דעמדאָזיקן אויפטו אַדיסייאוס דערפרייט זיך: געטון לויבן
מיט חניפה די בייזע חתנים, אָבער גאָר עפּעס אַנדערש אין
האַרץ געטראַכט זיך!
אָבער אַנטינאָיאָס בן עופּייטעס האָט
אויף איר זיך צעבייזערט:
„דאָס גערייד פון מיינע לעפצן טו איצט
פאַרנעמען, אָ טאָכטער פון איקאַריאָס — פּענעלאָפּייאַ! הער:
זיי מקבּל באהבה די שיינע מתּנות, מיט וואָס די
אַכייער וועלן זיין דיך מכבּד, ווייל ביז דו וועסט זיך נישט
וועמען פון אונז דאָ אויסדערוויילן צום חתן, וועלן מיר דיין
פּאַלאַץ נישט קאָנען פאַרלאָזן!"
גע'זאָגט; און זיין גערייד האָט אויף
אַלעמענס שכל געלייגט זיך, אַז באַלד טאַקע זענען אַלעמענס
העראָלדן נאָך מתּנות געלאָפן. — — און נון האָט אַנטינאָיאָס
אַ טייערן כיטאָן איר אונטערגעטראָגן. אָ, מיט גילדענע
בלומען געווען איז דאָס בגד געהאָפטן, און אויף צוועלף גילדענע
כּפתורס האָט ער געטון זיך פאַרהעקלען. — — און פון עאורימאַכאָסן
האָט מען געבּראַכט איר אַ גינגילדענעם האַלז-באַנד, געפּאַסט אין
שיינער
עלעקטראַ, וועמעס שפּילעוודיקער גלאַנץ האָט ווי זונען געפינקלט. — —
מיט דרייערליי טייערע שטיינער האָבן אויפן האַלז פון דער מלכּה

שעמערירט עאורידאַמאַמעס אויערינג ; און פונם היכל פון זיין
פאַטער פאַליקאַאַר האַט פייזאַנדראַס געלאָזט ברענגען אַ ברוכטשעך
פון זעלטענער און טייערער אַרבעט ! — — — אַט אַזוי האָבן אַלע
אַכייער מיט פלערליי תכשיטים זיך פאַר איר זיך באַוויזן ;
ביז צוריק אין איר קאַמער געגענט האָט די מלכה, מיט וועמעס
צירונג עס האָבן די מיידלעך געכון זי באַגלייטן !

אין ווידער

האָבן חברה גענומען אַ לעב כוּז, און געשיכורט ביזן אויסגאַנג
פון שטראַליקן העליאָס ! — — אָבער געוועזן איז, אַז דער אָוונט האָט
זיך אינם היכל צעשאָטנט, האָבן חברה התנים צעצונדן
גרויסע דריי קאַניצן מיט ליכטיקן פייער : אויף צעזשאַרעטע
קוילן האָבן ליכטיק געפריסקעט איינגעטונקענע שפענער, און
איבער אַלץ געקנאַכט האָבן פריש-גליאיקע קינדלעך. — און אונטערגעשאַרט
האָבן באַדינערקעס דאָס העל-פלאַמיקע פייער, ביז מעלתו
אָדיסייאוס, בכבודו ובעצמו, האָט געטון צו זיי רעדן :
„געגענט אייך אַרויף צו דער מלכה, אָ איר איבערגעגעבענע
מיידלעך פונם ווייט-פאַרכאַלענעם קיניג ! געגענט אייך אָה נצו
און טוט מיט אייער אַרבעט איר האַרץ דערקוויקן : טוט זינגען ביים
שפינען די פלאַקסענע פעדעם און טאַנצן ביים קעמען די קליאָטשע !
זעט : איך אַליין וועל אינם הויז דאָ מיט פלאַמיקן פייער פאַר חברה
התנים (אפילו ביזן אויפשטראַל פון דער צערטלעכער עאָס)
מיט ליכטיקייט פאַרזאָרגן, ווייל צו סבלנישער אַרבעט מיין גוף איז
געשלאָגן !"

געזאָגט ; און מיט אַ זאַלפ פון געלעכטער האָבן אַלע
צעשאַלט זיך. און בייערט די רויט-באַקיקע, דאָליאָסעס טאָכטער,
די שיינע מעלאַנטאָ (וועמען פענעלאָפייאַ האָט ווי אַן
אייגענע מאַמע געליבט און געקיכלט ; פאַר וועמעס גוטסקייט זי
האָט ניביק איר געשעט באַוומען, ווייל בערמה פלעגט זי מיטן
הולטיי עאורימאַכאָס מזנה צו זיין זיך בסתר), — האָט מיט
ביטערע קללות מבזה געוועזן דעם האַר אָדיסייאוס :
„שווייג שטיל, דו משוגענער עובר-בטל מיטן מטושטשן
שכל ! זאָג : פאַרוואָס גלוסט זיך דיר נישט איבערצונעכטיקן ערגעץ

הינטערן אויוון פון אַ וויאַרימער קוזשניע, צי גאָר ערגעץ אינם
שטאָטישן הקדש, איידער אַדאָ זיך, צוישן אַלע גבורים,
מיט דיין חוצפה באַווייזן? - זאָג: צי גאַרערט דער ווײַן איצט ארויס פון
דיין גומען, אָדער ביסטו איביק אַזאַ פלאַפלער געיועזן? - הער
נאַר, דו: אפשר שווינדלט גאָר אין קאָפ דיר צוליב דיין נצחון מיטן
נאַרישן איראָס? — — היי! וואַרט! וואַרט! אָט וועט אַ שטאַרקערע
דלאָניע, ווי
זײַנע, איבער דיין קאָפ זיך באַווייזן. וועלכע וועט נעמען מיט
בלוטיקע פלעקן דיך דעקן, און ווייט, ווייט פונם היכל פאַרטרייבן!..."
איז מלא־חמה בן־לאַערטעס געוואָרן און מיט ווילדן כעס
זיך צעבייזערט:
„פאַרמאַך דעם פיסק, די ערעקלעכע כוקע, ווייל אויף מיינס
אַ מסירה וועט באַלד דיך טעלעמאַכאָס אויף שטיקער צערייסן!"
אָט אַזוי האָט זיך דער אַלטער צעבייזערט. מיט אונטערגעהאַקטע
ביינער איז דאָס ווייבעריי זיך פון פחד צעכליוגן, ווייל אַלע
געמיינט האָבן, אַז ער שרעקט זיי בתמימות! — — — און נון האָט דערווײַלע
אַלע דריי קאַניצן מיט ליכטיק־צעזשאַרעטן פייער דער האַר
אָדיסייאוס צעבלאָזן. אָבער דערזעענדיק אַרום זיך די
ווילדע חתנים, — האָט אויך זיין האַרץ זיך צעצינדן מיט ווילדן כעס
און נקמה, וואָס איז אויך תיכף געוואָרן מקויים!...
און מיט
חכמה האָט פּאַלאַס־אַטענע די לצנישע הערצער פון
אַלע חתנים נאָך מערער צעוואַרעמט, בכדי זיך צו רייצן
מיטן מעכטיקן קיניג! און באַלד טאַקע האָט עאורימאַכאָס בן
פּאָליבאָס מיט חוזק צעשאַלט זיך, אַז אַלץ געלאַכט האָט אַרומעט:
„דאָס גערייד פון מיינע לעפצן טוט איצט פאַרנעמען, אַ ליכטיקע
האַרן, ווייל אַלץ, וואָס איך רעד איצט, איז קדוש־וטהור!... זעט: עפּעס
אַ שכראַליקער אָפּגאָט האָט דעמדאָזיקן אורח געבראַכט אונז
אַהערצו, ווייל נישט רק דאָס פייער פון קאַניץ טוט אונזער היכל
באַלייכטן, נייערט אויך זיין גלאַנציקער פּליך, וואו קיין פּעדעמל האָר
איז מערער נישטאָ שוין!..."
געזאָגט; און ביי בן־לאַערטעס געפרעגט זיך:

„ענכפער, שליכמזל: צי וואָלכטו נישט אפשר ביי מיר אויפן ישוב פאָר
אַ גוי׳ער שכירית געטון זיך באַדינגען, בכדי מיר די צוימען
מיט דערנע פאַרפלעכטן און מיינע ערדן מיט ביימער פאַרפלאַנצן?
זע: מיט פרעסן און זויפן וואָלט איך פאַר דיין אַרבעט געצאָלט דיר
באַצאָלן און מיט געוואַנט און סאַנדאַלן געטון דיך באַקליידן!
— מיר אָבער דאַכט זיך, אַז דו ביסט קיינמאָל קיין לייט נישט געוועזן און
אייביק צו אַרבעט געפוילט זיך. דערפאַר טאַקע פאַדעט אַרום איצט
דיין שרעקלעך נפש און זשעברעט נדבות פאַרן צעפרעסענעם
חומר!...“
הזט אָבער דער האַר אַדיסייאוס דערויף אים געענטפערט:
„ווייסטו וואָס עאורימאַכאָס? — לאָמירביידע מיט אַרבעט זיך פּרוּוון!
ווי אַזוי? — לאָמיר אומגעגעסן אין אַ הייסן באַגינען זיך
ביידע אַ נעם טון מיט אונזערע סערפּעס צו קאָסען די גראָזן
איבער ווייטע, גרין-גראָזיקע לאָנקעס; און — מיט ניכטערנע בייכער
זאָל די נאַכט אונז באַווייזן, וועמעס קאָסע עס האָט מערער צו
שניידן באַוויזן — — אָדער: לאָז מען צוויי גלייכע, שיין-געוואַקסענע
און שטאַרק אָנגעפרעסענע אָקסן אין אַ סאָכע פאַרשפּאַנען, און —
גלייך ווי זיי, וועל אויך א י ך מיט כוח און גבורה אויף פירערליי
נחלות צערייבן די גרודעס, אַז מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם
וועסטו קוקן, ווי גלייך איך האָב צעאַקערט אויף פעלדער די מעזשעס!
אָדער: הלוואי זאָל היינט נאָך גאָט דזשאוס צווישן אונז אַ מלחמה
צעשפּילן... אָ, מיט אַ לעדערנעם פאַנצער און מיט אַן אייזערנעם
העלם וואָלט איך מיר די שלייפן פאַרבאָרגן, און זע: מיט צוויי בלוטיקע
שווערדן וואָלט איך פון פאָרנט ביים שונא אַוועקגעשטעלט זיך צום
בלוטיקן קאַמף-שפּיל, אַז דו וואָלסט שוין מערער מיין מאָגן געטון נישט
דערמאַנען! — דו אָבער, — אָך, מיט פּוסטער גאווה און נאַרישער
שנאה דיין האַרץ איז באַלאָדן. און דערפאַר טאַקע, וואָס דיינע
חיילות זענען נישטיק און שוואַכע, — טוסטו רק מיינען, אַז ד[illegible]
ביסט אַ גבור!.. ווי! אויב אָדיסייאוס וועט בקרוב אומקערן
אַהיים זיך בשלום, — אָ! איבער אַלע צעפּראַלטע טירן
און טויערן פונם הייליקן היכל וועט עס מיט דיינע ביינער
אַ כלום טון!“

געזאָגט ; און נאָך ווילדער האָט עאורימאַכאָסעס כּעס מיט
שרעק זיך צעזאָטן און מיט פינסטערער שנאה ביטער צעשאַלט זיך :
„היי ! וואָרט, וואָרט ! אָט וועל איך דיך תּיכּף פאַר דיין חוצפה
באַשטראָפן, ווייל
אפילו פאַר די איידעלע פירשטן דו טוסט זיך נישט פאָרכטן ! – זאָג :
צי פלוידערט דער ווין איצט אַרויס פון דיין גומען, אָדער ביסטו
אייביק אַזא מחוצף געוועזן ? און אפשר גאָר שווינדלט דער
קאָפּ דיר צוליבן נצחון מיטן נאַרישן איראָס ?"
אַזוי האָט ער
זיך געבייזערט ; און באַלד טאַקע צום פוס-בענקל געגעבן אַ כאַפּ
זיך. צום גליק אָבער האָט אַדיסייאוס אויף דער ערד (צופיסנס פון
אַמפינאָמאָס) געגעבן אַ יואָרף זיך, אַזוי אַז דער טראָף האָט
אינם ווין-כּוס פונם דוליכישן בן-מלך געגעבן אַ הודזשע
אַז אין איבערגעקערטער אויף ערדן, האָט ער מיט אַ געהייל זיך
צערעוועט !
און נון האָט אויך דער איבעריקער עולם מיט ווילדן
געברום זיך געבייזערט, און איינער האָט צום צווייטן געטענהט :
„הלוואַי וואָלט דער אַלטער הענט-און-פיס געוועזן געבראָכן,
איידער ער האָט זיך אַהערצו געיאָוועט. אָ, זעט : צוליב דער
מרידה פון נאַרישן קבצן קריגן מיר זיך אַרום דאָ אין
היכל, און קיינער פון אונז איז פונם מאָלצייט נישט טועם !"
האָט אָבער
צו דער חתנים-אסיפה טעלעמאַכאָס געענטפערט :
„שוטים !
נישט אַנדערש, ווי סיידן עפּעס אַ שטן-מקטרג טוט אייך –
אָ, איר אָנגעפרעסענע בייכער – פאַרפירן ! דערום טאַקע איך ראָט
אייך, אַז נאָכדעם, ווי איר וועט האָבן זיך נגעשטאָפּט שוין דעם חומר, זאָלט
איר עלאָפן זיך לייגן, – כאָטש איך נאָכרייב אייך פונדאַנען נישט
קיינמאָל ;"
געזאָגט ; און נון האָט זיך פון זיין דרייסט גערייד דער גאַנצער עולם
חתנים די ליפּצן צעביסן, ביז אַמפינאָמאָס בן ניזאָס,
מגזע אַרעטאָס, האָט פון זיין עס-טיש געטון זיך דערהייבן,

אוּן צוּ פאַר דער גאַנצער חבריא מיט שטראָף־רייד צעשאַלט זיך:
„קינדער!
וואָרהאַפטיק געוויזן דאָס וואָרט איז אויף טעלעמאַכאָסעס לעפצן;
דערפאַר זאָל קיינער פוּן זיין גערייד זיך נישט האָבן געטראָפּ: אוּן
קיינער זאָל זיך מער שוין נישט אַרוּמרייסן מיטן עלנטן גייער, —
וויל נייערט שלום־ושלווה מוּז הערשן אינם הייליקן היכל
פוּנם געטלעכן האַר אָדיססייאוּס! — איצט, דערהייבט אייך, דערהייבט
אייך, איר
גרויסע חברים, אוּן לאָמיר נאָך איינמאָל טוּן טרינקען לכבוד
די געטער, אוּן תיכף אַהיימגיין זיך לייגן! — ע ר אָבער, דער
איינזאמער אורח, זאָל אינם הויז דאָ, אוּנטער טעלעמאַכאָסעס
פליגלען פאַרבלייבן, וויל די שוועל פוּן אָדיססייאוּס האָט געטוּן אים
באַשיצן!"
געזאָגט; אוּן צוּ זייער האַרץ זיין וואָרט איז דערגאַנגען!
אוּן נוּן האָט מוּליאָס, דער העראָלד פוּן אַכפינאָמאָס גענוּמען
מישן מיט וואַסער די ווייַנען אוּן אַרוּמגעטיילט די כוסות צוּ
פאַר ווילדע חתנים. אוּן נוּן האָבן זיי געשפּרינקלט צוּ געטער,
אוּן גענוּמען זופּן פוּן דער הייליקער משקה. — —
אָבער באַלד נאָכן
זיסן געטראַנק זענען אַלע איבער נאַכט אַהיים זיך צעקראָכן.

# דאָס נײַנצענטע געזאַנג

די טענה מיט פענעלאָפײַאַ.
פיס-ביטל.

אַז נײַערט אָדיסײַאוס איז אינם היכל פֿאַרבליבן, וואו מיט
דער היקף פֿון אַטענען האָט ער וועגן אַן אָנפאַל אויף חתנים
געטון זיך פֿאַרטראַכטן! – און אַזוי האָט ער בײַם זון זיך געבעטן:
„איצטער, אָ קינד מײַנס, לאָמיר די כּלי-זין פֿונם שונא באַהאַלטן.
און זײַן וועט, ווען אַרומזוכן וועלן חברה דירעזיקע
וואָפן, טאָ זאָלסטו מיט חניפה זיי זאָגן אַזוי: „פֿון רויך און
פֿון זשאַווער האָב איך געטון זיי באַהאַלטן, ווײַל שוין זענען זיי נישט
מערער די אייגענע שווערדן, וואָס אָדיסײַאוס, מײַן פֿאָטער, האָט
פֿאַר זײַן אַוועקפֿאָרן אין איליאָן איבערגעלאָזט! – זעט: מיט רויך און
מיט סאַזשע זענען זיי פֿונם אַרומיקן פֿײַער געוואָרן
פֿאַרזשאַווערט. חוץ דעם האָט דזעאוס געטון מיר צו וויסן, אַז איר זאָלט
אײַך חלילה בעתן שיכּרות-געטומל אויפֿן אײַזן נישט וואַרפֿן,
און נישט זײַן אויך מחלל מיט בלוטן די הייליקע מצווה פֿון
סעודת-אהבה, – ווײַל אײביק טוט אײַזן צום גבור זיך קלעפּן!...“
געזאָגט; און צום אויער פֿון טעלעמאַכאָס זײַן וואָרט איז דערגאַנגען, –
אַז באַלד האָט ער צו דער אַלטער אײַאוריקלײַאַ באַפֿוילן:
„מאַמענקע! טו אויפֿהאַלטן די נשים אויפֿן אײבערשטן גאָרן, ביז
איך וועל מײַן פֿאָטערס כּלי-זין פֿון רויך און פֿון זשאַווער באַהאַלטן.
אָ, זינט זײַן אָפּשיף אין מרחק אויף ווײַטע מלחמות, בין איך דאָ
דערווײַלע שוין אויסגעוואַקסן, און נײַערט אויף מײַן אייגענער
אחריות מוז איך די שווערדן פֿון רויך און פֿון סמאָלע באַשיצן!“
האָט מיט פֿרייד די אַלטיטשקע אײַאוריקלײַאַ דערויף אים געענטפֿערט:
אויך דו, אָ קינד מײַנס, ביסט סוף-כּל-סוף שוין געוואָרן דערוואַקסן צו

זיין דער באַשיצער פֿון דיין פּאָטערס ירושה. — אָבער ווער-זשע וועט
איצטער מיט ליכטיקע פּאַקלען דיין אַרבעט באַלויכטן, אַז דו האָסט
מיר באַפֿוילן אויפֿצוהאַלטן די שפּחות אויפֿן אייבערשטן גאָרן?!״
האָט אָבער דער בר-דעת טעלעמאַכאָס דערויף איר געענטפֿערט:
„אָט דערדאָזיקער פֿרעמדער! — — — וואָרים ווער עס האָט נאָר איין מאָל פֿון מיין
עס-טיש געשפּייזט זיך, מוז ביי דער אַרבעט מיר העלפֿן, הגם ער איז
זיך אַ בטלן פֿון מרחק!״
געזאָגט; און ניט לאיבוד זיין וואָרט איז
געגאַנגען; ווייל תיכּף האָט די זקנה די אייבערשטע טירן
פֿאַרריגלט. — — און נון האָבן אָדיסייאוס און טעלעמאַכאָס זיך
איילִיק געפֿעדערט; אַרויסגעטראָגן פֿון היכל די פּאַנצערס און
פּיקעס און אַלע שאַרף-שפּיציקע שווערדן. און אינער אַלץ האָט מיט
אַ גילדענעם עמוד-אש זיך פּאַלאַס-אַטענע צעפֿינקלט!
אין אַזוי האָט וועגן מופת גענומען זאָגן טעלעמאַכאָס צום פּאָטער:
„אַך, סאַראַ נס ס'איז געשעען דאָ, אָ פּאָטער! זע: אַלע ווענט
דאָ אַרומעט און אפֿילו די סאָסנענע באַלקנס מיט אַלע
טייערע זיילן האָבן מיט אַ העליש פֿייער ביז איבער
די קראָקוועס געטון זיך צעשיינען, אָ, נישט אַנדערש, נאָר סיידן
אַן אַלמעכטיקער האַר פֿון אָלימפּאָס האָט אַהערצו גענומען זיך אַנטפּלעקן!״
האָט אָבער אָדיסייאוס דערויף אים געענטפֿערט:
„שוויג, און האַלט מיך בעסער ביי דער צונג נישט מיט נאַרישע קשיות, וואָרים
ס'איז דאָך קלאָר, אַז אַן אָלימפּישער גאָט טוט פֿאַר אונדז זיך צו מיען! — — —
ווייסט גאָר וואָס? — גיי ליבערשט שלאָפֿן. איך ווידער וועל דערווייליקע אַדאָ
נאָך פֿאַרבלייבן, בכדי נייגיריק צו מאַכן דיין מוטער, די
צנועה, וועלכע וועט זיכער ביים אויספֿרעג אין טרערן זיך באָדן!״
געזאָגט; און נון איז טעלעמאַכאָס מיט דער שיין פֿון לפּידים אַריין
אין זיין חדר. ווי אייביק, אין זיין פּרעכטיקן בעטל געלייגט זיך

און אָפּגעוואַרט במנוחה דעם אויפבּרי פון דער הייליקער עאָס!
אָדיסייאוס ווידער איז אַליין נאָך אינם היכל פאַרבּליבּן, וואו מיט
דער הילף פון אַטענע האָט ער וועגן אָנפאַל אויף חתנים
געטון זיך פאַרטראַכטן!
דערווײַלע אָבער האָט אויך פּענעלאָפּייאַ
(מיט קיפּרישער פּראַכט, ווי אַפראָדיס, און מיט גלאַנץ, ווי אַרטעמיס)
אַרויסגעשיילט זיך פונם אייבערשטן גאָרן און אינם היכל געגידערט.
און קעגנאיבער דעם פּריפּעטשיק איז אַ שטול פון איקמאַליאָס
אָנגעבּרייט שוין געשטאַנען; און מיט זילבּער און העלפאַנטבּיין געווען
איז באַשלאָגן די כּסא־מלכותא, אונטער וועלכער עס האָט זיך
צופּיסנס אַ טריט־באַנק געהוידעט, וואָס אַ חיהשע פעל־דעק
האָט געטון זי באַשיצן. — אַט אויף יענעם זיץ־אָרט האָט זיך די
מלכּה געוואָרפן! דערויף האָבּן אויך אירע ווייס־געאָרעמטע
מיידלעך אַהינצו געגידערט און אויסגערוימט פונם היכל די טישן
און בּענק מיט די בּרויטן און כּוסות, מיטן איבּעריקן שיריים
פון דער נעכטיקער סעודה. אַרויסגעוואָרפן דאָס אַש פון די
כּלים און אַ פרישן פייער אין יעדערן קאַניץ צעזשאַרעט!
דערויף אָבער איז ווידער מעלאַנטאָ דעם פרעמדן באַפאַלן:
„שלעפּער! אפילו דורך די נעכט שלעפּסטו אַרום זיך אין היכל,
בּכדי אויף די נשים צו אייגלען? — — — היי! טראָג תּיכּף מיט דיין מאָלצייט
אַרויס זיך פון דאַנען, זוסט שפּאַלט איך דיין קאָפּ מיט אַ האָלאָוועשקע!"
האָט אָבער מיט גרימצאָרן אָדיסייאוס אויף איר זיך צעבּייזערט:
„חצופּה! פאַרוואָס טוסטו מיך כּסדר מיט זלזולים באַפאַלן?
אפשר דערפאַר, ווייל איך האָב זיך אַהערצו אין שמאַטעס פאַרקליבּן,
און ווייל מחמת דוחק אין בּרויט, שטרעק אויס איך די האַנט נאָך אַ מאָלצייט?
אָ! אַזאַ איז דאָך פון אייבּיק דאָס מזל פון פרעמדע און וויסטע
קבּצנים! — — אַך, האָרך: אויך איך בּין פאַרצייטנס אַ שר פון אַ היכל
געוועזן! צעפּראַלט זענען אייבּיק מיינע טירן פאַר עלנטע
גייער געוועזן. זע: אין גרויס עשירות פון עבדים און
שפחות און צווישן אַ שפע פון פּראַכט און פון שיינקייט האָב איך זיך

ווי אַ גרויסער און ליכטיקער קיניג, אין נחת געבאָדן, —
אָבער ווי ! גאָט קראָניאָן האָט דאָס מזל געטון מיר פאַרשטערן ! —
דערום, דו נאַרישע דינסטמויד, באַרעכן, אַז אויך דיין שיינקייט
קאָן ווענס
ווערן פאַרמיאוסט און פאַרוויאַנעט ; אָדער דער כעס פון דער הייליקער
מלכה וועט איבער דיר זיך צעגיסן ; צי גאָר אָדיסייאוס
אַליין וועט אומקערן אַהיים זיך. — אָ ! עס קאָן אַלץ דאָך געמאָלט
זיין ! ? ! ! — —
און אויב זיין נשמה האָט דער האַדעס פון לאַנג שוין פאַרשלונגען, — טאָ
לעבט דאָך טעלעמאַכאָס זיין יורש, וועמען פויבאָס-אַפּאָלאָן האָט
מיט גנאָד און מיט חכמה געעפנט די אויגן. און ער זעט, וואָס עס
טרייבן די נשים אין היכל. ער איז דאָך שוין מערער קיין קינד נישט !"
געזאָגט ; און אונטערגעהערט זיין גערייד האָט פּענעלאָפּייאַ, די
מלכה, אַז מיט גרימצאָרן האָט זי זידלען גענומען די שפחה :
„פאַרמאַך דיין פּיסק איצט, דו סוקע פּיסקאַטע ! ווייל מיטן
אייגענעם קאָפּ
וועסטו פאַר דיינע מעשים-תעתועים בקרוב באַצאָלן !
צי איז דען צו דיין אויער פון מיין ליפּ נישט דערגאַנגען, אַז איך וויל
בסתר אין מיין קאַמער דעם אורח צום אויספרעג פאַרבעטן, אַז
ער זאָל אַ בשורה-טובה אין מיין עלנט האַרץ צעצינדן ? !"
געזאָגט ; און באַלד טאַקע האָט זי צו עאורינאָמע באַפוילן :
„דערהייב זיך, עאורינאָמע, און ברענג תיכף אַהערצו אַ שטול
מיט אַ פעל-דעק פאַרן אָרימען אורח, בכדי ער זאָל אַלץ, וואָס ער
ווייסט, מיר פאַרציילן ; ווייל איצטער ברענט מיך אַ חשק צו פרעגן !"
געזאָגט ; און נון האָט עאורינאָמע איילִיק גענידערט, און שוין
איז אַ שטול מיט אַ פעל-דעק פאַר דער מלכה געשטאַנען ! — און נון האָט
אָדיסייאוס, דער גרויסער מקונן, אין דער שטול זיך געוואָרפן, און
באַלד טאַקע האָט אים פּענעלאָפּייאַ צום אויספרעג גענומען :
„איידער איך וועל דיך, אַ פרעמדער מיט שאלות פאַרשיטן, טאָ ענטפער
מיר תיכף, פון וועלכן פאָלק און מדינה האָסטו אַהערצו
פאַרבלאָנזשעט ? !"
האָט אָבער אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט :

„האַרינטע מיינע! אויף אַלע וועלטן איז קיין שום ילוד-אשה
אַקעגן דיר ווידערשפּעניק; ווייל איבער אַלע הימלען טוט דיין
שם-טוב, ווי דער רום פון אַ מלכות, דערגרייכן; ווי דער רום פון
אַ מלך, אין וועמעס כּוח עס ליגט צדק און משפּט און רחמים
באהאַלטן! – אָ, מיט ווייץ און מיט גערשטן דאָרט ווערן די ערדן,
די שוואַרצע, מעוברת, און פון די פּירות, די שווערע, קנאַקן
אונטער זיך אַזש די צווייגן! זע: מיט יונגוואַרג עס פּלאַדיען די סטאַדעס;
עסווימלען מיט פיש זיך די טייכן, און פיל נחת ער ברענגט זיינע
פעלקער! – – – דעריבער, אַ מלכּה, נישט פרעג איצט וועגן מיין היים אין מיין
שבט. ווייל, אַז איך דערמאַן זיך אָן די שווערע מכאובים, וואָס איך
האָב שוין אויף וועלטן געליטן, – ווערט מיר פון ווייטיק מיין האַ־ץ אינם
בוזעם צעריסן! – איבעריקנס, עס שיקט זיך אַצינד נישט אין דיין
היכל צו זיצן און איבער מיין גורל דעם בייזן צו קלאָגן.
ווייל יעדערער צער טוט נייערט די שווערע יסורים פאַרמערן!
און אויב אַ באַדינערקע, אָדער דו אַליין גאָר, וועלן וויינען
מיך טרעפן, טאָ וועט איר דאָך זאָגן: „עס באָדט זיין אויג זיך פון שיכּרות?!!..”

האָט אָבער די קלוגע פּענעלאָפּייאַ דערויף אים געענטפערט:
„אַך ניין! נישט אַזוי, נישט אַזוי, אַ איידעלער אורח! ווייל זינט מיין
האַר אָדיסייאוס האָט זיך מיטן אַרגייאישן חייל אין די
שיפן אַקעגן טראָיע געוואָרפן, האָבן געטער ממאס
געוועזן מיין צורה! איצט אָבער, – ווי! אויב ער וועט בקרוב
אומקערן אַהיים זיך בשלום, – אָך, ווי אַ געטין וועט לייכטן
אונטער זיינע פליגלען מיין שיינקייט!... נאָך, זע: מיט שווערן עצבות מיך
פּייניקט דער שטן, ווייל פון די אַרומיקע אינזלען: סאַמע,
דוליכיאָן און פונם ווילדן, וואַלד-באַוואַקסענעם זאַקינטאָס,
אינאיינעם מיט די יונגען פון מיין זוניקן היימלאַנד, ווילן
אַלע מיט מיר זיך אַנכשפּויזן און טוען מיין היכל ראַבירן!
דעריבער טאַקע קאָן מיך שוין קיינמאָל קיין פרעמדער נישט טרייסטן, – און
אויך נישט אפילו די שיינע העראָלדן פון אַלע ישובים,

ווייל אין זיך רק פאַרשלאָסן טו איך באַוויינען, באַוויינען מיין האַר
אָדיסייאוס! — ז יי אָבער האָבן מיך כסדר געטריבן צו
פראַווען אַ חופה, ביז אַ הימלישער גאָט האָט מיר געגעבן אַן
עצה: — און מיט פאַלשקייט האָב געוועבט איך אין מיין קאַמער בערמה
אַ גרויסע יריעה, און געטון זאָגן אַזוי צו חתנים:
„נישט רייסט אייך אויף מיין כלהשאַפט, אָ איר יונגען, וואָס איר ליבט מיך נאָכן
טויט פון מיין האַר אָדיסייאוס, — ביז אויסגעשפינען זיין וועט אַט
דאָסדאָזיקע מאַנטל, ווייל אַ שאָד, אַז דער פאָדעם זאָל גיין מיר
לאיבוד! — אָ, פאַרן אַלטן לאַערטעס איך וועב איצט תכריכים,
בכדי ווען די שעה פון טויט וועט נעמען אים רופן, — זאָל קיין שום
אַכייאישע אשה פון דער גאַנצער מדינה נישט טייטלען אויף
מיר מיט די פינגער, אַז: אָן תכריכים ליגט דער מושל פון פעלקער!"
אָט אַזוי האָב גערעדט איך בערמה, און אַלעמענס הערצער
גענומען! — און נון האָב אין די טעג איך געוועבט און געשפינען או
ביי דער שיין פונם קאַניץ האָב אין די נעכט איך צעשטערט מיין טעגלעכע
אַרבעט! — און אָט אַזוי האָב איך דריי יאָרן כסדר געטון זיי
גענאַרן. אָבער ווען אונטערגעקומען איז דאָס יאָר שוין דאָס
פערטע, און מיטן גאַנג פון מזלות זענען טעג זיך געשווימען, -
האָבן כיטרע באַדינערקעס מגלה געווען דעם סוד זיי,
ביז זיי האָבן מיט קללות געכאַפּט מיך ביים צעטרענען די שיינע
געוואַנדן, — און אָן מיין רצון האָב איך די תכריכים פאַרענדיקט! — —
און איצט? אָ, איצט קאָן איך זיי שוין מער נישט מיט דער חופה גענאַרן,
און אויכעט קיין עצה זיך געבן. חוצדעם, נייטן מיך פאָטער און
מוטער, אַז איך זאָל טון זיך אַנטשפּויזן. און אפילו מיין זון,
וועלכער איז נאָר דער צייט שוין צו אַ מאַנסביל דערוואַקסן, — זיך קווענקלט
דעריבער כסדר. (אָ! הלוואי זאָל דזעאוס טון אים באַשירעמען!) —
בכן, — צעעפן די לעפצן, אָ פרעמדער, און דערצייל מיר פון דיין
לאַנד און דיין שבט, וואָרים דו ביסט דאָך נישט פון שטיין אָדער פון
אַ דעמב־בוים, ווי אין אַ מעשה, געוואָרן געבוירן?!"

האָט אָבער
אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„אָ הויכגעאַכפּערטע
אשה פון גבר אָדיסייאוס! ווילסט דווקא פון מיין לאַנד און מיין
שבט איצט זיך דערוויסן? טאָ הער, און מיט אַ צעבראָכן געמיט
וועל איך פון אַלץ דיר פאַרציילן. ווייל נייערט מיט צער און יסורים
קאָן דעם נאָמען פון מיין היימלאַנד אַן עלנטער גייער דערמאָנען,
וועמען דער גורל האָט איבער פרעמדע מדינות געטריבן!
איצט: טו נייגן דיין אויער צו מיינע לעפצן, אָ מלכה, און האָרך:
קרעטאַ רופט זיך אַן אינזל אויף ימים אין מרחק, וועמעס ערדן
זיך פּרוכפּערן מיט זאַטקייט. אָ! אָן אַ צאָל מענטשן זיךווימלען אין
יענער מדינה, און אויף ניינציק לענדער צעטיילט זיך דאָר אינזל.
און אַ געמיש פון לשונות און שבטים טוט דאָסראָזיקע
אינזל פאַרפלייצן, ווייל דאָרט שווימלט און גריבלט מיט קידאָנען,
אַכייער, מיט קרעטער און דאָריער און מיט גרויסע פעלאַסגער!
און קנאָסאָס רופט זיך די קרוין-שטאָט, איבער וועמען מינאָס האָט ניין
יאָרן כסדר, בעירת-דזעאוס, געטון זי באַהערשן, פון
וועמעס זרע דייאוקאַליאָן, מיין פאָטער, איז אויף וועלטן
געקומען. און נון האָט מיין פאָטער מ י ך און אידאָמעניאָס, מיין
ברודער, געפלאָדיעט. — און מיט די בני-אַטרייאָס האָט מיין ברודער
אין די טונקעלע שיפן אַקעגן טראָיע מיט קראַפט און מיט
שנאַרקייט צום ערשטן געצויגן. און ערשט דערנאָכדעם בין איך אויכעט
אַהינצו געשוואומען: איך, אייטאָן, זיין ייִנגערער ברודער!
דאָרט אָט
האָב איך דיין העלד אָדיסייאוס מיט אַזוי פיל מתנות באַגעגנט. ווייל
אַ שוועקלעכער שטורעם האָט אונטערוועגנס פון איליאָן ווייט, זוייט
פון מאַלייאַ קיין קרעטאַ געטון אים פאַרוואָרפן! — אוןביים ברעג פון
אַמניזאָס איז שטיין ער געבליבן, און אין דער הייל פון איילעטיאַ
זיין שווים-שיף פאַראַנקערט! — און איידער וואָס, איידער ווען האָט
ער שוין צום
ישוב געניִדערט און אויף זיין פריינט אידאָמענייאָס געפרעגט זיך!
אָבער, — צען טעג, אָדער גאָר עלף, זענען לאַנג שוין פאַרגאַנגען, זינט מיין

ברודער האָט מיט זיינע שיפן אינם ווייטן טראָיע געצויגן!
האָב נון איך דעם טייערן אורח אין מיין היים-שטוב פאַרבעטן: פון
אַלע זאַפּאַסן מכבד געווען אים מיט עסן און טרינקען;
געטון אויך פאַרזאָרגן אַלע זיינע שיף-לייט מיט מעל און מיט ווייניצן,
און אויפן חשבון פון פאָלק האָבן זיי מיט פלייש און משקאות געטון
זיך דערקוויקן! — אָט אַזוי זענען צוועלף טעג די ליבע אַכייער
אָנגעזעענע געסט מיר געוועזן. ווייל אַ שרעקלעכער שטן
האָט מיט ווילדן געשטורעם און בייזן אימפעט מיטן באָרעאַס
געבלאָזן, אַז קוים-קוים האָט די ערד אונטער זיך נאָך געצאַפּלט. — און
ערשט אויפן דרייצענטן טאָג האָט דער שטורעם געשטעלט זיך, און אַוועק
זענען די ליבע חברים!"
אָט אַזוי האָט ער געטון זי
גענאַרן. און זי ווידער איז פון דער מעשה אין ביטערע
טרערן צעגאַנגען! — אָ, אַזויווי אַ לאַווינע שניי אויף שפּיצן
פון בערגער, וואָס זעפיראָס אַנגעיאָגט האָט מיט רוגזה און
אייאוראָס געטון האָט צעשמעלצן, אַז אָנגעשווּנן זענען
די ברעגעס פון טייכן געוואָרן. — אָט אַזוי האָבן די אויגן
פון דער שטראַליקער מלכּה מיט טרערן געהאָגלט אויפן גורל פון
איר שכן, דעם עלנטן גייער!... — — — —
אָדיסייאוס ווידער האָט מיט
אַ האַרץ מלא-רחמים איינגעקוקט זיך אין אירע טריפיקע
אויגן, און מיט כּוח און גבורה פון הערנער און אייזן איז
זיין שוואַרצאַפּל געבליבן אין די וויעס פאַרגליווערט און מיט
חכמה אויפגעהאַלטן די טרערן!
און נון האָט, אַן אויסגעוויינטע,
גענומען רעדן די מלכּה:
„איצטער, אָ פרעמדער, וויל איך נאָך איינמאָל
נעמען רשות דיך צו פרעג, צי האָסטו באמת — ווי דו זאָגסט —
אים און זיינע חברים אין דיין היכל מכבד געוועזן?
זאָג מיר: וואָסער הלבשה האָט באַדעקט זיינע גלידער? ווי אַזוי
איז זיין אויסקוק געוועזן, און ווער האָט געטון אים באַגלייטן?"
האָט אָדיסייאוס, דער גרויסער בן-עוני, דערויף איר געענטפערט:

„שווער איז, אַ האַרינטע. נאָך איצטער דאַס אַלץ צו געדענקען. ווייל
יאָרן צוואַנציק האָבן געטון שוין פאַרלויפן, זינט אַדיסייאוס
האָט אין מיין היימלאַנד פאַרבלאָנזשעט. — פונדעסטוועגן, אויף וויפיל
עס דינט
נאָך מיין שוואַכער זכרון, — וועל איך פרווון דיר געבן צו וויסן.
זע: אַ פערפל-וואָלן בגד איינגעדעקט האָט אינצווייען די
לענדן פונם האַר אַדיסייאוס אַ געטאָפּלטער, גינגילדענער
כפתור האָט פאַרמאַכט אים פון פאָרנט, אויף וועלכן די האַנט פונם
קינסטלער
איינגעקריצט האָט צוויי הינטישע לאַפּעס, אין וועמעס נעגל עס
צאַפּלט און גוססט אַ סאַרנע! — אַ, פאַרבליפט זענען אַלעמענס
אויגן פון דער קינסטלעכער אַרבעט געוועזן, וועלכע האָט בולט
געוויזן, ווי מיטן האַלז און די פיסלעך רייסט די סאַרנע אַרויס זיך
פון הינטער די הינטישע לאַפּעס! — און פון אונטערן בגד האָט,
ווי אַ ציבעלע-קליידל, אַרויסגעקוקט אַ צאַרט-ווייכער כיטאָן,
וועמעס העל-דין געוועב געבלאַנקט האָט ווי שטראַליקע זונען!
אָך, מיט זיין שיינקייט האָט ער אַלע מיידלשע אויגן פאַרכּישופט! —
איצט וויל איך ווידער ד י ך עפּעס פרעגן, און ענטפער מיט אַ קלאָרן
זכרון: צי האָט אויך אַדאָ, אין זיין היימלאַנד, אָדיסייאוס
אַזוינע טייערע קליידער געטראָגן? אָדער האָט ער זיי פון
אַ חבר אויף דער שיף, צי גאָר אין מרחק, במתּנה געקריגן? —
פאַרוואָס איך פרעג? — אָ, ווייל ע ר איז דאָך געוועזן אַ יחיד פון
אַלע אַכייער! — אָט, אפילו איך אַליין האָב אַ קופּערנע
שווערד אים געשאָנקען, און מיט אַ פייער-געפערפלטן צודעק האָב
איך אין אַ כיטאָן אַ נייעם געטון צו דער בייכיקער שיף אים מיט
כּבוד באַגלייטן! און הינטער אים נאָכגעשפּרייזט האָט עפּעס אַן
עלטערער העראָלד!... און וועגן א י ם איך וועל איצט דיך
דערמאָנען:
אונטער זיין קאָפּ, דעם געלאָקטן, אַרויסגעקוקט האָט אַ בראָנזן
פּנים, און איינגעבויגן געוועזן איז זיין אַקסל. און מיט ליבשאַפט
האָט אים דער מלך עאוריבאַטעס גערופן, ווייל מיט דעות
זיי האָבן זיך אייביק פאַראייניקט!"

אַזוי האָט געזאָגט ער; און נאָך
שטאַרקער האָט גענומען זי קלאָגן. ווייל קלאָר זענען געווען איר אַלע
סימנים. — און געווען איז, ווען מיט ביטערע טרערן אָפּגעוויינט
האָט די מלכה פון האַרץ זיך, — האָט זי ווידער די ליפּן צעעפנט:
„אָ פרעמדער! הגם דו ביסט אויך פריער אַן אַנגעזעענער גאַסט
מיר געווען, זאָלסטו אגב אויך איצטער אין מיינע היכלות
פאַרבלייבן. זע: זיינע מלבושים, פון וועלכע דו האָסט מיר דערציילט
איצט, האָב איך אַליין אויף זיינע לענדן פאַרוואָרפן, און פאַרפוצט אים
מיטן דאָזיקן גינגילדענעם צירונג. — אָך, שוין קיינמאָל, אַ קיינמאָל
וועט ער מער נישט די שוועל פון זיין היימלאַנד דערגרייכן! ווייל
זינט מיין
האַר אָדיסייאוס האָט אין מרחק געצויגן, טוט יעדערער רק
מיט אַ קללה אויף ליפּן די טראָיע-מדינה דערמאַנען!“
האָט אַבער דער קלוגער אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„אָ הויכגעאַכפּערטע אשה פונם שטאַרקן העלד בן-לאַערטעס!
פאַרמייד זיך, פאַרמייד זיך דיין מאַן צו באַקלאָגן, ווייל טרערן טוען
גייערט מקצר צו זיין דיר די יאָרן! אָ, וואָרהאַפּטיק, — איך נעם
ווייט נישט פאַר אומגוט, ווען אַן אשה טוט איר זיווג באַוויינען;
בפרט נאָך איר מאַנסביל דעם ערשטן, פון וועמעס זרע זי האָט איצט
קינדער געוואונען! אָבער אים — מען זאָגט דאָך, אַז ער, אַדיסייאוס,
האָט צו די געטער געטון זיך פאַרמעסטן?! — דעריבער פאַרמייד זיך,
פאַרמייד זיך פון ביטערע טרערן, און זאָלן מיינע ליפּן
אַ ליכטיקע בשורה דיר ברענגען!
הער: כפי-שמיעת, ציט שוין
אָדיסייאוס אַהערצו פון די פעטע, טעספּראָטישע לאַנען.
און מיט שיינע מתנות, מיט וועלכע עס האָבן די פעלקער
געטון אים באַשענקען, וועט ער זיך בקרוב אין זיין היימלאַנד
באַווייזן. אָבער — אַליין און פאַראייניזאַמט וועט ער אומקערן
אַהיים זיך. וואָרים מיט שווערער נקמה האָט דזעאוס געטון
אים באַצאָלן, ווייל אויף די טרינאַקישע ברעגעס האָבן זיינע
חיילות די רינדער פון שטראַליקן העליאָס צעשאַכטן! אָ, מיט
כעס האָבן ימים אַלע שיפער פאַרשלונגען, און רק ער אַליין

איז אויף אַ שיף־ברעט צו די פּאַיעקן געוואָרן פֿאַרוואָרפֿן!
און נון האָבן די גאַסטפֿריינטלעכע לײַט מיט טײַערע מתּנות
געטון אים באַשענקען, און גלײַך ווי אַן אָפּגאָט האָבן זיי געוואָלט
אים אַהערצו באַגלייטן. אָבער אָדיסייאוס אַליין, וועלכער
וואָלט איצט זיכער אין זײַן היים שוין געוועזן, — האָט ליבערשט אין מרחק
געבֿאַנזשעט, בכדי אײַנצוזאַמלען גרויסע מתּנות פֿון פֿעלקער! — — —
אָט אַזאַ מזל צו גרויכע רווחים האָט אַלעמאָל געהאַט
אָדיסייאוס, ווײַל צו זײַן חכמה האָט קיינער נישט געקאָנט זיך פֿאַרמעסטן! — —

און אַזוי האָט מיר פֿיידאָן, דער טעספּראָטישער מלך,
בײַם קרבן־נסך געשוואוירן: „אָנגעבֿרייט עס שטייט שוין אַ שיף מיט
פֿרײַנט און חבֿרים, וואָס וועלן דעם מעכטיקן העַר אָדיסייאוס
אין איטאַקאַ, זײַן היימלאַנד, באַגלייטן!” — — — צום גליק האָט אינם ווייצענעם
דוליכיאָן שוויִמען געלאָזט זיך אַ זעגל. דערום האָב איך פֿריער
(אויפֿן געהייס פֿונם קיניג) אַהערצו שווימען געלאָזט זיך! — און נון
האָט אויך פֿיידאָן דעם אײַנגעזאַמלטן שלל פֿונם גרויסן האַר
אָדיסייאוס געוויזן, מיט וועלכן עס וואָלטן צען דורות
באַנוגנט זיך (ווײַל אָט אַזאַ מין עשירות איז דאָרטן געלעגן
באַהאַלטן!) — — און ווייטער האָט פֿיידאָן געזאָגט מיר: „אין דאָדאָנאַ האָט
אָדיכייאוס גענידערט, בכדי בײַ קראָניאָס הייליקן בוים
זיך צו עצהן: צי זאָל ער, אַ פֿאַרשטעלטער, אומקערן בסתר
אַהיים זיך; צי גאָר פֿרײַ אינם מלכות איטאַקאַ טון זיך באַווײַזן!”
בכן, נישט עס זיך, אָ מלכּה, ווײַל פֿריש און געזונט איז דײַן מאַן
אָדיסייאוס, וועלכער וועט בקרובֿ צוריק אין זײַן היימלאַנד זיך
ווײַזן. און מיט אַ הייליקער שבֿועה בײַם אַלמעכטיקן דזעאוס,
און מיט אַ נדר אַ פֿרומען בײַ דײַן צעפֿלאַקערטן פֿײַער, טו
איך איצט שווערן, אַז אַלץ, וואָס איך האָב דיר מבֿשׂר געוועזן, וועט
ווערן בקרובֿ מקוים! אָ, נאָך אינם הײַנטיקן יאָר, ווען מיטן
גאַנג פֿון מזלות וועט אויפֿגיין אַ ירח אַ נײַער, וועט ע ר, דײַן

גרויסער האַר אָדיסייאוס, אַהיימצו אין זיין היכל זיך יאָיועז!"
האָט דערויף פּענעלאָפּייאַ מיט פריידיקן בטחון צעשאַלט זיך:
„אויב דיין בשורה, אָ פרעמדער, וועט ווערן מקוים, וועל איך דיך מיט
גרויסע, באַהאַרצטע און שיינע מתנות באַשענקען; און יעדער,
ווען דו וועסט נאָר קומען אַקעגן, וועט ביזן הימל דיך לויבן!
אָבער צו! עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ איצט, אַז נישט ער וועט מערער זיך
אומקערן אַהערצו, און נישט דו, אָ טייערער אורח, וועסט מיט
פולע מתנות מיין היכל פאַרלאָזן. ווייל זינט אָדיסייאוס
איז אַוועק אין מרחקים, געוועלטיקט נישט קיינער אַדאָ אין מיין
היכל, און קיינער איז ווייט נישט אַן עלנטן אורח מהנה!
— — — דערווייל אָבער, איר מיידלעך, נעמט וואַשן די פיס פון דעם פרעמדן.
טוט אויסבעטן א ווייך געלעגער פון וואָלענע קישנס מיט
אַ וואַרימען צודעק, אַז ביזן אויפקום פון דער הייליקער עאָס,
זאָל ער אין אַ רויִקן דרימל ווערן פאַרזינקען! — און מאָרגן
פאַר זאָלט איר אים ערשט באָדן און זאַלבן, בכדי אַ געזאַלבטער
זאָל ער זיך צום פּת-שחרית פאַר מיין זון טעלעמאַכאָס באַווייזן!
און אויב עמעץ פון די ווילדע חתנים וועט פרווון מבזה
צו זיין מיר דעם אורח, — ווי: מיט גרימצאָרן וועל איך אים פאַרפליכן!
וואָרים נישט אפשר, אָ פרעמדער, וועל איך, אַ געקרוינטע פון פרויען,
דיך לאָזן אַ טמא און מיט קויטיקע קליידער צו מיין עס-טיש
פאַרבעטן? אָ, אַזוי קורץ איז דאָס לעבן פון מענטשן אויף ערדן.
און יעדעס האַרץ, וואו עס פינקלט נישט קיינמאָל אַ פינטל פון רחמים,
ווערט שוין אייביק ביים לעבן פון אַלעמענס אויגן באַשפיגן, און
אפילו נאָך דער מיאוסער פּטירה מיט אַ „זכרון-לקללה"
פון אַלעמענס לעפצן פאַרשאָלטן! דער אָבער, וואָס האָט נאָך קיינמאָל
מיט קיין מעשים-תעתועים נישט קיינעם געשלאָגן, און נייערט
מיט רחמים אויסגעלעבט זיך אויף וועלטן, — אָ, אויף אים טוען מענטשן
מיטן פינגער צו טייטלען, און מיט בענטשונג דערמאָנט מען זיין נאָמען!"
האָט אָבער דער קלוגער אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„גלייב מיר, אָ הויכגעאַכפּערטע אשת-חייל פונם גרויסן גבור

בן-לאַערטעס, אַז מיר איז לאַנג שוין דערעסן יעדער ווייכינקער
צודעק מיט וואָלענע קישנס צוקאָפּנס, זינט איך האָב פון קרעטאַס
שנייאיקע היגלען איבער צערודערטע ימים געלאָזט זיך!
דעריבער גיב רשות מיר, אָ מלכה, אויך איצטער אָן אַ קישן צוקאָפּנס (על-פּי
מיין רגילות) דער גינגילדענער עאָס מיט בענקשאַפט פון האַרצן
צו קומען אַקעגן! חוצדעם איז אויך איבעריק, אַז ווער פון די
שטובּיקע מיידלעך זאָל וואַשן די טריט מיר; ווייל עס שיקט זיך דאָך ווייט
נישט, אַז אַ יונגפרוי, וואָס טוט נייערט ד י ך, אָ מלכה, באַדינען,
זאָל מיר, אַ מאַן אַ באַיאָרטן, אַ פוס-באָד דערלאַנגען!
סיידן די האָסט וואו אַ באַיאָרטע זקנה, וועלכע האָט מיטן גאַנג
פון די יאָרן אַזוי פיל יסורים, ווי איך, אויף אירע פּלייצעס
געטראָגן. — אָט, נייערט אַ זאַ וועט מעגן באָדן די טריט מיר!"
האָט אָבער די קלוגע פענעלאָפּייאַ דערויף אים געענטפערט:
„אָ גאַסט מיינער! וואָרהאַפטיק און קלוג איז דאָס גערייד פון דיין לעפץ צום
אויער מיר דערגאַנגען. זע: נאָך קיינמאָל איז אַן עלנטער גייער
אויף מיין שוועל ניט געבּידערט, וועלכער זאָל רעדן אַזוי קלוג און
פאַרשטאַנדיק! — יאָ, פאַראַן טאַקע אין היכל אַן אַלטיטשקע זקנה,
וועלכע האָט בשעתו, ווען מיין מאַן איז פון דער ברוכשטול געקומען אויף
וועלטן, פון דער געווינערינס האַנט אים אין אירע אָרעמס צום
זויגן גענומען. — אָט ז י וועט איצט די פיס-טריט דיר באָדן!
— — בכן דערהייב זיך, אייאוריקלייאַ, און טו תיכף אַהערצו
גענענען, בכדי צו וואַשן די טריט פונם אורח, וואָס גלייכט אויס
זיך אין יאָרן מיט אונזער האַר אָדיסייאוס, ווערעס הענט און פיס
זענען שוין זיכער אָן כוחות, ווי זיינע. ווייל אַך! — אין צרות ווערט
מען אָן יאָרן געעלטערט!"
געזאָגט; און מיט ביטערע טרערן האָט
די זקנה פאַרבאָרגן דאָס פּנים און מיט זיפצן צעשאַלט זיך:
„אָ! ווי מיר, ווי מיר! אויסגעלאָשן אין מיין האַרץ איז יעדער פונק פון

נחמה, ווייל שאַרפער פון יעדן בײַאדם האָט דיך, אָ לינד מײַנס,
געטון דזשאָוס שכרזאָפירן! אָ, חוץ דיר האָט קיין שום ילוד־אשה
אַזויפיל העקאַטאָמבן לכבוד דעם בליצשטראַליקן דזשאָוס
אין ווייטן אָלימפּאָס געטון נישט צו שעכטן; און ווער נאָך האָט
אַזוי פיל מתפלל געווען אויף זאַטקייט אין יאָרן און אויף
נחת ביים קינד צו דערלעבן? — אָבער ווי: פאַרשטערט אונטערוועגנס
האָט גאָט דזשאָוס דיין נחת! און איצט? אַך, אפשר לעבט ער נאָך איצטער
ערגעץ־וואו אין מרחקים, און גלייך ווי דו, אָ בעטלער, ציט אויס ער
די האַנט נאָך אַ ביסן, און כאַרשפּיגן פון יונגע באַדינערקעס
איז ער אַלעמען מוחל, אַז זיי זאָלן די פיס־טריט אים וואַשן?!
איך אָבער, אײַאוריקלייאַ, די געטרייע באַדינערקע פון
איקאַריאָסעס טאָכטער, מיין האַרינטע פּענעלאָפּייאַ, וועל גערן
און מיט אהבת־נפש די קנעכלען דיר באָדן, ווייל מיט רחמים
אָנגעפולט איז דאָס האַרץ מיר! — — פריער אָבער, אָ פרעמדער, קום נענטער,
און איך וועל דיר אַנטפּלעקן מיין סוד פונם האַרצן! הער: צווישן אַלע
אורחים און גייערס, וואָס האָבן אין אונזער היכל פאַרבלאָנזשעט, איז
נאָך קיינעמס צורה נישט געווען אַזוי גלייך צום געשטאַלט פונם האַר
אָדיסייאָוס, ווי עס איז איצט דיין קול, דיינע פיס און דיין צורה!..."
האָט אָבער דער כיטרער אָדיסייאָוס דערויף איר געענטפערט:
„וואָרהאַפטיק, מאַמענקע, איז דיין תפיסה געווען איצט! ווייל איטלעכער
מענטש, וואָס האָט אונז ביידע ווען נישט איז באַגעגנט, האָט אַלעמאָל זיך
געוואונדערט, הלמאי אונזערע צורות גלייכן אויס זיך אינאיינעם!" — —
געזאָגט; און נון האָט די אַלטיטשקע אַ בלאַנקן קעסל צום פוס־באָד
אַריינגעבראַכט אינם חדר און פריש־קוואַלנדיק וואַסער אויסגעמישט
דאָרט מיט אָקריפּ. אָדיסייאָוס אָבער, וועלכער איז די גאַנצע צייט
פאַרן שטויביקן קאַניץ געזעסן, האָט אין אַ טונקל ווינקל
פון חדר געטון זיך באַהאַלטן, ווייל געזאָגט האָט דאָס האַרץ אים, אַז
ביים וואַשן די פיס וועט אינם נאַרב־קריץ די אַלטע טון אים דערקענען
און צעפּויקן דעם סוד צו פאַר יעדן!

אוּן נוּן האָט די אַלטע
גענומען אים וואַשן און טאָקע אינם רעכט געטון אים דערקענען,
וואָס איז פון א ביס פון אַ ווילד, שאַרף-צאַניק חזיר אויף זיין
פיס נאָך פאַרבליבן! אָ, אויפן פּאַרנאַסאָס האָט די וואונד ער באַקומען,
בעת ער איז אויף יאַכט מיטן פאָטער פון זיין מוטער, אייאוטאָליקאָס,
מיט די בנים געוועזן. ביי אייאוטאָליקאָס, וועמען הערמייאָס
האָט מיט גענינכשאַפט אויסגעלערנט די חכמה פון גנבה און
מסחר, — ווייל מיט קטורת פון קעלבער-קרבנות האָט ער געטון אים
דערקוויקן! — ווייל געוועזן איז, ווען אייאוטאָליקאָס האָט אויף איטאַקאַ
געטון זיך צו יאַוועז, האָט גראָד אַ בן-זכר זיין טאָכטער געטין
דאַן געווינעז. און נון האָט אייאוריקלייאַ באַלד נאָך דער סעודה
אַוועקגעלייגט דעם בן-זכר אויף דער שויס פונם זיידן און געטון
בעטן אַזוי:
„דיין איינִיקל, זיידע, גיב אַליין איצט אַ נאָמען,
ווייל האָסט דאָך באַגערט, אַז ער זאָל ווערן געפּלאָדיעט!"
האָט דער זיידע
געענטפערט:
„יאָ! א י ך, אָ טאָכטער און איידעם, וועל מיט אַ נאָמען אים
קרוינען! — הערט: אַ ברוגזער בין איך אַהערצו, פון מרחק, מיט כעס
און נקמה געקומען, דעריבער זאָל ער „אָ ד י ס י י א ו ס", וואָס
טייטשט זיך ב ע ל - כ ע ס ן , זיך רופן! — — און זיין וועט, ווען
ער וועט צום מאַנסביל
דערוואַקסן, זאָל ער אַן אָנגעלייגטער גאַסט מיר זיין אויף פּאַרנאַסאָס,
(פון וועמעס פאַרבאָרגענע אוצרות איך וועל טון אים באַשענקען) און
בכדי אָנגעגורט מיט עשירות, זאָל איך אַהיים אים באַגלייטן!"
און נון איז איינמאָל אָדיסייאוס נאָך די מתנות צום זיידן
געגאַנגען, האָט אייאוטאָליקאָס מיט די בנים אויסגעשטרעקט אים
אַ ברייטן שלום-עליכם, און אימפּיטייאַ, די אַלטינקע
באָבע, איז אויפן האַלז אים געפאַלן און מיט פריידיקע טרערן
אויסגעקושט אים די באַקן אוןביידע שטראַליקע אויגן! — און נון
האָבן די בנים אויפן געהייס פון אייאוטאָליקאָס געטון שעכטן
אַ פינפיעריקן קרבן בן-בקר, בכדי לכבוד דעם

אורח צו פראַיוען אַ סעודה. — און אָפגעשווּנדן האָבן חברה
די פעל פון בן-בקר: די צעשניטענע בשרים מיטן בראָט-שפּיז אויפן
פייער געסמאַליעט, און אַרומגעטיילט צו פּאַר יעדן זיין חלק.
אָט אַזוי האַבן זיי אַלע מיט עסן און טרינקען ביז דער ווייטער
שקיעה געפּראַוועט אַ מאַלצייט. — אָבער געווען איז, ווען העליאָס
אין מערב גענומען האָט אויסגיין און חשכות איינגעדעקט האָט די
ערדן, — האָט יעדער, אַ מידער, פונם טיש זיך דערהויבן און אין די
אָרעמס די זיסע פונם הייליקן שלאָף זיך געוואָרפן!
אָבער ווען
עאָס האָט מיט רויזיקע פינגער באַגינען געוועקט זיך, — האָבן
אַלע געגרייט זיך מיט שמעק-הינט אויף יאַכטן. און אייאוטאָליקאָס
מיט די בנים האָבן אויך אונזער האַר אָדיסייאוס צום יאַכט-שפּיל
פאַרבעטן! — און געווען איז, ווען אַלע האָבן אַזוי אויפן ווילדן,
וואַלד-באַוואָקסענעם פאַרנאַסאָס גענידערט, וואו ס׳רייסן פונם באַרג-שפּיץ
אַזוי שרעקיק די ווינטן, — האָט היליאָס פונם טיפן אוקינוס
געגעבן מיט שטראַלן אַ הייב זיך און מיט פייער דעם שטח
פאַרגאָסן! — און נון האָבן די יעגער אין אַ וואַלד-טאָל גענידערט.
און פאָרויס האָבן די שמעק-הינט געלאָקערט, און הינטער זיי איז דער
זיידע מיט די בנים געלאָפן. אָבער ג כער פון אַלע איז
דער העלד אָדיסייאוס מיט דער אויסגעשפּרייטער יאַכט-שפּיז, ווי אַ
פייל אויסן
בויגן געפלויגן, אַז אין פלוג האָט זיין אויג דערזען נישט אפילו,
אַז טיף צווישן דערנער הויערט אַ ווילד, שאַרפצאָניק חזיר!
אָ, מיט שווערע דערנער געווען איז דער גרוב פונם חזיר באַוואָקסן,
אַז נאָך קיינמאָל האָט העליאָס אין יענעם לאָך נישט געלויכטן, און נאָך
קיינמאָל האָט אַ רעגן זיין נעסט נישט פאַרגאָסן, און נאָך קיינמאָל
האָבן ווינטן געטון נישט אַהינצו דערגרייכן! — און געשען איז,
ווען צו זיין כאָרדע האָט אַ גערויש פון הינט און מענטשן געטון זיך
גענענען, האָט ער מיט אימפּעט געגעבן אַ כאַפּ זיך: אַ שפּרונג און
אַ ברום און אַ ווילדע רציחה, אַז פייער האָט פון אויג אים
געשפּיגן! — און געגרייט האָט די חיה אויף די יאַכט-לייט זיך וואַרפן,
אָבער נאָך איידער אָדיסייאוס, וואָס איז דער ערשטער געקומען

אין וועג איר, — און געוואָלט זי מיט דער יאָכט-שפּיז אויף שטיקער צערייסן, — האָט
דערוויילע דאָס חזיר זיך מקדים געווען און אויפֿן העלד זיך
געוואָרפֿן: אײנגעביסן זיך שטאַרק אין זײַן לידקע און טיף, ביזן בײן,
שטיקער פֿלייש איבער דער קני אים צעריסן! — אָבער נאָך אײדער זײַנע
צײנער האָבן צעקנאַקט אים דעם פֿוס-בײן, האָט דערווײלע זײַן יאָכט-שפּיז
צעלעכערט דעם הוד-השדרה פֿון דער צעברוקערטער חיה, אַז
מיט אַ ריטשען האָט זי תיכּף דאָס לעבן פֿאַרלוירן! דערייף
האָבן די בנים אַרומגערינגלט דעם גבור: אײנגעשטילט מיט
צאַרטקייט די בלוטן און אָוועקגעפֿירט אים אויף פּאַרנאַסאָס צום
פֿאָכער! — און געווען איז, ווען פֿון די רפֿואות פֿונם זיידן מיט די
בנים געוואָרן דער העלד איז גענעזן, — האָבן אַלע מיט
גרויכע מתּנות געטון אים באַשענקען, און מיט כּבֿוד צוריק
אין זײַן היימלאַנד איטאַקאַ געטון אים באַגלייטן! — האָבן פֿאָטער
און מוטער מיט זײַן אַהיימקום דערפֿרייט זיך און נאָכגעפֿרעגט זיך
וועגן שראַם אויף דער לידקע. האָט ער בקיצור געענטפֿערט: „ביים יאָכט
אויף פּאַרנאַסאָס, אין די וועלדער פֿון זיידן, האָט אַ ווילד חזיר
געטון מיך צעבײסן, אַז פֿאַרבליבן איז אַ נאַרב שוין אויף אײביק!“
...און געווען איז, ווען אַרומגעכאַפּט האָט די זקנה דעם העלד מיט דער
דלאָניע, האָט זי תיכּף אינם צייכן געטון אים דערקענען; אַז פֿון
שרעק האָט זי אָן לשון זײַן פֿוס אינם קעסל פֿאַרלוירן; אַזוי, אַז
דאָס וואַסער איז אַזש איבערגעגאַנגען און אויפֿן דיל זיך צערונען!
מכושטש פֿון אַנגסט און בטחון, איז ענג איר געוואָרן דאָס קול
אינם גומען. און ערשט נאָכן האַגל פֿון טרערן געטרייע, האָט איר לעבן
זיך געעפֿנט, און מיט אַ גלעט אויף זײַן גאָמבע האָט זי בלחש
געשעפּטשעט:
„זון מײַנער!... אַ! פֿאַרוואָר, דו, דו ביסט אַדיסייאוס,
מײַן האַר און געביטער, וועמען איך האָב ערשט אינם נאַרב-קריץ געטון איצט
דערקענען!“

געזאגט; און נון האט זי דורשטיק די אויגן צו דער זייט
פון דער מלכה גצוואָרפן, בכדי כרמז צו זיין איר, אַז דער
מלך האט אומגעקערט זיך אַהיימצו. אָבער אַטענע האט דאָס
האַרץ און די אויערן געטון איר פאַרשטאָפּן, אַז די מלכה האט
גאָרנישט געזען און געהערט. — — און מיט קראַפט האט אָדיססייאוס פאַרן האַלז
זי גענומען און, שלעפנדיק צו זיין הארצן די אַלטע, האט שטילער געוואָרנט:
„אָ מאַמענקע! צי באַגערסטו, אַז איבער דיר זאָל
איך ווערן געשטרויכלט! זאַג: צי האָב איך פון דיינע ברוסטן געזויגט
נישט? און איצט, אַז נאָך יאָרן צוואָנציק פון שרעק און מהומות האָסטו
מיטן אייבערשטנס הילף געטון מיך דערקענען, ווילסטו מגלה־סוד
זיין דאָס געהיימניש פאַר יעדן? — — אָ, שווייג! שווייג און הער, וואָס איך טו מיט
אַ שבועה של קיימא איצט שווערן: אויב דו וועסט מיך פאַרראַטן,
און גאָט דזעאוס וועט מיטן כוח פון פייל און בויגן איבערגעבן צו
מיין האַנט אַלע לעבנס פון ווילדע חתנים. — וועל אַלעמען טון
איך פאַרלענדן, און אויך ד י ך וועל איך מיט אַלע מכשפות ווייט נישט פאַרשווינען!”
האָט אָבער אייאוריקלייאַ דערויף אים געענטפערט:
„ווי! סאַרע נאַרישע טענות דו האָסט איצט געפּלאַפּלט, אָ קינד מיינס!
זאָג: צי איז פאַר דיר דען פאַרבאָרגן, אַז מיין האַרץ קאָן מיט גבורה
פון שטיין און פון אייזן אַלע סודות פון וועלטן באַהאַלטן?!
איצט — שווייג איך! אָבער אַז גאָט דזעאוס וועט די לעבנס פון די ווילדע
חתנים איבערגעבן אינם כוח פון דיין בויגן, — אָ, דענסטמאָל וועל
איך אַליין דיר פאַרמסרן אַלע מיאוסע נקבות, וואָס
טוען דיין היכל ראַבירן און ברענגען רק בושה און חרפה!”
האָט אָדיססייאוס, דער גרויסער בן־עוני, דערויף איר געענטפערט:
„וואָס דאַרף דען, אָ מאַמענקע, אַז דו זאָלסט מיר די חסרונות פון די

מײדלעך באַוויזן ? איך וועל דאָס אַליין שוין באַמערקן. — ווייסט
גאָר וואָס ? —
לאָמיר ליבערשט אויף גאָט זיך פאַרלאָזן און אַ לעק איצט פאַרשווייגן !"
מתרה געווען זי ; און תיכף האָט די אַלטע געכאַפּט דעם ביטל
באַניעצן, ווייל דאָס וואַסער פון פריער האָט אויפן דיל זיך צעגאָסן.
און נאָכן ביסל, ווען זי האָט מיט אײלן געטון זאַלבן דעם מלך,
האָט דער האַר אָדיסייאוס אין אַ שטול זיך אַקעגן שטובּיקן
פייער געוואָרפן : דאָס לייב זיך געוואָרעמט, און דעם נאַרב-קריץ
פאַרשטעלט
מיט די שמאַטעס !
און אַזוי האָט מיט טרייסט אים באַגעגנט די מלכה :
„אַ גאַסט מיינער ! גיב רשות מיר נאָך איצטער פאַרן אָוונט-
געבעט דיך
עפּעס צו פרעגן. ווייל זע : אַט טונקלט די נאַכט שוין און אַלעמענס
צער און יסורים וועט דער זיסער געדרימל אין זיינע אָרעמס
פאַרשלונגען. ביי מיר אָבער זענען טעג און נעכט פון לאַנג שוין
פאַרשטערט,
ווייל מיין טעגלעכע פרייד טו איך מיט טרערן אינם וועבן באַהאַלטן,
און גיב אויך השגחה אויף די אַרומיקע מיידלעך ! אָבער
קוים רוקט אונטער די נאַכט זיך און אַלע מענטשן ווערן אין זיסן
געדרימל פאַרזונקען, — ליג איך אַזוי עלנט און טרייסטלאָז מיט
אָפענע אויגן, און אַ ביטערער צער נעמט נאָגן דאָס האַרץ מיר !
אָ, ווי דער זיסער געטרילער פון סאָלאָווייטשיק איעדאָן בת
פאַנדאַרייאָס, וועמעס שטילע געזאַנגען טוען דעם פרילינג
צווישן צווייגן אויף ביימער מיט זיסן געיאָמער באַגיסן (ווייל
זי זוכט איצט אַ תיקון אויף דער שווערער הריגה פון איר ליבן
בן-יחיד איטילאָס בן דזעטאָס, דעם קיניג, — —) אָט אַזוי טוט אויך
אין שלאָפלאָזע נעכט מיט ביטערע ספקות מיין האַרץ זיך צעזינגען :
צי זאָל איך ווייטער דאָ ביי מיין זון אינם היכל פאַרבלייבן און מיט
כּוח איבער האָב און גאָב און עבדים רעגירן, און צוליב דעם
פאַרלאַנג פונם פאָלק דאָס ווייכע געלעגער פון מיין האַר און געביטער
מיט כבוד פאַרמיידן ? — צי גאָר איך זאָל זיך מיט איינעם אַ שטאַרקן

אַכייאישן בחור פון דער חברה חתנים אַנטשפּיזן, וואָס
וועט מיט די רייכסטע מתנות מיר קומען מיט ליבשאַפט אַקעגן ? ! ? ! !
ווייל איידער טעלעמאַכאָס געווען איז דערוואַקסן און קינדיש זיין
שכל, — האָב איך צוליב אים נישט געטאָרט זיך אַ צווייט מאָל
אַנטשפּויזן.
איצט אָבער, אַז ער איז שוין צו אַ דערוואַקסענעם העלדישן
בחור דערגאַנגען, — באַגערט ער כסדר, אַז איך זאָל תּיכּף דעם
היכל אַ פאַרקנסטע פאַרלאָזן, בכדי די חתנים זאָלן
אונזער האָב און גוטס נישט ראַבירן!
איצט אָבער, אָ פרעמדער, זיי מיר
פּותר אַ חלום:
צוואָנציק גענז האָב פאַרמאָגט איך אין היכל, און טאָג־
איין, טאָג־אויס האָבן געווייקטן ווייץ זיי געשלונגען, אַז געקוואָלן
מיין האַרץ האָט פון נחת! איז פלוצלינג אַן אָדלער, אַ רויבער, פון די
בערגער געקומען און אַלע גענזענע העלזער געטון מיר
דערווערגן! — זענען טויטע די גענזלעך פאַזע היכל געלעגן,
און איבער ווייטע הימלען האָט דער רויבער צעשווּ בט זיך. האָב איך אויף
זייער מזל געטון ביטער אין חלום צו וויינען, ביז אַלע
שיינע אַכייאישע פרויען זענען מיך טרייסטן געקומען, ווייל
דער אָדלער האָט די גענז מיר דערוואָרגן. — — מיטאַמאָל אָבער איז ער
ווידער צו שוועבן געקומען, אויף אַ קראָקיוע צעזעצט זיך און מיט
אַ מענטשישער שטים גענומען מיך טרייסטן:
„גורט אָן זיך דאָס האַרץ
מיט בטחון, אָ טאָכטער פון ווייטן איקאַריאָס! נישט קיין חלום
געווען איז דיין זעונג, נייערט אַ צייכן פון הימלען!... הער: די גענז, —
דאָס מיינט זיך חתנים, און איך, דיין מאַן, בין געווען דער אָדלער,
וואָס וועט באַלד אַהערצו זיך יאַווען און אַלע שונאים פאַרציקן!...“
אַזוי געטרייסט האָט דער אָדלער, און איבערגעוועקט האָב איך
זיך פון
חלום. בין באַלד איך צו די שטייגן געלאָפן, — ערשט: עס שטייען פאַר
דער קאָריטע די גענזלעך און טוען ווייצענע זערנעס פאַרשלינגען!...“
דערויף האָט אָדיסייאָוס דעם פּתרון געטון איר פאַרטייטשן:

„אַ גרויסע, הויכגעאַכפּערטע מלכּה! עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג,
אַז אויסלייגן וועט קיינער נישט אַנדערש דיין חלום; ווייל ע ר אַליין
האָט געבראַכט דיר די בשורה, אַז טויט און פאַרדאַרבּינג וועט קומען
אויף שונאים, און קיינער וועט פון ק ע ר ע ן נישט באַווייזן אַנטלויפן!"
האָט אָבער פּענעלאָפּייאַ ווידער אירע לעפצן צעעפנט:
„אָ פרעמדער! פאַראַן אַ טונקעלער, נאַרישער חלום, וועמעס
פּתרון טוט נישט קיינמאָל דעם עבר צום מענטש באַווייזן. וואָרים
צווייערליי טויערן פאַראַן איז אינם לאַנד פון דמיונות: אַמאָל
וועבט אַרויס זיך אַ חלום אויס ן העלפאַנכביין-טויער, און אַמאָל טוט
ער אויכעט אויס דער פּורטקע פון הערנער צום מענטשן זיך שפּינען.
און שקר-וכזב איז אייביק דער חלום דער ערשטער, און
גייערט דער צווייטער, — וואָס קומט פון די הערנער — טוט אייביק צום מענטש
אַן אמתן פּתרון בהקוץ באַווייזן! — איך אָבער בין שטאַרק
איצט מסופק, צי איז פון די הערנער מיין דמיון געקומען,
וועלכער וואָלט זיכער צו פאַר מיר און מיין זון געבראַכט אַ ישועה! —
איצט אָבער הער, און איך וועל אַ סוד דיר אַנטפּלעקן: בקרוב וועט
קומען אַ טאָג, אַ שרעקלעכער טאָג, ווען איך וועל אויסן היכל פון מיין
האַר אָדיסייאוס ווערן פאַרשטויסן!... אָ! מאָרגן כאור וועל איך
אַלע חתנים אַהערצו צום געוועט-קאַמף פאַרזאַמלען. און גלייך
ווי אָדיסייאוס בשעתו, וואָס פלעגט אויסשטעלן אין סדר צוועלף
אָקסן, איינער הינטער דעם צווייטן, און פון דער ווייטנס מיטן ציל פונם
בויגן די הערצער פון אַלע צוועלף קלעצער צעלעכערט. — אָט אַזוי
וועל איך אויספּרוּוון די ווילדע חתנים. — און וועמעס כּוח און
גבורה וועט קאָנען באַווייזן, אַז מיט אַן איינציקן טראַף פון
זיין פייל אויסן בויגן זאָל ער אַלע צוועלף הערצער פון די פאַליעס
צערייסן, — אָט צו י ע נע ם גבור וועל איך טון זיך אַנטשפּויזן, און
זיין מחלל דעם זאַטיקן היכל פון מיין האַר אָדיסייאוס;
די פּאַלאַטע, וואָס וועט מיר נישט איינמאָל נאָך קומען צו חלום!..."
האָט אָבער אָדיסייאוס, דער חכם, דערויף איר געענטפערט:
„אָ הויכגעאַכפּערטע אשה פון אָדיסייאוס בן לאַערטעס!
טו גיכער צום קלאָץ-קאַמף איינזאַמלען די חברה, ווייל איידער וואָס

איידער ווען וועט נאָך אַהערצו דער כיטרער בן-לאַערטעס זיך
יאָווען און צוזען ווי עס שפּאַנט זיך די פייל-שנור און בויגן, וואָס וויל
מיט גבורה די פלאָקנס צעשיסן !..."

האָט די מלכה געענטפערט :

„אויב דו וואָלסט מיר דאָ, אָ פרעמדער, אפילו אייביק אַזוי קלוג
און פארשטאַנדיק געטענהט, — וואָלטן מיינע וויעס נישט קיינמאָל צום
שלאָף זיך געריסן ! אָבער — — נישט אייביק קאָן דער אדם פון שלאָף
זיך באַפרייען ; ווייל מיט מאָסן און מידות האָבן דאָך הימלישע
געטער געטון אויף פּרוכפּיקע ערדן דעם מענטשן באַשאַפן ? !
דערום טאַקע וועל איך איצטער אַרויף צו מיין קאַמער געזעגעט, וואו
מיט ביטערע טרערן ווער מיין געלעגער זיך באָדן. ווייל זינט מיין
האַר אָדיסייאוס האָט אין מרחק געצויגן, טוט יערערער רק
מיט אַ קללה אויף לעפּצן די טראָיע-מדינה דערמאָנען !
אָט אַהינצו וועל איך איצט געזעגנען. דו אָבער, לייג אינם בעט זיך,
אָדער אויפן דיל גאָר. ווייל אַזוי האָסטו דאָך פריער געבעטן ?!"

געזאָגט ; און תיכף איז זי אַרויפצו אין איר קאַמער געשטיגן,
און הינטער אירע פיס-טריט האָבן די באַדינערקעס געטון זי
באַגלייטן. — — און געווען איז, ווען זי מיט די מיידלעך האָבן זיך אין
איר שלאָף-שטוב געפעדערט, האָט ווידער גענומען זי וויינען, ביז
אַטענע האָט אין אַ זיסן געדרימל געטון זי פאַרוויגן ! —

# דאָס צוואָנציקסטע געזאַנג

*שחיטה־הכנות און דער צייכן פון הימל.*

אָדיסייאוס צָבער האָט אויפן דיל פון דער עזרה אויסגעבעט זיך אַ געלעגער פון אָקסענע פעלן און איבערגעדעקט עס מיט פיל שאָפענע פעלצן, וואָס זענען נאָכן ווילדן געפרעס פון התנים פאַרבליבן. און נון האָט מיט אַ צודעק אייאורינאָמע איינגעהילט אים די ביינער. — אָבער נישט געשלאָפן און געדרימלט איז דער געטלעכער גבור, ווייל וועגן פאַרציקונג פון חתנים האָט ער געטון זיך פאַרטראַכטן! און נון האָט דערזען ער, ווי זיינע מיידן שאַרן ווידער אַריין זיך צו בייזע חתנים, און מיט פאַרשאַרט געלעכטער ווערט געטאַנצט און געהוליעט. — — האָט אויפגעקאָכט זיך דאָס האַרץ פונם מלך און כעסיק פאַרטראַכט זיך: צי זאָל ער דאָ תיכף אַלע זונות פאַרלענדן; אָדער צי זאָל ער נאָך איינמאָל און אַ לעצט מאָל מיט חתנים זיי לאָזן אַ לעב טון!?... און גלייך ווי אַ הונטיכע, וואָס טוט פיצלינג ביי אירע יונגיטשקע הינטלעך אַן אויג פון אַ שונא דערבליקן און מלא־רציחה נעמט זי שפרינגען און בילן און גרייט זיך מיט שטאַרקייט אַקעגן דעם שונא, — צָט אַזוי האָט פון דער מיאוסער נבלה ברומיק צעקאָכט זיך דאָס האַרץ פונם מלך. אָבער מיט אַ קלאַפ אינם בוזעם האָט מוסר געזאָגט ער זיין האַרץ:

„זיי רויק, האַרץ; ווייל נאָך אַן ערגערע נבלה איז אינם פאַרעפאַרטן גרוב פונם ציקלאָפ צו פאַר דיר און צו חברים

געוואָרן באַגאַנגען. אויך דענסטמאָל, אָ האַרץ מיינס, האָסטו געוואַרט מיט
סבלנות, ביז איך האָב בערמה פון טויט געטון אונז באַפרייען!"
אָט אַזוי האָט קנס געוועז ער זיין האַרץ אין בייזעם. און זע:
מיט שטאַנדהאַפטיקייט האָט איינגעשטילט זיך דאָס האַרץ פונם מלך! אליין
אָבער האָט ער אַהין און אַהער זיך אויפן געלעגער געקאַטשעט:
ווי איינער אַ מענטש, וואָס טוט פרעגלען איבער אַ ברענענדיק פייער
אַ שמאַלציקן מאָגן מיט בלוט און מיט חלב און דרייט מיט דער ברען-שפיז
אַהין און אַהער, בכדי וואָס גיכער זיין געבראָטנס געניסן, —
אָט אַזוי האָט זיך אָדיסייאוס אַהין און אַהער פאַרדאגהט
געקאַטשעט. — וואָרים ווי אַזוי וועט ער, אַ י ח י ד, קאָנען ביישטיין
אַקעגן אַזאַ בייז באַשריגענעם רבים? — איז באַלד אָבער פון
אָלימפּאָס געקומען אַטענע צו שוועבן. און אינם געשטאַלט פון
אַ יונגפרוי האָט זי צוקאָפּנס פונם קיניג געשטעלט זיך און מיט
שאַלונג געפרעגט זיך:
„פאַרוואָס שלאָפסטו נישט, אָ שלימזלדיקסטער
ולד פון מאַנען? אָט דאָס איז דאָך דיין היים, און דערינען רוט אויכעט
דיין אשה, — און היינט טאַקע, דיין געראָטענער זון טעלעמאַכאָס?!"
האָט אָבער דער בן-עוני אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„געניט איז דיין שאַלונג אויף לעפצן, אָ הייליקע געטין! אין מיין
האַרץ אָבער עקבערט כסדר אַ דאגה: ווי אַזוי וועל איך
באַווייזן מיין האַנט אַקעגן אַזוי פיל שונאים דערהייבן, וואָס
טוען טאָג-איין און טאָג-אויס אַהער זיך צו יאַוועז? חוצדעם פלאָגט מיך
אַ רעיון אַ שווערער: אויב דזעאוס וועט מיט ד יי ן הילף מיר, אָ געטין,
באַווייזן אַ מופת און איך וועל דעם משחית פאַרלענדן, — טאָ
וואוהין זאָל איך דענסטמאָל אַנטרינען? — נו, טאָ זאָג ד ו שוין,
אָ געטין?!"
האָט די בלוי-אויגיקע פאַלאַס בת דזעאוס דערויף אים געענטפערט:
„טפּש! צי וואָלט זיך דעז אַ חבר אויף אַ חבר געטון נישט
פאַרלאָזן, הגם ער פאַרכ...גט מער נישט ווי אַ מענטשישן שכל?
בפרט איך? אָ, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַן אייביקע געטין, וואָס
וועל אין יעדן נסיון ביישטיין?! — דערום, פאַרנעם איצט מיין שאַלונג!

הער : אפילו ווען פופציק חיילות פון כל־אומה־ולשון
וואָלטן אַקעגן אונז ביידע געהאַלטן מלחמה און געפּרוווּט
דיך פּאַרציקן ; — אָ ! ווי גאָרנישט וואָלסטו אין פאַנג זייערע שאָף און
רינדער פאַרכאַפּט דאָרט ! — — בכן, שלאָף איין איצט, אָ קיניג, און
נישט ווער מיר
פון טראַכטן פאַרמאַטערט, ווייל זע ; אָט קומט שוין דיין גרויסע
ישועה ! ! !״
געזאָגט ; און אין אַ זיסן שלאָף האָט איינגעוויגט אים די געטין, און
צוריק אויפן ווייטן אָלימפּאָס האָט פּאַלאַס־אַטענע געטון זיך
דערהייבן ! — — אָבער קוים איז אָדיססייאוס אינם הייליקן דרימל
געוואָרן פאַרזונקען און אָן אַלע יסורים פאַרגעסן, — האָט
תיכף פון שלאָף איבערגעוועקט זיך די מלכה און ביטער און שווער
זיך צעכליפּעט. — — און נאָכדעם, אַז זי האָט זיך מיט טרערן
געזעטיקט,
האָט זי מתפּלל געווען צו דער הויכער אַרטעמיס :
„אָ אַרטעמיס בת־דזעאוס, דו הייליקסטע פון אַלע הימלישע
טעכטער ! טו גנאָד צו דיין דינסטמויד, אַז מיט אַ מיתה־משונה זאָל
פון דיין טויט־פייל ווערן מיין האַרץ צעלעכערט. אָדער טו בלאָזן
מיט ווילדן געשטורעם, אַז אינם פאַרחושכטן נעפּל זאָל איך ביי
די ברעגעס פון וויסטן אוקינוס ווערן פאַרוואָרפן, אַזוי ווי
די טעכטער פון פּאַנדאַרייאָס, וועמען עס האָבן בשעתו אינם
אָפּגרונט, דעם טיפן, פאַרוואָרפן די געטער ! — — אָ, יתומות אָן
פאָטער און מוטער, זענען אַליין זיי פאַראיינזאַמט אינם היכל
פאַרבליבן. ביז ערשט קיפּריס האָט מיט רחמים מיט קעז און מיט ווײַנען
און מיט זיס־טריפיקן האָניק געטון זיי צו שפּייזן. — — — און נון האָט
הערא מיט פּראַכט און מיט שכל געטון זיי באַשענקען... און גאווה
האָט אַפראָדיס אין זייערע אָטעמס געבלאָזן, — — און ביי דער וועב־שטול
צו שפּינען — האָט אַטענע געטון זיי באַלערנען ! ... — — — אָבער
געווען
איז, בעת אַפראָדיטאָס האָט אינם ווייטן אָלימפּאָס געטון זיך
דערהייבן, בכדי ביים בליצשטראַליקן דזעאוס צו בעטן, אַז זי
זאָל בקרוב אירע טעכטער אַנטשפּויזן (וואָרים ווער ווייסט נאָך, ווי

קראָנאָס דעם גורל פון ולד ?) — האָבן דערווײַלע האַרפּיאַיער
רצבירט איר די מיידלעך, און פאַר סקלאַווינס פאַרשענקט זיי צו די
מ׳אוסע
ערינעס ! — — — אָ ! הלוואי זאָל אויך צו מיר דער אָלימפּאָס אַווינע
נסים באַווייזן, אָדער די פײַל פון אַפּראָדיס זאָל טון מיך
פאַרציקן ! אָך, דענסטמאָל וואָלט איך כאָטש אין האַדעס מ ײ ן
שטאַרקן מײנספּיל
באַגעגנט און געשטילט נישט די תאווה פון אַ מאַנספּיל אַ פרעמדן ! ! !...
ווײ ! פאַרוויסט זענען די טעג פון בעלי־יסורים ! אָבער נאָך
דער פּטירה פונם שטראַליקן העליאָס, — ווען אַ הייליקער שלאָף נעמט
שפּילן איוף וויעס, — טוט יעדערער מענטש אין זיין צער און יסורים
דערווײַלע פאַרגעסן ! — — ביי מיר אָבער ? אַך, אפילו אין די נעכט
מיך פייניקט אַ שטן מיט ווילדע חלומות ! און ווײ : אָט האָט ע ר
אויך היינט אין מיטן דער נאַכט געטוּן מיך אין חלום באַשלאָפן ;
באַשלאָפן ווי דענסטמאָל, איידער ער האָט אין טראָיע געצויגן !... און
אַך, — געפרייט האָט מיין האַרץ זיך, ווייל געגליכנט צו וואָרהייט
געוועזן אין
דער חלום !...״
געזאָגט ; און דערווײַלע האָט עאָס, אַ באַקרוינטע אין
גינגאָלד, אַרויסגעשײַלט זיך פון הימלען !
און נון איז צום אויער פונם
האַר אָדיסייאוס איר קול און איר טרער פונם האַרצן דערגאַנגען, אַז
אויסגעוויזן עס האָט זיך דעם גבור, אַז אָט שטייט זי צוקאָפּנס
און טוט אים דערקענען ! — — האָט ער תיכף פונם געלעגער געגעבן
אַ הייב זיך : איינגעוויקלט אַ פּעקל פון פעלצן און פעלן
און אויפן טראָן עס פאַרלוירן, און מתפלל געוועזן צו דזעאוס :
„אָ בליצשטראַליקער קראָניאָן ! אַז דו האָסט יאָ שוין באַוויזן דורך
ים און יבשה מיט שווערע יסורים צו ברענגען אַהיים מיך
בשלום, — טאָ לאָז מיך איצט הערן פון אַ מענטש אַ טרייסט־וואָרט און
פונם וויטן אָלימפּאָס טו מיר דיין הימלישן פּתרון צאַנטפּלעקן !״
אַזאַ געוועזן איז די תפילה ; און דזעאוס זיין קול האָט פאַרנומען !
און באַלד טאַקע האָט אַ בליציקער דונער איבער די לויטערע

הימלען צעקנאַלט זיך; אַזש דערפרייט האָט פונם באַוויז זיך דער גבור! — — — און
נון האָט אויך די ערדישע בשורה אַ ווייב פאַרן מילראָד געטון אים
דערלאַנגען; אַ ווייב, וואָס האָט געמאָלן אין די מילן פון קיניג.
זע: טאָג־איין טאָג־אויס האָבן צוועלף מילנערקעס געטון מאָלן צו פאַר
ווילדע חתנים אַ שלל פון ווייץ און פון גערשטן. אַבער פון
אַרבעט פאַרמאַטערט, האָבן אַלע פון לאַנג שוין געכראַפּעט. און רק
די שוואַכסטע פון אַלע האָט זיך איצט נאָך איבערן מילראָד געבויגן.
און נון האָט זי אָפּגעשטעלט די אַרבעט, און מיט נבואה האָבן
אירע ליפּן צעשאַלט זיך:
„אָ דזעאוס, דו אַלמעכטיקער פאָטער
פון מענטשן און געטער! אַ סימן־טוב האָסטו איצטער אוודאי
צו אַ בן־אדם באַוויזן. ווייל אַ בליציקער דונער האָט
איבערן קלאָרן, אויסגעשטערנטן הימל צעקנאַלט זיך! אַ גאָט! זיין
זאָל דער רצון פון דיין דינסטמויד באַווילִיקט. און דערדאָזיקער
צייכן זאָל טון מיר באַווייזן, אַז נאָך איינמאָל, אַ איינמאָל זאָלן
די ווילדע חתנים פון אָדיססייאוסעס מילראָד דאָס מעל נאָך
געניסן, און אַ לעצט מאָל פאַרזוכן פון מיין ביטערער פראַצע!...“
געזאָגט; און גלייך ווי אַ דונער איז אויך איר גערייד צו זיין האַרץ
דערגאַנגען. און פון ביידע סימנים איז געזיכערט געווען זיין
נצחון!
בינתיים האָבן אויך די איבעריקע מיידלעך
פונם בעט זיך געפעדערט און צעזשאַרעט אַ פייער. און גיך, גיך האָט
אויך טעלעמאַכאָס געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון געלעגער, די
קליידער פאַרוואָרפן און אויף לענדן די שווערד אויפגעהאָנגען. און אַז
די שיינע סאַנדאַלן געווען זענען אויף די פיס שוין פאַרשנירלט, —
האָט געכאַפּט ער אַ שאַרף־שפּיציקע קופּערנע, פּיקע; מיט איר
איבער דער שוועל זיך באַוויזן און פאַר אייאוריקלייאַ צעשאַלט זיך:
„מאַמענקע זאָג: צי האָסטו מכניס געווען אונזער אורח מיט שפּייז
און מיט אַ וויך געלעגער? איך פרעג, — וואָרים דו ווייסט דאָך וואויל

אַז זינט מיין אידעלע מוטער איז פון גורל דערשלאָגן, איז זי
כּסדר צעמישט און צעטומלט, און קאָן דערפאַר, על־פּי־טעות,
פיל כּבוד צו אַ הולטיי דערלאַנגען, און דאַקעגן, אַ ריינעם
און ערלעכן גייער פון זיך גאָר פאַרשטויסן!״
האָט אייאוריקלייאַ
דערויף אים געענטפערט:
„אָ זון מיינער! זיי נישט חושד דיין מוטער,
ווייל אויף איר גאַסטלעך פאַרבעטן האָט ער פיל זעטיקע פליישן
געגעסן און פאַרשיכּורטע ווײַנען ביים טיש דאָ געטרונקען.
און נאָכן צאת־הכּוכבים האָט זי צו מיידלעך באַפוילן אים
אויסצובעטן תּיכף אַ ווייך געלעגער. אָבער דער אורח
אַליין האָט פונם דאָזיקן תּענוג געטון זיך באַפרייען, און זיך
אויסגעבעט אין דער עזרה פון אָבלאַמעס אַ פּשוט
געלעגער. און ניערט מיט אַ ווייכן און וואַרעמען צודעק האָב
איך איינגעהילט אים די אַלטע, פאַרמאַטערטע ביינער!״
געזאָגט; און
נון האָט ער מיט דער בלאַנקער פּיקע אַרויסגעשיילט זיך פון היכל,
און צוויי גיך־לויפיקע כּלבים האָבן אויף געמאַרקן צו דער
גרויסער אסיפה פון די שיין־געפּאַנצערטע גריכן געטון אים
באַגלייטן!
דערווײַלע האָט אייאוריקלייאַ, די טאָכטער פון אָפּס
בן פּאָזענאָר, געטון צו אַלע מיידלעך פון היכל באַפעלן:
„פאַר די בעזעמער, קינדער, טוט וואָס גיכער אייך כאַפּן. און נאָכן
באַשפריצן די דילן, — קערט אויס מיר דאָס מיסט פון די זאַלן. דערויף
זאָלט איר תּיכף מיט פּורפּל־געוואַנדן אַרומהילן די טראָנען.
און באַלד טאַקע מיט שוואָמען אַרומוואַשן די טישן, און אייליק
אַלע געטאָפּלטע כּוסות אויסשווענקען ווי גינגאָלד, און לויפן
וואָס גיכער צום ברונעם נאָך וואַסער; ווייל אָט רוקן אָן שוין פון דער
שטאָט די חתנים, ווייל היינט איז דער הייליקער טאָג פון ראש־חודש, —
און אַלע וועלן דאָ פּראַווען דעם יום־טוב פון קידוש־לבנה!״
געזאָגט; און אַלע באַדינערקעס האָבן געטון זי געהאָרכן.
און נון זענען צוואַנציק מיידן צום טונקעלן ברונעם נאָך וואַסער

געזאָפּן, און די איבעריקע האָבן די זאַלן געקערט און
געטײערט! — און באַלד כאַקע זענען האָלצהעקערס (פֿון החתנים
געשיקטע) אַהינצו געקומען און צעשפּאָלטן פּאָליאַנעס אויף
שײַטלעך און שפּענער. און ווי נאָר די מײדן האָבן זיך מיטן וואַסער
געפּעדערט, האָט זיך אויך אײומײאָס מיט זײַן סטאַדע באַוויזן.
אָבער איבערגעלאָזט אויפֿן הויף צווישן גראָזן האָט דער פּאַסטוך די
טשערעדע, אינעם היכל געגנידערט און נאָכגעפֿרעגט זיך בײַם מלך:
„אָ פֿרעמדער! זאָג: צי געפֿינסטו שוין אַ ביסל חן אינעם אויג פֿון די
שטאָלצע אַכײער, אָדער ביסטו אַלץ זײ פֿאַראַכטעט נאָך אין היכל?"
האָט דער מכאובים-געשלאָגענער קיניג דערויף אים געענטפֿערט:
„הלוואי, אָ פֿרײַנט אײאומײאָס, זאָלן די הימלישע געטער מיט
כּעס און נקמה פֿאַרן גרויסן עקשנות טון זײ באַצאָלן, ווײַל
מיט אומווירדיקע מעשׂים זײ ראַבירן אָן רחמים דעם היכל!"
אָבער געווען איז, בעת זײ האָבן אַזוי בײדע מיט ליבשאַפֿט
געטענהט, איז זײ דערווײַלע מעלאַנטיאָס פֿון זײַן ציגענער
סטאַדע געקומען אַקעגן (אָ! מיט צוויי טרעפֿערס האָט ער אַלע
שמאַלציקסטע ציקלעך צום געזעס פֿאַר חתנים פֿאַרטריבן). און אויך
ער האָט זײַן טשערעדע הינטער די שרײַאיקע שטאַלן געפּענטעט,
אינעם היכל געגנידערט און מיט עזות פֿאַרן קיניג געשטעלט זיך:
„שלעפּער! וואָס? דו וואַלגערסט נאָך אַלץ זיך אַרום דאָ אין פּאַלאַץ און לאָזסט
נישט צורו די ליבע חברים? קבצן! טרײַב גיכער אַרויס זיך
פֿון דאַנען!!! — — ווײַזט אויס, אַז דו וועסט שוין פֿריער דעם בורג נישט פֿאַרלאָזן,
ביז מײַן פֿויסט וועט נעמען דיך דרעשן?? — — הײ! אַנטלויף, דו אומזיסטיקער
פֿרעסער! אײַל! יאָג! גיך! ווײַל קאַרג סעודות פּראַווען אינעם לאַנד דאָ די גריכן?"
אַט אַזוי האָט ער מבֿזה געווען דעם קיניג. אָבער מיט
אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ האָט אָדיסײאוס געשוויגן און
וועגן אַ שווערער הריגה געטון זיך פֿאַרטראַכטן! — — — דערויף איז
אויך פֿילויטיאָס, דער ראש-השומר, מיט אַ קאַלב און מיט ציקלעך

צום שער־המלך געקומען. (אַזש פון יענער זייט טייך האָט ער מיט
טראַטוועס געבראַכט זיי צו שלעפן. ווײל כמנהגו, פלעגט ער לייטן
איבער טייכן צו פירן) און אייך ע ר האָט זיין סטאַדע הינטער די
שרייאיקע שטאַלן געפענטעט, אינם היכל געגידערט און צו פאַר
אייאומייאָס צעשאַלט זיך:
„זאָג מיר, אָ פאַסטוך פון מיין קיניגס
חזירים: ווער איז דאָס, דעראַזיקער אורח? וואָסער שבט האָט
אים אַהערצו פאַרוואָרפן און פון וועלכער מדינה האָט ער זיך
צו אונזער היכל דערטראָגן? זע: אַ קיניגלעכער אויסקוק שטראַלט
אַרויס פון זיין מיאוסער הלבשה. אָבער קענטלעך, אַז אפילו
צו גרויסע מלכים טוען געטער זייער פרצוף פאַרשוואַרצן!...״
געזאָגט; און צו דער זייט פונם קיניג האָט ער געטון זיך גענענען.
און תיכף אויסגעשטרעקט אים אַ שלום, און מיט בענטשונג צעשאַלט זיך:
„פריד צו דיר, טאַטענקע, פריד אָן אַ סוף! אָ, הלוואי זאָלסטו אַ סך
בעסערס אויף להבא נאָך דערלעבן, ווייל איצט פלאָגט דיך אַ שווערער
נסיון! — אָך! דזעאוס, דזעאוס! דו אל קנא ונוקם! מאַנען,
וועמען דו אַליין האָסט געקנאָטן, טוסטו אָן רחמים שטראַפירן;
און במקום נחת — דו שלאָגסט זיי מיט נויט און פיין און יסורים! — —
אָ פרעמדער! אַ קאַלט־הייסער שווייס מיט ביטערע טרערן נעמט האָגלען
פון אויג מיר, אַז איך טו זיך דערמאַנען, אַז דו, וועמעס אָנבליק עס
איז אַזוי שטאַרק צו מיין האַר אָדיסייאוס: — אַז אויך ע ר (אויב
ער לעבט
נאָר) מוז אויסשטרעקן די האַנט איצט נאָך אַ געבעטלטן ביסן!...
אָבער ניין! ער לעבט נאָך, עס לעבט נאָך מיין האַר אָדיסייאוס! און
אפשר — ווער ווייסט דען? — אפשר איז זיין נשמה פון לאַנג שוין צום
האַדעס פאַרפלויגן? — — וויי! אין טרערן פון רחמים טוט באָדן
מיין אויג
זיך, אַז מען דערמאַנט מיך, אַז נאָך יינגלוויין האָט ער מיך
פאַרן שומר
פון אַלע קעפאַלאָנישע סטאַדעס געמאַכט קרוינען מיט ליבשאַפט!...
און נון האָבן די סטאַדעס אָן אַ צאָל זיך געמערט און געפרוכפערט.
אָבער פרעמדע מאַנען האָבן געמאַכט זיי באַצווינגען: צום ווילדן

געפרעס פון זיין כשערעדע געשאָכטן! און ווידערשפעניק זענען
געווען זיי צום שני-למלך, און אָן פאַרכטונג פאַר גאָט האָבן
געטון זיי ראַבירן מיין ווייטן, פאַרפאַלענעם קיניג! — — — אַך! נישט
איינמאָל האָט געפּלאָגט מיך אַ רעיון: אויב נישט טעלעמאַכאָס, וואָלט איך
פון לאַנג שוין אין ווייטקייט מיט די סטאַדעס געצויגן, בכדי הילף אין
מרחקים געפינען. ווייל שווער, אָ, שרעקלעך און שווער איז דאָך צוליב
פרעמדע מיילער די סטאַדעס פון מיין האַר אָדיסייאוס צו פּאַשען!?
און גלייב מיר: איך וואָלט שוין פון לאַנג מחוץ-למחנה פון דאַנען
אַנטלאָפן, ווייל אומווירדיק און גרויס איז דער שרעקלעכער חורבן. —
נאָר
עפּעס אַ שטויס פון בטחון טוט שטאַרקן דאָס האַרץ מיר: אַז באַלד וועט
אָדיסייאוס אומקערן בשלום אַהיים זיך און פאַרלענדן
אינם היכל דעם שונא!
האָט אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט:
„אָ פּאַסכוך! משמעות, אַז דו ביסט באמת אַן איידעלער
איש חכם ונבון! דערום טאַקע איך טו איצט אַ נדר ביים
בליצשטראַליקן זעאוס און טו אויך זיך באַשווערן פאַרן הייליקן
עס-כיש און ביים צעפלאַקערטן פייער פון מיין האַר אָדיסייאוס, —
אַז נאָך איידער דו וועסט זיך אַרויסשאַרן פון היכל, וועט דיין
האַר און געביטער אומקערן אַהיים זיך בשלום! און אויב דו
וועסט וועלן, וועסטו זיין מיר אַן עדות, אַז מיט שווערער נקמה
האָט געטון ער אינם היכל אַלע ווילדע חתנים פאַרלענדן!"
האָט דער גרויסער אָקסן-טרייבער פון קיניג דערויף אים געענטפערט:
„הלוואי, אָ פרעמדער, זאָל גאָט זעאוס דיין נדר דערפילן, —
און אויך
מיין האַנט וועט דיר באַווייזן, מיט וואָסער קראַפט א י ך וועל אייך
דאָרט ביישטיין!..."
און נון האָט זיך אויך אייאומייאָס אין אַ תפילה בלחש פאַרן
הימל צעגאָסן, אַז אָדיסייאוס זאָל בקרוב אומקערן
אַהיים זיך.
אָבער בעת זיי האָבן אַזוי ביידע מתפלל
געווען, — האָבן דערווײלע די ווילדע משחיתים וועגן

אָ מיתה בּערמה איבּערן האַר טעלעמאַכאָס פאַרטראַכט זיך.
...פלוצלינג אָבער איז פון לינקס אַן אָדלער צו שיועבּן געקומען, אין
וועמעס נעגל אַ טויב האָט געגוסט. אָבער אַז אַמפינאָמאָס
דערזען האָט דעם צייכן, - האָט ער מיט ווילדקייט געטון זיך צעבּרומען:
„חברים! בּחינם איז אונזער מי און נקמה! קומט, לאָמיר
ליבּערשט צום מאָלצייט זיך נעמען!”
געזאָגט; און געפינען חן האָט דאָס
געריידּ פון אַמפינאָמאָס בּיי דער גרויסער אסיפה. און תיכף
האָבּן אַלע פונם אָרט זיך דערהויבּן, צום היכל געווידערט און
אויף טראָגען צעשפּרייט זיך. -- און נוך האָבּן זיי מקריב געווען שאָף
און רינדער און שמאַלציקע ציקלעך, אָקסן און פעטע חזירים.
און נאָכן בּראָטן האָט מען די בּשרים גענומען פאַרטיילן, און
מישן מיט וואַסער די ווינען. — און די בּעכער אויף שיכּרות צעטיילט
האָט אייאומייאָס, דער פאַסטוך, און מעלאַנטיאָס אָנגעפילט האָט
די כּוסות. און אַז פילויטאָס האָט די ב ויטן אַרומגעטיילט
אויס די קוישן, — האָבּן אַלעמענס הענט צום געפרעס זיך דערהויבּן!
...אָבער זיין פאָטער אָדיסייאוס האָט דער כיטראָק טעלעמאַכאָס
אָוועקגעזעצט בּכוונה בּיי דער שטיינערנער שוועל צו אַ טישל
מיט אַ צעבּראָכן בּענקל... און נון האָט ער אים אונטערגערוקט
פיל דרויבּ מיט אינגעווייד און פולע כּוסות מיט פאַרכישופטע
ווינען, און מיט שאַלונג געטון דערלאַנגען צום קיניג זיין טענה:
„זיץ זיך בּמנוחה צווישן דערזאָזיקער חברה און לאָז זיך דיר
וואוילגיין בּיי ווינען און געשמאַקע מעדנים. זע: איך אַליין וועל
פון יעדערן שטרויכלונג טון דיך בּאַשיצן, ווייל נישט קיין אכסניא
איז דערדאָזיקער היכל, נייערט מיין היים, - יאָ, נייערט מ י י ן
איז די
גרויסע ירושה פון קיניג!... און צו אייך, אָ חתנים, בּאַפעל
איך: שווייגט איצט מיט הענט און מיט צינגער, בּכדי עס זאָל קיין בּהלה
נישט ווערן!”
געזאָגט; און פון זיין דרייסטן גערייד האָבּן זיך אַלע
חתנים צעבּיסן די לעפצן. בּיז ערשט אַנטינאָיאָס בּן
אייאופייטעס האָט איינגענומען די שטום-צעבּריקערטע עדה:

„לאָמיר געצווינגען זיינע האַרבע ווערטער בשתיקה פאַרשלינגען,
אַ גרויסע אכייער! ווייל ווי האַרט טעלעמאַכאָס האָט צו פאַר אונז
דאָ געפלוידערט, – מוזן מיר מאַכן אַ שוויג איצט; יואָרים גאָט דזעאוס
האָט אונז דערוויל נאָך קיין כּוח נישט געגעבן, אַז מיר זאָלן דעם פּיסק
אים פאַרשטאָפּן!"
געזאָגט; אָבער טעלעמאַכאָס ממאס געווען
האָט דאָס גערייד פונם חתן! – – – און נון האָבן העראָלדן איבער דער
עיר־הבירה מיט העקאַטאָמבן געצויגן, און צעקודלטע
אַכייער האָבן אינם שאָטיקן טאָל פון אַפּאָלאָן געגידערט.
און ווידער האָבן חתנים געשאָכטן, געפּרעגלט, געבּרענט און
געפרעסן און מיט זמירות געפּראָוועט דעם יום־טוב! און מחמת שרעק
פאַרן יונגן בן־מלך האָט מען אויך אָן אָדיסייאוסן איצט נישט
פאַרגעסן, – ווייל אַזוי האָט טעלעמאַכאָס צום שר־הטבחים
געסון אין דער עס־שטוב פון היכל באַפעלן! – – און מיט חכמה האָט
פּאַלאַס־אַטענע געטון צערייצן די צינגער פון דערווילדער
חבריא, בכדי די אָנגעצייגענע בלוטן פונם מעכטיקן
אָדיסייאוס בן לאַערטעס זאָלן נאָך מער זיך צעקאָכן!...
איז צווישן די זיצערס עפּעס איינער, אַ מחוצף פון סאַמע
מיטן נאָמען קטעזיפּאָס, מסובין געזעסן. און שטאָלץ אויף זיין
פאָטערס עשירות, האָט ער געגאַרט זיך אָנכשפּויזן מיט דער אשה
פונם וויטן און לאַנג־פאַרפאַלענעם האַר אָדיסייאוס. דערום טאָקע
האָבן זיינע לעפּבן צעשפּרייט זיך מיט חוזק, אַזש געשאַלט האָט זיין קלה:
„טוט פאַרנעמען מיין גערייד איצט, אַ גרויסע אכייער! זעט:
הגם אַט דערדאָזיקער קבצן האָט אַ גלייך חלק ווי מיר
דאָ טועם געווען. (וואָרים על־פּי־דין טאָר מען פאָרט נישט אַזאַ
אורח מקצר צו זיין מיט אַ ביסן... ער איז דאָך עפּעס צו
גאַסט ביים האַר טעלעמאַכאָס!...) לכן, וויל אויך א י ך אים מיט אַ כּיבוד
פאַרטיילן, בכדי ער זאָל דערמיט די באָד־מויד אָדער אַ שפחה
פון אָדיסייאוסעס היכל זיין מיט דער מציאה מהנה!..."

געזאָגט ; און גיך, גיך האָט ער איבערן קויש זיך פאַרבאָרגן און מיט
אַ פוס פון אַ בהמה איבערן קאָפּ פונם מלך מיט אַ וואָרף
זיך פאַרכאָפּסטן ! — — — אַדיסייאוס אָבער האָט אויסגעבויגן דעם
קאָפּ מיט אַ גאַליקן שמייכל, אַז אָנגעשלאָגן האָט דער פוס זיך
אָן דער וואַנט פונם היכל.
אָבער ווילד האָט טעלעמאַכאָס צעברילט זיך :
„צו דיין גליק, אַ קטעזיפאָס, איז דער טראַף מיטן קו-פוס צו דער
וואַנט גאָר
פאַרפלויגן. זיסט וואָלט איך מיט מיין שאַרף פון דערדאָזיקער פיקע
דיין האַרץ
אינם בוזעם צעלעכערט ; און במקום צו פּראַווען אַ פריילעכע
חופה, — וואָלט גאָר דיין פאָטער אַהערצו אויף דיין וויסטער לוויה
געקומען !... היי, יאָלדן ! זאָל מיר קיינער איצט אַ האַנט אָדער
אַ צונג מלא-עזות דערהייבן, ווייל איך בין שוין מערער קיין קינד
נישט און ווייט נישט אויפן שכל-הישר געשלאָגן ! — אָ, צי איז נישט
גענוג, וואָס איך טו אייך מיט שווערער סבלנות פאַרשווייגן, ווען איר
גיכט אייך מיט ווייַנען און טוט שעכטן די שמאַלציקסטע רינדער פון מיין
פאָטערס ירושה ? וואָרים וואָס באַטייט דען אַ יחיד אַ קעגן
אַזאַ בייז-באַשריגענעם רבים ? דערום שווייגט איצט, אַ יאָלדן, שווייגט
שווייגט ! — —
און אויב איר האָט באַשלאָסן צו טון מיך בערמה פאַרציקן, — טאָ
וואָלט איך עוין ליבערשט גלייך געקוקט דעם טויט אין די אויגן,
איידער צו
קוקן, ווי עס ווערן די אורחים אינם היכל געפייניקט, און ווי
מיט אומווירדיקער תאווה איר שלעפּט אין די נעכט אַרום זיך מיט
נפקאס איבער די גרויסע געמאַכן פון מיין פאָטערס פּאַלאַצע !...“
געזאָגט ; און פאַרגליווערט איז אַלעמענס לשון געבליבן. און ערשט
נאָך אַ הפסקה האָט אַגעלאַיאָס בן דאַמאַסטאָר געבעטן :
„חברים ; נישט אומווירדיק געווען איז דאָס שטאַרקע גערייד פון האַר
טעלעמאַכאָס ; דערום מאַקע איז שאַלקהאַפטיק אַ יעדער וויכוח !
וואָרים באמת, — וואָס נוצט דען דאָס פייניקן אַ פאַרבלאָנדזשעטן
גייער אינם היכל פונם געטערצוגלייכן העלד אָדיסייאוס ?

— און נון וויל איך איצטער צו פאר דיר, אָ פריינט טעלעמאַכאָס, און צו
פאר דיין מוטער פענעלאָפּייאַ מיט אַן עצה־טובה זיין אייך
מזכּה ! הערט : כּל־זמן דער בטחון האָט געטון אייך פאַרפירן,
אַז אָט, אָט וועט אומקערן אַהיים זיך אייער האַר אָדיסייאיס, —
איז טאַקע געווען נישט קיין עוולה, וואָס איר האָט אויפגעהאַלטן אינם
הויז דא אַלע אַכייער ! איצט אָבער, נאָכדעם ווען יעדערן איז
קלאָר שוין געוואָרן, אַז די נשמה פון אונזער געביטער איז
לאַנג שוין פאַר די טויערן פון האַדעס פאַרפלויגן, — טאָ טו־זשע
דרייסט זיך,
אָ בחור, צו דיין מוטער געזעגנען, און בעט זי, אַז זי זאָל זיך
מיטן שטאַרקסטן אַרגייאישן יונגלינג אַנטשפּויזן, וואָס וועט מיט רייכע
כּלה־מתּנות טון זי באַשענקען — בכדי זיי זאָלן תּיכּף
דיין היכל פ רלאָזן, אויף ווען ען ד ו ב י ט ד איינציקער יורש !...״
האָט אָבער טעלעמאַכאָס, דער איש חכם, דערויף אים געענטפערט :
„ניין ! הער : ביים בליציקן דזעאוס איך טו זיך באַשווערן, און ביי די
גרויסע יסורים פון מיין אומגעקומענעם פאָטער – בין איך איצט
מנדר, אַז קיינמאָל, אָך קיינמאָל, אָ פריינט אַגעלאַיאָס, וועל איך
נישט אָפּהאַלטן מיין מוטער פון אָ רייכער אַנטשפּויזונג ! – פאַרקערט : איך
בעט זי כּסדר ! — — אָבער אָ ן איר רשות ? ניין ! — זאָל מיך
דער הימל
באַשירעמען, אַז איך זאָל זי חלילה פון היכל פאַרטרייבן ! ! !״
געזאָגט ; נאָר פלוצלינג האָט פּאַלאַס־אַטענע מיט אַ שאָלונג־געלעכטער
געטון די הערצער פון אַלע ווילדע חתנים פאַרפירן... און
נון האָבן משוגענערווייז גענומען זיי לאַכן מיט שרעקלעך
צעדרייטע הוועיות אויף כּיאוסע, פאַרקרומטע פרצופים ! און פלייש, —
אָך, מיט רויע, פאַרבלוטיקטע פליישן האָבן זיי איצט געגאַווערט,
אַז טרערן האָבן פון אויג זיך געכליניעט, — אַזש אָנגעדאָלערט איז דאָס
האַרץ זיי געוואָרן ! — — —
דערויף האָט פלוצלינג טעאָקלימענאָס, דער
חוזה, צו זיי זיך באַווייזן :
„ווי... משוגעים !... אָ פינסטערע
נאַכט האָט אין אייער האַרץ זיך פאַרקליבן !... אָ שוואַרצע יללה טריפט

אייך פון אויגן !... זעט, זעט : בלוט ! בלוט ! — בלוט גיסט זיך פון
אַלץ : פון ווענט און פון
קראָקוועס !... הערט : נאַכט !... בלוט !... מיט שוואַרצע גייסטער
אָנגעפולט איז דער היכל !...
אַך ! צום וויסטן קבר פון עראַבאָס עס רייסן זיך שאָטנס ! און
ווייס : פאַרפינסטערט האָט די זון זיך און אַ חשכות הערשט דאָ אַרומעט !״—
גענזאָגט ; אָבער משוגענערווייז האָבן אַלע צעלאַכט זיך... און
נייערט אייאורימאַכאָס בן פאָליבאָס האָט שאַליק געטענהט :
„חברה ! זעט נאָר, ווי די פאַרשלעפטע קרענק האָט מיט נ אַ כ ט
זיך צעכאָרכלט ! ?
קינדער ! שמייסט תיכף אַרויס אים אויף יענער זייט היכל, און זאָל ער
גיין זיך אויפן „ליכטיקן״ מאַרק-פּלאַץ, — ווייל ד אָ איז אַלץ אים
פאַרפינסטערט !...״
האָט אָבער דער זעער טעאָקלימענאָס דערויף אים געענטפערט :
„צוואָס זאָלסטו אַזש מטריח זיין אַ חבר, אייאורימאַכאָס ?
אָ, צי האָב איך קיין אייגענע פיס נישט ? קיין אויגן און אויערן ?
און צי איז דען מיין שכל געוואָרן, חלילה, מטושטש ? — — אָט
וועל איך אַליין אייך פאַרלאָזן !... אָבער, — אָבער אַ שווער אומגליק
זע איך הענגען איבער אייך, אָ ווילדע חתנים ! — — אינם היכל פון
האַר אָדיסייאוס וועט איר פון שוואַרצן טויט נישט קאָנען אַנטרינען,
ווייל אַ הריגה וועט פאַר אייערע מעשים טון אייך פאַרציקן !...״
גענזאָגט ; און תיכף האָט ער פונם קיניגלעכן שלאָס צו פּיירייאָס
גענידערט, וואו מען איז אים מיט ליבשאַפט געקומען אַקעגן. — — די
חתנים אָבער האָבן מיט חוזק-געשפעט אָפּגעלאַכט דעם האַר
טעלעמאַכאָס און געטריבן לצנות אויף די געסט פונם היכל !
און כּפי-ערך אַזוי האָט אַ יאָלד פון דער חברה צעשאַלט זיך :
„באמת, טעלעמאַכאָס, אַזוינע משונהדיקע אורחים
האָט נאָך קיינער, חוץ דיר, געבראַכט נישט צום היכל. — אָט האָסטו
מכניס
געווען אַן עלנטן שלעפּער, וואָס איז נישט צו גאָט און צו לייטן ;
נישט צו קריג און צו אַרבעט ; נאָר גלאַט עפּעס אַ מכה אויף ערדן !
היינט טאָקע דער צ וו יי ט ע ר , וואָס איז געקומען אונז פּראַווען נבואות ?—

וייסטו גאָר וואָס ? אַט, פאָלג מיך, — און וועסט זיכער נישט האָבן חרטה :
אָמיר אין אַ שיף ביידע חבֿרה פאַרפּאַקן און ווייט
ין סיקעליע טון זיי פאַרקויפן, וואו דו וועסט פאַר זיי כאַפּן
גוטע מטבע !..."

אַזוי האָבן יאָלדן געטענהט אָבער
עלאַכט האָט דערפון טעלעמאַכאָס ! — — און נון האָט ער דעם פאַטער
עפרעגט מיט די אויגן : „ווען וועט שוין קומען די גרויסע נקמה ? ? ?..."
אָבער קעגנאיבער דער עס-שטוב איז אין אַ טייערער טראָן-שטול
ענעלעפייאַ בת איקאַריאָס אין איר קאַמער געזעסן און
איינגעהאָרכט זיך, ווי עס הודזשעט די ווילדע חבֿריא. און זע : מיט
סטן געלעכטער האָבן משחיתים זייער מאָלצייט געפּראַוועט,
וייל אַ שלל פון שאָף און רינדער האָבן געטון זיי צו שעכטן !
אָבער קיין שום הוליאַנקע איז זיי נאָך קיינמאָל אַזוי פאַרמיאוסט נישט
געוואָרן, ווי די היינטיקע שמחה, — אין וועלכער אָדיסייאוס
האָט, מיט דער הילף פון אַטענע, געפּרוווט מיט זיי זיך אַ שפּיל טון !...

# דִיָם אײנאונצוואָנציקסטע געזאַנג

פייל-און-בויגן-קאַמף.

און נון איז מיטן רצון פון דער בלוי-אויגיקער געט'ן אַטענע
די אשת-חיל בת איקאַריאָס, פּענעלאָפּיאַ, געפאַלן
אויף אַ גוטער המצאה: אָדיסײאוסעס בויגן צו ברענגען
אינם געוועט פאַר ווילדע חתנים, — די התחלה צו זייער
אייגענער שחיטה!.. און באַלד טאַקע האָט זי אויפן גאָרן גענידערט
און דער קופּערנער שליסל מיטן העלפאַנטביין-הענטל געפלאַנקט האָט אין
דער האַרינטעס פינגער. און אַ באַגלייטע פון יונגפרויען, געשפרייזט
האָט די מלכה אין דער טיפקייט פון היכל און דעם אוצר-האַלך
אויפגעפראַלט מיטן שליסל, וואו קופּער און רודע מיט כלערליי
גינגאָלד זענען מיט געגאָסענעם אייזן געלעגן באַהאַלטן! — —
און אויך דער בויגן פון האַר אָדיסײאוס איז צווישן כלים
געווען: דער ביינערנער בויגן און אַ טאָרבע מיט פיילן, וואָס
ברענגען צעכאָרכלטן טויט און פאַרדאַרבונג! — אָ, פון איפיטאָס בן
עאוריטאָס, אינם לאַנד לאַקעדיימאָן, האָט ער זיי במתנה
דערהאַלטן. ווייל גראָד האָט אָדיסײאוס אין מעסענע (אינם היכל
פון האַר אָרסילאָכאָס) זיין פריינט איפיטאָס באַגעגנט, בעת ער
איז צהינצו איינצוזאַמלען דעם חוב פאַר די פעלקער געקומען!
ווייל געשען איז אַזוי: איבער איטאַקאַ פאַסירט האָבן אין שיפן
מעסענישע רוצחים, וואָס האָבן דריי-הונדערט שעפּסלעך אינאיינעם
מיט שומרים געטון דאָרט ראַבירן! — האָט לאַערטעס מיט די זקנים
אויסדערווײלט דעם יונגן העלד אָדיסײאוס, אַהינצו צו שיפן,
בכדי אויפצוקלויבן דעם שלל! — איפיטאָס ווידער איז וועגן
זיינע צוועלף פאַרלוירענע קליאַטשעס אַהינצו זיי זוכן
געשוואומען; וועמעס טויט פאַרן זוכער באַשערט אומטערוועגנס געווען

'! – ווייל געשען איז אזוי: אַז איפיטאַס איז אונטעריוועגנס צום
'ר הערא‌קלעס בן דזעאוס געקומען, – האָט דער שרעקלעכער
'ד פון הימלען און געטער בערמה געטון אים פאַרלענדן!
אָן פחד פאַר אַלע הימלישע שופטים האָט ער צום עס־טיש
ון אים פאַרנאַרן: ביזן טויט אים געמוטשעט, און צו פאַר זיך
צוועלף יונגע, שטאַרק־געקאָוועטע קליאַטשעס באַהאַלטן! – פריער
צר, בעת ער האָט זיך נאָך מיטן יונגן העלד אָדיסייאוס אין
ענע באַגעגנט, האָט ער מיטן זעלטענעם בויגן געטון אים
שענקען: מיטן בויגן, מיט וועלכן עאוריטאָס פלעגט נאָך צו צילן!
'סייאוס ווידער האָט זיין שווערד מיט דער פיקע צום זכרון
ענקט אים! – אָט אזוי האָבן כורת־ברית זיי געוועזן! – –
אָבער
ט געוועזן איז באַשערט פונם גורל, אַז איינער זאָלביים טיש
וועגס פונם
יטן געניסן. ווייל איידער וואָס, איידער ווען, האָט הערא‌קלעס
ון אים צו טייטן! – דעריבער טאַקע האָט אָדיסייאוס נישט
מאָל מיטן דאָזיקן בויגן געטון אין ווייטע מלחמות אויף
קעלע שיפן זיך לאָזן. נייערט אין איטאַקאַ, אינם אוצר־
'ך, האָט ער זיין חברס זכרון אויף אייביק באַהאַלטן!
אָט צהינצו געשפרייזט האָט די מלכה. און געוועזן איז, ווען אויף
דער שוועל
אוצר האָט געטון זי דערגרייכן; אויף דער דעמבענער שוועל,
וואָס דער
ליער האָט בשעתו אַזוי קונציק געטעסעט, און איבער איר
פליגלען אויף אַ טיר, מיט דער מאָס־שנור אויסגערעכנט,
געמאָכטן, – האָט
'ויז געמאַכט תיכף די רינגען אויף פליגלען, – די לעדערנע
נטעס; אַריינגעשטעקט דעם שליסל אינם לאָך פון דער טיר; מיט כוח
'וק געטון די ריגלען פון די אינעווייניקסטע פליגלען, אַז
אַ געכקהיפ דאָט תיכף אויפגעפראַלט זיך דער ברייטער אַריינגאַנג.
'וי אַ געבריל פון אַ ביק, האָבן אַ שפרינג־אויף געטון דאָרט די
לען! – – און נון האָט די מלכה אינם טרקלין געבידערט און אויפן

בע"עמער געטון זיך דערהייבי, וואו די בגדי יום-טוב זענען, גענזאַלבטע, אין קעסטלעך געלעגן באַהאַלטן. און איבער די אַלמערס האָט דעם אָרעם געטון זי דערלאַנגען, און פונם רינג אויפן פלאַקן אַראָפּגענומען דעם בויגן, וועלכער איז אין אַ שייד געוועזן באַהאַלטן... און נון האָט אויפן דיל אַראָפּגעלאָזט זיך די מלכה, אין דער שויס אַרויסגענומען פון באַהאַלטער דעם בויגן, און ביטער, אַך ביטער צעוויינט זיך! — — — און אַז זי האָט זיך מיט טרערן געזעטיקט, איז זי מיטן בויגן פון אָדיסייאוס פאַר חתנים געקומען; מיטן הערנערנעם בויגן און מיט דער טאָרבע פון פיילן, וואָס ברענגען רק צעכאָרכלטן טויט און פאַרדאַרבונג! — — און הינטער איר געשפּרייזט האָבן מיידלעך מיט די איבעריקע וואָפן פון מלך: אַן אייזערנעם קאַסטן מיט רודע! — און געווען איז, ווען זי האָט צו די חתנים געטון זיך גענענען, איז זי געבליבן שטיין אויף דער שוועל, איבער דער טייערער וועלבונג: אַראָפּגעלאָזט דעם שלייער פונם קאָפּ אויף די באַקן, אונטערגעשפּאַרטביידע אָרעמס אויף די אַקסלען פון מיידלעך, און געטון זאָגן צו דער צעיושעטער עדה חתנים:

„פאַרנעמט מיין גערייד, אָ שטאַרקע חתנים, וואָס מיט פרעסן און זויפן טוט איר נייערט מיין הייליקן היכל ראַבירן. ווייל זינט אָדיסייאוס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין מרחק, — איז נייערט אייער גלוסטונג צו מיר זיך באַהעפטן, און מיט ליבשאַפט — אָן תכלית — צו טון מיך באַשלאָפן! דעריבער: דערהייבט אייך, דערהייבט אייך צום גרויסן געוועט-שפּיל, אָ שטאַרקע חתנים! און זעט: אָט איז דער ביינערנער בויגן פון מיין האַר אָדיסייאוס, און, — וועמעס כוח און גבורה וועט קאָנען באַווייזן, אַז מיט אַן איינציקן טרעף פון דער פייל אויסן בויגן, וועט אַלע צוועלף רינגען פון די פאַליעס צערייסן, — אָט, צו יענעם גבור וועל איך טון זיך אַנטשפּיזן, און זיין מחלל דעם זעטיקן היכל פון מיין האַר אָדיסייאוס: די פּאַלאַטע, וואָס וועט מיר נישט איינמאָל ווענס קומען צו חלום!..."

געזאָגט; און אויפן וואונק האָט זי דעם פּאַסטוך אייאומייאָס באַפוילן,

אַז ער זאָל פּאַר חתנים דעם בויגן מיט די אײַזערנע פײַלן
באַווײַזן !... און מיט געוויין האָט דער פּאַסטוך געטון זי געהאַרכן. — —
אויך פילויטיאָס האָט ביטער געהעשעט, אַז ער האָט דערזען נאָר
דעם בויגן ! און נייערט אַנטינאָיאָס האָט מיט חוזק צעשאַלט זיך :
„אָ טפּשים, מיט קנאַפּע השגות פון ישוב ! וואָס האָט איר אײַך
עפּעס אַזוי פּלוצלינג צעיאַכמערט ? אפשר דערפאַר, בכדי נאָך
מערער אויפצוקאָכן דאָס שווערע געמיט פון דער מלכּה, וועמעס
האַרץ איז לאַנג. לאַנג פון וויסטער עגונהשאַפט גענוג שוין דערשלאָגן ! —
דערום : זיצט און פרעכט דאָרט במנוחה, אָדער רוקט זיך אַרויס מיט אייער
ריטשען פון היכל. און נייערט צו פאַר אונז, די שטאַרקע חתנים,
לאָזט איבער דעם שרעקלעכן קאַמף־שפּיל פון פײַלן און בויגן !... אָ, ווער
ווייסט, צי עס וועט כאָטש איינער זיך טרעפן, וואָס וועט קאָנען באַוויַיזן
אויסצושפּאַנען אַ פײַל אויפן בויגן ? ווײַל אַזאַ העלד, ווי אונזער האַר
אָדיסייאוס, איז אין אונזער מחנה ווייט נישט פאַראַנען ! — הערט : נאָך
קינדוויַיז האָב איך געזען אים, אָבער ביז היינט איך טו אים געדענקען !...“
געזאָגט ; אָבער אין טיפקייט פון האַרצן האָט געטון ער באַגערן
צו שפּאַנען די פײַל אין דער שנור פון דעם בויגן און מיט אַן איינציקן
טראַף זאָל ער אַלע צוועלף אויגן פון די פאַליעס צעוואַלען !.. און נון
האָט ער טאַקע דער ערשטער דערפילט דעם טעם פון אָדיסייאוסעס
בויגן... פון וועמעס גרויסקייט ער האָט היינט נאָך געטריבן לצנות !...
און אַזוי האָט, כבוד־מעלתו, דער יונג טעלעמאַכאָס צעשאַלט זיך :
„עך, מיט נאַרישער טפּשות האָט דזעאוס־קראָניאָן מיין שכל
געשלאָגן ! אָט האָט מיין מאַמע געזאָגט איצט, אַז זי וועט בקרוב
טון זיך אָנכשפּויזן, און פאַריתומט וועט בלייבן דער היכל !... אָ, ווי
קלוג געווען איז די מאַמע ! און היינט ! און איך טאַקע ? — איך, שוטה, טו
זיך דערויף נאָך צו פרייען ! היי ! דערהייבט אייך, איר יאָלדן, און לאָמיר
צוזען דעם קאַמף־פּריז צוליב אַ ווייב אַ יפת־תואר, וואָס איר וועט
נישט אין אַלע אַכייאישע ערדן געפינען ! ניין ! נישט פּילאָס,
נישט אַרגאָס, נישט מיקענע און אויך נישט אפילו איטאַקאַ,

האָבּ ווענס נאָך אַזאַ אשה געפּלאָדיעט ! – – צווייטנס : איר ווייסט דאָך
אַליין, – היינט, וואָס נוצן דען מיינע שבחים ? – – נו ! דערהייבט אייך, קומט
שפּאַנען די פייל אינם בויגן, און לאָמיר אונזער זיגער באַגריסן !...
– – – באמת, איך אַליין וואָלט מיט דעמראָזיקן בויגן געוואָלט זיך
אַ פּרווו טון ! און אויב מיר וואָלט געראָטן אַלע טאָפּעריסקעס מיט
אַמאָל צו צערייסן, – אָ, דאַן וואָלט דאָך מיין מאַמע נישט געטון מיך
פאַרלאָזן, און וואָלט שוין מיט אַ צווייטן נישט געטון זיך אַנטשפּויזן, –
ווייל א י ך , איך בין דאָך שוין פאָרט צו מיין פאָטערס גבורה דערוואַקסן ! ?"
געזאָגט ; און מיט אַ ווילדן שפּרינג-אויף האָט ער זיין פערפלנעם צודעק
אויף דער טראָן-שטול פאַרלוירן, און די שווערד פונם אַקסל פאַרוואָרפן ! – און באַלד
טאַקע האָט ער אין די אויסגעגראָבענע לעכער אַריינגעשטעלט
טאָפּעריסקעס... און צוועלף סלופּעס, ווי מיט אַ מאָס-שנור געמאָסטן, איז
איינער הינטער דעם צווייטן געשטאַנען. – און נאָכדעם, ווען ער האָט ערד
און מחיצות מיט גבורה צעדאָפּטשעט, – האָבן אַלע געגאַפּט
פונם זעלטענעם שלימות, – ווייל ער האָט דאָך נאָך קיינמאָל אַזאַ אַרבעט
געזען נישט ! ! – און נון האָט ער מיטן בויגן אויף דער שוועל זיך באַוויזן. און
דריי מאָל האָט ער געפּרוווט אים צו שפּאַנען ; – אָבער דריי מאָל האָבן די
כּוחות געטון אים פאַרלאָזן !... און מיט איינגעשפּאַרטן עקשנות
האָט ער אויף זיין כּוח געוואָלט זיך פאַרלאָזן. און איינגעגעבן
וואָלט זיך זיין גרויסער נצחון, – אָבער אַ מרוק פונם פאָטער האָט דעם
רצון צעשטערט אים !... און ווידער האָט טעלעמאַכאָס צעשאַלט זיך :
„גאָט ! וועל איך שוין בלייבן אויף אייביק אַזאַ ווייך, צעקראָכן
יונגל ? אָדער צי בין איך טאַקע מער נישט, ווי אַ נישטיק
שנעקל, וואָס וויל זיך באַרימען פאַר אַן עלטערן גבור, וועלכער
האָט אַזוי מיך מבזה געווען ? אָבער – היי ! דערהייבט אייך, א י ר ,

אַ גרויסע גבורים, און לאָמיר מאַכן אַ סוף צום נצחון !"
בעזאָגט ; און אויף דער ערד האָט אַוועקגעשטעלט ער דעם בויגן און
אָנגעשפּאַרט אים בײַ דער טיר פון די שטאַרקע, שײַן-געטעסטע פליגלען.
און אויך די גיך-יאַגיקע פײַל האָט ער אָנגעלענט אויפן רינג פון די
ריגלען, און אײַליק אויף דער טראָן-שטול געזעצט זיך, פון וואַנען ער האָט
געטון זיך דערהייבן ! — דערויף האָט אַנטינאָיאָס באַפוילן :
„שטעלט אײַך אין סדר, חברים : פון דער לינקער זײַט צו דער רעכטער, —
אַזויווי עס טיילט אונז אַרום דער שר-המשקים די ווײַנען ! !"
געזאָגט ; און צו פאַר אַלעמען איז וואוילגעפעלן דאָס גערייד פון
אַנטינאָיאָס. און נון האָט דער ערשטער לייאָדעס בן אוינ-פּאָס, דער
כהן, זיך דערהויבן, (וועלכער איז אייביק אין ווינקל בײַ דער ווײַן-קרוג
געזעסן). אָ, פון אַלע חתנים, איז ע ר נאָר אַ יחיד אינם
היכל פאַרבליבן, וועמעס האַרץ ממאס געווען האָט די מעשים
פון דער צעיושעטער חברה ! אָט ע ר האָט דער ערשטער דעם בויגן
גענומען, אויף דער שוועל זיך דערהויבן און פאַרמאָסטן צו צילן !...
אָבער — אומזיסט ! ווײַל מיטאַמאָל האָט דער כוח געטון אים פאַרלאָזן !
און דערום טאַקע האָט דער כהן ונביא ברומיק צעשאַלט זיך :
„חברים ! ניין ! א י ך וועל מערער מיט דעמדאָזיקן בויגן נישט
פּרוּוון אַ ציל טון !... אדרבא, זאָל פּרוּוון אַ צווייטער ! — מ י ר
אָבער דאַכט זיך, אַז נישט איינער וועט בײַ אים נאָך זײַנע כּוחות
פאַרלירן !... אָ, שוין ליבערשט דער טויט, איידער בײַם לעבן צום גלוסטונג
נישט קאָנען דערלאַנגען : צום גלוסטונג, אויף וועלכן מיר וואַרטן טאָג-איין
און טאָג אויס דאָ אינם היכל ! אָך, נישט איינער פון אײַך וועט אַליין זיך
פאַרשרײַען, אויב ער וועט צו פּענעלאָפּיאַ, — אָדיסייאוסעס
אשה — ווענס קאָנען דערגרײַכן ! אָבער אויב ער וועט נאָר פּרוּוון
אַ נעם טון די פײַל מיטן בויגן, — אָ, צו אַנדערע אַכייאישע
בלות וועט ער אָנביטן זײַנע חתן-מתנות, — ווײַל נײַערט

אַ זיווּג מיט רייכע געשאַנקען וועט צו איר זיך אַנטשפּוּנען!"
געזאָגט; און איף דער ערד האָט אַוועקגעשטעלט ער דעם בויגן און
אָנגעשפּאַרט אים בײַ דער טיר פון די שטאַרקע, שיין-געטעסטעטע פליגלען.
און אויך די גיך-יאָגיקע פייל האָט ער אָנגעלענט אויפן רינג פון די
ריגלען און אײַליק אויף דער טראָן-שטול געזעצט זיך, פון וואַנען ער האָט
געטון זיך דערהויבן.
דערויף האָט אַנטינאָיאָס באַפוילן:
„ווי! סאָרע טפשות דו האָסט איצט געפּלאַפּלט, אָ חבר לייאָדעס!
פאַרוואָר, אַז פון דײַנע סטראַשונקעס האָב איך אַזש גרויס עגמת-נפש.
וואָרים אַז דו האָסט נישט באַוויזן די פייל אינם בויגן צו שפּאַנען,
איז פונדאַנען נעדרונגען, אַז מיר, גבורים, וועלן דערייבער
דאָס לעבן פאַרלירן? היי, היי! נישט צום צוועק פון פייל און בויגן האָט
דײַן איידעלע מוטער געטון דיך געווינען! — — צווישן אונז אָבער —
אָ, צווישן אונז וועט זיך דווקא יאָ שוין אַ צילער געפינען!"
געזאָגט; און באַלד האָט ער אויפן פאַסטוך פון ציקלען גוזר געווען:
„אײַל זיך וואָס גיכער, אָ פריינט מעלאַנטיאָס אַ פייער צעזשאַרען;
און אַקעגן דעם פייער זאָל מיר תיכף אַ טיש מיט אַ פעל-דעק
ווערן באַשאַפן. חוץ דעם זאָלסטו פון דער שפּייז-קאַמער ברענגען
אַהערצו אַ שטיק טרוקענעם חלב בכדי אים לויג איבערן
פייער דעם בויגן צו סמאַליען און מאַכן אַ סוף צום געוועט-קאַמף!"
געזאָגט; און גיך, גיך האָט מעלאַנטיאָס צעזשאַרעט אַ פייער; און
אַקעגן דעם זשאַר האָט אַוועקגעשטעלט ער אַ טיש אויסגעשפּרייט מיט
אַ פעל-דעק און געבראַכט פון דער קאַמער אַ שטיק טרוקענעם חלב.
און נון האָבן אײַנגעטונקען אינם חלב זייער בויגן די
יונגען. אָבער אויפציִען די פייל אויף דער שנור האָט קיינעמס קראַפט
ווייט, ווייט
געטון נישט באַוויזן!... און נייערט די קעפּ פון אַלע חתנים:
אַנטינאָיאָס און אייאוּרימאַכאָס, האָבן פונם אָרט זיך נאָך אַלץ
נישט דערהויבן!...
און נון האָבן ביידע פאַסטוכער: אייאוּמייאָס
און פילויטאָס פונם אָרט זיך דערהויבן און אַרויסגעדרייט זיך
פון היכל. און שטום, הינטער זיי — האָט נאָכגעשלעפּט זיך אָדיסייאוּס...

אָבער געוויס איז, ווען זיי האָבן אַרויסגעשאַרט זיך אויף יענער זייט היכל, — האָט אַ באַהאַרצטער דער מלך געטון צו פרעגן:
„פאַרנעמט מיין גערייד איצט. אַ פריינט פילויטיאָס און אייאומייאָס!
— און אפשר גאָר שווייגן?!? אָבער ניין! איך וויל דעם אמת איצט האָרכן!
זאָגט: אויב עס וואָלט למשל געשען איצט אַ מופת, און אייער האַר
אָדיסייאוס וואָלט אומגעקערט זיך אַהערצו, — טאָ וועמען וואָלט איר
געטון דאַן באַשיצן!? אים, אייער האַר אָדיסייאוס, צי גאָר די
ווילדע חתנים? אָ, וואָרהאַפטיק: טוט מיר דעם אמת צו וויסן!"
האָט דער טעלעצע-פאַסטוך פילויטיאָס דערויף אים גענטפערט:
„הלוואי, אָ פרעמדער, זאָל גאָט דזעאוס דיין משל דערפילן, — וועט אויך
מיין האַנט דיר באַווייזן, מיט וואָסער כּוח איך וועל אים דאָרט ביישטיין!
און נון האָט זיך אויך אייאומייאָס אין אַ תפילה-בלחש פאַרן
הימל צעגאָסן, אַז אָדיסייאוס זאָל בקרוב אומקערן
אַהיים זיך! — און נאָכדעם, ווען דער מלך דערשפּירט האָט די געטריישאַפט
פון דעם פאַסטוך פילויטיאָס און אייאומייאָס, — האָט ער שטיל
פאַר זיי געטון זיך דערקענען... און אַ באַהאַרצטער צעשאַלט זיך:
„...ובכן, אָט בין איך. . איך, אָדיסייאוס, בעצמי!... אָ, נאָך יאָרן
צוואָנציק פון לייד און יסורים, האָב ווידער דערגרייכט איך מיין לאַנד פון
די אבות!... יאָ, וואָרהאַפטיק, נייערט צו אייך אַליין האָב איך געטון
זיך דערקענען. וואָרים פון אַלע עבדים זענט איר רק איינציק
און אַליין געטריי מיר געבליבן; ווייל נייערט אייער תפילה צו
מיר איז דערגאַנגען! — — און נון זאָלט איר מיין הבטחה פאַרנעמען:
אויב גאָט דזעאוס וועט מיך שטאַרקן צו פאַרלענדן דעם ביטערן
שונא, — אָ, דענסטמאָל וועל איך אייך מיט ווייבער און ערדן באַשענקען,
אייך אויפשטעלן פּאַלאַטעס בשכנות פון מיין הייליקן היכל,
און ברידער-חברים וועט איר ווערן מיט מיין זון טעלעמאַכאָס!
איצט אָבער — (בכדי איר זאָלט אויף מיין באַקענונג קיין חשדים נישט
וואַרפן) וויל איך מיט מיין צייכן צו פאַר אייך זיך באַווייזן. מיטן העפט

אויף מיין לידקע, וואָס איז פון אַ ביס דורך אַווילד שאַרף-צאָניק
חזיר ביז היינט מיר פאַרבליבן, זינט איך בין אַוועק פון פערנאַסאָס!"
גענזגט; און פונם נאַרב-קריץ האָט אויפגעדעקט ער די שמאַטעס. —
און געווען
איז, ווען צו פּאָר ביידע פּאַסטוכער האָט דער אמת געטון זיך
אָנטפּלעקן, — האָבן זיי מיט פריידיקע טרערן אויפן האַלז פונם קיניג
געטון זיך צו וואַרפן און מיט אַ „שלום-עליכם" געקושט אים
דעם האַלז און דעם נאַקן! און אויך אָדיסייאוס האָט געקושט זיי די
הענט און די באַקן. — און לאַנג, לאַנג, ביז דער טיפער שקיעה,
וואָלטן זיי
זיכער געוועזן געיאָמערט, ווען נישט אָדיסייאוס, וואָס האָט
גענומען זיי טרייסטן:
„ששש! — נישט וויינט איצט, חברים! ווייל קוים חעט זיך
אַ בוגד דערוויסן, וועט ער תיכף אַ מסירה צעפּויקן
אין היכל! — און נון לאָמיר איינציקווייז צו זיי דאָרט געגעגען:
פריער — א י ך און ערשט שפּעטער — א י ר! — — — איצט לאָמיר
סימנים זיך געבן.
הערט: קיינמאָל וועט הברה חתנים נישט אָנשטיין צו געבן רשות
מיר מיט מיין אייגענעם בויגן צו צילן. דעריבער, אָ פריינט
אייאומייאָס, זאָלסטו אַ דרייסטער, — דעם שונא להכעיס — מיין פייל
מיטן בויגן טון מיר דערלאַנגען! און צו באַדינערקעס זאָלסטו
תיכף באַפעלן, אַז זיי זאָלן אַלע טויערן פון דרויסן
פאַרריגלען! און אויב צו זייער אויער וועט דערגרייכן אַ כאָרכלען
מיט אַ ברומיק געשריי פון געשאָכטענע מאַנען, — זאָלן זיי אויך
נישט אָנטלויפן, — נייערט זיצן זיך שטיל ביי דער שטוביקער אַרבעט!
און דיך, אָ פריינט פילויטאָס, בין איך מזכּה מיט די פרעגטעס
פונם שער-המלך: פאַרצוים און פאַרריגל, אַז אַרויס און אַריין
זאָל נישט קיינער!..."
געזאָגט; און נון האָט ער אינם היכל געגידערט און
זיך צוריק אינם ווינקל אויף זיין צעבראָכענער טראָן-שטול געוואָרפן.
און איינציקווייז האָבן אויך די פריינט אַריינגעשאַרט זיך אין היכל.
בינתיים האָט אייאורימאַכאָס איבערן צעזשאַרעטן

פײער געכמאַליעט דעם בויגן... אָבער אומזיסט! בשום־אופן האָט
ער די פײל אויפן שנירל נישט באַוויזן צו שפּאַנען... לכן האָט ער
מיט אַ שווערן זיפץ פונם האַרצן גענומען כּעסיק זיך זידלען:
„אָ, וויי מיר, וויי מיר! גרויס איז די חרפּה צו פאַר מיר און חברים!
ניין! נישט אַזוי צוליב דער חופּה מיט דער כּלה באַד איך זיך אין
צער איצט, — וואָרום ווייניק אַכײאישע בתולות פאַראַן איז סײ הי,
אין איטאַקאַ, און סײ אין די אַרומיקע לענדער! — נײערט
צוליב דעם, וואָס קיין איינציקער מאַן פון דער גאַנצער עדה וועט
אָפּשטיין אין כּוח אַקעגן האַר אָדיסײאוס, וועמעס בויגן
מיר זענען ווייט נישט ביכולת צו שפּאַנען! אָ, ביזן דריטן דור
וועט שאַלן אונזער חרפּה צו לײַטנס געלעכטער!...״
האָט אָבער
אַנטינאָיאָס גענומען אים טרייסטן:
„נישט געפּלעפּט, אַ שטאַרקער העלד
אײאורימאַכאָס! דו ווייסט דאָך אַליין, אַז הײנט איז אַ חגא ביי
לײַטן לכּבוד פויבאָס־אַפּאָלאָן! טאָ וועמען וועט דען גלוסטן
מיטן בויגן צו צילן? בכן, האַק אָפּ איצט, אַ חבר! — און נײערט
די קלעצער לאָמיר לאָזן אויפן אָרט ווי זיי שטייען, ווייל מיר דוכט זיך,
אַז אין ערגעץ איז מען אַזוי נישט פון אַ גנבה פאַרזיכערט,
ווי דאָ אינם שער־המלך פון אָדיסײאוס בן־לאַערטעס! — — הײ,
קום! לאָמיר ליבערשט פאַרן ווײַן־כּוס זיך נעמען! אַוועק מיטן בויגן!
און מאָרגן כּאָור וועט אַ כּסאַדע מיט ציקלעך מעלאַנטיאָס אונז
ברענגען צו טרייבן. און צום פײל־און־בויגן־באַהערשער אַפּאָלאָן
וועלן מיר מקריב זיין די שמאַלציקסטע ציקלעך; מיטן בויגן זיך
פּרוּוון, און צום מיאוסן געווערט־קאַמף מאַכן אַ סוף בחפזון!...״
געזאָגט; און צו פאַר אַלעמען איז וואוילגעפעלן דאָס גערייד פון
אַנטינאָיאָס! און באַלד טאַקע האָבן העראָלדן די הענט זיי מיט
וואַסער באַגאָסן, ביז איבער די ראַנדן האָבן — פון רעכטס אויף לינקס —
די שרי־המשקים געטון ווײַנען פאַר זיצערס פאַרטיילן, און
מיט ברכות האָבן זיי פאַרן טרונק זיך גענומען! — — — און נאָכדעם,
ווען דאָס
שיכּרות איז ביזן האַלז זיי דערגאַנגען, האָט דער כיטראַק אָדיסײאוס

צוגעשאַרט זיך בערמה און געטון זיך צעשאַלן:
„דאָס גערייד
פון מיינע לעפצן טוט איצט פאַרנעמען, איר שטאַרקע חתנים!
אַ יישר־כוח אייך, איר קלוגע האַרן, אייאורימאַכאָס און
אַנטינאיאָס, ווייל ווי חכמים און נבונים האָט געטון איר
צו וויסן, אַז מיטן בויגן זאָל מען מאָרגן אויף גאָט זיך פאַר״אָזן!...
יאָ, ערשט מאָרגן וועט זיכער אַ מאַנסביל אַרויס מיט נצחון!...
— — איצט אָבער, חברה! טוט מיר אַ טובה, און לאָזט מיך מיטן בויגן
פּרוּוון אַ ציל טון. זעט: לאָזט מיך אַ פּרווו טון מיין געוועזענעם כוח
און גבורה! אָבער ווער ווייסט, צי האָב איך מיין קראַפט נישט
פאַרלוירן, בעת מיין שיוערן און עלנטן בלאָנזשען אין מרחק!...‟
געזאָגט; און מחמת מורא, אַז דעם בעטלער וועט זיך איינגעבן צו
שפּאַנען דעם בויגן, — האָט אַ גרימצאָרן זייער האַרצן צעפלאַקערט.
און מיט אַ ברייליק כעס האָט אַנטינאָיאָס גענומען אים זידלען:
„אָך דו! דו נאַרישער שלעפער! צי ביסטו אויפן שכל געפאַלן?
מנוול! צי איז דיר נאָך קאַרג, וואָס דו זיצסט כסדר ביים עס־טיש
מיט פירשטן און שרים; וואָס מען טוט דיר אַ זאַכיק געפרעס פריער
פאַר אונז נאָך דערלאַנגען? און דער עיקרשט: דו הערסט איין זיך צום קלוגן
גערייד פון אַלע זיצערס ביים געטלעכן מאָלצייט? אָ, וואָסער
קבצן האָט נאָך אַזוי עולה־לגדולה געוועזן? זאָג נאָר:
אפשר האָסטו גאָר, אַ שוטה, איבערגעכאַפּט אינם וויין־כוס,
וואָס טוט מיט יעדן איבעריק זופּ אַלע מענטשן פאַרנעפּלען?
המ.. ווין!... ווין האָט אפילו דעם גרויסן אייאוריטיאָס פון דער
מדינה צענטיאורא פאַרשיכורט, בעת ער איז געוועזן
אין לאַפּיטען אויפן שלאָס פּיריטאָיאָס צו דער חופּה פאַרבעטן. —
אָ, צעטומלט האָט ער זיך אויף דער כלה געוואָרפן, אָבער באַלד
האָבן גבורים אָן רחמנות מיט אַ חלף פון רודע
מל געווען אים די נאָז און די אויערן, אַז מיט חרפּה און
בושה האָט דער שיכור אַהיימגעשלעפּט זיך צעמויקט!... און דערפאַר
טאַקע איז אויסגעבראָכן אַ רויטע מלחמה צווישן ביידע

מדינות, אָבער דער ערשטער קרבן געווען איז דער שיכּור! —
דערום טאָקע בין איך דיר איצט מתרה, דו אַלטע נבֿלה: קוים
וועסטו פֿרווון אַ נעם טון דעם בויגן, — ווײ: מער זאָל קיין נדבה
דיר אינם הויז דאָ נישט ווערן געגעבן; — ניין! נייערט אין דער
שוואַרצער שיף
וועל איך דיך קיין עפּיראָס, צום שרעקלעכן קיניג עכעטאָס
פֿאַרוואַרפֿן, פֿון וואַנען דו וועסט שוין מיט דיין בינטל ביינער נישט
באַוויזן אַנטלויפֿן! בכן: זיך רויִק ביים פּרעסן און טרינקען,
און זאָל דיך נישט גלוסטן אַ מחלוקה מיט יונגוואַרג!"
האָט אים אָבער
פּענעלאָפּייאַ געענטפֿערט:
„אומווירדיק דיין גערייד איז, אָ פּריינט
צנכינאָיאָס, ווייל נישט אַ זוי איז מען מכניס־אורח אַ גאַסט פֿון
ביין זון טעלעמאַכאָס! — איבעריקנס, דו גלייבסט טאַקע, אַז אויב אים
וועט זיך איינגעבן צו שפּאַנען דעם בויגן פֿון האַר אָדיסייאוס, —
וועל איך ווערן מרוצה מיט אים זיך אַנטשפּויזן, און ע ר וועט אין
זיין היימלאַנד מיך פֿירן?... גלייב מיר, אַז אפֿילו ער אַליין האָט נאָך
וועגן דעם קיין טראַכט נישט געגעבן. דערום, — נישט געזאָרגט, אַ
איר שטאָלצע
התנים: פּראַוועט אייער סעודה, ווייל דאָס וועט קיינמאָל געשען נישט!..."
האָט אָבער אייאורימאַכאָס בן פּאָליבאָס געענטפֿערט:
„אַ בת־איקאַריאָס — פּענעלאָפּייאַ, הויכגעאַכפּערטע מלכּה!
אַז ער וועט נישט ווערן דיין מאַנסביל, — דאָס ווייסן מיר אַלע... אָבער
וואָס וועלן זאָגן בייזע צינגער פֿון מאַנען און ווייבער? וואָרים
עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז אַכייאישע שונאים וועלן מיט די
פֿינגער דאָן טייטלען: „זעט, שוואַכינקע אַנביטער האָבן צוליב אַן
אשה פֿון אָדיסייאוסעס בויגן נישט באַוויזן צו ציִלן,
ביז אונטערגעקומען איז פֿון מרחקים אַן אָפּגעריסענער
שלעפּער, וואָס האָט מיטן פֿייל־און־בויגן אַלע צוועלף אָקסן צעלעכערט!
— — אָ! כּו, אַזאַ מין גערייד וואָלטן מיר דאָך פֿאַר חרפּה געשטאָרבן!..."
האָט אָבער די קלוגע פּענעלאָפּייאַ דערויף אים געענטפֿערט:
„אייאורימאַכאָס! סיי ווי איז דאָס אַ חרפּה פֿאַר לייטן, ווייל אַן

רחמנות ראַבירט איר מיין היכל. היינט פרעגט זיך: צי וועגט דען אַ יי ן
בושה איבער די צ וו יי ט ע? און ווייטער: זיין הדרת-פנים און זיין
תואר-המלכות דערציילט פון אַזוי פיל געוועזענער קראַפט און
גבורה. און ער איז דאָך בלויז, – ווי ער זאָגט – מזרע המלך!
דעריבער: נעמט תיכף און דערלאַנגט אים דעם בויגן, – און הערט מיט
וואָס איך טו אייך באַשווערן, און ווערן וועט מיין נדר מ ק י ם:
אויב פויבאָס-אַפּאָלאָן וועט שענקען אַ גליקלעכן טראַף אין די הענט
פונם פרעמדן, – סאָ וועל איך אים מיט טייערע קליידער באַשענקען און
אַ שניידיקע שווערד – אַ סטראַשידלע פאַר מענטשן און כלבים! –
און חוץ דער
שווערד וועל איך אים אויך געבן אַ פיקע מיט שיינע סאַנדאַלן, און
זאָגן: גאַסט מיינער! גיי זיך וואוהין דיין האַרץ טוט נייערט צו גלוסטן!"
איז אָבער טעלעמאַכאָס אַריין אינם גערייד פון דער מלכה:
„מאַמע! חוץ מ י ר האָט קיין שום אַכייער אויפן בויגן קיין רשות נישט!
א י ך בין זיין יורש! און וועמען א י ך וועל באַפעלן, ד ע ר
וועט מיט אים
צילן! אָ, חוץ מיר זאָל קיינער נישט האָבן די העזה צום בויגן
אַ ריר זיך צו געבן. נישט קיין שום איטאַקאַנער און אויך קיינער
פון די אַרומיקע, גרין-גראָזיקע, עלידישע אינזלען!! און
וואָס וואָלט דען זיין, אויב איך זאָל למשל מיין אורח מיטן דאָזיקן
בויגן באַשענקען?... – דו אָבער, מאַמע, – גענען אין דיין קאַמער; טו
שפינען און וועבן, און באַלעבאַטעווע אַרום דיינע מיידלעך.
דעם בויגן ווידער, – לאָז איבער פאַר גברים, און דער עיקרשט –
פאַר מ י ר.
ווייל נייערט מ יי ן איז דער היכל און א י ך בין זיין איינציקער יורש!"
און נבהל-ונשתומם איז פון זיין מוטיק גערייד געוואָרן
די מוטער, און תיכף אַרויפצו, אין איר שלאָף-שטוב, בתמימות
גענידערט. און געווען איז, ווען זי מיט די מיידלעך האָבן זיך אין
איר שלאָף-שטוב געפעדערט, האָט ווידער גענומען זי וויינען, ביז
אַטענע האָט מיט אַ זיסן געדרימל געטון זי פאַרוויגן!
און נון האָט אייאומייאָס אונטערגעשאַרט זיך מיטן בויגן צו מיין
האַר און געביטער און געוואָלט אים דערלאַנגען צום קיניג. איז

אָבער תּיכּף געוואָרן אַ שווערע מרידה אין היכל, — אַזש
כּפי ערך אַזוי האָט אַ חתן צו אַ חתן צעשאַלט זיך:
„האַ ? ! ווּעמען טוכּטוּ דעם בויגן דערלאַנגען, דו ווילד-משוגענער
פּאַסטוך ? וואַרט ! אויב מיר וועלן, בעזרת אַפּאָלאָן, אַרויס מיט
נצחון, — אָ, צום געפרעס פון בייזע כּלבים, וואָס דו פּאַשעסט אויף
פעלדער מיט דיינע חזירים, וועלן דיינע ביינער מיר וואַרפן !"
געזאָגט ; און פּאַר שרעק האָט אַרויסגעגליטשט זיך דער בויגן אויס דער האַנט
פונם פּאַסטוך. אָבער באַלד האָט טעלעמאַכאָס גענומען אים זידלען :
„טאַטענקע ! גיב דרייסט אים דעם בויגן. לאַך זיך אויס פון דער ווילדער
חבריא ! זוסט, וועל איך דיך מיט שטיינער איבער ווייטע פעלדער
פאַרוואַרפן ! אָ, הגם איך בין פּאַר אַלעמען יינגער, איז אָבער
מיין כּוח און גבורה ווייט, ווייט זיך צעוואַקסן ! און אויב עמעץ
וועט האָבן די חוצפּה ביי מיר דאָ אין היכל צו שאַלטן און
וואַלטן, — ווי ! מיטן גאַנצן כּוח פון מיין ברוסט און מוסקולן וועל איך
זיי פונדאַנען פאַרווייזן. ווייל אַלץ איז דעם היכל מחלל !"
געזאָגט ; און אַ שאַליק געלעכטער האָט זיין ווילדער געביייזער
אַרויסגערופן אויף לעפצן פון שונאים, אַז מרוצה זענען
צו אַלץ זיי געוואָרן ! — און נון האָט תּיכּף דער פּאַסטוך געטון דעם
בויגן צום בעל-מלחמה אָדיסייאוס דערלאַנגען ; און אַ רוף
געטון די שומרת אייאוריקלייאַ, און שטיל איר באַפוילן :
„אייאוריקלייאַ ! ס'איז דער ווילן פון אונזער האַר טעלעמאַכאָס,
אַז איר, באַדינערקעס, זאָלט תּיכּף אַלע טויערן פון דרויסן
פאַרריגלען. און אויב צו אייער אויער וועט דערגרייכן אַ כאָרכלען
מיט אַ ברומיק געשריי פון געשאָכטענע מאַנען, — זאָלט איר אויך נישט
אַנטלויפן, — נייערס זיצן זיך שטיל ביי אייער שטובּיקער אַרבעט !"
געזאָגט ; און במקום תּשובה, איז זי תּיכּף געפלויגן און פאַרמאַכט
און פאַרריגלט אַלע טירן און פליגלען פונם הייליקן היכל.
דערויף האָט אויך פילויטיאָס אַרויסגעשאַרט זיך בשתיקה פון
היכל און פאַרהאַקט אונטער פרענטעס דעם שער-המלך. און הינטער
דער האַנט איז אַ מצכטבוים פון ביבלאָס אים אונטערגעקומען, — מיט וואָס

ער האָט תיכּף אונטערגעפּאַרט דאָרט די פליגלען. און — ווי גאַרי
נישט, איז
ער ווידער צוריק אינם היכל: אויף זיין טראָן-שטול געזעצט זיך און זיך
איינגעבוּכן אינם בליק פונם קיניג. אָדיסייאוס אָבער האָט דעם
בויגן געדרייט שוין אַהין און אַהער און חוקר-ודורש
געווען אים, צי ער איז נישט געוואָרן פאַר דער צייט שוין פון ווערעם
צעטאָכשעט. און אַזוי האָבן צווישן זיך חתנים געטענהט:
„זעט, זעט! נישט קיין פּשוטער מבין מוז זיין דער כיטראַק אויף פיילן
און בויגנס!... ווייזט אויס, אַז אין זיין היימלאַנד איז אים נישט
פרעמד דאָס ציילן
פון סטרונעס. און אפשר גאָר דרייט ער אים אייגנס אַהין און אַהער,
בכדי צו מאַכן אַן אָנשטעל פאַר לייטן?! איר קענט דען די חברה?!"
און ווידער האָט אַ כּעסיקער יאָלד גענומען טרייבן לצנות:
„הלוואַי זאָל אַלץ אין לעבן אַזוי זיך איינגעבן דעם עלנטן
גייער, ווי עס וועט זיך אים איינגעבן דאָס ציילן פון בויגן!..."
אַזוי געשפּעט האָבן שונאים. דערווייל אָבער האָט דעם בויגן
אויסגעפּרוּווט אָדיסייאוס, און געדרייט און געטאַפּט אים מיט חכמה.
און ווי אַ גרויסער מנגן, וואָס טוט מיט לייכטן געפּלאַטער
אויסשפּאַנען די סטרונעס אַרום דער צעזונגענער האַרפע און
פאַרקניפּט זיי אָן מי און אָן אַנגסטן, — אָט אַזוי האָט אָדיסייאוס
אָן מי און אָן אַנגסטן געטון פאַרציִען דעם ביינערנעם בויגן...
און נון האָט אויסגעצויגן די האַנט ער צום שפּאַנען... צעררר, —
און גלייך ווי
אַ שוואַלבן-געפּלאַטער האָט די שנור זיך אין בויגן צעקלונגען!...
און נון האָט אַ בלייכקייט פון מתים אַלע פּרצופים פון שונאים
פאַרוואָלקנט. און מיט אַ בליציקן דונער האָט דזעאוס דעם הימל
— פאַר אַ צייכן צעפּלאַקערט... און מלא-שמחה איז געוואָרן דער
קיניג, וואָס דער שרעקלעכער קראָנאָס האָט אים באַוויזן אַ מופת!
...און אַריינגעדרייט האָט ער אַ באַפליגלטע פייל אינם בויגן,
אַ פייל, וואָס איז אויפן טיש גראָד געלעגן. (הגם אין דער פייל-טאָרבע
זענען אַ סך נאָך געווען, און געוואַרט אויפן שפּיל מיט אַכייער!...)
און נאָכדעם, ווי ער האָט אַזוי מסובין אָנגעצוינן די פייל

אינם בויגן, — האָט ער תיכּף מיט אַ ציל זיך פאַרמאָסטן: ק׳אַר, — און
אַ גליקלעכער טראַף האָט די אויגן פון אַלע צוועלף טאָפּעריסקעס
איינע הינטער דער צווייטער צעלעכערט: אַז אַרויס איז די פייל פון
דער לעצטער!... - — —

און צו טעלעמאַכאָסן האָט געזאָגט אָדיסייאוס:
„נו? האָסט אפשר איינגענומען בושות פון דיין גאַסט, - טעלעמאַכאָס?
זע: געפלויגן דער טראַף איז אין ציל, און לייכט און שפּילעוודיק האָב
געשפּאַנט איך דעם בויגן. היינט, פאַרוואָס-זשע טרייבן לצנות די
ווילדע חתנים איבער מיינע אַלטע, פאַרלאָזענע כּוחות? — —
און איצט: ביז ווייסן טאָג לאָמיר פראַווען אַ סעודה לכּבוד
חתנים, און מיט תענוגים פון זמירות און האַרפן-נגינות
וועלן מיר דעם שפּייז-טיש פון לצנים דערקוויקן...״
געזאָגט; און אויף
זיין וואונק האָט תיכּף טעלעמאַכאָס בן אָדיסייאוס די שאַרפע
שווערד אויפן אַקסל פאַרוואָרפן: איינגעקלאַמט זיין האַנט אין
דער פּיקע;
און אַ באַוואָפנטער מיט שאַרפן כּלי-זין, — פון אייזן און
רודע — האָט ער תיכּף אַוועקגעשטעלט זיך פאַר דער טראָן-שטול
פון פאָטער!

# דאָס צווייאונצוואַנציקסטע געזאַנג

ש ח י ט ה

אוּן נוּן האָט אויף זיך דער האַר אָדיסייאוס צעפליקט אוּן צעריסן
די בעטלער-געוואַנדן אוּן מיט פייל-בײַטל אוּן בויגן געגעבן
במהירות אַ שפּרונג אַרויף אויף דער שוועל פוּנם היכל: אויסגעמישט
אוּ.טער
זיך די גלאַנציקע פיילן, אוּן אַזוי פאַר חתנים צעשאַלט זיך:
„זעט: אָז אַ מכשול איז אַריבער מײַן ציל-טראַף בשלום! — אוּן איצט
וועל איך זיך אויף אַ פינטל פאַרמעסטן, וואָס קיינער האָט אַהינצו
נאָך קיינמאָל געטראָפן... אָ, הלוואי זאָל מיר נאָר בײַשטיין אַפּאָלאָן!"
געזאָגט; אוּן מיט דער אויסגעשפּאַנטער פייל: אַ ציל אוּן אַ
טראַף, אַז באַלד האָט
אַנטינאָיאָס אויסגעשטרעקט זיך אַ הרוג!... ווײַל געווען איז אַזוי:
גראָד האָט ער בײַם עס-טיש אַ צוויי-גערינגלטן, גינגילדענעם
וויין-כוס צוּ די ליפּן דערהויבן, אוּן אים האָט זיך אפילו פוּן
טויט נישט געחלומט. — וואָרים ווער זאָל זיך דען ריכטן, אַז דעם
גרעסטן
העלד אַנטינאָיאָס, דעם שטאַרקסטן גבור פוּן אַלע חתנים, — זאָל
ווער האָבן דעם מוט מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט צוּ פאַרלענדן? — —
אָדיסייאוס אָבער האָט מיטן ציל אים גלײַך אינם גאָרגל געטראָפן,
אַז אויף יענער זײַט קאַרק איז אַרויסגעשפּרונגען דער פאַרבלוטיקטער
פייל-שפּיץ! אוּן אַ פאַל האָט געטוּן ער אויף ערדן, אוּן פאַלנדיק, האָט
זיך דער וויין-כוס אַרויסגעגליטשט אויס דער האַנט פוּנם הרוג...
אוּן אַ בלוט-שטראָם
אַ שוואַרצער האָט פוּן נאָזדרע גענומען אים טריפן, אוּן מיט גסיסה-
בעצאַפּל האָט ער אָנעם איבערגעקערטן טיש זיך געקלאַמערט, אוּן

מיט פֿאַרגליווערטע בלוטן איינגעריכט די צעוואַלגערטע ברויטן
און פֿלייש! – – אין געווען איז, אַז דאָס אויג פֿון חתנים דערזען האָט
דעם קרבן, איז פּלוצלינג אַ בהלה אינם היכל געוואָרן. מיט
שווער? געיאָמער זענען זיי פֿון טיש זיך צעלאָפֿן: געזוכט און
גענישטערט אויף ווענט און אויף ווינקלען... אָבער אומזיסט: קיין
שפּיז און קיין
שילד איז אין היכל געווען נישט! – – –
און נון האָבן זיי זיך צערעוועט:
„שאַלקהאַפֿטיקער קבצן! אויסמעקעבען וועסטו דיין ציל־טראַף, הגם
די הריגה געווען איז בשוגג ווײ! דעם איידלסטן בחור
פֿון אַלע אַכייער האָסטו געטון אונז פֿאַרציקן. אָבער, – וואַרט!
פֿאַר דער גרויסער עבֿירה וועלן גייער צעפּיקן דיין נפֿש!"
אָט אַזוי האָט געמוסרט די צעיושעטע חבֿרה, ווייל געמיינט
האָבן אַלע, אַז ער האָט אים בשגגה דערשלאָגן!... און זעט: נישט
געוואוסט האָבן אפֿילו די גרויסע נאַראָנים, אַז דער גורל
פֿון טויט האָט צו זיי זיך דערנענטערט! – און מיט צעווילדעווען פּעס
האָט געטון בן־לאַערטעס צו פֿאַר זיי זיך דערקענען:
„העי!!! איר האָט
געמיינט, איר הינטישע בלוטן, אַז שוין נימער־מער וועל איך זיך פֿון
טראָיע אַהערצו באַווייזן? און דעריבער האָט געטון איר מיין
היכל ראַבירן; די מיידן באַשלאָפֿן, און דערצו נאָך – ביי מיין
לעבן – צו מיין ווייב זיך געשוכנט??! אָ! צי האָט איר קיין גאָט
נישט אין
האַרצן, און צי האָט זיך אייער בושה פֿון לייטן דערווייטערט? – איצט
אָבער – ווײ! די שוואַרצע פֿליגלען פֿון טויט גורט, אָן זיך, די
פֿליגלען!!..."
געזאָגט; און ווי מתים זענען אַלעמענס הערצער געוואָרן
פֿאַרשטיינערט, און אַ מקום־מקלט האָבן געזוכט זיי, – פֿונם טויט זיך
באַהאַלטן!... און רק אייאורימאַכאָס האָט מיט חניפֿה געבעטן:
„אויב דו ביסט אָדיסייאוס און האָסט באמת אומגעקערט זיך אין
איטאַקאַ צו שאַלטן, – טאָ איז רעכט אונז דיינע האַרבע משפּטים! –
פֿאַרוואָר: אומווערדיקע מעשים האָבן אַכייער אויפֿן הויף און אין

היכל געטריבן. אָבער זע: אָט ליגט שוין דער שרעקלעכער בוגד
אַנטינאָיאָס אין צעמזיקטער מיתה, ווייל אַלץ האָט געטון ער
במזיד!... הער: נישט נייערט דיין היכל האָט געטון ער ראַבירו;
און נישט נייערט דיין אשה געווען איז ער אויסן, – רק אויף עפּעס
אַ נ ד ע ר ש  האָט ער דאָ אינם היכל געלאָקערט!... אָ, אָנעם באַשטאַנד
פונם
אַלמעכטיקן קראָניאָן האָט געוואָלט ער דיין גרויסע מלוכה
פאַרכאַפּן, און בערמה פאַרלענדן דיין זון טעלעמאַכאָס! – –
און נון האָסטו געטון אים באַשטראָפן! דערום, אָ דו אַלמעכטיקער
האַר: טו גנאָד צו דיינע עבדים, און מיר וועלן אויסלייזן
דאָס פרעסן און זויפן, וואָס אַלע האָבן אין היכל געטון דאָ
ראַבירו! – באפריי אונז! ! און הענדעם־פענ‎ ם וועט יעדערער דתן
צו צוואַנציק רינדער דיר ברענגען; רודע און גינג ד׳, – אַבי דיין האַרץ,
אָ אַלמעכטיקער קיניג, זאָל פון גרימצאָרן ווערן געזאַטיקט!...“
אָבער מלא־חמה האָט אָדיסייאוס ווילד זיך צעשריגן:
„ניין! אָ ניין, אייאורימאַכאָס! אפילו ווען איר זענט זיך מיט דער
גאַנצער ירושה פון אייערע אבות כּשחד, און איר זענט
מיר אפילו מוסיף כּפליים, – טאָ וועט זיך בשום־אופן מיין
כּעס און מיין צאָרן נישט קילן, ביז איך וועל נישט אַלע התנים
פאַרציקן!... און איצט: אָ, לאָזן ביידע צדדים מיט כּוחות זיך
פּרוּוון. און אויב איר קענט, – טאָ פּרוּווט אייך אַנטרינען!... איך
אָבער בין שטאַרק
איצט מסופק, צי עמעץ וועט פון ק ע ר ע ן באַווייזן אַנטלויפן!“
גערזאָגט; און אונטערגעבראָכן האָט זיך זייער האַרץ און די קניען.
און ווידער האָט האָפּערדיק אייאורימאַכאָס פאַר דער אסיפה
צעשאַלט זיך:
„חברים! כּל־זמן דאָסדאָזיקע מענטשל וועט שטיין אויף דער
שוועל פון אַרויסגאַנג און זיין פייל־און־בויגן וועט בלאַנקען ביים צילן, –
טאָ וועט ער אונז אַלע פאַרלענדן! לכן, גרייט אייך, אָ ליבע
חברים, צום בלוטיקן קאַמף־שפּיל! אַרויס מיט די שווערדן!!! און ביז
ער וועט אויסנוצן אַלע פיילן ביים בויגן, וועלן מיר אונטער
די טישן דערווייל זיך באַשיצן! דערנאָך וועלן מיר מיט ווילדן

געשטורעם פונם ברייטן אַרויסגאַנג טון אים פאַרטרייבן; אויפקאָכן
אין שטאָט אַ גרויסע מרידה, אַז ווערן אַ מהומה וועט אין
דער גאַנצער מדינה!... און אומבאַהאָלפן וועט זיין דער מנוול,
ווייל איידער וואָס, איידער ווען יועט די לעצטע פייל ער פאַרנוצן!"
געזאָגט; און כהרף-עין האָט ער אַרויסגעריסן זיין
שאַרפע, צוויי-שאַרפיקע שווערד, און ווילד-צעבליט ווי אַ חיה, האָט ער
איפן מלך געפרווט זיך צו וואַרפן. אָבער באיתו-הרגע
האָט אַ ציק געטון אַדיסייאוסעס אַ פייל פון זיין בויגן, אַז דער טראַף
איז פונם בוזעם אַריין אין דער לעבער און צעוואַליעט דעם גוסס
אויף ערדן!... און אַרויסגעגליטשט האָט זיך די שווערד אויס דער
האַנט פונם
שונא: געכאָרכלט און געריטשעט האָט פון אַנגסטן דער גוסס, אַזש
פונם וויסטן געקנאָדער האָט איבערגעקערט זיך זיין טישל מיט שפייז
און מיט וויינען. און געקאַטשעט פון יסורים, – האָט זיין שטערן אָן
דער ערד זיך געשלאָגן, און מיט צאַפּלדיקע פיס האָט אַ שטויס
געטון ער זיין טראָן-שטול, ביז דער חושך האָט פאַרלאָשן זיין לעבן! –
דערויף האָט מיט דער בלאַנקער שווערד אַמפינאָמאָס געפרווט
דעם קיניג פונם
אַרויסגאַנג פאַרטרייבן. איז אָבער טעלעמאַכאָס מיט אַ שפרונג אים
אונטערגעקומען פון הינטן: אַריינגעזעצט אים די פיקע אין
פלייצע, אַז דורכן צעלעכערטן האַרץ איז זי אַרויס אַזש צעבלוטיקט,
און מיטן טויט-פראַל האָט דער פיינט אַנגעשלאָגן דעם קאָפּ אָן דער ערד!...
און גיך, גיך איז צום בר-מנן אונטערגעשפרונגען דעם יונגער העלד
טעלעמאַכאָס און אַרויסגעריסן די צעבלוטיקטע פיקע
אויס די צעלעכערטע ביינער, בכדי אַן אכייער זאָל
דערווײלע מיט זיין אייגענער פיקע נישט טון אים דערשלאָגן!...
און ווי אַ ווינט האָט ער איליק געטון אַ שפרונג-אויף צו זיין
פאָטער,
דעם קיניג, און נאָענט, נאָענט פאַר דער שוועל האָט ער באַגליגלט
געטענהט:
„טאַטע! כ'וויל איצט אַ לויף טון דיר ברענגען צוויי שפּיזן, אַ באַשיצער
און אַן אייזערנעם קיווער, וואָס וועט דיר די שלייפן באַהאַלטן. אויך איך

וועל דערוווילע מיט אַ פֿאַנצער און כּלים אָנגורטן די לענדן
און רופֿן צום קאַמף די פֿריינט אייאומייאָס און פֿילויטאָס, ווייל
באַוואָפֿנט און אינאיינעם קעמפֿט זיך גאָר אַגדערש!..."
האָט אָדיסייאוס
דערויף אים געענטפֿערט:
„לויף גיכער און ברענג זיי אַהערצו. ווייל קוים
בלייב איך אַליין אָן די פֿיילן, — וועלן זיי פֿון דער שוועל מיך
פֿאַרטרייבן!"
געזאָגט; און אין פֿלוג האָט טעלעמאַכאָס געטון אים געהאָרכן. און
צו די קאַמערן פֿונם שאַרפֿן כּלי־זין האָבן זיינע פֿיס־טריט
גענידערט, און פֿון דאָרט אויסדערווײלט זיך פֿיר שילדן־באַשיצערס, אַכט
גלאַנציקע שפּיזן און פֿיר אייזערנע העלמען, — פֿאַרפּוצטע מיט
פֿערדישע ווײדלען. — אויסדערווײלט זיך, און אַלץ געבראַכט פֿאַרן קיניג!
און נון האָט ער זיך אַליין מיט די וואָפֿן פֿאַרפּאַנצערט. און דערנאָך
האָבן אויך בײדע פּאַסטוכער געטון זיך באַוואָפֿענען, און אַלע דריי
האָבן תּיכף אַוועקגעשטעלט זיך פֿאַרן גרויסן האַר אָדיסייאוס. — —
אָדיסייאוס אָבער, — כּל־זמן די פֿײלן האָבן אים געטון נישט
פֿאַרפֿעלן, האָט ער אײנציקווײז זיינע שונאים מיט פֿײל־און־בויגן
געמזיקט, אַז חמרימווײז זענען אײנער אויפֿן צווייטן די מתים
געלעגן!... אָבער געווען איז, ווען מיטן לעצטן ציל־טראַף האָבן שוין
פֿײלן געטון אים פֿאַרפֿעלן, האָט ער אַקעגן די פֿליגלען פֿון
ברייטן אַרײַנגאַנג, ביי אַ פֿרעכטיקער וואַנט פֿונם היכל, אָנגעשפּאַרט
דאָרט דעם בויגן. און אײליק האָט ער זיך די אַקסלען מיט טאַצן אויף
פֿירערליי פֿעלן פֿאַרפּאַנצערט; אַרויפֿגעיואָרען אויפֿן קאָפּ דעם
אײזערנעם העלם, — וועמעס פֿערדישע גריווע האָט ווי אַ סטראַשידלע
געשראָקן; און אײנגעקלאַמערט אין דלאָניע די גלאַנציקע שפּיזן.
איז מן־הצד פֿון אַ פֿרעכטיקער היכלישער וואַנט טרעפּ אַראָפּ
געווען אַ טירל, וועמעס פּרוזדור געפֿירט האָט אַראָפּצו צום
דרויסן, וואָס זיין טיר איבער געלענדער געווען איז פֿאַרהאַמערט.
און אָט אויף יענעם שמאָלן אַרײַנגאַנג האָט אויפֿן באַפֿעל פֿונם
קיניג
אַוועקגעשטעלט זיך פֿאַר אַ שומר דער פּאַסטוך אײאומייאָס!...

דעם עולם אָבער האָט אַגעלאַיאָס געעצהט:
„חברה! ווער פון
אײַך וואָלט זיך פונם פאַרהאַמערטן טירל איבערן הויכן געלענדער
אַרויסגעריסן אויף גאַסן, בכדי אינם לאַנד אויפצוהייבן
אַ מרידה? — אָ, בינו־לבינו וועט ער דאָך אַלע פיילן
פאַרנוצן!"
האָט אים מעלאַנטייאָס געענטפערט:
„ניין, אַגעלאַיאָס!
נאָענט, זייער נאָענט איז דאָס טירל צום דרויסן, און שמאָל, זייער
שמאָל איז
דער געלענדער אין פּרוזדור, אַז איין איינציקער העלד זאָל אים קאָנען
באַשיצן! איך אָבער ראַט אײַך: אָט וועל איך אַ לויף טון כלי־זין
פון דער קאַמער אײַך ברענגען, ווײַל מיר דאַכט זיך, אַז נייערט
דאָרט אויבן
אין קאַמער האָט אָדיסייאוס מיטן יאַטל די וואָפן באַהאַלט!"
געזאָגט; און נון האָט מעלאַנטייאָס גויכן אייבערשטן גאָרן
צו די
כלי־זין גענידערט: אויסדערווײַלט זיך צוועלף שילדן און פּיקעס
און צוועלף אײַזערנע קיווערס, פאַרפּוצטע מיט פערדישן ווײַדלען.
— אויסדערווײַלט זיך; און מיט די באַוואָפנטע כלים האָט ער אײַליק
צוריק זיך פאַר דער חברה חתנים באַוויזן! — — און געווען איז,
ווען אָדיסייאוס דערזען האָט, אַז די שונאים וואַרפן אַרײַן זיך
אין די פאַנצערס און וואָפן, — האָט אַ ציטער געטון אים דאָס האַרץ און
די קניען, ווײַל אַ שווערע מלחמה וועט ער מוזן איצט בײַשטיין!
און אַ דערשראָקענער האָט געזאָגט ער צו זײַן זון טעלעמאַכאָס:
„ווי מיר, ווי מיר, אָ זון טעלעמאַכאָס! ווײַזט אויס, אַז אַ שפחה האָט
געטון אונז פאַרראַטן. און אפשר גאָר מעלאַנטייאָס, דער בוגד?"
אָבער מיט אַ ישוב־הדעת האָט אים טעלעמאַכאָס געענטפערט:
„טאַטעניקע! ניין! נישט קיין בוגדים, נייערט איך אַליין האָב די טיר
פון דער קאַמער פאַרגעסן פאַרריגלען, און דערויף האָט אַוודאי
אַ כיטרער מרגל געלאָקערט! — דו אָבער, אייאומייאָס, לויף
גיכער פאַריגלען די פורטקע פון קאַמער, און טו אגב אַכטונג,

צי האָט בוגד געווען אונז אַ דינסטמייד, צי גאָר מעלאַנטייאָס בן
דאָליאָס!
אָבער געווען איז בעת זיי האָבן אַזוי אַלע
געטענהט, — האָט זיך ווידער מעלאַנטייאָס אויפן גאָרן געזעדערט,
בכדי אַראָפּצוברענגען פאַר חברים די שאַרפע כלי-זין...
אָבער אַז ביים קלויבן די וואָפן האָט געכאַפּט אים דער פּאַסטוך, — אין
באַלד ער צום מלך געפלויגן און אויפן אויער שטיל אים געשעפּטשעט:
„אַ גרויסער האַר אַדיסייאוס ממלכות בית לאַערטעס! זע: אָט
קריכט ער שוין ווידער, דער שרעקלעכער בוגד, אַרויף צו דער קאַמער!
דעריבער באַפעל מיר, אַ ליכטיקער האַר און געביטער: צי זאָל
איך אליין אים דאָרט אויבן אין קאַמער אויף שטיקער צעשניידן? צי
גאָר אים ברענגען אהערצו, — אַז דו אַליין זאָלסט מיט שווערן כעס און
נקמה נוקם זיין זיך אינם לעבן פון דעם בייזן מנוול?"
האָט אָבער דער מעכטיקער בן-לאַערטעס דערויף אים געענטפערט:
„הער: איך מיט מיין זון טעלעמאַכאָס וועלן אינצווייען דאָ בלייבן.
און הגם שווער וועט זיין די מלחמה, — וועלן מיר בייקומען דעם
פאַרביסענעם שונא! איר אָבער: דו און פילויטאָס, זאָלן
אין דער פאַרשלאָסענער קאַמער ביידע הענט און פיס אים אויף הינטן
אויפן רוקן פאַרפּענטען און דערויף מיט שטאַרקע פּרענטעס זיין בינטל
ביינער פאַרקניפּ, און ווי אַ טלומיק אים אַרויפציען אויפן
אייבערשטן באַלקן, בכדי אין שווערע יסורים זאָל אויסגיין
פאַמעלעך דער גוסס!"
געזאָגט; און תיכּף האָבן זיך ביידע אויפן
אייבערשטן גאָרן געפעדערט, וואו מעלאַנטייאָס בן דאָליאָס
האָט אין אַ ווינקל צווישן שאַרפע וואָפן און פּאַנצער'ס גענישטערט.
און נון האָבן ביידע אויף זייער קרבן געהויערט... און געווען
איז, ווען דער ציקעלע-פּאַסטוך מעלאַנטייאָס האָט אַזוי אויף דער שוועל
זיך באַוויזן, (האַלטנדיק אין איין האַנט אַ טייערן העלם און אין
דער צווייטער אַן אַלטן, פאַרזשאַווערטן שילדן-באַשיצער, וועלכן
לאַערטעס האָט אַמאָל נאָך אַלס בחור געטראָגן; נאָר איצט האָט ער
זיך אַ פאַרשימלטער, מיט צעטרענטע נענט אין קאַמער געוואַלגערט),
האָבן ביידע מחבלים געגעבן אַ כאַפּ אים און פאַר דער

צעשויבערטער קודלע צערייגעשלעפּט אים צוריק אין דער קאַמער,
אַז מיט אַ שנײדיק געיאָמער האָט ער אויסגעשטרעקט זיך אויף ערדן.
...און תּיכּף האָבן זיי מיט שטאַרקע פּרענטעס בײדע הענט און פיס אים
פון הינטן אויפן רוקן פאַרפענטעט, און דערויף מיט שטאַרקע שטריק זײַן
בײַטל בײַנער פּאַרקניפּט ווי אַ טלומיק, און אַרויפגעצויגן דעם
נפש פון גוכסדיקן שונא הויך, הויך אויפן אײבערשטן באַלקן! —
און נין האָסטו מיט שנה, אַ פּאַסטוך אײאומײאָס געחוזקט:
„שלאָף זיך געשמאַק אויף דײַן ווײך געלעגער, אַ פרײַנט מעלאַנטיאָס!...
ווײל מאָרגן כּאור, ווען פון אוקינוס־טיפקײט וועט איבערייעקן
זין עאָס, די טאָכטער פון קלאָרן באַגינען, — וועסטו מוזן זיך
אַלײן אַ כּמעט מיט שמאַלציקסטע ציקלעך צו טרײַבן אַהערצו,
בכדי צו נצוקאָרמען אין היכל דײַנע ליבע חתנים!..."
אָט אַזוי איז ער געבליבן הענגען אין שווערע יסורים. און
דערווײַל האָבן זיך בײדע באַוואָפנט מיט שאַרפן כּלי־זין, און
נאָכן פאַרריגלען די טיר פון דער קאַמער, — האָבן זיי אײליק גענענט
צום האַר אָדיסײאוס.
— — נון זענען די גבורי־מלחמה אין
צווײ מחנות געווען: פיר אַקעגן אַ גרויסער חבריא! — — און
נון האָט זיך פלוצלינג דזעאוסעס בלוי אויגיקע טאָכטער אַטענע,
בצורת מענטאָר, צו פאַר זיי זיך באַוויזן. און אויסגעשפּרייט די
הענט האָט צו דער געטין דער קעניג, און זי בלחש געבעטן:
„שטײ מיר בײַ און באַשיץ מיך, אָ מענטאָר, — בזכות מײַנע זכיות
און אונזערע אײגענע יאָרן! העלף מיר, דײַן פרײַנט, בעת צרה!"
אַזאַ געווען איז זײַן תּפילה; ווײַל אין א י ם האָט חושד געווען ער
אַטענען!... די חתנים אָבער האָבן ווילד און משונה
צעברומט זיך. און דער כעסן אַגעלאַיאָס גענומען האָט סטראַשען:
„אָ מענטאָר! לאָז זיך נישט אײַנרעדן פון אָדיסײאוס דעם שוטה,
אַז דײַן שווערד זאָלסטו אויסשטרעקן אויפן האַלז פון חתנים! הער: מיר
שווערן, און זיכער וועט אונזער נדר ווערן מקוים: אויב אונז
וועט זיך אײַנגעבן דעם פאָטער מיטן יורש פאַרציקן, — וועלן מיר
אויך אָן דיר נישט פאַרגעסן... ווײל קוים וועסטו פּרווון אונזער שונא
באַשיצן, וועסטו דאָס בעסער מיטן אײגענעם קאָפּ אונז באַצאָלן!...

ווייל נאָכדעם, ווען אונזער שיוערר וועט אַלעמען האָבן פּאַרציקט שוין, —
וועלן מיר ד יי ן האָב-און-גאָב און ד יי ן היים, אינאיינעם
מיטן האָב-און-גוטס
און מיטן היכל פונם שר אַדיסייאוס טון זיך פאַרטיילן. און
אויסגעשאָכטן וועלן דאָרט ווערן דיינע זין און די טעכטער, און
אפילו דיין אייגענע אשה וועלן טון מיר פון איטאַקאַ
פאַרטרייבן !...״
געזאָגט ; און נאָך כעסיקער איז געוואָרן די געטין,
אַז מיט גאַליקע ווערטער האָט זי געשטראָפט דער האר אַדיסייאוס :
„אַדיסייאוס ! וואו איז דיין קראַפט און דיין שטאַרקייט ? וואו איז
דיין מוט און
דיין דרייסטקייט ?! דו, דו, דער גבור-מלחמה, וואָס צוליב דער שיינער
העלענע האָסטו ניין יאָרן כסדר מלחמה געהאַלטן
אַקעגן די ווילדע טראָיאַנער און אומגעבראַכט זיי אָן צאָל און
אָן ערך ! ד ו, דו, וואָס האָסט בערמה באַוויזן אפילו די
פעסטונג פון פּריאַמאָס צעשטערן, — שרעקסט זיך אַצינדער אין דיין
א יי ג ע נ ע ר היים פאַר אַ נישטיקן קאַמף-שפּיל מיט ווילדע חתנים ?! —
ובכן, קום נענטער, אָ קינד מיינס, און זע מיט דיינע אייגענע
אויגן, מיט וואָסערע מעשים איך, דיין פריינט מענטאָר בן אַלקימאָס,
וועל צו פאַר דיינע שרעקלעכע שונאים איצט אָפּטון אַ שפּיצל !״
אַזוי געשטראָפט האָט די געטין ; אָבער צוגעזאָגט האָט זי נאָך ווייט
נישט זיין גרויסן נצחון, ווייל אויסגעפּרוווט האָט זי די מוטיקע
קראַפט און גבורה פון אַדיסייאוס און זיין זון טעלעמאַכאָס !
...און מיטאַמאָל איז צו נישט זי געוואָרן. — נאָר פלוצלינג איז
אַ שוואַלב
פון דער געטין געוואָרן ; אַ שוואַלב, וואָס איז זיך געזעסן אין רויך.
פונם קוימען.
און ווידער האָט אַגעלייאָס צערייצט די חתנים.
און אויפגעקאָכט די בלוטן פון דעמאָפטאָלעמאָס, אַמפימעדאָן ;
פון פאָליבאָס, פייזאַנדראָס און פונם באַהאַרצטן אייאורינאָמאָס.
אָט ז יי זענען דאָס געוועזן די שטאַרקסטע פון אַלע חתנים,
וואָס האָבן ביז איצטער געקעמפט און געשפּילט, ביזן בלוט, פאַרן לעבן ;

(ווייל זייערע חברים האָבן שיוערדן און פיילן געטון שוין
פאַרציקן !...) און אזוי האָט אַנעלייאָס פאַר חבריה צעשאַלט זיך :
„חברים ! באַלד וועט דער כוח פון די בלוטיקע הענט אים
פאַרלאָזן...
זעט: אויך מענטאָר, וואָס האָט, איך בעט איבער אייער כבוד, אַזוי פיל
געפלאַפלט, — האָט געטון אים פאַרלאָזן !... און איצט שטייען זיי אויף
דער שוועל
דאָ פאַרלוירן ! דערום : נישט אַלע, נייערט זעקס נאָענטע חברים
זאָלן צוערשט מיט די פיקעס צום קאמף זיך פאַרמעסטן. און אויב
גאָט דזעאוס וועט טון אייך פאַרלענדן דעם נאַר אָדיסייאוס, — אָ, טאָ
וועלן מיר שוין דענסטמאָל אפילו די איבעריקע מתים נישט
דאַרפן באַווייגען !...״
געזאָגט ; און באַלד האָבן די פיקעס גענומען
זיי וואַרפן. — אָבער זע : פעסיק האָט פאַלאָס די פיקעס פאַרבלאָנזשעט !...
און נון האָט איינעמס אַ פיקע גאָר צעלעכערט אַ וואַנט אינם היכל,
אַ צווייטנס איז געבליבן שטעקן אין אַ פליגל פונםברייטן
אַריינגאַנג און אַ דריטנס איז אָפגעשפּרונגען פון אַ קופּערנעם
ווינקל !... און געוועזן איז, אַז אָדיסייאוס דערזען האָט זייער
אומזיסטיקע טרחה, האָט ער געוואָרנט צו זיינע חברים :
„איצטער, חברים, טוט תיכף דידאָזיקע חבריה פאַרלענדן !
ווייל איידער וואָס, איידער ווען וועלן זיי אונז מיט שפּיזן און פיקעס
פאַרוואַרפן און אַרויסבלאָזן דעם אָטעם פון אונזערע לעבנס !
געזאָגט ; און תיכף האָבן אַלע פאַר די שפּיזן געכאַפּט זיך. און
נון האָט דעמאָפּטאָלעמאָסן אָדיסייאוס אַליין אויף טויט
צעקאַרעוואַשעט. מיט אַ טויט־טראַף האָט טעלעמאַכאָס דאָס האַרץ פון
אייאורי־אַדעס צעלעכערט, און אייאומייאָס און פיליטיאָס
האָבן די שונאים : פּייזאַנדראָס און עלאַטאָס דערהרגעט ! און באַלד
האָבן די געפאַלענע געביסן אין אַנגסטן די ערדישע
שטויבן ; און די לעבעדיקע האָבן אין ווינקלען געטון זיך
באַהאַלטן, אַרויסשלעפנדיק אונטערן פון פגרים די
פיקעס ! — און ווידער האָבן שונאים אויף זיי זיך געוואָרפן. אָבער
זע : אַ צווייט מאָל האָט אָטענע די שפּיזן געטון זיי פאַרבלאָנזשען !

און ווידער האָט איינעמס אַ פּיקע צעלעכערט אַ וואַנט פֿינס היכל,
אַ צווייטנס איז געבליבן שטעקן אין טיר פֿונם ברייטן אַריינגאַנג
אוי אַ דריטנס איז אָפּגעשפּרונגען פֿון אַ קופּערנעם ווינקל!... און
ניערט אַמפידעמאָן האָט אַ ראַץ געטון דעם האַר טעלעמאַכאָס
אויף דער הויט פֿונם אָרעם. און ווען די פּיקע פֿון קטעזיפּאָס איז אויף
ערדן געפאַלן, – האָט גע־אַפּט אַ טשעפּ אויפֿן אַקסל אייאומייאָס.
און ווידער האָט דאָס מאַגערע חייל פֿון האַר אָדיסייאוס פֿאַר
די שפּיזן געכאַפּט זיך. און אייאורידאַמאָסן האָט כּבודו
דער קיניג אויף שטיקער צעריסן. צום טויט האָט טעלעמאַכאָס דאָס
האַרץ פֿון אַמפימעדאָן צעלעכערט, און די שפּיז פֿון אייאומייאָס
האָט פּאָליבאָסעס לעבער צעשניטן. און בעת פֿילויטיאָס
האָט אין קטעזיפּאָס ברוסטן אַריינגעשטאָכן די פּיקע, האָבן
זיינע לעפּצן זיך גאַליק צעביי־ווערט:
„אָ בן־פּאָליטערסעס!
די פּוסטע צונג מיט דברי־הלצה האָבן אַרויסגעריסן
פֿון דיין גאָרגל די געטער! זע: צו ז יי ע ר ע מעשׂים וועט קיין מענטש
זיך כאַרמעסטן! נעם־זשע דעריבער במתּנה דידאָזיקע
פּיקע פֿאַרן זכות, וואָס האָסט אַנימלט געוואָרפֿן אַ קו־פֿוס מיין האַר
און געביטער, בעת ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט נאָך אַ ביסן!...“
געזאָגט; און בינו־לבינו האָט מיט אַ שפּרונג־אויף אָדיסייאוס
מיט אַ פּיקע אַ לאַנגער דעם נפש פֿון אַגעלאַיאָס בן
דאַמאַסטאָר צעמזיקט. און מיט אַ זעץ האָט אין בן־לייאָקריטאָס
בויך אַריינגערוקט אַ שפּיז טעלעמאַכאָס, אַז פֿון יסורים האָט
אַזש אייאוּעגאָר אין גסיסה געביסן די ערדישע שטויבן!
און נון האָט אַטענע פֿונם כאַרסאַזשעטן קוימען מיטן שרעקלעכן
א י י ג י ס געטון זיך אַנטפּלעקן, אַזש באַפֿאַלן אַ שרעק איז אַלע
חתנים!... און ווי פֿאַרסמטע זענען אַלע פֿון פּחד איבערן
היכל געפֿלויגן: ווי אַ סטאַדע בהמות, – ווען אַ שטעכיקע
פֿליג נעמט אין הייס־זוניקע טעג זויגן געשמאַק זיי די בלוטן.
אָדער: אַזוי ווי קרום־געשנאָבלטע, שאַרף־קלאָאיקע גייער, וואָס
שטורמען פֿון בערגער אויף פֿייגל, און פֿון אונטער די כמאַרעס פֿאַלן
קרבנות אויף ערדן, אַז עס וואַקסט דאָס האַרץ פֿון בן־אדם, בעת

זיינע אויגן כוועז בלאַנזשעז אין ווייטן רקיע, — — — אָט אַזוי
זענען אויף רעכטס און אויף לינקס געפאַלן קרבנות־חתנים! מיט
שווערן געיאָמער האָבן געקנאַקט און געקראַכט צעשמעטערטע
שאַרבנס. טויט — און אַ בלוטיקער ים האָט דעם היכל פאַרטרינקען!
אָבער מיטן פנים צו דער ערד איז לייאָדעס פאַרן מישל אויף די
קניען געפאַלן און מיט בלוטיקע טרערן רחמים געבעטן:
„אָ! טו גנאָד צו דיין עבד, דו מושל אויף ערדן! קיין נבול־פה
מיט מעשים־תעתועים האָב איך אין דיין הייליקן היכל נישט
קיינמאָל געטריבן, — נייערט געשט אָפט די חתנים פאַר זייערע
שרעקלעכע מעשים! אָבער ווי: אומזיסט געווען איז מיין בעטן! איצט, —
ווייל זיי האבן אקעגן דיר, אָ האַר און געביטער, געזינדיקט,
האָט דער שוואַרצער גורל פון טויט געטון זיי פאַרציקן! — אָבער איך?
זאָג: זאָל אויך אפשר איך, זייער כהן, דער איש־תמים, איצט פאַלן
אַ קרבן? ניין! — נישט אַזוי איז מען פאַר אַ מצווה מכפר!!!"
צָבער מיט כעס האָט אים אָדיסייאוס מיט די אויגן צעפרעסן:
„האָ? דו ביסט דער כהן פון דער חברה געווען??! אָ, נישט אייןמאָל
האָסטו מיט תפילות געשפרינקלט. אַז איך זאָל שוין מער נישט דערלעבן
מיין היים צו דערזען ווענס; און נייערט באַגערט די טראכט פון מיין אשה —
אַז פון דיין זרע זאָל זי פיל קינדער טון דיר צו פלאָדיען!... דערום, — ניין!
קיין שום מחילה־וסליחה וועל איך דיין כהונה נישט שענקען!"
געזאָגט; און תיכף האָט דער קיניג אַרויסגעריסן די שווערד פון
אַגעלייאָסעס פגר: אַ פלינקער וויג און אַ שניט, — אַז באַלד האָט
מיט אַ קרעכץ, באמצע־התפילה, מיט גסיכה־געצאַפל דער
קאָפּ פונם כהן אויף דער ערד אינם בלוטיקן שטויב זיך געקאַליערט!
און נייערט פעמיאָס בן טערפיאָס איז ניצול געוואָרן פונם
שוואַרצן גיהנום. מיט דער האַרפע אין האַנט האָט אַוועקגעשטעלט זיך
דער גרויסער מנגן אין ווינקל פון חדר, און אַ ספקות האָט
זיין האַרצן געעקבערט: צי זאָל ער אַרויס אויפן הויף און אונטערן

מזבח פון דזעאוס-קראַניאָן טו זיך באַשיצן: אונטערן
מזבח, אויף וועלכן אַדיסייאוס און לאַערטעס האָבן
אייביק זבחים געשאָכטן, — אָדער צי זאָל ער פאַלן צו די
פיס פונם מלך און בעטן פאַר זיין לעבן תחנונים? — — און באַלד האָט
דער רעיון דער צווייטער איבערגעוואויגן דעם ערשטן! — און נון איז
ער טאַקע כורעים תיכף געפאַלן: אַרומגעקלאַמערט די קני
פונם האַר אָדיסייאוס. און פאַלנדיק, האָט די טייערע האַרפע
אַרויסגעגליטשט זיך פון זיין האַנט אויף דער ערד, און אין דער מחיצה
צווישן גילדענעם וויין-כוס און מיט זילבער-געבעטער טראָן-שטול
איז אַ פאַרלאָזענע געבליבן זי הענגען!... און מיט הכנעה
און שווערן געיאָמער האָט דער מנגן ביים קיניג געבעטן:
„אָ! טו גנאָד צו דיין עבד, דו מושל אויף ערדן! הער: אייביק
וועט
דרעשי חרטה דיין האַרצן, ווייל דו האָסט אַ חזן פון גאָט צו
פאַר לייטן דערהרגעט! אָ, גאָט אַליין האָט ניגונים פאַרפלאַנצט אין
מיין גומען, אַז מיט טייערע זמירות זאָל טון איך דיין האַרצן
דערקוויקן! דעריבער, אָ מלך-דסד, — זיי מיר מכפר: נישט
טייט מיך!!! — און מעיד זיין וועט אויף דיין אייגענער זון טעלעמאַכאָס,
אַז נישט צוליב אַ פאַרדינסטל בין איך אַהערצו אין דיין פאַלאַץ
געקומען דערקוויקן די הערצער פון ווילדע חתנים, — אָ, ניין!
ווייל נייערט בעל-כרחי האָבן זיי צום געזאַנג מיך באַצוואונגען!"
געזאָגט; און ווייך געוואָרן איז דאָס האַרץ פון בן-מלך, אַז תיכף
האָט אַ שפרונג געטון ער צום קיניג און פאַרן מנגן געבעטן:
„שטיי! אַוועק מיט דער פיקע! אומשולדיק איז דערדאָזיקער
מאַנסביל!!!
אויך מעדאָן, דעם העראָלד, וועל טון איך באַשיצן, ווייל קינדווייז
פלעגט ער
מיט געטריישאַפט מיך קאָרמען. און אפשר גאָר, — אָ! האָט אויך אים שוין
אַ מיתה-משונה פון אַ וואָרף-שפיז דורך אייאומייאָס אָדער
פילויטיאָס געטראָפן? און אפשר האָסטו גאָר אַליין אים אין
דער בהלה צעמזיקט?"
געזאָגט; און צום תמימותדיקן מעדאָן

זיין וואָרט איז דערגאַנגען. און זע: איינגעהילט איז דער העראָלד אין
אַ פּריש־געשאָכטענער קו־פעל געלעגן באַהאַלטן און אונטער
אַ טראָן־שטול פון שרעק זיך געקורטשעט, — האָט ער פון זיכערן
קערזיך
באַהאַלטן!! — און נון איז פון דער טעלעצע אַרויסגעקראָכן דער
העראָלד. און מיט אַ שפרונג צום בן־מלך איז ער מיטן פנים צו די
קני אים געפאַלן און געטון בעטן אַזוי:
„אָ רחמים! שענק מיר
דאָס לעבן, דו קינד מיינס! אָך, פּועל אויך ביי דיין פאָטער, אַז ער זאָל
מיך בשעת־כעס נישט דערמאָרדן. ווייל צוליב די נבלות פון דער
נאַרישער חברה קאָן איך נאָך מיין אומשולדיק לעבן פאַרלירן!"
האָט מיט אַ שמייכל דער געטלעכער האַר אַדיסייאוס געענטפערט:
„טרייסט צו דיר! נישט געזאָרגט! ער האָט דיך באַהיט און
באַשירעמט! און איצט:
הנה, זיי וויסן אַליין, און זיי אויך מבשר אַ צווייטן, אַז
אַלעמאָל וועגן איבער מעשים־טובים די וואָג פון נבלות!...
און איצטער, טראָג אַרויס זיך פון מיין בלוטיקן שעכט־הויז, — דו
און דער
גרויסער מנגן. טוט וואַרטן אויך דרויסן, און לאָזט אַליין מיך אין
היכל, ווייל נייערט איך אַליין וויל אַלץ דאָ ברענגען אין סדר!"
געזאָגט; און נון האָבן ביידע אַרויסגעשאַרט זיך אויפן הויף פונם
היכל. און אונטערן מזבח פון דזעאוס־קראָניאָן האָבן זיי
געטון זיך באַשיצן, ווייל די שרעק פאַרן טויט האָט אַלץ זיי געשראָקן!
בינתים האָט אַ חקירה־ודרישה געמאַכט אין זיין שלאָס
אָדיסייאוס, צי איז ווער פון די שונאים נאָך ניצול געוואָרן.
אָבער אומזיסט: אין קאַלוזשעס שטויביקע בלוטן האָבן אַלע
פגרים אויף ערד זיך געוואַלגערט, אַזוי ווי עס קנאָדערן פיש
זיך אויף ברעגעס פון ימים, ווען אַ פיל־אויגלדיקע פיש־נעץ
האָט אויף טרוקענע זאַמדן געשליידערט און זיי לעכצן און צאַפּלען
צוריק נאָך אַ וואַסער, אָבער אומברחמנותדיק טוט העליאָס
זייער לעבן ראַבירן. — — אָט אַזוי זענען אויך חתנים
אין קופּעס פגרים געלעגן: מתים אין בלוטיקע ימים!...

אוּן נוּן האָט אָדיסייאוּס צוּ זיין זוּן טעלעמאַכאָס באַפוילן:
„פעדער זיך, אָ קינד טעלעמאַכאָס, תיכּף אַהער צוּ די אַלטע
אייאוּריקלייאַ צוּ ברענגען, ווייל עס טוּט מיין האַרץ זי צוּ רוּפן!"
געזאָגט: אוּן אויפן געהייס פוּנם קיניג איז אין פלוּג טעלעמאַכאָס צוּ
דער אַלטער געפלויגן: אָנגעקלאַפּט אין איר טיר אוּן גערוּפן מיט
שאַלוּנג:
„אייל זיך, אָ אַלטינקע שוֹמרת־הפּתח, געטרייע
באַשיצערין פוּן אַלענקע מיידלעך. אייל זיך וואָס גיכער צוּ דיין
האַר אוּן געביטער, ווייל צוּ אַ גזרה טוּט זיין האַרץ דיך צוּ רוּפן!"
געזאָגט; אוּן נישט געגאַנגען זיין וואָרט איז לאיבּוּד. ווייל גיך, גיך
האָבן די פליגלען פוּן איר חדר צעפּראַלט זיך, אוּן מיט הכנעה
האָט הינטער די פיס־טריט פוּן בן־מלך — נאָכגעשאַרט זיך די זקנה.
אוּן נוּן האָבן זיי אָנגעטראָפן דעם האַר אָדיסייאוּס צווישן
אַ מחנה פּגרים, — רויט אוּן פאַרבלוּטיקט. אָ! אַזוי ווי אַ לייב,
וועלכער האָט אוּמגעקערט זיך אין זיין נעסט נאָך אַ וויסטער פאַרציקוּנג,
אוּן די בלוּטן פוּן צעריסענעם אָקס טוּען אים טריפן פוּן פּיסק
אוּן פוּן שנייצער אוּן מיט פייער שפּייען די אויגן, — אַז אַ פּחד
באַפאַלט אַש די מענטשן — — אָט אַ ז ו י האָט אויסגעקוּקט אָדיסייאוּס!
אוּן געוועזן איז, ווען די אַם פוּן אָדיסייאוּס דערזען האָט דאָס
בלוּט־באָד, האָט זי שיער נישט מיט פריידיקן געקרעכץ אויסגעשריגן
אויפן גרויסן נצחון. — — צוּם גליק אָבער האָט אָדיסייאוּס געטוּן
איר פאַרמיידן די גרויסע עבירה, אוּן אַזוי זי געמוּסרט:
„מאַמענקע! פריי זיך בלחש אין האַרצן אוּן מאַך קיין האַרמידער
מיט טרערן אויף רוֹצחים, ווייל דאָס איז אַ גרויסע עבירה! ז יי, די
דערהרגעטע, שאַלקהאַפטיקע מאַנען האָבן אייביק אָן חסר
אוּן רחמים אין אַ מצווה נישט געפּרוּווט זיך צוּ טוּבלען, דעריבער
האָט דער ביטערער גורל מיט אַ מיתה־משוּנה געטוּן זיי
דערשלאָגן! — אוּן איצט: דערצייל מיר, דערצייל מיר, אָ אַלטע,
ווער פוּן די
באַדינערקעס איז געטריי מיר געוועזן אין היכל אוּן אויך
וועלכע מיידן עס האָבן, אוּמבאַשטראָפטע, געזינדיקט במזיד!"
האָט אים די שוֹמרת־הפּתח אייאוּריקלייאַ געענטפערט:

„בדייק וועל איך, אָ קינד מיינס, דעם אמת זיין דיר מבשר! — הער:
פופציק באדינערקעס פֿרמאָגסטו אין היכל. און אַלעמען האָב
איך, חוץ שטובּיקע אַרבעט, אויך געלערנט אי שטריקן, אי דרייען,
אי קעמען די צויטן. האבן צוועלף פון פופציק נישט קיינמאָל געטון
מיך געהאָרכן, און אָפגעלאַכט די האַרינטע פענעלאָפּייאַ.
און כאָטש טעלעמאַכאָס איז שוין צו מאַנסביל־סימנים דערוואקסן,
האָט זי אים פונדעסטוועגן קיינמאָל קיין רשות נישט געגעבן די
מיידן צו צוימען! — — איצט אָבער, אָ האַר, לאָז מיך ברענגען אהערצו
פון איר שלאָף־שטוב די מלכה, וועמען גאָט איינגעוויגט האָט אין דרימל!"
האָט אָבער דער בעל־נצחון אָדיסייאוס דערויף איר געענטפערט:
„ניין! נאָך איז די צייט נישט געקומען זי איבערצוּוועקן! ברענג ערשט
פריער אַהערצו די זינדיקע ווייבער, וועלכע האָבן מיט
שווערע עוונות מחלל געווען מיין געטלעכן היכל!"
געזאָגט; און אויפן געהייס פונם קיניג איז תיכף אייאוריקלייאַ
געלאָפן און געטון די באַדינערקעס איינזאַמלען אינאיינעם.
דערווייל האָט אָדיסייאוס גערופן זיין זון טעלעמאַכאָס, דעם
פאַסטוך פון ציקער מיטן העלד אייאומייאָס, און הילכיק צעשאַלט זיך:
„שאַרט אַרויס פונם בלוט־באַד די מתים, און זאָלן באַדינערקעס ביים
טראָגן אייך העלפן! דערויף זאָלט איר מיט פּייכטע, פיל־אויגיקע
שוואָמען מטהר זיין די ערטער פון פאַרבאַקענע דמים. און
אַז די טישן און טראָגנען און דילן וועלן זיין שוין גערייניקט, —
זאָלט איר פאַרן שיין־געוועלבטן טאָלאָס אַרויסטרייבן די זינדיקע
מיידן, און דאָרט, צווישן דער וואַנט און דעם פּרוזדור, מיט חלפים זיי
קיילן און טון זייער לעבן ראַבירן!... אָ! ערשט דענסטמאָל וועלן
די זונות אָן זייער צעלאָזענער תאווה פאַרגעס און מער
זיך בערמה נישט וואַרפן אויפן זינד־בעט פון הולטייסקע חתנים!"
געזאָגט; און נון זענען זיך די קלאָגערקעס צונויפגעזאַמלט
און אַרויסגעשלעפּט בעל כרחו אין פרוזדור די מיאוסע הרוגים
און חמרימווייז געלייגט זיי קופּעס אויף קופּעס, — ווייל גיך האָט
אַליין אָדיסייאוס אונטערגעטריבן די אַרבעט! און דערויף
האָבן זיי מיט פּייכטע, פיל־אויגיקע שוואָמען מטהר געווען
די טישן און טראָגנען און דילן פון די פאַרבאַקענע דמים.

און טעלעמאַכאָס, אייאומייאָס און פילויטיאָס האָבן מיט
רידלעס געקראַצט און געריבן און גערייניקט ביז גאָר אַלע
דילן פון היכל; און אויף דער קיפע מיסט פאַרן טויער האָבן
באַדינערקעס אַרויסגעשאַרט דאָס טינופת! — און נאָכדעם, ווען אַלץ
איז געווען שוין קדוש-וטהור, האָבן זיי פאַרן שיין-געוועלבטן
טזלאָס אַרויסגעטריבן די זינדיקע מיידן און צווישן דער
וואַנט און דעם פּרוזדור געטון זיי אין ענגשאַפט פאַרשפּאַרן, אַזוי אַז
זיי זאָלן פון דאָרטן נישט באַווייזן אַנטלויפן. — — און נון האָט צו
ביידע פּאַסטוכער געטון זאָגן דער קלוגער יונג טעלעמאַכאָס:
„ניין! איך וועל נישט דערלאָזן, אַז די זינדיקע מיידן זאָלן מיט
אַ גלאַט-ריינעם טויט פון חלפים ווערן גענייזוקט, ניין! ז יי, וואָס
האָבן אַזוי שאַלקהאַפטיק פון מייז מוטער געחוזקט און זיך אויף
יעדערן זנות-בעט פון ווילדע חתנים בערמה געוואַלגערט!"
געזאָגט; און דעם שטריק פון זיין שיין-געשנאָבלטן מאַסטבוים האָט געטון
ער צווישן דער וועלבונג אין פּרוזדור פאַרוואַרפן: די עקן פאַרקניפּט
און פאַרפעסטעט, אַז די פיס פון געהאָנגענע זאָלן צו דער ערד
נישט דערלאַנגען! — און אַזוי ווי די פויגלען און טויבן, וואָס ציען זיך
שאַרנווייז אַהיים אין די נעסטן און ווערן אונטערוועגנס אין
ש:עכיקע קוסטעס געפאַנגען און בלייבן דאָרט הענגען אינם וויסטן
געלעגער, — אָט אַזוי זענען אויף פעטליעס געבליבן הענגען
די העלזער פון מיידן: מיט די פיס נאָך אַ רגע געצאַפּלט, — ביז
דער שרעקלעכער ק ע ר אויף די תליות האָט געטון זיי פאַרציקן!
און נון האָבן זיי אויך דעם ציגענעם פּאַסטוך מעלאַנטיאָס
אַרויפגעשניטן פון באַלקן. און מיט אַ שאַרף-בייסיקן חלף
מל געווען אים די אויערן און נאָזדרע, אַרויסגעריסן פון
בויך אים די ערווה, אָפּגעזעגט אים די הענט און כעסיק צעהאַקט
ביידע פיס פון געזעס אים, און אַלץ פאַר די כלבים געוואָרפן!...
דערויף האָבן זיי זיך געטובלט און ווידער גענענט זיך פאַרן האַר
אָדיסייאוס, ווייל אַ ל ץ איז געווען שוין פאַרענדיקט... אָדיסייאוס
אָבער האָט ווידער צו דער אַלטער באַפוילן:
„ברענג איצט אַהערצו,
אַ גוטינקע אַלטע, פיל פעכיקן שוועבל און רויכער מיר אויס

די קלה פון היכל! און דערנאָך לויף  צו מיין פענעלאָפייאַ
און זאָג, אַז: זי, אירע מיידלעך און אַלע פרויען פון היכל
זאָלן באַלד צו פאַר מיר זיך באַווייזן!..."
האָט די אַלטע דערויף אים
געענטפערט:
„קלוג געווען איז דיין גערייד איצט, אָ קינד מיינס! אָבער
פריער פאַר אַלץ מוז איך מיט אַ קלייד, מיט אַ כתונת און אַ כיטאָן
דיינע לענדן די שטאַרקע פאַרהילן, ווייל עס געשיקט זיך דאָך ווייט
נישט, אַז דו זאָלסט אין צעפליקטע שמאַטעס זיך אַרומגיין אין היכל!"
האָט דער בעל-המצאה, בן-לאַערטעס, דערויף איר געענטפערט:
„ניין! פייער! פייער, פעך און שוועבל האָב איך צוערשט דיך
געבעטן!"
געזאָגט; און נון האָט אייאוריקלייאַ געבראַכט פייער און שוועבל.
און באַלד האָט אויסגערויכערט דער האַר אָדיסייאוס אַלע זאַלן
פון היכל און אפילו דעם פרוזדור מיטן שער-המלך! — — און באַלד
טאַקע האָט די גוטינקע אַלטע אין אַלע זאַלן געגירערט
און געבראַכט צו פאַר מיידלעך די בשורה!... און מיט צעפלאַקערטע
הבדלות זענען אַלע געגאַנגען אַקעגן זייער האַר און
געביטער. און מיט פריידיקע טרערן האָבן אַרומגערינגלט
די מיידלעך דעם קיניג מיט „ברוך-הבא" און „שלום-עליכם";
געקושט זיין האַלז און די באַקן, אַז מיט האַרצעדיק בענקשאַפט האָט אַזש
צעוויינט זיך דער מלך, — ווייל אַלעמען האָט גענומען ער דערקענען!

# דאָס דרייאונצוואָנציקסטע געזאַנג

אָדיסייאוס אַנטפּלעקט זיך צו פּאַר פּענעלאָפּייאַ

און נון האָט זיך די גוטינקע זקנה אַרויף צו דער קאַמער פֿון
דער מלכּה געפּעדערט, בּכדי מבשׂר צו זיין איר, אַז דער האַר
האָט אומגעקערט זיך אַהיימצו. און רירעוודיק האָבּן הענט און פֿיס
זי צוראָפּנס געטראָגן, אַז זי האָט ראַלד גענומען זי וועקן:
„שטיי אויף, שטיי אויף, אָ טייערע טאָכטער! כאַפּ זיך אויף. וועק זיך איבּער,
מיין קינד פּענעלאָפּייאַ, ווייל אָדיסייאוס, — אָדיסייאוס האָט
אומגעקערט זיך אַהיים שוין!... קום, און מיט דיינע אייגענע אויגן
וועסטו זען דאָרט דעם 'חורבּן, וואָס ע ר מיט אייער זון טעלעמאַכאָס
האָבּן מיט כּעס געטון אין דעם היכל צו פּאַר ווילדע חתנים!"
האָט איר אָבּער די בּרוגזע מלכּה פּענעלאָפּייאַ געענטפערט:
„אָ מאַמענקע! די געטער האָבּן קענטיק צעמישט דיר דעם שׂכל!
יאָ, עס טרעפט, אַז נישט איינמאָל טוט דער הימל דעם חכם מיט טפּשות
דערשלאָגן, און ווידער דעם שוטה — מיט חכמה דערהויבּן! און איצט
איז אויך ד יי ן שׂכל-הישר געוואָרן פֿון געטער מטושטש!
זאָג: פֿאַרוואָס זאָלסטו טרייבּן לצנות? אפשר דערפֿאַר, ווייל מיין האַרץ
איז אַזוי שווער שוין פֿאַרבּיטערט, אַז מיט נאַרישע שקרים מעג ווער
נישט איז צו קומען און פֿון הייליקן שלאָף מיך איבּערצוּוועקן?
אָ! נאָך קיינמאָל האָבּ איך אַזוי געשמאַק נישט געדרימלט, זינט מיין האַר
אָדיסייאוס האָט קיין טראָיע געצויגן; — (פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן
איר נאָמען!!) — ובכן, טראָג תּיכּף אַראָפּ זיך צוריק אין דיין חדר!
ווייל אויבּ אַ אין מיין שלאָף-שטוּבּ וואָלט אַ צווייטע בּאַדינערקע געקומען
און מיט חוצפּה און שקר איבּערגעוועקט מיך פֿון דרימל, — אָך, מיט
אַ שטויס וואָלט איך אַזאַ חצופה אַראָפּגעוואָרפֿן צוריק אין איר

קאַמער! דיך אָבער? אַ, דיך ראַטעוועט איצטער נייערט דיין זקנה!"
נון האָט די וואַרטורין אייאוריקלייאַ דערויף איר געענטפערט:
„קינד מיינס! ניין! נישט קיין לצנות האָב איך איצט געטריבן! זע:
פאַרוואָר,
אַז אונזער האַר איז געביטער האָט אומגעקערט זיך אַהיימצו. — אָט
ער, יענער בעטלער, פון וועמען אַלע חברים האָבן געטון
לאַכן און שפּעטן, — איז גאָר געוועזן דיין מאַן אָדיסייאוס! — הער:
צו פּאַר טעלעמאַכאָס האָט ער פון לאַנג שוין געטון זיך דערקענען,
אָבער ביז פאַרציקונג פון שונא האָט ער בסוד דאָס געהאַלטן!"
געזאָגט: און מיט אַ פריידיקן שפרונג איז די מלכּה אַראָפּ פון
געלעגער. און מיט טרערן פון חדווה איז זי געפאַלן אויפן האַלז
פון דער אַלטער און מיט טרערן-געשאַל גענומען זי פרעגן:
„מיַמענקע! אויב ער האָט באמת, ווי דו זאָגסט, אומגעקערט זיך
צוהיימצו, — טאָ מאַך-זשע מיר קלאָר: ווי אַזוי האָט ער איינציק אַליין
געקאָנט ביישטיין אַקעגן אַזאַ ביין-באַשריגענעם עולם
התנים, וועלכע האָבן אין מיין היכל כסדר געהודזשעט?"
נון האָט די וואַרטורין אייאוריקלייאַ דערויף איר געענטפערט:
„נישט געזען און געהערט האָבן מיינע אויגן און אויערן די
שרעקלעכע שחיטה. צו מיר איז נייערט זייער קרעכצן דערגאַנגען!
אוונטער ריגלען פאַרשפאַרטע זענען מיר אין זייטיקן חדר
דערשראָקן געזעסן, ביז פלוצלינג האָט דיין זון טעלעמאַכאָס צו
מיר זיך געיאַוועט און אויפן קיניגס געהייס — צו אים מיך גערופן!
או נון האָב איך דעם האַר אָדיסייאוס אין אַ שרעקלעכן בלוט-באָד
אָנועטראָפן אין היכל. פגרים, הרוגים און בלוטיקע
קופעס מיט פליישן און ביינער פון ווילדע חתנים האָבן אויפן
דיל זיך געוואַלגערט. און אַך: דיין האַרץ וואָלט צעגאַנגען פון נחת, ווען
דו וואָלסט געזען אים, אים, דעם באַרג-לייב, צווישן שטויביקע
בלוטן!
און איצט? — אָ, איצט ליגן זיי אַלע אויפן מיסט-באַרג פון היכל
און ער
רייניקט ביים שיין פון הבדלות מיט שוועבל די זאַלן, — און איך
ווידער בין אויף זיין געהייס געקומען דיך רופן אַהינצו!

בכן: מאַך גרייט זיך, אַ מלכה. קום, און זאָלן אייערע הערצער
צעגיין פון מתיקות, נאָכדעם ווי איר האָט אַזוי פיל געליטן!
זע: געזונט און שטאַרק האָט ער אומגעקערט זיך צום היימישן פייער,
דיך און דעם יורש-עצר האָט ער אָנגעטראָפן אין היכל
און מיט כעס און נקמה געטון אַלע שונאים פאַרלענדן!״
האָט ווידער די קלוגע פענעלאָפּייאַ דערויף איר געענטפערט:
„אָ מאַמענקע! נישט זיי אַזוי האָפערדיק מיט פרייד און מיט נחת.
ווייל ווער ווייסט נאָך בעסער פאַר דיר, ווי אַזוי ער האָט געקלעפּט אָן אונז,
בפרט אָן מיר און אָן מיין קינד טעלעמאַכאָס? — און אָקעגן דעם
וואָס דו זאָגסט, אַז אַלע שונאים ליגן איצטער אין קופּעס, — אָ, דאָס
וויל איך מיר אויסטייטשן, אַז נישט ע ר, — נייערט אַ פינגער פון הימל
האָט געטון זיי פאַרציקן. ווייל אָן חסד און רחמים האָבן זיי
— ווי קיין שום תושב אויף ערדן — געטון אָן רחמנות יעדן
בן-אָדם ראַבירן, — און דערפאַר טאַקע האָבן באַשטראָפט זיי די
געטער! אָבער אָדיסייאוס? — אָך! ווייט פון זיין היימלאַנד אַכייאַ
האָט ער וואו פאַרבלאָנזשעט, און וויי! און... אויכעט זיין לעבן פאַרלירן!..״
נון האָט די וואַרטורין אייאוריקלייאַ דערויף איר געענטפערט:
„קינד מיינס! אָך, סאַרע שטות האָבן דיינע לעפצן געפּלאַפּלט?! איצט, אַז
דיין מאַן זיצט שוין ביים היימישן פייער, — קומסטו דערציילן, אַז דאָס
אַלץ איז אַ שקר? — זע, ווי פאַרעקשנט דיין האַרץ איז צו גלויבן!
צווייטנס, — איך קאָן דיר מיט אַ סימן באַווייזן. געדענקסט אפשר דעם
העפט אויף זיין לידקע, וואָס אַ ווילד חזיר האָט בשעתו געטון
אים צעבייסן? אָט, איך אַליין האָב ביים וואַשן די פיס אים געטון
אים דערקענען, און איידער איך האָב נאָך באַוויזן מבשר צו
זיין דיר די בשורה, — האָט ער די לעפצן פאַרשטאָפּט מיר מיט שווייגן!...
ובכן, קום שוין! קום... און איך שטעל אין קאָן דאָס אייגענע לעבן, אויב
איך האָב עפּעס מגזם געווען און דערציילט דיר אַ שקר!...״
האָט אָבער די קלוגע פענעלאָפּייאַ דערויף איר געענטפערט:
„אָ מאַמענקע! שווער איז פאַר דיין שכל צו דערגיין איצט די וועגן

פון געטער, הגם דיין שכל־הישר איז ווייט נישט געשלאָגן! — —
פונדעסטוועגן וועל איך צו מיין זון איצט געגעגען און זען אויף די
אויגן פגרים, און אויכעט דעם שוחט, וואָס האָט זיי געשאָכטן!...״
געזאָגט; און שפרייזנדיק אַזוי אַראָפּ פונם גאָרן, האָט דאָס האַרץ איר
געצאַפּלט: צי זאָל זי חוקר ודורש אים זיין פונדערווייטנס,
צי גאָר אין זיינע אָרעמס זיך וואַרפן און קושן זיין האַנט און די
לעפצן. — אָבער געוועזן איז, ווען זי האָט אַזוי פון דער שטיינערנער
שוועל גלייך אין זיין חדר אויף אַ טראָן־שטול ביים פּריפּעטשיק געטון זיך
צו וואַרפן, — האָט פּלוצלינג אַן עמוד־אש אָדיסייאוסעס פּנים
צעבלינצלט! — אָ, אָנגעלענט אונטער אַ זייל איז דער קיניג שווייגיק
געזעסן, און אומבאַהאָלפן, פאַרלוירן האָט שטיל דעם קבלת־
פּנים געטון ער דערוואַרטן!... אַבער לאַנג, לאַנג איז קעגנאיבער
דעם מלך שווייגיק געזעסן די מלכה, און מיט דער נשמה
האָט זי געטון אים דערקענען. אָבער זיינע שמאַטעס האָבן אין
ספקות געטון זי צו וואַרפן!...

נון האָט זיך טעלעמאַכאָס צעשאַלט
פאַר דער מלכה:

„מאַמע! עפּעס נישט מאַמעדיק, — נייערט קיזל־טעמפּ
איז דיין דיין האַרץ, אָ מוטער! זאָג: פאַרוואָס האַלטסטו זיך פון דערווייטנס
פונם אייגענעם מאַנסביל? אָ! פאַרוואָס פרעגסטו נישט וועגן אַלץ און
אַרומעט? — — פאַרוואָר, אַז אַ צווייטע, צוואָנציק־יאָריקע עגונה
וואָלט אַנדערש ווי דו איר באַשערטן באַגעגנט! דו אָבער? און דו? —
ניין! נישט קיין האַרץ שלאָגט אין דיין בוזעם. נייערט אַ קיזל, אַ קרעמיל,
אַ שטיין אָדער אַ סקאַלע!...״

האָט אים פּענעלאָפּייאַ געענטפערט!
„קינד מיינס, נבהל־ונשתומם בין איך איצט מיט האַרץ און נשמה!
אָ, איך בין נישט ביכולת אַ וואָרט אים צו פרעגן און גלייך אין
זיינע בליקן זיך טרינקען!... אָבער אַך, — אויב ער איז באמת מיין
מאַן אָדיסייאוס, וועלכער האָט נאָך אַזוי פיל יאָרן אומגעקערט

זיך אַהיימצו, — טאָ וועלן מיר שוין ליבערשט דורך אונזער סוד זיך
דערקענען!... און הער: מיר האָבן בשותפות אַ גרויסע געהיימניש
פאַר וועלט און פאַר לייטן. און אַט י ע נ ע ר סוד וועט אונז
דערקענען!..."
געזאָגט; און נון האָט אָדיסייאוס, דער סבלן, זיס זיך צעשמייכלט.
און צופרידן פון אַלץ האָט ער ביים בחור מיט שאַלונג געבעטן:
„אָ קינד מיינס! פאַרמייד זיך געצווינגען דיין מוטער צום אויספרעג — אָן
חשק — מיך פרווון. ווייל באַלד וועט זי אומגעצווינגען אַליין מיך שוין
בעטן! וואָרים עס איז גאָר קיין חידוש, אַז מיין שרעקלעכע
צורה מיט צעריסענע פלאַכטעס טרייבן אַריין זי אין
ספקות: צי בין איך פאַרוואָר טאַקע איר שטאַרקער מאַן אָדיסייאוס!?
אָבער באַרעכן: אויב עמעץ האָט נייערט אַן איינציקן מאַן וועגס
דערהרגעט, — טאָ טוט ער אויס מורא ווייט פון זיין היימלאַנד אַ מקום
מקלט צו זוכן. מיר ווידער, מ י ר האָבן די שענסטע פירות פון
איטאַקאַ אָן פחד דערשלאָגן, און מיר זיצן במנוחה זיך
ווייטער אָן מורא אין היכל! נו! — טאָ זאָג־זשע, וואו איז דער שכל?"
האָט דער יונגער חכם טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט:
„אָ פאָטער מיינער! די זאַך איז פשוט און קלאָר: פון אַלע תושבים
אויף ערדן ביסטו מיט דיין גבורה און חכמה מפורסים. און
דעריבער טאַקע בין איך פול מיט בטחון, אַז דורך דיין כוח
און גבורה וועט אונזער דרייסטקייט נישט אָפּשטיין, און מיט מוט און
התפעלות וועלן מיר אַלץ, וואָס דו טוסט רק באַגערן, — געהאָרכן!"
האָט אָדיסייאוס, דער גרויסער בן־עני, דערויף אים געענטפערט:
„ובכן, טאָ טוט איצט פאַרנעמען אַלץ, וואָס איך וועל אייך באַפעלן!
הערט!
ראשית, גייט טבילה און גורט אָן זיך מיט שיינע קיטלען די לענדן.
דערנאָך זאָגט צו די מיידלעך, אַז אויך ז יי זאָלן זיין זיך מטהר
און אויספוצן צום טאַנץ זיך. און נון זאָל אויך דער גרויסער מנגן
מיט אַ „חתונה־פירשפיל" אויף זיין געטלעכער לירע טון זיך
צעקלינגען, — אַז אַלע פאַרבייגייער און שכנים זאָלן מיינען,
אַז מען פירט איצט צו דער חופּה די מלכה!... אַט אַזוי אַרום וועלן
דערווייל ווערן פאַרמעקט די חשדים, אַז אַלע משחיתים

האָבן מיר שוין פאַרטיליקט ! — ווייל פריער וועלן מיר נאָך מוזן אויפן
ישוב געגענען און צווישן באַשאָטנטעביימער און בלומען
מתפלל זיין פאַרן הייליקן דזעאוס, אַז ער זאָל מיט אַן עצה
אונז העלפן !״

גערזאָגט ; און אויף זיין געהייס האָבן אַלע מטהר
געוועזן זיך. און אי זיי, אי באַדינערקעס זענען אַריין אין
חופּה-געוועדער. און דער גרויסער מנגן האָט אָנגעסטראָיעט
די געטלעכע האַרפע צו אַ חופּה-געטענצל, אַז מיט זיסע
ניגונים האָט תּיכף דער היכל צעשאַלט זיך און אַ שיינער
קאַראַהאָד האָט, ווי נאָך אַ חופּה, גענומען זיך דרייען !... און נון
האָט געפלאַקערט אַ טאַנץ צווישן מאַנען מיט רונדיק-באַגאַרטלטע
ווייבער — און אַזוי האָבן פאַרבייגייער צו שכנים געטענהט :
„זעט, זעט ! אַ חתונקע האָט פאַרגלוסט זיך דער מלכּה ! יאָ, מיט עפּעס
אַ יאַטל זי פראַוועט אַ חופּה... אָ, פאַרוואָס טוט זי נישט ליבערשט, די
מיאוסע ארורה, איר ערשטן פאַרבלאָנזשעטן מאַן אָדיסייאוס
דערוואַרטן ? ? !״

אָט אַזוי האָבן חושד געווען זי די שכנים !... — —

* *

*

אָבער געווען איז, ווען אייאוריקלייאַ האָט אויסגעבאָדן דעם
האַר אָדיסייאוס און נאָכן זאַלבן מיט אייגלן האָט זי מיטן
כּתונת און כיטאָן געטון אים פאַרוואַרפן, — האָט פּלוצלינג אַטענע
מיט פראַכט און מיט הדר באַגאָסן זיין צורה ! און זע : מיטאַמאָל
האָט גענומען ער וואַקסן העכער און שטאַרקער ; און גערינגלטע
לאָקן, ווי פערפל-היאַצינטן האָבן פון זיין קאָפּ אויפן שטערן
צעוויגט זיך. אָ, אַזוי ווי אַ גאָלדשמיד, וואָס טוט דאָס גינגאָלד אויף
זילבער באַגיסן, — וועמעס גרויסע מלאכה ער האָט נייערט ביי
העפייסטאָס און פאַלאַס-אַטענע געלערנט, — — — אָט אַ ז ו י האָט די
געטין זיין קאָפּ און זיין אַקסל מיט פראַכט און תּפארת באַגאָסן !
און נון האָט ער, ווי אַ גאָט, אויסן ביטל גענידערט. און אויפן זעלבן
אָרט קעגנאיבער דער מלכּה אויף אַ טראָן-שטול הינטער אַ זייל זיך
געוואָרפן, און מיט האַרטקייט אַזוי צו פאַר זיין אשה צעשאַלט זיך :

„אָ אשה! מיט האַרטן עקשנות האָבן אָלימפּישע געטער
דיין האַרץ דיר פאַרשטיינערט: אָן אַ חוש פאַר אהבה!... ווי! צי
וואָלט דען
אַ צווייטע עגונה, וועמעס מאַן האָט נאָך צוואַנציק יאָרן פון לייד
און יסורים אומגעקערט זיך אַהיימצו, אָט אַ זוי איר זיווג
באַגעגנט? — דערום, אָ מאַמענקע, טו אויסבעטן אַ גאָר באַזונדער
געלעגער: צו פאַר מיר אַ ל יי ן רק, — דער פאַראייגזאַמטן קיניג, ווייל
באמת: נישט קיין האַרץ, נייערט אַ שטיק אייזן קלאַפּט אין איר
בוזעם!...”
האָט אָבער מיט חכמה פּענעלאָפּייאַ דערויף אים געענטפערט:
„אָ מאַנסביל! ניין! נישט קיין האַרט־קאַלטע גאווה טוט שלאָגן פון
האַרץ מיר.
ווייל נאָך איצט איז איינגעקריצט מיר טיף אין זכרון דיין פרעכטיקער
אויסקוק, ווי אַזוי דו האָסט פון איטאַקאַ מיט אַ שווים־שיף געטון
מיך פאַרלאָזן! — — —
אייאוריקלייאַ?! בעט אים אויס מחוץ היכל
אַ באַזונדער געלעגער, וואָס ער אַליין האָט בשעתו געמאַכט
זיך!... טראָג אַרויס אים זיין שלאָף־בעט אויף דרויסן פון
היכל און פאַרשפּרייט
עס מיט פערפלען און פעלן, און דערלאַנג אים אַ וואַרעמען
צודעק!!...” — — —
אָט אַזוי האָט זי לפנים באַפוילן, בכדי אויסצופּרוּוון
איר מאַן אָדיסייאוס! — — —
אָבער כעסיק האָט צעשאַלט זיך דער קיניג:
„...אָ אשה! דיין שרעקלעכע טענה האָט מיין האַרץ מיר צעבראָכן!
צי האָט אפשר אונזער חופּה־בעט מיין האַנט נישט געטאָטשעט? זע:
אפילו מיטן כוח פונם שטאַרקסטן גברן אויף ערדן וועט אונזער
שלאָף־בעט פון אָרט זיך נישט רירן; — סיידן, אַז גאָט אַליין זאָל עס
פּרוּוון אַ רוק טון! ניין! קיין שום ילוד־אשה מיט מוסקולן
פון פרענטעס און אייזן־מאָזאָליעס וועט דאָס נישט קיינמאָל, נישט קיינמאָל
באַווייזן!!! — פאַרוואָס? ווייל מיט אַ זעלטן געהיימניש (וועמעס סוד איז
פאַר אַלע פאַרבאָרגן) האָב אונזער בעט איך געטאָטשעט!... — דערמאַן זיך:

אַ מוראַדיקער איילבוים האָט געבליט אין מיין גאָרטן. און מעכטיק
ווי אַ זייל איז געוועזן זיין גרעב און זיין הויך! האָב איך אַרום אים
מיט וואַגיקע פעלזן אויפגעשטעלט זיך אַ שלאָף-שטוב; איבער די
רוקנס פון פעסטונג האָב אַ דאַך איך פאַרצויגן און מיט פליגלען פון
שטיינער פאַרצוימט דעם אַריינגאַנג! — — און נון האָב איך מיט שטאַרקייט די קרוין
פונם צווייגהאַפטיקן איילבוים צעבראָכן: מיט אַ קנאַק אונטערגעהאַקט
אים דעם רוקן און גענומען טעסען אויף גלאַטיק דעם וואָרצל! און
קיילעכדיק-שיין האָב איך אויסגעטאָטשעט דעם פניאַק, — דעם י ס ו ד פונם
הייליקן שלאָף-בעט!... און אָט אויף ד ע מ ד אָ ז י ק ן פוס האָב איך ערשט מיט
העק און מיט בויערערס צונויפגעשטעלט אונז אַ רו-אָרט!... און זע: מיט גאָלד
און זילבער האָב די קעפ איך פאַרצויגן און מיט העלפאַנטביין —ביידע
קינסטלעך-געטעסעטע לייסטן! — — און אויסגעשפּאַנט האָב איך די סטרוקטור
מיט אַ לעדערנעם רימען, און אַ פערפלנער צודעק אויסגעשפּרייט
האָט מיין אַרבעט! ! — — אָט איז מיין געהיימניש!... איצט אָבער, אשה, מאַך מיך
קלאָר: שטייט נאָך אַלץ אויפן אָרט אונזער שלאָף-בעט? צי האָט אפשר אַ פרעמדע
האַנט דעם ש ו ר ש פאַרשניטן??? — — —"
גערזאָגט; און אויפגעציטערט פונם צייכן
האָט דאָס האַרץ פון דער מלכּה, אַז מיט שניידיקע טרערן האָט זי זיך
אין זיינע אָרעמס געוואָרפן: אים געקושט און געהאַלזט און מיט
ליבשאַפט געבעטן:
„אָ, נישט נעם מיר פאַראיבל, מיין גוטינקער מאַן
אָדיסייאוס! אַך: נישט פאַרגינען האָט מען אויפן אָלימפּאָס, אַז מיר
זאָלן אייביק געניסן אויסן כוס פון הייליקער ליבשאַפט און דערום
האָבן זיי געטון אונז צעשיידן! און איצט, — נישט נעם מיר פאַר אומגוט,

אָ מיין הייס־געליבטער מאַן אַדיסייאוס, פאַרוואָס איך האָב פריער
אַזוי קאַלט דיך באַגעגנט! הער: נאָך דיר, מיין געליבטער, פלעגט
אייביק
אַזוי צאַפּלען פון בענקשאַפט מיין האַרץ אינם בוזעם, נאָר אַ שרעק
איז מיך
תמיד באַפאַלן, אַז איך האָב געטון זיך דערמאַנען, טאָמער קומט
אונטער אַ פרעמדער דיין ווייב צו באַשלאָפן. — וואָרים ווייניק שקר
פאַראַן איז אויף וועלטן? — — געזעענקסט? אפילו העלענע בת־דזעאוס,
— די שיינע אַרגייאישע טאָכטער, — וואָלט נישט קיינמאָל מיט אַ מאַנסביל
אַ פרעמדן געטון זיך באַהעפטן, אויב זי וואָלט פריער באַרעכנט,
אַז מיט פייער און שווערד וועלן אירע חיילות פון טראָיע זי
ברענגען אַהיימצו? אָ, פון יצר־הרע געטריבן, איז זי אין
אָפּגרונט געוואָרן פאַרפאַלן, און איבער אירע עבירות האָט
די מהומה פון בייזע מלחמות אויף אונז זיך צעגאָסן! —
...און איצט, אַז דו, מיין טייערער מאַן, האָסט דאָס גרויסע געהיימניש פון
אונזער בעט של אהבה געטון מיר באַווייזן; דאָס בעט, וועמעס
סטרוקטור איז נ יי ע ר ט צ ו פ אָ ר א ו נ ז געוועזן נתגלה;
צו פאַר אונז
ביידע און צו אַקטאָריס, מיין שומרת־הפּתח (וועמען מיין
פאָטער האָט מיטגעגעבן אַהערצו, ווען איך האָב מיט דיר געטון
זיך אַנטשפּויזן, — אַז זי זאָל די שטיינערנע פליגלען ביים אַריינגאַנג
פאַרריגלען), אָ, ערשט איצט האָסטו מיין האַרצן באַצווינגען און אַלע
חשדים פון ספקות פאַרלאָשן!"
געזאָגט; און נאָך אַ שטאַרקערע
בענקשאַפט האָט זיין האַרצן באַנומען, אַז מיט גליאיקע טרערן האָט
ער אין אירע אָרעמס געוויגט זיך! — און גלייך ווי פאַרבלאָנזשעטע
שיפער, וועמען דער ים־גאָט פּאָזיידאָן געטון האָט מיט געשטורמער
שטראָפירן, נאָר מיטאַמאָל קומט זיי אַקעגן אַ טרוקענע
וויספע, און אַלע ווערן ניצול פון אַ זיכער פאַרדאַרבונג, — — אָט
מיט אַזאַ מין נחת האָט זיך די מלכה געבאָדן אינם בליק פונם
מלך און מיט די ליליע־אָרעמס געדריקט אים צום האַרצן מיט
ליבשאַפט! און זע: ביזן אויפברי פון דער הייליקער עאָס וואָלטן זיי

זיכער געווען אין די הייסע אָרעמס פון ליבשאַפט געקלאָגט און
געיאָמערט, ווען נישט פּאַלאַס-אַטענע, וואָס האָט מיט אַ המצאה
— — — די נאַכט זיי פאַרלענגערט ! !... און זעט : ביים ראַנד פון באַגינען האָט זי
פון אוקינוס-שטאַרקייט איינגעהאַלטן די גיך-יאָגיקע פערדן
פּאַיעטאָן און לאַמפּאָס (וועלכע טראָגן אויף זייער רוקן די
גילדענע עאָס), בכדי אויפצוהאַלטן די ליכטיקייט פאַר לייטן!...
און אַזוי האָט דער קיניג געזאָגט צו זיין ווייב פּענעלאָפּייאַ :
„ווייב מיינס ! נאָך ווייט איז מיין שווערער נסיון צום סוף נישט דערגאַנגען :
פיל פניות און האַרטע שטיינער וועט אונטערוועגנס אונז קומען
אַקעגן, – אָבער אַלץ וועלן מיר זיין מנצח ! פון וואַנען
איך ווייס דאָס ? אָ, בשעתו, ווען איך האָב געבלאָנזשעט אינם פינסטערן
האָדעס, בכדי אויסצופרעגן ביי קלאָרע נשמות דעם גאַנג
פון מיין עבר, — האָט דער חוזה טיירעזיאַס אַלץ געטון מיר צו
וויסן ! — איצט אָבער, ווייב מיינס : הייס אויסבעטן אַ קלאָר געלעגער,
בכדי, אָרעם אין אָרעם, פון אַ גליאיקער נאַכט צו געניסן !...״
האָט מיט ליבשאַפט זיין ווייב פּענעלאָפּייאַ דערויף אים געענטפערט :
„געליבטער ! אַלעמאָל איז אָנגעברייט צו פאַר דיר מיין געלעגער,
בפרט נאָך איצט, ווען מיטן רצון פון הימלען האָסטו אומגעקערט זיך
אַהערצו : צום לאַנד, צו דיין ווייב-און-קינד און צום הייליקן היכל !
אָבער, — אָבער אַז גאָט האָט דיר יאָ שוין געהאָלפן, — טאָ דערציילזשע
מיר איצט שוין פון דיינע וויסטע נסיונות, ווייל סיי-ווי וועסטו דאָך
מיר שפּעטער דערציילן ?! אָ מאַן ! — גיב זיי מיר א י צ ט ע ר צו וויסן !״
האָט אָבער דער קלוגער האַר בן-לאַערטעס דערויף איר געענטפערט :
„געליבטע מיינע ! זאָג, פאַרוואָס ביסטו אַזוי צודרינגלעך מיט דיין
בייגיריקן אויספרעג ? — צי וועל איך עפּעס פאַר דיר דען באַהאַלטן ?
אַך ! אויפקאָכן וועט דיין האַרץ זיך פון שרעקלעכע מעשיות, און אויך
מיין האַרץ וועט זיך פון זיי נישט דערקוויקן !... הער : געזאָגט האָט דער נביא,

אַז איך זאָל נעמען אין האַנט פֿאַר אַן אָנלען אַ גלאַטיקע ווע֗סלע
און וואַנדערן מיט איר ערגעץ־ווייט, ערגעץ ווייט אינם אָן־סופֿיקן
מרחק, ביז איך וועל זיך דאָרט אָנשלאָגן אויף מענטשן־פּראַים, וואָס
די חכמה פֿון ימים פֿאַר זיי איז פֿאַרבאָרגן, וועמעס מאכלים
ווערן נישט קיינמאָל באַזאַלצן און דאָס וויסעכץ פֿון גיך־יאָגיקע
שיפֿן — צו פֿאַר זיי איז פֿאַרבאָרגן! — און זע: מיט אַ סימן־טוב האָט
דער נביא מיין ווייטן מהלך געטון מיר באַווייזן: אויב מיך
וועט אַ גייער אָנטרעפֿן ערגעץ־וואו אין מרחקים, און ער וועט
מיינען, אַז איך טראָג אויף מיין אַקסל אַ רידעל, — טאָ זאָל איך תּיכּף
אַריינשטעקן אין ערדן מיין צעטרעטענע ווע֗סלע און מיט גרויס
הכנעה זאָל איך ברענגען קרבנות צום ים־גאָט פּאָזיידאָן,
אַ ציג און אַ בוהיי מיט אַ מעוברת חזיר! — — און ווייטער
האָט מתרה געווען מיך דער חוזה: „גיי אַהיים און זיי דאָרט מקריב
העקאַטאָמבן פֿאַרן גאַנצן אָלימפּאָס, און בזכות־זה וועט מחוץ
די ימים מיט שטילע טריט דער טויט צו מיר זיך געזעגענען; גריין־גרוי
וועט אויסגיין בנשיקה מיין ריינע נשמה, און אויף מיין ערד
וועלן פֿעלקער זיך לעבן בשלווה!" — — — אָט אַזוי האָט מבשר
געווען מיר דער נביא!"

האָט דערויף פּענעלאָפּייאַ געענטפֿערט:
„אָ, אויב דער הימל האָט דיך מיט אַ שיבֿה־טובֿה באַוואָרנט, טאָ
זיי געטרייסט מיט בטחון, אַז וועסט ביישטיין דעם גרויסן נסיון!"
אָט אַזוי האָבן זיי אַראָפּגערעדט זיך פֿון האַרצן. דערווייל
האָט אייאוריקלייאַ און אייאורינאָמע ביי צעפֿלאַקערטע
פֿאַקעלן אויסגעבעט זייער וואַרעם און ווייך געלעגער. און נון
האָט אייאוריקלייאַ נאָכן צעשפּרייטן דאָס שלאָף־בעט צוריק אין איר
חדר געגנידערט, בכדי איבערצושלאָפֿן די נאַכט דאָרט. אָבער
גיך, גיך האָט אייאורינאָמע מיטן צעפֿלאַקערטן שטורקאַץ געטון
באַגלייטן מאַן־און־ווייב אינם שלאָף־בעט און תּיכּף אויף יענער זייט
פֿורטקע געגנידערט. און באַלד האָבן מאַן־און־ווייב אויף זייער אַלטן
געלעגער געלייגט זיך און געטרונקען אויסן צנועדיקן בעכער פֿון
הייליקער ליבשאַפֿט! — — — —

* * *

אוּן פאַרמאַטערט פוּן טאַנצן האָבּן אויך אַלע  
דריי: טעלעמאַכאָס, אייאוּמייאָס אוּן פילויטיאָס גלייך ווי די  
ווייבּער אַריינגעשלייכט זיך אין זייערע טוּנקעלע בּעטן, — בּיז  
אַלעמען האָט אַ זיסער געדרימל פוּן מידקייט געפאַנגען!  
אוּן געווען איז, ווען מאַן־אוּן־ווייבּ האָבּן מיט גענוּס אוּן מיט ליבּשאַפט  
זייער האַרצן געזעטיקט, — האָבּן ווידער זכרונות גענוּמען  
זיי פלעכטן; אוּן נוּן האָט אויסגערעכנט די מלכּה יעדן צער אוּן  
יסוּרים, מיט וואָס די בּייז־בּאַשריגענע חבֿרה האָבּן געטוּן  
זי צוּ שלאָגן, אוּן ווי אַזוי זיי האָבּן פוּן אירע סטאַדעס  
געשאָכטן די שמאַלציקסטע רינדער אוּן ציקלעך אוּן אָרגיעס בּיי  
אירע אייגענע ווייבּען געפראַוועט! — אוּן ע ר ווידער האָט דערציילט איר,  
וויפיל מאַנען ער האָט אוּמגעבּראַכט אויף מלחמות, אוּן וויפיל פּיין  
ער איז אויסגעשטאַנען בּיי לייטן! — אוּן נישט קיין שלאָף אוּן קיין דרימל  
האָט זיך צוּ דער מלכּה גענוּמען, בּיז אויסדערציילט האָט אַלץ איר דער  
מלך. — —  
אוּן לכתּחילה האָט ער פוּן די קיקאָנען געטוּן איר  
דערציילן, אוּן דערנאָכדעם פוּן אַלע לעטאָפאַגישע לאָנקעס.  
שפּעטער פוּנם ציקלאָפּ, וועלכער האָט אים מיט חבֿרים שיער געטוּן  
נישט פאַרלענדן, נאָר ער האָט אים מיט חכמה פאַרטיליקט. — אויך ווי  
אין אייאָלאָס איז מען בּסבר־פּנים־יפות אים געקוּמען  
אַקעגן אוּן געוואָלט אַהיים אים בּאַגלייטן. אָבּער ווייל דער  
שעת־הכּושר אַהיימצוּ איז נאָך ווייט נישט געווען, האָט דעריבּער  
דער ים זיך צעבּריקערט אוּן אים ווייט איבּער צעשטוּרעמטע כוואַליעס  
פאַרוואָרפן! — — —  
דערנאָך — ווי אַזוי ער האָט זיך צוּ די לעסטריגאָנען  
קיין טעלעפילאָס דערשלאָגן, וואוּ אַלע זיינע שיפן אוּן  
שיין־געפאַנצערטע חבֿרים זענען געוואָרן פאַרטיליקט, אוּן  
בּייערט ער אַליין איז מיט אַ שווים־שיף אַנטלאָפן! — אוּן נוּן האָט ער  
אויך פוּן דער כּישוּפטע קירקע געטוּן איר דערציילן. פוּנם האַרעס;  
פוּן דעם חוזה טײרעזיאַס; פוּן אַלע חבֿרים אַדאָרטן, —

און אויך פון זיין מוטערס נשמה, פון וועמעס טראַכט ער האָט געטון
זיך צו פּלאָדיען, — וואָס פון אירע ברוסטן פלעגט ער מילך צו זויגן! —
אויך דאָס געזאַנג פון סירענעס האָט ער איר באַוויזן. פון דער
ווילדער כאַריבדיס מיט איר שרעקיקער שטיין-הייל און פון סקילאַס
באַנעגלטע פינגער, מיט וואָס זי טוט אַלע שיפער צו אַנגלען. — —
דערנאָך, ווי אַזוי חברים האָבן די רינדער פון העליאָס
געשאָכטן און מיט גרימצאָרן האָט דער בליצשטראַליקער דזעאוס מיט
אַ קנאַליקן דונער אַלע חברים דערטרונקען, און נייערט
ער אַליין איז ניצול געוואָרן פון דער שרעקלעכער מיתה.
אויך פונם אינזל אָגיגיאַ האָט ער געטון נישט פאַרגעסן: פון דער
הייל ביי דער נימפע קאַליפּסאָ, וועלכע האָט מיט זנות אים באַשוואוירן
און צוגעזאָגט אים עד-סוף-כל-הדורות צו לעבן, אַבי צו
טון זי באַשלאָפן; אָבער פאַרשטיינערט האָט ער זיין תאווה!... און נאָך
— — ווי אַזוי ער האָט זיך נאָך אַ וויסטן נסיון סוף כל סוף
צו די ליבע פאַיעקן דערשלאָגן, וועלכע זענען אים ווי
אַן אָפּגאָט געקומען אַקעגן, און מיט שיינע מתנות פון
רודע און גינגאָלד און קליידער געטון אים אַהיימצו באַשיפן!... —
אָבער קוים האָט די לעצטע תנועה אַרויסגעזאָגט איר דער מלך,
האָט אַ זיסער שלאָף זי געפאַנגען אין זיינע ליידן פאַרשלונגען!...
און ווידער איז פאַלאַס-אַטענע מיט אַ נייער המצאה אויף
וועלטן ג[illegible]ען! — ווייל געווען איז, ווען די געטין דערזען האָט, אַז
זאַטיק פון ליבשאַפט און טענות, איז אין די אָרעמס פון דער מלכה
גענוג שוין געשלאָפן דער מלך — האָט זי אַרויסגעטריבן פון
אוקינוס איר גינגילדענע עאָס און באַגינען צעפלאַקערט
אויף ערדן! — — און ווי אַ לייב איז אָדיסייאוס אַראָפּגעשפּרונגען
פון שלאָף-בעט, און פאַר דער מלכה צעשאַלט זיך:
„אָ ווייב מיינס!
דעם כוס של מכאובים האָבן מיר גענוג שוין געטרונקען: ד ו האָסט
אייביק דיין עגונהשאַפט געטון דיר באַוויינען, א י ך ווידער האָב
אייביק פון קראָניאָנס מפלות געבענקט צוריק אין מיין היכל.
איצט אָבער, באָכדעם ווי מיר האָבן ביידע אַ נאַכט פון געבוס דאָ
געפראַוועט, — טאָ זאָרג-זשע מיר פאַרן נשאר נאָך די שונאים פון היכל.

און וואָס ווידער ס'איז שייך די געשאָכטענע סטאַדעס, — וועל איך
אַ ביסל ביי פרעמדע פעלקער אין שלל פאַרכאַפּן, אַ ביסל
וועלן מיר אומקערן די ליבע אַכייער, ביז אָנגעפילט וועלן
ווערן צוריק אונז די שטאַלן! — און איצט וועל איך צו מיין פאָטער
לאַערטעס געגענען, וועלכער טוט מיך אוודאי אַזוי האַרציק
באַוויינען. דיר אָבער, געליבטע — הגם דו פאַרשטייסט אַליין דאָס, —
טו איך באַפעלן: מיטן אויפגאַנג פון העליאָס וועט זיכער ווערן אין
שטאָט אַ מרידה צוליב דעם, וואָס איך האָב די שונאים פאַרטיליקט.
דערום זאָלסטו תיכף מיט דיינע באַדינערקעס קומען אַרויף
אין דיין קאַמער און שווייגיק מיט קיינעם קיין וואָרט נישט פאַרלירן!״
געזאָגט; און מיט באַפּאַנצערטע וואָפן האָט ער אָנגעגורט זיך די
לענדן און גיך, גיך געלאָפן איבערוועקן טעלעמאַכאָסן,
אייאומייאָסן און פילויטיאָסן, אַז אויך זיי זאָלן איצט
זיך באַוואָפענען... און נון האָבן אַלע דריי זיך באַוואָפנט און
באַפּאַנצערט, און פון צעפּראַלטע שערים נאָכגעשפּרייזט נאָך די טריט
פונם קיניג. — און באַלד טאַקע האָט העליאָס צעפינקלט די ערדן, נאָר
מחוץ־לעיר האָט דורך אַ נעפּל געפירט זיי פּאַלאַס־אַטענע.

# דאָס פירונצוואַנציקסטע געזאַנג

פריד

אוּן נוּן האָט הערמייאָס, דער גאָט פוּן קילענע, געטוּן איינזאַמלען
די נשמות פוּן אַלע חתנים, — האַלטנדיק אין האַנט זיין
אויסגעשפּרייטן, גינגילדענעם שרביט, מיט וואָס ער פּלעגט פאַרמאַכן
ביי לייטן די וויִעס, און ברצונו צוּריק אויפגעוועקט זיי צוּ
תחית־המתים! — און ווי פלעדערמייז, וואָס ליגן אויף קראַקוועס פוּן
שרעקלעכע חורבות צעהאָנגען — אָבער קוים רייסט ניירט אָן איינציק
באַפליגלט מייזל אַראָפּ זיך פוּן באַלקן, — טאָ דערהויבט זיך נאָך
דעם מיט אַ ווילדן געפלאַטער די גאַנצענע סטאַדע, — — אָט אַזוי
האָט די סטאַדע נשמות מיט אַ ווילדן גערויש זיך צעזשומעט
אוּן טוליענדיק נאָכגעשוועבט זיך מיט הערמעס צום טונקעלן האַדעס!
אוּן פליענדיק איבערן אוקינוס, האָבן זיי אויסגעמיטן
אונטערוועגנס איבער לייאוקאַדישע סקאַלעס די זוניקע
טויערן, — אַז באַלד נאָכן לאַנד פוּן חלומות האָבן זיי צוּ דער
גרויער אַספאָדעלאָס־לאָנקע געטוּן זיך דערשלאָגן: צום וויסטן
עראָבאָס, וואו דער אוצר־הנשמות ליגט דאָרט באַהאַלטן!
אוּן נוּן האָבן זיי זיך מיט דער נשמה פוּן אַכילייאָס בן
פּעלייאָס באַגעגנט, מיט פּאַטראָקלאָס און אַנטילאָכאָס און מיטן
געלייטערטן אַיאַס, — וועמעס קלאָרע נשמה וואָלט פוּן אַלע
דאַנייער צוּ בן־פּעלייאָס געקאָנט זיך פאַרמעסטן.
אוּן געפּאַדעט אַרום אַכילייאָס האָבן אַלע נשמות.
אוּן אַריינגעשלייכט האָט אויך זיך די נשמה פוּן בן־אַטרייאָס
אַגאַמעמנאָן, אונטער וועמען עס האָבן פוּן שוואַרצן עגיסטאָס
אויך די איבעריקע שאָטנס געצאַפּלט! — און אַזוי האָט בן־
פּעלייאָס די צעקלעמטע נשמה פוּן זיין חבר באַגעגנט:

„אָ בן־אַטרייאָס! מיר האָבן געגלויבט, אַז דערפאַר וואָס גאָט דזעאוס
האָט פון אַלע גבורים רק ד י ך געטון אויסדערוויילן פאַר
אַ מושל אין אונזער מלחמה אַקעגן שטאַרקע טראָיאַנער, —
וועסטו דעריבער נישט אויסגיין מיט אַ מיתה־משונה. וואָס קאָן
טרעפן אַיעדערן הדיוט! אָבער זע: אויך ד ו ביסט אַ ה ע ר צ ו
ווי יעדער בן־אדם געקומען! — עך, וואָלסטו אָבער אין שלאַכטפעלד
געווען געפאַלן? — היי! היי! אויפגעשיט לזכרון וואָלטן
מיר גריכן אויף דיין קבר אַ שווערע מצבה, אַז עד סוף כל
הדורות וואָלט דיין שם־טוב געקלינגען!! אַזוי אָבער? — עט! עפּעס
מיט אַ מיתה־טריפה האָט דער גורל געטון דיך פאַרלענדן!..״
נון האָט זיך די נשמה פונם אַטריד אויף זיין טענה צעשאָטנט:
„אָ, דו געטער־צוגלייכער בר־מזל אַכילייאָס מזרע
פעלייאָס, ווענעס לעבן ס'איז אין טראָיע, אין מרחק פון אַרגאָס
געגאַנגען לאיבוד! אַך, אַרום דיר זענען די שענסטע זין פון
יון און טראָיע געוואָרן געמינערט, און אויך ד יי ן גוף האָט שוין
אין שטויב זיך געוואַלגערט, פאַרגעסנדיק אָן אונזער וואָגן מיטן
אויסגעדלויבעטן פערד! זע: אַ גאַנצן טאָג איז נאָך אָנגעגאַנגען
אונזער רויטע מלחמה. ביז דזעאוס האָט געטון זיי באַצווינגען!...
און נון האָבן מיר דיין איידעלן גוף אַוועקגעטראָגן פונם
שלאַכטפעלד אין אונזערע שיפן: אין לעבלעכן וואַסער געטון אים
צו וואַשן; און נאָך דער זאַלבונג, — אַוועקגעלייגט אים אויף אַ טייער
בעטל! דערויף האָבן מיר מקוננים געטון דיך באַוויינען
און אויסגעפליקט די האָר פון די קעפ זיך. און פון אונזער געקלאָג איז
אַזש דיין מוטער מיט די נימפעס אויפגעשוואומען פון ימים, און פון
זייער געשריי האָט דער ים אַזש געציטערט, — אַז פאַרגליווערט זענען
געוואָרן אַלע שטאַרקע אַכייער! און מיט געשטורעם וואָלטן
מיר זיכער מיט שיפן אַנטלאָפן, ווען נישט נעסטאָר, דער בעל־יועץ,
וואָס האָט מיט זיין חכמה. געטון פון אונז די נבלה פאַרמיידן.
און אַזוי האָט נעסטאָר זיין חזיון דערהויבן מיט שאַלונג:
„נישט אַנטלויפט איצט, אַרגייער! וואַרט, איר טייערע זין פון אַכייאַ!
— דאָס איז דאָך זיין אייגענע מוטער מיט די אייביקע נימפעס, — איר
איידעלן זון, דעם בר־מינן, געקומען אַהערצו באַוויינען!...״

געזאָגט ; און אַזוי ערשט האָבן די פּליטה געטון זיי פאַרמיידן.
און נון האָבן אונטער שיווערע יללות די ימישע טעכטער
מיטן קברנס תּכריכים געטון דיך באַקליידן. אויף אַמאָל
האָבן אַלע ניין מוזעס מיט אַ הספּד-געקלאָג געטון דיך
באַוויינען, אַזש די הערצער פון אַלע אַכייער האָבן גערירט
זיך פון וויינען, און איבערגעגאַנגען דאָס אויג איז פון טרערן !
און זיבעצן מעת-לעתן זענען מיר מיט אַלע הימלישע
געטער נאָך דיין נשמה אַרומגעגאַנגען אבלים. און ערשט
אויפן אַכצטן כאור האָבן מיר דיין גוף געשאָנקען דעם פייער,
און מקריב געווען קרבנות — אַ סעודת-אבלה נאָך דיין
גרויסער נשמה ! און מיט האָניק און בשמים און איילן האָבן
מיר דיינע געטער-תּכריכים באַגאָסן ; — — — און שאַרנווייז האָבן
באַפּאַנצערטע גריכן (צו-פוס און באַוואָגנט) עולה-רגל
געווען צו דיין גרויסער לוויה ! און צומאָרגנס, נאָכדעם ווי די
פייערדיקע צונגען פון העפייסטאָס האָבן צו דער פמליא
של מעלה געטון דיך דערהויבן, — האָבן מיר פונם פאַרשרפהטן
אַש אַרויסגעשאַרט דיינע ביינער און מטהר געווען זיי אין
וויין און אין בוימלען. דערויף האָט דיין מוטער, — אַ ליכטיקער קרבן, —
געטון ברענגען אַ גינגילדענע מיטה, וואָס דיאָניזאָס האָט
במתּנה פון העפייסטאָס באַקומען. און זע : אָט אין
י ע נ ע ם אָרון, אָ גרויסער העלד אַכילייאָס, רוט דיין געביין
אינאיינעם מיט די ביינער פון פּאַטראָקלעס, און גאָר באַזונדער די
עצמות פון אַנטילאָכאָס, — צו וועמען דו האָסט נאָכן טויט פון
בן-מענייטיאָס געטון זיך פאַרבונדן ! און נון האָט דאָס חייל
פון אַרגאָס אויפן ראש-הפסגא פון העלעספּאָנטאָס אויפגעשיט דיר
אַ קבר מיט אַ גרויסער מצבה, אַז ביז דער וויטקייט פון ימים
זאָל לייכטן פאַר שיפער דיין נאָמען און אַז עד סוף כל הדורות,
אָ אַכילייאָס, זאָל קלינגען אויף וועלטן דיין העלדישער שם-טוב ! —
און צו פאַר די גבורי-מלחמה געבראַכט האָט דיין מוטער אויפן
שלאַכטפעלד באַגאָטישע, שיינע מתּנות. — און גלויב מיר, אָ פריינט
בן-פּעלייאָס : הגם דו ביסט נישט איינמאָל געווען שוין אויף גרויסע
לוויות פון שטאַרקע מלכים און איינגעקוקט זיך, ווי עס

קעמפט אַרום קבר צוליב מתנות דאָס באַפּאַנצערטע יונגוואַרג ; — —
ד אָ אָבער וואָלסטו זיכער געוואָרן נשתּומם, ווי אַזוי די
זילבער-פיסיקע טעטיס האָט אַוועקגעלייגט אויף דיין קבר די
גרויסע מתנות, וואָס פאַר זייער ליבלינג געשיקט האָבן הימלען !...
און דערום טאַקע, אַכילייאַס, קלינגט אויך איצט נאָך דיין פּטירה אויף
אַלע וועלטן אַרומעט, — עד סוף כּל הדורות דיין שם-טוב ! — —
און מיר ? אָ, וואָסער נחת האָט מיר דען די מלחמה געגעבן ?
מער נישט : קומענדיק אַהיימצו, האָט גאָט דזעאוס אָנגעברייט מיר דעם
מלאך-המות אין דער צורה פון ווייב און ביין עגיסטאָס !"
אָט אַזוי האָבן ביידע נשמות מיט שאַלונג געטענהט. און
באַלד טאַקע האָט דער מערדער פון אַרגאָס אַריינגעשוועבט אינם האַדעס,
און הינטער אים האָבן מיט געפלאַטער די נשמות פון אַלע
חתנים געצאַפּלט. — — און נבהל-ונשתּומם זענען ביידע
מלכים פון די אורחים געוואָרן. — און נון האָט דער שאָטן פונם
אַטריד אַגאַמעמנאָן געטון דערקענען די נשמה פון
אַמפימעדאָן בן מענעלייאַס ; דעם חתן, וועלכער האָט אים ווענס
מכניס געווען אין איטאַקאַ. און נון האָט דער אַטריד צעשאַלט זיך :
„אָ אַמפימעדאָן ! וואָסער אומגליק האָט אייך אַהערצו געטריבן ?
אַך, אַזוי פיל געקליבענע זכרים, וואָס טרעפן זיך אַזוי זעלטן —
אינאיינעם ? זאָג : האָט אייך אפשר דער ים-גאָט פּאָזיידאָן מיט ווילדן
געשטורעם איבער ווייטע ימים באַצוואונגען ? אָדער זענט איר
גאָר אויפן ישוב פון דאָרפישע רויבער געוואָרן פאַרטיליקט, ווייל
איר האָט זייערע שאָף און רינדער פון זייערע שמאַלציקע
סטאַדעס פאַרטריבן ? צי אפשר גאָר דערפאַר, ווייל איר האָט אינם כּרך
געטון פרעמדע ווייבער פאַרפירן ? — אָ, דערציייל מיר ! — וואָס ? דו
שווייגסט ? ?
האַ ? אַך, צי בין איך דען אויפן עולם-השפל ביי דיר צו גאַסט נישט
געוועזן ? און צי געדענקסטו שוין מער נישט, ווי אַזוי איר האָט מיך
מיטן קיניג מענעלייאַס מהנה געוועזן, בעת מיר
זענען אַהינצו געקומען פאַרבעטן דעם העלד אָדיסייאוס,
אַז ער זאָל מיט אונזערע שיפן אַקעגן טראָיע געגענען ?
אָ, אַ גאַנצן חודש האָבן מיר דעם האַרטן גבור איינגערעדט

צו מלחמה, און ערשט ד אַ ן האָט מיט אונז ער געצויגן!״
געזאָגט; און
אַזוי האָט אים בן-מענעלייאָס געענטפערט:
„אָ בן-אַטרייאָס —
אַגאַמעמנאָן! פון אַלץ, וואָס דו האָסט געטון מיך דערמאַנען, — ליגט טיף
אין מיין זכרון באַהאַלטן! דערום בויג דיין אויער איצט, אָ קיניג,
און איך וועל פון אונזער שרעקלעכן טויט דיר דערציילן: מיר, יונגען,
האָבן געגאַרט זיך אַנטשפּויזן צו דער עגונה פון דעם וויטן,
פאַרפאַלענעם האַר אָדיסייאוס. און צוגעזאָגט האָט זי יעדן
באַזונדער אַ חופה, אָבער בערמה האָט זי געטראַכט אונז
פאַרלענדן! און אַזוי האָט זי געטון אונז גענאַרן:
מיט פאַלשקייט
האַט געוועבט זי אין קאַמער בערמה אַ גרויסע יריעה,
און געטון זאָגן אַזוי צו חתנים: „נישט רייסט אייך איבער מיין
כלהשאַפט, אָ איר יונגען, וואָס איר ליבט מיך נאָכן טויט פון מיין מאַן
אָדיסייאוס, — ביז אויסגעשפּינען זיין וועט דערדאָזיקער מאַנטל
(ווייל אַ שאָד, אַז דער פאָדעם זאָל גיין מיר לאיבוד!), אָ, פאַרן אַלטן
לאַערטעס איך וועב איצט תכריכים, בכדי ווען די שעה פון טויט וועט
נעמען אים רופן, זאָל קיין שום אַכייאישע אשה פון מיין
גאַנצער מדינה נישט טייטלען אויף מיר מיט די פינגער, אַז: אָן
תכריכים ליגט דער מושל פון פעלקער!״ — אָט אַזוי האָט געלייגט זי
בערמה און אַלעמענס הערצער גענומען! — און נון האָט אין די
טעג זי געוועבט און געשפּינען, און ביי דער שיין פון קאַניץ האָט אין די
נ ע כ ט זי צעשטערט איר טעגלעכע אַרבעט! — און — אָט אַזוי האָט
זי דריי
יאָרן כסדר געטון אונז גענאַרן. אָבער אויפן פערטן יאָר,
ווען מיטן גאַנג פון מזלות זענען טעג זיך געשוואומען, — האָבן
כיטרע באַדינערקעס מגלה געווען דעם סוד אונז, ביז מיר
האָבן געכאַפּט זי ביים צעטרענען די שיינע געוואַנדן; און אָן
רצון האָט זי בעל-כרחה געמוזט העפטן פאַרן שווער די תכריכים!
אָבער קוים איז אויסגעשטיקט געוואָרן די גרויסע יריעה, און ווי
זון און לבנה נאָכן וואַשן — צעשטראַלט זיך — האָט מיטאַמאָל זיך

אָדיסייאוס, ווי אַ בייזער שטן געיאָוועט ; און איז גראַד אויפן
ישוב אינם געצעלט פון זיין פאַסטוך אייאומייאָס געוואָרן
פאַרבלאָנזשעט, וואוהין זיין זון טעלעמאכאָס האָט דאַן מיט זיין שווים-שיף
אומגעקערט זיך פון דער זאַמדיקער פילאָס. — און נון האָבן ביידע
געמאַכט זיך הכנות צו דער גרויסער פאַרציקונג פון ליבע
חתנים. און ווי אַלעמאָל האָט טעלעמאַכאָס אַריינגעשאַרט
זיך אין הכל, און הינטער אים האָט אייאומייאָס געבראַכט דעם
קיניג, ווי אַ בעטלער צו פירן... און זע : אָנגעלענט אויפן שטעקן
האָט אַן אַלטער בעטלער מיט צעריסענע שמאַטעס צו פאַר אונז זיך
באַוויזן ! און קיינעם האָט זיך גאָרנישט געלייגט אויפן שכל, אַז אָט
דערדאָזיקער קבצן זאָל זיין דער מעכטיקער העלד אָדיסייאוס...
און דערום טאַקע האָבן מיר מיט מיאוסע זלזולים מצער געווען
דאָרט דעם זקן : און געווען איז ער גאָר דער קיניג !... און
הער : שטיל

און שווייגעדיק האָט ער לכתחילה אַריבערגעטראָגן די
בייזע בזיונות. אָבער געווען איז, ווען דזעאוס איז צו הילף
אים געקומען מיט קראַפט און גבורה, — האָט תיכף אָדיסייאוס
ווי אַ צעבייזערטער לייב זיך דערהויבן און געטון צו זיין זון
טעלעמאַכאָס באַפעלן אַלע וואָפן אויפן גאָרן פון אונז צו
באַהאַלטן. דערנאָך האָט ער געהייסן אַלע טירן און ריגלען
פאַרדעקן ; איז אַרויף צו דער מלכה, אַז זי זאָל מיט אַ קאַמף-שפיל
אונז רייצן, — אַ התחלה צו דער בלוטיקער שחיטה !... אָבער אַך :
אונטערגעהאַקט איז געוואָרן דער העלדישער כוח פון חתנים, —
ווייל קיינער האָט נישט באַוויזן אַ פייל אינם בויגן צו שפאַנען !...
און צו אויפן בעטלערס בקשה האָט דער פאַסטוך איבערגעגעבן
דעם בויגן צום קיניג, און אויף אונזער פראָטעסט האָט טעלעמאַכאָס
דווקא געהייסן אים געבן דעם בויגן, — אָ ! דענסטמאָל האָט דער
שווער-געלייטער העלד אָדיסייאוס געגעבן אַ כאַפּ די צייל
און דעם בויגן ; מיט לייכטקייט געשפאַנט אים : צצ-ציקק, און כהרף-עין
האָט ער צוועלף לעכער פון די טאָפעריסקעס צעלעכערט ! און
נון האָט ער אויסגעשיט די טאָרבע מיט פיילן אויף דער שוועל פונםברייטן
אַריינגאַנג : פיף-פּצף, און תיכף האָט אַנטינאָיאָס אַ טויטער אין

שטויב זיך געוואַלגערט! — און אָט אַזוי זענען דורך פיילן און שווערדן
קופּעס הרוגים געפאַלן; און עס איז קענטיק געוועזן, אַז
אַ פינגער פון הימל האָט מיט בייזער נקמה געטון דעם
קיניג צערייצן! פאַרוואָס? — ווייל מיטן דרייסטן געבריל האָבן אויף רעכטס
און אויף לינקס געשניטן חלפים, און מיט גסיסה-געיאָמער
האָבן קעפּ פון הרוגים אין בלוטיקן שטויב זיך געקאַטשעט. אָט
אַזוי, אַזוי, אַ האַר אַגאַמעמנאָן, האָט אָדיסייאוס געטון
אונז פאַרציקן, און אפילו די נפשות געבראַכט נישט צו
קבורה! און אַך: אַ סוד איז פאַר אַלע די גרויסע נבלה, אַז
קיינער קומט נישט אפילו מטהר צו זיין אונז די פאַרגליווערטע
דמים, צו טון אונזער רעכט, ווי עס פירט זיך לכבוד הרוגים!"
האָט די נשמה פון בן-אַטרייאָס דערויף אים געענטפערט:
„וואויל דיר, אַ ליכטיקער בר-מזל אָדיסייאוס בן-לאַערטעס!
פאַרוואָר; מיט אַ געטרייער אשת-חייל האָבן אַנטשפּויזט דיך די
הימלען! זע: איבערגעגעבן מיט ליבשאַפט איז פּענעלאָפּייאַ
בת-איקאַריאָס ביזן סוף דיר געוועזן. דעריבער טאַקע וועט איר
שם-טוב נישט ווערן פאַרלאָשן; אַז עד סוף כל הדורות וועלן
לכבודה אַלע הימלען מיט געזאַנג זיך צעשאַלן, און צו פאַרן
צניעות פון בת-איקאַריאָס וועלן זינגען שירה פון אָלימפּאָס
די געטער! — ניין! נישט ווי בת-טינדאַרעאָס, וועלכע האָט איר בועל
במזיד געמיתט; וואָס צוליב איר שווערער עבירה זענען
שוין אַ ל ע נשים אויף ערדן באַגלויבט נישט ביים מאַנסביל: אפילו
אַזאַ, וואָס איז אייביק מטהר זיך אין איר צניעות און כשרות!..."
אָט אַזוי האָבן די טויטע נשמות געטענהט — ד אָ ר ט, אויף
דער טונקעלער שוועל פונם האַדעס, — ביים טויער פון פינסטערן קבר!

* *
*

און נון האָבן אַלע פיר: אָדיסייאוס, טעלעמאַכאָס מיטן
פּאַסטוך אייאומייאָס און פילויטיאָס צום הויז פון לאַערטעס
געענידערט; אויפן ישוב, וואָס ער האָט בשעתו באַצוואונגען! און ד אָ ר ט
האָט דער אַלטער אויפגעשטעלט זיך אַ דירה, אַ גאָרטן מיט שטאַלן,

און אַן עס־שטוב פֿאַר זיך מיט עבדים, — וועלכע פֿלעגן געטריי אים
באַדינען. חוצדעם האָט געוואוינט דאָרט אַ סצילישע זקנה, וואָס
פֿלעגט אויפֿן פֿאַרוואָרפֿענעם ישוב דעם אַלטן מתבודד פֿאַרזאָרגן
מיט עסן, און מיט בטחון געטרייסט אים אין יעדערער צרה!
און אַזוי האָט צו זיינע באַגלייטער צעשאַלט זיך דער קיניג:
„גענענט אייך, חברים, אַריין אין דער שפּייז־שטוב און טוט אָנברייטן
וואָס גיכער אַ זאַטיקן מאָלצייט פֿון אַ שמאָלציק חזיר! איך
אָבער וועל דערווייל אַריינגיין צו אונזער אַלטיטשקן פֿאָטער
און זען אויף טשיקאַווועסט, צי ער וועט מיך דערקענען, אָדער צי איך
בין פֿאַר די לאַנגע, פֿאַרפֿאַלענע יאָרן אים פֿרעמד שוין געוואָרן!...”
געזאָגט; און דערלאַנגט האָט ער די וואָפֿן צו זיינע באַגלייטער. און
תּיכּף זענען זיי אַריין אין דער דירה. — אָדיסייאוס אָבער
איז הענדעם־פֿענדעם אינם סעדל געלאָפֿן, בכדי אויסצופּרוּוון
דעם פֿאָטער. און זע: נישט דאָליאָס און נישט די בני דאָליאָס זענען
געווען איצט אין גאָרטן. ווייל באַגלייט פֿון אַן אַלטיטשקן סקלאַוו האָבן
זיי מיט עבדים אויפֿן פֿעלד זיך צעוואָרפֿן, בכדי איינצוזאַמלען
פֿיל פּרוטיעס און דערנער, אויף אַ פֿלויט אַרום גאָרטן צו פֿלעכטן.
און נייערט דעם פֿאָטער אַליין האָט ער אָנגעטראָפֿן אין סעדל, —
בעת ער האָט אַזוי אונטער אַ בוים זיך געבאָברעט, און ווי!
אַ שוואַרץ־קויטיקער כיטאָן איינגעדעקט האָט זיין נפֿש, צעפֿליקטע
צווי כאָליעוועס האָבן אַרום זיינע קני זיך געגאַרטלט און פֿאַר
שטעכיקע דערנער האָבן די פֿינגער אין אַ פּאָר הענטשקעס געטון
זיך באַשיצן; און צום צייכן פֿון טרויער — האָט אַ שוואַרץ־ציגענער
קאָלפּיק איינגעדעקט אים דעם מוח? — און געווען איז, ווען דער גרויסער
זון אָדיסייאוס דערזען האָט זיין אַלטן, צעבראָכענעם פֿאָטער,
האָט ער אונטער אַ באַרנבוים געטון זיך באַהאַלטן און ביטער, —
אַך ביטער געהעשעט! — און נון האָט אַ ספֿוק־ספֿיקא זיין
האַרצן געעקבערט: צי זאָל ער פֿאַלן אין די אָרעמס פֿון זיין
אַלטיטשקן טאַטן און געבן זיך באַלד צו דערקענען; אָדער צי
זאָל ער נעמען אים פּרוּוון און זען צי ר'וועט אַליין זיך דערוויסן. —
און אַזוי ווי זיין האַרץ האָט צווישן באַקענונג און אויספּרוּוו געוויגט

זיך, האָט איבערגעוואויגן די חכמה פון אַן אויספּרווו בערמה!
אַזאַ געווען איז די מסקנא פון קיניג. און באַלד טאַקע האָט
ער צום פּאָטער גענידערט, וואו ער איז אַלץ נאָך געבויגן איבער
דעם ביימל געשטאַנען. און נון האָט ער צוגעשלייכט זיך צום אַלטן
און בתמימות צעשאַלט זיך:
„זיידענקע! שוין זענען דיינע סעדער
מיט פּירות באַהאָנגען! אָך, ווי אַלץ איז אַזוי גוט דאָ געראָטן:
די טרויבן, די באַרן, דער איילבוים און אַלע זאַפטיקע פייגן.
היינט טאַקע: אַרומגעשניטן און נישט אָפּגעלאָזן אפילו
קיין איינציקעס צווייגל, — — חוץ איין חסרון, וואָס איך האָב
דערזען דאָ!... —
נישט נעם מיר פאַראיבל, וואָרים זע, ווי אָפּגעלאָזט דו אַליין
ביסט פון אַלע ביימער אין גאָרטן! — פון אַלטקייט צעבראָכן, ברודיק
און מיט צעשליסענע שמאַטעס! — — קענטיק, אַז נישט פון פוילקייט
האָט דיין
האַר אַזוי דיך פאַרלאָזן, ווייל נישט קיין הדיוט קוקט אַרויס פונם אויג
דיר. — אדרבא: אַ צורה פון אַן אָפּגעלאָזענעם מלך
גלאַנצט אַראָפּ פון דיין מאָגערן גפש, — ווען עס פעלן רק גוטע
מזונות, מנוחה און בעדער, ווי עס פּירט זיך ביי זקנים!...
איצט אָבער, אָ אַלטער, — לאָז דעם אמת מיך הערן: איבער וועמעס
סעדער ביסטו דער משגיח, און ווי רופט זיך דער באַלעבאָס פון
דידאָזיקע גערטנער? היינט טאַקע וויל אויכעט איך וויסן, צי בין
איך שוין באמת אויפן אינזל איטאַקאַ דערגאַנגען, אַזוי ווי
עס האָט מיר מבטיח געווען אונטערוועגנס אַ גייער? דאַכט
זיך, אַז נישט קיין איבעריקער צדיק איז דיין ביטערער שכן,
ביי וועמען איך האָב נאָכגעפרעגט זיך אויף די מנהגים פון אייער
מדינה. עפּעס מיט אַ האַלב מויל האָט ער מיר געענטפערט, ווען
איך האָב אויף מיינעם אַ חבר געפרעגט זיך, צי לעבט ער אָדער אים
האָט שוין דער האַדעס חלילה פאַרשלונגען! אָ, אַמאָל האָט דיינס
אַ בן-עיר אין מיין ווייטער מדינה פאַרבלאָנזשעט. און זע: ווי דעם
טייערסטן אורח בין איך אים געקומען אַקעגן; מכבד
געווען אים מיט כל-טוב פון מיין היכל, ווייל אַזאַ אָנגעלייגטער

גאַסט איז מיר נאָך קיינער געווען נישט! און געזאָגט האָט דער פרעמדער: „פון
איטאַקאַ האָב איך אַהערצו פאַרבלאָנזשעט, און אַליין בין איך
מזרע לאַערטעס בן אַרקייזיאָס!...״ — האָב איך מיין אורח
אַריינגעבראַכט אין מיין היכל, כורת־ברית געווען אויף אונזער
אייביקער פריינטשאַפט און צום אָנדענק געשענקט אים זיבן טאַלענטן
פון קונציק־געשלאָגענעם גינגאָלד; אַ טייערן זילבערנעם
ווין־כוס מיט פרעכטיק־געשמאָלצענע בלומען; צוועלף וועבענע קאָלדרעס
און צוועלף זעלטן־געשטיקטע יריעות. חוץ דעם, צוועלף העמדער און צוועלף
פרעכטיקע כיטאָנס פון פערפל און תכלת. און דערצו, האָב מוסיף
געווען איך, פיר שיינינקע מיידלעך, וואָס נוצן צו יעדערער
אַרבעט; מיידלעך, וועלכע ער אַליין אויסדערוויילט האָט פון היכל!...״
אין מיט אַ פאַרשטיקט געיאָמער האָט אים דער פאָטער געענטפערט:
„אָ פרעמדער! פאַרוואָר: דו ביסט איצט אינם לאַנד, נאָך וועלכן דו פרעגסט זיך!
אָבער אַך: איצט שווייבלען און ווימלען אינם לאַנד דאָ ווילדע חתנים
און דו האָסט דעריבער בחינם מיט דיינע מתנות געטון
אים פאַרשיטן. יאָריך אויב דיין פריינט וואָלט אין איטאַקאַ געווען, —
אָ! מיט מידה כנגד מידה וואָלט ער געטון דיר באַצאָלן
און דער חוב פון אייער חברשאַפט וואָלט אויף דאָס ניי זיך צעפלאַקערט! — —
איצט אָבער, זאָג מיר, אָ פרעמדער: וויפיל יאָרן זענען אַוועק שוין,
זינט דיין אומגליקלעכער אורח איז געווען ביי דיין היכל? — אָ, הער,
זע — אַך: ממ־מיין, — יאָ, מ יי ן אייניק קינד [illegible]
[illegible] אַסט דאָרט געוועזן!...
— — אָ זון מיינער! ווייט פון דיין היימלאַנד דאָבן ווייטע ימים געטון
דיך פאַרשלונגען און ציינער פון ים־פיש — אויף טויט דיך צעפרעסן. — און
אפשר גאָר ביסטו געוואָרן אויף יבשה צום געפרעס פאַר
חיות און עופות? אָ, וויי, וויי! איבער דיין יונגן קבר האָבן דיין

פאָטער און מוטער אפילו קיין איינציקע טרער נישט פאַרגאָסן !
און זי, דיין שטילינקע ווייב פענעלאָפייאַ, איז אפילו נישט
געשטאַנען ביים גוסס צוקאָפּנס און נישט פאַרמאַכט אים די וויִעס, —
ווי עס פירט זיך ביי לייטן ! — — —
דערציייל מיר, אַ איידעלער פרעמדער : ווער
ביסטו און פון וואַנען קומסטו אַהערצו ? ווי אַזוי רופט זיך דיין
לאַנד און דיין שבט ? וואו האָסטו געלאָזן שטעקן דיין שיף מיט די
איידעלע שיפער־חברים ? זאָג : ביסטו אפשר מיט אַ פרעמדער שיף
אַהערצו געשוואומען ? און אַז ביסט אַרויף אויף יבשה האָט זי
ווידער איבער ימים געלאָזט זיך ?"
האָט אָדיסייאוס געענטפערט :
„אויף דיין פאַרלאַנג וועל איך דעם קלאָרענקן אמת זיין דיר מבשר !
הער : פון אַליבאַס בין איך גאָר אַ תושב, און נייערט מיין איז דער
הייליקער היכל נאָך מיין פאָטער אַפיידאָס, וועמעס שלשלת־
היוחסן עס ציט זיך פון מיין זיידן פאָליפעמאָנס. איך אַליין
ווידער רוף זיך עפּעריטאָס. אָבער בעת איך האָב אַזוי מיט דער
שווים־שיף אין סיקאַניאַ געלאָזט זיך, האָט עפּעס אַ שטן מיט
ווילדן געשטורעם מיך אַהערצו פאַרוואָרפן. און ווייט, ווייט רוט מיין
שיף מיט שיפער־חברים ; און פינף יאָר כפי־ערך זענען
אַוועק שוין, זינט אָדיסייאוס איז פון אַליבאָס אנטלאָפן.
אַ אַלטער ! ווען דיין זון האָט מיין היכל פאַרלאָזן, האָבן פויגלען
מיט בשורית־טובית געפלאַטערט אַקעגן, אַז מיט שמחה האָט ער
געלאָזן אין וועג זיך : מיט בטחון אויף דער אייביקער פריינטשאַפט !..."
געזאָגט ; און אַ שייאַרצער וואָלקן פון טרויער איינגעהילט האָט דעם
אַלטן. אין אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, האָט ער אויפגעהויבן
אַ זשמעניע, מיט וועלכער ער האָט זיין גרייז־גרויען קאָפּ גענומען זיך
באַשיטן, אין ביטער, אַך ביטער געהעשעט ! — אָבער געווען איז,
ווען אָדיסייאוס דערזען האָט זיין דערשלאָגענעם פאָטער, האָבן
טרערן גענומען אים ווערגן אין נאָז און אין גומען, אַז באַלד איז
ער אַרויף אויפן האַלז פונם פאָטער און מיט הייסע טרערן
באַקענט זיך :

„איך! איך, טאַטע, בין דיין זון אָדיסייאוס, נאָכן וועלכן דו פרעגסט זיך!!! — — —
אָט בין איך, נאָך יאָרן צוואַנציק, ווידער געקומען אַהערצו!
ובכן, פאַרמייד זיך פון וויינען און הער, וואָס איך בין דיר בקיצור
מבשר: — ווייל אונז טרייבט איצט פון דאַנעט אַנטלויפן! — אַלע שונאים
האָב געטון איך פאַרלענדן און אויף טויט פאַרציקט די חתנים!..."
האָט אָבער דער גרייז-גרויער לאַערטעס דערויף אים געענטפערט:
„אויב דו ביסט באמת — ווי דו זאָגסט — מיין זון אָדיסייאוס, — טאָ גיב
מיר אַ צייכן איך זאָל דיך דערקענען, אַז דו טוסט נישט גענאַרן?!"
האָט זיין כיטרער זון, קיניג אָדיסייאוס, דערויף אים געענטפערט:
„ראשית, קוק זיך איין אינם שראַם, וואָס איז מיר פון אַ ביס פון אַ ווילד
חזיר אויפן פוס דאָ פאַרבליבן. געדענקסט: דו און די מאַמע האָבן
אין מיין געבורטס-טאָג ממלא געווען די בקשה פון האַר
אייאוטאָליקאָס: אַז איך וועל ווערן דערוואַקסן, זאָל איך קומען
צו גאַסט ווענס אויף פאַרנאַסאָס און טרייבן דאָרט יאַכט מיט זיינע בנים?!
און איצט, טאַטע, וועל איך דיר אָנרופן אַלעביימער פונס סאַד דאָ;
די ביימער, וועלכע דו האָסט מיר נאָך קינדערווייז געשאָנקען, בעת איך
פלעג דיר נאָכלויפן אַהערצו אין גאָרטן. — געדענקסט: אונטער יעדן
בוים האָסטו מיך געפירט און מיט אַ באַזונדערן נאָמען געטין
אים צו רופן? און מיט דרייצן באַרנביימער האָסטו געטון מיך
באַשענקען; מיט רויטע עפל-ביימער — צען און פערציק מיט פייגן.
און פופציק שורות פון כלערליי ווייַנטרויבן האָסטו מבטיח
געווען מיר צו שענקען. און שויער זענען די טרויבן אויף די שטענגלעך
געהאָנגען, ווייל די האָרן פון דזעאוס האָט מיט ברכה געבענטשט זיי;"
געזאָגט; און אויפגעציטערט דאָט ביים אַלטן דאָס האַרץ און די קניִען,
ווייל כפי די אָנגעוויזענע סימנים האָט ער געטין אים
דערקענען! און נון איז ער אַ פאַרחלשטער אַרויף אויף זיין האַלז
און נאַקן און געבליבן הענגען, אַ חלוש, אין די אָרעמס פון
זיין זון אָדיסייאוס. — — —

און ערשט ווען פון שווערן חלשות איז ער
ווידער געוואָרן גענעזן, — האָט ער אַזש פון שמחה צעשאַלט זיך :
„דזעאוס ! — — דזעאוס ! — — פאַרוואָר, — יאָ ! עס לעבן אין אָלימפּאָס די געטער ;
ווייל די נבלה פון בייזע חתנים האָבן געטון זיי
פאַרציקן ! אָבער ווי : מיך שרעקט, טאָמער וועלן ח״לילה מורדים
פון איטאַקאַ די בשורה צעפּויקן און עס וועלן אויף אונז
אָנרוקן מיט שווערער מלחמה קאַפּאָלענישע מאַנען !"
האָט באַלד אָבער דער חכם אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט :
„טרייסט צו דיר, טרייסט, אָ טייערער פּאָטער ! קום ! לצָמיר איצט ליבערשט אין
דיין שפּייז-שטוב גענענען, ווייל דאָרט ווייט אין דער טיפקייט פון גאָרטן וואַרטן
אויף אונז טעלעמאַכאָס, אייאומייאָס מיטן פּאַסטוך פילויטיאָס,
וועלכע גרייטן-צו אונזער מאָלצייט, בכדי צו פראַוועו אינאיינעם !..."
געזאָגט ; און נון האָבן זיי צו דער זעטיקער עס-שטוב גענענט זיך,
וואו זיי האָבן אָנגעטראָפן דעם האַר טעלעמאַכאָס מיטביידע
פּאַסטוכער : אייאומייאָס און פילויטיאָס, בעת זיי זענען
געווען פאַרטרוד ביים מישן די וויינען און פאַרטיילן די
בשרים. — דערווייל האָט די צידונישע זקנה געטון אויסבאָדן
דעם אַלטן לאַערטעס. און נאָך דער טהרה מיט קטורת געזאַלבט
אים און אַ לייטיש בגד אויף זיין רוקן פאַרוואָרפן. — פּלוצלינג
אָבער האָט פּאַלאַס-אַטענע אויסגעגלייכט אים דעם רוקן און מיט
קראַפט אים באַשאָנקען, אַז אויסגעקוקט יונג האָט דער פּאַסטוך פון פעלקער ! —
און נון איז ער אַן אָפּגעפרישטער אַרויס פונם ביטל, און ווי אויף
אַ גאָט פון אָלימפּאָס האָט זיין זון אָדיסייאוס געטון אויף אים
קוקן מיט וואונדער. — און נון האָט דער זון פאַרן פּאָטער צעשאַלט זיך :
„וואָרהאַפטיק, מיין פּאָטער, דיך האָט זיכער אַ גאָט פון אָלימפּאָס מיט
פּראַכט און תפארת, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן באַשאָנקען !"
האָט אָבער דער גרייז-גרויער לאַערטעס דערויף אים געענטפערט :
„פאַרוואָס, אָ דזעאוס, פויבאָס-אַפּאָלאָן און פּאַלאַס-אַטענע, האָט

איר מיך נישט נעכטן מיט שטאַרקייט באַלאָדן, ווי דענסמאָל, בעת איך
האָב מיטן קעפאַלאָנישן חייל געטון נעריקאָס מויערן
באַצוואונגען? זע: מיט יענער גבורה וואָלט אויך איך אין דיין היכל,
מיט וואָפן באַפּאַנצערט, אויף רעכטס און אויף לינקס געטון שניידן די
ווילדע חתנים, אַז אָנגעקיואָלן דיין האַרץ וואָלט פון נחת!"
אָט אַזוי האָבן זיי באַשיינפּערלעך ביידע געטענהט. אָבער
טעלעמאַכאָס מיט ביידע פּאַסטוכער האָבן דערווײַלע געטון
אָנברייטן דאָס זאַטיקע מאָלצייט. און נון האָבן זיך אַלע אויף
די טראָגנען געוואָרפן און צוגערוקט זיך צו די זאַטיקע
טישן און געוואָלט פּראַווען מסובן אַ סעודה! — — דערויף אָבער
האָט דער אַלטער דאָליאָס מיט ביידע בנים אַריינגעשלייכט זיך
אין חדר. (פון אַרבעט פאַרמאַטערט, איז די סיצילישע זקנה
געלאָפן פון פעלדער זיי רופן. ווייל ווי אַ מוטער האָט זי די
קינדער געכאָוועט און געטון שפּייזן דעם צעבראָכענעם זקן!) —
און נאָך שטייענדיק אויף דער שוועל, האָבן אַלע דריי געטון דערקענען
דעם האַר אָדיסייאוס, אַז שטיין געבליבן איז זייער האַרץ אַזש פון
וואונדער! און אַזוי האָט אָדיסייאוס דעם זקן באַגעגנט:
„ברוכים־הבאים! קום מיטעסן, זיידענקע, און ווער נישט פון
מיין אויסקוק נשתומם. ווייל זע: אָנגעברייט מיט מזונות עס
וואַרטן די טישן, אַז מיר זאָלן אינאיינעם געניסן!"
געזאָגט; אָבער מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס איז דאָליאָס אַרויף
אויפן האַלז פונם מלך און, קושנדיק מיט ליבשאַפט זיינע הענט און דאָס
פּנים, האָט מטושטש פון שמחה גענומען טענהן דער זקן:
„טייערער מיינער! אומגערעכטערהייט האָסטו זיך אַהערצו
געיאָוועט? אָ, ווער וואָלט דען געגלויבט, אַז אונזער בענקשאַפט זאָלן די
געטער דערפילן? — ובכן: ליב צו דיר, טרייסט צו דיר, אָ טייערער
קיניג! — און איצט לאָז דעם אמת מיך הערן: צי ווייסט שוין די מלכה
פּענעלאָפּייאַ, אַז דו האָסט בשלום ווידער אומגעקערט
זיך צום היימלאַנד, אָדער זאָל ווער איצט לויפן מבשר צו זיין איר
די ליכטיקע בשורה?!"

האָט אָדיסייאוס דערויף אים געענטפערט:
„אָ זיידענקע! נישט זייט אייך מטריח, ווייל זי ווייסט דאָס פון פריער!"
געזאָגט; און באַלד האָט דער זקן אויף אַ טראָן־שטול געזעצט זיך.
דערויף
האָבן אויך ביידע בנים פון דאָליאָס צום קיניג גענידערט,
געדריקט אים די דלאָניע מיט ליבשאַפט, און לעבן זייער פאָטער צום
עס־טיש זיך אויף די טייערע טראָנען געוואָרפן. און נון האָבן
אַלע אינאיינעם גענומען פראַווען מיט שמחה די סעודה! — — —

* *

*

בינתיים אָבער האָט אָססאַ, די רכילותניצע, צעפויקט
אין דער שטאָט פון דער שרעקלעכער שחיטה... אַז גיך, גיך האָט דאָס
פאָלק פאַרן
היכל מיט שווערער יללה געטון זיך פאַרזאַמלען, און מיט
די הרוגים האָבן קרובים מטפּל געווען זיך צו קבורה.
אָבער מיט די מתים, וואָס זענען ביים לעבן פון אַרומיקע
אינזלען געקומען, — האָבן אין טראָטוועס אַרויפגעלייגט זיי די
קרובים און אָפּגעשיפּט זיי צום אייגענעם, נאָענטן בית־עלמין. — און
נון האָבן אַלע אבלים אויפן געמאַרק זיך פאַרזאַמלט. און אַז
די גרויסע אסיפה האָט אויפן מאַרק־פּלאַץ געטון זיך פאַרשפּרייטן, האָט
דער ערשטער אייאופּייטעס מיט זיין שטים זיך דערהויבן (ווייל
גרעטער
פאַר אַלע אַכייער געווען זיין צער איז. וואָרים צום ערשטן
איז זיין זון אַנטינאָיאָס על ידי אָדיסייאוס געוואָרן
געטייטעט) און מיט ביטערע טרערן פאַר דער עדה צעשאַלט זיך:
„חברים! זעט: אַ גרויסע נבלה איז געשען צו אַכייער!
הערט: לכתחילה האָט ער אַלע אונזערע שיפן אינאיינעם
מיט חיילות ערגעץ וויט איבער ימים אין מרחק דערטרונקען;
און קומענדיק אַהיימצו, האָט ער זיך ווידער פאַר דער שחיטה פון
אונזערע זאָמען גענומען! — דעריבער, דערהויבט אייך, דערהויבט אייך,
אָ שטאַרקע חברים, און נאָך איידער דער יון וועט באַווייזן
אַנטלויפן אין פּילאָס אָדער אינם עפּירישן עליס — זאָלן

מיר אים מיט שווערער נקמה באַצאָלן! אויב נישט, טאָ וועט עד סוף
כּל הדורות דער חוזק אויף אונז טייטלען מיט פינגער: „די קינדער
האָבן זיי געלאָזן זיך שעכטן און נישט גענומען אָן מערדער
נקמה!..." אָך, מיר גופא איז פאַרמיאוסט שוין דאָס לעבן! איר אָבער:
— דערהייבט צום קאַמף אייך, חברים, זוסט וועט דער ים ז יי
באַשירמען!" — —
מיט טרערן האָט זיין רוף ער פאַרענדיקט; און גערירט איז געוואָרן
די גאַנצע אסיפה!
און נון האָט מעדאָן מיטן גרויסן מנגן
אַרויסגעשאַרט זיך פאַרשלאָפן פון היכל. און ווען זיי האָבן זיך
צו דער עדה געפעדערט, — זענען אַלע געוואָרן מבולבל!
און אַזוי האָט מעדאָן איינגענומען דעם צערודערטן עולם:
„דאָס גערייד פון מיין לעפץ טוט איצט פאַרנעמען, אָ גרויסע העלענער!
ניין! נישט אָן דעם רצון פון געטער האָט אָדיסייאוס געטון זיי
פאַרציקן! הערט: איך אַליין בין אַן עדות, אַז גאָט בצורת
מענטאָר איז בעת דער הריגה ביי דער זייט אים געשטאַנען! — —
אָ, גאָט
אַליין האָט מיט כּוח און גבורה אָנגעגורט אים די לענדן,
אַז מיט ווילדן געשטורעם האָט דרייסט ער פאַרטיליקט די ליבע
חתנים, אַז חמרימווייז זענען זיי איינס אויפן צווייטן געפאַלן!"
געזאָגט; און, פאַרשטיינערט ווי מתים, זענען פאַרבליפט זיי
געוואָרן.
און נייערט דער גרויסער חוזה האַליטערזעס בן מאַסטאָר, וואָס אין
זיין נבואה ליגט באַהאַלטן דער עבר און עתיד פון לייטן,
האָט מיט זיין שטים פון חזיון געטון זיך מיט שאַלונג דערהייבן:
„דאָס גערייד פון מיין לעפץ טוט איצט פאַרנעמען, אָ זון פון
אַכייאַ!
צוליב א יי ע ר עקשנות איז געשען אייך דאָס אומרעכט, אָ ליבע
חברים! מ יי ן נבואה און די התראה פון מענטאָר האָט איר
פאַרמינערט צו האָרכן און בשום אופן נישט אָפּגעהאַלטן די
יונגען די ווילדע אין אַ היכל אַ פרעמדן ראַבירן: דערלאָזט
זיי זיך שפּילן מיט אָנביטן די האַנט פון דער איידעלער מלכּה, —

באשר אָדיסייאוס איז געוואָרן פאַרפאַלן אין מרחקים!
ובכן ראָט איך אייך, חברים: האַקט אָפּ פון דער פוסטער נקמה;
נישט יאָגט אייך אים כאַפּן, ווייל פאַרטיליקט וועלן ווערן די לויפער!"
געזאָגט; און מיט אַ ברייליק געשריי האָט די גרויסע אסיפה אויף
צוויי מחנות געטון זיך צעשפּאַלטן. און דאָס קלענערע חלק איז
נייערט אויף דער עצה פון האַליטערזעס אויפן מאַרק-פּלאַץ פאַרבליבן.
די רעשט אָבער האָט מיט זייער פירער אייאופייטעס מיט שאַרפן
כלי-זין געטון זיך באַוואָפנען, און מיט פיקעס און שווערדן האָט
ער אויף פעלדער געפירט זיי, בכדי עס זאָל דאָרט ווערן אַ ווילדע
מלחמה צעפלאַקערט! — (נישט געוואוסט האָט דער רשע אייאופייטעס,
אַז בחינם איז די נקמה צוליב זיין זון אַנטינאָאָס,
ווייל זיין גאַנג אויפן פעלד איז נייערט דעם אייגענעם טויט צו
געפינען!...)
און צום בליצשטראַליקן דזעאוס האָט פאַלאַס-אַטענע געבעטן:
„אָ פאָטער קראָניאָן, געוועלטיקער איבער אַלע מלכים!
זאָג: צי וועט דער איצטיקער אויפברויז ווערן אין אַ מלחמה
צעפלאַקערט? צי אפשר גאָר וועסטו מיט דיין מילדן גנאָד און שטילע
חסדים — שיקן אחדות און שלום צוביידע צעהודזשעטע
מהנות?"
האָט דער בליצשטראַליקער קראָניאָן דערויף איר געענטפערט:
„פאַרוואָס שלעפּסטו ביי דער צונג מיך, אָ בלוי-אויגיקע טאָכטער
אַטענע?
דו אַליין האָסט דאָך מיטן גורל געקירעוועט, אַז אומקערן זאָל
אָדיסייאוס אַהיים זיך, בכדי צו פאַרטיליקן די ווילדע
חתנים? — — אויך א י צ ט איז דער משפט אין ד יי ן הענט
באַהאַלטן! — — —
מ יי ן פּסק-דין אָבער איז דווקא אַזאַ: אויב אָדיסייאוס האָט יאָ
שוין באַוויזן מיט קראַפט און גבורה זיין שונא פאַרציקן, — טאָ
וועט נייערט ע ר טון טראָנען במדינה איטאַקאַ, און די שחיטה
אויף זין און אויף ברידער וועט ווערן פאַרגעסן, ווייל עשירות און
אחדות און שלום וועט ווידער, ווי פאַרצייטנס, טון הערשן אין דער
גאַנצער מדינה!"

געזאָגט ; און נאָך מער צעוואַרעמט איז געוואָרן
די געטין און תיכּף אַראָפּגעפלאַטערט פונם ווייטן אָלימפּאָס.
אָבער געווען איז. ווען ביים עס-טיש פון אַלטן לאַערטעס האָבן
אַלע מיט שפּייז זיך געזעטיקט, האָט אָדיסייאוס מיט זיין שטים זיך
דערהויבן :
„זאָל ווער אַ קוק טון, צי עס גייט אויף אונז נישט דער שונא !״
געזאָגט ; אָבער קוים האָט אַ זון פון דאָליאָס אויף דער שוועל
זיך געפעדערט,
האָט תיכּף דערזען ער, ווי עס גענענען אַהינצו די מורדים... —
האָט ער באַלד אומגעקערט זיך צום זון פון לאַערטעס, און צעשאַלט זיך :
„גיכער ! ! ! עס גענענט זיך דער שונא ; לאָמיר אַריין אין די וואָפן !״
געזאָגט ; און תיכּף האָבן אַלע פאַרן שאַרפן כּלי-זין געכאַפּט זיך :
פיר גבורים מצד אָדיסייאוס, און זעקס פון דאָליאָסעס
בנים ! אָ, אפילו ביידע זקנים : לאַערטעס און דאָליאָס,
האָבן אין דער איצטיקער עת-צרה געטון זיך באַוואָפענען ! — און
ווען אַלע זענען מיט שווערדן און פּיקעס געוואָרן באַלאָדן,
האָבן די טויערן צעפּראַלט זיך, און אָנגעפירט מיט גבורים
האָט כּבודו דער קיניג !
פלוצלינג אָבער האָט פּאַלאַס בת דזעאוס,
בצורת מענטאָר, געטון זיך אַנטפלעקן. און מיט שמחה האָט
אָדיסייאוס די געטין באַגעגנט, אַז אַ געשטאַרקטער מיט מוט
און גבורה האָט ער צו פאַר זיין זון טעלעמאַכאָס צעשאַלט זיך :
„איך האָף, אָ קינד טעלעמאַכאָס, אַז מיט דיין דרייסטן אַרויסטריט אין
דערדאָזיקער מלחמה וועסטו נישט פאַרשוועכן דעם טאַפּפערן
כּבוד פון דיין איידעלן שבט און נישט מחלל זיין די
מעשים פון פאַרגאַנגענע דורות, פאַר וועמעס גבורה די וועלט
האָט געציטערט !״
האָט אָבער טעלעמאַכאָס דערויף אים געענטפערט :
„דיין רצון וועל איך איצט דערפילן, אָ פאָטער ! און דעם כּבוד פון
אונזערע אבות וועל איך מיט גבורה נישט לאָזן פאַרשוועכן !״
געזאָגט ; און מלא-שמחה איז געוואָרן דער אַלטער לאַערטעס :
„הימלען ! אַך, וואָסער נחת האָב געטון איך דערלעבן ? ! ! דער זון מיטן

אייניקל נעמען צוליב מידות־טובות מיט כּוחות זיך פּרוּוון !" — —
דערויף אָבער האָט פּאַלאַס־אַטענע צוגעשאַרט זיך צום אַלטן :
„אָ בן־אַרקייזיאָס, דו הייליקסטער גרייז צווישן מאַנען ! פאַרגיי
זיך אין שטילע תּחנונים צו פּאַר דזעאוּס און צו פּאַר זיין טאָכטער
אַטענע, און דערנאָך ערשט, טו וואַרפן דיין ציל־פייל אויף שונאים !"
אַזוי געזאָגט האָט די געטין, אַריינבלאָזנדיק כּוח אינם האַרץ
פון לאַערטעס ! און נאָכדעם, אַז דזעאוּס האָט זיין תּפילה פאַרנומען,
האָט דער אַלטיטשקער געגעבן אַ שמיץ מיט דער פּיקע : פּפּפּיף ! —
און באַלד
איז דער קיווער מיטן קאָפּ פון אייאופּייטעס דעם גבור געוואָרן
צעלעכערט, אַז מיט אַ מוראדיק געשריי האָט אין אַ בלוט־באָד דער
גוסס אויסגעצויגן אויף דער ערד זיך אַ טויטער !... און נון זענען
אָדיסייאוּס און טעלעמאַכאָס די איבעריקע מחנה
באַפאַלן און מיט מעסערס אויף רעכטס און אויף לינקס פאַרשניטן דעם
שונא !
און מיט ווילדער רציחה וואָלטן זיי זיכער אַלע שונאים
געוועזן פאַרטיליקט, ווען נישט בת־דזעאוּס אַטענע, וועלכע האָט
מיטן שרעקיקן אייגיס געטון זיך באַווייזן, אָפּצוהאַלטן די
בעלי־מלחמה :
„גענוג, איטאַקאַנער, אין בלוטן זיך באָדן !
מאַכט שלום־ושלווה, און זאָל יעדערער אַהיים זיך געגענען ! ! !" — —
אָט אַזוי האָט מתרה געוועזן די געטין. און ווי : אַ טויט־אַנגסט
איז די שונאים באַפאַלן, אַז פון איר ווילדן געבריל האָבן אַזש
די וואָפן אַרויסגעגליטשט זיך אויף ערדן. — — —
און נון האָבן אַלע
גענומען אַנטלויפן. אָבער הענדעם־פּענדעם האָט מיט אַ געברום
אָדיסייאוּס, ווי אַ צעפלאַטערטער רויב־אָדלער גענומען זיי
יאָגן. אָבער באותו־הרגע האָט פון ווייטן אָלימפּאָס
גאָט דזעאוּס אַ בליץ־שטראַל צעריסן, אַז אַ קנאַליקער דונער האָט
צופּיסנס פון דער טאָכטער פון בייזן אַל־נקמות געלייגט זיך !...
און נון האָט אָדיסייאוּסן געטון זאָגן פּאַלאַס־אַטענע :
„אָ הויכגעאַכפּערטער אָדיסייאוּס מזרע לאַערטעס ! שטיי !

שוין צייט צו פאַרמיידן די שווערע חורבנות, בכדי דער כעס פון
בליצשטראַליקן דזעאוס זאָל מיט נקמה נישט טון דיך שטראַפירן!״
געזאָגט; און מיט שמחה האָט אָדיסייאוס געטון זי געהאָרכן!
און נון האָט ער שפּעטער כורת־ברית געווען מיט די פעלקער; מיט דער
השגחה פון דזעאוסעס שרעקיקן אייגיס־באַצווינגערס טאָכטער
אַטענע, וועלכע האָט בבחינת מענטאָר געטון זיך אַנטפּלעקן.

ס ו ף